STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11007

KLASNKAMF

A. Brakhman

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

א. בראכמאַן, ג. טאָמסינסקי, ש. פאַלאַטניק

קלאַסנקאַמף

כרעסטאָמאַטיע

(צו דער געשיכטע פון קלאַסנקאַמף און פון
דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג אין רוסלאַנד)

ערשטער טייל

דערלאַזט אלס לערנבוך פאַר שולן פון צווייטער שטופע,
פעדטעכניקומס, סאָוופּאַרטשולן דורכן מעלוכישן וויסנשאַפט-
לעכן ראַט („גוס“) באַם פאָלקאָמבילד פון ר. ס. פ. ס. ר.

פאַרלאַג „שול און בוך“, מאָסקווע, 1928

Типография „ЭМЕС“
Москва, Покровка 9
Главлит № А—403.
Тираж 4000

פאָרעדע

די כרעסטאָמאַטיע צו דער געשיכטע פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג אין רוסלאַנד, וואָס מיר לייגן פאָר דעם אידישן לייענער באַשטייט פון צוויי טיילן: דער ערשטער טייל נעמט אַרום דעם פּעריאָד פון סוף 18־טן יאָרהונדערט ביזן 1905 יאָר, דער צווייטער — דעם פּעריאָד צווישן צוויי רעוואָלוציעס, 1905־1917. אין די געהעריקע קאַפּיטלעך ווערן אַריינגעטראָגן טיילן, וואָס זיינען געווידמעט דער אַנטוויקלונג פון דער אַרבעטער און רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג אין דער אידישער סוויווע.

דעם פּעריאָד פון פעוראַל־אָקטיאַבר און די שפּעטערדיקע יאָרן (קריגס־קאָמוניזם און נעפּ) ווערט אָפּגעגעבן אַ באַזונדער בוך, וועלכער וועט זיין געבויט אַנדערש ווי די ערשטע צוויי ביכער: טיילווייז געשיכטלעך, כראָנאָלאָגיש, טיילווייז — טעמאַטיש (פּראָבלעמען פון לעניניזם).

די כרעסטאָמאַטיע איז אויסגערעכנט פאַר אַ לייענער, וואָס קאָן שוין באַהערשן לייענמאַטעריאַל און וואָס האָט שוין געוויסע עלעמענטאַרע ידיעות אין דער געשיכטע פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג אין פסס"ר. מיט דעם בוך קאָן מען זיך באַנוצן אין דעם לימוד פון געזעלשאַפט־קענטעניש אין אַנדערע העכערע לערנאַנשטאַלטן: פאַרטעכניקומס, סאָוופּאַרטשולן, שולן פון צווייטער שטופע (אַלס צוגאָב מאַטעריאַל אָדער אילוסטראַציע), אָוונט־שולן פאַר דערוואַקסענע און אין העכערע מאַרקסיסטיש־לעניניסטישע קרייזן — פאַר צוועקן פון זעלבסטבילדונג. די מעכאַבערים האָבן מיט אַ קיוון געגעבן מאַטעריאַל פון פאַרשיידענער שווערקייט: דעם אויסוואַל קאָן און דאַרף מאַכן דער לערער לויט דער צוגרייטונג און אַלגעמיינער אַנטוויקלונג פון זיין קלאַס אָדער גרופּע.

דעם שווערן מאַטעריאַל דאַרף מען אין די לערנאַנשטאַלטן באַנוצן מיט דער הילף פון לערער.

מיר האָפן אַז דאָס בוך וועט טיילווייז פאַרפילן דעם בלויז פאַרן לימעד פון געזעלשאַפטקענטעניש, וואָס עס פילט זיך אין דער אידישער שול. די כרעסטאָמאַטיע קאָן, זעלבסטפאַרשטענדלעך, ניט פאַרבייטן קיין לערנבוך.

מיר בעטן די לערער, וואס וועלן באנוצן דעם בוך, אנווייזן די פעלערן, וואס זיינען אומפארמיידליך באם צונויפשטעלן אזא ארבעט. מיר געפינען פאר נויטיק נאך באמערקן, אז דער טייל פון דער ארבעטער און רעוואלוציאנערער באוועגונג אין דער אידישער סוויווע איז ניט גענוג פול פארגעשטעלט אין דעם בוך, ווייל צום באדויערן איז דער דאזיקער טייל געשיכטע וויסנשאפטלעך נאך ווייניק אויסגעפארשט און באארבעט.

די מעכאברים.

אריינפיר

דער ערשטער טייל פון דער כרעסטאָמאַטיע הויבט זיך אָן מיטן אַנאַליז פון דער לייבאייגנטימערישער ווירטשאַפט. די לייבאייגנטימערישע ווירטשאַפט איז געוואַקסן און איז געוואָרן שטאַרק אַפן פאָן פון דער אַנטוויקלונג פון האַנדלס־קאַפּיטאַל. דער וואוקס פון אַ באַדייטנדיקן אינעווייניקסטן מאַרק, דער וואַקסנדיקער עקספּאָרט פון לאַנדווירטשאַפטלעכן רויוואַרג האָט סטימולירט צו פאַרברייטערן דעם פאַרזוי־שעטעך, פאַרכאַפּן נייע שטיקער ערד און אינטענסיפיצירן די „באַרשטשינע“ אַפן כעשבן פון באַראַבעווען די פויערשע אַר־בעטס־קראַפט און פון דעם דרוק אַף דער לייבאייגנטימערישער מישפּאָכע־ווירטשאַפט.

דער האַנדלס־קאַפּיטאַל מאַכט אין לעצטן פערטל 18־טן יאָרהונדערט גרויסע דערפאָלגן: דאָס אָפּשאַפן צום מיט 18־טן יאָרהונדערט די אינעווייניקסטע צאָל־גרעניצן האָט געבראַכט דערצו, אַז דער האַנדל האָט זיך אָנגעהויבן שטאַרק אַנטוויקלען. דער דערפאָלג פון דעם רוסלענדישן אייזן אַפן ענגלישן מאַרק און דאָס פאַרברייטערן דעם אינעווייניקסטן מאַרק האָבן פאַרשטאַרקט די קאָלאָניזאַטאָרישע „שאַפונג“ אינם ראַיאָן פון אוראַל און וואָלגאַ. עס הויבט זיך אָן אַ ענערגישע פאַרכאַפּונג פון די טאָטעריש־באַשקירישע ערדן, די פאַרשטאַרקונג פון דעם שטייער־פּרעס, דאָס פאַרפעסטיקן דעם קאַטאָרגע־רעזשים אַף די באַרג־זאַוואָדן. דיזאָזיקע אומשטענדן ברענגען צום אויפשטאַנד פון פּוגאַטשאָוו, וואָס האָט אַרומגעכאַפּט קימאַט אַ העלפט פון דעם גאַנצן לאַנד (ז. אַרטיקל פון טאָמסינסקי). אין 51 יאָר אַרום קומט פאָר דער אויפשטאַנד פון די דע־קאַבריסטן (ז. אַרטיקל פון פּאָקראָווסקי) האַגאַם צווישן דער צאָפן און דאָרעם־געזעלשאַפטן פון די דעקאַבריסטן איז געווען אַ גרויסער אונטערשייד, דאָך באַ־ווייזן די פּראָגראַמען פון דיזאָזיקע ביידע פראַקציעס, אַז די עקזיסטענץ פון דער לייבאייגנטימערישער ווירטשאַפט האָט ניט אַנטשפּרעכט דער ווייטערדי־קער אַנטוויקלונג פון די פּראָדוציר־קרעפטן. די „פּוגאַטשאָווטשינע“ האָט שוין סיגנאַליזירט אַז ווייטער אינטענסיפיצירן די „באַרשטשינע“ מיט די אַלטע מע־טאָדן איז אוממעגלעך. דער אויפשטאַנד פון די דעקאַבריסטן האָט באַשטעטיקט אַז מע דאַרף זיך אָפּזאָגן פון פירן די ווירטשאַפט מיט די אַלטע מעטאָדן.

אינם ערשטן פערטל פון 18־טן יאָרהונדערט מערקט זיך אָן ערנסטער קריזיס פון דער ליבאייגנטימערישער ווירטשאַפט. די אומפּראָדוקטיווקייט פון דער ליבאייגנטימערישער אַרבעט האָט גענייט די פּריצים צו מאַכן פּרוּוון אַריבערצוגיין צו פרייגעדונגענער אַרבעט. דער פאַרשטאַרקטער וואוקס פון קאַפּיטאַליזם אין רוסלאַנד אין פאַרבינדונג מיט דער אינדוסטריעלער רעוואָלוציע אין ענגלאַנד האָט פאַרשאַרפט די פּראָבלעם וועגן פריי געדונגענעם אַרבעטער. ענדלעך, די דורכגעפאַלענע קרימער מילכאָמע (1853—1855) און די פּויערשע אויפשטאַנדן האָט געצוואונגען די רעגירונג צוצוגיין האַרט צו דער פּויערשער רעפאָרם (זע אַרטיקל פון פּאָקראָווסקי).

אַרום דער פּויערשער רעפאָרם איז פאָרגעקומען א פאַרביסענער קאַמף (זע אַרטיקל פון פּאָקראָווסקי) וועלכער האָט זיך פאַרענדיקט מיט א קאָמפּראָמיס צווישן צוויי גרופּעס — די פעאָדאַלע און בורזשואַזע. דער פּויער איז „באַפרייט" געוואָרן: 1) ער איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין א לאַנדווירטשאַפטלעכן אַרבעטער מיט אַן ערד־ביילעך; 2) מע האָט אויף אים אַרויפגעלייגט גרויסע אויסקויף־אָפּצאָלונגען, אַזוי אַז פּאַקטיש איז דורכגעפירט געוואָרן א פאַרמאַסקירטער אויסקויף פון דער פּערזאָן; 3) מע האָט איינגעפירט דעם „געשניינקטן ערד־ביילעך", וואָס האָט פולשטענדיק באַראַבעוועט דעם פּויער; 4) עס איז פאַרבליבן די געמיינדע; 5) עס איז באַשאַפן געוואָרן די צעבראָקלטקייט פון די פעלד־כאַלאָקים, און ענדלעך 6) די צייטווייליק פאַרפליכטעטע לאַגע פון די פּויערים איז פאַרבליבן ביז 1881 יאָר.

ניט קוקנדיק אויף דעם איז די רעפאָרם געווען א שריט פאָרויס אויפן וועג פון פאַרוואַנדלען רוסלאַנד אין א בורזשואַזן לאַנד. כאָטש די סיסטעם פון אָפּשניטן האָט געשאַפן פאָרהאַנאָכעס פאַר דעם, אַז עס זאָל זיך אַנטוויקלען די סיסטעם פון אָפּאַרבעטונגען, האָבן פונדעסטוועגן די קאַפּיטאַליסטישע באַציאונגען דאָך זיך דורכגעשלאָגן מיט גרויסע שוועריקייטן א וועג (ז. אַרטיקל פון באַלאַבאַנאָוו).

אָבער פון די 80־ער יאָרן אָן הויבט זיך אָן די אומגינסטיקע אַלוועלטלעכע לאַנדווירטשאַפטלעכע קאָניונקטור. אַדאַנק דעם וואוקס פון דאַמף־טראַנספּאָרט און דעם אַרויסגאַנג פון אַמעריקאַנישן ברויט אויפן אייראָפּעאישן מאַרק האָבן אָנגעהויבן פאַלן די ברויט־פּרייזן (ז. אַרטיקל פון פּאָקראָווסקי) דער אַגראַר־קריזיס האָט א קלאַפּ געטאָן איבער דער פּויערשער און פּריצישער ווירטשאַפט: עס ווערט פאַרלאַנגזאַמט דער צעפאַלונג־טעמפּ פון די ליבאייגנטימערשע מעטאָדן, מיט וועלכע עס פירט זיך די ווירטשאַפט און עס מערקט זיך אָן א טענדענץ אַריבערצוגיין פון אינטענסיווע קולטורן צו ווייניקער אינטענסיווע.

די רעגירונג, זוכנדיק אַן אויסוועג פון דער לאַגע, גייט אַריבער אין אָנגריף אויף די פּויערים (זע די געזעצן קעגן די פּויערים): דורך א ריי געזעצן ווערט די געמיינדע־מאַכט פאַרשטאַרקט, עס ווערן פאַרבאָטן פאַמיליען־צעטיילונגען פון דער ערד א. א. וו. אין דערזעלביקער צייט ווערן געביטן די געזעצן, וואָס האָבן א שייכעס צו דער שטאַטישער און זעמסקער זעלבסטפאַרוואַלטונג מיט דעם ציל צו פאַרשטאַרקן די הערשאַפט פון די גרויסע ערד־באַזיצערשע עלעמענטן און

פון דער גרויסער בורזשואַזיע (ז. אַרטיקל וועגן דער שטאָטישער און זעמסקער זעלבסטפאַרוואַלטונג).

אויפן פאָן פון דער נאָכרעפאָרמדיקער עקאָנאָמיק אנטוויקלט זיך די פאָלקיס־טישע באַוועגונג (זע אַרטיקלען פון פּאָקראָווסקי, פּאָפּאָוו און אנד.) די קליינ־בירגערלעכע אינטעליגענץ, וואָס האָט אָנגעפירט מיט דער באַוועגונג האָט זיך געפונען אונטערן דרוק פון דאָרף, וואו עס איז פאָרגעקומען די דיפערענצירונג פון פויערטום און א פאַראָרימערונג. ניט וויסנשאַפטלעך זיינען געווען די טעאָריעס וועגן דער ניט־קאַפּיטאַליסטישער אנטוויקלונג פון רוסלאַנד, וועגן דער געמיינדע־פאָרם פון ערד־באַנוץ, וועגן דער געמיינדע אַלס פונדאַמענט פון סאָציאַליזם, וועגן דעם איינגעבוירענעם סאָציאַליסטישן באַוואוסטזיין פון פויערטום, וועגן דער ראָלע פון דער אינטעליגענץ א.א.וו.

דער ווייטערדיקער קאַפּיטאַליסטישער וואוקס פון רוסלאַנד האָט צוגעגרייט פאַר די פאָלקיסטן א נייעם אומבייט...

פון דער צווייטער העלפט 90־ער יאָרן הייבט זיך אָן דער אינדוסטריעלער אויפשטייג (זע די אַרטיקלען פון וואַנאַג, יענאַטאַיעווסקי). דער צופלוס פון אויסלענדישע קאַפּיטאַלן, די אייזנבאַנענבויאונג, דאָס אריינפירן די גאָלדענע וואַליוטע, דער אַלוועלטלעכער אינדוסטריעלער אויפשטייג האָבן געשאַפן גינס־טיקע פאָרהאַנאַכעס פאַרן אויפשטייג פון דער אינדוסטריע אין רוסלאַנד.

דער לייענער וועט זיך איבערצייגן אַפן סמאַך פון די סטאַטיסטישע מאַ־טעריאַלן וואָס ווערן געבראַכט אין בוך ווי שטאַרק עס זיינען אין די יאָזיקע יאָרן געוואַקסן די פאַבריקן, זאַוואָדן און דער פּראָלעטאַריאַט.

דערהאָזיקער אויפשטייג האָט זיך כאַראַקטעריזירט מיט א באַדייטנדיקער קאָנצענטראַציע פון קאַפּיטאַל און פון אויסשטאַטונג לויטן לעצטן וואָרט פון טעכניק.

אָבער פון 1900 יאָר הייבט זיך אָן דער אינדוסטריעלער קריזיס (זע אַר־טיקלען פון וואַנאַג און ציפּעראָוויטש), וועלכער איז איבערגעגאַנגען אין א פאַרציוגענער אינדוסטריעלער דעפּרעסיע. (1900 — 1904). די סיבע, פאַר וואָס דער אינעווייניקסטער מאַרק איז געווען שמאָל, איז געלעגן אין דער הויכער פּראָטעקציאָניסטישער אינדוסטריעלער פּאָליטיק פון דער רעגירונג. די הויכע פּרייזן אַף די אינדוסטריעלע סכוירעס האָבן געצוואונגען די פויערים זיך אָפּזאָגן פון די סכוירעס פון דער פאַבריק און זאַוואָד־פּראָדוקציע. אָבער די הויפּט־סיבע פון דער מאַרק־שמאָלקייט איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס עס זיינען פאַרבליבן לייבאייגנטימערישע רעשטלעך אין דאָרף — דער גרויסער ערד־באַנוץ אין די הענט פון די פּריצים און די אָפּאַרבעטונגס־סיסטעם (ז. די אַרטיקלען פון לענין).

דאָס פויערטום, וואָס איז אריינגעפאַלן אין דער שקלאַפערײ פון פאַרבוווט־קייט האָט ניט געקאָנט זיין קיין גענוגנדיקער געברויכער. לענין, אַנאַליזירנדיק די אנטוויקלונג פון קאַפּיטאַליזם אין לאַנדווירטשאַפט אין סאָף 19־טן יאָרהונ־דערט, קומט צום אויספיר, אַז די פּראָדוקטיוו־קרעפטן זיינען געקומען אין א קאָנפליקט מיט די אָפּגעשטאַנענע פּראָדוציר־באַציאונגען. דער איינציקער אויס־וועג איז געווען צו פאַרניכטן דעם גרויסן ערד־באַזיץ און די פּריצישע מאַכט.

אפן פאן פון קלאסן־קאמף וואס ווערט אלץ שארפער, מאכט באדייטנדיקע דערפאלגן דער מארקסיזם אינם קאמף מיט דעם פאלקיסטנטום (זע ליאראוו און אנד.) פלעכאנאוו און לענין האבן דערלאנגט א שטארקן קלאפ דעם פאלקיזם.

צום סאף 19־טן יארהונדערט אנטוויקלט זיך א שטארקע שטרייק־באוועגונג פון ארבעטער־קלאס (זע אסטראווס און פאנקראטאוואס ארטיקלען) און עס ווערן געשאפן די פאליטישע ארגאניזאציעס פון דעם ארבעטער־קלאס, וועלכע נעמען אף זיך די אנפירונג מיט דער ארבעטער־באוועגונג.

שוין אין דער ערשטער צייט הויבט לענין אן אן אנגריף קעגן לעגאלן מארקסיזם (זע ארטיקל פון פראמקינא), עקאנאמיזם און בונדיזם. דער קאמף אפן 2־טן צוזאמענפאר פון דער פארטיי האט באוויזן, אז פאקטיש עקזיסטירט ניט קיין איינהייטלעכע ס. ד. פארטיי, נאר עס עקזיסטירן צוויי פראקציעס, וועלכע גייען זיך פאנאנדער אין אלע גרונט־פראגן פון דער רוסלענדישער רעוואלוציע; אין דער פראגע וועגן פארטיי־סטאטוט, וועגן כאראקטער און אויפגאבן פון דער פארטיי, וועגן דער אגראר־פראגע, וועגן דער באציאונג צו דער בורזשואזיע א.א.וו. די אלטע „איסקרא“ בעראש מיט לענינען האט דורכגעמאכט אן ארבעט פון גרויסער היסטארישער באדייטונג: זי האט געהאלפן צו פאריייניקן און צוזאמענשליסן די צעשפליטערטע ס. ד. גרופן צו שאפן א צענטראליזירטע פארטיי, זי האט אויסגעשמידט אן אוואנגארד פון פראפעסיאנעלע רעוואלוציאנערן און אין דערזעלביקער צייט האט זי געלערנט, ווי אזוי א רעוואלוציאנערע פארטיי דארף קעמפן קעגן אפארטוניזם, קעגן פעלשן און פארקריפלען די מארקסיסטישע אידייען, ווי מע דארף זיך פאנאנדערגרעניצן, איידער מע גייט זיך פאריייניקן.

העראאישער קאמף איבער טעארעטישע און ארגאניזאציאנעלע פראגן האט געהאט א קאלאסאלע באדייטונג פארן פראלעטאריאט: ער האט אויסגעשמידט די רעוואלוציאנערע טעאריע פון לעניניזם, וועלכע האט פארלייכטערט דעם פראלעטאריאט זיין קאמף פאר מאכט...

די אלע אויבנאנגעמערקטע פראצעסן אין רוסלאנד שפיגלען זיך אפ אין דער אידישער סוויווע אף אן אייגנארטיקן אופן:

די אנטוויקלונג פון קאפיטאליזם אין רוסלאנד פארשטארקט די דיפערענצירונג פון דער אידישער סוויווע. די אלט־פאטריארכאלע אידישע קהילה מיט איר שוואך דיפערענצירטער מאסע — גווירים (גרויסע סאחרים און באנקירן), עוויונים (קלענערע הענדלער און באלמעלאכעס) ווערט איבערגעאנדערשט; עס קומט אויף דער אידישער פאבריקאנט און אידישער פראלעטאריער, דער לוין־ארבעטער.

דער נאציאנאלער דרוק פון צאריזם, די ספעציעלע באגרעניצונגען בענוגייע די אידן באפארבן די געזעלשאפטלעכע באוועגונגען, וואס קומען אין דער אידישער סוויווע. די אידישע בורזשואזיע שאפט אירע נאציאנאל־פאליטישע ארגאניזאציעס און פארטייען, פון וועלכע די שטארקסטע איז דער ציאניזם. (זע די ארטיקלען פון דימאנשטיין, ראפעס). די רעוואלוציאנערע באוועגונג אין דער אידישער סוויווע כאפט ארום גאנץ ברייטע מאסן — דער אידישער ארבעטער איז סטיכיש זייער רעוואלוציאנער; אבער אין דערזעלבער צייט שאפט די נא־

ציאנאלע אפגעזונדערטקייט א באזיס פארן ארגאניזאציאנעל-פאליטישן אפארטוניזם אין דער אידישער ארבעטער-באוועגונג („בונד"). אדאנק דער פארשארפונג פון קלאסן-קאמף אין לאנד און דעם וואוקס פון דער רעוואלוציאנערער באוועגונג טיילן זיך אפ פון ציאניזם קליינבירגערלעכע נאציאנאל-סאציאליסטישע פארטייען. זיי אלע אבער שטערן דער רעוואלוציאנערער אנטוויקלונג פון דעם אידישן ארבעטער (זע ארטיקל פון כ' דימאנשטיין). די פארטיי פירט א קאמף מיטן נאציאנאלן אפארטוניזם פון דער אידישער ארבעטער-באוועגונג. (זע ארטיקל פון כ' לעגין).

מ. פאקראווסקי

פויערשע און ארבעטער-רעוואלוציעס

אין דער גאנצער וועלט קומט איצטער פאר א רעוואלוציע: די ארבעטער שטרעבן ארפצווארפן די מאכט פון דער בורזשואזיע, ד. ה. די מאכט פון די, וועלכע עקספּלואטירן זיי, מיט אנדערע ווערטער — די וואס ווערן רייך אף זייער כעשבן, צווינגען זיי ארבעטן וואס מער און צאלן זיי פאר דערהאזיקער ארבעט וואס ווייניקער, וואס לייגן ארייַן צו זיך אין קעשענע די גאנצע דיפערענץ צווישן דעם פרייז פון דער זאך, וואס דער ארבעטער האט אויסגעארבעט, פון איין זייט, און דעם לוין, וואס ער באקומט פאר זיין ארבעט, פון דער אנדער זייט. פרעגט זיך, צי דען האט זיך די עקספּלואטאציע אנגעהויבן ערשט איצטער, און פריער האבן דען מעיוכאסים און גווירים ניט עקספּלואטירט דעם פּאשעטן האמוין? ניין, עקספּלואטאציע איז געווען שטענדיק. פריער, אײדער ס'איז אויפגעקומען די איצטיקע ארדענונג פון דער בורזשואזער געזעלשאפט מיט אירע פאבריקן, זאוואדן, בענק, אייזנבאנען א. אז. וו., האט עקזיסטירט די פעאדאלע געזעלשאפט, האט עקזיסטירט די לייבאייגנשאפט, און דעמאלט פלעגן ניט פאבריקאנטן אפנעמען בא ארבעטער אלץ, וואס זיי פלעגן אויסארבעטן, באצאלנדיק זיי דערפאר גראשנס. נאר די פריצים פלעגן אפנעמען באם פויער די פרוכטן פון זיין ארבעט און אים דערפאר גארנישט ניט צאלן. צי זיינען דעמאלט פארגעקומען אויפשטאנדן פון די עקספּלואטירטע קעגן די עקספּלואטאטארן? צי זיינען דעמאלט געווען רעוואלוציעס ענלעך צו דער איצטיקער? זיי פלעגן דעמאלט אויך פארקומען, אבער זיי האבן ניט געהאט קיין דערפאלג. פארוואס? ווייל די פויערים האבן זיך ניט געקאנט צונויפריידן צווישן זיך, זיי האבן זיך ניט געקאנט ארגאניזירן, דאס הייסט, זיי האבן ניט געקאנט בילדן קיין איין גאנצע און גרויסע קראפט, וועלכע זאל האנדלען לויט אן אלגעמיינעם פלאן. און פארוואס איז עס געווען אזוי? ווייל די פויערים ארבעטן יעדערער אף זיין שטיקל ערד און העלפן, לעפיערעך, זעלטן איינער דעם צווייטן, און ווען זיי פארקויפן די פראדוקטן פון זייער ערד, דעמאלט טרעטן זיי שוין ארויס ווי קאנקורענטן צווישן זיך. וואס ווייניקער עס איז פאראן

אפן מאחק גרינס, היי, ברויט א. אז. וו., אלץ טייערער קאסט עס און אלץ מער, הייסט עס, קאן דער פויער פאר דעם באקומען. וואס מער פראדוקטן עס איז פאראן, אלץ ביליקער קאסטן זיי, און אלץ ווינציקער וועט יעדער איינצלנער פויער באקומען פאר זיינע פראדוקטן. באם פויער קאן זיך, אף אזא אויפן, ניט אנטוויקלען דער באוואוסטזיין, אז אלע מענטשן דארפן זיך האלטן צוזאמען, אז אלע זיינען זיי צונויפגעבונדן איינער מיטן צווייטן, בא זיי האט זיך ניט געקאנט אנטוויקלען קיין סאלידארישקייט. די ארבעטער, פארקערט, ארבעטן אין פאבריק אלע אינאיינעם, האנט בא האנט, איינער העלפט שטענדיק דעם צווייטן אין דערהאזיקער ארבעט. איין ארבעטער קאן גארנישט ניט אויפטאן אן די אנדערע און איטלעכער פון זיי מוז העלפן יעדערן. בא דעם ארבעטער־קלאס אנטוויקלט זיך, אף אזא אויפן, די סאלידארישקייט, וואס פעלט דעם פויער. אט פארוואס די ארבעטער ארגאניזירן זיך בעסער און גרינגער איידער די פויערים. אט פארוואס די ארבעטער־רעוואלוציעס זיינען אסאך שטארקער, פיל מער סאלידאריש, איידער די פויערישע אויפשטאנדן, וואס פלעגן פארקומען אין אמאליקע צייטן. די פויערים האט זיך קיינמאל ניט איינגעגעבן בייצוקומען די, וואס האבן זיי עקספלואטירט. די פויערשע אויפשטאנדן פלעגן קיינמאל ניט געלונגען. די פויערים פלעגט אפילע זיך קיינמאל ניט איינגעבן צו באקומען די מאכט. די ארבעטער אבער האבן שוין אין זייערע הענט די מאכט אין איינע פון די גרעסטע לענדער, נעמלעך אין ראטן־פארבאנד, און שטייען שוין אפן וועג דערצו אין א גאנצער ריי אנדערע אייראפעאישע לענדער.

אזוי ארום, באאבאכטנדיק דאס, וואס ס'קומט פאר איצטער, אדער דאס, וואס פלעגט פארקומען לעפיערעך ניט לאנג צוריק, באמערקן מיר א רעגלמעסיקייט אין די היסטארישע פארענדערונגען, — מיר באמערקן, אז די געשיכטע ווערט באוועגט דורך מענטשן פון באשטימטע באשעפטיקונגען און אנדערע זיך לויט דעם, וועלכער קלאס פון דער געזעלשאפט עס מאכט די געשיכטע, דאס הייסט, ער רופט ארויס די אדער אנדערע געזעלשאפטלעכע ארדענונגען. מיר זעען, אז ווען די פאלקסמאסן זיינען באשטאנען פון פויערים, איז די געשיכטע געגאנגען אנדערש, ווי זי גייט איצטער, בעאיים בעראש פון דער באוועגונג גייען די ארבעטער.

(פאקראווסקי—רוסישע געשיכטע קורץ געפאסט זייט 8—7).

M. פאקראווסקי

קלאסנקאמף

ווי אזוי בילדן זיך אויס קלאסן? פארוואס האט פריער די גאנצע פראדוקציע זיך געפונען אין די הענט פון די פויערים, פארוואס פלעגט מען דעמאלט באקומען פון דארף, וואו יעדערער פלעגט ארבעטן אף זיין שטיקל ערד, ניט בלויז ברויט, ליין ארער וואל, נאר אויך שיך און קליידער, — און האס אלץ

פלעגט אויסגעאַרבעט ווערן פון באַזונדערע באַלמעלאָכעס, — יעדערער פון זיי פלעגט זיצן בײַ זיך אין ווינקל, אַרבעטנדיק בײַ זיך אינדערהיים, און איצט האָבן מיר קאָלאָסאַלע שוך־פאַבריקן, קאָלאָסאַלע געשעפטן פון פאַרטיקע קליידער און אַז. וו.? ווײַל אין יענע צייטן האָט דער מענטש געמוזט טאָן אַלץ מיט זײַנע אייגענע הענט. קיין מאַשינעס זײַנען ניט געווען, אָדער קימאַט ווי ניט געווען. עס זײַנען נאָר געווען מאַשינעס, וואָס פלעגן געבראַכט ווערן אין באַוועגונג מיט דער הילף פון וואַסער, ווי, לעמאַשל, מילן, אָבער אויך אַזעלכע מאַשינעס זײַנען געווען זייער ווייניק. מיט צוויי הונדערט יאָר צוריק האָט דער מענטש אָנגעהויבן בויען מאַשינעס, וואָס פלעגן געבראַכט ווערן אין באַוועגונג צוערשט דורך דאַמף און שפּעטער דורך עלעקטריע און וואַרימקייט — די איצטיקע נאַפט־מאָטאָרן און ד. גל. זינט עס האָבן זיך באַוויזן מאַשינעס, איז שוין געוואָרן מעגלעך אויסצואַרבעטן פאַרשיידענע זאַכן אין אַ פיל גרעסערן סכום, פיל גיכער, ווי פריער. ס'איז גענוג צו ברענגען איין ביישפּיל: ווען בוימוואָל פלעגט מען רייניקן מיט די הענט, האָט געמוזט אַוועקגיין אַ גאַנצער אַרבעטס־טאָג אַף אָפּצורייניקן איין פונט בוימוואָל. איצט, ווען מע רייניקט בוימוואָל מיט אַ מאַשין, קאָן איין אַרבעטער אָפּרייניקן אין אַ טאָג 100 פונט.

ווײַבאַלד אַזוי, האָט שוין מער ניט געלוינט צו אַרבעטן איינציקווײַז, וואָרום יעדער אַרבעטער באַזונדער האָט דאָך ניט געקאָנט פאַרשאַפן זיך אַ מאַשין. האָבן זיך די אַרבעטער אָנגעהויבן צונויפקלייבן אין גרויסע מאַסן אַרום דיזאָזיקע מאַשינעס. אַזוי איז אויפגעקומען די גרויסע פּראָדוקציע און ס'זײַנען אויפגעקומען פאַבריקעס.

די, וועמען די מאַשינעס האָבן געהערט, די אונטערנעמער, אָדער די בורזשואַזיע, זײַנען טאַקע געוואָרן די באַלעבאַטים פון דער גאַנצער זאַך. דערפאַר, וואָס זיי פלעגן געבן די אַרבעטער די מעגלעכקייט צו אַרבעטן אַף די מאַשינעס, פלעגן די אונטערנעמער אָפּנעמען בײַ זיי אַלץ, וואָס זיי פלעגן אויסאַרבעטן, און צאָלן פלעגט מען זיי פאַר דעם גראָשנס.

אַזוי האָט זיך אויסגעבלדעט אַ קלאַס פון אַרבעטער, וואָס פלעגט אַרבעטן ניט בײַ זיך אין דערהיים, נאָר אין אַ פרעמד הויז און ניט מיט די אייגענע הענט, נאָר מיט דער הילף פון מאַשינעס, וועלכע האָבן אים ניט געהערט. ס'האָט זיך אויסגעבילדעט דער פּראָלעטאַריאַט. מיט וואָס זשע דערקלערט זיך די אַנטשטייאונג פון דעם אָדער יענעם געזעלשאַפטלעכן קלאַס? דאָס דערקלערט זיך מיט דעם אויפן, ווי אַזוי עס ווערט געפירט די ווירטשאַפט. פריער איז די ווירטשאַפט געווען אַ קליינאַרטיקע, יעטווידער האָט געאַרבעט באַזונדער — דאָס איז געווען איין מין איינאָרדענונג פון דער געזעלשאַפט. דערנאָך האָט מען אָנגעהויבן אַרבעטן געמיינזאַם און ס'האָט זיך באַקומען אַ צווייטער מין איינאָרדענונג פון דער געזעלשאַפט. דער יעסאָד פון אַלע ענדערונגען איז, אַף אַזאַ אויפן, די איינאָרדענונג אין דער ווירטשאַפט, די עקאָנאָמישע איינאָרדענונג.

וואָס זשע צווינגט דעם מענטשן צו פאַרנעמען זיך מיט ווירטשאַפט? דאָס איז זעלבסטפאַרשטענדלעך פאַר יעדערן און וועגן דעם דאַרף מען ניט

לאנג טראכטן. ס'איז גענוג נאר א קוק צו טאן און פארגלייכן דאס, וואס עס פלעגן אמאליקע יארן אויסארבעטן די פויערים, מיט דעם, וואס עס ארבעטן איצט אויס די פאבריקן און זאוואדן, קעדיי דאס צו פארשטיין. די פויערשע ווירטשאפט פראדוצירט ברויט, פלייש, וואל, פלאקס, לײן, מיט איין ווארט רויווארג, וועלכע איז נויטיק פאר אונז קעדיי זיך צו דערנערן און באקליידן. די פאבריקן מאכן פונם דאזיקן פלייש קאנסערוון, זיי ארבעטן אויס קליידער, שוכווארג, — האקלאל זיי גיבן צו דעם דאזיקן רויווארג אזא פארם, אין וועלכער עס איז פאר אונז באקוועמער צו געברויכן. אט דאס אלץ דינט סאפ־קאלסאף צום אונטערהאלטן דעם מענטשנס לעבן. דער מענטש פארנעמט זיך, אף אזא אופן, מיט ווירטשאפט־טעטיקייט, קעדיי האבן די מעגלעכקייט צו עקזיסטירן. נאר אויב די ווירטשאפט־ענדערונגען זיינען דער יעסאד פון אלע היסטארישע ענדערונגען, הייסט עס, אז דעם מענטשן צווינגען צו ארבעטן זיינע באדערפענישן, זיינע, ווי מע זאגט, מאטעריעלע באדערפענישן, די שטרעבונג צו ראטעווען זיך פון הונגער און קעלט.

פריער פלעגט מען אונז דערקלערן די געשיכטע אנדעריש. מע פלעגט דערקלערן אלע ענדערונגען, וואס פלעגן פארקומען אין דער מענטשלעכער געזעלשאפט, מיט די ענדערונגען, וואס פלעגן פארקומען אין די מויכעס פון די מענטשן, וואס האבן געהאלטן אין זייערע הענט די מאכט און דאס רייכטום. מע פלעגט אויסמאלן די זאך, לעמאשל, אזוי: פריער פלעגן אט די מענטשן ניט טראכטן איבער דעם, פארוואס און ווי אזוי האט זיך איינגעשטעלט די אדער יענע ארדענונג אין דער געזעלשאפט און פלעגן געהארכזאם זיך אונטער־געבן דער דאזיקער ארדענונג. דעמאלט זיינען קיין רעוואלוציעס ניט געווען. דערנאך האבן זיך באוויזן מענטשן, וועלכע האבן אנגעהויבן צו קריטיקירן די דאזיקע געזעלשאפט, ד. ה. געפונען אין איר פארשיידענע כעסרוינעס און זיי האבן דאס איינגעפלאנצט אין דער מאסע דעם סאפעק, צי איז טאקע די דאזיקע ארדענונג א ריכטיקע. די מאסע האט געפאלגט די דאזיקע אגיטאטארן און אויפהעצערס און אנגעהויבן צו בונטעווען. אזוי האבן זיך לויט דער מיינונג פון דער בורזשואזיע אנגעהויבן רעוואלוציעס.

מיט איין ווארט, די בורזשואזיע האט זיך פארגעשטעלט, אז אין דער געשיכטע קומט עס פאר פונקט אזוי, ווי אף דער פאבריק אדער אין געשעפט: דער באלעבאס דענקט, טראכט עפעס צו, באפעלט — און די ארבעטער אדער די אנגעשטעלטע פאלגן.

ס'איז ניט שווער איינצוזען די פאלשקייט פון דער דאזיקער דערקלערונג. אינדערעמעסן, אויב עס וואלט ניט געווען זיין דאס, וועגן וואס מיר האבן אויבן גערעדט, אויב די עקספלואטאטארן פון ארבעטער־קלאס, די קאפיטא־ליסטן, וואלטן ניט אפגענומען בא די ארבעטער די פראדוקטן פון זייער ארבעט, אדער זיי וואלטן געצאלט פאר די דאזיקע פראדוקטן אזוי פיל, וויפיל די דאזיקע פראדוקטן האבן ווערט, וועלכע אגיטאטארן וואלטן דעמאלט געקאנט צווינגען די דאזיקע ארבעטער־מאסן בונטעווען? ווארום אויב מיט דער הילף פון בלויזער אגיטאציע, מיט דער הילף פון מינדלעכן און שריפטלעכן איבערצייגן וואלט

מעגלעך געווען אויפצוהויבן אן אויפשטאנד, וואלט מען דאך געקאנט אויפהויבן א מערידע צווישן יעדן קלאס און מיטן זעלבן דערפאלג וואלט מען, הייסט עס, געקאנט צעבונטעווען די בורזשואזיע, פונקט ווי די ארבעטער. די בורזשואזיע וואלט מען נאך אפילע געקאנט גרינגער אויפהויבן, ווייל זי, אלס א מער־געבילדעטע, קאן לייכטער אויפנעמען יעדע אגיטאציע. פארוואס זשע ווירקט אזא אגיטאציע גראד אפן ארימסטן און אומוויסנדסטן קלאס, און די געבילדעטע בורזשואזיע איז אומעטום קעגן דער רעוואלוציע, און וואס עס זאלן ניט ריידן די אגיטאטארן, פאלגט זי זיי ניט און קערט זיך פון זיי אפ? ווייל דער בורזשואזיע לוינט ניט דיזאזיקע אגיטאציע; ווייל זי, די אגיטאציע, גייט זיך שטארק פאנאנדער מיט אירע מאטעריעלע אינטערעסן. איז אט, פארמייזדיקנדיק דיזאזיקע מאטעריעלע אינטערעסן, פארטיידיקנדיק אירע רעכט צו זיצן אף א פרעמדן רוקן, צו עסן און טרינקען געשמאק, צו לעבן אין גוטע הייזער א. אז. וו., הערט זיך די בורזשואזיע ניט נאר ניט צו צו דיזאזיקע אגיטאציעס, נאר אז עס פאלט ארײַן אין אירע הענט אן אגיטאטאר, שיקט זי אים אדער הענגט אים און קעמפט פארביסן און מיט האס קעגן די ארבעטער, וועלכע שטרעבן צו א בעסערן לעבן.

אלזא, די געשיכטע ווערט, ערשטנס, באוועגט מיט דער הילף פון קלאסן־קאמף, דורכן קאמף פון די אונטערדריקטע עקספלואטירטע קלאסן, פון די פויערים און ארבעטער, קעגן די קלאסן, וואס אונטערדריקן און עקספלואטירן — קעגן די פריצים און דער בורזשואזיע; און, צווייטנס, דערזאזיקער קלאסן־קאמף ווערט באוועגט דורך די מאטעריעלע אינטערעסן, דאס הייסט, סאפ־קאלסאף, דורך דער באדערפעניש פונם מענטשן אין דערנערונג, קליידער, וואוינונג, באהייצונג און ד. גל.

די מענטשן שטרעבן צו באפרידיקן דיזאזיקע באדערפענישן און מע דארף שטרעבן, אז דיזאזיקע באדערפענישן זאלן באפרידיקט ווערן ווי מעגלעך יוישערדיקער, דאס הייסט, אז אלץ דאס גוטס פון דער ערד זאל פארטיילט ווערן צווישן אלעמען לויט יעדערנס באדערפעניש. און דאס צו פארווירקלעכן שטרעבן טאקע די קאמוניסטן.

(פאקראווסקי — רוסישע געשיכטע, קורץ געפאסט, 1 און 2 ז. 12—9).

ערשטער אָפּטייל

לייבאייגנטום

מ. פּאָקראָווסקי

די עקאָנאָמיק פון לייבאייגנטום

1. דער אינערלעכער מאַרק פאַר לאַנדווירטשאַפטלעכע פּראָדוקטן. די סיבעס, וואָס האָבן געשאַפן דעם ברויט־מאַרק.

אויב שוין אין 17־טן יאָרהונדערט האָט בא אונז עקזיסטירט אַן אינערלעכער ברויט־מאַרק, האָט אין דער צווייטער העלפט פון 18־טן יאָרהונדערט אַנדערש אַוודאי ניט געקאָנט זיין. שוין אין אָנהויב פון יעקאַטערינע דער 2־טערס רעגירונג באַגעגענען מיר אין ניזשני־נאָווגאָראָד א סאָכרים־„קאָמפּאַניע“, א פאַיִגעזעלשאַפט, איינע פון די ערשטע אין רוסלאַנד, וועלכע האָט דערהויפּט געהאַנדלט מיט ברויט און אין אָנהויב האָט מען זי טאַקע גערעכנט אָנצורופן אין סטאַטוט: „ברויט־קאָמפּאַניע“. דער ברויט־מאַרק האָט זיך געשאַפן אויטאָמאַטיש, אַדאַנק דער איבערוואַנדערונג פון דער איבעריקער באַפעלקערונג... דאָס צופירן ברויט אין די צענטראַלע געגנטן איז געוואָרן נויטיק שוין אין די 60—70 יאָרן (18 יאָרהונדערט). „וועגן מאָסקווער גובערניע מוז באַזונדערס געזאָגט ווערן, — זאָגט שטשערבאַטאָוו, — אַז אין איר געברויכן ברויט ניט נאָר אירע אייגענע איינוואוינער, נאָר אויך פיל אָנגעקומענע פון אַנדערע שטעט, און די איינוואוינער גופא, געפינענדיק גינסטיקע באַשעפטיקונגען, ווערן אָן זייער האַסמאָרע צו ערדאַרבעט; און דעריבער, וואָס פאַר א רייך גערעטעניש די פעלדער וואָלטן ניט געגעבן, וועט זי (די מאָסקווער גובערניע) קיינמאָל ניט קענען זיך אַליין דערנערן, און וועט מוזן ציִען איר כעיונע פון דער גאַנצער מעלוכע“.

(מ. פּאָקראָווסקי, רוסישע געשיכטע 3 ב., ז. 114—115).

דער וואוקס פון ברויט־מארק און די פארקער־וועגן.

די דורכפירונג פון קאנאלן בא דער דעמאלטיקער טעכניק, וואס איז געווען אסאך שווערער, ווי איצט, באווייזט שוין גענוג דעם געוואלטיקן דראנג פון דעם דארעמדיקן ברויט צו צאפן. דעם ווישניעוואלאצקער קאנאל האט מען אנגעהויבן נאך אין פיאטר דעם 1־טנס צייטן... און פארענדיקט איז ער געווארן ערשט אין 19־טן יארהונדערט (1802 י.). שוין לאנג פאר יענער צייט האט מען אין פעטערבורג ארויסגעזאגט די האשארע, אז די מאקסימאלע דורכלאזפעאיקייט פון דעם ווישניעוואלאצקער קאנאל — 4000 בערלינקעס א יאר — וועט איינגיכן ניט קאנען באפרידיקן די פאדערונגען פון מארק. דיזאזיקע מוירע האט געגעבן א שטויס צו בויען נייע קאנאלן, וועלכע האבן פארייניקט די נעווא מיט דער אויבערשטער וואלגע, — דעם טיכווינישן און מאריען־קאנאל, וועלכער איז פארענדיקט געווארן אין פאולס צייטן.

(מ. פאקראווסקי, רוסישע געשיכטע, 3 באנד, ז. 115).

דער אויסגלייך פון די פרייזן אף דעם ברויט־מארק.

מיר האבן א זייטיקן, אבער גוט איבערצייגנדיקן באווייז, אז דער אל־רוסלענדישער האנדל מיט ברויט איז געווען אין דער צווייטער העלפט פון דעם 18־טן יארהונדערט זייער פארשפרייט... די פרייזן אף ברויט — אויב ניט רעכענען די הויפט־שטעט, פון איין זייט, און די ראנד־געביטן, וועלכע זיינען אפגעשניטן פון איבעריקן רוסלאנד, פון דער אנדערער, — צייכענען זיך אויס מיט א וואונדערלעכער אויס־גלייכונג: אי אין וואלאגדא, אי אין קאלוגא, אי אין קאשיר, וולאדימיר און אפילע אין ריאזאן זיינען די פרייזן געווען אומגעפער דיזעלבע, מיט וואקלונגען ניט מער ווי 12%—15. נאר א לעבעדיקער אומבייט פון ברויט אין דעמדאזיקן גאנצן קאנט האט געקאנט איינשטעלן אזעלכע איינארטיקע פרייזן...

(מ. פאקראווסקי, רוסישע געשיכטע, 3 ב., ז. 117).

דער ברויט־מארק באפרידיקט ניט די ברויט־באדערפעגישן פון דער באפעלקערונג.

... נאר די באפעלקערונג איז געוואקסן שווינדער איידער די פראדוקציע פון ברויט, און שוין די 80־ער יארן פון 18־טן יארהונדערט גיבן אונז א בילד פון הונגער, וועלכע דערמאנט דעם סאף פון 19־טן יארהונדערט. „מאסק־ווער, קאלוגער, טולער, ריאזאנער, בעלגאראדער און טאמבאווער גובערניעס און גאנץ מאלאראסיע *) ליידן גוואלטיק פון הונגער, — האט געשריבן שטשערבאטאוו אין אנהויב פון 1788 יאר, — מע עסט שטרוי, פאלאווע, בלעטער, היי, ווילד־גראז, און אפילע אין דעם איז שוין אויך א מאנגל“...

*) קליינרוסלאנד—אוקראינע.

די ציפערן בא דעמזעלבן שטשערבאטאוון באווייזן אונז, מיט וואס פאר א טעמפ עס האבן זיך געהויבן די פרייזן אף ברויט. בא דעם האפן אין גזשאטסק, — דער הויפט ארויספיר„פארט“ פאר דעם מיזרעכדיקן טייל פון סמאלענסקער און פאר דעם מאירעוודיקן טייל פון מאסקווער גובערניעס, — האט מען געצאלט פאר א פערטל קארן:

אין 1760	— ר.	86 קאפ.	
„ 1763	— „	95 „	
„ 1773	2 „	19 „	
„ 1788	7 „	— „	

אויב מיר וועלן אפילע נעמען אין אכט די דיפערענץ אין דעם ווערט פון רובל, וועלן מיר באקומען א פארגרעסערונג פון פרייז אין מעשעך פון א פערטל יארהונדערט קימאט אף 500%. אויב אמאל האט א גוטבאזיצער פון א ברויט־רייכער גובערניע געקאנט צווייפלען, וואס לוינט זיך בעסער — גרינדן בא זיך אין מאיאנטעק א געוואנט־ אדער לייוואנט־פאבריק, אדער דעם מאיאנטעק אליין פארוואנדלען אין א פאבריק פון ברויט־פראדוקיציע, — האט איצט צו די אלע ספייקעס געמוזט נעמען א סאף: בא די פרייזן פון די 80־ער יארן, — און זיי האבן זיך געהאלטן אויך אין די 90־ער, ווען א פערטל ברויט האט געקאסט ניט ביליקער פון 4 רובל, — האט דאס ברויט אנגעהויבן לוינען ניט ווינציקער איידער יערע אנדערע סכוירע.

(מ. פאקראווסקי, „רוסישע געשיכטע“, 3 ב., ז. 121).

2. דער אויסערלעכער מארק פון לאנדווירטשאפטלעכע פראדוקטן.

ביז דער מיט פון 18־טן יארהונדערט האט רוסלאנד ארויסגעפירט נאר ביילעוו, מאסטהאליץ, האנף, וואקס און רויכווארג אפן אלטן שטייגער...

האנף און מאסט־האליץ פלעגן קויפן דערהויפט ענגלענדער, וועלכע זיינען ביכלאל געווען די הויפט־קוינים פון די רוסישע סכוירעס און האבן געהאלטן אין זייערע הענט דעם גאנצן רוסישן עקספארט־האנדל. זיי פלעגן עס טאקע צושטעלן די גאנצע מאנופאקטור פאר די העכערע קלאסן פון דער רוסישער געזעלשאפט — אנהויבנדיק פון „אנגליצקע“ געוואנט ביז פאסט־פאפיר, קאנ־ווערטן און אפילע באטעראלן, מיט וועלכע מע פלעגט פארקלעפן די בריוו...

ערשט פון די ערשטע יארן פון 19־טן יארהונדערט הויבט אן דער ברויט־עקספארט צו באקומען פארן רוסישן האנדל דעם באטייט, וועלכן ער האט געהאט ביז דער מילכאמע פון 1914 יאר... פארוואס פלעגן די ענגלענדער ביזן 1760 יאר ניט קויפן קיין רוסיש ברויט? ווייל זיי האבן געהאט גענוג אייגנס; ענגלאנד פון יענע צייטן איז געווען קוידעמקאל א לאנדווירטשאפטלעכע מעדינע. נאר אין מיטן פון 18־טן יארהונדערט קומט פאר אין ענגלאנד די אינדוסטריעלע רעוואלוציע. צוליב דעם, וואס די פריצים האבן צוגענומען בא די פויערים די ערד, בילדעט זיך אויס אין ענגלאנד א פילצאליקער פרא־

לעטאַריאַט; צוליב דעם, וואָס זי האָט פאַרכאַפּט אָן אַ שיר קאָלאָניעס, באַזונדערס אין איר רעשום אָן אַ שיר רוי־מאַטעריאַלן (באַזונדערס בוימוואָל און פאַרבן) און לעסאָף אַדאַנק אַ גאַנצער ריי דערפינדונגען, ווי דער מעכאַנישער וועב־שטול, באַזונדערס אויפן דאַמפ־מאַשין, ווערט ענגלאַנד דאָס היימלאַנד פון מאַשינעס, און די גרויסע פּראָדוקציע הויבט אָן צו באַזיגן די קליינע. אונטער דער ווירקונג פון דער אינדוסטריעלער איבערקערעניש הויבט אָן אין ענגלאַנד שטאַרק וואַקסן די שטאָטישע און ביכלאַל ניט־לאַנדווירטשאַפטלעכע באַפעלקערונג...

ענגלאַנד איז ניט געווען בעקויעך צו דערנערן די אַזוי געשווינד וואַקסנדיקע אינדוסטריעלע באַפעלקערונג. די פּרייזן אויף ברויט האָבן דעריבער אָנגעהויבן אין ענגלאַנד וואַקסן. ווייץ, לעמאָשל, וועלכע האָט געקאָסט אין ענגלאַנד אין 18־טן יאָרהונדערט דורכשניטלעך 40 מיט 2 דריטל שילינג פאַר אַ „קוואַרטער“ (בעד 12 פּוד), האָט אין 1801—1810 יאָרן געקאָסט שוין 74 שילינג; אין 1811—1820 יאָרן — שוין 87½ שילינג, און ערשט אין 1821—1830 יאָרן איז זי געפאַלן ביז 59,3 שילינג פאַר אַ קוואַרטער, ד. ה. זי איז געבליבן קימאַט אַנדערהאַלבן מאָל טייערער פון די דורכשניטלעכע פּרייזן אין 18־טן יאָרהונדערט...

ס׳איז גאַנץ נאַטירלעך, אַז דער רוסישער האַנדל מיט תּבואה אין 18—19־טן יאָרהונדערטן האָט געשטרעבט צו ווערן אַלץ מער און מער אַן אויסלענדישער האַנדל. פאַרבלייבנדיק אין די גרעניצן פון דעמאָלטיקן ביישפּיל פון ווייץ, האָבן מיר פאַרן וואוקס פון דעם רוסישן עקספּאָרט פאָלגנדיקע ציפערן: 1801 יאָר — 6.836.000 פּוד; 1820 יאָר — 13.873.000 פּוד; 1830 יאָר — 25.506.000 פּוד; דערנאָך, אונטער דער ווירקונג פון די פאַלנדיקע פּרייזן, אָנהייבנדיק פון די 20־ער יאָרן, הויבט אָן דער עקספּאָרט צו פאַלן — און ביזן 1850 יאָר פאַרבלייבט ער אין די גרעניצן פון 20—25 מיליאָן פּוד יערלעך; מיט דעם נייעם שטייגן פון פּרייזן אין די 40־ער יאָרן דערגרייכט דער עקספּאָרט 41.911.000 פּוד אין 1860 יאָר און 96.594.000 פּוד אין 1870 יאָר. אַזוי אויפן האָט דער אַרויספיר פון ווייץ פון רוסלאַנד אין זיבעציק יאָר זיך פאַרגרעסערט אין פופצן מאָל.

(מ. פּאָקראָווסקי, „עטיודן איבער דער געשיכטע פון דער רוסישער קולטור“, ז. 81).

די טעכנישע אָפּגעשטאַנענקייט פון דער לייבאייגנטימערשער ווירטשאַפט.

ווען מיר פאָרשטעלן זיך איצט פאַרשטעלן אַ גרויסע פּריצישע ווירטשאַפט פון דער לייבאייגנטימערשער עפּאָכע, מאָלט זיך אונז אַ בילד פון אַ קאָלאָסאַלער אונטערנעמונג — אַ מענגע פון אַרבעטס־פי, מאַשינעס א. אַז. וו. בלויז אָנשטאָט געדונגענע לוינאַרבעטער טומלען זיך אַרום דעם אַלעמען לייבקנעכט... קיין ספק ניט, אַז אונזערע אַלטע פּריצים פלעגן כאַלעמען ווענן אַזאַ מין ווירטשאַפט.

די אינטענסיווע ווירטשאפט, אלס א מאסן־דערשיינונג, באווייזט זיך בא אונז ניט פריער ווי אין 1860־ער יארן. פריער איז די פריצישע לאנדווירטשאפט געווען אזוי ווייניק אינטענסיוו, אז אפילו אזא עלעמענטאר מאסמיטל, ווי באמיסטיקונג, פלעגט מען ניט אומעטום אנווענדן...

אין עמעסער ראיאן פון „ברויט־פאבריקן" זיינען געווען די שווארצער־דיקע גובערניעס, אבער אפילו דא האבן אין די 40־ער יארן פון 19־טן יאר־הונדערט פון קיין באמיסטיקונג ניט געוואוסט ניט נאר די פויערשע, נאר אויך די פריצישע פעלדער... לויט א ריכטיקער באמערקונג פון איינעם א רוסישן אגראנאם פון אלעקסאנדער דעם ערשטנס צייטן, איז „דער ערשטער און איינציקער קאפיטאל" פונם דעמאלטיקן גוטבאזיצער געווען זיינע לייב־פויערים. די גאנצע טעכניק פון דער לייב־אייגנטימערשער ווירטשאפט איז באשטאנען אין דעם אוטיליזירן (אויסנוצן) זייער ארבעטס־קראפט. דער וואוקס פון דעם ארויסבאקומען מער פראדוקטן פלעגט דערגרייכט ווערן ניט דורך די אדער יענע כעמישע אדער מעכאנישע פארפולקומונגען, נאר אויסשליס־לעך דורך דער עקספלואטאציע פון דער פערזענלעכקייט גופא פון דעם לייבפויער...

די פארם פון עקספלואטירן די לייבאייגנטימערשע פויערים.

די גוטבאזיצער פלעגן האבן צו טאן ניט מיטן אינדיווידועלן ארבעטער, נאר מיט דער פויערשער מישפאכע. ווייל דער יעסאד פון דער לייבאייגנטימערישער ווירטשאפט, זיין, אזוי צו זאגן, גרונט־קעמערל איז געווען דאפקע די פויערשע מישפאכע, אנדערש גערעדט, — די קליינע זעלבשטענדיקע ווירטשאפט. אין א מער אדער ווייניקער פארפולקומטן ארגאניזירן די היסכאייוועסן פון א פויערשער מישפאכע איז באשטאנען די גאנצע „טוירע" פון דער לייבאייגנ־טימערישער אגראנאמיע...

1. אין צענטער פון דידאזיקע פליכטן איז געשטאנען די ארבעט פארן פאריץ. שוין אין דעם פאריקן פעריאד פלעגט א טייל פון דער ערד אין דארף צעאקערט ווערן דורך די פויערים ניט פאר זיך, נאר פאר דעם פאריץ. נאר אין אנהויב איז דערדאזיקער טייל געווען ניט קיין גרויסער...

אין דער ערשטער העלפט פון 18־טן יארהונדערט האט דאס אקערן „פון א דעסיאטין אף א דעסיאטין" זיך גערעכנט פאר א מאקסימום... אין דער צווייטער העלפט פון דעם (18) יארהונדערט האט באלאטאוו, — א באוואוסטער מעמוארן־שרייבער, — גערעכנט 50% פון דעם פריצישן צעאקערטן פעלד פאר א דורכשניטלעכער נארמע, אויב ניט פאר א מינימום... דאס פריצישע פעלד האבן די פויערים געאקערט, ווי דאס אייגענע, מיט זייערע אייגענע סאכעס און מיט זייערע אייגענע פויערשע פערד...

(מ. פאקראווסקי, סקיצע פון דער געשיכטע פון רוסישער קולטור ז. 118—117).

...נאָר באַאַרבעטן דאָס פּריציש פעלד האָט ניט פאַרנומען די גאַנצע צייט באַם פּריצישן פּויער. ווי שווער ס'איז ניט געווען די פּריצישע אַרבעט (אין דער צווייטער העלפט פון 18־טן יאָרהונדערט פלעגן זיך טרעפן „אַזוינע שטרענגע פּריצים, וועלכע גיבן ניט קיין איין טאָג אין דער וואָך צו אַרבעטן „פאַר זיך") האָט זי אין אַלגעמיינעם געקאָנט צונעמען באַם פּויער ניט מער ווי אַ העלפט פון אַלע זיינע אַרבעטס־טעג און דאָס איז פּאַשעט דערפאַר, וואָס די לאַנדווירטשאַפטלעכע אַרבעטן אין רוסלאַנד זיינען מעגלעך, אַדאַנק די קלימאַטישע באַדינגונגען, נאָר אין מעשעך פון דער קלענערער העלפט פון יאָר...

די פּויערים האָבן דאָס פּריצישע ברויט ניט נאָר פּראָדוצירט, נאָר אויך צוגעשטעלט אַפן מאַרק...

לויט באָלאָטאָווס ווערטער, האָבן דאָס ברויט אַפן אָרט פאַרקויפט נאָר די פּויערים און צומאָלס אויך די גאָר אָרימע פּריצים; די רייכערע האָבן געפירט לעבנסמיטלען אין קרייז־שטאָט אָדער צום נאָענטסטן טייך־האַפן, פאַר עטלעכע צענדליק ווערסט; און די גרויסע גוטבאַזיצער האָבן אַנדערש ניט געקאָנט באַשטיין, ווי נאָר קיין מאָסקווע, און אַפילע ווען אייניקע פון זייערע גיטער זיינען געווען ניט נעענטער ווי 400 ווערסט פון מאָסקווע.

... איין עקאָנאָמיסט פון די 1840 יאָרן האָט אויסגערעכנט, אַז צופירן ברויט אַף די מערק האָט אין ווינטער צוגענומען ניט ווייניקער ווי אַ ד ר י ט ל פון דער לייבאייגנטימערשער אַרבעט...

אין דער לייבאייגנטימערישער ווירטשאַפט האָט דער פּויער מיט זיין פערד פאַרביטן ניט נאָר די לאַנדווירטשאַפטלעכע מאַשינעס, נאָר אויך די אייזנבאַן.

... דער פּאָריץ האָט גערעכנט, אַז אַכוץ דעם אַלעמען בלייבט נאָך אַלץ באַם פּויער צופיל פרייע צייט, און דאָס איז פאַרן פּויער זייער שעדלעך ניט נאָר מאָראַליש, נאָר אויך פיזיש. „פון פוסט און פּאַסעווען ווערן די פּויערים ניט נאָר קראַנק, נאָר זיי שטאַרבן גאָר אוועק", האָט געשריבן מאַטישטשעוו: „זיי שלאָפן גענוג, עסן אַסאַך און האָבן ניט קיין מאַציאָנען..." *).

דאָס פּאַשעטסטע און צוועקמעסיקסטע מיטל (צו פאַרנעמען די גאַנצע צייט פון די פּויערים) איז געווען אַנטוויקלען אין דאָרף קוסטאַר־באַשעפטיקונגען... אין 18־טן יאָרהונדערט איז דאָס שוין געווען אַ מאָסן־דערשיינונג, און די פּויערשע „מאַנופאַקטור"־אַרבעט איז רעגלמעסיק אריינגעפירט געוואָרן אין די ראַמען פון דער לייבאייגנטימערשער ווירטשאַפט פון דער ניט־שוואַרצערדיקער זאָנע. פון דעם לייבאייגנטימערשן קוסטאַר איז געווען נאָר איין שריט צו דער לייבאייגנטימערשער פאַבריק...

די אָפּצאָל־ווירטשאַפט.

2. די צווייטע פאָרם, אין וועלכער ס'האָבן זיך איינגעשטעלט די באַציאונגען צווישן גוטבאַזיצער און פּויער, — אין דעם לייבאייגנטום־רעכט —

*) מאַציאָן—שפּאַציר גאַנג, באַוועגונג ביכלאַל, איבערזעצער.

אין די אַ פּ צ אַ ל ו ו י ר ט ש אַ פ ט... דער אָפּצאָל פון די פויערים איז געווען דאָס פּאַשעטסטע מיטל צו באַקומען געלט פון אַזוינע גוטבאַזיצער, וועלכע האָבן ניט געוואוינט אין דאָרף און האָבן ניט געפירט אומיטלבאַר זייער ווירטשאַפט.

(מ. פּאָקראָווסקי, „עטיודן פון דער געשיכטע פון דער רוסישער קולטור“, ז. ז. 81—92).

מ. פּאָקראָווסקי

דאָס פריצישע רוסלאַנד

1. די אַדל־רעגירונג.

אין דער צווייטער העלפט פון 18־טן יאָרהונדערט האָט זיך ענדגילטיק אַרויסבאַוויזן די הערשנדע ראָלע פונם אַדלשטאַנד און אין זיינע הענט האָט זיך קאָנצענטרירט דאָס רעגירן איבער רוסלאַנד.

ווען יעליזאַוועטע איז אַרויף אָפן טראָן, האָט דער אַדלשטאַנד, וואָס האָט זי דערהויבן דערצו, אין זיינע הענט גענומען די מעלוכע־פירונג. אין וואָס זשע איז באַשטאַנען די דראַזיקע מעלוכע־אָנפירונג פון רוסלאַנד, וועלכע האָט זיך אָנגעהויבן דעם 25־טן נאָיאַבר 1741 יאָר און האָט זיך איבערגעריסן דעם 6־טן נאָיאַבר 1796 יאָר, קימאַט גלייך אין 50 יאָר אַרום, אינם טאָג, ווען ס'איז געשטאָרבן יעליזאַוועטעס פּלימעניצע יעקאַטערינע די 2־טע?

אין איר איז לייכט אָנצומערקן צוויי פּעריאָדן: איינער, וועלכער האָט אַלץ געפירט צו באַפרייען דאָס שליאַכטנטום פון די לאַסטן, וואָס האָט אַף אים אַרויפגעוואָרפן דאָס דינען. דערדאָזיקער פּעריאָד נעמט אַרום די רעגירונג פון יעליזאַוועטן און פון פּיאָטר דעם 3־טן; זיין העכסטער פּונקט איז דער מאַניפעסט פון 18־טן פעוורואַל 1762 יאָר וועגן די פריהייט־רעכט פונם אַדלשטאַנד, וועלכע באַפרייען אים אינגאַנצן פון אָבליגאַטאָרישער מעלוכע־דינסט. פון דעם מאָמענט אָן קאָן מען אָננעמען, אַז אַט די פּאַסיווע פּאַרטיידיקונג דערגרייכט איר ענד־ציל: די לאַסטן זיינען פון דעם אַדלשטאַנד אַראָפּגענומען. דער אָפּגעהאַלטענער סאָציאַלער ניצאָכן וועקן אויף פּאָליטישע אינסטינקטן; דער אַדלשטאַנד באַנוגנט זיך שוין ניט דערמיט, וואָס ער האָט דערגרייכט. אָרגאַניזירן די גאַנצע מעלוכע פון דאָסניי און אַף זיין שטייגער — איצט האָט ער שוין אַ פּראָגראַם. די פאַרווירקלעכונג פון דערדאָזיקער פּראָגראַם און די ווירקונג אַרום איר פילט אָן דעם צווייטן פּעריאָד פון דער אַדלשטאַנדישער פּאָליטיק. אַלס גרענעץ־צייכנס פונם דאָזיקן פּעריאָד קאָן מען רעכענען דאָס 1767 יאָר פון צונויפרופן די יעקאַטערינישע קאָמיסיע און דאָס 1785 יאָר, ווען ס'זיינען דעם אַדל געשאָנקען געוואָרן באַזונדערע פּריווילעגיעס.

דער צענטער פון דער מעלוכע־אָנפירונג איז געווען דער יעליזאַוועטישער סענאַט. אַזאַ מין באַדייטונג פונם סענאַט איז געווען ענג פאַרבונדן מיט דעם, וואָס אַלע אַדעליקע זיינען געווען קאָנצענטרירט אין דער הויפּט־שטאָט:

דער סענאַט איז געווען דאָס געווער פֿון דער סאָציאַלער פּאָליטיק פֿון דער גוואַרדיע, ווי די לייב־קאָמפּאַניע איז געווען דאָס געווער פֿון איר ווירקונג אינם הויף. אינם סענאַט איז אַריין אַלץ, וואָס איז נאָר געווען אָנגעזעענס צווישן די פּריצים.

איבערהויפּט איז כאַראַקטעריסטיש פֿאַרן יעליזאַוועטישן סענאַט זיין מאַכט איבער דער אַרמיי. ביידע מיליטערישע קאָלעגיעס האָבן געטראָגן אַ שטרענגע אַכראַיעס פֿאַרן סענאַט בענוגע די געלט־סומען, וואָס האָבן זיך געפֿונען אין זייער רעשוס... לויט דער פֿאַראָרדענונג פֿונם סענאַט פֿאַרמירן זיך נייע פּאָלקן. ער זאָרגט וועגן דער בילדונג פֿון דער יוגנט, וועלכע גרייט זיך צום מיליטערישן דינסט... די קאָמפּלעקטירונג פֿון די פּאָלקן און די רעקרוטירונג געפֿינען זיך אינגאַנצן אין זיין רעשוס... די באַקליידונג און די דערנערונג פֿון דער אַרמיי געפֿינט זיך אונטער זיין אָנפֿירונג; דאָסזעלבע דאַרף מען אויך באַמערקן בענוגע דער באַוואָפֿענונג פֿון דער אַרמיי. די מוסטערן פֿונם געווער פֿלעגן געווײנלעך צוגעשיקט ווערן אינם סענאַט, וועלכער פֿלעגט שוין געבן אַ פֿאַראָרדענונג אויסצואַרבעטן געווער לויטן דאָזיקן מוסטער פֿאַר דער גאַנצער אַרמיי. דער אַלגעמיינער ביודזשעט פֿון דער אַרמיי פֿלעגט צו־גוי־געשטעלט ווערן אינם סענאַט, וועלכער פֿלעגט לויטן פֿאָרשלאָג פֿון דער מיליטערישער קאָלעגיע פֿאַרטיילן די סומען אויף מיליטערישע הויצאָעס. אויך אויף דעם געביט האָט זיך גענוג בולעט אַרויסבאַוויזן די קלאַסן־באַדייטונג פֿונם סענאַט. די רעקרוטירונג פֿלעגט צונעמען בײַ די פּריצים אַסאַך אַרבעטס־הענט. דעריבער פֿלעגט דער סענאַט זאָרגן וועגן איינהייטן די רעקרוטישע אויפֿנעמען אין אַזאַ מין פֿאַרפֿאַרן, אַז „די אַרמיי זאָל זיין גענוג קאָמפּלעקטירט און ס'זאָל זיך מערן דאָס פֿאָלק צו דער ערד־אַרבעט". דער סענאַט האָט מיט אַן אויסער־געוויינלעכער ענערגיע באַקעמפֿט די פּרואוון פֿון די לייבאייגענע אַריינצוטרעטן אין דער אַרמיי לויטן אייגענעם ווילן, וואָס פּיאָטרס געזעצגעבונג פֿלעגט דערמוטיקן. שטיצנדיק זיך אויף פּיאָטרס באַפֿעלן, האָבן די הויף־קנעכט „אייגצי־קוויין און מאַסנווייז" אָנגעהויבן צו דערלאַנגען יעליזאַוועטן באַקאָשעס, אַז מע זאָל זיי צונעמען אויף מיליטערישער דינסט. פֿאַר אַזאַ מין איינגעביל־דעטער אַזעסדיקייט, וואָס איז קעגן די באַפֿעלן (!), איז איבער זיי אויסגעפֿירט געוואָרן אַן אַכזאָריעסדיקע שטראָף: די, וועלכע האָבן דערלאַנגט די באַקאָשעס באַפּטעסווייז, האָט מען געשלאָגן מיט קאַנטשיקעס און די בייזערע פֿון זיי זיינען פֿאַרשיקט געוואָרן אין סיביר אויף מעלוכישע זאַוואָדן אויף אייביקער אַרבעט. און די, וואָס האָבן דערלאַנגט באַקאָשעס איינציקווייז, יענע האָט מען געשלאָגן מיט בייטשן און אַנדערע מיט ריטער און זיי זיינען לויטן באַפֿעל אָפּגעגעבן געוואָרן די פּריצים". אין דערזעלבער צייט איז פֿאַר אַדל־לייט דאָס דינסט אויף אַלערליי אויפֿאַנים פֿאַרגרינגערט געוואָרן. יעליזאַוועטע האָט אָפּ־געשטויסן דאָס געזעץ, לויט וועלכן מע פֿלעגט די ניט־דערוואַקסענע, וואָס פֿלעגן זיך ניט מעלדן צו דער רעוויזיע, אָפּגעבן אויף „אייביק" פֿאַר סאָלדאַטן און מאַטראָסן. גלייכצייטיק מיט דעם האָט זיך אין יעליזאַוועטעס צייט ענד־גילטיק איינגעוואָרצלט די מיינונג, וועלכע האָט ניט געקראָגן איר אויסדרוק

אין דער געזעצגעבונג, וואָס אָבער איז פאַר די אַדעליקע געווען נוצלעכער פון אַלע געשריבענע געזעצן אין דעם געביט: דאָס איז דער מינהעג צו פאַרשרייבן די קינדער אין דינסט. פאַרשטייט זיך, אַז פאַקטיש האָבן די קינדער ניט געדינט, און ניט זעלטן פלעגן זיי שוין בא דער אָם אַף די הענט דורכלויפן די ערשטע שטאַפלען פון דער מיליטערישער יעראַרכיע. פינף- און זיבניאָריקע קאַפראַלן און סערזשאַנטן פלעגן צום אָנהויב פון זייער פאַקטישן דינסט שוין זיין אָפיצערן. אַזוי איז דער וואונש פונם אַדלשטאַנד, אַז זייערע קינדער זאָל מען ניט אָפגעבן אין קיין נידעריקע ראַנגען, פאַרווירקלעכט געוואָרן מיט דער הילף פון אַזאַ מין אַרומגיין דעם געזעץ און אָן דער הילף פונם קאָדעקטישן קאָרפּוס.

אָבער די ווירקלעכע ספערע פון דער פריצישער פּאָליטיק פונם סענאַט האָבן געדאַרפט ווערן די פינאַנסן. אין די באַריכטן פון די אויסלענדישע דיפּלאָמאַטן פון סאַמע אָנהויב פון דער רעגירונג רעדרווען מיר זיך וועגן אַ עכסט-אינטערעסאַנטן פּראָעקט וועגן דער פולשטענדיקער פאַרניכטונג פונם קאָפּשטייער, וואָס אָנשטאָט אים זאָל פאַרגרעסערט ווערן דער זאַלץ-שטייער. די שטרעבונג אָפצושאַפן דעם נאָמינאַל-פויערשן שטייער, וואָס איז אין דער פּראַקטיק געווען אַ שטייער אַפן אַדלשטאַנד (דער דערמאָנטער אויסלענדישער דיפּלאָמאַט דעפינירט מיט אַן אומגעווינלעכער פּינקטלעכקייט דעם קאָפּשטייער, אַלס שטייער, וואָס יעדער פּאָריץ צאָלט פאַר זיינע פויערים), איז די שטענדיקע טענדענץ פון יעליזאַוועטעס פינאַנס-פּאָליטיק. דערביי איז די דאָזיקע טענדענץ אַ באַוואוסטזיניקע. דער אָנפירער פון דער דאָזיקער פּאָליטיק פּ. אי. שואוואַלאָוו האָט אַזוי געשריבן אין סענאַט אין 1758 יאָר: דאָס פּאָלק איז די הויפּט-קראַפט פון דער מעלוכע און דעריבער דאַרף מען פאַרלאַנגען, אַז דאָס פּאָלק, וואָס איז באַשטייערט מיט קאָפּשטייער, זאָל פונם דאָזיקן אָפּצאָל זיין אינגאַנצן באַפרייט. דאָס האָט געקלונגען זייער שיין און האָט מער פון אַלץ געשטימט מיט די פריצישע אינטערעסן. אין דער פּראַקטיק איז, פאַרשטייט זיך, געווען מעגלעך ניט די פולשטענדיקע דערגרייכונג פונם אידעאַל, נאָר אַ גרעסערע אָדער קלענערע דערנענטערונג צו אים. ווען יעליזאַוועטע איז אַרויף אַפן טראָן, איז דער קאָפּשטייער פאַרקלענערט געוואָרן אַף 10 קאָפּ. אַף די פאָלגנדיקע צוויי יאָר — 1742—1743. דאָס האָט געדאַרפט איבערלאָזן בא די פריצים אין די קעשענעס אַ מיליאָן רובל (9—10 מיליאָן אין גאָלד). אין 1752 יאָר איז דער קאָפּשטייער ביכלאַל פאַרקלענערט געוואָרן אַף 3 1/4 קאָפּ. און מיטן מאַניפעסט פון 15-טן דעקאַבער פון דאָזיקן יאָר איז אויפגעגעבן געוואָרן דער ניט-דערצאָלטער סכום פון קאָפּשטייער פון 1724 יאָר ביז 1747 יאָר — מער פון צוויי מיט אַ האַלבן מיליאָן רובל (20—25 אין גאָלד).

אומפאַרגלייכלעך גרעסער איידער אַלע טיילווייזע פּריווילעגיעס איז געווען די באַדייטונג פון דער נייער רעוויזיע, וואָס איז באַשטימט געוואָרן לויטן אויפטראָג פונם סענאַט. לויט איר סאָציאַלע אויסדריקלעכקייט קאָן מען פון איר מאָטיווירונג מער ניט פאַרלאַנגען. דער סענאַט האָט געבעטן די קייסערינע, זי זאָל מאַכן די רעוויזיע קעדיי „צופרידנשטעלן אַלע

פּריצים“ און מאַכן אַ סוף צו די אומאָרדענונגען, וואָס קומען פֿאָר אַרום־אַרום אין צאָלן און ניט דערלאָזן ווייטער צו קיין ניט־דערצאָלונגען... און אויף לעהאַבא מאַכן זי אַלע 15 יאָר. הערמיט וועט געמאַכט ווערן אַ סוף צו די אַלע אומאָרדענונגען... און די אָרימע און ניט־פּאַרמעגלעכע פּריצים, וואָס זיי אַליין און זייערע ווייבער און קינדער געפינען זיך אונטערן אַרעסט און שטאַרבן דאָרט צוליב די כויוועס, וועלן פון אַזאַ מין אומגליק באַפרייט ווערן“. אפילו די גרעסטע פינאַנס־רעפאָרם פון דער רעגירונג — די פאַרניכטונג פון די אינערלעכע גרענעץ־אָפּצאָלן אין 1753 יאָר — איז פון די, וואָס האָבן זי דורכגעפירט, באַטראַכט געוואָרן פונם זעלבן שטאַנדפּונקט, האָגאַם אָנגעהויבן האָט מען פון אַגווייזונגען אויף די באַליידיקונגען, וואָס דעם פּויערטום קומט אויס אויסצושטיין פון דער פאַרעלטערטער אָפּצאָל־סיסטעם, אויף די מאַטערנישן, וואָס עס קומט אויס איבערצוטראָגן דעם פּויער, וואָס פירט פאַרקויפן „אַ וואָגן האָלץ פון טראָיצי קיין מאָסקווע“. אָבער דאָס האָלץ איז גיכער פון אַלץ געווען פּריצישע, אָבער פונם געלט, וואָס דער פּויער האָט אויסגעלייזט, האָט ער געדאַרפט באַצאָלן דעם פּריצישן „צינש“.

נאַטירלעך, קומט אויף אַ פראַגע: ווער האָט זיך פאַנאַנדערגעצאָלט פאַר די אַלע פּריווילעגיעס לעטויוועס דעם אַדל, פאַר די פּריווילעגיעס, וועלכע האָבן געמוזט מאַכן אַ היפּשן לאָך אינעם מעלוכע־בייודזשעט: בלויז די ליקווידירונג פון די אינערלעכע גרעניץ־אָפּצאָלונגען האָט געדאַרפט פאַרקלענערן די האַכנאָסע פון דער מעלוכע־קאַסע קימאַט אויף אַ מיליאָן רובל? פאַרשטייט זיך, אַז דאָס „פאָלק“. די ליקווידירונג פון די אינערלעכע גרעניצן איז געדעקט געוואָרן מיט דער אומגעהויערער פאַרגרעסערונג פון די אויסערלעכע גרעניץ־אָפּצאָלונגען אויף 2½ מאָל. דער גרעסטער טייל פון אויסלענדישן אימפּאָרט איז אַלץ באַשטאַנען אויב ניט פון לוקסוס־אַרטיקלען, איז יעדנפאַלס פון זאַכן, וואָס פלעגן געברויכט ווערן פון די העכערע קלאַסן, אָבער די לעצטע האָבן געלעבט אָדער פון דער פּויערשער אַרבעט, אָדער פונם פּויערישן „צינש“. דער וואוקס פונם לעצטן אין דער רעגירונגס־צייט פון יעליזאַוועטע באַווייזט אין אַ גענוגנדיקער מאָס, אַז די לאַגע פונם „פאָלק“ פלעגט ניט פאַרגרינגערט ווערן מיט די פאַרגרינגערונגען פון די שטייערן, וועלכע פלעגן אַזוי אָדער אַנדערש פריער פאַלן אויפן פּאָריץ. לאָמיר נעמען אַזאַ ביישפּיל: אין זאַנאַרער וואָלאָסט פון מאָסקווער קרייז האָבן אין 1740 יאָרן די פּויערים געצאָלט זייער פּאָריץ 300 רובל, אין אָנהויב 1750 יאָר שוין 2300 און אין 1766 יאָר — 3900 רובל.

אויך די אַלע איבעריקע פינאַנס־עקספּערימענטן פלעגן זיך ענדיקן מיט דעמזעלביקן איבערלייגן דעם שטייער־לאַסט פון דעם אַדל אויף די איבעריקע קלאַסן און קודעמקאָל אויפן פּויערטום.

די פאַרגרעסערונג פון דער האַכנאָסע פון דער וויין־מאָנאָפּאָליע האָט געגעבן גלענצנדיקע רעזולטאַטן: פונם וויין־פאַרקויף האָט זיך איינגעגעבן אָפּשפּאָרן 750.000 רובל, אויף וועלכע ס'איז געגרינדעט געוואָרן דער ערשטער באַנק פונם אַדל אין רוסלאַנד.

(מ. פּאָקראָווסקי, „רוסישע געשיכטע“, באַנד 3, ז. 85—90).

2. די באַדייטונג פונם אַדל אין גובערניע און אין קרייז.

אין מיטן 18־טן יאָרהונדערט איז דער אַדל געווען אומצופרידן דערפון, וואָס די מאַכט אין די קרייזן און אין דער גובערניע פלעגט באַשטימט ווערן פון צענטער. אין די אינסטרוקציעס פאַר זייערע דעפוטאַטן, וועלכע זיינען אין 1767 יאָר געפאָרן אין דער קאָמיסיע אַף צונויפצושטעלן אַ נייעם געזעצבוך, האָבן זיי קלאָר אויסגעדרוקט זייערע פאַרלאַנגען וועגן אָפשאַפן דיזאַזיקע סיסטעם און איבערגעבן די מאַכט אַף די ערטער אין די הענט פון די, וואָס דער אָרטיקער אַדל וועט אויסוויילן.

„פון אַמאָליקע צייטן און אַהצאַיאַם ווערן דורכן רעגירנדיקן סענאַט באַשטימט „וואָיעוואָדעס“ אין די שטעט, — אַזוי האָבן געשריבן די קאַזעלסקער אַדעליקע! — און העזוים ווי דער סענאַט קאָן ניט וויסן אַלע איינגשאַפטן פון זייערע אַמטן אַראַנק דער גרויסער צאָל פון די, וואָס ווערן באַשטימט אַלס „וואָיעוואָדעס“, וואָלט געווען ווינטשנסווערט איבערצוגעבן דעם אויסוואַל פונם „וואָיעוואָדע“ דעם אַדל פון דער שטאָט, קעדיי זיי זאָלן אויסוויילן עמיצן פון זייערע כאַווייריםס“.

אָבער, אויב שוין איבערגעבן אין די הענט פון די אָרטיקע פריצים די קרייזישע אַדמיניסטראַציע ביז איר אויבערשט קעפל, איז פאַרוואָס זשע זאָל מען דעמאָלט ניט איבערגעבן אין זייערע הענט אויך דעם אָרטיקן געריכט? באַשיידענער פון אַנדערע זיינען אין דעם פראַט געווען די קאָסטראָמער אַדעליקע. די סודיסלאַווער אַדעליקע האָבן זיך אויסגעדרוקט אַזוי: „גאַנץ באַהילפיק און נוצלעך וואָלט געווען פאַרן אַדלטום, ווען אייער אימפעראַטאָרישע מאַיעסטעט, גנעדיקע מוטער פונם פאָטערלאַנד, זאָל באַוויליקן צו באַפעלן גרינדן פאַרן אַדלטום אַ מונדלעכן געריכט און לויט אים באַשטימען יענעם קרייז פון די אַדעליקע, וואָס וועט אויסוויילן פון דער „געזעלשאַפט“ אַ ריכטער און פיר געהילפן צו אים, אויסגעקליבענע אַפן זעלביקן אופן... און מישפעטן זאָל זיי דערלויבט ווערן די אונטנאָנגעוויזענע איניאַנים, דהאינע: מאַכלויקעס, געשלעגן, פאַרניכטונג פונם טוואָוע און לאָנקעס, האָקן וואַלד, איבעראַקערונג פון ערד און פאַרשיידענע באַקאַשעס (אַכוץ קרימינעלע און אויספאָרשונג־איניאָנים) וואָס טרעפן זיך, קעדיי די אַדעליקע זאָלן זיין פריי פון די קאַנצעליאַרישע פאַרשלעפעניש און זאָלן קאָנען באַקומען פאַר זיך שנעל אַ קליינע באַפרידיקונג, אָנעמענדיק עס פאַר אַ גרויסער טויווע, מאַכמעס צווישן די אַדעליקע איז פאַראַן אַ גרויסע צאָל אַזוינע, וואָס ווייסן ניט די פאַראָנדקעס, און אַנדערע זיינען גאָר ניט שריפטקענעוודיק“.

ס'איז גאַנץ נאַטירלעך, אַז די קאַלוגער אַדעליקע האָבן זיך ניט באַנוגנט בלויז מיטן איבערגעבן צום אַדלטום די נידעריקע געריכט־אינסטאַנציעס. „אַפן איינגעשטעלטן אַדעליקן געריכט זאָל מען קאָנען מאַכן אַן אַפעליאַציע פון יעדער קרייז־שטאָט גלייך אין די גובערניע־שטעט אינעם געריכט, וועלכער איז אויך אויסגעוויילט פונם גאַנצן אַדל“, אַזוי האָבן זיי זיך מישטאַדל געווען. אינעם דאָזיקן גובערניאַלן געריכט איז די צענטראַלע מאַכט געווען פאַרטראָטן בלויז דורכן גובערנאַטאָר, וועלכער האָט געזאָלט זיין דער פאָרזיצער אין אים.

די אפעליאציע־אינסטאנץ איז פארן גובערניאלן געריכט געווען דער סענאט אדער די יוסטיץ־קאלעגיע. די פערעמישלער און די וואראטינער ארעליקע (אין דער איצטיקער קאלוגער גובערניע) האבן פארלאנגט, אז די ארטיקע פראַקוראטור זאל זיין א געוויילטע; אזוי ארום האט זיך אף די ערטער געשאפן א געשלאסענער פראנט פון אדל־אנשטאלטן, וועלכער האט זיך געשטעלט אומיטלבאר אנטקעגן דער צענטראלער מאכט, וואס האגאם זי איז אויך געווען פונם אדל, אבער אין איר באשטאנד האבן זיך ארטיקע פריצים ניט געוואלט מישן. ווייטער האבן געשריבן די קאלוגער און די מעריגנער: „מיר באפולמעכטיקן אייך, געערטער הער דעפוטאט, פארלייגן אין דער גרינדונגס־קאמיסיע, אז דער אדל זאל אומעטום און אף שטענדיק באפרייט ווערן פון יעדער לייב־שטראף און פון שענדלעכער פייניקונג־שטראף און דעריבער אויך פון טויט־שטראף“.

דער קאשירער אדל איז אוועק נאך ווייטער און האט זיך דערעדט צו דער „עמעסער אומבארירלעכקייט פון דער פערזאן“, פארשטייט זיך, אויסשליסלעך פון דער אדליקער פערזאן. „מע וואלט גדארפט באשטימען, אז דער אדליקער, וועלכער באזיצט ווירקלעך א מאיאנטעק, זאל אן דעם וויסן פון אדל־אנפירער און זיינע געהילפן, קיינמאל איבער קיין שום איגיען ניט ארעסטירט ווערן אין זיינע דערפער“.

די אלע פארלאנגען רעזיומירט פאשעט און אפן די קאשירער אינסטרוקציע (פון דער איצטיקער טולער גובערניע): „דער אדליקער, וואס וואוינט אינם קרייז, זאל פון קיינעם ניט זיין אפהענגיק אכוץ פון די אדליקע פון יענעם קרייז. און די „וואיעוואדישע“ קאנצעליאריע און אנדערע וועלכע עס איז ני־דעריקער שטייענדיקע אנשטאלטן זאלן ניט קאנען איבערגעבן אין געריכט דעם אדליקן, אדער באשטימען אים אף א וועלכער עס איז פליכט, אדער נעמען אים צוליב א וועלכן עס איז איניען“. דער אדל האט געוואלט ווערן א פאליטיש פריווילעגירטער שטאנד.

און דערנאך, נאך דעם ווי ס'איז פאנאנדערגעלאזן געווארן די קאמיסיע פון 1758 יאר, איז דער גרעסטער טייל פון די פראקטישע פארלאנגען פון די אדליקע אינסטרוקציעס פארוואנדלט געווארן אין געזעצן, וועלכע האבן אין דער געשיכטע געקראגן דעם נאמען „די רעפארמעס פון יעקאטערינע דער 2־טער“. לויטן סטאטוט וועגן די גובערניעס פון 1775 יאר, איז די קרייז־פאליציי איבערגעגעבן געווארן דעם קאפיטאן־איספראווניק, וואס פלעגט אויסגעוויילט ווערן דורכן אדל. ס'זיינען געשאפן געווארן געריכטן פון אדליקע ניט נאר אין די קרייזן, נאר אויך אין די גובערניעס (דאס העכערע זעמסקע געריכט), עס זיינען אפילע באפרידיקט געווארן די אדלישע פאדערונגען פון דער צווייטער מאדרייגע. אזוי, אשטייגער, איז איינגעארדנט געווארן די אפאטראפסעס פון די אדליקע, וועגן וועלכער עס האבן אסאך גערעדט די אינסטרוקציעס פון 1767 יאר, דער אדל־אנפירער האט פארנומען א באשטימטן ארט אין דער גובערניאלער אדמיניסטראציע. „די שריפט, וואס איז באוויליקט געווארן דעם אדל אין 1785 יאר, האט צוגעזאגט, אז בא קיין „אדליקע“ וועט מען אינם געריכט ניט אוועקנעמען ניט זיין אדליקע ווירדע, ניט זיין ערע,

ניט זיין לעבן און ניט זיין נאָמען, אַז ער וועט געמישפּעט ווערן נאָר פון זיינע גלייכע, אַז אים וועט ניט אָנרירן די לייב־שטראָף; אַז מיט די אַדעליקע, וואָס זיינען אין די נידעריקע ראַנגען, וועט מען זיך בעאַיים אַלע שטראָפירונגען באַגיין אַזוי ווי מיט אָבער־אָפיצערן; אַז דער אַדעליקער האָט רעכט צו קויפן דערפער, בויען אין זיי פאַבריקן און זאַוואָדן, האַנדלען אין הורט מיט לאַנדווירטשאַפטלעכע פּראָדוקטן, פירן האַנדל מיט אויסלאַנד; ס׳איז דערקלערט געוואָרן, אַז דאָס רעכט פון אייגנטום אַף ערד פאַרשפּרייט זיך אויך אַף די „אויצרעס פון דערדאָזיקער ערד“, אַזוי אַז די מינעראַלן, וואָס שטשערבאַטאָוו האָט דורכגעלאָזן אין זיין נאָקאַז, זיינען טאַקע ניט אַוועק פון די הענט פון די אַדעליקע. לעסאָף, איז דער פאַרזאַמלונג פון די אַדעליקע געגעבן געוואָרן די דערלויבעניש צו דערלאַנגען מעלדונגען און אָנקלאָגן דורך זייערע דעפּוטאַטן „כאָי דעם סענאַט און סאַי איר קייזערלעכער מאַיעסטעט אַפן סמאַך פון די געזעצן“.

(מ. פּאָקראָווסקי, „רוסישע געשיכטע“, באַנד 3, ז. ז. 110—120).

3. די קראַפט פונם אַדל אין דאָרף.

שטאַרק איז געווען דער פּאַריץ אין דאָרף. דער אַדעליקער פון יעליזאַוועטעס עפּאָכע איז אַן „עכטער מאַלכעס אין זיין מאַיאָנטעק“. די צענטראַלע מאַכט, וואָס פלעגט זיך נאָך גאָר ניט לאַנג, אין פּיאָטרס צייטן, גאַנץ ענערגיש אַריינמישן אין די אינערלעכע באַציאונגען פונם גוט, גייט אומבאַמערקט אַפּ אַן אַ זייט. דער באַפעל פון 1719 יאָר, וועלכער האָט געהייסן אָפּגעבן אין מאָנאַסטיר אַף „אויסבעסערונג“ די אַדעליקע, וועלכע רואינירן די פּויערים פון זייערע מאַיאָנטקעס, איז געווען, אייגנטלעך, די איינציקע יורידישע צוים פאַרן פּריצישן ווילקיר אין מעשעך פונם גאַנצן 18־טן יאָרהונדערט, אָבער וועגן אים האָבן, אַפּאָנים, די פאַרגעניער פון יעקאַטערינע דער 2־טער אינגאַנצן פאַרגעסן. דערפאַר אָבער פירט דורך די פּראַקטיק מיט אַן אומגעוויינלעכער אויסגעהאַלטנקייט דעם קוק אַפן פּויער, ווי אַף אַן „אונטערטאַן“ פון זיין פּאַריץ. שוין איינער פון די באַפעלן אינם סאָף פון פּיאָטרס הערשאַפט פאַרערט פונב פּויער, וואָס גייט אַוועק פאַרדינגען אין שטאָט, אַ פּאַספּאָרט, וואָס דאַרף אַרויסגעגעבן ווערן פונם פּאַריץ און וועלכער דאַרף וויזירט ווערן פון די אַזוי גערופענע פאַרשטייער פון דער צענטראַלער מאַכט — פון די זעמסקע קאָמיסאַרן און פונם פּאָלקאָווניק. אין די פאַלן פון ניט ווייטן אָפּפאָר, אָדער בעאַיים די רעגירונג האָט צוליב די אָדער אַנדערע סיבעס געוואָלט פאַרגרינגערן דעם פּויערשן אָפּגאַנג אין שטאָט, ווי דאָס איז געווען, אַשטייגער, בענוגיע די שיף־אַרבעטער, האָט זיך קיין וויזע פון די רעגירונגס־אַגענטן ניט געפאָדערט, און ס׳איז גענוג געווען די דערלויבעניש פונם פּאַריץ אַליין, פונקט ווי איצטער ווערן אין די גרעניץ־געגנטן פאַרייניפאַכט די פּאַס־פאָרמאַליטעטן קעדיי גרינגער צו מאַכן דעם פאַרקער.

דער יעליזאַוועטישער געזעץ פון 1760 יאָר האָט געגעבן די פּריצים דאָס רעכט אַרויפצולייגן אַף זייערע פּויערים איינע פון די שווערסטע קרימינעלע

שטראָפֿן — פֿאַרשיקן זיי אין סיביר. ווי קעדיי אונטערצושטרייכן דעם כאַראַקטער פֿון דער פּריצישער הערשאַפֿט איז אין דעם פֿאַל ניט דערלויבט געוואָרן קיין אַפּעליאַציע אויפֿן פּאָריצס באַשלוס. אין דערזעלבער צייט, קעדיי דער פּאָריץ זאָל ניט ליידן קיין מאַטעריעלן שאָדן פֿון דעם, וואָס ער פֿלעגט באַשטראָפֿן זיין פּויער, האָט מען דעם פֿאַרשיקטן פֿאַררעכנט פֿאַר אַ „רעקרוט". אַדאַנק דער דערלויבעניש, וואָס איז געגעבן געוואָרן דעם אַדלטום צו פֿאַרשיקן לויטן אייגענעם אורטייל זייערע אונטערטעניקע, בעאיים דאָס גריכט קאָן אַפֿילו ניט פֿרעגן וועגן די סיבעס פֿון דער פֿאַרשיקונג און אויספֿאָרשן דעם איניען, קומען טאָג-טעגלעך פֿאָר די סאַמע נידערטרעכטיקע געשעענישן", — אַזוי האָט געשריבן יעקאַטערינען דער 2-טער דער נאָווגאָראָדער גובערנאַטאָר סעוורס.

יורידיש זיינען די פּריצישע רעכט געווען באַגרעניצט בלויז אין איין פּונקט: קיין רעכט איבערן לעבן און טויט פֿון זיינע פּויערים האָט דער פּאָריץ קיינמאָל ניט געקראָגן.

פֿאַר טויטן אַ לייבאייגענעם האָט דער פּאָריץ געזאָלט אונטערפֿאַלן דער געריכט-פֿאַרפֿאָלגונג אין פֿאַל, אויב ער האָט דערמאָזיקן מאָרד באַגאַנגען פֿעדזענלעך און דערביי ניט צופֿעליק, נאָר מיט אַ פֿאָרויס באַשטימטער קאַוואָנע. אויב אָבער דער לייבאייגענער איז געשטאָרבן פֿון די פֿאָלגן פֿון אַן אַכזאָריעסדיקער שטראָף, וואָס דער פּאָריץ האָט באַשטימט, וועלכע איז אָבער אויסגעפֿירט געוואָרן דורך אַנדערע מענטשן (אַשטייגער, פֿון זיין לייבאייגענעם אויפֿזעער), האָט אין דעם פֿאַל דער פּראָעקט אַרויפֿגעלייגט די אַכראַיעס אויף די לעצטע. אין דער פּראַקטיק פֿלעגן די פּריצים קימאַט טאָגטעגלעך שמייסן זייערע פּויערים צום טויט און קיינער פֿלעגט זיך אין דעם ניט אַריינמישן. ווען אַפֿילו די ווילדע שטראָפֿן פֿלעגן ניט אַרויסדרינגען פֿון דער קרימינעלער יורידיקציע פֿונם פּאָריץ, נאָר זיינען געווען סתּם אַ ליבהאָבערישע מאַטערניש, פֿלעגט מען אויך דערמאָלט דערויף קוקן דורך די פֿינגער: דער איניען וועגן דער באַרימטער „סאַלטיטשיכע" האָט זיך אָנגעהויבן איין און צוואַנציק מאָל און אָן שום רעזולטאַטן. און ווען דער איניען איז שוין פֿאַנאַנדערגעקליבן געוואָרן אין דער יוסטיץ-קאָלעגיע, זיינען די, וואָס האָבן דערלאַנגט אויף דער סאַלטיקאָווא, אירע לייבאייגענע, באַשטראָפֿט געוואָרן מיט רימער: אַזוי שטרענג האָט דער סענאַט מעקאַיעם געווען דעם געזעץ, וועלכער איז ניט איינמאָל באַשטעטיקט געוואָרן אין משך פֿונם 18-טן יאָרהונדערט, — אַז אויפֿן פּאָריץ טאָר מען זיך ניט פֿאַרקלאָגן. אין די גרעניצן פֿון דער פּריצישער הערשאַפֿט האָט די צענטראַלע מאַכט געקאָנט אַריינדרינגען אָדער דורך איר איינענער איניציאַטיוו, אָדער דורך דער איניציאַטיוו פֿונם פּאָריץ אַליין, אָבער פֿאַר די אונטערטעניקע פֿון דעם פּאָריץ פֿלעגט זיך זייער מעלוכע ענדיקן מיט זייער פּאָריץ: גיין ווייטער אָן דער דערלויבעניש פֿונם פּאָריץ האָבן זיי ניט געטאָרט.

די בויניקונג האָט אין דער מעלוכע-פּראַקטיק אָנגעהויבן צו פֿאַרשווינדן אין יענער צייט: מע פֿלעגט זי באַנוצן בלויז בײַ אַ פּאָליטישן אונטערזוך און

בא דער אויספאָרשונג פון וויכטיקסטע קרימינעלע איניאָנים. אין דער פּריצישער „מעלוכע“ אָבער האָט די פייניקונג געהאַלטן אין סאַמע בליען און ס'פלעגן זיך געפינען ליבהאָבער פון דערדאָזיקער מייסטערשאַפט. שוין אין אָנהויב פון יעקאַטערינעס הערשאַפט האָט איינער אַן אָרלאָווער פּאָריץ, שעגשין, איינגעאָרדנט בא זיך אין דאָרף אַן עמעסע טפיסע מיט אַלע איינריכטונגען — מיט מאַטער־צוואַנגען א. אַז. וו. בא שעגשינען פלעגן צייטנווייז „אַרבעטן“ ביז 30 טאַליאַנים מיט זייערע געהילפן. געפייניקט האָט מען ניט בלויז לייבאייגענע, נאָר אויך פרייע „באַזיצער פון איין הויף“, קאַנצעליאַריסטן און אַפילע גאַלאָכים. פאַר פייניקן איינעם אַ סויכער האָט זיך טאַקע פאַרטשעפּעט דער גאַנצער איניען: דער סויכער האָט אָנגעקלאָגט, און אַזוי ווי ער איז געווען ניט קיין לייבאייגענער, האָט זיך אָנגעהויבן אַ פּראָצעס. דעם גאַלעך האָט שעגשין געפייניקט, כוישעד זייענדיק אים, אַז ער האָט געגעבן זיינע לייבאייגענע אַ „קישעפוואָרצל“ קעדיי אומצוברענגען דעם פּאָריץ. אַן אַנדער פּאָריץ האָט געפייניקט זיין פויער מיטן וויב און זון צוליב כשאַד, אַז זיי האָבן אים געשעדיקט. ליבהאָבער פון פייניקונג זיינען פאַרהעלטנישמעסיק געווען אַ זעלטנקייט. אָבער בעשום אויפן זיינען עס ניט געווען קיין אויסנאַם־אויסוואָרפן. שלאָגן אַ לייבאייגענעם האָט זיך גערעכנט פאַר אַזאַ נאָרמאַלע זאַך, אַז דערמיט האָבן זיך ניט געשעמט אַפילע די פאַרשטייער פון דער דעמאָלטיקער אינטעליגענץ און זיי פלעגן דערנאָך אַפילע אַליין דערציילן וועגן זייערע העלדנטאַטן, ווי וועגן אַ גאַנץ נאָרמאַלע זאַך. באָלאָטאָוו, דער מעכאַבער פון די באַרימטע מעמואַרן און פונעם ביכל „דער וועגווייזער צום עמעסן מענטשלעכן גליק“, וועלכן ס'האָט אַרויסגעגעבן נאָוויקאָוו, דערציילט אַליין, ווי אַזוי ער האָט געפייניקט זיין לייבאייגענעם סטאָליער, האָט אים געשמיסן עטלעכע מאָל, קעדיי ניט צו פאַרשמייסן צום טויט, האַלטנדיק אים אין די האַפּסאַקעס אַף אַ קייט. דערמיט האָט ער דערפירט דעם סטאָליער צו זעלבסטמאָרד, איינעם פון זיינע זין — צו אַ פּרוּוו פון זעלבסטמאָרד, און דעם אַנדערן — צו אַ פּרוּוו צו דערמאָרדן באָלאָטאָוון אַליין; אָבער אַפילע אַט דער טראַגישער סאָף האָט ניט אַרויסגעפירט באָלאָטאָוון אַפן געדאַנק, אַז ער איז באַגאַנגען עפּעס אומנאָרמאַלעס: פאַרקערט, ניט נאָרמאַלע מענטשן, „עמעסע גאַזלאָנים, בונטאָווש־שיקעס און אויסוואָרפן“ זיינען בא אים אויסגעקומען די לייבאייגענע, וואָס ער האָט פאַרפייניקט, האָגאַם ער אַליין אָנערקענט, אַז פריער זיינען דעם סטאָליערס זין געווען גוטע אַרבעטער.

ס'איז קיין וואונדער ניט, וואָס דער פּאָריץ, וועלכער האָט פאַרלאָרן די פעאיקייט צו האַלטן דעם לייבאייגענעם פאַר אַ מענטשן און האָט אין אים געזען ניט מער ווי אַ זאַך, פלעגט אים פאַרקויפן צוזאַמען מיט באַלעבאַים און האָט געדרוקט אַזעלכע מעלדונגען: „ס'פאַרקויפט זיך אַ מויד, וואָס קאָן נייען וועש. אינם זעלבן אָרט פאַרקויפן זיך בריליאַנטענע זאַכן און פאַרביקע שטיינער און אַן אָקס פון אַ גוטן מין פאַר צוטריטלעכע מעקאָכים“.

(מ. פּאָקראָווסקי, „רוסישע געשיכטע“, באַנד 3, ז. ז. 92—96).

ש. טאָמסינסקי

פוגאַטשאָווס אויפשטאַנד

.1

דער פּראָצעס פון דער אורשפּרינגלעכער קאַפּיטאַליסטישער אָנזאַמלונג האָט זיך אין רוסלאַנד פאַרצויגן אַף אַ גאַנצן יאָרהונדערט. די פאַראָנזאַמלונג פון קאַפּיטאַל איז אין ענגלאַנד פאָרגעקומען ניט בלויז אַפן כעשבן פון „אַרומצוימען" דעם פּויער, נאָר אויך אַפן כעשבן פון די קאָלאָניעס, וועלכע פלעגן געראַבירט ווערן מיצאַד די פאַרשיידענע האַנדלס־קאָמפּאַניעס. אין רוסלאַנד אָבער האָבן צוויי הונדערט טויזנט פּריצים געראַבירט אויסשליסלעך 25 מיליאָן אייגענע פּויערים און אַן אומבאַדייטנדיקע צאָל „פרעמדע". ס'איז פאָרגעקומען אַ לאַנגזאַמע און אַ פאַראַקשנטע מילכאָמע פון צוויי ווירטשאַפטלעכע סיסטעמען — פונם קאַפּיטאַל, וועלכער האָט שוין געהאַט אָנגעהויבן צו אָרגאַניזירן די פּראָדוקציע, און פון די וואַנדערנדיקע באַוואָפנטע שוואָטים פון די מיזרעכדיקע ראַנד־געביטן, וועלכע זיינען קוים באַרירט געוואָרן פון דער פּאַשעטער סכוירע־ווירטשאַפט. דער האַנדלס־קאַפּיטאַל האָט געהאַלטן אין ענערגיש דראַבערן די ברעגן פון די יאַמען, נייע האַנדלס־וועגן און אין שאַפן אַ מעכטיקן צענטראַליזירטן אַפּאַראַט. איטלעכער ניצאָכן זיינער פלעגט באַגלייט ווערן מיטן בויען נייע מאַנופאַקטורן און זאַוואָדן, ד. ה. מיט עקספּראָפּריאירן נייע צענדליקער טויזנטער פּויערים... אַנטלאָפענע, יעסוימים, „די, וואָס געדענקען ניט קיין קרויוועשאַפט", נאַוועגאַדניקעס, שלעפּערס, זוינעס, געפאַנגענע, סאָלדאַטסקע קינדער, פאַרשיקטע מיט אויסגעריסענע נאָזלעכער, „פרעמדגעבירטיקע", פאַר באַטייליקן זיך אין אויפשטאַנדן, רעקרוטן, אַרבעטער, וואָס קענען די באַרג־אַרבעט, — אַלע פלעגן פאַרשיקט ווערן אין די קאַטאָרזשנע באַרג־גרובן, פלעגן לעבעדיקערהייט באַגראָבן ווערן אין די שאַכטעס און אומקומען אַפן וועג פון צענטראַל־רוסלאַנד קיין סיביר...

ביז די 80־ער יאָרן פון 18־טן יאָרהונדערט פלעגט רוסלאַנד אַרויסבאַקומען צוויי מאָל אַזוי פיל טשוהון, ווי ענגלאַנד, און פלעגט אַרויספירן קיין אויסלאַנד אַ העלפט פון איר פּראָדוקציע. אין די 20־ער יאָרן פון 19־טן יאָרהונדערט פלעגט נאָך רוסלאַנד באַקומען טשוהון אַנדערהאַלבן מאָל אַזוי פיל, ווי פראַנקרייך, 4 מיט אַ האַלבן מאָל אַזוי פיל, ווי פּרייסן, 3 מאָל מער פאַר בעלגיע.

אינם יאָר 1784 ווערט קאָנסטאַטירט אין ענגלישן פּאַרלאַמענט, אַז ענגלאַנד קאָן זיך ניט באַגיין אָן רוסישן לייזן און אַז די רוסישע רויוואַרג איז מאַמאָשעסדיק נויטווענדיק פאַר דער ענגלישער אינדוסטריע און פאַרן ענגלישן האַנדל. לויט די אָנגאַבן פון סאָף 18־טן יאָרהונדערט (1788) האָט רוסלאַנד געהאַט אַריינגעפירט אין פראַנקרייך מער סכוירעס, ווי די צאָפן־אַמעריקאַנישע שטאַטן, און מער ווי פּרייסן, שוועדן, דענעמאַרק מיט נאָרוועגיע, שווייץ, מילאַן און ווענעדיק צוזאַמען.

סאָף 16־טן יאָרהונדערט האָט ענגלאַנד יאָר־יערלעך אַרויסבאַקומען ביז 6 מיליאָן פוד טשוהון, און אין יאָר 1740 — ניט מער ווי 1.080.000 פוד. די

גרעניצלאזע וואלד־רייכטימער האבן פאר רוסלאנד באזארגט די העגעמאניע אף דעם געביט ביזן יאר 1784, ד. ה. ביז דער צייט, ווען דאס פודלינגירן האט אנגעהויבן א נייע ערע אין דער מעטאלורגיע. לויטן סכום פון איר ארויס־באקום איז רוסלאנד געגאנגען פאר ענגלאנד, נאר זי פלעגט בלייבן אסאך הינטערשטעליק אין איר טעכניק. מאכמעס דער פרייער לוין־ארבעט פלעגט איין ענגלישער שטיק־אויוון אין יאר 1740 געבן 22.040 פוד טשוהון, און איין רוסישער אויוון פלעגט אין 27 יאר ארום געבן ניט מער ווי 4643 פוד. קעדיי צו האלטן זיך אפילע אף אזא נידעריקער מאדרייגע, האט דער קאפיטאל געמוזט אומבערעכנמאנעסדיק בארויבעווען די לייבעדיקע ארבעטס־קראפט: ניט אלע זאוואדן פלעגן געברויכן די מער טייערע ארבעטס-קראפט—פערד. פון 1734 יאר אן פלעגט מען צו א שטיק־אויוון צופעסטיקן פון 100 ביז 150 פויערשע הויפן, צו איטלעכן האמער — 30 הויפן, צו א קופער־זאוואד — צו 50 הויפן אף 1000 פוד געשמאלצענעם קופער. אין 20 יאר ארום איז די צאל צוגעפעס־טיקטע צו 1 אויוון קלענער געווארן און דאס אויסשמעלצן איז גרעסער געווארן. פאר 32 יאר צייט (1745—1777) איז די צאל אויוונס, שטיק־אויוונס און האמערס גרעסער געווארן 5 מאל אזוי פיל (פון 215 ביז 1055), און די צאל ארבעטער — נאר 3 מאל אזויפיל (פון 87.253 ביז 243.452). די ארבעטס־פראדוקטיוויקייט פון איין ארבעטער איז גרעסער געווארן אף 166%. דערדאזיקער דערפאלג איז ארויסגערופן געווארן ניט דורך דער טעכנישער אויסשטאטונג, נאר דורכן דרוק אפן ארבעטער. די פאבריקאנטן האבן אין יאר 1736 באקומען דאס רעכט צוצושרייבן צו די זאוואדן ניט גאנצע דערפער, נאר איינצלנע מישפאכעס, לויטן אויסוואל. די פאבריקן פלעגן ארויסכאפן די אויסדערוויילטע, די בעסטע פויערשע ווירטשאפטן. דאס האט געגעבן גינסטיקע רעזולטאטן. די פויערשע מישפאכע איז כארעוו געווארן. צווישן די „אייגענע" ארבעטער פון די פריוואטע זאוואדן איז צום סאף 18־טן יארהונדערט געווען 49.372 מענער, 60.474 פרויען און ניט קיין קליינע צאל קינדער, פון 9־יאריקן עלטער אן און יונגער. אין יאר 1725, באם באגינען פון דער בארג־ארבעט, איז צו די בארג־זאוואדן געווען צוגעשריבן 30.000 קינדער און ערעוו דער „פוגאטשאווּר־שטשינע" — 243.452!

אף די זאוואדן פון די „מאנופאקטור־קאלעגיעס" איז דעמאלט געווען פון 33 ביז 67% פרייע לוין־ארבעטער, אבער אף די בארג־זאוואדן זייגען די פרייע לוין־ארבעטער קימאט ניט קענטיק געווען. די פאבריקאנטן האט ניט געלוינט צו פארגרעסערן די צאל פרייע לוין־ארבעטער, וועלכע ס'איז שווער געווען צו באקומען פאר א נידעריקן ארבעטס־לוין...

די קאנצענטראציע פון די זאוואדן איז שנעל געוואקסן. די מעטאלורגישע אינדוסטריע איז שוין דעמאלט געווען א גרויס־פראדוקציע. אין 1767 זייגען געווען 28 זאוואדן מיט ביז 1000 ארבעטער, 24 זאוואדן מיט א צאל ארבעטער ביז 5 טויזנט און 8 זאוואדן מיט א צאל ארבעטער ביז 14 טויזנט. ערעוו דער „פוגאטשאווּשטשינע" האט זיך די קאנצענטראציע פארשטארקט. די צאל צוגע־שריבענע צו די איינצלנע זאוואדן האט דערגרייכט ביז 30—40 טויזנט און מער.

דאָס ראָגן זאַוואָדן איז גענעפּנט געוואָרן אין די 40—60־ער יאָרן פון 18־טן יאָרהונדערט. אין די ערשטע 49 יאָר פונם באַרגזאַוואָדישן אוראַל (1740—1749) איז געעפנט געוואָרן פונקט אַזוי פיל זאַוואָדן (79), וויפל (78) אין משך פון די שפּעטערדיקע 19 יאָר (1750—1769). דער פאַרדרייפאַכטער אַנטוויקלונגס־טעמפּ פון די זאַוואָדן האָט אין צוזאַמענהאַנג מיטן אויסלענדישן עקספּאָרט אַרויסגערופן אַ פאַרשאַרפטן קאַמף פאַר אַרבעטס־הענט. די פאַבריקאַנטן האָבן זיך געקלאָגט, אַז „דער געשעפט וואָלט געגעבן אַסאַך אַ גרעסערן רעוואַך, ווען עס זאָל זיין אַ גענוגנדיקע צאָל אַרבעטער". אַף אַסאַך זאַוואָדן פלעגט מען אַפילע ניט טאָמיד אַרבעטן מאַכמעס דעם, וואָס עס פלעגן אויספעלן אַרבעטער. מאַכמעס דעם זיינען אַפילע פאַרקויפט געוואָרן אייניקע גרויסע זאַוואָדן. די פאַבריקאַנטן פלעגט אויסקומען שיקן נאָך אַרבעטער ווערביר־אַגענטן אין אינערלעכן רוסלאַנד. דער אומבאַדייטנדיקער קרייז פרייע לוין־אַרבעטער פלעגט ווערבירט ווערן פון די אָרטיקע פרעמדע פעלקער פאַר אַזאַ סכירעס, „וועלכע פלעגט גאַניץ גוט באַלוינען דעם פאַבריקאַנטס טירכע".

די פרייע לוין־אַרבעטער פלעגן מאַכמעס דעם אַוועקלויפן, אָבער די אייבערגעבליבענע זיינען געווען פאַרבונדן מיט אַלגעמיינע אָרעמס פאַר די אַנטלאָפענע. די גרויסע דעמידאָווער קאַליוואַן־וואָסקרעסענסקער זאַוואָדן, וועלכע האָבן פאַר 24 יאָר צייט (1747—1771) פאַרגרעסערט זייער אַרבעטער־באַפעלקערונג קימאַט אין 13 מאָל אַזוי פיל (פון 3121 ביז 40.016), האָבן געוואָלט צופעסטיקן צו די זאַוואָדן ניט בלויז די פויערים, נאָר אויך די סאָכרים פון די מעלוכישע פויערים, שטאָטישע סאָכרים און האַנטווערקער, און האָבן געפלאַנעוועט נעמען פון זיי ספּעציעל רעקרוטן.

אין קאַמף מיטן אַנטלויפן און מיט די אויפשטאַנדן פון די אַרבעטער האָבן זיך די זאַוואָדן פאַרוואַנדלט אין אַ טעריטאָריע, וואָס איז אַרומגענומען פון אַן אומאויפהערלעכן בירגער־קריג. זיי פלעגן אַרומגערינגלט ווערן מיט הילצערנע באַפעסטיקונגען, מיט גראָבנס, מיט טורעמס, באַוואָפנטע מיט קאַנאָנען. אַרום דער זאַוואָדישער געביידע פלעגן אַוועקגעשטעלט ווערן באַטאַרייען מיט אַרטילעריע. אַף אַסאַך זאַוואָדן פלעגט אויסמאַכן 1 סאָלדאַט אַף איטלעכע 10 אַרבעטער. צו דער אַרבעט און פון דער אַרבעט פלעגט די אַרבעטער אָפּט באַגלייטן אַ באַוואָפנטער קאָנוואָי. פון „פוילקייט" פלעגט מען אויסהיילן מיט שפּיצרוטער, שטעקנס, בייטשן, מיט קייטן, מיט אָפּגאָלן אַ האַלבן קאָפּ, מיט פייניקן, מיט אָפּרעכענען פון די סכירעס, מיט נעמען כאַבאַר, מיט מיליטערישער דיסציפּלין, מיט פענטעס בעשאַס דער אַרבעט, מיט בויען דאַמבעס אום ווינטער, מיט פאַרשפאַרן אין צוכט־קאַמער, מיטן אָנבינדן אַפן האַלז אַ יאָך, מיט איבערשטונדן־אַרבעט, מיט איבערפירן אַף אַן אַרבעט, „וואו ס'קאָן נאָר זיין שווערער און מיעסער, קעדיי אַז זייענדיק פאַראַכט באַ אַנדערע אַרנטלעכע מענטשן, זאָלן זיי מער פילן די שטראָף פאַר זייער כוצפּע"...

די פויערים און די איינגנטלעכע האנטווערקער פלעגן וואוינען אף א מיטהאלעך פון הונדערטער ווערסט (300—700—800) פון די זאוואדן. צווישן די זאוואדן זיינען די וועגן געווען ניט דורכצוגיין, בלאטעס, טייכן, וועלדער. „מיט גרויס מי קומען מיר צו פארן אפן זאוואד, — פלעגן זיך קלאגן די פויערים, — און צום פארן צוריק ווערט פארפאלן דאס פערד“.

דער סענאט איז געווען קעגן פארגרעסערן די סכירעס, ווייל יעמווידעס העכערן דעם לוין איז אומפארמיידלעך גוירעס א יאקרעס אף די פאבריקאטן, איז געפערלעך, אז דורכן העכערן דעם לוין זאלן די פרייזן אף די רוסלענדישע פראדוקטן ניט שטייגן אזוי ווייט, אז מע זאל זיי ניט קאנען פארקויפן אין אויסלאנד“. אף די פריוואטע זאוואדן פלעגט מען די ארבעטער עקספלואטירן אסאך מער. צו די פריוואטע זאוואדן פלעגן די פויערים אפט צוגעשריבן ווערן אן ערד און זיינען געווען געצוואונגען, קעדיי צו שפייזן זיך, אנדינגען ערד בא די באשקירן. מיט דעם לאזט זיך דערקלערן דער פאקט, וואס די ארבעטער פון די פריוואטע זאוואדן פלעגן נעמען א מער ענערגישן אנטייל אין אויפשטאנד, ווי די ארבעטער פון די מעלוכישע זאוואדן.

בעכיין האט זיך די פראגע וועגן „זיין אדער ניט זיין“, לעבן אדער שטארבן, געשטעלט אין איר גאנצער שארפקייט פאר די ארבעטער און די פויערים אין די 70־ער יארן פון 18־טן יארהונדערט, ווען די אינטענסיפיצירונג פון דער פאנשטשיזנע און דאס צערייבן די ארטיקע ערד פאר דער בארג־ארבעט האבן דערגרייכט דעם העכסטן גראד. דער בארגארבעטער־ראיאן און די „פרעמחפעלקערדיקע“ האבן געענטפערט מיט דער פוגאטשאוושטשינע.

.2

... פוגאטשאווס ארמייען פלעגן אויסוואקסן בעפויעל מאמעש פון אונטער דער ערד. יעקאטערינעס גענעראלן האבן זיך פולשטענדיק פארלארן, ווען זיי זיינען געקומען אין באריר‌ונג מיט די אויפשטענדלער. אין זייערע אויגן איז פוגאטשאוו געווען עפעס א מין קישעפמאכער, „א רויע וואיינע נירע“...

פוגאטשאוו האט אנגעהויבן אפערירן אין מיטן סענטיאבר 1773. אנגרייפנדיק אף „יאאיצקי גאראדאק“ מיט א מאכנע פון 300 מאן, האט ער שוין אין 4 טעג ארום געהאט א מאכנע פון טויזנט מאן. סאף סענטיאבר איז ער מיט א דרייטויזנטיקער מאכנע צוגעקומען צו דער טאטישטשעווער פעסטונג. האבנדיק גענומען זי, האט פוגאטשאוו איינגענומען ניט בלויז א באפעסטיקטן פונקט, וואס איז געלעגן אפן וועג צווישן ארענבורג, דער סאמארער ליניע און יאאיק, נאר ער האט אויך פארניכטעט א מאכנע פון דעם בעסטן כאיל פון געגנט, וועלכע איז ארויסגעשיקט געווארן קעגן אים. זיין רוקן זיך צו „סאקמארסקי גאראדאק“ האט געהאט א גרויסן זין. דאס פארכאפן דעמדאזיקן פונקט האט געשטעלט ארענבורג אין א באלאגערונגס־צושטאנד. אין „סאקמארסקי גאראדאק“ האט פוגאטשאוו געהאט די מעגלעכקייט צו באאבאכטן די פארשטארקונג, וואס גייט צו ארענבורג פון צוויי זייטן: פון דער סאמארער ליניע און דעם מאסקווער וועג אדער פון דער ווערכנעאסעצקער ליניע און פון

סיביר. אַרומגייענדיק אָרענבורג, האָבן די פּוגאַטשאָווצעס דירעקט געווירקט אי אַף באַשקיריע, אי אַף דער רוסישער טראַנסוואָלגע־באַפעלקערונג. איין אַרמיי פון די אױפשטענדלער האָט בלאָקירט אָרענבורג, די צווייטע — אופאַ. אין פעברואַר און אין אָרענבורגער גובערניעס האָבן זיך אױפגעהויבן די באַרג־אַרבעטער, אינעם דאָרעם־טייל פון דער לעצטער גובערניע — די קירגיזן, אין סטאַווראָפּאָלער ראַיאָן — די קאַלמיקן, אין גאַנץ טראַנסקאַמער קאַנט — די באַשקירן א. אַז. וו. אין אָנהייב פון באַלאַגערן אָרענבורג איז פּוגאַטשאָווס אַרמיי באַשטאַנען פון 104.000 באַשקירן, 17.000 באַרג־אַרבעטער, 300 קאַלמיקן. אין דעקאַבער איז זי אויסגעוואַקסן ביז 140.000 מאַן. פרילינג 1774 יאָר איז אין אױפשטאַנד געווען אַריינגעצויגן ניט ווייניקער פאַר 300.000 מאַן. צעשלאָגן אין איין אָרט, פלעגן די רעוואָלוציאָנערע אַרמייען אױפשטיין טכיעס־האַמייסים אין אַן אַנדער אָרט. פרילינג 1774 האָבן די פּוגאַטשאָווצעס געליטן אַ שווערע מאַפּאָלע אונטער אָרענבורג אין דער טאַטישטשעווער פעס־טונג, און אין יוני־כוידעש, שטיצנדיק זיך אַף די באַרג־זאַוואָדן, האָט פּוגאַטשאָוו מיט אַ צוואַנציקטויזנטיקער אַרמיי געהאַלטן אין צוקומען צו קאַזאַן. האָגאַם אונטער קאַזאַן איז ער דריי מאָל צעשלאָגן געוואָרן, האָט דאָך זיין איבערגיין איבער דער וואָלגע טייקעף אַרויסגערופן אַן אױפשטאַנד אין דער ניזשני־נאָווגאָראָדער, קאַזאַנער, פּענזער, סימבירסקער, טאַמבאָווער, סאַראַטאָווער און וואָראָנעזשער גובערניעס. נאָך אים האָבן זיך געיאָגט דריי רעגירונגס־אַרמייען. די געפאַר פאַר מאָסקווע האָט געצוואונגען יעקאַטערינעס רעגירונג אַראָפּצונעמען די גאַנצע אַרמיי פון טערקישן פראָנט און אַ וואָרף טאָן אַף פּוגאַטשאָוון. די בעהאָלע איז גרעסער געוואָרן מאַכמעס דעם, וואָס קיינער פון די גענעראַלן האָט ניט געוווּסט, וווּהין ס'האָט זיך אַ לאָז געטאָן פון קאַזאַן פּוגאַטשאָווס הויפּט־אַרמיי. דער הויפּט־קאָמאַנדיר האָט געמיינט, אַז „דער ראָשע, פאַר־מאַטערנדיק די מאַכנעס, וועלכע פאַרפאָלגן אים, וועט זיך פלוצים אַ וואָרף טאָן אַף מאָסקווע". די רעגירונג האָט געהאַט אַ גרונט צו באַאומרואיקן זיך. אונטער קאַזאַן האָט פּוגאַטשאָוו פאַרלאָרן קימאַט זיין גאַנצן כאַיל. די דריי־טויזנטיקע באַשקירישע אַרמיי האָט אים פאַרלאָזן, ווי נאָר ער איז אַריבער־די וואָלגע. קיין סאַראַנסק איז ער שוין געקומען מיט 800, קיין פּענזע — מיט 3000 און, צולעצט, קיין סאַראַטאָוו — מיט אַ גרויסער 10.000־קער אַרמיי און מיט 18 קאַנאָנען! נאָך דער מאַפּאָלע אונטער סאַראַטאָוו איז זיין אַרמיי ווידער לעגענדאַריש אויסגעוואַקסן. אין שלאַכט אונטער צאַריצין אין אויגוסט 1774 האָט פּוגאַטשאָוו פאַרלאָרן 19 האַרמאַטן, 4 הויביצעס, די גאַנצע געפּעק, 2000 געהאַרגעטע און 6000 געפאַנגענע. „דער אוזורפּאַטאָר איז געגאַנגען איבעראַל, וווּ ער האָט נאָר געוואָלט, פאַרשטאַרקנדיק זיין האַמוין דורכן כאָרעוו מאַכן גרויסע און פילצאָליקע רייכטימער סאַי מעלוכישע, סאַי פּריוואַטע. פאַרבלענדעט פון אומוויסנקייט פלעגט דער האַמוין אומעטום מעקאַבל פּאָנים זיין דעם דאָזיקן אויסוואָרף פונעם מענטשלעכן געשלעכט מיט אויסגעשרייען". אָנשטאָט צו גיין דורך ניזשני־נאָווגאָראָד אַף מאָסקווע און אױפהויבן דאָרטן דעם גרויס־רוסישן פּויער — דעם לייב־קנעכט, איז פּוגאַטשאָוו

געלאָפן אַראָפּ מיט דער וואָלגע, האָפנדיק אַף דער הילף פונם דאָנער קאָזאַקנטום. ער האָט גערופן אין זיין אַרמיי די דאָנער קאָזאַקן, וועלכע ווילן „אַרויסווייזן אימפעט און האַסמאָדע באַם אויסראָטן די אַדל־לייט, וואָס זיינען פאַר דער געזעלשאַפט שעדלעך. ער האָט צוגעזאָגט די קאָזאַקן, אַפן ערשטן פאַל, אויסער דעם געהאַלט, צו 10 רובל סכאַר".

ניט צופעליק איז געווען אַזאַ טאַקטיק פון פּוגאַטשאָוום פירער. די יאַאיקער קאָזאַקן האָבן זיך געשטעלט אַ באַשרענקטע אויפגאַבע — באַפרייען דעם היימישן יאַאיק פונם גרויס־רוסישן האַנדלס־קאַפּיטאַל. אויב זיי האָבן זיך דאָך געשטעלט בעראָש פון אַ באַוועגונג, וועלכע איז אַרויסגעגאַנגען פון די ראַמען פון זייערע אויפגאַבן, זיינען זיי אין דעם שולדיק ווייניקער פאַר אַלץ: זיי האָט געטראָגן דער שטראָם. „די כוצפּע און די פרעכקייט פונם געמיינעם פאָלק פלעגן דערגיין ביזן העכסטן גראַד", ווען ס'פלעגן זיך באַקומען די „צאַרישע" מאַניפעסטן, וואָס פלעגן רופן „לעהאַשמיד אולעאַבעד די אַדל־לייט, וועלכע זיינען געוואוינט צו קערעווען מיט גאַנץ רוסלאַנד, ווי מיט בעהיימעס". די אויפשטענדלער פלעגן מאַסנווייז גיין צום „קייסער", וועלכער פלעגט, „ווי אַ מאַטאַנע, שיקן זיינע גרוסן די פאַרבלאָנדזשעטע און פאַרמאַטערטע, וואָס געפינען זיך אין צאַאר". זיינע „יעסוימיב" פלעגט ער שענקען „ערד, וואַסער, וועלדער, פישפאַנגען, דירעס, לאָנקעס, ברויט, גלויבן, געזעץ, זריע, שפּייז, העמדער, סבירעס, בליי, פולווער" א. אַז. וו.

אין 17־טן יאָרהונדערט האָט אַן אַנטלאָפענער קנעכט און אַן אָנפירער פון אַ קנעכטישן כאַיל — באָלאָטניקאָוו, אונטערן נאָמען פונם פאַלשן דימיטרי, אויפגעהויבן אַן אויפשטאַנד פון די לייבקנעכט. אין הונדערט יאָר אַרום, יען דער אַדמיניסטראַטיווער פּרעס איז ווידער פאַרשרויפט געוואָרן איבערהויפּט, האָבן זיך ווידער באַוויזן אומלעגאַלע און געוויידעפּטע „קייסאָרים", מיט וועלכע דאָס קנעכטישע רוסלאַנד פלעגט פאַרבינדן זיינע האָפענונגען. אַרבעטער און פויערים פלעגן יאָר־יערלעך שיקן קיין פּעטערבורג מעראַגלים נאָך „גערעכטיקע איינהענטיקע בריוו פון דער קייסערלעכער מאַיעסטעט". ווען ס'פלעגט זיך אויסשעפּן דער געדולד צו וואַרטן, פלעגט אָנהויבן ריידן די אַרטילעריע... דער אומגעריכטער טויט פון פּעטער דעם 3־טן, וועלכער האָט געהאַט פאַרבאָטן צו קויפן דערפער, האָט געפונען דעם לעבעדיקסטן אָפּקלאַנג צווישן דער באַרגזאַוואָדישער באַפעלקערונג, וועלכע האָט געהאַט אַרויסגערוקט אירע „קייסאָרים". „יעמעליקע פּוגאַטשאָוו, — דער גאַנעוו און דער באַטריגער" פלעגט זיך אין איטלעכן מאַניפעסט באַמיען צו באַגרינדן יורידיש, אַז ער איז „דער עמעסער פּעטער דער 3־טער, בא וועמען עס האָבן אַוועקגענומען דעם קעניגלעכן שטול „די סאָנים פון פאָלק". ער פלעגט רופן צו די „געטריייע קנעכט", וואָס די אַדל־לייט האָבן זיי געוואָלט „ווי אויפעלעך מאַכן פאַר יעסוימים", ער האָט געהאָפט „אַפן אַלמעכטיקן גאָט", ער פלעגט דערציילן וועגן זיין „פאָטערלעכן גרויסמוט", צוזאָגן „מיט גרויס גנאָד מויכל זיין די אונטערטעניקע"

באַגיין זיך מיט די קעגנער פון זיין קרוין לויט דער גאַנצער שטרענגקייט פון זיין „יוסטיץ“ און פלעגט באַפֿילן „מעקאַבל פּנים זיין אים מיט דער געהעריקער צערעמאָניע, ווי ס'פאָדערט דער כיוו פון דער שוואוע“, בלייבן טריי אים, „דעם זיסשפּראַכיקן, דעם ווייכהאַרציקן באַלטויווע, וואָס טוט מויכל זיין די אוולעם דעם פּאָלק און די כאַיעס“ און אויקער־מין־האַשוירעש זיין „די אויסוואורפֿן פון מענטשלעכן געשלעכט — די אַדל־לייט און די הערן“...

דאָס יאַאיקער קאַזאַקנטום, וואָס האָט געפֿירט מיסכאָרים מיט אויסלענדער און פלעגט אָפט זיין אין קריגס־צוג, האָט ב אַ וו אַ ו ס ט ז י נ י ק אַרויסגערוקט אַ קייסער דאַפּקע אין יענער צייט: פּונקט דעמאָלט האָט זיך אַפֿן דאָרעם געפֿירט אַ מילכאָמע מיט טערקיי, אַפֿן מאַירעוו האָט געקאָכט אין פּוילן, אין צאָפֿן האָט מען מוירע געהאַט פֿאַר אַ מילכאָמע מיט שוועדן, פון מיזרעך איז די אַרמיי אַוועקגעפֿירט געוואָרן אַפֿן דאָרעם...

אין ברען פון אויפֿשטאַנד פלעגט קימאַט איטלעך דאָרף אַרויסרוקן זיין „קייסער“. די פּויערים פון דאָרף טשערדאַקי, פּענזער גובערניע, זיינען נאָכגעגאַנגען נאָך אַ מאַכנע פון 15 מאַן, וואָס בעראָש פון איר איז געשטאַנען איינער, וועלכער האָט זיך גערופֿן „דער קייסער פּעטער דער דריטער“. די פּויערים האָבן געוואוסט, אַז דערדאָזיקער „קייסער“ איז געווען דער אַנטלאָפֿענער פּריצישער הויף־מענטש איוואַנאָוו, אָבער זיי זיינען אים אַרויס אַנטקעגן מיט ברויט, „און שטעלנדיק זיך אַף די קני, האָבן זיי געגעבן אַ שיוואוע, אַז זיי גלויבן דעם קייסער פּעטער דעם דריטן“... אַזעלכע סצענעס פלעגן זיך איבערכאַזערן אין איטלעכן דאָרף. די אידעאָלאָגיע פון מאָנאַרכיזם האָט אַנטשפּראָכן די אינטערעסן פון דעם טייל אויפֿשטענדלער, וועלכער איז געווען דער אַוואַנגאַרד פון דער באַוועגונג. די נייע אויספֿאָרשונגען שטעלן פֿעסט, אַז פּוגאַטשאָוו איז געווען ניט קיין אַנטלאָפֿענער קאַזאַק, נאָר אַן אַטאַמאַן פון טערעקער קאַזאַקנטום, און די אַטאַמאַנעס פלעגן אויסגעוויילט ווערן, ווי ס'איז באַוואוסט, פון דעם רייכן קאַזאַקנטום. ניט די לעצטע ראָלע האָבן געשפּילט אין דער אָנפֿירונג מיט דער באַוועגונג אַף די ערטער די ערדלאָזע קליינע פּריצים און די מעלוכישע פּויערים. יעקאַטערינעס קאָמיסיע האָט אַליין געמוזט מוידע זיין, אַז דער אַקטיווער אַנטיילנעמער פון דער באַוועגונג איז געווען דער ר י י כ ע ר טייל פון דער באַפֿעלקערונג.

פֿירנדיק אַ קאַמף מיט די פּריצים, האָבן די באַלעגופֿים אויך געפּרוּווט אָנגרייפֿן אַף דער אָרימקייט. אינם באַפֿעל אַפֿן נאָמען פון אַטאַמאַן אָראַפֿאָוו, וועלכער איז געשטאַנען אַף דער סאַמאַרער ליניע, האָט פּוגאַטשאָווס מיליטער־קאָלעגיע פֿאַרגעלייגט ניט נעמען אין דער רעוואָלוציאָנערער אַרמיי יענע, „וועלכע וועלן באַ די געטריי־אונטערטעניקע אָנעמען אַדערויפֿן אַף אַרבעט און וועלן פון זיי אַוועקלויפֿן“. דאָס באַלעגופֿנטום האָט מוירע געהאַט צו באַוואָפֿענען די אָרימקייט...

פֿון פּוגאַטשאָוון, ווי פון אַ טליענדיקן פֿייער, זיינען געפֿלויגן איינצלנע פֿונקען, און איטלעכער פון זיי פלעגט ווערן אַ נייער פּוגאַטשאָוו. דער עצעם נאָמען פּוגאַטשאָוו איז געוואָרן אַ שעם־דאָוואָר. אַכוץ דעם עמעסן פּוגאַטשאָוו,

האָבן זיך באַוויזן נאָך אַסאַך פּוגאַטשאָווס, פּעטערס די דריטע, נאָך וועלכע די מאַסע איז נאָכגעגאַנגען.

די פּויערשע פּאַרטיזאַנשטשינע פּלעגט, אויסראַטנדיק אַף איר וועג די פּריצים, אָנוואַקסן און צעגיין, ווי אַ שניי־קויל. זי איז געווען פּונקט אַזוי בוצפּעדיק, ווי ניט־אַנטשלאָסן. מיט צען יאָר צוריק פאַר דער פּוגאַטשאָווטשינע האָט אַ גרויסע פּויערשע אַרמיי אין מעשעך פון צוויי יאָר בלאָקירט דעם דאָלמאַטאָווסקן קלויסטער און איז צעקלאַפּט געוואָרן צוליב איר טאַקטיק פון אויסוואַרטן און ניט־אַנטשלאָסנקייט.

די זשאַקעריע (פּויערשע אויפשטאַנד־מילכאָמע), אַ ניט־אָרגאַניזירטע, וואָס פלעגט ניט אויסהאַלטן אַפילע קיין שוואַכן הראַנג פון דער רעגולערער אַרמיי, האָט זיך אָנגעהויבן ערשט נאָך פּוגאַטשאָווס מאַפּאַלע אונטער קאַזאַן, ווען ס'איז פאַרניכטעט געוואָרן די זאַוואָדישע באַזע. די רעוואָלוציאָנערע הויפּט־אַרמיי האָט זיך געקייקלט אַראָפּ וואָלגע, און די אויפשטענדלער — די לייב־קנעכט פון גרויס־רוסלאַנד זייַנען איבערגעלאָזן געוואָרן אַף זייער אייגענעם באַראָט.

די פּוגאַטשאָווער האָבן אַרויסגעגעבן מאַניפעסטן „צו די, וואָס האָבן זיך פריער אייַנגעפונען אין פּויערטום און אין אונטערטעניקייט בא די פּריצים“. זיי פלעגן באַשאַנקן ווערן „מיט פרייהייט, מיט ערד, מיט וואַלד און היי־פלעצער, מיט פישפאַנגען, מיט זאַלץ־אָזערעס אָן קויפן און אָן צינז, באַפרייט ווערן פון די רעשאָאים—אַדל־לייט, פון די ריכטער־כאַבאַר־נעמער, פון רעקרוטן־לאַסט, פון קאָפּ שטייער“. צולעצט פלעגן די מאַניפעסטן אויפאָדערן, אַז מע זאָל „די קעגנער פון אונזער מאַכט, — די פּריצים, — כאַפּן, שטראָפן, הענגען און באַגיין זיך מיט זיי אַזוי, ווי זיי פלעגן זיך באַגיין, ניט האָבנדיק אין זיך קיין קריסטנטום, מיט זייערע פּויערים. ערשט נאָכן אויסראָטן די רעשאָאים — די אַדל־לייט וועט איטלעכער קאָנען פירן אין שטילקייט אַ רואיק לעבן, וואָס וועט אייביק דויערן“.

ווי ס'פלעגט זיך נאָר אויפהויבן אַ דאָרף, באַוואָפנט מיט וואָס עס פלעגט זיך מאַכן, פלעגן אַהין טייקעף קומען צו פאָרן די פאַרשטייער פון דער שבוי־נישער „געמיינדע“ מיטן פאָרשלאָג צו הענגען און ראַבירן די פּריצים. „דעם ראָשעם“ קאָמאַנדיר פלעגן אַלע פון קליין ביז גרויס מעקאַבל פּאָנים זיין אין פעלד מיט הייליקע בילדער און מיט גלאָקן־קלאַנג. „דעם מערדער“ פלעגן אַלע פּויערים באַגריסן, אָנרופנדיק אים קייסער פּיאָטר פיאָדאָראָוויטש. „און ווען יענע רעשאָאים זייַנען אַרייַנגעפאָרן אין פּאָריצס הויף, האָבן זיי דעם גאַנצן הויף כאָרעוו געמאַכט, טיר און פענסטער צעבראָכן, גאָרניט איבערגעלאָזט, די מאָשקע אויסגעטרונקען, און דאָס ברויט האָבן די פּויערים צוגענומען. „פּוגאַטשאָווס“ פּאָלקאָווניק האָט דערקלערט די פּויערים, אַז „דער קייסער שענקט אייך פרייהייט, און איר וועט מער ניט זיין קיין פּריצישע, נאָר איר וועט זיין אַלע מעלוכישע, און אַכוץ דעם באַפרייט ער אַף זיבן יאָר פון קאָפּ־שטייער און פון רעקרוטן־לאַסט, און זאָלץ הייסט ער פאַרקויפן צו צוואַנציק קאָפּיקעס אַ פּוד“. ער האָט געפרעגט בא די פּויערים: צי האָבן זיי ניט אַף

דעם פּאַריצס מעשאָרסים וואָסער עס איז אַוועק? פון זיי האָבן אייניקע אַ געשריי געטאָן, אַז דער הויפּמייסטער פלעגט זיי באַוועלן. דאָ גופא, אין סיך, איז ער אויפגעהאַנגען געוואָרן. דערוויסנדיק זיך וועגן דעם דערנעענטערן זיך פון בעלאָבאָראָדאָוו, האָבן די אַרבעטער פון די אַרומיקע זאַוואָדן אים אַרויס־געשיקט קאַנאָנען און מענטשן מיט מעלוכישע זאַוואָדישע געלט. ווערנדיק צע־שלאָגן אַף איין זאַוואָד, פלעגט ער פלוצים דערשיינען אַף אַן אַנדערן. צעקלאַפּט אונטער יעקאַטערינבורג, האָט ער פון דאָסניי באַוויזן צונויפצוקלייבן באַדייטנ־דיקע מאַכנעס...

ווען פוגאַטשאָוו איז אין פרילינג 1774 צעקלאַפּט געוואָרן אונטער דער טאַטישטשעווער פעסטונג (אַ וויכטיקער סטראַטעגישער פונקט אונטער אָרענ־בורג), זיינען די באַרג־זאַוואָדן געוואָרן דער איינציקער מאָקעם־מיקלעט פאַר פוגאַטשאָווס שטאַב. פוגאַטשאָווס הויפּט־קראַפט אין צווייטן פּעריאָד פונם אויפשטאַנד, פון פרילינג 1774, זיינען געווען קימאַט אויסשליסלעך די אַרבע־טער. מיטן איינעמען „איזשעווסקי זאַוואָד" איז אָפן געוואָרן דער וועג אַף קאַזאַן. דער באַשלוס צו גיין אַף קאַזאַן האָט געקאָנט קומען ערשט נאָכדעם, ווי פוגאַטשאָוו האָט זיך באַוואָרנט דאָס הינטערלאַנד דורך איינעמען אַזעלכע זאַוואָדן, ווי דער וואָטקינער און איזשעווער.

די פּאַרשיידנאַרטיקע פּאַרטיזאַנישע מאַסע איז געווען באַוואָפנט מיט די סאַמע פּאַרשיידנאַרטיקע קלייזאַיען: מיט קאָסעס, אַרויסגעשטעקטע אַף לאַנגע הענטלעך, מיט העק, מיט בערישע האַלזבענדער, מיט אייזערנע הייגאָפּלען, מיט פלעקער אוכעדוימע. מיט אַזאַ באַוואָפנטער מאַסע וואָלט די רעגולערע אַרמיי גרינג געקאָנט מאַכן אַ סאָף, ווען נישט דער אַרבעטער־קערן, וועלכער פלעגט צו־שטעלן אַרטילעריע. אַזוי, לעמאָשל, אונטער אָרענבורג האָבן די פוגאַטשאָווצעס געהאַט 80 האַרמאַטן, בײַ טשעליאַבינסק — 17, בײַ קאַזאַן —30, בײַ קונגור — 30, אונטער בערדע — איבער 100 אַ. אַז. וו...

די אַרבעטער־אויפשטענדלער פלעגן זיך באַגיין אומבאַרמאַכמאָנעסדיק נישט בלויז מיט זייערע קלאַסן־סאָנים, נאָר אויך מיט זייערע וואַקלדיקע כאַווײרים. די רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער פון „ראָזשדעסטווענסקי זאַוואָד" זיינען געווען אין אַ פאַרלעגנהייט, מאַכמעס דער פאַרדעכטיקער אויפירונג פונם מעלוכישן „וואָטקינער זאַוואָד". דעריבער האָבן זיי געפאָדערט פון אים אַ באַשטימטן ענטפער. אַניט „וועלן זיי זיך אַ לאָז טאָן אַף זיי מיט זייער גאַנצער אַרטילעריע און קראַפט און וועלן זיך באַגיין מיט זיי, ווי מיט עכטע פאַרברעכער קעגן געזעץ".

„די זאַוואָדן, וואָס פלעגן אויפשטיין, פלעגן אויסקלייבן אַ ספּעציעלע פאַר־וואַלטונג. לויט דער אינסטרוקציע פונם אַרבעטער בעלאָבאָראָדאָוו, האָט דער אָנפירער פון דער באַוועגונג געדאַרפט זיין לויט דער אַלגעמיינער האַסקאָמע אַ טרייער, אַ דרייסטער, פון די געטרייע קנעכט און נישט פון די, וועלכע באַנ־פענען, ווען מע דאַרף — נישט קיין שרעקעדיקער, ווייל די אַרמיי ווערט שטענדיק אונטערגעמונטערט קעגן דעם סוינע דורך אַ באַפעל פון אַ דרייסטן מענטשן"...

אין דער קריגס־קאָלעגיע, וועלכע איז באַשטאַנען פון פאַרשטייער פון

קאָזאַקנטום, פון די באַשקירן, פון די פויערים און פון די זאַוואָד־אַרבעטער, זיינען געווען מאַכלויקעסן איבער דער פראַגע וועגן דער טאַקטיק פון דער באַוועגונג.

די זאַוואָדן פלעגן קעסיידער צעשטערט ווערן מיצאַד די באַשקירן. דער פּראָוויאַנט פון די מאַגאַזינעס פלעגט צעשלעפּט ווערן. די הייזער פלעגן פאַרניכטעט ווערן, די קוילן פלעגן פאַרברענט ווערן, די דאַמבעס פלעגן כאָרעוו געמאַכט ווערן, די פאַבריק־בלאָז־זעק פלעגן קאַליע געמאַכט ווערן, דאָס וואַסער פון די סאַזשלקעס פלעגט אַרויסגעלאָזט ווערן". די אַרבעטער און פויערים פלעגן זיך שטענדיק קלאָגן, אַז די באַשקירן ברענגען זיי צו דער העכסטער רואינע און אָרימקייט. מאַכמעס דעם פלעגן אַסאַך זאַוואָדן בלייבן פּאַסיווע צושויער, אָדער פלעגן אַפילע אַקטיוו אַרויסטרעטן קעגן די פּוגאַטשאָווער. צונויפרעכענענדיק די צאָל כאָרעוו געמאַכטע זאַוואָדן, זעען מיר, אַז דער גרעסטער טייל זאַוואָדן איז כאָרעוו געמאַכט געוואָרן ניט דורך די אַרבעטער, נאָר דורך די באַשקירן. וואָס מער ס'פלעגן כאָרעוו ווערן די זאַוואָדן, אַלץ שמעלער פלעגט ווערן די באַזע פונם אויפשטאַנד און אַלץ קלענער פלעגן ווערן די שאַנסן אויף אַ ניצחון.

פּוגאַטשאָווס אָנפירער, וועלכע האָבן אָפּערירט אין די אַרבעטער־ראַיאָנען, האָבן פאַרשטאַנען, וואָסער אַ געפאַר די אָנפאַלן פון די באַשקירן שטעלן פאָר פאַרן אויפשטאַנד...

די אַרבעטער האָבן געשפּילט ניט קיין קליינע ראָלע אין צונויפשטעלן די מאַניפעסטן. באַם צונויפשטעלן די מאַניפעסטן איז די קריגס־קאָלעגיע די ערשטע צייט געווען אין אַ גרויסער פאַרלעגנהייט, ווייל ס'איז אין איר ניט געווען גענוג שריפטקענעוודיקע. „דער זאַוואָדסקער פויער פּעטראָוו האָט אָנגעשריבן אַ מעסירע אויף איינעם אַ באַשקיר וועגן גזילע — באַווייזט דער סעקרעטאַר פון דער קריגס־קאָלעגיע — און די דאָזיקע מעסירע איז אונדז פאָרגעקומען קלוג אָנגעשריבן; האָב איך, צוריפנדיק דעם דאָזיקן פּעטראָוו, באַוויזן אים דאָס אָנגעשריבענע, קעדיי ער זאָל צורעכט מאַכן". דער אַרבעטער פּעטראָוו האָט דאָס אָנגעשריבענע פאַרשטרייכט און האָט אַליין צונויפגעשטעלט אַ מאַניפעסט. פּוגאַטשאָוו האָט אים געלויבט, „אַז ס'איז גוט אָנגעשריבן". פון דעמאָלט אָן פאַריכט דער באַהגאַרבעטער עטלעכע „קייסערלעכע מאַניפעסטן".

צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע פון רוסלאַנד טיילן אויס די אַרבעטער־לייבקנעכט פון זיך אַ שריפטקענעוודיקן אַרבעטער, וועלכער שטעלט צונויף פּראָקלאַמאַציעס צום פאָלק...

שוין אין יענער עפּאָכע, ווען ס'איז געלייגט געוואָרן דער פונדאַמענט פונם אינדוסטריעלן קאַפּיטאַליזם, האָט דער זיך פאָרמירנדיקער אַרבעטער־קלאַס געפּלייסט צו נעמען אין זיינע הענט די אָנפירונג מיט דער באַוועגונג פון די פויערים און די פריעמדגעבירטיקע. די אַרבעטער פון די גרויסע אונטערנעמונגען האָבן זיך געפּלייסט אריינצופירן די סטיכיע אין אָרגאַניזירטע פאָרמען.

3.

ביז זומער 1774, ד. ה. ביז דעם פּויערשן אויפֿשטאַנד אין גרויס־רוסלאַנד, האָבן אין דער רעוואָלוציע געקעמפֿט צוויי טאַקטיקעס: די „פֿרעמדפֿעלקישע" און די באַרגאַרבעטערשע. די באַשקירן האָבן געשטרעבט צו פֿאַרניכטן די זאַוואָדן און די קאָלאָניזאַציע פֿון דער בײַ־אוראַל־געגנט מיצאַד דעם רוסלענדישן האַנדלס־קאַפּיטאַל. די קירגיזן האָבן געוואָלט בלײַבן באַלעבאַטים אַף האַנדלס־וועג פֿונעם מיזרעך מיט גרויס־רוסלאַנד. די קאַלמיקן האָבן געקעמפֿט פֿאַרן ענדגילטיקן אָפּרײַסן זיך פֿון רוסלאַנד, וואו ס'איז זיי געוואָרן אוממעגלעך צו לעבן. די טאָטערן האָבן געקעמפֿט קעגן די מיסיאָנערן, וועלכע פֿלעגן אין נאָמען פֿון פּראַוואָסלאַוונעם גאָט ראַבירן ביז גאָר דעם „פֿרעמדגעבירטיקן". זייער אויפֿגאַבע פֿלעגן די אײַנגעבוירענע לייזן אַזוי, אַז זיי פֿלעגן אויסראָטן ניט בלויז די פּריצים, די פֿאַבריקאַנטן און די גאַלאָכים, נאָר אויך די אַרבעטער און די לײַב־שקלאַפֿן. אָנפֿליענדיק מיט זייער קאַוואַלעריע, פֿלעגן זיך די באַשקירן דורכטראָגן, ווי אַ שטורעם־ווינט, פֿאַרניכטנדיק אַלץ אַף זייער וועג. דער בונד צווישן דער באַרגאַרבעטער־באַפֿעלקערונג און די פֿרעמדפֿעלקער איז געווען ניט זיכער. ווי נאָר די אויפֿשטענדלער פֿלעגן פֿאַרניכטן דעם אַלגעמיינעם סוינע, פֿלעגן די פֿרעמדפֿעלקער זיך נעמען פֿאַרניכטן זייער פֿאַרבינדעטן.

די פּוגאַטשאָווטשינע צייכנט זיך אויס פֿון די פֿריערדיקע רעוואָלוציעס אין רוסלאַנד גראָד דערמיט, וואָס אין איר טרעטן צום ערשטן מאָל אַרויס אַ ר ב ע ט ע ר, און די באַזע פֿון דער באַוועגונג ווערן די באַרג־זאַוואָדן. ווען ניט די באַרג־זאַוואָדישע הילף מיט אַרטילעריע וואָלט די רעוואָלוציע טייקעף געליטן אַ מאַפּאָלע. ניט האָבנדיק דיזאָזיקע הילף, וואָלט זיך די פּויערישע זשאַקעריע אין גרויס־רוסלאַנד געהאַלטן נאָר עטלעכע כאָדאָשים...

דער פֿאַבריק־אַרבעטער צייכנט זיך אויס פֿונעם פּויער מיט זײַן גאַנצן לעבן־שטייגער — דאָס איז דער אויספֿיר, צו וועלכן עס קומען די באַאָבאַכטער פֿון פּויערשן לעבן זינט דער צווייטער העלפֿט פֿון 18־טן יאָרהונדערט. דאָס הייסט, אַז אינאיינעם מיט דער אויסבילדונג פֿונעם ערדלאָזן פּראָלעטאַריאַט האָט זיך אָנגעהויבן זײַן סאָציאַלע קריסטאַליזירונג, דאָס „אויסקאָכן זיך אין פֿאַבריק־קעסל", וואָס האָט אין דער צוקונפֿט געבראַכט צו דער ענדגילטיקער אויספֿאָרמירונג פֿונעם אַרבעטער־קלאַס. אָט די סאָציאַלע קריסטאַליזירונג האָט אַרויפֿגעלייגט אַ שטעמפּל אַף דער פּוגאַטשאָווטשינע.

די דויערנדיקע קאָלעקטיווע אַרבעט אַף די זאַוואָדן באַם ביטערסטן ווילקיר האָט באַ די אַרבעטער אויסגעשמידט אַן אײַזערנעם ווילן צו קאָאָרדינירטע אַרויסטרעטונגען. די אַרבעטער־מאַסע האָט אויסגעטיילט פֿון זיך אָרגאַניזאַטאָרן און אָנפֿירער פֿונעם אויפֿשטאַנד.

פּוגאַטשאָווס הויפּט־געהילף, כלאָפּושאַ, איז געווען אַ פּראַכטפֿולער אַגיטאַטאָר, דער בעסטער אָראַטאָר, אַ טאַלענטפֿולער קריגס־פֿירער. פֿאַרן באַטייליקן זיך אין די באַרג־זאַוואָדישע בונטן איז ער דרײַ מאָל געווען פֿאַרשיקט אַף קאַטאָרזשנע אַרבעט און פֿיר מאָל באַשטראָפֿט מיטן קנוט. דער טאַליען האָט אים אַרויסגעריסן די נאָזלעכער. ער האָט געפֿאָרמירט אַרמייען אַף די

זאוואָדן און זאַלץ־גריבער מיט אַ לעגענדאַרישער גיכקייט. די זאַוואָדן פלעגן אים באַגעגענען ווי זייער פירער, פלעגן אים געבן אַרטילעריע, מענטשן און פערד. כלאָפושאַ פלעגט נאָר דאַרפן דערשיינען אין וואָסער עס איז אַן אָרט, ווי טויזנטער אַרבעטער פלעגן אויפשטיין, ווי איין מענטש. אַן אָנגעזעענע ראָלע האָט אין אויפשטאַנד געשפּילט פוגאַטשאָוום אַ צווייטער פּאָלקאָווניק איוואַן נאַאומאָוויטש בעלאָבאָראָדאָוו, אַן אַרבעטער פון אַסאָקינס קופּערגעשמעלץ־זאַוואָד (אין אָרענבורגער גובערניע) און פון אַכטער פולווער־זאַוואָד אין פּעטער־בורג. האָבנדיק אַנטלאָפן פון מיליטער־דינסט, האָט ער אָנגעהויבן באַשעפטיקן זיך מיט האַנדל. מיט אַ קליינער מאַכנע איז ער דערשינען אָנהויב 1774 אין די פּערמער זאַוואָדן, און אַ קורצער צייט האָט ער צונויפגעקליבן אַן אַרבעטער־מאַכנע, וועלכע האָט גענומען אַ זאַוואָד נאָך אַ זאַוואָד, אַרומגערינגלט יעקאַ־טערינבורג און לאַנג געהאַלטן אים אונטער באַלאַגערונג.

צוליב דער פאַרשיידנאַרטיקייט און ניט אָרגאַניזירטקייט פון אירע קרעפטן האָט אָבער די רעוואָלוציע ניט געקאָנט זיגן מיט 150 יאָר צוריק. זי האָט אַפילו ניט געקאָנט פאַרוואַנדלען דעם לייבקנעכט אין אַ פּראָלעטאַריער. נאָכן דערשטיקן דעם אויפשטאַנד האָט די פּאָמעשטשיק־ווירטשאַפט דערגרייכט דעם העכסטן אויפבלי.

די דאָרפישע באַפעלקערונג איז עקספּראָפּריאירט געוואָרן נאָך מער, ווי נאָר צווינגען זי אונטערצואוואַרפן זיך דער דיסציפּלין פון דער שקלאַפישער אַרבעט.

מאַטעריאַל צו דעם אָפּטייל „לייבאייגנטום“

טאַבעלע № 1

דער פּרייז פון איין לייב-אייגנטימעריישן נפעש אין 18 י. ה.

אין יאָר 1710 באַם פאַרקויפן פּריצישע הויפן פלעגט מען צאָלן פאַר אַ פויערשן מאַנסבילשן נפעש צוזאַמען מיט דער ערד 30 רובל.

אין 1780 יאָרן האָט זיך דער פּרייז אויפגעהויבן ביז 80 און אין אייניקע ערטער ביז 200 רובל.

דער פּרייז פון אַ רעקרוט (אָנגענומענער אין סאָלדאַטן) האָט זיך פאַר 30 יאָר (1790—1760) געהעכערט פון 120 ביז 400 רובל.

(В. И. Семевский—„Крестьяне в царствование Екатерины II. т. I. изд. 2. стр. XVII).

טאַבעלע № 2.

די צאָל לייבאייגנטימערישע פויערים.

פאָלקס־ציילונגען	אין דער מעטראָפּאָליע: מאַנסבעלשע נפאַשעס	אין דער מעטראָפּאָליע: % % צואוואַקס	אין די רוסישע קאָלאָניעס: מאַנסבעלשע נפאַשעס	אין די רוסישע קאָלאָניעס: % % צואוואַקס	דער % צו דער אַלגע־מיינער צאָל צוגעפּעס־טיקטע
1762—1766	2.113.070	—	1.671.118	—	44
1781—1783	2.445.659	16	2.529.296	51	51
1791—1796	2.563.293	5	3.011.062	19	54

טאבעלע № 3

די פארוואנדלונג פון דער פריצישערווירטשאפט אין אַ ברויט-פאבריק.

די % באציאונג פון לאנקע-ערד צום פארזיי שעטאך אין סאף פון XVIII און אין העלפט פון XIX יארהונדערט *)

	לאנקעס אין סאף פ׳ין XVIII יארהונדערט	לאנקעס אין מיטן פון XIX יארהונדערט
כארקאווער גוב.	67,4%	64,2%
וואראנעזשער גוב.	101,1	80,0
טאמבאווער „	74,9	66,0
קורסקער „	25,7	24,0
ריאזאנער „	17,0	16,6
קאזאנער „	25,0	23,8
ארענבורגער „	277,6	108,2

(וואזנעסענסקי. די עקאנאמיק פון רוסלאנד ז. 62).

*) די ציפערן באווייזן דעם שנעלן וואוקס פון דער פארזייארונג.

טאבעלע № 4

די צאָל פון „בארשטשינע און צינז” („אבראטשנע”) פויערים (אין פראָצענטן)

	XVIII יארהונדערט „אבראטשנע”	„בארשטשינע”	XIX יארהונדערט „אבראטשנע”	„בארשטשינע”
אין 12 ניט שווארצערדיקע ג.	55,1	45,9	59,9	41,1
אין 7 שווארצערדיקע גוב. .	—	—	28,8	71,2

(וואזנעסענסקי—די עקאנאמיק פון רוסלאנד ז. 32).

טאבעלע № 5

די גרויס פון צינז (אבראק) פון א לייב-אייגנטימערישן פויער

אין אנהויב XIX יארהונדערט האָט א לייבאייגנטימערישער פויער געצאלט פון 40 ק. ביז 1 ר. פון נשמעש
אין מיטן „ „ „ „ „ „ „ „ „ „ „ „ 2 „ „ „
צום סאף „ „ „ „ „ „ „ „ „ „ „ „ 5 „ „ „
אין מיטן פון „ „ „ „ „ „ „ „ „ „ „ „ 24 „ „ „

(וואזנעסענסקי—די עקאנאמיק פון רוסלאנד זייט 56).

צווייטער אָפּטייל

די צעפאלונג פון לייבאייגנטום

מ. פאקראווסקי

די עקאנאמישע פארהאנאכעס פון דער פויערים-רעפאָרם

די ניט-פּראָדוקטיווקייט פון דער לייבאייגנטימערישער ארבעט.

די פויערשע רעפאָרם איז פריער פאר אלץ א גראנדיעזע עקאנאמישע איבערקערעניש: אן איבערגאנג פון דער לייבאייגנטימערישער ווירטשאפט צו דער בורזשואזער, בעשאס די קאפיטאליסטישע באציאונגען דרינגען אריין פון דעם אויסטויש-געביט אין דעם געביט פון דער פּראָדוקציע. פאר עקאנאמישע ענדערונגען מוז מען זוכן פריער פאר אלץ עקאנאמישע סיבעס: צוציען אנשטאט דעם די גייסטיקע און אינטעלעקטועלע אנטוויקלונג, הייסט נאכטאן די לייט פון מיטלאלטער, וועלכע האבן ליקעבאמע אדער ליקעלעוואנע דערקלערט מיט די מענטשלעכע כאטאים. וואס פאר עקאנאמישע באדינגונגען האבן געצוואונגען די גוטבאזיצער קומען צום געדאנק, אז די פרייע לוינארבעט וועט זיי מער לוינען איידער די לייבאייגנטימערישע? קעדיי צו ענטפערן אף אט דער פראגע, מוז מען פריער פאר אלץ האבן אין זינען, אז אפילע אין די צייטן, ווען די פריצישע סיסטעם האט געבליט, האבן די פריצים אנערקענט די שוואכע פּראָדוקטיווקייט פון דער לייבאייגנטימערישער ארבעט.

אין די גרויסע און אפילע מיטעלע מאיאנטקעס האט געמוזט גאנץ שנעל אויפקומען דער געדאנק וועגן שאפן פאר די פויערים וועלכע ס'איז אנדערע סטימולן צו ארבעט, אויסער דעם בלויזן צוואנג. פאר דער אויספירלעכער געשיכטע פון דער פריצישער ווירטשאפט שטעלן פאר אן אומגעהויערן אינטערעס די פרוואון, וועלכע ס'האבן דורכגעמאכט אין דערדאזיקער ריכטונג פארשיידענע

פריצים פון דער ערשטער העלפט 19-טן יאָרהונדערט. די אָריגינעלסטע פון זיי זיינען געווען די פּרואוון פון דעם באַוואוסטן „סלאַוויאַנאָפיל" *) כאַר מיאַקאָוו, וועלכער פלעגט באַארבעטן זיינע פעלדער דורך זיינע אייגענע באַשטייערטע פּויערים, אַף וועלכע די באַשטייערונג איז אַרויפגעלייגט געוואָרן אַף אַזוי פיל, אַז זיי האָבן בעשום אויפן ניט געקאָנט עקזיסטירן, ניט פאַר־דינגענדיק זיך צו זייער גוטבאַזיצער, און אויך דער פּרואוו פון דעם ניט ווינציקער באַוואוסטן אין זיין צייט אַגראַנאָם סטרעמאָאוכאָוו, וועלכער פלעגט אָפּגעבן די פּויערים 2 דריטל פון דער געראַטעניש: די אינטענסיווקייט פון דער אַרבעט פלעגט, לויט זיינע ווערטער, זיין אַזאַ, אַז דאָס דריטל, וואָס דער פּאָריץ האָט באַקומען, פלעגט אויסמאַכן מער פון דעם, וואָס ער האָט באַקומען פון אַ הרייטאָגיקער „פּאַנשטשינע" (אַרבעט אַפן פּאָריץ) „בא דעם שטרענגסטן קאָנטראָל". סאַפּקאָלסאָף האָט אין די 50-ער יאָרן באַקומען די אויבערהאַנט די איינפאַכסטע לייזונג פון דער אויפגאַבע: מ'ע האָט פאַרביטן דעם לייבאייגנ־טימערישן אַרבעטער אַף די פּריצישע פעלדער מיט דעם פרייגעדונגענעם לוינאַרבעטער.

די ווירקונג פון דעם ברויט-עקספּאָרט אַף דער לאַנדווירטשאַפט.

נאָך איידער מיר וועלן איבערגיין צו דער איבעריקערעניש פון 1861 יאָר, מוזן מיר ענטפערן אַף דער פראַגע: וואָס זשע האָט פאַרהאַלטן די איבערקער־רעניש, אויב איר גרונט-אידייע, — אַז די לייבאייגנטימערישע אַרבעט לוינט זיך ניט, — איז שוין פון לאַנג אַריינגעדרונגען אין באַוואוסטזיין פון די גוטבאַזיצער? קעדיי צו ענטפערן אַף דערדאָזיקער פראַגע וועט אונז אויסקומען אַביסל גענויער באַטראַכטן דאָס בילד, מיט וועלכן מיר האָבן אָנגעהויבן אונזער באַשרייבונג פון לייבאייגנטימערישער ווירטשאַפט: דאָס בילד פון רוסישן ע ק ס פּ אָ ר ט.

מיר וועלן ניט פאַרלירן קיין סאַך ווערטער און וועלן פאָרלייגן דעם לעזער אַ קליינע טאַבעלע:

דער ברויט-עקספּאָרט פון רוסלאַנד איז געווען אין טויזנטער פודן:

יאָרן	ווייץ	קאָרן
1820	13.873	3.924
1830	25.506	8.669
1840	18.091	1.409
1850	26.166	5.592
1860	41.911	20.247

פּרייזן אַף ברויט אַפן בערלי־נער מאַרק (אין מאַרקן פאַר אַ צענטנער).

צענדליקער יאָרן	ווייץ	קאָרן
1821—30	6·07	4·46
1831—40	6,91	5·16
1841—50	8·38	6·30
1851—60	10·57	8·48
1861—70	10·21	7·93

*) סלאַוויאַנאָפיל — אַ אָנהענגער פון דער אידייע, אַז די סלאַווישע פעלקער זיינען די „אויסדערוויילטע פעלקער" פון דער מענטשהייט.

מיר זעען, אַז פֿאַר צוואַנציק יאָר, פֿון 1820 ביז 1840, זײַנען די פּרײַזן אויף ברויט אין מערב־אייראָפּע געוואַקסן זייער לאַנגזאַם; אין דערזעלביקער צײַט האָט זיך דער אַרויספֿיר פֿון ברויט פֿון רוסלאַנד קיין אויסלאַנד פֿאַרגרעסערט זייער אומבאַדײַטנדיק. פֿון די 40־ער יאָרן וואַקסן די פּרײַזן אויף ברויט אַלץ העכער און העכער — און אַלץ שנעלער וואַקסט דער רוסישער ברויט־אַרויספֿיר, אַזוי אַז אין גיכן איז אים שוין ניט בעקוויעם אָפּצושטעלן אַפֿילו דאָס פֿאַלן פֿון די פּרײַזן. און אין אָט דער עוואָלוציע פֿון די ברויט־פּרײַזן ליגט דער ענטפֿער אויף דער פֿראַגע: פֿאַרוואָס איז די פֿריערשע רעפֿאָרם פֿאַרהאַלטן געוואָרן בײַ אונדז אויף 30 יאָר — אויף דער גאַנצער צײַט פֿון דער הערשאַפֿט פֿון ניקאָלאַי פּאַוולאָוויטש, פֿון די 20־ער ביז די 50־ער יאָרן. בײַ די נידעריקע פּרײַזן אויף ברויט אין אויסלאַנד פֿלעגן ניט קאָנען געדעקט ווערן די הוצאָעס פֿון אַרויספֿיר: און קאָלזמאַן דאָס רוסישע ברויט האָט ניט געהאַט קיין צוטריט אויפֿן וועלט־מאַרק, האָט די פּריצישע ווירטשאַפֿט ניט געהאַט קיין סיבה צו פֿאַרברייטערן די פּראָדוקציע פֿון ברויט ווײַטער פֿון געוויסע גרעניצן. אַפֿילו בײַ דער לייבאייגנטימערישער ווירטשאַפֿט האָט, לעמאָשל, טאַמבאָווער גובערניע פֿון ניקאָלאַיס צײַטן געליטן פֿון דער איבערפּראָדוקציע פֿון ברויט: וואָס זשע פֿאַר אַ זין וואָלט געהאַט צו פֿאַרגרעסערן דיזאַזיקע פּראָדוקציע? לויט האַקסטהאַוזענס כעשבן איז פֿאַר דרײַ יאָר 1834, 1835 און 1836 (דער לעצטער ווערט באַמערקן, אַז דאָס איז דער מיט פֿון די דרײַסיקער יאָרן — פּונקט אין ברען פֿון אַגראַרן קריזיס) אין טאַמבאָווער גובערניע צונויפֿגענומען געוואָרן פֿון 80 ביז 90 מיליאָן „טשעטווערטן“ פֿאַרשיידענע טוואָועס. אַראָפּרעכענענדיק פֿון זיי 34 מיליאָן, וועלכע זײַנען געגאַנגען אויף זריע, אויף דערנערונג, אויף אויסאַרבעטן בראָנפֿן, אויף שפּײַז פֿאַר די בהמות, אין די פּראָדוקטן־מאַגאַזינען א. אַז. וו., וועלן מיר באַקומען אַ רעשט לעכאָלאָפּאָכעס פֿון 45 מיליאָן „טשעטווערטן“, וועלכע וואָלטן געקאָנט אַרויסגעפֿירט ווערן, אָבער בעעמעס איז פֿאַר די דרײַ יאָר אַרויסגעפֿירט געוואָרן פֿון די טאַמבאָווער האַפֿנס איבער דעם טייך צנאַ סאַכאַקל 7 אַ האַלבער מיליאָן „טשעטווערטן“, דערבײַ האָבן זיך מיט די האַפֿנס באַנוצט ניט נאָר טאַמבאָווער גובערניע אַליין, נאָר אויך די שכייניש קרײַזן פֿון פּענזער און סאַראַטאָווער גוב. ווען ניט די פּעריאָדישע אומגערעטעניש, וועלכע האָבן אויפֿגעגעסן די ברויט־רעזערוון, וואָלט דאָס אָנגעזאַמלטע טאַמבאָווער ברויט פּאַשעט פֿאַרפֿוילט געוואָרן און וואָלט אויפֿגעפֿרעסן געוואָרן פֿון די מײַז. די אומגערעטעניש פֿלעגן אויסגלײַכן דעם ברויט־באַלאַנס, נאָר די אומגערעטעניש אַליין זײַנען געווען אַ רעזולטאַט פֿון דער עקסטענסיווער קולטור. אינטענסיפֿיצירן די קולטור האָט געהייסן, אַבוץ אַלעמען, פֿאַרמאַכן די לעצטע טיר, דורך וועלכער מע האָט זיך נאָך געקאָנט ראַטעווען פֿון דעם קריזיס. דאָס בילד האָט זיך שאַרף פֿאַרענדערט, ווי נאָר דער קריזיס האָט אָנגעהויבן איבערגיין. ס'איז געווען אַ פּאַשעטער כעשבן צו פֿאַרשטאַרקן די פּראָדוקציע ביז די לעצטע מעגלעכע גרעניצן. דערמאָנענדיק זיך אָן די אַלטע צײַטן, האָט מען זיך באַאומרואיקט נאָך איבער איין זאַך: צי איז מעגלעך צו פֿירן די ווירטשאַפֿט אין רוסלאַנד מיט לוינאַרבעט,

צי וועלן זיך געפינען ארבעטער? אין פיאַטרס צייטן האָט מען זיי דאָך אפילע פאַר די פאַבריקן ניט געקאָנט געפינען, און איצט האַנדלט זיך ניט וועגן עטלעכע צענדליקער פאַבריקן, נאָר וועגן דעם גאַנצן ערדאַרבעטנדיקן רוסלאַנד.

פרואוון פון בורזשואַזערווירטשאַפט אין דאָרף ביזן 19-טן פעווראַל.

אַלזאָ, די ווירטשאַפט מיט לויִנאַרבעט איז געווען מעגלעך און לוינבאַר אין די 1840 יאָרן, אַפילע אין דער ניט־שוואַרצערדיקער זאָנע פון רוסלאַנד. דאָרט, וואו טוואַרע־פּראָדוקציע איז געווען, צוליב קלימאַטישע באַדינגונגען, די אָרטיקע הויפּט־באַשעפטיקונג, און בפרט — ווען דער קריזיס איז דורכגעגאַנגען און די פרייזן אַף ברויט זיינען פעסטער געוואָרן — איז זי געוואָרן נויטיק, דאָרט האָט דער פּאָריץ מיט זיינע געוואוינהייטן שוין ניט געקאָנט באַלעבאַטעווען ווי פריער. אין נאָוואָזשענסקער קרייז פון סאַמאַרער גובערניע, אין איינעם פון די ערטער, פון וואַנען עס האָט זיך געטראָגן אַפן וועלט־מאַרק א שטראָם פון דעם בעסטן ווייץ אין אייראָפּע, איז דעם גוטבאַזיצער, לויט זיין אייגענער אָפּשאַצונג, גאָרנישט געבליבן צו טאָן, ווי נאָר אָפּגעבן די ערד אין אַרענדע. און די דאָרטיקע פויערים פלעגן אין יענער צייט זאָגן: „אַ פויער איז נאָר דער, וועלכער האָט אַף צוויי „טיאַגלעס" *) לעבאָלאָפּאָכעס איין פערד", און זיי פלעגן צודינגען צו 50 און צו 100 דעסיאַטין ערד אַכוץ דער ערד, וואָס מע האָט זיי אויסגעטיילט. געאַקערט האָט מען דאָרט אויסשליסלעך מיטן אַקער, העַרביי האָבן די רייכערע פאַרמאָגט צו 4 אַקערס. און די פראַגע וועגן אַרבעטס־הענט איז געווען די צענטראַלע עקאָנאָמישע פראַגע פאַר דעם גאַנצן קאַנט. „אויב איר ווילט זען אַ לאַנד, וואו באַם באַלעבאַס זיינען געבונדן הענט און פיס, און דער אַרבעטער דיקטירט אים זיינע באַדינגונגען, וועלכע יענער נעמט אָן מיט האַכנאָע — קומט צו פאָרן אַהער אין דער צייט פון שניט", האָט געשריבן א נאָוואָזשענסקער גוטבאַזיצער אין יאָר פאַר דער פויערשער רעפאָרם. און האַנאַם דערדאָזיקער גוטבאַזיצער רעדט ניט אָן פאַכאַד וועגן די פאָלגן פון דער פויערשער באַפרייאונג, איז דאָס שוין די „שטים פון בלוט" אַזוי צו זאָגן: קיין שום שפור פון דער לייבאייגנטום־ווירטשאַפט וועט איר אין זיין גאַנצן אַרטיקל ניט געפינען. דער ברויט־עקספּאָרט האָט אים דאָ שוין לאַנג דערהאַרגעט.

(מ. פּאָקראָווסקי—„עטיודן איבער דער געשיכטע פון דער רוסישער קולטור". ערשטער טייל, דריטע אויסגאַבע, פאַרלאַג „מיר". מאָסקווע, זייטן 133—139).

*) „טיאַגלע" — א לייבאייגנטימערישע אַרבעטס־קעמערל געווייגלעך פון 4 מענער און 4 פרויען, וועלכע זיינען געווען דורך ארוועס פאַראַנטוואָרטלעך פאַר פולשטענדיקן אויספילן די לייב־אייגנטימערישע אַרבעט אין דעם גוט פון דעם פּאָריץ.

טאבעלן צו פאקראוסקיס ארטיקל „די עקאנאמישע פארהאנאכעס"

№ 1 טאבעלע

דער וואוקס פון דער שטאָטישער באפעלקערונג אין רוסלאנד

יאָרן	פראצענט בענוגיי־ דער גאנ־צער באפעלקערונג	אבסאלוטע צאָל
1724	3,0	328.000
1796	4,1	1.301.000
1812	4,4	1.653.000
1835	5,8	3.025.000
1851	7,8	3.482.000
1856	8,9	5.684.000

(С. Вознесенский—Экономика России, гл. I, стр. 36).

№ 2 טאבעלע

די לייבאייגנטימערישע בורזשואזיע אין דער צייט פון אלעקסאנדר דעם ערשטן (1801—1825) האָבן זיך פויערים אויסגעקויפט פון די פריצים:

900	פּערז. האָבן באצאלט צו	139—199 ר.
7172	„ „ „ „	200—300 „
16[illegible]7	„ „ „ „	— —400 „
14968	„ „ „ „	— —500 „
907	„ „ „ „	— —600 „
3187	„ „ „ „	— —700 „
44	„ „ „ „	727—757 „
11	„ „ „ „	— —909 „
76	„ „ „ „	1045—1396 „
2	„ „ „ „	— —1864 „
8	„ „ „ „	— —4000 „
2	„ „ „ „	— —5000 „

ס׳ ... נאך אנדערע פאלן. מאראזאוו האָט זיך אויסגעקויפט פאר 17.000 ר.
אין 1822 ... 8 פערזאן פאר זיך באצאלט 320.000 ר.

(П. А. Берлин—Русская буржуазия в старое и новое время 87—89).

№ 3 טאבעלע

די באפרייאונג פון די צוגעפעסטיקטע פויערים לויט די באפעלן פון 1801, 1840, 1842, 1847 יאָרן.

לויט דעם געזעץ פון 1801 י. וועגן „פרייע פויערים"
האָט מען באפרייט . . . . 107.796 פערזאָן (בלויז געשלעכטן)
לויט די געזעצן פון 1819 י. וועגן באפרייען „אסטזייאישע
פויערים" האָט מען באפרייט . . . . 416.013 פערזאָן (בלויז געשלעכטן)
לויט דעם געזעץ פון 1842 י. וועגן באפרייען „פארפליכטעטע
פויערים" האָט מען באפרייט . . . . 59.998 פערזאָן (בלויז געשלעכטן)

לויט דעם באפעל פון 1847 י. אז די פויערים מעגן זיך אויסקויפן, ווען עס ווערט פארקויפט דעם פא-ריצעס הויף פאר זיינע כובות, האט מען באפרייט .	964 פערזאָן (ביידע געשלעכטן)
לויט דעם באפעל פון 1840 י. אז די פאבריקאנטן האבן דאָס רעכט צו באפרייען די ארבעטער, וואָס זיינען געווען צו זיי צוגעשריבן („פאסעסיאנע") האָט מען באפרייט	20·000 פערזאָן (ביידע געשלעכטן)

(Вознесенский—Экономика России, 1924 г. т. I, 33 стр.).

טאבעלע № 4

די האכנאסע פון א פרייען ארבעטער און פון אַ לייבאייגנטימערישן ארבעטער

אײן פאריק אין מאסקווער קרייז פלעגט באארבעטן איין טייל ערד מיט צוגעפעסטיקטע פויערים, דעם אנדערן טייל מיט פרייע פויערים. נאך זיין כעשבן האָט זיך באקומען, אז:

א צוגעפעסטיקטער ארבעטער האָט געקאָסט דעם פאָריק	21	מאָס (четв.) קאָרן
א פרייער מאנסביל און פרוי „ „ „ „	$20^1/_2$	„ „ „
דער פאריק האָט באקימען האכנאסע פון א צוגעפעסטיקטען ארבעטער	$15^1/_2$	„ „ „
פון די פרייע	43	„ „ „

(С. Вознесенский—Экономика России, вып. I. крепостная Россия, стр. 61)..

מ. פאקראַווסקי

די פויערים-רעפאָרם

פריוואטע פראָעקטן וועגן דער פויערים-רעפאָרם.

די צוגרייטונג פונם אַקט פון 19-טן פעווראַל 1861 יאָר איז פאָרגעקומען, ווי ס'איז באַוואוסט, קימאַט פאַראַלעל, אין די גובערניעלע קאָמי-טעטן און אין רעדאַקטיר-קאָמיסיעס, אין משך פון 1858—1860 יאָרן. נאָר עס וואָלט זיין אַ פעלער צו מיינען, אַז די באַאַרבעטונג פון די גרונט-פרינציפן פון דער רעפאָרם האָט זיך אָנגעהויבן בלויז אין דער-דאָזיקער צייט און אַז די קעמפנדיקע צדאָדים — די קאָמיטעטן און קאָמיסיעס — זיינען צוגעטראָטן צום איניען מיט ליידיקע הענט. אין דעמדאָזיקן פעריאָד האָבן די צוויי ריכטונגען, וועלכע זיינען אַנטשטאַנען צווישן ערדבאַזיצערישן קלאַס גופע, געפונען זייער אויסדרוק אין פריוואַטע פראָעקטן, וועלכע האָבן געדינט אַלס מאַטעריאַל פאַר באַראַטונגען פונם רעגירונגס-קאָמיטעט. איינע פון דידאָזיקע ריכטונגען קאָן מען אָנרופן פעאָדאַלע, די צווייטע בורזשואַזע. די ערשטע האָט געזאָגט דעריקער, אַז בא די גוטבאַזיצער זאָל פאַרבלייבן אומבאַדינגט און אין דער מאַקסימאַלער צאָל די ערד. די צווייטע האָט קוידעמקאָל פאַרלאַנגט, אַז די ערדבאַזיצער זאָלן באַזאָרגט ווערן מיט קאַפיטאַל און אַרבעטס-הענט — אַפילע פאַר דעם פרייז פון אייניקע האַנאָכעס אין דער ערד-פראַגע לטובת דעם פויערטום. ס'איז אויך געווען אַ דריטער שטאַנדפונקט, אַ פשאָרעדיקער צווישן די ערשטע צוויי, וועלכער האָט געהאָפט צו באַוואָרענען די גוטבאַזיצער מיט די נויטיקע קאַפי-טאַלן אָן האַנאָכעס פון ערד פאַר די פויערים — אָדער מיט ריין פיקטיווע האַנאָכעס. מער בולעט טרעט אַרויס דער פעאָדאַלער שטאַנדפונקט אין

דעם פּראָעקט פֿונם פֿירשט גאַגאַרין, וועלכן ער האָט פֿאַרגעשטעלט דעם „געהיימען קאָמיטעט“.

אויסמײַדן די פּראָלעטאַריזאַציע פֿון פּויערטום בײַ דער ערדלאָזער באַפֿרײַונג איז געווען זייער גרינג לויט גאַגאַרינס מיינונג: מע האָט נאָר געדאַרפֿט איבערלאָזן זיי צום נוצן זייערע הויפֿן און הײַזער. צו דער פֿראַגע וועגן פּראָלעטאַריאַט האָט זיך דער פֿירשט אַגעוו ביכלאַל באַצויגן לײַכט: „קיין דאָרפֿס־פּראָלעטאַריאַט איז אין ערגעץ ניט געווען און עס האָט ניט געקאָנט זײַן — האָט ער געטראַכט, — און אין רוסלאַנד איז ערד דאָ אַזוי פֿיל, אַז דער ערד־אַרבעטער דאַרף ניט מורא האָבן צו בלײַבן אָן אַרבעט“. אונטערן וואָרט „פּראָלעטאַריער“ האָט דער פֿירשט גאַגאַרין, אַדאַנק זײַן פּאַשטעס, פֿאַרשטאַנען אָן „אַרבעטסלאָזן“...

פֿון ניקאָלײַ דעם ערשטנס מיניסטאָרן, וועלכע האָבן נאָך געלעבט אין 1857 יאָר, האָט עפּעס וואָס פֿאַרשטאַנען אין דער פּויערשער פֿראַגע נאָר דער גר. קיסעליעוו, וועלכער איז אין יענער צײַט דערווײַטערט געוואָרן — לויט דער באַהויפּטונג פֿון אײניקע, וואָס האָבן געלעבט אין זײַן צײַט, איז ער בעקיוון דערווײַטערט געוואָרן — פֿונם אַקטיוון אָנטייל אין דער רעפֿאָרם. ער איז דעמאָלט געווען אין פּאַריז אַ קאָנסול. נאָר אויך ער, מוז מען זאָגן, האָט פֿאַרשטאַנען טאַקע נאָר „עפּעס וואָס“. „איך רעכן, — האָט ער געשריבן צו דעמזעלבן געהיימען קאָמיטעט, — אַז שענקען פֿולקומע פֿרײַהייט 22 מיליאָן לייבאייגנטום־מענטשן פֿון ביידע געשלעכטן דאַרף מען ניט און עס איז אוממעגלעך“. מע דאַרף ניט דערפֿאַר, ווײַל די דאָזיקע אומגעהויערע מאַסע מענטשן איז ניט צוגעגרייט צו אַ וועזעצלעבער פֿולער פֿרײַהייט; אוממעגלעך דערפֿאַר, ווײַל ערד־אַרבעטער אָן ערד וואָלטן זייער אָפּהענגיק געוואָרן פֿון די ערדבאַזיצער און וואָלטן געוואָרן פֿולשטענדיק זייערע שקלאַפֿן, אָדער עס וואָלט פֿון זיי ווערן אַ פּראָלעטאַריאַט, דאָס לוינט ניט פֿאַר זיי אַליין און איז געפֿערלעך פֿאַר דער מלוכה. באַטיילן די פּויערים מיט ערד אָדער איבערלאָזן זיי די ערד, וואָס זיי באַאַרבעטן פֿאַר די גוטבאַזיצער, איז אוממעגלעך אָן באַלוינונג און באַלוינען איז פֿינאַנציעל קוים מעגלעך. דעריבער רעכן איך, אַז די פֿראַגע וועגן אַ פֿולער באַפֿרײַונג דאַרף ניט אויפֿגעהויבן ווערן“... סײַ קיסעליעוו, סײַ גאַגאַרין זײַנען געווען פֿאַרשטייער פֿון דער קאַטעגאָריע ערדבאַזיצער, וועלכע האָבן שטענדיק געוואוינט אין פּעטערבורג, האָבן אַליין די ווירטשאַפֿט ניט געפֿירט און זײַנען געווען באַנוגנט מיט זייערע לייבאייגנטום־גיטער פֿאַשעקע אָפּצאָלנעמער. דעמדאָזיקן אָפּצאָל האָבן זיי געשטרעבט אײַנצוהאַלטן אויף אייביק. בײַ דער לייבאייגנטום־אָרדענונג איז דאָס צאָלן זיי רענטע געווען אַ יורידישער כּוח פֿון די פּויערים, וועלכע זײַנען געזעסן אויף זייער ערד; בײַ דער ערדלאָזער באַפֿרײַונג איז די אָרענדע פֿון דער פּריצישער ערד געוואָרן פֿאַר די דאָזיקע פּויערים אָן עקאָנאָמישע נויטווענדיקייט. אַזוי ווי די ווירטשאַפֿטלעכע באַדינגונגען פֿונם מאָמענט האָבן זיך דערבײַ ניט געביטן, איז דער גאַגאַרינישער מעטאָד פֿון באַפֿרײַונג

געווען ניט נאָר סוביעקטיוו דער קאָנסערוואַטיווסטער: דעריבער זיינען פאַראַן אַלע גרונטן אָנצורופן דעמדאָזיקן טיפּ פון דער רעפאָרם פעאָדאַלער. ביפראַט, אַז אויך גאַגאַרין, פונקט ווי קיסעלעוו און זיין פּראָעקט פון ניקאָלאַיס צייטן, האָט איבערגעלאָזן פולקום אומבאַרירט די פּאָליציייאישע מאַכט פונם גוטבאַזיצער, און האָט געגעבן דעם „באַפרייטן" פויער נאָר דאָס רעכט צו קלאָגן זיך אויף אים, אי דאָס נאָר צום אָנפירער פון אַלע גוטבאַזיצער, דעם קרייזישן פירער פונם אַדל, וועלכער ווערט לויטן פּראָעקט פון גאַגאַרינען, פאַרוואַנדלט אין אַ פּריצישן ריכטער...

פאַרשיידענע פּראָעקטן פון דער עמאַנסיפּאַציע האָבן מאָטיווירט די פּראָגראַם פון דער פויערים-באַפרייאונג מיט די פאַרשיידנסטע סוואָרעס. אין די ביוראָקראַטישע קרייזן איז זייער פּאָפּולער געווען די פּאָליציייאישע מאָטיווירונג מיט דער „סאַקאָנע פון דער אינערלעכער אָרדענונג", וועלכע עס ברענגט די ווייטערדיקע עקזיסטענץ פון דער שקלאַפעריי. פּריוואַטע פּראָעקטן האָבן געפּרוווט זיך אויפהויבן איבערן פּאָליציייאישן שטאַנדפּונקט צום פּאָליטישן. דער אויסגאַנגס-פּונקט בײַ קאַוועלינען, לעמאַשל, איז דער ריין בורזשואַזער באַגריף פון דער פרייהייט פון אַרבעט.

אָבער די בורזשואַזיע פאָדערט ניט נאָר „די פרייהייט פון אַרבעט" — נאָר זי שעצט אויך אייגנטום. „די מעלוכע קאָן ניט וועלן און טאָר ניט דערלאָזן די באַפרייאונג פון די פויערים אָן אַ באַלוינונג פאַר די ערדבאַזיצער און האָט דערויף די גרונטלעכסטע סיבעס. די באַפרייאונג פון די פויערים אָן באַלוינונג פאַר די גוטבאַזיצער וואָלט, ערשטנס, געווען זייער אַ געפערלעכער בײַשפּיל פון אויוועך זיין אויף די רעכט פונם אייגנטום, אויף וועלכע קיין שום רעגירונג קאָן ניט אויוועק זיין, ניט אונטעררייסנדיק די יסודעס פון דער בירגערלעכער אָרדענונג און געזעלשאַפטלעכער געמיינשאַפט. צווייטנס, וואָלט זי פּלוצלינג אַרייגעוואָרפן אין דאַלעס דעם פילצאָליקן קלאַס פון די געבילדעטע און פאַרמעגלעכע געברויכער אין רוסלאַנד, וואָס וואָלט לעבאָלאַ-פּאָכעס אין אָנהויב געקאָנט ברענגען אין פיל פאַלן צו אומגינסטיקע פאָלגן פאַר דער גאַנצער מעלוכע; דריטנס, די אייגנטימער פון די גיטער, וואו די ערד-באַאַרבעטונג דורך לוינאַרבעט וועט קאָסטן טייערער, איידער דער רעוואָך, וואָס זי גיט, וועלן נאָך דער באַפרייאונג פון די פויערים אינגאַנצן אָנווערן דעם רעוואָך פון דידאָזיקע גיטער. אָן באַלוינונג וועלן פיל פון זיי די ערשטע צייט, און אַנדערע עפּשער אויף טאָמיד פאַרורטיילט ווערן אויף דאַכקעס און אָרימע עקזיסטענץ"... פון דאַנען קומט קאַוועלינס דריטע „הויפּט-באַגרינדונג": „די באַפרייאונג קאָן פאַרקומען יעדנפאַלס ניט אַנדערש ווי מיט אַ גלייכצייטיקער באַלוינונג פאַר די אייגנטימער".

מע דאַרף ניט פאַרגעסן דעם הויפּט-ציל פון דער באַפרייאונגס-קאַמפּאַניע, אויף וויפל זי איז געפירט געוואָרן דורך די גוטבאַזיצער: צו באַקומען דורך דער באַפרייאונג קאַפּיטאַל, קעדיי איבערבויען זייער ווירטשאַפט אויף נייע יסודעס.

די „סומע“ האָט געדאַרפט אויסצאָלן די איינגנטימער דער ספּעציעל פאַר רעמדאָזיקן צוועק געגרינדעטער מעלוכע־באַנק און דער סכום, וועלכן די איינגנטימער האָבן באַקומען פונם באַנק, ווערט פאַרעכנט אַלס כויוו אַפן אויסגעקויפטן גוט, וועלכער זאָל אָפּגעצאָלט ווערן אין אַ 37־יאָריקן אָדער אין אַנדערן לענגערן טערמין“... די עקאָנאָמישע באַדייטונג פון דער פויערשער ערד־באַטיילונג איז דאָ פולקום קלאָר: דאָס איז די באַוואָרעניש פאַרן קאַפּיטאַל, וואָס איז אַרויסגעגעבן פון באַנק און דאָס מיטל פון זיין בעהאַדראָגעדיקער אויסצאָלונג.

די מעטאָדן פון דער פויערשער באַפרייאונג.

ס'איז זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז די ראָזיקע דעליקאַטע אָפּעראַציע, די פאַרוואַנדלונג פונם פויערשן „נעמעש“ צוזאַמען מיט זיין ערד אין קאַפּיטאַל פאַרן אַדל, — האָט געקאָנט פאַרקומען נאָר פון אויבן, מיטן קויעך פון דער מאַכט, וועלכער אַלע זייַנען געוואוינט געוואָרן זיך אונטערוואַרפן. קאַוועלין האָט באַטראַכט אויך די ראָזיקע זייט פונם איניען — און, ווייסנדיק גוט די אומפעאיקייט פון ניקאָלאַיס מיניסטאָרן, וועלכע האָבן פאַרגעזעצט אָנצופירן מיט רוסלאַנד אויך בא אַלעקסאַנדר דעם 2־טן, צו לייזן די שווערע אויפגאַבע,— האָט ער דער ערשטער אַרויסגעזאָגט די אידייע וועגן דער אינסטיטוציע, וועלכער ס'איז באַשערט געווען צו שפּילן אַזאַ באַדייטנדיקע ראָלע אין דער געשיכטע פון דער רעפאָרם: די רעדאַקטיר־קאָמיסיע. אין דעראָזיקער אינסטיטוציע האָבן געדאַרפט קאָנצענטרירט ווערן אַלע, ווער ס'האָט מיט זייַנע ספּעציעלע קענטעניש געקאָנט זיין נוצלעך פאַרן איניען, סאַי אָנגעשטעלטע, סאַי „מיטגלידער עקספּערטן“. די אַלע פּערזאָנען האָבן געדאַרפט באַקומען זייערע באַפולמעכטיקונגען פון אויבן, פון דער רעגירונג, און ניט פון אונטן, פון די גוטבאַזיצער אָדער פויערים.

אַזוי אַרום איז דער „ביוראָקראַטישער“ מעטאָד פון לייזן די פויערים־פראַגע פאַרגעלייגט געוואָרן פונם בורזשואַזן לאַגער. פאַרקערט, דער געדאַנק וועגן דער נייטיקייט „פון געזעלשאַפטלעכער זעלבסטטעטיקייט“, אין וועלכער אַסאַך זעען קימאַט די הויפּט־סיבע, פאַרוואָס דער אויפטו פון אַלעקסאַנדר דעם 2־טן איז געווען דערפאָלגרייכער איידער די פּרואוון פון זיין פאָטער, — דעראָזיקער ליבעראַלער געדאַנק איז געקומען פונם לאַגער פון די „לייבאייגנטימער“ און פאַרגעלייגט האָט אים ניט קיין אַנדערער, ווי דער געוועזענער סטאַטס־סעקרעטאַר און פאַרטרויאונג־מענטש פון ניקאָלאַי דעם 1־טן, באַראָן קאָרף. בעפוירעש ער האָט עס אין געהיימען קאָמיטעט פאַרגעלייגט צוליבן דערפאָלג פון די נייע מאָסמיטלען אַף איינצואָרדענען די פויערים, אַז זיי (די מאָסמיטלען) זאָלן ניט באַשטימט ווערן פון אויבן, נאָר זאָלן אויסוואַקסן פון אונטן, פון די אָנווייזונגען פון דער דערפאַרונג. דער מיניסטער פאַר אינערלעכע איניאָנים זאָל פאָנאַנדערשיקן צו אַלע גובערניאַלע אַדל־פירער אַ צירקולאַר וועגן איבער־

לאָזן פאַר דער העכפאַרונג און די גוטע קאַוואַנעס פונם אדל די לייזונג פון די פראַגן וועגן די מיטלען פון אויספילן און וועגן דער אָרדענונג פון אָנווענדן — לויט דער פאַרשיידנאַרטיקייט פון די געגנטן פון דער ברייטער אימפּעריע — די איניאַנים וועגן דער ענדערונג פון דער פויערשער לאַגע“. וואָס האָט געשטויסן די פעאָדאַלע גרופּע אַף דעמדאָזיקן וועג, וועלכער האָט זיך אַרויסגעוויזן, ווי עס איז שפּעטער קלאָר געוואָרן, פאַר אַ גאַנץ גליטשיקן? די ערשטע ראָלע האָט דאָ, פאַרשטייט זיך, געשפּילט דער פּאַכעד — אָט דער אוניווערסאַלער פּאַכעד, — וועלכער האָט אַרומגעכאַפּט די „ספערן“ נאָך סעוואַסטאָפּאָל: „מע האָט מוירע געהאַט פאַר אַלץ אין דער וועלט, — פאַר נאַפּאָלעאָן דעם דריטן, פאַרן לייבאייגנטום־פויער, פאַרן סאָלדאַט אין אורלויב — מע האָט, אַגעוו, מוירע געהאַט אויך פאַרן אַדעליקן, — טאָמער וועט ער זיך באַליידיקן? און אָט מיט דעמדאָזיקן געפיל דאַרף מען דערקלערן די לאַבלוטן אומגלויבלעכע פּריווילעגיעס, וועלכע זיינען געגעבן געוואָרן דעם אדל, לעמאָשל, אין דער צייט פון דער רייזע פון אַלעקסאַנדער ניקאָלאַיעוויטש איבער די אינעווייניקסטע גובערניעס אין סאָף פון זומער 1858 יאָר. לויט די ווערטער פונם אימפּעראַטאָר, האָט ער אָן דער שטיצע פונם אדל קיין טריט ניט געקאָנט מאַכן.

די פאַרשלאָגן פון די גובערניאַלע קאָמיטעטן פון די גוטבאַזיצער.

אַף וויפל אין די קאָמיטעטן זיינען געווען פאַרגעשטעלט די אינטערעסן פון די אָרטיקע גוטבאַזיצער־באַלעבאַטים, האָט זיי ניט געקאָנט געפעלן דער מעטאָד פון ליקווידירן די לייבאייגנטום־באַציאונגען, וועלכע גאַנגען מיט זיינע באַוויירים האָבן גערעכנט פאַר די בעסטע. זיי האָבן געוואָלט פאַרוואַנדלען דעם לייבאייגנטום־פויער אין אַן אייביקן באַצוואונגענעם אַרענדאַטאָר פון דער פּריצישער ערד. און בעפּייִרעש אין דעם זין איז רעדאַקטירט געוואָרן דער באַוואוסטער רעסקריפּט פונם 20 נאָיאַבר 1857 יאָר, וואָס זיינען גרונט־האַנאָכעס זיינען געוואָרן אָבליגאַטאָריש פאַר די גובערניאַלע קאָמיטעטן — וועלכע האָבן זיך באַוויזן אַף דער וועלט, ווי ס'איז באַוואוסט, דאַפקע טאַקע נאָך דעמדאָזיקן רעסקריפּט. לויטן רעסקריפּט איז פאַר די גוטבאַזיצער פאַרבליבן דאָס אייגנטום־רעכט אַף דער גאַנצער ערד; דער פויער האָט באַקומען אין אייגנטום נאָר דעם פּלאַץ פאַר זיין וווינונג פאַר אַן אויסקויף, וואָס זיין גרויס האָט באַדאַרפט באַשטימט ווערן „ניט נאָר לויטן ווערט פונם הויף־פּלאַץ, נאָר אויך לויט זיינע מאַילעס פאַרן געווערב און אָרטיקע באַקוועמלעכקייטן“: מיט אַנדערע ווערטער, דער אויסקויף פונם וווינונג־פּלאַץ איז געווען אַ פאַרמאַסקירטער אויסקויף פון דער פּערזאָן פונם פויער און פון אַלע האַכנאָסעס, וואָס דער גוטבאַזיצער פלעגט באַקומען פון דעם, וואָס ער האָט באַהערשט דידאָזיקע פּערזאָן; און די גאַנצע איז געגעבן געוואָרן דעם פויער נאָר אַף צו באַנוצן זי פאַר באַשטימטע פליכטן. דערביי האָבן די פעאָדאַלן, ווייזט אויס, געהאָפט צו באַפרידיקן די אייגנטימער פון די פּריצישע גיטער, איבערלאָזנדיק, אַלס איינע פון די־

דאָזיקע פּליכטן, די אַרבעט באַם פּאַריץ. דאָס האָט אָן איבעריקן מאָל באַוויזן זייער עקאָנאָמישע אָמאַראַצעס: דאָפּקע אין דעם קריזיס פון דער „פּאָנשטשינע“ איז דאָך באַשטאַנען דער עצעם פון דער גאַנצער פּראַגע. אויב די „פּאָנשטשינע“ פון די פּויערים, וועלכע זיינען געווען דאָס אייגנטום פונם גוטבאַזיצער, האָט פאַר אים ניט פאַרגעשטעלט קיין גרויסן ווערט, קאָן מען זיך פאָרשטעלן, וואָס פאַר אַ ווערט עס וואָלט געהאַט די פּליכט־אַרבעט פון די פּויערים, וועלכע זיינען יורידיש פריי און בענויגייע צו וועלכע ס'זיינען באַם גוטבאַזיצער ניט געבליבן קיין שום צוואַנג־מיטלען. און אָט פּאַרוואָס, ניט געקוקט אַף אַלע כלוקעדייעס צווישן די קאָמיטעטן פון שוואַרצערדישן און ניט־שוואַרצערדישן קאַנט בענויגייע דעם סכום ערד, וואָס מע האָט גזקאָנט אָפּטרעטן די פּויערים, האָט זיך זיי אַלע אויסגעוויזן קאָשעליעווס אויסדרוק וועגן די „דעפּוטאַטן פונם ערשטן צו־נויפרוף“ — אַז אָפּגעבן די פּריצישע ערדן אין אַן אַנטערמיניקן באַנוץ פון די פּויערים און פאַר אומפאַרענדערטע פּליכטן איז אַ לאַכלוטן אומבאַרעכטיקטע זאַך אַנטקעגן דאָס אייגנטום־רעכט. די מערהייט... האָט געפאָדערט אַן אַבליגאַטאָרישן אויסקויף, אַלס דאָס איינציקע מיטל דורכצופירן די באַפרייאונג אַף אַ געזעצלעכן יעסאָד, וואָס זאָל באַפרידיקן אי די גוטבאַזיצער, אי די פּויערים. די מינדערהייט זייענדיק מאַסקים אָפּצוגעבן די געזעלשאַפט־לעכע ערדן די פּויערים אין אַן אַנטערמיניקן באַנוץ, האָט געפאָדערט איבערצו־שאַצן אָדער די ערד אָדער, לעכאַלאַפּאַכעס, די געלט־היסכאַיוועס... די דעפּוטאַטן האָבן מוירע געהאַט, אַז אויב עס וועט איינגעשטעלט ווערן דער אַנטערמיניקער באַנוץ פון די פּויערים מיט די גוטבאַזיצערשע ערדן פאַר אומפאַרענדערטע היסכאַיוועס, וועט זיך די רעגירונג באַרואיקן און וועט שוין לאַנג־לאַנג ניט זאָרגן וועגן דער איינאָרדענונג פונם אויסקויף“. אַזוי אַרום איז בלויז די מינדערהייט פון די גוטבאַזיצער געווען גענויגט צום פעאָדאַלן שטאַנדפּונקט, אי דאָס מיט אויסבעטערונגען: די אייגנטימער פון די פּריצישע גיטער, באַם גאַנצן אונטערשייד פון דער גרויס פון זייער ערד־אַפּעטיט, זיינען געווען אַף דער זייט פונם בורזשואַזן געדאַנק.

ווען ס'איז געקומען צום איבערגעבן „די אַדרעסן“ דעם קייסער — דער העכסטער פּונקט פון דער אויפרודערונג פונם אַדל אין 1858—1868 יאָרן, — האָבן פון די פיר און צוואַנציק דעפּוטאַטן, וועלכע האָבן אונטערגעשריבן דידאָזיקע אַדרעסן, נאָר זעקס געגעבן זייערע אונטער־שריפטן אַף „אַדרעסן“ פון פּאָליטישן כאַראַקטער. דערביי קאָן מען דעם „קאָנסטיטוציאָנאַליזם“ פונם מער לאָגישן אַדרעס פון די „פינף“ (אונקאָווסקי, כרושטשאָוו און שרעטער און נאָך צוויי יאַראָסלאַווער דעפּוטאַטן, דובראָווין און וואַסיליעוו) אויך שטעלן אין געצוויפל, ווייל קיין פּאָליטישע פאַרשטייערשאַפט אַפילע מיט באַראַטונג־רעכט, האָבן זיי אויך ניט געפאָדערט: זייערע וואונטשן זיינען ניט געגאַנגען ווייטער פון אַ „זעמסטוואָ“ פון אַלע שטאַנדן, אַ געריכט פון געשוואוירענע און „דרוק־עפנטלעכקייט“ („ניט פרייהייט פון פּרעסע“). דאָס איז אייגנטלעך געווען קאַוועלינס פּלאַטפאָרם —

א סאָציאַלע אָרדענונג פון דער בורזשואַזער געזעלשאַפט און פּאָליטישער פרייהייט. זייער שנעל האָט אָבער די לאָגיק פון די געשעעענישן געצוואונגען די רעגירונג פון אַלעקסאַנדער דעם 2־טן אַליין אויסצופילן דידאָזיקע פּראָגראַם. בלויז דער אָמערסטן ניט לאָגישער („אָליגאַרכישער" — לויט דעם קייסערס אָפּשאַצונג) אַדרעס פון שידלאָווסקין האָט נאַיוו געפאָדערט אַן אַלרוסלענדישע אַדל־פאַרזאַמלונג אַף צו לייזן די פויערשע פראַגע, וועלכע דער קייסער האָט צוגעזאָגט. דערפאַר האָט דער אַדרעס פון דער מערהייט — „פון די אַכצן" — ניט אַנטהאַלטן אין זיך אַבסאָלוט קיין שום פּאָליטישע פאָדערונגען, און א גאַנץ באַדייטנדיקע מינדערהייט האָט זיך אָפּגעזאָגט אונטערצושרייבן א וועלכן עס איז אַדרעס... מיט אַזוינע „רעוואָלוציאָנערן" איז ניט שווער געווען דורכצוקומען. נאָר בא דער שרעק זיינען די אויגן גרויס: קעדיי אויסצומיידן אין רוסלאַנד די איינפירונג פון „פאַרטרעטנדיקער רעגירונג" דורך די אַדל־קאָמיטעטן, האָט מען זיך אַף א מינוט א וואָרף געטאָן אין די אָרעמס פון יענער „בורזשואַזיע", מיט וועלכער ס'איז אַפן עקאָנאָמישן באָדן געווען אַסאַך שווערער פאַר די פּעאָדאַלן זיך צונויפצורייידן. אַלס רעזולטאַט פון דעמדאָזיקן אַקט פון פאַרצווייפלונג זיינען געקומען די באַוואוסטע „רעדאַקטיר־קאָמיסיעס".

די אַרבעט פון די רעדאַקטיר־קאָמיסיעס.

נאָך אין ערשטן פעריאָד פון זייער טעטיקייט ביזן צוזאַמענשטויס מיט די פאָרשטייער פון די גובערניאַלע קאָמיטעטן, האָבן די קאָמיסיעס, אַף דער זיצונג פון 20־טן יוני 1859 יאָר, מיט א באַדייטנדיקער מערהייט זיך אַרויסגעזאָגט פאַר די פּרינציפּיעלע רעכט פונם גוטסבאַזיצער צו פאַרקלענערן, אין געוויסע פאַלן, די ערד־באַטיילונג פון די פויערים בא דער באַפרייאונג. זיי האָבן זיך געטרייסט דערמיט, וואָס דידאָזיקע פאַלן האָבן געדאַרפט פאַרבלייבן א ו י ס־ש ל י ס ל ע כ ע; נאָר אין צווייטן פעריאָד פון דער טעטיקייט פון די קאָמיסיעס, נאָך זייער צוזאַמענשטויס מיט די גובערניאַלע קאָמיטעטן (אין אויגוסט — אָקטיאַבר 1859 יאָר) איז אויך דידאָזיקע טרייסט געוואָרן ניט מאַמאָשעסדיק. לויט די נאָרמעס, וואָס די קאָמיסיעס האָבן באַשטימט אונטערן דרוק פון די קאָמיטעטן, האָט דער „אָפּשניט" אין א גאַנצער ריי שוואַרצערדישע קרייזן געדאַרפט אָנרירן א דריטל, א העלפט, ערטערווייז אַפילע די מערהייט פון די גיטער (אין געוויסע פאַלן ביז 80%): עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער אויסנאַם איז מער פאַרשפּרייט ווי דער קלאַל. די קאָמיסיעס האָבן זיך בלויז געטרייסט דערמיט, וואָס דערפאַר האָבן זיי אָפּגעשאַצט די ערד, וועלכע גייט איבער צו די פויערים, ביליקער, איידער די גוטסבאַזיצער. נאָר, ערשטנס, איז דער אונטערשייד נאָר ניט געווען אַזוי גרויס. דער קורסקער קאָמיטעט, לעמאָשל, האָט געוואָלט באַקומען פאַר אַן ערד־טייל 80—93 רובל, די קאָמיסיעס האָבן עס אָפּגעשאַצט אין 64—81 רובל; דער קאַלוגער קאָמיטעט — פון 100 ביז 150, די קאָמיסיעס — פון 111 ביז 120 רובל; דער מאָסקווער קאָמיטעט — פון 160 ביז 179, די קאָמיסיעס — פון 76 ביז 120. אַבוץ מאָסקווע איז דער צוזאַמענשטויס געווען א גאַנץ אַנטשיידענער אין יאַראָסלאַוול:

די יאַראָסלאַווער אַרעליקע (זייער ליבעראַלע, ווי מיר האָבן געזען) האָבן געוואָלט באַקומען פאַר דער פויערשער ערד פון 196 רובל ביז 270 רובל, די קאָמיסיעס האָבן מער פון 75—160 רובל ניט נעגעבן. דערפאַר גייען זיך אין אַ ריי פאַלן צונויף די אָפּשאַצונגען פון די קאָמיטעטן און פון די קאָמיסיעס גאָר נאָענט: אין טולער גובערניע 69—137 רובל (דער קאָמיטעט) און 66—139 רובל (די קאָמיסיע); אין כאַרקאָווער — 96 רובל (דער קאָמיטעט) און 71—101 רובל (די קאָמיסיע). נאָר די אַלע אַריפמעטישע העלדישקייטן ווערן איינגאַנצן פאַרטונקלט אין פאַרגלייך מיט דעם פרינציפ פון אָפּשאַצן די פויערשע ערד ה ע כ ע ר פון איר פראַקטישן ווערט, — דאָס הייסט, אַז דעם פאַרמאַסקירטן אויסקויף פון דער פעריזאַן האָבן פולקום אָנערקענט אויך די קאָמיסיעס...

די דורכפירונג פון דער פויערים-באַפרייאונג.

אויב די מיטגלידער פון די קאָמיסיעס האָבן ניט פאַרשטאַנען די לאָגיק פון זייער לאַגע אין אָנהויב, — האָבן זיי געדאַרפט זי פאַרשטיין, דערזעענדיק, ווי די זאַך האָט זיך געענדיקט. קוים האָבן זיי פאַרענדיקט די אַרבעט, וועלכע מע האָט זיי פאַרגעבן, צונויפגעזאַמלט דעם נויטיקן עקאָנאָמישן און יורידישן מאַטעריאַל, אויסגעאַרבעט די טעכניק פון דער רעפאָרם און אָפּגעצאַמט די בונטאַרישע קאָמיטעטן, — האָט מען זיי טייקעף „געגעבן דעם וועג" אָן שום צערעמאָניעס: דעם 10-טן אָקטיאַבר 1860 יאָר זיינען זיי פאַרמאַכט געוואָרן קימאַט פלוצלינג, און ק ײ ן א י י נ ע ר פון זייערע מיטגלידער איז ניט צוגעלאָזט געוואָרן אין דער אינסטיטוציע, וואו עס האָט געדאַרפט דערלייזט ווערן די פראַגע, — אין דעם הויפּט-קאָמיטעט פאַר דער פויערשער פראַגע, אין דעם פריערדיקן „געהיימען" קאָמיטעט, וועלכער איז אייגנטלעך געבליבן אַ „געהיימער", ווייל זיינע וויקוכים זיינען געווען אַ סאָד פאַר אַלע, אַפילע פאַר די געוועזענע מיטגלידער פון די קאָמיסיעס...

די קאָמיסיעס האָבן בעקיוון איבערגעלאָזן פאַר די „לייבאייגנטימער" אַלע נויטיקע אויסוועגן. נאָר פאַנין, דער אייניקל פונם באַזיגער פון דער „פוגאַטשאָווששטשינע", ניקאָלאַי דעם ערשטנס יוסטיץ-מיניסטער און געוועזענער פאָרזיצער פון די רעדאַקטיר-קאָמיסיעס, האָט נאָך אַביסל געשניטן די פויערשע נאַכלעס — וואו אַף אַ האַלבער דעסיאַטין, וואו אַף אַ פערטל. און דעם לעצטן נאָגל האָט אַריינגעקלאַפּט דער פירשט גאַגאַרין, דורכפירנדיק דאָס רעכט פון די גוטבאַזיצער צו באַפרייען די פויערים קימאַט אָן ערד — מיט איין פערטל פון אַן ערד-כיילעק. שפּעטער זיינען סאַי דער הויפּט-קאָמיטעט, סאַי דער מעלוכע-ראַט, וועלכער האָט געשפּילט די ראָלע פון אַ ריין פּעדאַלער אינסטאַנץ, פאַרבליבן אָפּן באָרן פונם פּראָעקט פון די קאָמיסיעס אַרום דעם, וואָס זיי האָבן געמאַכט ד ע ם א ו י ס ק ו י ף, ד. ה. די ענדגילטיקע ליקווידאַציע פון די באַציאונגען צווישן פּאָריץ און זיינע געוועזענע פויערים, אָפּהענגיק פון דער האַסקאָמע פונם גוטבאַזיצער. אין „סטאַטוט פון 19 פעוראַל" האָבן גלייכצייטיק באַקומען די קראַפט פון געזעץ ב י י ד ע טיפּן פון

דער „באפרייאונג“: דער ניקאלאישער, לויט וועלכן די פויערים זיינען פארבליבן „פארפליכטעטע“ (ווי לויטן געזעץ פון 1842 יאר) און דער נייער, דער בורזשואזער, וועלכער האט געמאכט פון די פויערים, אף פאפיר, „פרייע קליינע ערד־אייגנטימער“. סאי די, סאי יענע פויערים זיינען געבליבן, פארשטייט זיך, אין דערזעלבער מאס צוגעבונדן צום ארט, ווייל ס'איז פארבליבן די געמיינשאפטלעכע ארוועס בענויגייע צום אפצאלן די שטייערן און היסכאיוועסן, און דער פויער האט ניט געקאנט אוועקגיין פונם דארף אן דער האסקאמע פון דער געמיינדע („מיר“) און די געמיינדע האט געהאט אלע אורזאכן אים ניט ארויסצולאזן. דערפאר אבער איז דער גוטבאזיצער מיט גארנישט געווען פארבונדן אין אויסוואל פון דערווירטשאפט־סיסטעם. ער האט זי געקאנט פירן לויט דער נייער סיסטעם, מיט געדונגענע ארבעטער, אדער לויט דער אלטער, דורך אפצאל („אבראק“) אדער „פאנשטשינע“. די ליקווידאציע פון דער לייבאייגנטום־ווירטשאפט איז, אזוי ארום, פולשטענדיק איבערגעבן געווארן אין די הענט פון די גוטבאזיצער; דאס דארף מען ניט פארגעסן, ווען מיר הערן, אז דאס לייבאייגנטום־רעכט איז אפגעשאפט געווארן „פון אויבן“. דאס רעכט — יא; די ווירטשאפט — ניט. בענויגייע צו דער ווירטשאפט איז איינגעארדנט געווארן א מין פלעביסציט צווישן די גוטבאזיצער; און אט וואס פאר רעזולטאטן עס האט געגעבן דערדאזיקער פלעביסציט.

צום ערשטן מאי פון 1864 יאר איז „דער סטאטוט פון 19 פעוראל“ איינגעפירט געווארן אין אלע — אדער קימאט אין אלע — גיטער פון אייראפעאישן רוסלאנד. פון 109.758 גיטער מיט 9.765.925 פויערשע נעפאשעס זיינען פארבליבן אין דער לאגע פון „פארפליכטעטע“ 75.422 גיטער מיט 5.300.000 נעפאשעס.

איבערגעגאנגען אף אויסקויף אדער באנוצט זיך מיט גאנארינס אויסרייד וועגן דעם פערטלדיקן „געשאנקענעם“ ערד־ביילעך זיינען 34.301 גיטער מיט 4.465.739 נעפאשעס.

קעדיי ריכטיק אפצושאצן דידאזיקע ציפערן, דארף מען נעמען אין אכט, פון איין זייט, אז אין די מאירעוודיקע גובערניעס איז נאכן פוילישן אויפשטאנד אין 1863 יאר דער אויסקויף געווארן אבליגאטאריש (אין גאנץ רוסלאנד איז ער געווארן אבליגאטאריש ערשט פון 1881 יאר). פון דער אנדער זייט, אז פאר די אייגנטימער פון די אפצאל־גיטער (לעערעך א דריטל פון דער אלגעמיינער צאל), וועלכע זיינען בכלאל געווען ווינציקער פון אנדערע פארינטערעסירט אין דער ליקווידאציע פונם לייבאייגנטום, איז געשאפן געווארן אן איבעריקער סטימול אפצולייגן דידאזיקע ליקווידאציע מיטן צוזאג איבערצוקוקן — זעלבסטפארשטענדלעך אין דער ריכטונג פון העכערן — דעם פויערשן אפצאל אין 20 יאר ארום. ווער איז א באלן צו שעכטן א הון, וואס האט נאך געקאנט ברענגען א גאלדן איי? מאכנדיק א געהעריקן כעשבן, וועלן מיר זען, אז פאר דער פרייער ארבעט האט זיך ארויסגעזאגט באלד נאך דער רעפארם ביז א העלפט פון די גוטבאזיצער. דאס גיט

און אַ באַגריף וועגן דער פאַרשפּרייטקייט פון די „ליבעראַלע“ אָנשווי- אונגען צווישן דעם דעמאָלטיקן אדל.

דאָס איבערלאָזן די „פּליכט“-באַציאונגען, אויב דאָס וועט פאַרלאַנגען דער גוטבאַזיצער, איז געווען דער הויפּט-קוואַל פון די „מיספאַרשטייעני־שן“ בא דער דורכפירונג פון די רעפאָרם אַף די ערטער. די סיסטעם פון די אויסקויף- אָפּצאָלן איז געווען אַזוי קאָמפּליצירט, אַז ניט בלויז די פּויערים האָבן געקאָנט גלייך פאַרשטיין זייערווירקלעכע באַדייטונג: דער אויסקויף פון דער פעלד אין דער פאָרם פון אויסקויפן די ערד. אָבער דערקלערט וועלן פונם קייסער פאַר אַ פּרייען מענטשן — און אין דערזעלבער צייט ווייטער מוזן גיין אַף פּאַנשטשינע אָדער צאָלן „אָבראָק“ — דאָס איז געווען אַ שרייענדיקער ווידער- שפּרוך, וועלכער האָט זיך געוואָרפן אין די אויגן. די „פאַרפּליכטעטע“ פּויערים האָבן פעסט געגלויבט, אַז דאָס איז ניט די עמעסע פרייהייט. עס וועט נאָך קומען „די גערעכטע שאָ“ און דעמאָלט וועט דער קייסער אַליין (און ניט די פּריצים — באַאַמטע און גאַלאָכים) דערקלערן די עמעסע „פרייהייט“. דאָס איינציקע מיטל צו איבערצייגן די פּויערים, אַז „דער סטאַטוט פונם 19 פעווראַל“ איז די „עמעסע פרייהייט“, איז געווען ד ו ר ך ר י ט ע ר. קיינמאָל האָט מען אַזויפיל ניט געשמיסן, לויט די זיכרוינעס פון יענע צייטן, ווי אין די ערשטע דריי כאָדאָשים נאָכן דערקלערן די „פרייהייט“; און בא די פּוי- ערים האָט זיך אַפילע אויסגעאַרבעט אַן איבערצייגונג, אַז אין „סטאַטוט“ אַליין איז פאַראַן אַ פּונקט, וואָס הייסט שמייסן יעדן פּויער, וועלכער האָט געוואַגט צו לייענען דעמאָדזיקן „סטאַטוט“. נאָר ניט טאָמיד האָבן געהאָלפן אַפילע די ריטער. פאַר די צוויי יאָר פון צונויפשטעלן די „סטאַטוט גראַמאָ- טעס“ איז אין 2.115 דערפער אָנגעווענדעט געוואָרן מיליטערישע קראַפט, דערביי איז צייטנווייז דערגאַנגען ביז עמעסע קריגס-אַקציעס מיט צענדליקער האַרוגים און פאַרוואונדעטע — פון דער פּויערים-זייט, פאַרשטייט זיך. און דאָך האָבן די פּויערים פון 97.539 סטאַטוט-גראַמאָטעס 45.825 נ י ט אונ- טערגעשריבן: קימאַט אַ ה ע ל פ ט פון זיי האָט זיך אָפּגעזאָגט פון „פרייער אַרבעט“ אין דער פאָרם, אין וועלכער זי איז פאָרגעלייגט געוואָרן דורכן מאַניפעסט פונם 19 פעווראַל 1861 יאָר.

(מ. פּאָקראָווסקי—רוסישע געשיכטע, באַנד 4, פאַרלאַג „מיר“ ז. 97—64).

טאַבעלע № 1.

דער סאַכאַקל פון דער ערד-איינאָרדענונג פון די געוועזענע פּריצישע פּויערים.

דער סאַכאַקל פון דער ערד-איינאָרדענונג פון די געוועזענע פּריצישע פּויערים אין די גרויס-רוסישע און אין אוקראַינישע גובערניעס אין 1.000 דעסיאַטין.

	ביז 1861 יאָר	נאָך 1861	מער + ווייניקער —	אין %
אין 27 גוב., וואו דער פּויערשער ערד-ציילעק איז פאַרקירצט געוואָרן	24.919,5	20.924,3	—3.995,2	—16 %
אין די איבעריקע 9 גובערניעס . . .	3.802,2	4.042,4	+240,2	+6,3
אין אלע 36 „ . . .	28.721,7	24,966,7	—3.775	—13,1

(Из ст. В. Анисимова в сб. „Великая реформа“, т. VI, стр. 93).

טאבעלע № 2

בא די פויערים האָט מען אפגעשניטן ערד:

אין די גובערניעס פון אָקער געגנט	1,34%
„ „ „ „ צענטראלער-ערדארבעט-געגנט .	25,6 „
„ „ „ „ אוקראינער געגנט	31,6 „
„ „ „ „ וואלגער „	34,4 „
„ „ „ „ נאוואראסיע-געגנט	30,0 „
„ „ „ „ נאָך-וואלגער	7,5 „

(Ванаг, Томсинский. Экономич. развит. России 1925).

טאבעלע № 3

די גרויס פון אויסקויף.

דער פרייז פון פויערשן ערד-ביילעק, וואָס ער האָט באקומען בא דער באפרייאונג.

	אין מיליאָן רובל דער ווערט אפן פרייען מארק 1854—58 יאָרן	1863—72	וואָס דער פויער האָט באצאָלט באם אויספאַר-קויף
ניט-שווארצערדיקער ראיאָן	155	180	342
שווארצערדיקער „	219	284	342
מאירעוו (פוילן) „	170	184	183
	544	648	867

די פויע ים האָבן איבערגעצאָלט בא זייער באפרייאונג אין ניט-שווארצערדיקן ראיאָן אף 127% מער אין פארגלייך מיט די פרייזן פון די 50-ער יאָרן און אף 90% מער אין פאַר-גלייך מיט די פרייזן אין די 60-ער יאָרן. אין דעם שווארצערדיקן ראיאָן האבן די פויערים איבער-געצאָלט אין די 50 יאָרן 57%, אין די 60 יאָרן 20%.

(Лосицкий—ст. в „Образовании“ кн. № 11, 1906).

טאבעלע № 4

דער כויוו פאר די ערד

די פויערים זיינען געווען שולדיק פאר די באקומענע ערד:

אין די יאָרן:	דער כויוו טויזנט ר.
1862	17.627
1867	385.650
1872	622.224
1877	710.105
1882	787.278
1887	872.452
1892	887.561
1897	893.623
1902	896.846

(Лосицкий—Выкупная операция, 1906 г.).

מ. פאקראווסקי

די סאַכאַקלען פון דער פויערשער רעפאָרם פון 19 פעווראַל 1861 יאָר.

די עקאָנאָמישע סאַכאַקלען פון דער רעפאָרם.

פאר „די אָנגעוועזענע און די רייכע“ איז דער רעזולטאט פון דער רעפאָרם געווען גראָד דער, וואָס זיי האָבן באַדאַרפט. דער גרעסערער ערדבאַזיץ איז אויך נאָכן 19 פעווראַל 1861 געבליבן הער הערשנדיקער, פונקט ווי ער איז געווען פאר דעם. לויט דער סטאטיסטיק פון די 70-ער יארן האָט צו 10% פון גוטבאַזיצער פון וועלכע יעדערער האָט פארמאָגט מער ווי 1000 דעסיאטין ערד, געהערט 3/4 פונם גאַנצן ערד-אייגנטום פון דעם אדל, דערביי איז 3/5 פון דעמדאָזיקן גרויסן אייגנטום געווען אין די הענט פון די גרויסע גוטבאַזיצער, וועלכע האָבן געהאט מער ווי צו 5000 דעסיאטין אף א כיילעק. פארקערט, צו דריי פערטל פון דער אדעליקער מאסע האָט געהערט סאַכאַקל 14% פון דער גאַנצער פריצישער ערד. עס זיינען פארלוירן געגאַנגען און צעשטערט געוואָרן נאָר די קלענערע גיטער. די גרויסע גיטער, אַכוץ איינצלנע אויסנאַמען, האָבן בעשאָלעם דערלעבט ביזן 1905 יאר. די ערנדע-פרייזן זיינען געוואַקסן, און פונם אָנהויב פון די 60-ער ביזן אָנהויב פון די 80-ער יארן האָבן זיי זיך אויפגעהויבן אין $3^1/_2$ — $3\ ^1/_2$ מאָל, ערטערווייז אפילע נאָך מער — אין 10 — 8 מאָל. פון דעם ארענדאטאָר האָט מען געהאט פיל מער ווי פון דעם „אָפּצאָל-פויער“ און דאיגעם איז מיט אים געווען ווינציקער. דאָס פארהיטן פון דער פויערשער ווירטשאפט („טיאגלאָ“) האָט זיך ארויסגעוויזן פאר זייער א קלוג מאָסמיטל, — דער פויער, וואָס איז באפרייט געוואָרן פון באארבעטן די פריצישע ערד, האָט געקענט זיך מער פארנעמען מיט זיין אייגענער ערד, און די גערעטעניש פון די פויערשע פעלדער, סאי די אויסגעטיילטע און סאי די ארענדירטע, האָבן זיך פארגרעסערט: אין זיבן שווארצערדיקע גובערניעס איז די דורכשניטלעכע גערעטעניש אין דער עפאָכע פון דער רעפאָרם געווען 3,8 און אין די 70-ער יארן — 4,7. אף יעדן נעפעש פון דער באפעלקערונג איז אין דער עפאָכע פון דער רעפאָרם אָנגעקומען 3,32 „טשעטווערטן“ פון דעם ריינעם סאַכאַקל ארגאַנעמענע טוואָוע און אין די 1870—79 יארן — 3,88 „טשעטווערטן“. דערפאר איז די האָפענונג פון די מיטעלע גוטבאַזיצער, וועלכע האָבן געטרוימט וועגן א אינטענסיווער ווירטשאפט, זיך צעגאַנגען, ווי רויך, ביפראט אין דער ניט שווארצערדיקער זאָנע.

די קאָנקורענץ פון פויער און פאַבריק.

די פארבליבענע פויערשע ווירטשאפט האָט זיך ארויסגעוויזן פאר א געפערלעכן קאָנקורענט פון דער פריצישער — און דידאָזיקע קאָנקורענץ האָט זיך געלאָזן פילן אף גאָר פארשיידענע און צומאָל אומדערוואַרטעטע אויפאַנים.

די האָפענונג אַף ביליקע אַרבעטסהענט האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר אַ פאַנ־
טאַזיע — די הענט זײַנען אין דאָרף געווען ביליק, ווען עס איז געווען אַ
אומגערעטעניש, ד. ה. ווען אַף די פּריצישע פעלדער איז אויך ניט געווען
וואָס צו טאָן; בײַ אַ גוטער גערעטעניש האָבן די פּויערים געהאַט גענוג
אַרבעט אַף זייערע אייגענע פעלדער, און זיי פלעגן אַרויפשלאָגן אַ פּרײַז, פון
וועלכן ס'פלעגט פאַלן אַ שטאַרקע שרעק אַף די פּריצים. אומזאַץ־קאַפּיטאַל איז
געווען ווינציק, די אויסקויף־צייגענישן, וועלכע מע האָט באַקומען פאַר די
פּויערשע ערד־טיילן זײַנען אויפגעגעסן געוואָרן אין דעם איבערגאַנגס־פּעריאָד,
און אין דערזעלביקער צײַט האָבן „די אָנגעזעענע און רײַכע" ניט אַ טראַכט
געטאָן באַצײַטנס וועגן אָרגאַניזירן אַ ביליקן מעלוכע־קרעדיט פאַר זייערע מי־
טעלע ברידער — אַפילע די קרעדיט־אַנשטאַלטן, וועלכע האָבן עקזיסטירט אין
דער לייבאייגנטום־צײַט זײַנען פאַרמאַכט געוואָרן; און דער פּריוואַטער קרע־
דיט, בײַ דער אומגעהויערער נאָכפראַגע אַף קאַפּיטאַלן פאַר די אייזנבאַנען, איז
געווען זייער טייער (ניט ווינציקער פון 7% יערלעכע נאָמינאַל — פאַקטיש נאָך
מער). לעסאָף, די דורכפירונג גופע פון דער אייזנבאַן, אַ מאַססמיטל, וועגן וועלכן
די פּראָגרעסיווע גוטבאַזיצער און זייערע פאַרשטייער האָבן זיך געטומלט שוין
פון סאָף 30־ער יאָרן, האָט געגעבן נאָר אומדערוואַרטעטע רעזולטאַטן. דער
נאָענטערער ציל — די אויפלעבונג פון די באַציאונגען מיטן איראָפּעאישן
מאַרק און די העכערונג פון די ברויט־פּרײַזן — איז, עמעס, דערמיט דער־
גרייכט געוואָרן. דער אַרויספיר פון ברויט האָט זיך אויפגעהויבן פון 8.780.000
„טשעטווערטן" אין סאָף פון די 50־ער יאָרן ביז 18.154.000 „טשעטווערטן"
אַ „טשעטווערט" ווייץ האָט זיך אויפגעהויבן פון 5 — 6 רובל ביז 8, אַ „טשעט־
ווערט" קאָרן פון 2 רובל 50 קאָפּ. אָדער 3 רובל ביז 4—5 ר. נאָר פון דעם האָבן
געוואונען דאַפקע ניט יענע גובערניעס און ניט יענע שיכטן פון דער באַפעל־
קערונג, וועלכע האָבן געלייגט אַף דער אייזנבאַן אַזוינע גרויסע האָפענונגען. מיט
דער דורכפירונג פון דער דאָרעם־מיזרעכדיקער אייזנבאַן, דעריקער די ליניע
אָריאָל — צאַריצין (1870 יאָר), האָט אין סאָף פון די 60־ער יאָרן
זיך קיין אויסלאַנד אַ לאָז געטאָן דאָס ברויט פון וואָלגאַ־קאַנט. פריער פלעגט
מען פון דאַנען אַרויספירן, צוליב דער טייערקייט פון טראַנספּאָרט, נאָר די
גאָר ווערטפולע סאָרטן פון טוואַוע, לעמאָשל, ווייץ — „בעלאַטורקע", איצט
האָט אָנגעהויבן צו גיין אויך די רוסישע ווייץ, און אַפילע קאָרן. דער רעזול־
טאַט איז געווען, אַז בעאייס אין סאַראַטאָוו האָבן זיך די ברויט־פּרײַזן אויפ־
געהויבן ביז 100%, האָבן זיי זיך אין אָריאָל אויפגעהויבן נאָר אַף 60% און
אין ריבינסק אַפילע נאָר אַף 50. אין דערזעלביקער צײַט האָט אין דעם נידעריקן
טייל פון וואָלגאַ־קאַנט די ערד נאָך ווייטער געגעבן גערעטענישן בײַ אַ זייער
עקסטענסיווער ווירטשאַפט, אָן גרויסע פאָרויסיקע הויצאָעס, בעאייס אין
דער ניט שוואַרצערדיקער זאָנע האָט די עקסטענסיווע ווירטשאַפט שוין ניט
געגעבן קיין רעזולטאַטן. די קאָנקורענץ האָט פאַרלאָרן איר זין. און צו די
אַלע צאָרעס דאַפקע צוליב דער דורכפירונג פון דער אייזנבאַן, האָט דע־
גוטבאַזיצער פון צענטראַל־רוסלאַנד פאַרלאָרן זײַן הויפט־פּריווילעגיע, וואָס

איך ווערט האָט ער אפילע ניט פארשטאַנען בא דער לייבאייגנטום אָרדענונג: די מאָנאָפּאָליע פון צושטעלן דאָס ברויט אפן מארק. בלויז האָבנדיק אין זיין רעשוס די הונדערטער אומזיסטיקע פויערשע פורן האָט ער, דער פּאָריץ געקענט צושטעלן דאָס ברויט, וואו עס זיינען געווען גינסטיקע פרייזן — אף איינעם פון די הויפּטמערק. איצט אָבער איז וואו עס איז נאָר געווען אן אייזנבאַן־סטאַנציע, איז דאָרטן געווען אויך א מארק, פון יעדן פארוואָרפענעם ווינקל איז דאָס ברויט געגאַנגען גלייך קיין ריגע אדער אָדעס. צוזאַמען מיט דער אייזנבאַן האָבן זיך באַוויזן מאסן קליינע אגענטן, וועלכע האָבן געקויפט ברויט בא יעדערן — באַם גוטבאַזיצער, באַם פויער, בא דעם ארטיקן אויפקויפער. פריער האָט דער פויער געמוזט געדולדיק ווארטן, ביז דער פּאָריץ וועט פארקויפן זיין טוואַרע, און האָט נאָך געדאַרפט אוועקפירן דאָס פּריצישע ברויט אין שטאָט אריין מיט זיינע פערד — איצט האָט דער פּאָריץ געמוזט קאָנקורירן מיט די „פויערשע" פרייזן. נאָר דער פויער, וואָס האָט ניט געוואוסט פון קיין געדונגענע ארבעט און וואָס האָט אינטענסיפיצירט זיין ווירטשאַפט מיט דער הילף פון זיינע מוסקולן — אין זיין פּאַשטעס האָט ער גערעכנט אז זיי קאָסטן גאָרניט — האָט טאָמיד געקענט פארקויפן זיין ברויט ביליקער, איידער דער גוטבאַזיצער. אלס פועל־יוצא פון דעם אלעמען איז די פּריצישע ווירטשאַפט פון צענטראַל רוסלאַנד נאָך דער פויערשער רעפאָרם געוואָרן קימאַט נאָך מער עקסטענסיוו, איידער זי איז געווען פריער. די גרויסע לאַנדווירטשאַפט האָט זיך געקענט האַלטן אין צענטראַל רוסלאַנד נאָר אדאַנק דער קינסטלעכער העכערשאַפט איבער דער קלענערער. ווייבאַלד אָבער די ביידע ווירטשאַפטן, די קליינע און די גרויסע, זיינען אוועקגעשטעלט געוואָרן אין גלייכע באַדינגונגען פון קאָנקורענץ, האָט די קליינע בא דער געגעבענער סיטואַציע געמוזט באַקומען די איבערהאַנט. עס איז דעריבער געבליבן צו טאָן פארקערט: די גרויסע ווירטשאַפט מאַכן אָפּהענגיק פון דער קליינער, דאָס הייסט אָפּגעבן די פּריצישע פעלדער אין אַרענדע די פויערים. די מערהייט פון די פּריצים האָט טאַקע אַזוי געטאָן און, ביז עס האָבן זיך געהאַלטן אפן ברויט־מארק „פעסטע" פרייזן פלעגן זיי זיך ווי עס איז אַרויספּלאָנטערן פון דער שווערער לאַגע. דער עמעסער קריזיס האָט זיך אָנגעהויבן ערשט דעמאָלט, ווען די פרייזן אפן אינטערנאַציאָנאַלן ברויט־מארק זיינען געפאַלן: דעמאָלט האָט מען שוין בעשום אויפן, אפילע אָפּגעבנדיק די ערד אין אַרענדע, ניט געקענט באַקומען קיין געהעריקע האַכנאָסעס פון דער ערד און עס זיינען נויטיק געווען פּאָליטישע מאָסמיטלען, וועלכע זיינען באַוואוסט מיטן נאָמען „קאָנטר־רעפאָרמען" פון אלעקסאַנדער דעם 3־טן. נאָר איידער מיר וועלן איבערגיין צו זיי, דאַרף מען א קוק טאָן, וואָס פאַר א רעזולטאַטן עס האָט געגעבן דאָס פאַלן פון דעם לייבאייגנטום פאַר דער אַנטוויקלונג פון דעם היינטיקן קאַפּיטאַליזם אויסער דעם געביט פון די אַגראַרע באַציאונגען.

די רעפאָרם און די באַאַרבעטנדיקע אינדוסטריע

דער פּראָלעטאַריזירטער אַרבעטער איז געווען נויטיק ניט נאָר פאַר די באַלעבאַטים פון די שוואַרצערדישע גיטער, ער איז נויטיק געווען אויך דעם פאַבריקאַנט. פאַרהאַלטנדיק די פּראָלעטאַריזאַציע פון דעם פּויערטום האָבן „די אָנגעזעענע און די רייכע" גוטבאַזיצער צעשטערט די האָפענונגען ניט נאָר פון זייערע מיטעלע ברידער, נאָר אויך פון דער אינדוסטריעלער בורזשואַזיע. אונטערן ערשטן איינדרוק פון דער רעפאָרם פונם 19־טן פעווראַל איז די באַאַרבעטנדיקע אינדוסטריע ניט נאָר ניט געגאַנגען פאָרויס מיט ריזיקע שריט, נאָר זי האָט זיך קימאַט א רוק געטאָן צוריק. דער סכום פון אויסגעגאָסענע טשוהון איז פון 1860 ביז 1870 יאָר געפאַלן פון 20 1/2 מיליאָן פוד ביז 17 1/2 מיליאָן; דער סכום איבערגעאַרבעטער בוימוואָל איז פאַרבליבן פאַר דעם זעלביקן צייט־פּעריאָד קימאַט אויף איין הויך — לערך 3 מיליאָן פוד. שוין אין דער ערשטער מינוט האָט אַפילו די האָפענונג אויף צו פאַרקלענערן דעם אַרבעטס־לוין זיך אויסגעוויזן פאַר באַנקראָט. באַקומענדיק גאַנץ היפּשע ערד־כאַלאָקים אין דער ניט שוואַרצערדיקער זאָנע, האָבן די אַלע פּויערים, וועלכע עס האָט פאַרטריבן אין די פאַבריקן דער פּריצישער ווילן (מיר געדענקען, ווי אַזוי די פּריצים האָבן זיך געזאָרגט וועגן דער אַנטוויקלונג פון „זייטיקע באַשעפטיקונגען"), און ניט זייער אייגענער אינטערעס, געאיילט אַוועקגיין פון דאָרטן. די פאַבריקאַנטן איז אויסגעקומען, קעדיי צו פאַרהאַלטן די איבעריקע, העכערן דעם אַרבעטס־לוין — און אויב ער האָט נאָכדעם נאָכאַמאָל אָנגעהויבן פּראָגרעסיוו צו פאַלן, איז דאָס געווען ניט אַזוי אין צוזאַמענהאַנג מיט די אָדער יענע רעזולטאַטן . פון דער פּויערישער רעפאָרם, ווי אַראַנק דער אַריינפירונג פון מאַשינען, וועלכע האָבן געטריבן דעם אַרבעטסלוין אַראָפּ אויך ביזן 19־טן פעווראַל. אין דערזעלביקער צייט האָט די רעפאָרם אויך ניט באַרעכטיקט די האָפענונגען אויף דער פאַרברייטערונג פון אינערלעכן מאַרק, ווייל אין דאָרף זיינען פאַרבליבן די פאַרבורזשואַזע באַציאונגען, דער איקער — די געמיינדע מיט דער קעגנזייטיקער אַרוועס, ביזן 19־טן פעווראַל האָט זיך, אַגעוו, דער אינערלעכער מאַרק שוואַך אַנטוויקלט, אויך דערפאַר, וואָס דאָס פּויערטום פון די פּריצישע גיטער, וואָס האָט קימאַט ניט געזעען קיין געלט (וואו האָט עס געקענט פאַרדינען?) האָט געמוזט לעבן אין באַדינגונגען פון האַלב־נאַטוראַלער ווירטשאַפט און פלעגט זיך באַמיען קימאַט גאָרנישט צו קויפן, באַפרידיקנדיק זיינע קינסטלעך־פאַרמינערטע מינימאַלע באַדערפענישן מיט אייגענע שטוביקע מיטלען. די פאַבריקן פלעגט באַדינען דאָס שטאָטישע רוסלאַנד און דאָס אָפּצאָל־פּויערטום, וואָס האָט געלעבט פון זייטיקע באַשעפטיקונגען. נאָכן 19־טן פעווראַל איז אויך אין דעם פראַט ווייניק וואָס פאַרענדערט געוואָרן. דער פּויער פון די שוואַרצערדישע קאַנטן פלעגט אויף זיין ברעקל נאַכלע פאַרקלענערן ווי פריער זיינע באַדערפענישן ביזן מינימום און האָט ניט געענדערט זיינע געוואוינהייטן, וועלכע ער האָט דערוואָרבן אין דער לייבאייגנטום־עפּאָכע — צו קויפן וואָס ווייניקער.

די רעפאָרם און דער האַנדלס־קאַפּיטאַל.

עס איז גאַנץ נאַטירלעך, אַז אין די ערשטע צענדליקער יאָרן נאָך דער רעפאָרם איז דער אינדוסטריעלער קאַפּיטאַל אין רוסלאַנד געוואַקסן גאַנץ לאַנגזאַם. פון דעם אַלגעמיינעם סכום קאַפּיטאַלן פון די אַקציע־אונטערנעמונגען, וואָס זיינען אויפגעקומען אין רוסלאַנד צווישן 1861 און 1873 יאָרן, סאַכאַקל 1.115.600.000 רובל, איז נאָר 128,9 מיליאָן רובל אַריינגעלייגט געוואָרן אין פאַרשיידענע אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען (פון דער צאָל איז אַף וועב־און שפּינערײַ־פאַבריקן אויסגעקומען נאָר 6 מיליאָן), בעאַיים אין די בענק און אין קרעדיט־אַנשטאַלטן איז אַריינגעלייגט געוואָרן 226,9 מיליאָן רובל און אַף דער דורכפירונג פון דער אײַזנבאַן — 698,5 מיליאָן רובל. מיר זעען, ווער עס האָט מער געוואונען פון דער רעפאָרם: דאָס איז געווען דער אַלטבאַקאַנטער און געטרייער באַוואַכער פונם גרויסן פעאָדאַלן ערדבאַזיץ, דער האַנדלס־קאַפּיטאַל, ווייל די שאַפונג פון דער אײַזנבאַן־נעץ, די גרעסטע קאַפּיטאַליסטישע אונטערנעמונג פון רוסלאַנד נאָך דער רעפאָרם, האָט אין דער ערשטער ריי געדינט די אינטערעסן דאַפקע פון דעם האַנדלס־קאַפּיטאַל.

דער ברויט־עקספּאָרט און די אײַזנבאַנען.

צו דיזאַזיקע אינטערעסן איז פריער פאַר אַלץ צוגעפּאַסט געווען דער פּלאַן פון דער אײַזנבאַן־נעץ, ווי ער איז אַנטשטאַנען נאָך סאָף פון די 50־ער יאָרן: לויט דעם פּלאַן האָבן געדאַרפט פאַרייניקט ווערן „דורך אַן דורכויסיקער אײַזנבאַן איבער 26 גובערניעס", די דריי הויפּטשטעט (פּעטערבורג, מאָסקווע און וואַרשע), אונזערע הויפּט־טייכן, די ערטער, וואו ס'איז קאָנצענטרירט אונזערע ברויט־מויסדיעס, און די צוויי פּאָרטן אויפן שוואַרצן און באַלטישן ים, וועלכע זיינען צוטריטלעך קימאַט אַ גאַנץ יאָר (ליבאַווע און פעאָדאָסיע). אַזוי אַרום וועט פאַרגרינגערט ווערן דער אויסלענדישער עקספּאָרט, עס וועט גאַראַנטירט ווערן דער צופיר און די אינערלעכע דערנערונג. אין דעמאָלטיקן פּלאַן זיינען דערנאָך אַרייַנגעטראָגן געוואָרן טיילווייזע ענדערונגען, נאָר זיין הויפּט־אידייע, די פאַרייניקונג פון די ברויט־גובערניעס און די אַרויספיר־פּאָרטן, איז דורכגעפירט געוואָרן אָן ענדערונגען. די ברויט־מאַסאָעס זיינען געווען דער הויפּט־פּראַכט פון די רוסישע באַנען. און זייער פּראָצענט איז אַלץ געוואַקסן: אין 1870 יאָר האָבן זיי פאַרגעשטעלט 27,5 פּראָצענט פון אַלע סכוירעס פון קליינער שנעלקייט, און אין 1876 יאָר — שוין 24%. אַף איינצלנע באַנען האָט דאָס ברויט דערגרייכט 73 און אַפילע 88 פּראָצענט פון אַלע פּראַכטן. אין דערזעלביקער צייט איז די פאַרקלענערונג פון אונזערע „ברויט־אויצרעס", אַדאַנק דעם אַרויספיר פון אַלץ גרעסערע מאַסן ברויט קיין אויסלאַנד, דורכגעפירט געוואָרן מיט דערזעלביקער רעגלמעסיקייט אָן שום אָפּרוף. אַ באַגריף וועגן דעם קען געבן פאָלגנדיקע טאַבעלע, וואו עס זיינען אַנקעגנגעשטעלט דער וואוקס פון דער אײַזנבאַן־נעץ, דער

וואוקס פון אונזער ברויט־עקספּאָרט און די פּראָצענט־פּאַרהעלטעניש פון דעם־דאָזיקן ארויספיר צו דעם גאַנצן סכום פון די צונויפגעזאַמלטע טוואָוועס.

יאָרן	די לענג פון דער אייזנבאַן	עקספּאָרט (טויזנטער „טשעטווערטן”)	פּראָצ. פאַרהעל־טעניש צום שניט
1871—75	10.202 וויאָרסט	22.483	12·2
1876—80	17.626 „	32.185	18·0
1881—85	21.155 „	33.441	17·0
1887—90	24.229 „	46.585	22·0
1890—96	27.093 „	50.345	22·0

די שטייערן־פּאָליטיק און די פּראָלעטאַריזאַציע פון פּויערטום.

אזוי ווי די באַפעלקערונג איז די גאַנצע צייט געוואַקסן (לויט דער לעצטער, צענטער רעוויזיע ביז דער רעפאָרם האָט זיך אין רוסלאַנד גערעכנט 74 מיליאָן איינוואוינער, און נאָך דער פאָלקסציילונג פון 1897 האָט זיך ארויסגעוויזן 130 מיליאָן) איז, ניט געקוקט אף דעם וואוקס פון דער ברויט־פּראָדוקציע (פון 184 מיליאָן „טשעטווערטן” אין 5 יאָר פון די 75 — 1871 יאָרן ביז 288 מיליאָן „טשעטווערטן פאַר די 5 יאָר אין די 95 — 1890 יאָרן) די רעשט, וואָס איז נאָכן ארויספיר פאַרבליבן אף א נעפעש פון דער באַפעלקערונג, געוואָרן אַלץ קלענער און קלענער. אין 1870 יאָר איז די רעשט געוואָרן 2,4 „טשעטווערטן” און אין 1895 ווייניקער פון 2 „טשעטווערטן” (1,99). דערביי האָט א פּוד ווייץ אין אָנהויב פון דערדאָזיקער עפּאָכע געקאָסט 1 רובל 44 קאָפּ., און אין סאָף פון יאָרהונדערט נאָר 74 קאָפּ. א פּוד קאָרן איז געפאַלן פון 78 קאָפּ. ביז 54 קאָפּ. די הויפּט־אויפגאַבע פון דער לייבאייגנטום־ווירטשאַפט — דאָס צושטעלן אפן מאַרק וואָס מער און וואָס ביליקער ברויט איז פולקום באַפרידיקנדיק געלייזט געוואָרן אף אזא אויפן נאָך דער רעפאָרם, ווי פאַר איר. נאָר די אויפגאַבע פון ארויסבאַקומען באַם פּויער דעם איבער־פּראָדוקט, וועלכער עס האָט פריער אויסגעפילט אינדיווידועל יעדער איינציקער פּאָריץ, איז איצט געוואָרן צענטראַליזירט: דעם אָרט פון אָפּצאָל און אַרבעט פאַרן פּאָריץ האָבן איצט פאַרנומען די מעלוכע־שטייערן. לויט די באַוואוסטע אויסרעכענונגען פון פּראָפעסאָר יאַנסאָן האָבן די דירעקטע שטייערן פון פאַרשיידענער נאָמענקלאַטור אויסגעמאַכט אין די 70־ער יאָרן פון 120 ביז 200 פּראָצענט פון דער ריינער האַכנאָסע פון א פּויערשער נאַכלע אין דער שוואַרצערדיקער זאָנע, און פון 200 ביז 270 פּראָצענט אין דער ניט שוואַרצערדיקער זאָנע. קעדיי צו באַצאָלן די שטייערן האָט דער פּויער געמוזט פאַרקויפן וואָס גיכער זיין ברויט, נאָך איידער עס איז רייף געוואָרן, ניט רעכענענדיק זיך מיט דעם פרייז — פון דאַנען נעמט זיך, אז די האַרבסטיקע פרייזן אף ברויט אין רוסלאַנד באַלד נאָכן שניט זיינען טאָמיד געווען נידעריקער, איידער אין פרילינג: דורכשניטלעך (לויט די צאָלן פאַר 1888 — 1900 יאָרן) אף 10% און צומאָל נאָך מער.

(מ. פּאָקראָווסקי. עטיודן פון דער געשיכטע איבער דער רוסישער קולטור, טייל 1, זייטן 175-166)

נ. לענין

די „פּויערשע רעפאָרם".

לאָמיר זיך דערמאָנען די הויפּט־שטריכן פון דער פּויערשער רעפאָרם אין 1861־טן יאָר. די באַרימטע „באַפרייאונג" איז געווען א געווינסלאָזע באַרויבונג פון די פּויערים, איז געווען א ריי גוואַלדטאַטן און א דורכויסיקער איזדיעקעווען זיך איבער זיי. אין צוזאַמענהאַנג מיט דער „באַפרייאונג" האָט מען פון דער פּויערשער ערד אָפּגעשניטן אין די שוואַרצערדיקע גובערניעס *העכער* 1/5 טייל. אין אייניקע גובערניעס האָט מען אָפּגעשניטן, אָפּגענומען בא די פּויערים ביז 1/3 און אפילו ביז 2/5 פּויערשע ערד. אין צוזאַמענהאַנג מיט דער „באַפרייאונג" האָט מען די פּויערשע ערדן אָפּגעגרעניצט פון די פּריצישע אַף אַזא אויפן, אַז די פּויערים האָבן איבערגעוואַנדערט אַף די „זאַמדן", און די פּריצישע ערדן האָבן זיך אַריינגעהאַקט ווי א קלין אין די פּויערשע קעדיי די וואָל־געבאָרענע אדל־לייט זאָל גרינגער זיין צו פאַרשקלאַפן די פּויערים און אָפּגעבן זיי אין אַרענדע ערד פאַר מורעדיק־הויכע פּרייזן. אין צוזאַמענהאַנג מיט דער „באַפרייאונג" האָט מען די פּויערים גענויט „אויסצוקויפן" זייערע אייגענע ערד, און דערביי נאָך האָט מען געריסן *אינצווייען* און *אינדרייען* העכער פון דעם ווירקלעכן פּרייז אַף ערד. די גאַנצע רעפאָרם־עפּאָכע פון די 60־ער יאָרן ביקלאַל האָט איבערגעלאָזן דעם פּויער א פאַראָרימטן, א נידערגעשלאָגענעם, א פינצטערן, אן אונטערגעוואָרפענעם אונטער די פּריצים־לייבאייגנטימער אין געריכט און אין דער אַדמיניסטראַציע, אין דער שול און אין דער זעמסטווע.

די „גרויסע רעפאָרם" איז געווען א לייבאייגנטימערישע רעפאָרם און האָט קיין אַנדערע ניט געקאָנט זיין, ווייל דורכגעפירט איז זי געוואָרן דורך לייבאייגנטימער. וואָס פאַר א קויעך אָבער האָט זיי גענויט נעמען זיך פאַר דער רעפאָרם? דער קויעך פון דער עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג, וועלכע האָט אַריינגעצויגן רוסלאַנד אַפן וועג פון קאַפּיטאַליזם. די פּריצים־לייבאייגנטימער האָבן ניט געקאָנט שטערן דעם וואוקס פון סכוירע־אויסטויש צווישן רוסלאַנד און אייראָפּע, האָבן ניט געקאָנט איינהאַלטן די אַלטע ווירטשאַפטס־פאָרמען, וואָס האָבן געהאַלטן אין צעפאַלן ווערן.

די קרימער מילכאָמע האָט באַוויזן די צעפוילטקייט און מאַכטלאָזיקייט פון דעם לייבאייגנטימערישן רוסלאַנד. די פּויערשע „בונטן", שטייגנדיק מיט יעדן צענדליק יאָר פאַר דער באַפרייאונג, האָבן גענויט דעם ערשטן צווישן די פּריצים, אַלעקסאַנדר דעם 2־טן, צו אָנערקענען, אַז בעסער איז צו באַפרייען *פון אויבן* איידער וואַרטן ביז מען וועט אָראָפּוואַרפן *פון אונטן*.

די „פּויערשע רעפאָרם" איז געווען א בורזשואַזע רעפאָרם, דורכגעפירט פון לייבאייגנטימער. דאָס איז געווען אַ שריט פאָרויס אַפן וועג פון פאַרוואַנדלען רוסלאַנד אין א בורזשואַזע מאָנאַרכיע. דער אינהאַלט פון דער פּויערשער רעפאָרם איז געווען א בורזשואַזער און דערדאָזיקער אינהאַלט פלעגט אַרויסטרעטן אַלץ

שטאַרקער, וואָס וויכציקער ס'פּלעגן אַרומגעשניטן ווערן די פּויערשע ערדן, וואָס פּוילער זיי פּלעגן אָפּגעטיילט ווערן פון די פּריצישע, וואָס קלענער ס'איז געווען די מאָס פון צינזן פאַר די לייבאייגנטימער (ד. ה. דער „אויסקויף"), וואָס פרייער פון דער ווירקונג און פונם דרוק פון די לייבאייגנטימער פלעגן זיך די פּויערים איינאָרדענען אין דעם אָדער יענעם אָרט. אַף וויפיל דער פּויער פלעגט זיך אַרויסרייסן פון אונטער דער מאַכט פונם לייבאייגנטימער, אַף אַזויפיל פלעגט ער ווערן אונטערגעוואָרפן אונטער דער מאַכט פון געלט, פלעגט אַריינפאַלן אין די באַדינגונגען פון דער סכוירע־פּראָדוקציע, פלעגט ווערן אָפּהענגיק פונם קאַפּיטאַל, וואָס האָט געהאַלטן אין אויפקומען. און נאָכן 1861־טן יאָר איז די אַנטוויקלונג פונם קאַפּיטאַליזם אין רוסלאַנד אַוועק מיט אַזאַ שנעלקייט, אַז אין אַ מעשעך פון עטלעכע צענדליק יאָר פלעגן דורכגעמאַכט ווערן פאַרוואַנדלונגען, וואָס האָבן פאַרנומען אין אייניקע אַלטע לענדער פון אייראָפּע גאַנצע יאָרהונדערטן.

דער באַרימטער קאַמף צווישן די לייבאייגנטימער און די ליבעראַלן, וועלכן אונזערע ליבעראַלע און ליבעראַל־פּאָלקיסטישע היסטאָריקער האָבן אַזוי פאַרנאַנדערגעבלאָזן און באַזונגען איז געווען אַ קאַמף, וואָס איז פאָרגעקומען אינעווייניק אין די רעגירנדיקע קלאַסן, מערסטנטיילס אַן אינעווייניקסטער קאַמף צווישן די פּריצים, אַ קאַמף אויסשליסלעך פאַר דער מאָס און פאָרם פון די האַנאָכעס. די ליבעראַלן זיינען פּונקט אַזוי ווי די לייבאייגנטימער געשטאַנען אַפּן באָדן פון אָנערקענען דאָס אייגנטום און די מאַכט פון די פּריצים, פאַרורטיילנדיק מיט צאָרן יעדן רעוואָלוציאָנערן געדאַנק וועגן אָפּשאַפן דאָסאָזיקע אייגנטום, וועגן פולקום אַראָפּזעצן דידאָזיקע מאַכט.

אַט די רעוואָלוציאָנערע געדאַנקען האָבן ניט געקאָנט ניט ברויזן אין די קעפּ פון די לייבאייגנטימערישע פּויערים. און אויב די יאָרהונדערטן פון קנעכטשאַפט האָבן אַף אַזויפיל נידערגעשלאָגן און פאַרטעמפּט די פּויערשע מאַסן, אַז זיי זיינען אַף גאָרניט ניט פעאיק געווען אין דער צייט פון דער רעפאָרם אַכוץ אַף צעשפּליטערטע, פאַרייניצלטע אויפשטאַנדן, גיכער אַפילע „בונטן", ניט באַלויכטענע מיט קיין שום פּאָליטישן באַוואוסטזיין, זיינען אָבער שוין אויך דאַן געווען אין רוסלאַנד רעוואָלוציאָנערן, וואָס זיינען געשטאַנען אַפּן צאַד פון פּויערטום און האָבן פאַרשטאַנען די פולע באַגרעניצטקייט און די פולע נישטיקייט פון דער באַרימטער „פּויערשער רעפאָרם", איר לייבאייגנטימערישן כאַראַקטער. אין דער שפּיץ פון דידאָזיקע, דאַן זייער ווייניקע אין צאָל, רעוואָלוציאָנערן איז געשטאַנען נ. ג. טשערנישעווסקי.

דער 19־טער פעוראַל 1861־טן יאָר באַצייכנט מיט זיך דעם אָנהויב פון אַ נייעם, אַ בורזשואַזן רוסלאַנד, וואָס האָט אָנגעהויבן אַרויסוואַקסן פון דער לייבאייגנטום־עפּאָכע. די ליבעראַלן פון די 1860־ער יאָרן און טשערנישעווסקי זיינען פאָרשטייער פון צוויי היסטאָרישע טענדענצן, צוויי היסטאָרישע קויכעס, וועלכע באַשטימען פון דאַן אָן און דורכויס ביז אונזער צייט דעם אויסגאַנג פונם קאַמף פאַר אַ נייעם רוסלאַנד. אַט פאַרוואָס אין טאָג פונם פופציקיאָריקן יובילייִ

פון 11־טן פעווראַל דאַרף דער באַוואוסטזיניקער פּראָלעטאַריאַט אָפּגעבן זיך זיך ווייט מעגלעך אַ קלאָרן דין וואָכעשבן וועגן דעם, וואָס האָט פאַרגעשטעלט מיט זיך דער מעהוס פון די ביידע טענדענצן און אין וואָס פאַר אַ פאַרהעלטעניש זיי געפינען זיך.

די ליבעראַלן האָבן געוואָלט „באַפרייען" רוסלאַנד „פונאויבן", ניט צעשטערנדיק ניט דעם קייסערס מאָנאַרכיע, ניט דעם ערד־באַזיץ און די מאַכט פון די פּריצים, סטימולירנדיק זיי נאָר אויף „האַנאָכעס" בענויגייע צום גייסט פון דער צייט. די ליבעראַלן זיינען געווען און פאַרבליבן אידעאָלאָגן פון דער בורזשואַזיע, וועלכע קאָן ניט שאָלעם מאַכן מיט לייבאייגנטום, נאָר וועלכע האָט מוירע פאַר אַ רעוואָלוציע, האָט מוירע פאַר אַ באַוועגונג פון די מאַסן, וואָס איז פעאיק אַראָפּצוואַרפן די מאָנאַרכיע און צעשטערן די מאַכט פון די פּריצים. די ליבעראַלן באַגרעניצן זיך דעריבער מיט „אַ קאַמף פאַר רעפאָרמעס", מיט „אַ קאַמף פאַר רעכט", ד. ה. מיט טיילן די מאַכט צווישן די לייבאייגנטימער און דער בורזשואַזיע. קיין שום אַנדערע „רעפאָרמעס", כוץ די, וואָס ווערן דורכגעפירט פון די לייבאייגנטימער, קיין שום אַנדערע „רעכט", כוץ די, וואָס זיינען באַגרעניצט דורכן ווילקיר פון די לייבאייגנטימער, קאָנען זיך ניט באַקומען בא אַזאַ פאַרהעלטעניש פון די קויכעס.

...דאָס 1861־טע יאָר האָט געבאָרן דאָס 1905־טע. דער לייבאייגנטימערישער כאַראַקטער פון דער ערשטער „גרויסער" בורזשואַזער רעפאָרם האָט פאַרשווערט די אַנטוויקלונג, האָט פאַרורטיילט די פּויערים אויף טויזנטער ערגסטע און ביטערסטע מאַטערנישן, נאָר האָט ניט געענדערט די ריכטונג פון דער אַנטוויקלונג, האָט ניט אָפּגעווענדעט די בורזשואַזע רעוואָלוציע פון 1905־טן יאָר. די רעפאָרם פון 1861־טן יאָר האָט אָפּגעלייגט די אַנטשיידונג דערמיט, וואָס זי האָט געעפנט אַ געוויסן קלאַפּאַן און האָט געגעבן אַ געוויסן צוואַוקס דעם קאַפּיטאַליזם, נאָר זי האָט ניט באַזייטיקט די אומפאַרמיידלעכע אַנטשיידונג, וועלכע האָט צום 1905־טן יאָר זיך פאַנאַנדערגעשפּילט אויף אַ ניט אויף־ערעך ברייטערן געביט אין דעם אָנגריף פון די מאַסן אויף דער זעלבסטהערשונג פון קייסער און פון די פּריצים־לייבאייגנטימער. די רעפאָרם, וואָס איז געווען דורכגעפירט פון די לייבאייגנטימער אין דער עפּאָכע ווען די אונטערדריקטע מאַסן זיינען געווען ניט אַנטוויקלט, האָט געבאָרן אַ רעוואָלוציע צו יענער צייט, ווען עס זיינען רייף געוואָרן די רעוואָלוציאָנערע עלעמענטן אין דיזאָיקע מאַסן.

... וואַרפנדיק אַן אַלגעמיינעם בליק אויף דער געשיכטע פון לעצטן האַלבן יאָרהונדערט אין רוסלאַנד, אויף די יאָרן 1861 און 1905, קאָנען מיר נאָר מיט נאָך אַ גרעסערער איבערצייגטקייט איבערכאַזערן די ווערטער פון אונדזער פּאַרטיי־רעזאָלוציע: „דער ציל פון אונדזער קאַמף באַשטייט ווי פריער אין אַראָפּוואַרפן דעם צאַריזם, אין דעראָבערן די פּאָליטישע מאַכט מיצאַד דעם פּראָלעטאַריאַט, וואָס שטיצט זיך אויף די רעוואָלוציאָנערע שיכטן פון דאָס פּויערטום און פירט דורך אַ בורזשואַז־דעמאָקראַטישע איבערקערעניש מיט דער הילף פון צונויפרופן אַן אַלפאָלקלעכע גרינדונגס־פאַרזאַמלונג און דורך שאַפן אַ דעמאָקראַטישע רעפּובליק".

(ב. לענין. געזאַמלטע ווערק. ב. XI, ט. 2, ז. 259—267).

מ. פאָקראָווסקי

די דעקאַבריסטן-באַוועגונג און אירע סיבעס

אין ערשטן פערטל פון 19 יאָרהונדערט, גלייך נאָך דעם, ווי רוסלאַנד איז אַרויס פון די נאַפּאָלעאָנישע מילכאָמעס, הויבן אָן צו אַנטשטיין אויפן רוסישן באָדן איינע נאָך דער אַנדערער געהיימע געזעלשאַפטן: צוערשט די געזעלשאַפט „רוסישע ריטער" אין יאָר 1814, נאָכדעם „דער רעטונגס-בונד" אין 1817, „דער וואוילשטאַנד-בונד" אין 1818 און, לעסאָף, דאָס, וואָס מע רופט „די געהיימע דעקאַבריסטן געזעלשאַפט", — די עכטע פאַרשווערונג — אַרום דעם 1821 יאָר.

אָט אָ די געהיימע געזעלשאַפטן זיינען אַרויסגעטראָטן אין מאָמענט פון קריזיס, פון ריין פערזענלעכן קריזיס פון דער מאַכט אויבן, ווען דער קייסער אַ ל ע ק ס אַ נ ד ע ר I איז געשטאָרבן פּלוצים דעם 19-טן נאָיאַבער 1825, ווייט פון דער הויפּט-שטאָט, אין טאַגאַנראָג אויפן ברעג פון אַזאָווער יאַם, און רוסלאַנד האָט אַ וויילע גיט געהאַט קיין קייסער, ווייל ק אָ נ ס ט אַ נ ט י ן, אַלעקסאַנדערס צווייטער ברודער (קיין קינדער האָט אַלעקסאַנדער ניט געהאַט), האָט זיך שוין לאַנג, ווי עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אָפּגעזאָגט פון טראָן, און דעם אינגערן ברודער, ניקאָלאַי פּאַוולאָוויטש, האָט מען ניט געוואָלט אָנערקענען פאַר אַ קייסער, מאַכמעס דעם, וואָס מען האָט ניט געוואוסט וועגן קאָנסטאַנטינס אָפּזאָגן זיך. דידאָזיקע פאַרקאָכעניש אויבן האָט געגעבן דער פאַרשווערונג, וועלכע איז שוין לאַנג רייף געוואָרן אין די געהיימע געזעלשאַפטן, אַ געלעגנהייט אַרויסצוטרעטן. דער אויפשטאַנד איז פאָרגעקומען אין פּעטערבורג דעם 14-טן דעקאַבער (אַלטן סטיל) 1825, נאָכדעם איז פאָרגעקומען דער אויפשטאַנד אויף דאָרעם, סאָף דעקאַבער. דער אויפשטאַנד איז אָבער צעקלאַפּט געוואָרן, די מיטגלידער פון דער געהיימער געזעלשאַפט זיינען אַרעסטירט געוואָרן, איבערגעגעבן געוואָרן צום געריכט, די פירער פון דער פאַרשווערונג זיינען געהאַנגען געוואָרן, די איבעריקע זיינען פאַרשיקט געוואָרן אויף קאַטאָרגע, און עס האָט זיך אָנגעהויבן די לאַנגע דעקאַבריסטן-עפּאָפּייע. די ערשטע אַרויסטרעטונג פון די קעמפער פאַר פרייהייט אין רוסלאַנד קעגן דער זעלבסטהערשונג, די ערשטע לעגענדע, וועלכע גייט נאָכדעם דורך דורכן גאַנצן 19 יאָרהונדערט, באַגייסטערט די קומענדיקע קעמפער.

די ס ו ב י ע ק ט י ו ו ע — פּסיכאָלאָגישע — באַדייטונג פון דערדאָזיקער לעגענדע קלער איך גאָר ניט אָפּפרעגן: זי איז געווען קאָלאָסאַל, און זי האָט ווירקלעך באַגייסטערט די נאָכקומענדיקע קעמפער.

אָבער וואָס זיינען געווען די אָ ב י ע ק ט י ו ו ע וואָרצלען פון דערדאָזיקער גאַנצער געשיכטע?

דאָ קומט אונז אויס אָראָפּלאָזן זיך גאַנץ נידעריק צו אַ פאַקט, אַ גאַנץ געוויינלעכן. דערדאָזיקער געוויינלעכער פאַקט, וועלכער ליגט אין יעסאָד פון דער ערשטער באַוואָוסטזיניקער רעוואָלוציע איז געווען דער רוסישער ב ר ו ט-ע ק ס פּ אָ ר ט.

אין 18־טן יאָרהונדערט, אין צוזאַמענהאַנג מיט דער אינדוסטריעלער איבערקערעניש אין ענגלאַנד, האָט ענגלאַנד אָנגעהויבן איינשלינגען אַ גרויסן סכום אימפּאָרטירט ברויט, און דער הויפּט־ליפעראַנט פון ברויט אויפן ענגלישן מאַרק איז געווען רוסלאַנד. די אינדוסטריעלע איבערקערעניש אין ענגלאַנד איז אַזוי אַרום געוואָרן דער אויסגאַנגס־פּונקט פון אַן אייגנאַרטיקער איבערקערעניש אין דער רוסישער פּריצישער ווירטשאַפט. זי האָט אָנגעהויבן פאַרוואַנדלען זיך אין אַ פאַבריק צו פּראָדוצירן טוואוע. דערדאָזיקער איבערבראָך האָט זיך שוין אָנגעמערקט אין סאָף 18־טן יאָרהונדערט, אָבער מיט אַ באַזונדערער קראַפט האָט ער זיך געלאָזן דערפילן גלייך נאָך די נאַפּאָלעאָנישע מילכאָמעס, דאָס הייסט, אין מיטן פון צווייטן יאָרצענדליק פון 19־טן יאָרהונדערט.

דער עקספּאָרט פון ווייץ, און דאָסזעלביקע פון קאָרן און פון אַלע אַנדערע מינים טוואוע — איז געוואַקסן מיט קאַטאַסטראָפישער געשווינדקייט. ער איז אויסגעוואַקסן אין 5 מאָל אַזוי פיל אין משך פון 4 יאָר*). איר פילט, אַז דאָס אַרויספּאָמפּן ברויט פון רוסלאַנד האָט געמוזט האָבן אַן עכט רעוואָלוציאָנערע ווירקונג. דאָס איז דאָך געווען אַן עמעסע רעוואָלוציע, ווען דער פּריצישער מאַיאָנטעק האָט געמוזט באַלד פּראָדוצירן אין פינף מאָל אַזוי פיל ברויט צוליבן עקספּאָרט אויפן וועלט־מאַרק, איידער ער האָט פּראָדוצירט פריער. און גראָד אין דיזעלביקע יאָרן הויבן אָן וואַקסן, ווי שוואָמען, געהיימע געזעלשאַפטן.

וואָס פאַר אַ צוועק שטעלן זיך דידאָזיקע געהיימע געזעלשאַפטן? ס'איז אויסער ספק, אַז אויב מיר ווען פּרובירן אָנצייכענען די מיטל־ליניע פון אַלע דעקאַבריסטישע געזעלשאַפטן (זיי ווערן אָנגערופן דעקאַבריסטישע דערפאַר, ווייל די באַוועגונג האָט זיך אויסגעלאָזן מיטן אויפשטאַנד פון 14־טן דעקאַבער 1825), וועט דידאָזיקע מיטל־ליניע זיין די ליקווידאַציע פון ליבאייגנטום רעכט. ניט אומזיסט איז דאָס געווען די צענטראַלע אידייע סאַי פונם סאַמע שטאַרקסטן קאָפּ פון דער צאָפן געזעלשאַפט (פון דער פּעטערבורגער ני קאָ לאַי איוואַנאָוויטש ט ו ר ג ע נ י ע וו, פאַר וועלכן די ליקווידאַציע פון לייבאייגנטום איז געווען די אַקס פון זיין גאַנצער ליטעראַרישער און פּאָליטישער טעטיקייט, סאַי פון דער דאָרעם געזעלשאַפט — פונם פּאָלקאָווניק פּ ע ס ט ע ל, וואָס זיינע געדאַנקען האָבן זיך אויך געדרייט אַרום דער אַגראַרער איבערקערעניש און דער פּויערים־פראַגע...

(מ. פּאָקראָווסקי. עטיודן איבער דער געשיכטע פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג אין רוסלאַנד אין 19 און 20 יאָרהונדערט. — פאַרלאַג „קראַסנאַיאַ נאָוו“, מאָסקווע, 1924. זייט 21—20).

*) פון בערערך 5 מיליאָן פוד ווייץ און קאָרן אין יאָר 1813, ווען ס'האָט זיך אָנגעהויבן דער אַרויספיר נאָכן אַראָפּנעמען די „קאָנטינענטאַלע בלאָקאַדע“, ביז 22 מיליאָן פוד ווייץ און 20 מיליאָן פוד קאָרן אין יאָר 1817.

מ. פאקראווסקי

די געזעלשאַפט „פֿאַראייניקטע סלאַוון"

... די דעקאַבריסטישע אַרויסטרעטונג שעפּט זיך ניט אויס מיט דעם, וואָס עס איז פֿאָרגעקומען אויפֿן סענאַט־פּלאַץ אין פּעטערבורג 14־טן דעקאַבער 1825, דאָס סאַמע ערנסטע איז פֿאָרגעקומען ניט דאָרטן. אויב אַלע בליקן זיינען געווען צוגעשמידט צו פּעטערבורג, איז דאָס געווען מאַכמעס דעם, ווייל אין פּעטערבורג איז געלייזט געוואָרן דער גורל פֿון דער גאַנצער באַוועגונג.

צוגייענדיק פֿון דער סוביעקטיווער זייט, מוז מען אָפּשאַצן די דעקאַבריסטן לויט דעראַזיקער סוביעקטיווער ליניע, הייסט עס, לויט דער בוילעטקייט פֿון זייערע פּראָגראַמען און לויט דער אַנטשלאָסנקייט פֿון זייער אַרויסטרעטונג. זעען מיר טאַקע, אַז די סאַמע בוילעטע פּראָגראַמען און די סאַמע אַנטשיידענע אַרויסטרעטונגען טרעפֿן מיר ניט אין פּעטערבורג, נאָר ווייט פֿון פּעטערבורג, אויף דער טעריטאָריע פֿון קיעווער, וואָלינער, פּאָדאָליער גובערניעס, וואו עס זיינען דעמאָלט געווען קאָנצענטרירט די הויפּטקוואַרטירן פֿון דער רוסישער אַרמיי, — דאָרטן באַגעגענען מיר די סאַמע לינקע דעקאַבריסטישע אָרגאַניזאַציע, די אַזוי גערופֿענע „געזעלשאַפֿט פֿאַראייניקטע סלאַוון". דיזאָזיקע „געזעלשאַפֿט" איז באַשטאַנען פֿון פּוילישטעגדיקע עווייניס, פֿון אָרימע אַרמיי־אָפֿיצערן, דער איקער פֿון אַרטילעריע־אָפֿיצערן וועלכע זיינען אויך דעמאָלט געווען דער אינטעליגענטסטער טייל פֿון אָפֿיצערן־שטאַנד, און די פּראָגראַם זייערע האָט זיכער גאָרנישט געהאַט צו טאָן מיט די אינטערעסן פֿון די פּריצים אַלס קלאַס. דער עצם נאָמען „פֿאַראייניקטע סלאַוון" באַווייזט, אַז דיזאָזיקע מענטשן האָבן זיך געקליבן מאַכן אַ רעוואָלוציע ניט אין נאַציאָנאַל־רוסישן, נאָר אין אַלגעמיין־סלאַווישן מאַסשטאַב...

די „געזעלשאַפֿט פֿאַראייניקטע סלאַוון" האָט זיך געשטעלט פֿאַר אַן אויפֿגאַבע פֿאַראייניקן אין איין פֿעדעראַטיווע רעפּובליק אַלע סלאַווישע שטאַטים און בילדן אַן אומגעהויערע פֿרייע סלאַווישע מעלוכע, וועלכע וואָלט זיך מיט איין ווינקל אָנגעשפּאַרט אין דעם אַדריאַטישן ים, מיטן צווייטן אין באַלטישן, מיטן דריטן — אין ווייסן און מיטן פֿערטן — אין שוואַרצן ים. אָט וואָס פֿאַר אַ גוואַלדיקע גרויס זיי האָבן פּראָיעקטירט פֿאַר דעראָזיקער פֿעדעראַציע. דאָס איז געווען, אַזוי צו זאָגן, דער טעאָרעטישער טייל פֿון זייער פּראָגראַם. פֿאַר דער פֿאַרווירקלעכונג פֿון דעראַזיקער טעאָרעטישער פּראָגראַם איז זיי אָבער ניט געלונגען צו מאַכן קיין איין שריט, ווייל דאָס ערשטע, וואָס מען האָט געמוזט טאָן צוליבן בילדן אַזאַ סלאַווישע אָרגאַניזאַציע, איז געווען באַהערשן די מעלוכע־מאַכט כאָטש אין איין רוסלאַנד, און העיוים ווי די דעקאַבריסטן האָט זיך דאָס ניט איינגעגעבן, איז דערמיט גופֿא צעשטערט געוואָרן דער גאַנצער פּלאַן. אין אַ מער פּראַקטישן פּראָט זיינען דיזאָזיקע „פֿאַראייניקטע סלאַוון" אינטערעסאַנט מיט דעם, וואָס נאָר בא זיי אַליין, אויף וויפֿל איך ווייס, באַגעגענען מיר דאָס וואָרט „דעמאָקראַטיע". אַנדערע האָבן גערעדט

וועגן רעפובליק, וועגן פאָלקסרעכט, וועגן וואָס איר ווילט, אָבער אפילע באַ
פעסטעלן גערענק איך ניט דעם טערמין „דעמאָקראַטיע" און בא די „פאריי-
ניקטע סלאַוון" איז ער דאָ: זיי זיינען דעמאָקראַטן. א צווייטער אינטערעסאנטער
שטריך אינם געביט פון וועלטאָנשויאונג: זיי זיינען געווען פריידענקער, און
איייניקע פון זיי זיינען אפילע דערגאַנגען ביז אן אויסגעהאלטענעם און א
קאַטעגאָרישן אטעאיזם.

גראָד דידאַזיקע „פאריייניקטע סלאַוון" זיינען עס געווען די אויפטוער, די
איניציאטאָרן פון דער איינציקער אנטשלאָסענער ארויסטרעטונג, וועלכע איז
פארבונדן מיט די פארשווערונגען פון די דעקאַבריסטן, — פונם אויפשטאַנד
פון טשערניגאָווער פאָלק סאָף דעקאַבער 1825 יאָר. לעהייפעך צו דער פאַר-
שפרייטער מיינונג וועגן דעם, אז דער צענטר פון די קריגסאָפּעראַציעס פון די
דעקאַבריסטן איז געווען אין פעטערבורג, איז אין דערעמעסן, — דער איינ-
ציקער עכטער באוואָפנטער אויפשטאַנד, און דערביי אן אויפשטאַנד, וואָס איז
ארומגערינגלט מיטן אורעאָל פון טראַגישער שיינקייט, — דער עפּיזאָד, וואָס
באַרעכטיקט פלעכאַנאָווס באוואוסטע כאַראַקטעריסטיק, אז די דעקאַבריסטן
זיינען געווען מענטשן, וועלכע האָבן זיך אנטשלאָסן מאַקריוו זיין זיך, קעדיי
צו באווייזן א וועג פאַר די קומענדיקע דורות, — דער איינציקער עפּיזאָד
פון דעם מין איז געווען דער אויפשטאַנד פון טשערניגאָווער פאָלק. ערשטנס,
איז עס געווען א באוואָפנטער אויפשטאַנד: מענטשן זיינען געגאַנגען מיט
געלאָדענע ביקסן קעדיי צו שיסן, קעדיי צו שלאָגן זיך. צווייטנס, איז עס געווען
אן אויפשטאַנד אָן שאַנסן אויף דערפאָלג, ווייל איין פאָלק האָט זיך אויפגעהויבן
קעגן א גאַנצער ארמיי, און ס'זיינען ניט געווען קיין שום „פארנינפטיקע"
האָפענונגען צו דערוואַרטן, אז די ארמיי וועט צו אים צושטיין. די ארמיי איז
צו אים טאַקע ניט צוגעשטאַנען, און די קאַוואַלעריע פון גענעראַל גייסמאַר
האָט אָן שום מי דערשטיקט דעמדאָזיקן אויפשטאַנד, קוידעמקאָל מאַכמעס
דעם, וואָס גייסמאַר האָט געהאַט האַרמאַטן, און די טשערניגאָווצעס האָבן
קיין האַרמאַטן ניט געהאַט. און ניט אומזיסט האָבן א גאַנצע ריי אָפיצערן,
וועלכע זיינען ארויסגעטראָטן אין דעמדאָזיקן אויפשטאַנד (קוזמין, איפּאָליט
מוראַוויאָוו-אַפּאָסטאָל), גענומען זיך דאָס לעבן אפן שלאַכט-פעלד גופע. דאָס
איז געווען ווירקלעך דער סאַמע טראַגישער מאָמענט פון דעקאַבריסטישן
אויפשטאַנד, און דערדאָזיקער טראַגישער מאָמענט איז צוגעגרייט געוואָרן,
איז מעגלעך געווען נאָר אדאַנק די „פאריייניקטע סלאַוון". פארבינדונגען מיט
די סאָלדאַטן האָבן נאָר זיי געהאַט, די פּראָפּאַגאַנדע צווישן די סאָלדאַטן האָבן
נאָר זיי געפירט, — עמעס, מיט דער הילף פון די סאָלדאַטן פונם פריערדיקן
סעמיאָנאָווער פאָלק, וועלכער איז פאַנאַנדערקאַסירט געוואָרן נאָכן אויפשטאַנד
פון 1820. אָבער אזוי צי אנדערש זיינען זיי געווען די פארבינדונג, דער
אַפּאַראַט, וועלכער האָט פארבונדן די פירער פון דער „האַרעם-געזעלשאַפט" מיט
דער סאָלדאַטישער מאַסע, און יאָ זיי וואָלט די ארויסטרעטונג גופע געווען
אומעגלעך.

אזוי ארום איז די עקסט-לינקע גרופּע פון די דעקאַבריסטן, די דעמאָקראַ-

טישע און די אטעאיסטישע גרופע, בא וועלכער ס'איז אויסערסט שווער צו געפינען וואסערע עס איז פריציפישע אינטערעסן, — גראד דידאזיקע עקסט־לינקע גרופע איז געווען די סאמע ערנסטע גרופע אין דעם זין, וואס זי איז געווען די איינציקע, וואס האט ארגאניזירט אן עכטן באוואפנטן אויפשטאנד...

(מ. פאקראווסקי—„עטיודן איבער דער געשיכטע פון דער רעוואלוציאנערער באוועגונג אין רוסלאנד אין 19 און 20 יארהונדערט", זייט 27—30).

מ. פאקראווסקי

די „דארעם-געזעלשאפט"

...די דעקאבריסטן געזעלשאפט, וועלכע איז געווען געאגראפיש נאענט צו די „פאראייניקטע סלאוון" איז די „דארעם־געזעלשאפט" מיט פעסטעלן בערויש...

פעסטעל איז געווען איינער פון די ווינציקע דעקאבריסטן, וועלכע האבן פארשטאנען, אז די איבערקערעניש קאן נאר דעמאלט זיין זיכער, ווען אין איר וועט זיין פארינטערעסירט די ברייטע פאלקס־מאסע, ווען אין איר וועט זיין פארינטערעסירט דאס פויערטום, און ער האט געמיינט פארינטערעסירן די פויערים אף אזא אויפן: די גאנצע ערד פון דער מעלוכע האט בעאיים דער רעוואלוציע אדער טייקעף נאך איר געזאלט צונויפגענומען ווערן אין איין אלגעמיינעם פאנד; דערדאזיקער פאנד האט נאכדעם געזאלט געטיילט ווערן אף דער העלפט אין צוויי כאלאקים און איין העלפט פון אים האט געזאלט גיין אף צעטיילן אים צווישן דער באפעלקערונג, אבער ניט אלס ערדאייגנטום, נאר אלס ערד־באנוץ. פון דערדאזיקער העלפט האט איטלעכער בארארפט באקומען זיין נאכלע. ווען איר וועט זיך דערמאנען, אז צום יאר 1825 האבן די פויערשע נאכלעס באטראפן ניט מער ווי 1/3 פון גאנצן שעטאך אקער־ערד (אין 18 יארהונדערט האבן זיי אויסגעמאכט 1/2, אבער די פריצים האבן אפגענומען א באדייטנדיקן סכום ערד בא די פויערים), וועט איר זיך אנשטויסן, אז פעסטעלס פראיעקט האט צוגעזאגט א גרויסן צושניט פון ערד פאר די פויערים. אטא די העלפט ערד האט געזאלט איבערגיין אין רעשוס פון די וואלאסטן, און די וואלאסטן האבן זי געדארפט צעטיילן צווישן דער באפעלקערונג, אזוי אז „איטלעכער בירגער וועט זיין א באזיצער פון ערד, און ס'וועט ניט זיין קיין איין מענטש, וועלכער וועט ניט באזיצן קיין ערד". דידאזיקע ערד האט געמוזט דינען, לויט פעסטעלס מיינונג, צום פראדוצירן דאס נויטווענדיקע פארן פויער גופע; די אנדערע העלפט ערד, וועלכע בלייבט איבער אין רעשוס פון דער מעלוכע, האט געדארפט דינען צום שאפן דעם פראדוקט פאר האנדל. קעדיי צו איינטערעסירן דעם ארויסבאקום פון דעמהאזיקן מערפראדוקט, האט די מעלוכע געקענט אפגעבן דידאזיקע ערד אין ארענדע גרויסע שטיקער און אפילע פארקויפן זי אין פריוואטע הענט. פעסטעלס פראגראם האט אזוי ארום ניט אויסגעשלאסן די אויסבילדונג פון א בורזשואזן ערד־

באַזיץ אין רוסלאַנד, דערביי איז נאָר געבליבן ניט קלאָר די פראַגע: פון וואַנען וועלן עס אונזערע בורזשואזע ערד־באַזיצער נעמען אַרבעטס־הענט, אַז וויפל אַלע פויערים וועלן באַטיילט ווערן מיט ערד, דערצו נאָך אין אַ פאַרגרעסערטן סכום לעגאַבע דעם, וועלכן זיי האָבן געהאַט פריער? וואָס קאָן דעמאָלט באַוועגן די דאָזיקע פויערים צו אַרבעטן אויף דער ערד פון פריוואַטע ערד־באַזיצער, אין די בורזשואזע מאַיאָנטקעס? די דאָזיקע פראַגע — דאָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר פעסטעלן — איז געבליבן ניט פאַרענטפערט, זי איז אויך געבליבן ניט פאַרענטפערט פאַר דער גאַנצער „פאָלקיסטישער" באַוועגונג. סאָפקאָלסאָף וואָלטן פעסטעל און זיינע אָנהענגער געמוזט קומען צו דער באַהויפּטונג וועגן דער סאָציאַליזאַציע פון ערד, ד. ה. פון דער גאַנצער ערד און ניט נאָר פון דער דאָזיקער העלפט; טיילנדיק די פראַקטיש־נאַציאָנאַליזירטע ערד אויף צוויי טיילן, אויף וואָלאָסט־ערד און אויף מעלוכע־ערד, איז פעסטעל בעפּירעש געגאַנגען אַנטקעגן די קאַפּיטאַליסטישע טענדענצן פונם רוסישן ערד־באַזיץ אין אָנהויב 19 יאָרהונדערט... דאָס איז געווען אַ קאָמפּראָמיס. אָבער ס'איז זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז אַפילע די דאָזיקע נאַציאָנאַליזאַציע האָט פאַרויסגעזעצט די ליקווידאַציע פון די פּריצים אַלס אַ קלאַס; ווען איר וועט נעמען פעסטעלס קאַפּיטל וועגן אַדל, וועט איר זען, אַז פעסטעל קומט העכסט לאָגיש צום געדאַנק וועגן דער נויטווענדיקייט צו ליקווידירן אַלע שטאַנדן ביכלאַל און דעם אַדלשטאַנד ביפּראַט.

פעסטעלס פּראָגראַם איז געווען ניט קיין פּראָלעטאַרישע, — וועגן דעם איז איבעריק צו רײדן, — אָבער דאָס איז אַ דײַטלעך קליינבירגערלעכע פּראָגראַם...

ערשטנס ווייזט דערויף אָן די ווילדע סינע פעסטעלס צום קאַפּיטאַל, צו דער „אַריסטאָקראַטיע פון רייכטום". „די אַריסטאָקראַטיע פונם רייכטום" איז פאַר פעסטעלן די העכסטע סטראַשידלע. זי איז אין זיינע אויגן אַ סאַך ערגער פאַר דער פעאָדאַלער „אַריסטאָקראַטיע" און ער האַלט מיט איר מילכאָמע שוין פון די ערשטע שורעס פון זיין „רוסקאַיאַ פּראַוודאַ". פאַר אים איז דער איקער — ניט דערלאָזן די דאָזיקע „אַריסטאָקראַטיע פון רייכטום", קעדיי איינצושטעלן אין רוסלאַנד אַ פולשטענדיקע גלייכהייט. אין דעם פּראַט איז פעסטעל אַ טיפּישער יאַקאָבינער. זיין פּלאַן צו צעטיילן די ערד, די וואָלאָסט־העלפט פון דער ערד, אויף גאַנץ גלייכע נאַכלעס, — דאָס גופע איז דאָך אַ טיפּישער יאַקאָבינישער שטריך. אין אַלע יאַקאָבינישע פּראָגראַמען גייט דורך דער דאָזיקער שטריך פון צעטיילן די גיטער אויף גלייך. דאָס איז איין זייט, די עקסטקליינבירגערלעכע זייט פון פעסטעלס פּראָגראַם.

ווייטער איז אינטערעסאַנט, וואָס דער דאָזיקער פּאָלקאָווניק, דער געוועזענער קאַוואַלערגאַרד, דער אַדיוטאַנט פונם הויפּט־קאָמאַנדיר, זאָרגט זיך שטאַרק וועגן די „מעשטשאַנעס" (שטאָטישע בירגער), וועגן אַזאַ מין גרופּע, פון דער באַפעלקערונג, אויף וועלכע קיינער האָט זיך דעמאָלט אין רוסלאַנד ניט אומגעקוקט. ער זאָרגט זיך שטאַרק וועגן די „מעשטשאַנעס", ער זאָרגט זיך שטאַרק וועגן די — אינם דעמאָלטיקן רוסלאַנד נאָר ניט צאָלרייכע קליינע

פֿרייע ערדבאַזיצער. ער האָט באַזאָרגט פֿאַרויס, אַז זייער ערד זאָל אין קיין פֿאַל ניט נאַציאָנאַליזירט ווערן. (אַן איבעריקער באַווייז אַגעוו, אַז די איבעריקע ערד האָט מען געפּלאַנט צו נאַציאָנאַליזירן) און ענדלעך קעדיי צו כאַראַקטעריזירן דעמדאָזיקן שטריך זיינעם ניט בלויז פֿון פֿראָנט, נאָר אויך פֿון דער אַנדערער זייט, — איז פּעסטעל געווען אַן אומצווייפֿלהאַפֿטער, האַגאַם ניט קיין פֿאַרברענטער אַנטיסעמיט. ער האָט געפּלאַנט צונויפֿזאַמלען אַלע אידן אין רוסלאַנד, געבן זיי אַ באַשטימטע באַוואָפֿנטע קראַפֿט און אַוועקשיקן זיי דעראָבערן פּאַלעסטינע, קעדיי צו באַפֿרייען רוסלאַנד פֿון די אידן. פֿון וואָסער אַ זייט מע זאָל ניט צוגיין, איז עס אַ טיפּישער קליינבירגער, וועלכער טרעט פֿאַר אונז אַרויס אין דער פּאָליטיק. ווי איר זעט, איז אויך דעראָזיקער נאָענטסטער שאָכן פֿון די „פֿאַראייניקטע סלאַווען", פּראַקטיש מיסטאָמע, ניט ווייניקער רעוואָלוציאָנער, ווי זיי (דער געשיכטע איז עס ניט אויסגעקומען צו באַווייזן, ווייל פּעסטעל איז אַרעסטירט געוואָרן איידער ער האָט געקאָנט אַרויסטרעטן, און האָט ניט געקאָנט באַווייזן, וואָס ער וואָלט געטאָן, ווען ער זאָל געווען זיין אויף דער פֿריי), — אָט אָ דער מענטש איז אויך געווען גאַנץ ווייט פֿון די פֿריצישע קלאַסן־אינטערעסן. בא אים איז געווען אַ קלאַסן־אונטערשלאַק, אָבער פֿון גאָר אַן אַנדער קלאַס, ניט פֿון פֿריצישן. בעהעסקעם מיט דעם איז פּעסטעל סאַי אין זיין פּאָליטישער פּראָגראַם, סאַי אין זיין טאַקטיק געווען אַ גרויסער ראַדיקאַל...

...אויפֿן פּאָליטישן געביט איז פּעסטעל געווען אַ גאַנץ אויסגעהאַלטענער רעפּובליקאַנער — אַ דעמאָקראַט, וואָס האָט געגעבן פּאָליטישע רעכט דער גאַנצער באַפֿעלקערונג אָן אויסנאַם. דאָס מוז מען אונטערשטרייכן דערפֿאַר, ווייל די אַנדערע דעקאַבריסטן זיינען ביכלאַל ניט געווען קיין דעמאָקראַטן. און ענדלעך איז פּעסטעלס טאַקטיק, — די טאַקטיק, וועלכע מיר קענען אָפּשאַצן נאָר אין זיינע פּראָיעקטן, ווייל פּעסטעלן איז ניט אויסגעקומען אַליין אַרויסצוטרעטן, — דידאָזיקע טאַקטיק איז געווען אַן עכט־רעוואָלוציאָנערע, דאָס איז געווען די טאַקטיק פֿון באַוואָפֿנטן אויפֿשטאַנד. פּעסטעל האָט געהאָפֿט מיטצוציען מיט זיך דעם גאַנצן קאָרפּוס, צו וועלכן ער האָט געהערט, אַרעסטירן אַלעקסאַנדר I, גיין אויף מאָסקווע, אויפֿהויבן אַן אויפֿשטאַנד אין דער פּעטערבורגער גוואַרדיע און אין פֿלאָט און אַזוי אַרום מיט אַ באַוואָפֿנטער האַנט מאַכן די איבערקערעניש. דערביי — אַ העכסט־טשיקאַווער שטריך, וועלכן מיר וועלן נאָכדעם טרעפֿן, ווייל ער גייט דורך ווי אַ רויטער פֿאָדים דורך דער גאַנצער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. פֿאַר אַ נויטווענדיקן טנאַי, פֿאַרן ניצאָכן פֿון דער רעוואָלוציע האָט פּעסטעל געהאַלטן די אויסראָטונג פֿון דער גאַנצער דינאַסטיע פֿון די ראָמאַנאָווס. דאָס איז געווען אַ העכסט קאָנסעקווענטער קייסער־פֿאַרניכטער, אויב מע קאָן זיך אַזוי אויסדריקן, וועלכער האָט געהאַלטן, אַז עס וועט ניט גענוג זיין, אויב מע וועט פֿאַרניכטן אַלעקסאַנדער דעם I אַליין, נאָר מע מוז זיי אויסראָטן אַלעמען. בעכיין איז דער שטראָף, וועלכע האָט געטראָפֿן די ראָמאַנאָווס אויף אוראַל אין זומער 1918, — אָנגעצייכנט געוואָרן צום ערשטן מאָל אין די פּראָיעקטן פֿון דעמדאָזיקן

גלענצנדיקן קאוואלערגאַרד און אדיוטאַנט פון רוסישן הויפּט־קאָמאַנדיר, וועל־כער האָט אויסגעדריקט די אינטערעסן פון דער קליין־בורזשואַזיע...

דער „דאָרעם־געזעלשאַפט" איז ניט אויסגעקומען אַרויסצוטרעטן. דער איינציקער אויפשטאַנד, וועלכער איז איינגעאָרדנט געוואָרן פון די „פאַראייניק־טע סלאַוון", האָט, עמעס, געהאַט בערויש איינעם פון פעסטעלס נאָענטע באַוויירים, מוראַוויאָוו אַפּאָסטאָל. דאָס איז געווען איינער פון די וויניציקע דעקאַבריסטן־פּראָפּאַגאַנדיסטן; ער האָט געפירט אַ פּראָפּאַגאַנדע צווישן די סאָלדאַטן, אָבער מיט דעם האָט זיך די גאַנצע זאַך באַגרעניצט. פעסטעל גופא איז אַרעסטירט געוואָרן צוליב אַ פּראָוואָקאַציע פאַר דער אַרויסטרעטונג, נאָך פריער אפילע ווי אין פעטערבורג איז פאָרגעקומען דער אַרויסטריט פון 14־טן דעקאַבר. וועגן דער „דאָרעם־געזעלשאַפט" קאָן מען דעריבער אורטיילן נאָר לויט אירע פּראָיעקטן.

האַגאַם דער באַשטאַנד פון דער „דאָרעם־געזעלשאַפט" איז געווען אַ גאַנץ אַריסטאָקראַטישער, — אַהער זיינען אַריינגעגאַנגען פירשט וואָלקאָנסקי, מור־אַוויאָוו אַפּאָסטאָל, אַ פאַרשטייער פון איינע פון די סאַמע אָנגעזעענע אַדל־פאַמיליעס אין אוקראַינע, — פונדעסטוועגן האָט די ראָזיקע „דאָרעם־געזעל־שאַפט", פונקט ווי די געזעלשאַפט „פאַראייניקטע סלאַוון", וועלכע איז באַשטאַ־נען פון ניט פאַרמעגלעכע אָפיצירן, געווען אַ קליינבירגערלעכע גרופּירונג. איינע איז געווען אַ ליגקע, אַ ראַדיקאַלע און אַ נעבלהאַפטע לויט איר אידעאָלאָגיע, די אַנדערע — אַ מער בוילעטע און באַשטימטע, אָבער אַ רעכטערע, מיט אַ געפיירעשן קאָמפּראָמיס אין דער צייט פון דער „אַריסטאָקראַטיע פון רייכטום", ווי עס זאָל זי ניט האָבן פיינט געהאַט דער פירער פון דערדאָזיקער גרופּע.

(מ. פּאָקראָווסקי — „עטיודן..." זייט 37—30).

מ. פּאָקראָווסקי

די „צאָפן־געזעלשאַפט"

אָט די דריטע גרופּע האָט אויסגעדריקט איר אידעאָלאָגיע אין דער קאָנ־סטיטוציע, וועלכע איז געפונען געוואָרן אין די פּאַפּירן פון פירשט טרובעצקאָי און וועלכע איז צונויפגעשטעלט געוואָרן פון נ. מוראַוויאָוו. אין דערדאָזיקער קאָנסטיטוציע טרעפן מיר שוין אַ פונקט וועגן וואַל־צענז:

קעדיי צו זיין אַ בירגער, איז נויטיק לויט דערדאָזיקער קאָנסטיטוציע אַן עלטער ניט ווייניקער ווי 21 יאָר און אַ באַשטימטער שטענדיקער וואוינאָרט. (וואוינונגס־צענז), אַ געזונטן פאַרשטאַנד, פערזענלעכע און פאַר־מעגן אומאָפּהענגיקייט (דער גאַנצער פּראָלעטאַריאַט ווערט אַף אַזאַ אופן אויסגעשלאָסן פונם בירגער־באַשטאַנד) פּינקטלעכקייט אין צאָלן געזעלשאַפט־לעכע היסכאַיוועס; פערזענלעכע אייגנטום אָפּן אייגענעם נאָמען, נעמלעך: 1) אומבאַוועגלעך אייגנטום אַף 500 רוב. זילבער און 2) באַוועגלעך אייגנטום אָדער קאַפּיטאַל אַף 1000 רובל זילבער.

עס ווערט גאנץ באשטימט אונטערגעשטראָכן, אז יעדער איינוואוינער פון דער רוסלענדישער מעלוכע, וועלכער איז ניט געווען קיין בירגער (הייסט עס, מע קאָן זיין אן איינוואוינער און ניט זיין קיין בירגער), אָבער ער איז דערגאַנגען מיט זיין מי אזוי ווייט, אז ער האָט זיך איינגעשאפט דאָס געפאָדערטע פאַרמעגן, אויב ער אנטשפּרעכט אין אנדערע פּראָטים די אויבן אָנגעצייכנטע טנאָאים, ווערט ער גלייך א בירגער, דאָס הייסט, פּראָסט גערעדט, דער קומענדיקער בירגער דאַרף זיין ווייניקסטנס א גוטער באַלעגוף. זיי בילדן עס דעם בירגערקאָרפּוס פון דער רוסלענדישער רעפּובליק, אָדער אימפּעריע, ווייל דאָ זיינען פאַראַן צוויי נוסאָכס: לויט איין נוסעך — א רעפּובליק, לויטן אנדערן — א מאָנאַרכיע. אַלע איבעריקע זיינען איינוואוינער, ניט קיין בירגער. דאָס איז ווינציק. אויב מיר וועלן אריבערגיין צו די קאַפּיטלען פון דער דאָזיקער קאָנסטיטוציע, וועלכע כאַראַקטעריזירן די עצעם־אָרגאַניזאַציע פון דער רעגירונג וועלן מיר געפינען נאָך אינטערעסאַנטערע פּונקטן...

„די בירגער (מיר ווייסן שוין, אז דאָס זיינען ניט אַלע איינוואוינער), וועלכע האָבן אַזויפיל און אַזויפיל באַוועגלעך אייגנטום און אַזויפיל און אַזויפיל אומבאַוועגלעך אייגנטום, ווילן אויס אין יעדן קרייז א באַאַמטן איבער טויזנט אף איין יאָר“. בעראָש פון קרייז הייסט עס, שטייט א באַאַמטער איבער טויזנט. ווער זשע איז ער דער דאָזיקער באַאַמטער? קעדיי צו ווערן אזא באַאַמטער, דאַרף מען זיין לעבאָלהאָפּאָכעס 21 יאָר אַלט, ניט פאַרזינדיקט פאַרן געזעץ און האָבן אומבאַוועגלעך אייגנטום אין אייגענעם באַזיץ אף א סומע ניט ווייניקער ווי 30.000 רובל זילבער, אדער באַוועגלעכע אייגנטום ניט ווייניקער ווי אף 60.000 רובל.

דאָס איז אזא הויכער צענז, אז אינם אָריגינעלן טעקסט שטייט דאָ א באַמערקונג, געמאַכט מיצאַד עמיצן פון די דעקאַבריסטן, וועלכער האָט געלייענט דעם פּראָיעקט: „קימאַט אַלע געזעלשאַפטלעכע שטאַנדן וועלן זיין אָן אַזעלכע באַאַמטע“. ס'איז אַפילע בא זיי גופע ניט געווען קיין האָפענונג, אז זיי וועלן פאַר יעדן קרייז געפינען א מענטשן, וועלכער האָט אף 30.000 זילבער אדער אף 60.000 באַוועגלעכע אייגנטום. דער צענז איז געווען בעפּיירעש לעכערלעך הויך. ס'איז גרינג צו פאַרשטיין, אז דער דאָזיקער „באַאַמטער“ וואָלט אין 19 פאַלן פון 20 געמוזט זיין א פּאָריץ, און העיווים ווי דאָס איז א פּאָריץ, האָט מען צו די וואַלן בעשום אויפן ניט געקאָנט דערלאָזן זיינע געוועזענע לייבאייגענע, די פּויערים.

ווערט דעריבער געזאָגט:

„די, וועלכע באַנוצן זיך מיט ערד פון געזעלשאַפטלעכן באַזיץ, זיינען ניט קיין באַזיצער“, און בעמיילע געהערן זיי ניט צו דער צאָל ווײלער, און העיווים ווי בא די פּויערים איז די ערד אין געזעלשאַפטלעכן באַזיץ, הייסט עס, אז די פּויערים זיינען ניט קיין בירגער, ניט קיין באַזיצער פון ערד און מאַכמעס דעם באַטייליקן זיי זיך ניט אין די וואַלן.

ס'איז דעריבער נאַטירלעך, אז פּראָיעקטירנדיק די באַפרייאונג פון די פּויערים, זאָגט די דאָזיקע „קאָנסטיטוציע“: „די פּויערישע ערד בלייבט פאַר זיי“

(פאר די פריצים), „די הייזער פון די דארפלייט מיט זייערע גערטנער ווערן אנערקענט פאר זייער אייגנטום מיט אלע לאנדווירטשאפטלעכע ווערקצייג און פי, וואס געהערט זיי". א באפרייאונג מיט א שטוב אליין און מיט א גארטן און ערד, דאס האט שוין אויסגעזען אזוי האמעטנע אפילע אין די אויגן פון נ. מוראוויאוו און טרובעצקאיס כאווירים, אז זיי האבן נאכדעם צוגעגעבן א פונקט ווענן צוויי דעסיאטין ניט אף א נעפעש, נאר אף א הויף. א נאכלע, פארשטייט זיך, א ניט גענוגנדיקע. ס'איז אן אויסגעשפראכענע פריצישע פראגראם, וואס האט זיך געקליבן איבערלאזן רוסלאנד אינם רעשוס פון פאריץ.

דערמיט ווערט כאראקטעריזירט די פעטערבורגער גרופע. אין איר זיינען געווען צוויי פליגלען: איינער א מאנארכיסטישער, דער אנדערער — א רע־פובליקאנישער. דער פירער פון די רעפובליקאנער פון דער „צאפן־געזעלשאפט" איז געווען רילעיעוו.

מיט דערדאזיקער פראגראם ווערט אויך כאראקטעריזירט די טאקטיק פון די דעקאבריסטן. די דארעם־דעקאבריסטן, סאי אין געשטאלט פון די „פא־רייניקטע סלאוון", סאי פון דער „דארעם־געזעלשאפט", זיינען געווען גלייכצייטיק אי דעמאקראטן, אי רעוואלוציאנערן. זיי האבן ארויסגערוקט די טעאריע פון באוואפנטן אויפשטאנד און האבן זי פארווירקלעכט אין דער פראקטיק באם אויפשטאנד פון טשערניגאווער פאלק, די צאפנדיקע האבן גאר קיין אויפשטאנד ניט געהאט אין זינען....

(מ. פאקראווסקי. — „עטיודן..." זייט 39—37).

מ. פאקראווסקי

דער אויפשטאנד פון 14־טן דעקאבער

וואס אייגנטלעך, האבן טרובעצקאי און זיינע כאווירים געהאט בעדייע צו טאן דעם 14־טן דעקאבער?

באמערקנדיק בא די סאלדאטן א געוויסע נייגונג ניט צו געבן קיין שוואוע ניקאלאי פאוולאוויטשן, — ווייל זיין אפזאג פון טראן־רעכט האט נאך קיי־נער ניט געוואוסט, — האבן זיי געפלאנט צונויפקלייבן א געוויסע צאל פאלקן, וועלכע האבן ניט צוגעשוואוירן, ארויספירן זיי אפן פלאץ אדער אין א וואסער ניט איז אנדער ארט און „מיטן ביקס באם פוס" ווארטן, ווי עס וועט אף דעם רעאגירן פון איין זייט די רעגירונג, און פון דער אנדער זייט — די געזעל־שאפט. טרובעצקאיס כעשבן, ווי ער האט באאריכעס דערציילט, איז געווען אזא: דערזעענדיק סאלדאטן, וואס זיינען באוואפנט און האלטן זיך איינייק, וועט די רעגירונג מיינהאסטאם גיין אף האנאכעס און וועט מאסקים זיין צו באפרידיקן די מינימאלע פאדערונגען פון די צאפן־דעקאבריסטן, — צונויפרופן אין פעטערבורג א פארזאמלונג פון אלע גובערניעס לויט די שטאנדן: צו צוויי

אָרט־לייט, צו צוויי קויף־לייט און צו צוויי מעלוכישע פּויערים. אָט די שטאַנדן־פאַרזאַמלונג האָט עס באַדאַרפט וועלן די גרינדונג־פאַרזאַמלונג. זי האָט באַדאַרפט אויסאַרבעטן די קאָנסטיטוציע, וואָס אַף איר יעסאָד האָט רוסלאַנד שפּעטער געדאַרפט רעגירט ווערן. די פּויערים־לייבקנעכט זיינען פון דעם, פאַרשטייט זיך, געווען אויסגעשלאָסן, — ווייל דעם איז איבעריק אפילע צו ריידן: די ערד איז דאָך בא זיי אין געזעלשאַפטלעכן באַזיץ, זיי זיינען ניט קיין אייגנטימער און, הייסט עס, ניט קיין בירגער.

איז אָט, זאָגט טרובעצקאָי, אז זיי זיינען געווען גרייט גיין אַף אַלערליי האַנאָכעס, אַבי דער פאַרזאַמלונג פון די אויסגעווײלטע לויט די שטאַנדן. דאָס איז געווען זייער פּראָגראַם־מינימום, אַף וועלכער זיי זיינען באַשטאַנען. פון דער אַנדער זייט, — האָט טרובעצקאָי דערציילט, — דערזעענדיק, אז די צונויפגעזאַמלטע סאָלדאַטן מאַכן ניט קיין שום אומאָרדענונג (אָט דאָס ניט מאַכן קיין אומאָרדענונג איז געווען איינער פון די קאַרדינאַלע טנאָאים פאַר טרובעצקאָי און זיין געזעלשאַפט), וועלן די מענטשן, וואָס פילן מיט דער קאָנסטיטוציע, ביסלעכווייז אָנהויבן צושטיין צו זיי.

אַזוי אַרום וועט פון איין זייט די רעגירונג, דערזעענדיק די באַוואָפנטע מאַסע און ניט אַנטשליסנדיק זיך צו שיסן אין איר, וועט גיין אַף האַנאָכעס, און, פון דער אַנדערער זייט, זעענדיק, אז די סאָלדאַטן האַלטן זיך רואיק, פאָלגן זייער „נאַטשאַלסטווע", ראַבעווען ניט, מאַכן ניט קיין אומאָרדענונגען און וואַרטן געהאָרכזאַם אַף דער שטאַנדפאַרזאַמלונג, וואו די אויבערהאַנט וועלן האָבן די פּריצים און די בורזשואַזיע — וועט זיך די „געזעלשאַפט" דורכדרינגען מיט סימפּאַטיע צו דער באַוועגונג און וועט צו איר צושטיין. אָט וואָס פאַר אַ בילד עס האָט זיך געמאָלט טרובעצקאָי. דאָס סאַמע געפערלעכע וואָלט דערביי געווען, פון טרובעצקאָיס שטאַנדפּונקט, ווען עס וואָלט זיך אָנגעהויבן אַ שיסעריי. אַ שיסעריי — פאַר דעם ציטערט טרובעצקאָי. אַרום דערדאָזיקער שיסעריי דרייט זיך זיין גאַנצע מורע פאַר דעם טאָג, און ער פרעגט זאָרגזאַם אויס, צי מע וועט שיסן אָדער ניט, און זיין באַראַטונג מיט זיינע נאָענטסטע געהילפן, מיט די אַנדערע אָפיצערן, ערעוו דעם 14־טן דעקאַבער, לאָזט זיך אויס מיט דער פראַגע: „וואָס, מיינע הערן, די פוסגייער וועלן ניט שיסן, אָבער די אַרטילעריע וועט דאָך שיסן". „און פון דער מינוט אָן" — גיט טרובעצקאָי צו אין זיין אײדעס זאָגן — „האָב איך באַשלאָסן ניט צו נעמען קיין שום אָנטייל אין דער באַוועגונג". און ער האָט געהאַלטן וואָרט, ווייל אינדערפרי אין דעם טאָג, ווען עס איז פאָרגעקומען די דעמאָנסטראַציע, אַזוי קומט עס אויס אָנצורופן, אַפן סענאַט־פּלאַץ, איז ער אַפן סענאַט־פּלאַץ ניט געגאַנגען. האָגאָם ער איז געווען בעראָש פון דער צאָפן־פאַרשווערונג און איז ערעוו דעם טאָג אויסגעוויילט געוואָרן פאַר אַ דיקטאַטאָר, איז ער געגאַנגען צו זיינע באַקאַנטע און האָט געלייענט דעם מאַניפעסט וועגן דעם אַרויפגייַן אַפן טראָן פון ניקאָלאַי פּאַוולאָוויטש. ער האָט אַליין דערציילט, אז ער איז געגאַנגען צו דעם און דעם און האָט געלייענט דעם מאַניפעסט, נאָכדעם איז ער געגאַנגען צו דעם און דעם און האָט געלייענט דעם מאַניפעסט.

אַט דאָס בילד פונם דיקטאַטאָר, וועלכער לייענט ניקאָלאַיס מאַניפעסט בעאיים אפן סענאַט־פּלאַץ קומט פאַר א טראַגעדיע, איז געווים טשיקאַווע...

ס׳איז פולקום קלאָר, אַז די אָנפירער פון דער באַוועגונג זיינען ניט געווען קיין רעוואָלוציאָנערן. זיי האָבן קיין רעוואָלוציע ניט געוואָלט. זיי האָבן אף אזוי פיל געציטערט פאַר א שיסעריי, אַז כאָטש זיי האָבן צוויי מאָל געהאַט די מעגלעכקייט צו באַקומען אין זייער רעשוס האַרמאַטן, האָבן זיי זיך פון דעם אָפּגעהאַלטן. צו רילעיעוון זיינען געווען געקומען אַרטילעריע־אָפיצערן, וועלכע האָבן געזאָגט: אויב איר ווילט, וועלן מיר אייך געבן קאַנאָנען, מיר האָבן די מעגלעכקייט. האָט מען זיי אָבער געפרעגט: און אייערע סאָלדאַטן וועלן זיין מיט אייך אדער ניט? האָבן זיי געזאָגט: ניין. דעמאָלט האָבן זיי זיך אָפּגעזאָגט פון די קאַנאָנען. צוליב דער דעמאָנסטראַציע האָט מען געדאַרפט האָבן, אַז עס זאָל ארויסגיין אַרטילעריע אין פולן באַשטאַנד, מיט אָנגעלאָדענע קאַנאָנען, מיט סאָלדאַטן פון פאָרנט און אזוי ווייטער. דאָס וואָלט געמאַכט אַן עפעקט, אָבער האַרמאַטן אַליין — דאָס זיינען טעכנישע קלייזאַיען, מיט וועלכע מע שיסט, און פאַר שיסעריי האָבן זיי מורא געהאַט מער פאַר אַלץ אין דער וועלט. דעריבער האָט מען די דאָזיקע האַרמאַטן ניט נויטיק געהאַט, און מע האָט זיך אָפּגעהאַלטן פון זיי. דער אָפיצער פּאַנאָוו איז מיט זיין אָטריאַד געגאַנגען פאַרביי די קאַנאָנען און האָט זיי געקענט פאַרכאַפּן, אָבער ער האָט עס ניט געטאָן, ווייל קאַנאָנען זיינען ניט אַריינגעגאַנגען אין דער פּראָגראַם פון די דעקאַבריסטן. זיי האָבן בלויז געוואָלט א דעמאָנסטראַציע, וואָס זאָל מאַכן א דרוק אף דער רעגירונג, קעדיי זי זאָל צונויפרופן די באַרימטע „שטאַנדן־פאַרזאַמלונג", — מער האָט מען גאָרנישט ניט באַדאַרפט.

בעכיין זיינען זיי, די אָנפירער פון דער פאַרשווערונג, אוואַדע ניט געווען קיין רעוואָלוציאָנערן און האָבן זיך אויפגעפירט ניט ווי רעוואָלוציאָנערן. טרובעצקאָי, ווי מען האָט אים נאָר אַרעסטירט, האָט דערציילט בוכשטעבלעך א גאַנצן באַנד, און אפן סמאך פון דעמאָזיקן באַנד האָבן די אויספאָרשער פון ניקאָלאַי I צונויפגעשטעלט דעם גרונט־צעטל פון די אָנטיילנעמער פון דער פאַרשווערונג. טרובעצקאָי האָט זיך אַריינגעלאָזן אין אַזעלכע פּראָטים, אַז, פאַרגעסנדיק גענוי דעם נאָמען — אפילו ניט פון א פאַרשווערער, נאָר עפּעס פון א מעכאַבער פון א ליד, פאַריכט ער זיך באַם פאָלגנדיקן אייערעם זאָגן:

— אַנטשולדיקט, איך האָב ניט געזאָגט דעם נאָמען; דאָס איז געווען דער און דער" — אזוי ווייט איז טרובעצקאָי אַוועק אין זיין אויפריכטיקייט, איך זיין פאַרלאַנג גאָרנישט צו פאַרהוילן.

נאָך א מער טרויעריקן איינדרוק מאַכט דאָס אַנאַלאָגישע אייערעם זאָגן פון רילעיעוון, וועלכער האָט טייקעף באַם ערשטן פאַרהער אַרויסגעגעבן פּעסטעלן. ער האָט ניט געוואוסט, אַז פּעסטעל איז שוין אַרעסטירט. פּעסטעל איז אַרעסטירט געוואָרן דעם 13-טן, רילעיעוון האָט מען פאַרהערט דעם 16־טן, און אזוי ווי קיין טעלעגראַף איז נאָך דעמאָלסט ניט געווען האָט אפילו די רעגירונג וועגן דעם ניט געקאָנט וויסן אין דריי טעג. רילעיעוו האָט דערציילט: אפן דאָרעם איז דאָ אזא פּאָלקאָווניק פּעסטעל, ער אָרגאַניזירט א פאַרשווערונג, און אזוי ווייטער.

טרויעריק ווערט פון אזא גוויעס־איירעס, אָבער פונדעסטוועגן לוינט דאָך צו דערמאָנען אפילע דעם 14־טן דעקאבר, ווייל אויב די אָנפירער פון דער באוועגונג האָבן זיך געפירט אין יענער צייט מאמעש שענדלעך, — דאָס איז ניט נויטיק צו באהאלטן — אויב זיי זיינען ניט געווען קיין רעוואָלוציאָנערן, האָט זיך אָבער אָן זייער ווילן אפילע אין דעם טאָג, בעליסאָפעס, אָנגעהויבן די רעוואָלוציע. דאָס ווייסן מיר פון אזאַ ווייניק פאַרדעכטיקן קוואַל, פון ניקאָלאי פאוולאָוויטשן אין זיינע נאָטיצן. דערקלערנדיק, פאַר וואָס ער האָט זיך באנוצט מיט קאנאָנען — זאָגט ניקאָלאי פאוולאָוויטש גלייך:

„העיוים ווי דער טאָג האָט זיך גענויגט צום אָונט, און ס'איז געוואָרן א געפאר, אז די אויפרעגונג וועט זיך איבערגעבן דעם פארזאמלטן האמוין און ס'וועט פאָרקומען א בעהאָלע, זיינען נויטיק געווען אנטשיידענע מיטלען".

ניקאָלאי אליין האָט לאנגע שאָען אויך געהאָפט, אז די דעמאָנסטראציע פון די דעקאבריסטן וועט זיך פרידלעך צעגיין. לאנג שיסן האָט ער אויך ניט געוואָלט, דערפאר ווייל ער האָט זיך געשראָקן, אז דאָס זאָל ניט זיין קיין סיגנאל פאר קריגס־אָפעראציעס, און ווער ווייסט, מיט וואָס די קריגס־אָפעראציעס וואָלטן זיך געענדיקט. ער האָט אָנגעהויבן שיסן ערשט נאָכדעם, ווי אַף אים, ניקאָלאיען, אליין האָבן אָנגעהויבן „שיסן" מיט שייטלעך האָלץ די אַרבעטער פונם איסאַקיעווער קלויסטער, וועלכער האָט זיך דעמאָלט געבויט. ווען ער האָט דערפילט אַט די שייט־האָלץ באמבארדירונג, האָט ער פארשטאנען, אז עס האָבן שוין אָנגעהויבן ארויסצוטרעטן די פאָלקס־מאסן...

... די מאסע האָט ניט געוואוסט, ווער טרובעצקאָי איז געווען, די מאסע האָט ניט געהאט קיין באגריף וועגן די פירער פון דער פארשווערונג, וועגן זייער פּאָליטיק. די מאסע האָט מער ניט געזען אז קעגן דער פארפלוכטער זעלבסטהערשונג, קעגן דעם פארפלוכטן לייבאייגנטום־רעכט האָט זיך, ענדלעך, אָנגעהויבן אַן אויפשטאנד, אז עס זיינען ארויסגעגאנגען באוואפנטע מענטשן. זיי האָבן ניט געוואוסט, אז דידאָזיקע מענטשן זיינען ארויסגעגאנגען מיט א באַשטימטער קאוואָנע ניט צו לאָזן די ביקסן אין גאנג. דאָס האָט די מאסע ניט פאַרשטאנען, אָבער זי האָט געזען, אַז די באוועגונג קעגן צאַרייזם האָט זיך אָנגעהויבן, און ס'איז קיין סאָפעק ניט, אז ווען די פּעטערבורגער דעקאבריסטן זאָלן האָבן געהאט בעדייע ארויסרופן אין פעטערבורג א פאָלקס־אויפשטאנד, וואָלטן זיי אים געקאָנט ארויסרופן אפן בעסטן אויפן. פעטערבורג וואָלט דעם 14־טן דעקאבר געקענט ווערן אַן ארענע פון אַן עכטן פאָלקס־אויפשטאַנד, פון אַן אויפשטאַנד אינם גייסט פון דעקאבר 1905 יאר. אָבער זיי האָבן עס ניט געוואָלט. זיי זיינען געשטאנען מיט דער ביקס באם פוס און די וואקלדיקע פירער האָבן געקלערט, שיסן צי ניט, אזוי לאנג, ביז וואנען ניקאָלאי אליין האָט באשלאָסן צו שיסן. און ווען די הארמאטן האָבן אָנגעהויבן שיסן, איז פאָרגעקומען דאָס, פארוואָס טרובעצקאָי האָט אזוי מוירע געהאט, ווייל די שיסעריי און דער באוואפנטער אויפשטאנד זיינען ניט אריינגעגאנגען אין פלאן פון דידאָזיקע צאפנדיקע דעקאבריסטן...

די שיסעריי האָט אוואַדע אויך געטראָפן יענע ארבעטער, וועלכע האָבן באָמבאַרדירט ניקאָלאַיען מיט שייטלעך האָלץ און שטיינער, און דער ערשטער־ זאַלפ איז געגעבן געוואָרן איבערן דאַך פון סענאַט, וואו עס זיינען געזעסן די אמערסטן אונטערנעמונגס־פעאיקע פון דעמדאָזיקן „האמוין", און פון וואַנען זיי האָבן באָמבאַרדירט אי ניקאָלאַיען, אי די גוואַרדיע רייטער. דער ערשטער־ זאַלפ איז געגעבן געוואָרן איבערן דאַך פון סענאַט, און ערשט דער צווייטער־ — איבער די רייען פון די דעקאַבריסטן...

(מ. פּאָקראָווסקי — „עטיודן..." זייט 44—39).

דריטער אָפּטייל

די נאָכרעפאָרם-עקאָנאָמיק

מ. פּאָקראָווסקי

דער אַגראַר-קריזיס

די ברויט-פּרייזן און דער גרויסער ערד-באַזיץ.

די אינדוסטריעלע בורזשואַזיע אין רוסלאַנד פון די 80-ער יאָרן איז שוין געווען אַן אָנגעזעענע געזעלשאַפטלעכע קראַפט, אָבער דאָך נאָך ניט קיין באַשליסנדיקע קראַפט, ווי זי איז עס קימאַט געוואָרן אין אונזערע טעג. די הערשנדיקע ראָלע האָט נאָך אַלץ געשפּילט דער ערדבאַזיץ: דער גרויסער, וועלכער האָט געהאַלטן אומיטלבאַר אין זיינע הענט די פּאָליטישע מאַכט, דער מיטעלער — וועלכער האָט געהערשט אין דער „אָרטיקער זעלבסטפאַרוואַלטונג", אין זעמסטווע. די פּאָליטישע שטימונג פון דיזאָזיקע גרופּעס איז דיקטירט געווען אין דער ערשטער העלפט פון יאָרהונדערט דירעקט און אומיטלבאַר, — דורך די ברויט-פּרייזן. דער יאַקרעס פון ברויט אַפן אייראָפּעאישן מאַרק האָט פאַרוואַנדלט די פּריצים פון די 50-ער יאָרן פון לייבאייגנטום-אַנהענגער אין ליבעראַלן. אַף די „פעסטע" פּרייזן פון די שפּעטערדיקע צוויי צענדליקער יאָרן האָט זיך געהאַלטן די „בורזשואַזע שטימונג" פונם רוסישן אַדל אין דער צייט פון אַלעקסאַנדער דעם II. ווי איז געווען די לאַגע בעאַיים אַלעקסאַנדר דעם III? לאָמיר נאָכאַמאָל א קוק טאָן די ציפערן. מיר ברענגען א טאַבעלע, וועלכע כאַראַקטעריזירט די ענדערונגען אין די פּרייזן אַף ווייץ און קאָרן אַף די וויכטיקסטע אייראָפּעאישע מערק, פאַר 25 יאָר, פון 1870 ביז 1895 יאָר:

די ברויט־פרייזן

יאָרן	פרייזן אף ווייץ		פרייזן אף קאָרן
	אין ענגלאנד	אין פרייסן	אין פרייסן
	אין מארקן פאר 100 קיל.		(דאָס זעלבע)
1871—75	246,4	235,2	179,2
1876—80	206,8	211,2	166,4
1881—85	180,4	189,0	160,0
1886—90	142,8	173,9	143,0
1890—95	128,2	165,5	148,5

אזוי איז געווען די לאגע אין מאירעוו; ס'איז גאנץ נאטירלעך, אז דער רוסישער פראָדוצירער, וועלכער פלעגט ארויספירן זיין ברויט קיין אויסלאנד, האָט אָנגעהויבן צו באקומען פאר אים אלץ ווייניקער און ווייניקער.

דער ברויט־עקספאָרט פון רוסלאנד

יאָרן	דער עקספאָרט פון אלע טוואועס	פרייזן פאַר אַ פוד	
		ווייץ	קאָרן
	מיליאָנען פוד	קאָפ.	קאָפ.
1871—75	193,2	144	78
1876—80	279,8	124	91
1881—85	294.0	118	98
1886—90	413,3	100	67,5
1891—95	440,5	81	65
1896	516,3	74	54

די פרייזן פון רוסישן ברויט־עקספאָרט גיבן די מעגלעכקייטן פאנאנדערצוקלייבן נעננויער דעם צו אלגעמיינעם איינדרוק פון אונזער 1 טאבעלע. פון דער דאָזיקער טאבעלע קען מען נאָר באמערקן, אז די ברויט־פרייזן אין אייראָפע

זיינען אָנהויבנדיק פון דער צווייטער העלפט פון די 70-ער יאָרן קעסיידער געפאַלן — און גאָר שטאַרק זיינען זיי געפאַלן גראַד אין די 80-ער יאָרן. די צווייטע טאַבעלע ווייזט, אַז די דיזיקע ירידה איז פאָרגעקומען ניט גלייכמעסיק פאַר אַלע טוואַרעס: ווייץ איז געפאַלן קעסיידער, קאָרן האָט זיך געהאַלטן פעסטער און אין אָנהויב פון די 80-ער יאָרן האָט ער זיך אפילו געהויבן אין פרייז. נאָר מיר ווייסן שוין דעם פאַרשיידענעם סאָציאַלן באַטייט פון די דאָזיקע צוויי אַרטן טוואַר: ווייץ איז טאָמיד געווען פּריצישע טוואַר, קאָרן — פּויערשע. מיר ברענגען אַ טאַבעלע, וועלכע וועט דאָס נאָכאַמאָל אילוסטרירן.

די פאַרטיילונג פון פאַרזיי־שעטעך

ערד	% פון דער פאַרזייטער ערד			
	ווייץ		קאָרן	
	1881 י.	1903 י.	1881 י.	1903 י.
פון פּריוואַטן באַזיץ . . .	21 %	27,6%	32,2%	27,6%
פּויערשע	14,9%	18,7%	38,8%	35,1%

ווען האָט זיך אָנגעהויבן די ווירקלעכע „פאַרמאָגערונג“ פון דעם אַדעל?

מיר ווילן זיך ניט אָפּשטעלן אויף דעם זייער כאַראַקטעריסטישן אַריינדרינגען פון דער „ווייסער טוואַר“ אין די פּויערשע פעלדער: די דאָזיקע דערשיינונג שטייט אויסער די ראַמען פון דער פראַגע, וועלכע אינטערעסירט אונדז איצט. פאַר אונדז איז וויכטיק, אַז די ירידה פון די ברויט־פרייזן אין די 80-ער יאָרן האָט געדאַרפט שטאַרקער ווירקן אויף דער לאַגע פון גרויסן, פּריצישן ערד־באַזיץ, איידער אויף דעם קליינעם, פּויערשן. מיר האָבן געזען, אַז אומיטלבאַר נאָך דער פּויערשער רעפאָרם האָט דער אַדל גאַנץ פעסט געהאַלטן אין זיינע הענט די ערד: די געווינטלעכע פאַרשטעלונג וועגן דער „פאַראָרעמטקייט“ פון דעם פּריצישן קלאַס אין די 60 — 70 יאָרן איז אַן איינגערעדטע זאַך, אָבער אין די 80 און 90-ער יאָרן ווערט די דאָזיקע פאַרשטעלונג פאַר די פּריצים אַ שרעקלעכע ווירקלעכקייט. די „פּריוואַטע“ (ניט אויסגעטיילטע פּויערשע) ערד איז פאַנאַנדערגעטיילט געוואָרן בא אונדז לויט די שטאַנדן און יאָרן אַזוי:

די פארטיילונגען פון ערד־באזיץ צווישן די שטאנדן

שטאנדן	יארן		
	1877	1887	1900
אדל	79,87%	68,25%	52,94%
פויערים	5,46%	13,15%	19,50%
סאכרים און איבעריקע בירגער	14,67%	18,60%	27,56%

אין 1877 האט דער אדל פארמאגט מער ווי 3/4 פון דער „פריוואטער" ערד און אין סאך פון יארהונדערט האבן זיי שוין פארמאגט קוים א העלפט. אין דערזעלביקער צייט איז דער פראצענט פון דער ערד, וועלכע איז געווען אין פריוואטן אייגנטום פון די פ ו י ע ר י ם, פארגרעסערט געווארן אין ד ר יי מ א ל. אין באזונדערע גוביערניעס — און דאפקע אין די, וואו עס איז אמערסטן פארשפרייט די טוואוערווירטשאפט — זיינען די ציפערן נאך בוילעטער: אין קאזאנער גובערניע האבן די פריצים פארלארן אין מעשעך פון אכצן יאר, פון 1877 ביז 1895, א ד ר י ט ל פון זייער ערד (32,8%), אין סאמארער — ק י מ א ט א ד ר י ט ל (30,5%), קימאט אזוי פיל אויך אין סאראטאווער — (27%). און דער וואוקס פון דעם פויערשן ערד־באזיץ האט זיך אויסגעדריקט ניט נאר אין דעם, וואס פויערים האבן געקויפט פריצישע ערד, נאר, נאך בוילעטער, אין דעם ק א ל א ס א ל ן וו א ו ק ס פ ו ן ד ע ר פ ו י ע ר ש ע ר א ר ע נ ד ע פ א ר ד י ד א ז י ק ע י א ר ן. דידאזיקע נאכפראגע אף ארענדע־ערד האט זיך אויסגעדריקט אין דעם קאלאסאלן וואוקס פון די ארענדע־פרייזן אין סאך פון די 70־ער און אין אנהויב פון די 80־ער יארן.

דער אגרארער קריזיס און דאס פויערטום.

די „פעסטע"־פרייזן פונם „פויערשן" ברויט האבן געבראכט צו דער אויפבליאונג פון דער פויערשער ווירטשאפט, וועלכע האט זיך בריער פאר אליץ אויסגעדרוקט אין דער פארוואנדלונג פון די שטארקערע פויערשע עלעמענטן אין א דארפישער קלייןבורזשואזיע. ווען דידאזיקע גינסטיקע פארן פויערטום קאניונקטור וואלט זיך געצויגן ווייטער, וואלט די דארפישע בורזשואזיע געווארן א דראענדיקער קאנקורענט פארן גוטבאזיצער. נאר די עפאכע פונם אויפבליאיז געווען א קורצע, פון דער צווייטער העלפט פון די 80־ער יארן הויבן אויך די קארן־פרייזן אן קעסיידער צו פאלן, אזוי, ווי עס זיינען פריער געפאלן די ווייץ־פרייזן: דאס גאנצע לאנדווירטשאפטלעכע רוסלאנד איז „פארמאגערט" געווארן. די ווייטער־פאלגנדיקע פערד־ציילונגען באווייזן, ווי געשווינד עס איך

געוואקסן די אבסאָלוטע פארמינערונג פון דער פויערשער ארבעטס־פי. פאר ארלאָווער גובערניע, למשל, האָבן מיר אזוינע ציפערן:

1888 יאָר	221.989 פערד
1893 „	188.908 „
1899 „	177.539 „

אויב מיר וועלן אָנעמען די ציפערן פון 1888 יאר פאר 100, וועלן מיר באקומען אזא פארמינערטע ריי: 100; 85,1; 79,9. און דאָס איז אין משך פון סאכאקל עלף יאר — א דריטל לעבן פון איין דאָר! די „פאנאנדער־שיכטונג“ פונם פויערטום איז פאָרגעזעצט געוואָרן אויך איצט, פארשטייט זיך, נאָר דאָס איז שוין געווען א פאנאנדערפאלונג ניט אף „בורזשואזיע“ און „פראָלעטאריאט“ אין אייראָפעאישן זינען דיזאָויקע ווערטער, נאָר פאשעט אף אָרימע און אזוינע, בא וועלכע עס איז נאָך עפעס פארבליבן.

נאָך א בוילעטן סטאטיסטישן באוויז פון דעמדאָזיקן „כורבן“ פון דער רוסישער דאָרפס־ווירטשאפט פון סאָף 80־ער יארן גיבן אונז די ערד־פרייזן.

די פרייזן אף ערד

גובערניעס	פרייזן פאר א דעסיאַטין (אין רובל) — יאָרן — 60־ער	70־ער	1883	1889
ארלאָווער	52	105	145	116
טולער	48	95	139	119
ריאזאנער	50	92	122	107
טאמבאָווער	50	100	134	107
פענזער	36	69	100	80
וואָראָניעזשער	54	113	133	124
קורסקער	51	94	136	116
דורכשניטלעך אין דער שיוארצערד־געגנט	49	95	130	110

(מ. פאָקראָווסקי רוסישע געשיכטע ב. 4. קאפ. 3 ז. 231—229).

מ. באלאבאנאוו

די נאָכרעפאָרם-אינדוסטריע

(אלגעמיינער עטיוד).

...דאָס פאַלן פון לייבאייגנטום־רעכט האָט באַפרייט דעם וואוקס פון די פּראָדוקטיווע קרעפטן פון לאַנד און האָט א רוק געטאָן פאָרויס זיין אינדוסטריעלע אַנטוויקלונג.

איצט איז שוין ניט געווען קיין דויכעק ניט אין קאַפּיטאַלן, ניט אין אַרבעטס־קראַפט, ניט אין פאָרמען פון אינדוסטריעלער אָרגאַניזאַציע. דער האַנדלס־און אינדוסטריעלער קאַפּיטאַל, וואָס זיינען אָנגעזאַמלט געוואָרן בעאייס דעם לייבאייגנטום־רעכט, האָבן איצט געקאָנט אָנגעווענדעט ווערן אין אַלע געביטן פון האַנדלס־אינדוסטריעלן לעבן. די באַפרייאונג פון די לייבאייגענע פלעגט אַרויסוואַרפן אַפן מאַרק אַן איבערגענוגנדיקע „פרייע" אַרבעטס־קראַפט. די ענדגילטיקע צעפאַלונג פון דער פּויערשער האַלבנאַטורעלער ווירטשאַפט און דער וואוקס פון די געלטבאַציאונגען האָט פאַרזיכערט דעם איינערלעכן מאַרק. די גרויספּראָדוקציע, וואָס איז בעאייסן לייב־אייגנטום־רעכט אויך ניט געווען קיין זעלטענער אויסנאַם, האָט געקאָנט דינען ווי א יעסאָד פאַרן וויטערדיקן וואוקס פון אינדוסטריעלן קאַפּיטאַליזם. עס זיינען אַלזאָ גרייט געווען אַלע עלעמענטן פאַר דער מער אָדער ווייניקער שנעלער סאָציאַל־עקאָנאָמישער עוואָלוציע פון לאַנד.

די ערשטע צענדליקער יאָרן נאָך דער רעפאָרמען־צייט טראָגן נאָך אַלץ אַן איבערגאַנג־כאַראַקטער. רוסלאַנד איז זיכער ניט מיטאַמאָל אַריבערגעטראָטן פון אָפּגעשטאַנענע לייב־אייגנטום־באַציאונגען צו אַנטוויקלטע קאַפּיטאַליסטישע. ס'האָט נאָך געמוזט אָפּגעראַמט ווערן דאָס בראָכוואַרג פונם אַלטן, ס'האָט געמוזט באַמיסטיקט ווערן דער באָדן, כ'האָבן געמוזט אָפּגערייניקט ווערן די וועגן פון דער נייער עקאָנאָמישער בויאונג.

שוין אין די ערשטע יאָרן נאָך דער פּויערים־באַפרייאונג (1864 — 1873) זיינען געעפנט געוואָרן 39 אַקציען־בענק און 47 אָפּטיילונגען זייערע, 54 געזעלשאַפטן פון קעגנזייטיקן קרעדיט און 112 שטאָטישע געזעלשאַפטלעכע בענק. אין די אַלטע קרעדיט־אַנשטאַלטן האָט דער קאָמער־פּאָרטפעל ערעוו דער פּויערשער רעפאָרם ניט איבערגעשטיגט קיין 13 1/2 מיליאָן רובל, און די סומע פון די קורצטערמיניקע האַלוואָעס קעגן סכוירעס און פּאַפּירן האָט קוים באַטראָפן 2 מיליאָן. צום סאָף פון יאָר 1873 איז דער וועקסל־פּאָרטפעל פון דער נייער נעץ קרעדיט־אַנשטאַלטן דערגאַנגען קימאַט ביז א האַלבן מיליאַרד רובל (413.000.000 ר.), און די האַלוואָעס אַף פּראָצענט־פּאַפּירן און סכוירעס האָבן זיך געגעבן א הויב ביז 225 מיליאָן. צום יאָר 1879 האָבן די דיסקאָנט־אָפּעראַציעס פון די בענק דערגרייכט ביז 1.172 מיליאָן רובל, און די האַלוואָעס

פון אַלע מינים — ביז 6.226 מיליאָן (קעגן 955 מיליאָן אין יאר 1857). ס'איז איבעריק צו דערקלערן, אַז דער וואוקס פון דער צאָל קרעדיט־אַנשטאַלטן, ווי אויך — באַזונדערס — דער וואוקס פון זייערע קאָמערציעלע אומזאַצן האָט באַוויזן אַ גרויסן וואוקס פון דער געלט־ווירטשאַפט און די ענדגילטיקע פאַרפעסטיקונג פונם געלט־מאַרק.

דערצו פלעגט אויך ברענגען די קעסיידערדיקע פאַרברייטערונג פון דער אייזנבאַן־נעץ. די אייזנבאַן־בויאונג איז דערביי געגאַנגען, דער איקער, נאָך דער ליניע פון די פאַרלאַנגען פון האַנדלס־אינדוסטריעלע געשעפטלעכע באַציאונגען. דעהיינע, צוליב דעם טוואַרע־האַנדל זיינען דורכגעפירט געוואָרן אייזנבאַנען צו ריבינסק, סאַראַטאָוו, סאַמאַרע, רעוועל, — און מאָסקווע איז פאַרייניקט געוואָרן סיי מיט די ראַיאָנען, וואו ס'ווערן אָפּגעזעצט די פּראָדוקטן פון דער מאָסקווער אינדוסטריע, סיי מיט די געגנטן, פון וואַנען עס ווערן צוגעשטעלט קיין מאָסקווע טוואַרע און באַהייצונג; עטלעכע ליניעס האָבן באַפרידיקט די אינטערסן פון איינצלנע אינדוסטריעלע ראַיאָנען (דער וועג פון איוואַנאָוואָ־וואָזנעסענסקער ראַיאָן (1871 — 1868), דער פאַסטאָווער — פאַר די באַדערפענישן פון די צוקער־זאַוואָדן (1876), די ליניע צום אוראַלער בערג־בוי־ראַיאָן (1878) און צום דאָנבאַס, וואו ס'איז אין פעריאָד פון די יאָרן 1863 — 1870 דורכגעפירט געוואָרן 668 וויאָרסט אייזנבאַנען. אַחוץ דעם ווערט אין דעמזעלביקן פעריאָד פאַרייניקט וואָלגע, די צענטראַלע האַנדל־אַרטעריע בא ניזשני־נאָווגאָראָד — מיטן מאָסקווער אינדוסטריעלן געביט (ניזשני־נאָווגאָראָד — מאָסקווע), בא צאַריצין — מיטן דאָן (צאַריצין — קאַלאַטש); עס זיינען דורכגעפירט געוואָרן אייזנבאַן־צוגאַנגען צום שוואַרצן יאַם (אָדעס און סעוואַסטאָפּאָל) און צום מאַירעוור־גרעניץ (ווערזשבאָלאָווא, גראַיעווא; ראַדזיוויליאָווע, וואָלאָטשיסק). ס'איז זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז די אינטענסיווע אייזנבאַן־בויאונג האָט זיך באַלד אָפּגערופן אַף דער פאַרגרעסערונג פון די אומזאַצן פון אויסערלעכן און אינערלעכן האַנדל, ווי אויך אַף דער אינדוסטריעלער אויפלעבונג פון די געביטן, וועלכע די אייזנבאַנען האָבן דורכגעשניטן.

שוין צום סאָף פון די 60־ער יאָרן באַטרעפט דער טוואַרע־עקספּאָרט 39% פון גאַנצן עקספּאָרטהאַנדל (קעגן 19,4% פון דער לייבאייגנטום־צייט), און דער עקספּאָרט פון רוישטאָף פאַלט, פאַרקערט, פון 70,1% ביז 50%, אַלס רעזולטאַט פון דער אינערלעכער נאָכפראַגע אַף רוישטאָף מיצאַד דער אינדוסטריע; עס ווערט אויך גרעסער דער אימפּאָרט פון אויסלענדישן רוישטאָף און פון האַלב־באַאַרבעטע מאַטעריאַלן (פון 24% ביז 44.3%), וואָס דאָס ווייזט ווידער אַף דעם אינדוסטריעלן וואוקס פון לאַנד...

אָט די אַלע פאַקטן דערציילן אונז וועגן אַן אומבאַשטרייטבאַרן וואוקס פון אינדוסטריעלן קאַפּיטאַליזם: דער סכום פון באַאַרבעטן בוימוואָל איז פאַרגרעסערט געוואָרן פאַר 25 יאר (1865 — 1890) קימאַט אין 5 מאָל, דער אַרויסבאַקום פון קוילן איז אויסגעוואַקסן מער ווי אין 10 מאָל, טשוגון־גיסעריי האָט געשטייגט אין דריי מאָל, די צאָל אַרבעטער איז אויסגעוואַקסן אין 2

מאָל. דערדאָזיקער וואוקס פון דער אינדוסטריע ביכלאל ווערט באַגלייט, דורך אַ באַזונדערס שטאַרקן וואוקס פון דער גרויס־פּראָדוקציע. לעמאָשל, די צאָל פון די פאַבריקן, וואָס האָבן געהאַט צו 100 אַרבעטער און מער, האָט באַטראָפן אין יאָר 1866 — 644, אין יאָר 1879 — 852, אין יאָר 1890 — 951, ד.ה. פאַר 25 יאָר איז זי פאַרגרעסערט געוואָרן קימאַט אין אַנדערהאַלבן מאָל, און די גאַנצע צאָל אַרבעטער, וואָס זיינען באַשעפטיקט אויף דידאָזיקע פאַבריקן, איז אין דערזעלביקער צייט אויסגעוואַקסן אין צוויי מאָל (פון 231 טויזנט ביז 464 ט.)... פון דער אַנדערער זייט ווידער האָט זיך דער וואוקס פון דער גרויס־פּראָדוקציע אויסגעדריקט אויך אין דעם, וואָס אויף די גרעסטע פאַבריקן פלעגט זיך קאָנצענטרירן אַלץ אַ גרעסערע צאָל אַרבעטער. לעמאָשל, אין די פאַבריקן וואָס האָבן געציילט צו 1000 אַרבעטער און מער, איז אין יאָר 1866 געווען באַשעפטיקט 27% פון דער גאַנצער צאָל אַרבעטער אין דער גרויס פּראָדוקציע. אין יאָר 1879 האָט זיך דידאָזיקע צאָל פאַרגרעסערט ביז 40% און אין יאָר 1890 — ביז 46%.

פונדעסטוועגן ניט קוקנדיק אויף דאָס אַלץ, האָט זיך דערהוייל דער וואוקס פון אינדוסטריעלן קאַפּיטאַליזם געדרוקט פאַרהעלטנישמעסיק לאַנגזאַם, ספּעציעל די אַנטוויקלונג פון דער גרויס־פּראָדוקציע. די אָנווענדונג פון דער גרויס־פּראָדוקציע איז נאָך דערווייל פאַרבליבן אַ שוואַכע. דהיינו: אין די יאָרן 78 — 1875 האָט זיך אין דער פאַבריקאַון באַרג־אינדוסטריע גערעכנט 8.510 דאַמף־קעסלען און 6.353 דאַמף־מאַשינעס מיט דער אַלגעמיינער צאָל פערד־קראַפט פון 114.987. קעדיי צו באַגרייפן די באַדייטונג פון דידאָזיקע ציפערן דאַרף מען זיי נאָר פאַרגלייכן מיט די ציפערן פונם נאָענטסטן פעריאָד: אינם יאָר 1898 זיינען געווען דאַמף־קעסלען 14.248, דאַמף־מאַשינעס — 13.085 מיט דער אַלגעמיינער צאָל פערד־קראַפט פון 345.209. אַזוי אַרום, איז די צאָל דאַמף־מאָטאָרן אין די יאָרן 78 — 1875 געווען 3 מאָל קלענער, ווי אין יאָר 1898, וועלכער האָט זיך נאָך אויך ניט אויסגעצייכנט מיטן שנעלן וואוקס פון דער גרויס־פּראָדוקציע...

דער פאַרלאַנגזאַמטער וואוקס פון דער גרויס־אינדוסטריע דערלויבט באַטראַכטן דעם פעריאָד, וואָס אינטערעסירט אונז אין אַ געווויסן זין אַלס אַ צוגרייטונגס־פעריאָד. די היסטאָרישע אויפגעפילטע אויפגאַבע איז באַשטאַנען ניט אַזוי אין דעם עצעם וואוקס פונם אינדוסטריעלן קאַפּיטאַליזם, ווי אין צוגרייטן די באַדינגונגען, אין וועלכע דערדאָזיקער וואוקס האָט ניט געקענט פאַרקומען. אַרומכאַפּנדיק סאַי די שטאָט, סאַי דאָס דאָרף, פלעגט די סכוירעס־געלט־ווירטשאַפט צערייסן די פּאַטריאַרכאַלע עקאָנאָמישע באַציאונגען און פלעגט באַהעפטן דאָס פּילמיליאָניקע פּויערטום צו די נייע פאָרמען פון דער עקאָנאָמישער אָרדענונג; דער אינדוסטריעלער קאַפּיטאַליזם, אויף וויפל ער האָט שוין געלאָזן טיפע וואָרצלען און האָט זיך אַליין קעסיידער אַנטוויקלט, פלעגט כאָרעוו מאַכן די קליינע געווערבן, די „פאָלקס"־אינדוסטריע, און פלעגט אָפּדריינגען דעם וועג פאַר אַן אַלץ מער אינטענסיוון וואוקס פון דער גרויס־פּראָדוקציע. אָבער אַנטוויקלען זיך אין אַ סיסטעם, וואָס גיט צו אַ באַפאַרבונג דער

גאַנצער אינדוסטריעלער אָרדענונג, אָנעמען א פאַרנעם און פאָרמען, וואָס זיינען כאַראַקטעריסטיש פאַר א פולשטענדיק איינגעשטעלט און אנטוויקלט קאַפּיטאַליסטיש לאַנד, האָט דער אינדוסטריעלער קאַפּיטאַליזם געקאָנט ערשט שפּעטער, אין די 90־ער יאָרן, נאָכן פאַרענדיקן פון דעמדאָזיקן פּראָצעס, ווען די צעשטערונג פון די אַלטע יעסוידעס פון דער עקאָנאָמישער אָרדענונג און די אנטוויקלונג פון די נייע עקאָנאָמישע באַציאונגען האָבן געקאָנט געבן א שטאַרקן שטויס דער ווייטערדיקער אינדוסטריעלער אנטוויקלונג פון לאַנד...

(מ. באַלאַפּאַנאָוו. „עטיודן וועגן דער געשיכטע פונם ארבעטער-קלאַס אין רוסלאַנד״.
2 טײל. קיעוו, 1924 זײטן 111—107).

טוגאַן־באַראַנאָווסקי

דער קאַמף פון פאַבריק מיטן קוסטאַר.

אינם רוסלאַנד פון דער פאַר־רעפאָרמען־עפּאָכע פלעגט די פאַבריק ניט נאָר ניט פאַרנעמען דאָס אָרט פונם קוסטאַר, נאָר פאַרקערט, זי פלעגט זייער ענערגיש מיטהעלפן דעם וואוקס פון דער קוסטאַר־פּראָדוקציע. די קליין־פּראָדוקציע פלעגט אפילע ארויסשטויסן די גרויסע; דאָס פלעגט, אַגעוו, לאַכלוטן ניט באַדייטן קיין זיג פון דער „פאָלקס״־אינדוסטריע איבער דער קאַפּיטאַליסטישער, ווייל סאַי די איינע, סאַי די אנדערע האָט געטראָגן א קאַפּיטאַליסטישן כאַראַקטער: אין דער פאַבריק האָט מיט דער פּראָדוקציע אָנגעפירט דער אינדוסטריעלער קאַפּיטאַל, און אין דער קוסטאַר־אינדוסטריע — דער האַנדלס־קאַפּיטאַל. און דער האַנדלס-קאַפּיטאַל האָט זיך אין יענער עפּאָכע פון אונזער געשיכטע ארויסגעוויזן שטאַרקער פאַרן אינדוסטריעלן, ער פלעגט אים באַזיגן. פאַרן קאַפּיטאַליזם פלעגט מער לוינען אָנפירן נאָר מיטן אָפּזאַץ פון די פּראָדוקטן, פאַרוואַלטן מיטן מ א ר ק, איבערלאָזנדיק דעם עצעם פּראָצעס פון דער פּראָדוקציע פאַר דעם קליינעם פּראָדוצירער.

די דערפאָלגן פון דער קוסטאַר־פּראָדוקציע זיינען פולשטענדיק באַשטימט געווען דורך דער טעכניק פון דער פּראָדוקציע: אין יענער צייט האָט די מאַשין קימאַט ניט געהאַט אריינגעדרונגען אין די וויכטיקסטע צווייגן פון דער פאָלקס־ארבעט. פון דאַנען איז דער נאַטירלעכער פּועל־יוצא, אַז דאָס ענדערן די באַדינגונגען פון דער טעכניק, דאָס אריינפירן אין דער פּראָדוקציע מאַשינעס האָבן געמוזט מיטהעלפן אויך דער ענדערונג פון די אינדוסטריעלע פאָרמען. די פאַבריק האָט געמוזט באַקומען די אויבערהאַנט איבערן קוסטאַר. דערמיט ווערט אויך כאַראַקטעריזירט — אין אַלגעמיינע שטריכן — די נייסטע עוואָלוציע פון אונזער קוסטאַר־אינדוסטריע...

די צעפאַלונג פון דער אַלטפרענקישער הויז־אינדוסטריע האָט זיך באַזונדערס בולעט געלאָזט באַמערקן אין דער טעקסטיל־אינדוסטריע. אין די טעקסטיל־פאַבריקן פון 18־טן יאָרהונדערט — אַף די ליינענע, זיידענע, באַוולנע

— פלעגט די ארבעט פאָרקומען אף האַנט־שטולן, מיט א נישטיקן געברויך פון מאשינעס. נאָר די טוכוועבעריי האָט געטראָגן א מער מאשינאַלן כאראקטער. מאכמעס דעם טאקע זיינען די טוך־פאבריקן אסאך וויניקער, ווי די ליינענע, זיידענע און באוולנע, אונטערגעפאלן דעם פראָצעס פון צעפאלונג אדער פון צעברעקלונג אף קליינע פראָדוציר־איינהייטן. די ציץ־וועבעריי האָט זיך אנטוויקלט אינם צווייטן פערטל פון דעם 19־טן יאָרהונדערט אין גאַנצן צענטראלן אינדוסטריע־ראיאָן מיט א באזונדערער געשווינדקייט. די באוול־וועבערייען האָבן זיך אין אסאך פאלן פארוואנדלט אין איינפאכע פאבריקקאָנטאָרן, — אין אנשטאלטן פון דורכויס־פארמיטלערישן כאראקטער, וואָס פלעגן זיך גאָרניט פארנעמען מיט דער פראָדוקציע און פלעגן נאָר פאנאנדערגעבן די הויזוועבער דעם רויען און האלברויען מאטעריאל און צונעמען פון זיי די פארטיקע סכוירע. פונקט אזוי איז דאָס וועבן זיידן־און ליין־שטאָף אינדערהיים און אין די פויערשע הייזער אין דער עפאָכע פון ניקאָלאי 1 געווען אסאך מער פארשפרייט, ווי די פאבריק־וועבעריי. די טוך־וועבעריי האָט בעסער איינגעהאלטן אירע פאָזיציעס מאכמעס דעם טעכנישן פארצוג פון דער פאבריק־פראָדוקציע פון טוך, וואו די מאשינעס פלעגן שוין אין יענער צייט היפש אָנגעווענדעט ווערן.

די נייע פאזע פון דער אינדוסטריעלער עוואָלוציע האָט זיך גלאָזט מערקן פריער און שטארקער ווי אומעטום גראָד אין דער באוול־פראָדוקציע.

אין יאָר 1866 איז אין רוסלאנד געווען נאָר 42 מעכאנישע באוול־פאבריקן, אין יאָר 1876 — שוין 92. אָן אלגעמיינע פארשטעלונג וועגן די ענדערונגען אין די פאָרמען פון דער באוול־אינדוסטריע קען מען באקומען פון די פאָלגנדיקע ציפער:

די צאָל ארבעטער אף די באוול־פאַבריקן אין 50 גובערניעס פון אייראָפּעאישן רוסלאנד:

יאָרן	ארבעטן אין דער פאבריק־געביידע	אינדערהיים
1866	94.566	66.178
1879	162.691	50.152
1894—5	242.051	20.475

מיר זעען, אז די צאָל ארבעטער, רעגיסטרירטע אין דער פאבריק־געביידע, וואקסט שנעל, און די צאָל היים־ארבעטער פאלט פונקט אזוי שנעל. אין יאָר 1866 דערגרייכט די צאָל רעגיסטרירטע היים־ארבעטער ביז 70% פון די, וואָס ארבעטן אין דער פאבריק־געביידע, און אין די יאָרן 95—1894 מאכן

אויס די היים־ארבעטער קוים 8% פון זיי. ביז די 60־ער יארן פלעגט די הויז־ארבעט־סיסטעם פארקאנקורירן די פאבריק. פון דעמאלט אן האט די פאבריק אנגעהויבן פארנעמען דאס ארט פון דער הויז־אינדוסטריע.

אלע אויספארשער קאנסטאטירן שוין פון סאף 60־ער יארן דאס פאלן פון דער מיטקאל־וועבעריי. אבער ביז אין די 80־ער יארן האט די קליינע קוסטאר־וועבעריי נאך געהערשט איבער דער פאבריק־וועבעריי. לויט די אויסרעכענונגען פון די מאסקווער סטאטיסטיקער, פלעגט אויסגעארבעט ווערן אין מאסקווער גובערניע סאף 70־ער יארן פון אלע שטאפן, וואס ווערן פראדוצירט דורך האנט־ארבעט: 20% אפן פאבריק און 80% — אין די פויערשע שטיבלעך.

די הונגער־יארן 1891 און 1892, — ווען די גאנצע ווירטשאפט פון לאנד האט געליטן פון א שווערער צעטרייסלונג, וועלכע האט זיך אויך אפגעשפיגלט אף דער מאנופאקטור־אינדוסטריע מיט א פארקירצונג פון דער נאכפראגע אף מאנופאקטור־פראדוקטן, באזונדערס פון פויערשן געברויך, — זיינען געפאלן מיט זייער גאנצער לאסט אף די קליינע קוסטארן־אונטערנעמער. אין יארבוך פון יאר 1893 לייענען מיר: „אין דער באוול־פראדוקציע פירט זיך שוין לאנג א קאמף צווישן די גרויסע און די קליינע אונטערנעמער, — פארשטייט זיך, נישט לעטוווּעס די קליינע; אזעלכע קריטישע מאמענטן, ווי די נאר־וואס אי־בערגעלעבטע יארן 1891 און 1892, זיינען פאר אסאך קליינע אונטערנעמער אנטשיידנדיקע; דערמיט דערקלערן זיך, ווי ס'ווייזט אויס, די ווידערשפרעכלעכע מיטיילונגען פון אונזערע קארעספאנדענטן, וואס זאגן, אז אייניקע פאבריקאנטן האבן גאר צוגעמאכט זייערע פאבריקן, בא די אנדערע זיינען די געשעפטן געגאנגען שלעכט, בא די דריטע (די מער פארמעגלעכע) — נישקאשע".

בעבוין האט זיך אין מאסקווער גובערניע קלאר אנגעצייכנט דער אויסגאנג פונם קאמף פון דער גרויסער מאשין־וועבעריי מיט דער קליינער, קוסטארישער: די האנדלס־קאפיטאליסטישע ארגאניזאציע פון דער קליין־וועבעריי, וואס האט אין דער עפאכע פון ניקאלאי דעם I אין אסאך ערטער זיגרייך ארויסגעשטויסן די פאבריק, האט זיך איצט ארויסגעוויזן באנקראט און טרעט אפ דאס ארט דער פאבריק, וועלכע איז באוואפנט מיטן מעכאנישן וועבשטול. דאס איז גאנץ פארשטענדלעך. ווי אזוי קען דער קוסטאר קאנקורירן מיטן מאשין־וועבער, ווען דאס וועבן גלאטע באוול־שטאפן אפן האמף־שטול איז מער ווי אין 20 מאל פראדוקטיווער פאר דער האנט־וועבעריי?

אזוי ארום פארבייט די אינדוסטריעלע פארייניקונג פון די ארבעטער אפן פאבריק זייער האנדלס־פארייניקונג. דער קאפיטאליזם טרעט אריין אין זיין העכערע פאזע. דאסזעלביקע באמערקט זיך אויך אין די אנדערע צענטערן פון דער באוול־פראדוקציע. אין וולאדימירער גובערניע, אין מעשעך פון די 70־ער און 80־ער יארן, איז דער ניצאכן פון דער באוול־וועבעריי־פאבריק איבערן קוסטאר געווען נאך אנטשיידענער ווי אין מאסקווער גובערניע...

ש. טאָמסינסקי

קאָנטער-רעפאָרמען

א) די שטאָטישע זעלבסט-פאַרוואַלטונגען אין רוסלאַנד.

דורך דער קאָנטער־רעפאָרם פונם 1892 יאָר איז דער שטאָט־סטאַטוט גרינטלעך געענדערט געוואָרן. צום ערשטן מאָל זיינען די שטאָטישע פאַרוואַלטונגען איבערגעבויט געוואָרן אינם 1870 יאָר. נאָך די שטאָטישע דומעס זיינען שוין דעמאָלט געבליבן ריין־ווירטשאַפטלעכע, און ניט קיין געזעלשאַפטלעך־אַדמיניסטראַטיווע.

די שטאָט־פאַרוואַלטונג איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין א האַלב־ביוראָקראַטישן אַנשטאַלט, וואָס האָט געאַרבעט לויט דער אָנווייזונג פון דער אַדמיניסטראַציע. דער וויילער־קרייז איז שטאַרק פאַרשמעלערט געוואָרן. וואַלרעכט האָבן געהאַט בלויז יענע הויזבאַזיצער, וועלכע האָבן פאַרמאָגט אָן אומבאַוועגלכן פאַרמעגן, וועלכער איז געווען ווערט אין די הויפּט־שטעט — מינימום 3.000 רובל, אין די גרעסערע גובערניאַלע שטעט און אין אָדעס — מינימום 1500 רובל, אין די אַנדערע גובערניאַלע שטעט און גרעסערע אויעזד־שטעט — מינימום 1.000 רובל, און אין די איבעריקע — מינימום 300 רובל. און פון דעם האַנדלס־קאַפּיטאַל האָט מען צוגעלאָזן צו די וואַלן בלויז יענע, וועלכע האָבן אַרויסגענומען פּאַפּירן פון דער 1־טער און 2־טער גילדיע (אין די הויפּטשטעט בלויז פון דער 1־טער גילדיע). אַלע אַנדערע קאַטעגאָריעס וויילער זיינען געווען באַזייטיקט פון די וואַלן. ווי הויך ס'איז געווען דער צינז, וואָס איז פעסטגעשטעלט געוואָרן דורכן נייעם שטאָט־סטאַטוט, באַווייזט דער פאַרגלייך פון דער צאָל וויילער באַם נייעם (1892) און אַלטן סטאַטוט. די צאָל וויילער אין פּעטערבורג האָט זיך פאַרקלענערט פון 21 טויזנט ביז 8 טויזנט, אין מאָסקווע — פון 20 טויזנט ביז 7 טויזנט, אין כאַרקאָוו — פון 6890 ביז 2.291, אין ראָסטאָוו־דאָן — פון 5.383 ביז 788, אין קיעוו — פון 7.371 ביז 2.220 *) א.א.וו.

אין 132 שטעט מיט א באַפעלקערונג פון מער ווי 20 טויזנט איינוואוינער איז איין וויילער אויסגעקומען אויף 100 שטאָטישע איינוואוינער. אין די הויפּט־שטעט איז דידאָזיקע פאַרהעלטעניש געווען נאָך נידעריקער: אין פּעטערבורג איז געווען בלויז 0,6% וויילער אויף דער גאַנצער באַפעלקערונג, אין מאָסקווע — 0,7%. אין אַנדערע גרויסע שטעט האָט דער פּראָצענט פון די וויילער באַטראָפן: אין ריגע — 1,5%, אין קיעוו — 1,1%, אין כאַרקאָוו — 1,3%, אין סאַראַטאָוו — 1,0%, אין קאַזאַן — 0,9% א. א. וו. אויך אין די שטעט פון מיטעלער גרויס: אין יאַראָסלאַוו — 1,0%, אין אָריאָל — 1,3%, אין קורסק — 1,1%, אין טולע — 1,52% א.א.וו. די אידן האָבן אינגאַנצן ניט געהאַט קיין וואַלרעכט. אין די שטעט מיט א באַדייטנדיקער אידישער באַ־

*) א. ג. מיכאַילאָווסקי. „די רעפאָרם פון דער שטאָטישער זעלבסטפאַרוואַלטונג אין רוסלאַנד.

פעלקערונג איז דער פּראָצענט פון די וויילער געפאַלן באַזונדערס נידעריק: אין אָדעס האָט ער באַטראָפן אינגאַנצן 0,5%, אין ווילנע — 0,4%, אין קעשע־נעוו — 0,5%, אין יעליסאַוועטגראַד — 0,3%, אין ביאַליסטאָק — 0,2%, אין קאַטערינאָסלאַוו — 0,5% *).

„די וואַלן פון ראַטמענער אין דער מאָסקווער שטאָט־דומע אויף די פיר יאָר 1893—1896 **) גיבן יעדיעס וועגן דעם ריינעם רעוועך פון די אומבאַ־וועגלעכע פאַרמעגנס (לויט דער שטאַטישער אָפּשאַצונג) פון די מאָסקווער הויזבאַזיצער ביכלאַל, די הויזבאַזיצער־וויילער, און די הויזבאַזיצער־ראַט־מענער. ווייזט זיך אַרויס, אַז אַ פּאַשעטער הויזבאַזיצער האָט דורכשניטלעך געהאַט 2.431 רובל רעוועך, אַ הויזבאַזיצער אַ וויילער — 3.327 ר. און אַ ראַט־מאַן — 5.082 ר.. די אומבאַוועגלעכע אייגנסן, וואָס האָבן געהערט צו די ראַט־מענער, האָבן דורכשניטלעך געבראַכט רעוועך אין 1½ מאָל מערער איידער די אומבאַוועגלעכע גיטער פון די וויילער און קימאַט אין 2½ מאָל מערער, איידער דאָס אייגנס פון אַלע הויז־באַזיצער ביכלאַל. אין מאָסקווע זייענען דער מיטעלער פּאַשעטער הויזבאַזיצער, דער וויילער און דער ראַטמאַן געווען פאַרשטייער פון דריי פאַרשיידענע עקאָנאָמישע גרופּעס, וואָס זייער געמיינזאַמע פאַרהעלטעניש קען מען אויסדריקן ווי 1—1½ — 2½.

אין אַנדערע שטעט, לעמאָשל, אין ראַסטאָוו, איז די געמיינזאַמע פאַר־העלטעניש פון דיזאָזיקע דריי גרופּעס, לויט זייער מיטעלן פאַרמעגנס־צענז, געווען 1—5—15.

זייער אינטערעסאַנט איז קלאָר צו מאַכן דעם קלאַסן־פּאַנים פון די וויילער. פון 6.700 פּערזענלעכע וויילער לויטן פּעטערבורגער צעטל (פאַרן 1901 — 1897 י.) זייענען געווען סאָחרים, ערן־בירגער — 60%, באַאַמטע, מיליטערישע און אַדעליקע — 34%, פּראָפעסיאָנעלע אינטעליגענץ — 6%. אין די פּראָ־ווינציעלע שטעט האָט דאָס הויפּט־אָרט פאַרנומען די האַנדלס־און אינדוסטריעלע בורזשואַזיע.

דאָס אָפּנעמען וואַלרעכט בא די קליינע הענדלער און סאָחרים פון דער 2־טער גילדיע איז מאָטיווירט דערמיט, וואָס „בא דערדאָזיקער סוויווע איז ניטאָ קיין געזעלשאַפטלעכער כוש, אַז זייערע פּערזענלעכע אינטערעסן שטעלן זיי העכער פון די געזעלשאַפטלעכע איניאָנים און זאָרגן ווייניק וועגן די שטאָטישע נויטן“.

די מעלוכע האָט פאַרוואַנדלט די שטאָטישע דומעס, ווי אויך די זעמסט־וועס, אין אַ טעכנישן הילפס־אַפּאַראַט. „דער געזעצגעבער זוכט ניט קיין פאַר־שטייערשאַפט, האָבן געשריבן די „מאָסקאָווסקיאַ וועדעמאָסטי“, דער געזעצ־געבער זוכט פּאַשעטע קאָמפּעטענטע מיטאַרבעטער און מער גאָרנישט ***).

---

*) דמ. סעמיאָנאָוו, די שטאָטישע זעלבסטפאַרוואַלטונג. פּט״ב 1901.

**) „יעדיעס פון דער מאָסקווער שטאָט־דומע“ 1897, יאַנוואַר. ציטירט דאָ און ווייטער לויטן אַרטיקל פונעם זשורנאַל „פּאָלקסווירטשאַפט“, 1904, ז. 125—125.

***) „וועסטניקי עוראָפּי“ 1892 י. № 9, אינעווייניקסטער איבערבליק.

די נייע שטאָט־באַלעבאַטים האָבן אַריינגעטראָגן גרויסע ענדערונגען אין די שטאָטישע ביודזשעטן. די הוצאָות פון די ניט באַוועגלעכע פאַרמעגנס האָבן גענומען צום סך פונם יאָרהונדערט אַפּשטיין פונם וואוקס פונם גאַנצן שטאָטישן ביודזשעט, און די באַדייטונג פון דירעקטע הוצאָות איז קעסיידער געפאַלן. אינם אַלגעמיינעם ביודזשעט פון אַלע שטאָט־פאַרוואַלטונגען פאַרן 1894 י. האָט דער ביודזשעט פון די אומבאַוועגלעכע פאַרמעגנס באַטראָפן 16,5% פון אַלע הוצאָות, און אינם 1904 יאָר האָט ער שוין באַטראָפן אינגאַנצן 8,2%. דער הויפּט־קוואַל פון די הוצאָות פון די פאַרוואַלטונגען איז ביסלעכווייז געוואָרן די אומדירעקטע באַשטייערונג פון די נידעריקערע שיכטן פון דער באַפעלקערונג. *)

די אומבאַוועגלעכע פאַרמעגנס פון די שטעט פלעגט מען אָפּשאַצן אין 5 מאָל וויניקער, וויפל זיי זיינען געווען ווערט. פונדעסטוועגן האָבן די פאַרשלאָגן צו העכערן די נאָרמע פונם שטייער וויניקסטנס פון א 1/2% ביז 1%, אַפילע ניט העכערנדיק די עקזיסטירנדיקע אָפּשאַצונג, אַרויסגערופן שטורמישע פּראָטעסטן. אין ניזשני־נאָווגאָראָד, בא א ביודזשעט, וואָס איז געווען קאָרעוו צו 900,000 רובל, האָט דער אָפּשאַץ־שטייער ניט געגעבן אַפילע קיין 9% פון די ביודזשעט־מיטלען (לויט דער באַלאַנס־רעשימע אַפן 1899 י. 77.740 ר. אדער 8,75% פונם ביודזשעט). אַן אַלגעמיינע אָפּשאַצונג פון די אומבאַוועגלעכע פאַרמעגנס איז געווען געמאַכט אינם 1874 יאָר, און די נאָרמע פונם שטייער איז אינם 1880 יאָר פעסטגעשטעלט געוואָרן אין גרויס פון 1% פונם ווערט פון די אומבאַוועגלעכע פאַרמעגנס. אַפן סמאַך פון אַט דער פ א ר ע ל ט ע ר ט ע ר אָפּשאַצונג, האָט מען אינם 1899 י. דעם אַלגעמיינעם ווערט פון די אומבאַוועגלעכע פאַרמעגנס אין ניזשני־נאָווגאָראָד, ווי אויך אין אַנדערע שטעט, באַשטימט אין 7 מאָל קלענער פון זייער עמעסן ווערט **).

די הוצאָות פון די פאַרמעגנס פלעגט מען באַשטימען לויט די דירע־געלטער. די אַרענדע־אָפּצאָלן זיינען זינגט דער אַלגעמיינער אָפּשאַצונג פון די אומבאַוועגלעכע פאַרמעגנס, ביזן סך פונם יאָרהונדערט געשטיגן אין 10 מאָל, און די אָפּשאַצונג איז פאַרט געבליבן דיזעלביקע.

איבערלייגנדיק די שטייערן־מאַסע אַף דער אָרימסטער באַפעלקערונג, האָבן די שטאָטישע זעלבסטפאַרוואַלטונגען קימאַט ווי גאָרנישט באַקומען פון דער מעלוכע, און קימאַט ווי גאָרנישט געגעבן דער באַפעלקערונג.

„דער אויסזעען פון די שטעט זאָגט אײדעס וועגן דער שעפערישקייט פון אונזערע „זעלבסט־פאַרוואַלטונגען". פולשטענדיק פאַרברוקירט זיינען בלויז 14 שטעט, ד. ה. 1,3% פון אַלע שטאָטישע אישואווים. אינגאַנצן ניט פאַרברוקירטע שטעט זיינען געווען 320, ד.ה. 29,5%. פאַרברוקירט וויניקער ווי אַף 25% זיינען געווען 85 שטעט, ד. ה. 8,55%. די איבעריקע געביטן פון

* זאַמלבוך פון „מיניציפּאַלע קענטענישן" 1917 י. ז. 50—51.

** „נאַראָדנ כאָז" 1900 י. נומ. 4 ז. 130.

שטאָט־איינריכטונג זיינען געווען אין ניט קיין בעסערער לאַגע. טראַמוואַיען, — עלעקטרישע, דאַמף און מיט פערד זיינען געווען איינגעשטעלט בלויז אין 5% פון די שטעט. אַ מער אָדער ווייניקער קולטורעלע באַלייכטונג, אין עלעקטרישע אָדער מיט גאַז, האָבן געהאַט בלויז 10% פון די שטעט, און 72% האָבן געהאַט בלויז קעראָסין־באַלייכטונג. אין 17% פון די שטעט איז ניט געווען קיין שום באַלייכטונג אפילו פייערלעשער־קאָמאַנדעס זיינען געווען בלויז אין 62% שטעט. נאָך טרויעריקער איז געווען דער סאַניטאַרער צושטאַנד. אינם אָנהויב פון 20־טן יאָרהונדערט איז ניט געווען קיין וואַסער־לייטונג אין 76 1/2% שטעט, ד. ה. מער ווי 3/4 פון די שטאָטישע פאַרוואַלטונגען האָבן ניט געהאַט קיין רעגלמעסיקע וואַסער־באַזאָרגונג. קיין קאַנאַליזאַציע איז ניט געווען קימאַט אין 97%. שפּיטאָלן זיינען ניט געווען אין 21% שטעט, ד. ה. אין מער ווי 1/5. 7% שטעט האָבן ניט געהאַט קיין דאָקטוירים און 5% האָבן ניט געהאַט קיין אַפּטייקן. ס'זיינען געווען שטאָט־פאַרוואַלטונגען, וועלכע האָבן ניט אויסגעגעבן קיין איין קאָפּיקע אויף מעדיצינישע הילף. ס'האָבן ניט געהאַט קיין שטאָט־שפּיטאָלן אַזוינע גרויסע שטעט, ווי סימפעראָפּאָל און אַרכאַנגעלסק *).

די געוויינלעכע און אויסעראָרדנטלעכע האַכנאָסעס פון אַלע שטעט אינייינעם פון אייראָפּעאישן רוסלאַנד, ניט אויסשליסנדיק אויך די הויפּט־שטעט, זיינען געווען אין אָנדערהאַלבן מאָל קלענער פון בלויז געוויינלעכע האַכנאָסעס פון א י י ן ש ט אָ ט פ אַ ר י ז **).

בא דער פאַרטיילונג פון די אָרימע שטאָטישע מיטלען, האָט מען איגנאָרירט די קולטורעלע איניאָנים: אף דער פּאָליציי האָבן די רוסישע שטעט אויסגעגעבן אינם 1894 י. — 9,6% פונם ביודזשעט, און אף די לערן־אַנשטאַלטן — 8,2%.

צווישן די געזעצן, לויט וועלכע די שטעט זיינען רעגירט געוואָרן, זיינען געווען די פּוילישע געזעצן פון די 1816—18 י.י., די סטאַטוטן פונם 1811 י. 1818, 1836, 1853, 1861 י.י. און ס'זיינען געווען שטעט, איבער וועלכע ס'האָבן פאַרוואַלטעט ראַטהויזער און מאַגיסטראַטן פון פּיאָטרס צייטן.

קעדיי צו כאַראַקטעריזירן דעם האָריזאָנט פון די שטאָט־פאַרזאָרגער איז קעדאַי צו ברענגען דעם פאָלגנדיקן פאַל: ווען די ראַטמענער פון דער שטאָט באָריסאָגלעבסק, טאַמבאָווער גוב., וועלכע האָט יערלעך עקספּאָרטירט ניט ווייניקער פון פינף מיליאָן פוד ווייץ, האָבן פאָרגעשלאָגן איינצופירן די באַלייכטונג פון די גאַסן, האָט דער שטאָט־גאַלאַווא געענטפערט: „זאָלן זיי זיך ניט אַרומשלעפּן באַנאַכט!“

אין סימפעראָפּאָל האָבן אינם 1901 י. בא די וואַלן אין דער דומע געפייערט דעם ניצאָכן די „יאַריד־לייט“, וועלכע האָבן געהאַט אַ גאַנץ באַשטימטע פּראָגראַם — פאַרקלענערן די הוצאָעס אף פאָלקס־בילדונג.

בא די שטאָטפירער גופע איז דאָס קענען לייענען געווען אַ גאַנץ

---

*) „זאַמלונג פון מוניציפּאַלע קאָנסטעניישן“. 1917 י. ז. 49.

**) „זאַמלבוך פון אַרטיקלען בענוגייע די פראַגן, וואָס האָבן צו טאָן מיטן לעבן פון די רוסישע און אויסלענדישע שטעט“ X·1899 ז. 83.

פאַרגלייך מיט זאַמלבוך „סאַמאָאופּראַוולעניע“ 1907, ז. 8.

זעלטענער פאל: צווישן די גרויסע הויז־באזיצער און הענדלער פון כארקאָוו, סאראטאָוו, קורסק, סמאָלענסק און טווער זיינען געווען 61% וואָס האָבן קוים געקענט לייענען. האָגאָם דידאָזיקע ציפערן געהערן צום אָנהויב פון די 80־ער יאָרן, איז א פראגע צי צום סאָף פון יארהונדערט זיינען פאָרגעקומען ראדיקאלע ענדערונגען: די פאָלקסשול ווערט געבאָרן בלויז צום סאָף פון די 90־ער יאָרן.

די פאָלקס־ציילונג פונם 1892 י. האָט אינם גרויסן פאָרט אָדעס, אנט־פלעקט 35% אמעראַצים צווישן דער האנדלס־בורזשואזיע.

נים קוקנדיק אף אלע אומבאקוועמלעכקייטן האָט זיך דער שטאָטישער האנדלס־בורזשואזיע גוט געלעבט אונטערן פליגל פון די שטאָטישע דומעס. די אומבארייטנדיקע איבערצאָלונג לעטויוועס די פריצים איז פאָרגיטיקט געוואָרן דורך דער פאקטישער מאכט אין די דומעס, דורך דעם טאריף־שוץ און דורך דער איבערלייגונג פונם שטייער־פרעס אף דער אָרימסטער באפעלקערונג. נים אומזיסט זעען מיר הויזבאזיצערס צווישן די מארק־הענדלער און דער איבע־ריקער שווארצער מייע, וועלכע האָט געמאכט פּאָגראָמען אף אינטעליגענטן און אידן.

די „זעמסקע“ אנשטאלטן.

די זעמסקע אנשטאלטן זיינען געשאפן געוואָרן מיטן ציל צו פארוואלטן מיט די אָרטיקע איניאַנים אין די גובערניעס און אויעזדן. דער גערא?ק וועגן דער נויטיקייט צו שאפן באזונדערע אָרגאנען פון אָרטיקער ווירטשאפטלעכער אנפירונג איז אנטשטאנען גלייכצייטיק מיט דעם צוזאמענשטעלן די קלאָ־לים וועגן באפרייען די פויערים פון לייב־אייגנטום. דעם 26־טן מאַי־1863־טן יאר זיינען די געזעצפראָיעקטן אריינגעטראָגן געוואָרן אין מעלוכע־ראט וואו זיי זיינען באטראכט געוואָרן אין די פאריייניקטע דעפארטאמענטן פון געזעץ און מעלוכע־ווירטשאפט אין דער אָנווענהייט פון די פירער פון גובערניאלן אדל און פון די הויפט־שטעט. אף דער אלגעמיינער זיצונג פון 1־טן יאנוואר 1864 זיינען די קלאָלים וועגן זעמסקע אנשטאלטן פארוואנדלט גע־וואָרן אין א געזעץ.

די זעמסקע אנשטאלטן האָבן צווישן אנדערע באקומען דאָס רעכט „פון אָנטייל, הויפטזאכלעך אין ווירטשאפטלעכן פראט און אין די גרעניצן, וועלכע זיינען אָנגעוויזן פון געזעץ, אין די זאָרגן וועגן פאָלקס־בילדונג“. די גרעניצן פון דעם אָנטייל זיינען נים געווען אָנגעוויזן און דעריבער, ווען די זעמסטוועס האָבן זיך ענערגיש גענומען צום שאפן שולן, לערער־סעמינארן און ד. גל., האָט דער בילדונגס־דעפארטאמענט נים אָנערקענט זייער רעכט אריינצומישן זיך אין דעם לערן־טייל און זיי געשטערט. אף דעם באָדן זיינען פאָרגעקומען פילע רייבונגען און אָפט גאנץ שארפע. פאר די זעמסטוועס האָט די לאגע געשאפן פיל אומבאקוועמלעכקייטן. אונטער דער ווירקונג פון פיל צוזאמענשטויסן מיט דער אדמיניסטראציע האָט זיך אין די מעלוכע־ספערן אויסגעארבעט א באשאד, אז די זעמסטוועס זיינען אָרגאנען פון דער אָפאָזיציע און טראָגן אן אנטירעגירונגס־כאראקטער.

די זעמסקע אנשטאלטן זײַנען געװען געטײלט לױטן ראַיאָן פֿון זײער טעטיקײט אַף גובערניאַלע און אױעזדישע זעמסטװעס. אי די, אי יענע זײַנען באַשטאַנען פֿון זעמסקע פֿ א ר ז א מ ל ו נ ג ע ן, װעמען ס'האָט געהערט די אַלגעמײנע אײַנאָרדענונגס־מאַכט און אױפֿזיכט איבער די אױספֿיר־אָרגאַנען, און זעמסקע אופּראַװעס, װעלכע האָבן דירעקט פֿאַרװאַלטעט מיט די איניאַנים פֿון זעמסקע װירטשאַפֿט און פֿאַרװאַלטונג. די זעמסקע פֿאַרזאַמלונגען זײַנען באַשטאַנען פֿון ר א ט מ ע נ ע ר: אױעזדישע ראַטמענער, װעלכע זײַנען דירעקט אױסגעקליבן פֿון די װאַל־פֿאַרזאַמלונגען און װאָלאַסט־פֿאַרזאַמלונגען, און גובערניאַלע, װעלכע זײַנען אױסגעקליבן אַף די אױעזד־פֿאַרזאַמלונגען — פֿון באַשטאַנד פֿון זײערע ראַטמענער.

לױט די קלאַלים פֿון 1864 האָט זיך די באַפֿעלקערונג אין קרײַז געטײלט אַף דרײַ הױפּט־טײלן: אַף פּריװאַטע גוטסבאַזיצער, װעלכע געהערן ניט צו קײן געזעלשאַפֿט און אַף געזעלשאַפֿטן — שטאָטישע און דאָרפֿישע. די דאָזיקע טײלונג איז אײַנגעפֿירט געװאָרן מיטן ציל, פֿון אײן זײַט אײַנצוהאַלטן דעם כאַראַקטער פֿון זעמסקער פֿאַרשטײערשאַפֿט און פֿון דער צװײטער זײַט — אײַנהאַלטן דעם היסטאָרישן כאַראַקטער פֿון דער שטאַנדן־צעטײלונג. מען האָט געשאַפֿן 3 װאַל־קאָלעגיעס: אַ צוזאַמענפֿאָר פֿון קרײַז־גוטסבאַזיצער, אַ צוזאַמענפֿאָר פֿון שטאָטישע װײלער און אַ צוזאַמענפֿאָר פֿון אױסגעקליבענע פֿון די דאָרפֿישע געמײנדעס. אינם ערשטן צוזאַמענפֿאָר האָבן אָנטײל גענומען פּערזאָנען (פּיזישע און יורידישע), װעלכע פֿאַרמאָגן אַ באַשטימטן סכום ערד (באַזונדער באַשטימט פֿאַר יעדן קרײַז) אָדער אַנדערע ניט באַװעגלעכע גיטער, װעלכע האָבן דעם װערט ניט װײניקער פֿון 15 טױזנט רובל, אָדער אינדוסטריעלע און װירטשאַפֿטלעכע אונטערנעמונגען מיט דעמזעלבן קאַפּיטאַלן װערט, אָדער אַזעלכע, װעלכע האָבן אַ יערלעכן אומזאַץ פֿון ניט װײניקער װי 6000 רובל, דאָ האָבן אױך אָנטײל גענומען פֿאַרשטײער פֿון די גוטסבאַזיצער, װעלכע פֿאַרמאָגן ניט די געהעריקע נאָרמע ערד, נאָר ניט װײניקער פֿון 1/20 טײל פֿון דער נאָרמע (די דאָזיקע פֿאַרשטײער פֿלעגן אױסגעקליבן װערן אַף באַזונדערע צוזאַמענפֿאָרן) און קירכן־פֿאַרשטײער, װעלכע פֿאַרמאָגן קלױסטער־ערד. אין די שטאָטישע װאַל־צוזאַמענפֿאָרן האָבן געהאַט שטים־רעכט: פּערזאָנען, װעלכע האָבן סאָחרישע שײַנען; באַלעבאַטים פֿון אינדוסטריעלע און האַנדלס־אַנשטאַלטן מיט אַ יערלעכן אומזאַץ ניט װײניקער װי 6000 רובל, באַלעבאַטים פֿון ניט־באַװעגלעכע גיטער אין װערט פֿון 500 רובל אין שטעט מיט אַ באַפֿעלקערונג פֿון װײניקער װי 2000 אײַנװױנער, און ביז 3000 רובל אין שטעט מיט אַ באַפֿעלקערונג מערער פֿון 10000 מאַן. די צוזאַמענפֿאָרן אַף אױסקלײַבן ראַטמענער פֿון די דאָרפֿישע געמײנדעס פֿלעגן באַשטײן פֿון װײלער, װעלכע עס פֿלעגן אױסטײלן פֿון זיך די װאָלאַסט־פֿאַרזאַמלונגען אין דער צאָל ניט מער װי אַ דריטל פֿון דעם גאַנצן סכום פּערזאָנען, װעלכע האָבן רעכט אָנטײלצונעמען אַף די פֿאַרזאַמלונגען. די צוזאַמענפֿאָרן פֿון גוטסבאַזיצער און די שטאָטישע געזעלשאַפֿטן פֿלעגן אױסקלײַבן פֿאַר ראַטמענער נאָר זײערע אײגענע מיטגלידער, די דאָרפֿישע — אײגענע מיטגלידער װי אױך מיט-

גלידער פון צוזאמענפאר פון גוטבאזיצער, אָרטיקע גאלאַבים און ביקלאל קלוי־סטער־דינער.

פון 318 קרייזן, אין וועלכע עס זיינען איינגעפירט געוואָרן זעמסטוועס, איז אין 202 די צאָל פון די פאַרשטייער פון די גוטבאזיצער געווען א העלפט פון דער גאנצער צאָל פון קרייז ראטמענער, אין 98—פון 1/3 ביז א העלפט, אין 6 — ווייניקער פון א דריטל, אין די איבעריקע ווייניקער פון א פערטל. די איבעריקע ערטער זיינען געווען פארטיילט צווישן די פאַרשטייער פון שטאָט און דאָרף. אזוי ווי צו יענער צייט איז דאָס ערד־אייגנטום געלעגן אין גאנצן אין די הענט פון אדל האָט דאָס באדייט, אז די אָנפירונג אין די זעמסטוועס האָט געהערט דעם אדל.

דאָס געזעץ פון 1890 י., דאָס געפעסטעט קינד פון די קאָנטר־רעפאָרמען פון אלעקסאנדר III, האָט אין א גענויגנדיקער מאָס באוואָרנט די אויבערהאנט פון די אדעליקע אין די זעמסטוועס. די אלגעמיינע צאָל פון די אויעזד־ראט־מענער פאר אלע 34 גובערניעס איז געווען שטארק פארקירצט — אנשטאָט די פריערדיקע 13.329 האָט מען באשטימט בלויז 10.229. פון זיי האָט מען מער ווי א העלפט אפגעגעבן די אדעליקע: פאר די פויערים האָט מען אנשטאָט די פריערדיקע 5.357 ראטמענער איבערגעלאָזן 3.167, וועלכע ס'פלעגט באַ־שטימען דער גובערנאטאָר. רעכט צו באטייליקן זיך אין די וואלן האָט געגעבן ערד־נאכלעס אָדער אומבאוועגלעכע אייגנס אינם אויעזד און אין דער שטאָט, וואָס מ'האָט אפגעשאצט ניט ווייניקער ווי אין 15 טויזנט רובל. פאר קליינע אייגנטימער, וועלכע האָבן געוויילט באפולמעכטיקטע אף באזונדערע צוזאַ־מענפאָרן, האָט מען לויט די נייע טאקסעס געהאלטן די באזיצער פון ניט ווייניקער פון א 1/10 פונם צענט, און ניט פון א 1/20, ווי ווערליק דעם געזעץ פון אלעקסאנדר II.

אין די 90־ער יאָרן איז אין די זעמסטוועס די הערשאפט אריבער פון די קליינע פריצים צו די מיטעלע און גרויסע. אף די וואל־פארזאמלונגען האָבן 39,2% פון די ווילער געהאט דריי, פיר און מער ערד־צענזן, און 26% האָבן פארמאָגט אנדערע אומבאוועגלעכע פארמעגנס, וועלכע מע האָט אפגעשאצט אין 45 — 60 טויזנט רובל און מערער. די ראָלע פון דער בורזשואזיע אין דער זעמסטווע איז געווען אומבאדייטנדיק. אין דער אינדוסטריעלער מאָסקווער גובערניע זיינען געווען בלויז 570 אינדוסטריעלער, וועלכע זיינען געווען באַ־רעכטיקט צו באטייליקן זיך אין די וואל־צוזאמענפאָרן. *).

די טענדענץ פון די פעאדאלן איז באשטאנען דערין, אז מע זאָל פאר־וואנדלען די זעמסטווע אין אן עקזעקוטיווער רעגירונגס־קאָמיסיע. אפילע די מעסיקע ארבעט פון דער זעמסטווע האָט באנעגנט זייער גרויסע מעניעס. ביז 1914 יאר האָט מען ניט דערלויבט קיין צוזאמענפאָר וועגן וועג־איניאָנים. אפילע די פאָלקס־ציילונג פונם 1897 יאר איז געווען א מעלובע־טעקרעט, און

*) Свод сведений о земских доходах и расходах и о личном составе земских управ по данным 1-го июня 1902 г. פס"ב

ביזן 1905 האָט די זעמסטווע ניט געקענט באַקומען פאַר אירע צוועקן קיין עקזעמפּליאַר פון דעם באַריכט. באַזונדערס שווערע צייטן זיינען אָנגעקומען פאַר דער זעמסטווע אין דער צייט פון סיפּיאַגין — פּלעווע (1900 — 1904).

פונם מעלוכע־שטאַנדפּונקט זיינען די זעמסטוועס געווען לעגאַלע דורכפירער פון דער רעוואָלוציע. דעריבער ווערן די ביוראָקראַטן־רעסורסן פון דער זעמסטווע באַגרענעצט לויטן געזעץ וועגן מאַקסימום פון דער זעמסטווע באַשטייערונג (1900 י.); ס'ווערט איינגעשטעלט א באַריער צווישן דער זעמסקער אינטעליגענץ און דעם דאָרף דורכן צירקוליאַר וועגן צונעמען בא דער זעמסטווע דעם איניען פון פּראָוויאַנטירונג. דערפאַר טראָגט מען אונטער דעם דאָרף אָנשטאָט ברויט די קירכלעכע געמיינדע שול, און די רעכט פון די זעמסטוועס אינם איניען פון פאָלקס־בילדונג באַגרענעצט מען, אוים מוירע אַז די שטייערשוועריקייטן זאָלן ניט אריבערגעלייגט ווערן אף די פּעאַדאַלן, פאַרווערט די מעלוכע די זעמסטוועס צו פאַרנעמען זיך מיט דער אָפּשאַצונג. א מאַבל מיט צירקוליאַרן, וועלכע באַגרעניצן די רעכט פון די זעמסטוועס אין פאַרלעגעריי, וועלכע פאַרווערן די באַציאונגען פון די זעמסטוועס צווישן זיך; די קלאָלים וועגן גרינדן אדמיניסטראַטיווע געמישטע סאַניטאַרע אויספיר־קאָמיסיעס צו קעמפן אַנטקעגן דער פּעסט און כאָלערע, וועלכע האָבן צוגענומען בא די זעמסטוועס יעדע זעלבסטעטיקייט, וועגן דאָס געבן דעם מיניסטער פאַר אינערלעכע איניאָנים ספּעציעלע פולמאַכטן בענוגייע דער טווערער גובערניאַלער זעמסטווע און דער נאָוואָטאָרזשאָקער אויעזד־זעמסטווע. לעסאָף, די רעוויזיע, די צעשטערונג פון די זעמסטוועס, די פּראָיעקטן וועגן דער ליקווידירונג פון די גובערניאַלע זעמסטוועס און די פאַרפאָלגונגען קעגן די מעסיקע מיטגלידער פון די לאַנדווירטשאַפטלעכע קאָמיטעטן, וועלכע זיינען באַשאַפן געוואָרן לויט וויטעס איניציאַטיוו, אקוראַט ווי דאָס וואָלטן געווען בונטאַרישע סטודענטן און ניט קיין „כאָשעווע“ זעמסטווע־מענער.

מ. פּאָקראָווסקי

די רעוואָלוציאָנערע אינטעליגענץ פון די 40–60 י.

דער דורכפאַל פון די דעקאַבריסטן האָט געהאַט א פאַרשיידענע ווירקונג אף די פאַרשיידענע דוירעס פון דער רוסישער אינטעליגענץ, וואָס האָבן געלעבט אין יענער צייט. דער עלטערער דאָר איז אָדער דורך און דורך דורכגעדרונגען געוואָרן מיט האַכנאָע־געפילן, ווי ספּעראַנסקי, וואָס האָט זיך געאיילט מיט זיין אָנטייל אינם מישפּעט איבער די דעקאַבריסטן צו פאַרגלעטן זיין „שולד“: דאָס, וואָס די פאַרשווערער האָבן אים (אָן זיין וויסן) אריינגענומען אין באַשטאַנד פון דער „צייטווייליקער רעגירונג“,— אָדער איז אריינגעפאַלן אין א שרעקלעכן איעש, ווי פּושקינס פריינט טשאַאַדאַיעוו, וואָס האָט אָנגעשריבן זיין באַרימטן „פילאָסאָפישן בריוו“, וואו ער דערווייזט, אַז רוסלאַנד האָט ניט קיין צוקונפט, אַז זי האָט זיך אָפּגעשפּאָלטן פון מאַירעוור-

אייראָפּע און איז פאַרמישפּעט אַף אומוויסנקייט און פאַרווילדעוועט צו ווערן.
פאַר דעמדאָזיקן ברווו האָט ניקאָלאַי געהייסן דערקלערן טשאַאדאַיעוון פאַר אַ
משוגענעם. אנדערש האָט זיך פאַרהאַלטן צו דער געשעעניש דער אינגער־
ראַר, די, וואָס זיינען נאָך געווען קינדער אָדער אונטערוואַקסנדיקע אין יענעם
יאָר, ווען ניקאָלאַי האָט אָנגעהויבן רעגירן מיט דער הילף פון 5 טליעס. זייער
ערשטער געפיל איז געווען האַס צו אָט די טליע־אָרדענונגען און צום קייסער־
הענקער.

וואָס ווייטער עס האָט זיך געצויגן דאָסדאָזיקע רעגירן, אַלץ שטאַרקער
האָט געמוזט ווערן דער האַס צו אים... מיט אַ באַזונדערער בוילעטקייט האָט
זיך דאָס אַרויסגעוויזן אַפן פּראָצעס פון די פּעטראַשעווצעס, וואָס האָט זיך
אָפּגעשפּילט אינם לעצטן יאָרצענדליק פון ניקאָלאַיס רעגירן, צום סאָף פון די
40־ער יאָרן. בוטאַשעוויטש־פּעטראַשעווסקי איז געווען אַ יונגער ליטעראַט,
זייער אַ געבילדעטער און אַ לעבעדיקער, און זיין וואוינונג איז געוואָרן אַ מין
קלוב, וואו עס פלעגט זיך צונויפקלייבן אַלץ, וואָס איז געווען לעבעדיק
צווישן דער פּעטערבורגער יוגנט. אַף פּעטראַשעווסקיס „פּרייטיקן" פלעגט מען
ריידן וועגן קאָלערליי געזעלשאַפטלעכע פראַגן, צווישן אנדערע אויך וועגן
דער פּויערים־באַפרייאונג, וואָס וועגן דעם האָבן די גאַנצע צייט געאַרבעט אָן
שום רעזולטאַטן ניקאָלאַיס „געהיימע קאָמיטעטן", אויך וועגן דער געריכט־
רעפאָרם וועגן וועלכער ניקאָלאַיס מיניסטאָרן האָבן גראָד דעמאָלט אויך גע־
האַלטן אין אויסאַרבעטן פּראָיעקטן). נאָר מער פון אַלץ האָט פּעטראַשעווסקיס
געסט געצויגן צו זיך די דעמאָלט מאָדישע לערע פון פוריע, פון אַ פראַנצויזיש
אוטאָפּיסט,—דאָס הייסט, פון אַ פרידלעכן, ניט רעוואָלוציאָנערן סאָציאַליסט—
וואָס האָט געפּרואווט דורך איבערצייגן און דורך ביישפּילן דערווייזן דער
וועלט דעם נוצן פונם סאָציאַליזם. ניקאָלאַיס שפּיאָנעס (אָן מונדירן פאַרשטייט
זיך) ,פלעגן זיין אַף דידאָזיקע „פּרייטיקן", נאָר וויפיל מע האָט זיך ניט גע־
פלייסט, האָט מען דאָ, פאַרשטייט זיך, ניט געקאָנט אויסגעפינען קיין שום
מערידע אָדער האַכאָנעס צו אַ מערידע. פונדעסטוועגן זיינען אין איין שיינער
נאַכט אַלע באַזוכער פון די „פּרייטיקן" אַרעסטירט געוואָרן און איבערגעגעבן
געוואָרן צום געריכט. דאָ איז, דוכט זיך, געווען אַ פולער גרונט צו האָפן אַף
ווייכע „שטראָף־מיטלען"; דאָ האָט מען געמיינט, דוכט זיך, האָפן, אז מע וועט
די „אומזיכערע" אָפּזאָגן פון זייערע שטעלעס און אַרויסשיקן זיי פון פּעטערבורג,
קעדיי די „מאַגייפע" זאָל זיך ניט פאַרשפּרייטן אין דער הויפּטשטאָט. ניקאָלאַי
האָט אָבער געהייסן פאַרמישפּעטן זיי צום טױט. מע האָט זיי אַרויסגעפירט
אַפן פּלאַץ, אָנגעטאָן זיי טאַכריכים, צוגעבונדן זיי צו סלופּעס, דערנאָך האָט מען
זיי „באַגנעדיקט" און זיי פאַרביטן די טויט־שטראָף אַף קאַטאָרגע. קאַטאָרגע
פאַר פּאַשעטע שמועסן — דאָס איז שוין געווען צופיל אַפילע פאַר דער ניקאָלאַי־
אישער געזעלשאַפט, וואָס איז שוין צו אַלץ צוגעוואוינט געווען. נאָכן פּראָצעס
פון די פּעטראַשעווצעס האָבן ניקאָלאַיען אָנגעהויבן צו האַסן אַפילע צווישן דער
בורזשואַזיע די אַלע, וואָס זיינען ניט געווען פאַרטאָן אינגאַנצן אין יאָגן זיך
נאָך רעווער, אָדער אין דער שטרעבונג צו דערהויבן דעם כעסער פון דער מאַכט.

מיט ניקאָלאַיס טויט איז באַ אַלעמען ווי אַראָפּגעפאַלן אַ שטיין פון האַרצן. די בורזשואַזיע איז אינגאַנצן געווען באַפרידיקט מיט די באַשיידענע „גרויסע רעפאָרמעס". די סאַמע דרייסטע צווישן דער בורזשואַזיע האָבן געהאַט מוט ניט מער ווי אַף בעטן צו „באַקרוינען דעם בניין", דאָס הייסט, איינפירן אַ שטיקל קאָנסטיטוציע, נאָר זיי האָבן זיך ניט גענומען שטאַרק צום האַרצן, ווען די ליבעראַל־גטימעריסע מעלוכע האָט ניט געוואָלט איינגיין אַף דערדאָזיקער האַנאָבע. אַנדערש איז געווען די לאַגע פון דער אינטעליגענץ. מיט ניקאָלאַיס טויט איז איר לאַגע אַף קיין סאַך ניט בעסער געוואָרן. די צענזור האָט נאָך אַלץ עקזיסטירט. עמעס, די אַלטע רוסישע מוסטערן זיינען פאַרביטן געוואָרן אַף פאַרפולקומטע פראַנצויזישע מעטאָדן: אָנשטאָט דעם פּאַשעטן רויטן בלייפעדער פונם צענזאָר, פלעגט מען איצט די צייטונגען און זשורנאַלן אַרייַנקריכן אין די ביינער מיט „האַסראָעס" און מיט „אָפּשטעלונגען"; מע האָט שוין געמעגט שרייבן וועגן עטוואָס אַזוינס, וואָס וועגן דעם האָט מען אין ניקאָלאַיס צייטן אַפילע ניט געטאָרט דערמאָנען. נאָר גראָד אַדאַנק די „רעפאָרמעס" זיינען אַרויסגעשוואומען אַף דער ליכטיקער וועלט אַזוי פיל נייע און אינטערעסאַנטע פראַגן, אַז האַלבע האַנאָבעס זיינען שוין געוואָרן ניט גענוג, און דער רעגירונגסדרוק האָט זיך געפילט עפּשער נאָך שטאַרקער, ווי פריער. אַרעסטן זיינען פאָרגעקומען נאָך אַרעסטן. דער גרעסטער פובליציסט פון יענער צייט, טשערנישעווסקי, איז געזעסן אין טפיסע און איז אינגיכן פאַרשיקט געוואָרן אַף קאַטאָרגע; דער פּאָפּולערסטער שרייבער פון יענער צייט — הערצן — האָט זיך ניט געטאָרט באַווייזן אין רוסלאַנד און האָט געלעבט אין לאָנדאָן. מע פלעגט פאַרשיקן בלויז פאַר זיין באַקאַנטשאַפט מיט אים; אַ צווייטער, דער אָנהויבנדיקער, באַרימטער פובליציסט און קריטיקער, פיסאַרעוו, האָט געשריבן זיינע אַרטיקלען אין דער פּעטראָפּאַוולאָווער פעסטונג. דאָס אַלץ האָט געשאַפן אַ גוואַלדיקע צערייצטקייט און פאַרביטערטקייט, וואָס אַפילע דאָסראָוו דעקאַבריסטן זיינען געווען ווייט פון דעם. אַראָפּוואַרפן די זעלבסטהערשונג איז געוואָרן פאַר אַלעמען די סאַמע דרינגענדיקע פראַגע און די האַנאָבעס, אַף וועלכע ס'איז איינגעגאַנגען די ליבעראַל־גטימעריסע מעלוכע, די אומרוען, מיט וועלכע דאָס פויערטום האָט געענטפערט אַף דער „באַפרייאונג", דאָס אַלץ האָט אויפגעמונטערט, געגעבן אַ האָפענונג, אַז דער ציל איז שוין ניט ווייט. אונטער וואָס פאַר אַ פאָן עס זאָל ניט האָבן אַרויסגעטראָטן די דאַמאָלסדיקע רעוואָלוציאָנערע אינטעליגענץ — צי אונטער אַ דעמאָקראַטישער סאָציאַליסטישער, אַנאַרכיסטישער, — איז איר אויפגאַבע, אייגנטלעך, געווען איינע און דיזעלביקע: אַראָפּשליידערן דעם צאַריזם.

לויט איר באַשטאַנד אָבער איז דאָס שוין געווען ניט די אינטעליגענץ, וואָס איז אַרויסגעטראָטן אינם 1825־טן יאָר. יענע איז לויט איר פראָפעסיע געווען קימאַט דורכויס אַ מיליטערישע, לויט איר אָפּשטאַמונג קימאַט דורכויס אַן אַדעליקע. אין דער נייער אינטעליגענץ זיינען אויך געווען אַי מיליטערלייט, אַי אַדעליקע, נאָר סאַי די, סאַי יענע פלעגן באַטל בשישים ווערן אין דער מאַסע נייע מענטשן, וואָס אין דער דעמאָלטיקער ליטעראַטור האָט מען

זיי גערופֿן מיטן נאָמען „ראַזנאַטשינצעס“ (פֿאַרשיידן־שטאַנדיקע). דאָס ערשטע מאָל האָט דערדאָזיקער נייער שיכט געגעבן צו וויסן פֿון זיך אין פּעטראַשעווסקיס פּראָצעס, וועגן וועלכן מיר האָבן אויבן דערמאָנט. דאָ זיינען, לויט דער מיטיילונג פֿון ניקאָלאַיס שפּיאָנעס, „געווען אין איין רייע מיט גוואַרדיע־אָפֿיצערן און מיט באַאַמטע פֿונם מיניסטעריום פֿאַר אויסווייניקסטע איניאָנים אויך סטודענטן, וואָס האָבן ניט פֿאַרענדיקט דעם קורס, קינסטלער, סאָחרים, קליינבירגער, אפֿילו קרעמער, וואָס האַנדלען מיט טאַבאַק“. אין א צווייטן אָרט דערמאָנט די שפּיאָנישע מיטיילונג וועגן אָרעליקע, קליינבירגער, באַלמעלאָכעס, סאָלדאַטן, דעריקער אַבער וועגן „לערער, סטודענטן און טאַלמידים פֿון פֿאַרשיידענע שטאַנדן“. דאָס פּלעגט זיך שפּעטער איבערכאַזערן אויך אין די פּראָצעסן פֿון די 60 — 70־קער יאָרן. אויב מיר וועלן זיך צוקוקן צו דער אָפּשטאַמונג פֿון אַט דער פּילפּאַרביקער מאַסע, וועלן מיר צווישן איר אָפּטער פֿון אַלץ געפֿינען קינדער פֿון גייסטלעכע, פֿון גאַלאָכים און פֿון דיאַקאָנעס, פֿון באַאַמטע, באַזונדערס פֿון פּראָווינציעלע, נידעריקערע אָפֿיצערן, אָרימע פּריצים. א דאָרף־גאַלעך, וואָס האָט א קליין שטיקל ערד, אַן אויעזד־באַאַמטער, וואָס האָט אַן אייגן הייזל אין אַן אויעזד־שטאָט, א פּאָריץ, וואָס האָט א צענדליק דעסיאַטין ערד, — דאָס זיינען אַלץ א י נ ג ט י מ ע ר, בורזשואַזיע, נאָר דאָס איז ק ל י י נ ב ו ר ז ש ו א ז י ע. ריכטיק, וויסנשאַפֿטלעך זיך אויסגעדריקט, איז „ראַזנאַטשינעץ“ א קליין־בורזשואַ, אָדער א מענטש, וואָס שטאַמט פֿון דער קליינבורזשואַזיע.

בעכיין, איז די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג פֿון די 70 — 60־קער יאָרן א באַוועגונג פֿון דער קליינבורזשואַזער אינטעליגענץ. און טאַקע איר אינטעליגענטישקייט האָט זי געמאַכט רעוואָלוציאָנער. די קליינבורזשואַזיע, וואָס ווערט רואינירט דורך דער אַנטוויקלונג פֿונם קאַפּיטאַליזם, וואָס ווערט פֿאַרוואַנדלט אין א פּראָלעטאַריאַט (די רעפֿאָרם פֿון 19־טן פֿעוורואַל האָט, אַגעוואָרכע, בעראַלעס געשטעלט גראָד די קליינע פּריצים, וואָס האָבן געהאַט סאַכאַקל צענדליקער נעפֿאַשעס, וואָס די אויסקויף־אָפּצאָלן האָבן זיי ניט געגעבן קיין קאַפּיטאַל אָף צו פֿאַרפֿירן א נייע ווירטשאַפֿט) זי איז, געוויינלעך, אומצופֿרידן, אויפֿגערעגט, הויגעזט זיך, באַקלאָגט זיך, נאָר איר אויפֿרעגונג גייט ניט שטענדיק מיטן געהעריקן וועג. מע קאָן זי אָנרייצן אי אָף דעם אידן, אויב מע שטעלט אים אַרויס פֿאַר דעם שולדיקן אין די צאָרעס פֿון דער קליינבורזשואַזיע, — אי קעגן דעם דייטש — אַזוי האָט מיט דערפֿאָלג געטאָן די קאַפּיטאַליסטישע בורזשואַזיע אין פֿראַנקרייך. אין דעם פֿאַל וועט זי זיין ניט קיין רעוואָלוציאָנערע, נאָר א רעאַקציאָנערע קראַפֿט. נאָר אויב דער קליינבירגער איז גענוג געבילדעט, איז שוין ניט אַזוי גרינג צו פֿאַרפֿירן אים, און ער זעט גאַנץ גוט, לעבאַלאַפּאָכעס, זיין נ אָ ע נ ט ס ט ן סוינע, פֿון וועלכן ער, אַט טאַקע דער קליינבירגער, ליידט מער פֿון אַלץ. פֿאַר דער קליינבירגערלעכער אינטעליגענץ פֿון רוסלאַנד אין דער טקופֿע פֿון די „גרויסע רעפֿאָרמעס“ איז איר נאָענטסטער סוינע געווען די לייבאייגנטימערישע מעלוכע.

(מ. פּאָקראָווסקי. „רוסישע געשיכטע“. קורץ געפֿאַסט).

מ. פּאָקראָווסקי

דער קלייןבירגערלעכער אינטעליגענטישער סאָציאַליזם

דער קלייןבירגערלעכער סאָציאַליזם ווערט געבאָרן אפן באָדן פון אונטערדריקן און רואינירן דעם קלייןאייגנטימער דורכן גרויסן קאַפּיטאַל. דער קלייןבורזשוא האָט פיינט דעם קאַפּיטאַל און דעם קאַפּיטאַליסט אָפּטמאָל ניט ווייניקער ווי דער אַרבעטער, נאָר ער האָט אים פיינט אף אַן אַנדער אויפן. דער אַרבעטער שטרעבט צו שאַפן אַ געזעלשאַפטלעכע אָרדענונג, וואָס זאָל אַנטשפּרעכן דער גרויס־פּראָדוקציע, וועלכע איז געשאַפן געוואָרן דורכן קאַפּיטאַליזם, וועגן אומקערן זיך צוריק צו דער קליינער פּראָדוקציע, צו יענע צייטן, ווען יעדערער אַרבעט איינציקווייז, וועגן דעם טרוימט ניט דער אַרבעטער. דער קלייןבורזשוא טרוימט דאַפקע וועגן דעם, — וועגן יענע געבענטשטע צייטן; ווען יעדערער האָט געהאַט זיין אייגן הייזל, זיין אייגענע קו, זיינע הינדעלעך און ענטעלעך, ער וויל פאַרניכטן דעם קאַפּיטאַליזם, און אונטער קאַפּיטאַליזם פאַרשטייט ער מעטושטעדיק גראָד די גרויס־פּראָדוקציע. דאָס, אף וואָס דער אַרבעטער האָפט צו בויען דעם סאָציאַליזם, איז פאַרן קלייןבירגער אַ שטראָשידלע; פון דעראָזיקער צאָרע — פון דער גרויסער קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוקציע — האָפט ער ווי עס איז פּאָטער ווערן; די קלייןבירגערלעכע סאָציאַליסטישע ליטעראַטור אין רוסלאַנד איז פול מיט לעבערלעכע וויקוחים וועגן דעם, צי וועט זיין בא אונז קאַפּיטאַליזם אָדער ניט. און יעטווידער גוטער קלייןבירגערלעכער סאָציאַליסט האָט געמוזט גלויבן, אַז בא אונז קאָן ניט זיין קיין קאַפּיטאַליזם. די פאַבריק, די היים פונם פּראָלעטאַרישן סאָציאַליזם, האָט בא אים אויסגעזעען ווי אַ שרעקלעך אָרט, וואָס פאַטערט דעם געזונט און דאָס לעבן פון דער באַפעלקערונג. און זיין אידעאַל אין רוסלאַנד איז געווען די ד אָ ר ף־ג ע מ יי נ ד ע.

די דאָרף־געמיינדע האָט עקזיסטירט אומעטום אין אייראָפּע אין מיטלאַלטער, דאָס הייסט, 600 — 500 יאָר צוריק, און זי איז אַ רעשט פון דער אוראַלטער, וואַנדערישער, וואַלדיישער ערד־אַרבעט. מ׳פלעגט געמיינזאַם „אויסרייסן" (אָפּרייניקן) דאָס אַקערפעלד פון אונטערן וואַלד, און, נאַטירלעך, פלעגט דאָס גאַנצע „דאָרף"*) געמיינזאַם באַלעבאַטעווען איבער דער אָפּגערייניקטער ערד. אַזוי ווי קיין באַמיסטיקונג, קיין פרוכטבייטנדיקע סיסטעם אוכעדוימע איז דעמאָלט ניט געווען און אַלע פלעגן באַאַרבעטן די ערד אף דעמזעלביקן אויפן, זייען איינס און דאָסזעלביקע, שניידן אין איין צייט, איז גרינג געווען צו טיילן דאָס אוראַלטע דאָרף אף גלייכע באַלאַקים לויט אַ גורל. דערנאָך פלעגט מען איבערהיין אין אַ צווייטן „דאָרף", און דאָרטן פלעגט זיך איבערבאַזערן דאָס אייגענע. בעאיים עס האָט זיך איינגעשטעלט די פעאָדאַלע

*) „אויסרייסן" выдирать און „דאָרף" деревня שטאַמען אין רוסיש פון איין שורעש.

אָרדענונג, פלעגט דער פּאַריִן אויספּרעסן דעם צוגאָב־פּראָדוקט מיטאַמאָל פונם גאַנצן דאָרף; דאָס איז געווען באַקוועם פאַר אים, און ער האָט געזען קינסטלעך צו שטיצן די געמיינדע־אָרדענונגען אויך נאָכדעם, ווי די איינגעזעסענע ערד־אַרבעט האָט ביסלעכווייז פאַרנומען דעם אָרט פון דער וואַנדערישער. שפּעטער האָט זיך די פּריצים געדוכט, אַז דאָס האָבן זיי אויסגעטראַכט די געמיינדישע ערד־אַרבעט, און דערדאָזיקער שטאַנדפּונקט איז אַריינגעדרונגען אין דער וויסנשאַפט: אין די 60־קער יאָרן פלעגן פּראָפעסאָרן פון די פּריצים דערווייזן, אַז די דאָרף־געמיינדע איז אין רוסלאַנד אויפגעקומען אינעם 16 — 17־טן יאָרהונדערט אונטערן דרוק פון דער מאַכט. דאָס איז פאַרשטייט זיך, אַ נאַרישקייט, די געמיינדע איז בא אונז, ווי אין מאַירעוו־אייראָפּע (ענגלאַנד, דייטשלאַנד, שווייץ; אין דער לעצטער האָבן אירע רעשטן אויך דערלעבט ביז צו אונזערע טעג), — אַ רעשט פון גאָר אַלטע צייטן, נאָך צום סאָציאַליזם אָדער קאָמוניזם האָט זי קיין שום שייכעס ניט: דאָס קאָן מען זען גלייך פונם ערשטן בליק. דער קאָמוניזם אָרגאַניזירט די *פּראָדוקציע*, אין דער דאָרף־געמיינדע איז קיין געמיינזאַמע פּראָדוקציע ניטאָ און קיינמאָל ניט געווען. יעדער פויער אַרבעט אַף זיין שטיקל ערד זעלבסשטענדיק, און דאָס, וואָס ער נעמט אַראָפּ, געהערט צו אים און גייט ניט אין אַלגעמיינעם קעסל. ס'איז אַפילע גאָרניט קיין מוז, אַז אַלע זאָלן האָבן גלייכע נאַכלעס, אין די הענט פון איין פויערים־מישפּאָכע האָט זיך געקאָנט צונויפקלייבן עטלעכע ערד־שטיקער. נאָר די דאָזיקע ערד־שטיקער פלעגן איר ניט געהערן אַף אייביק: מע האָט געקאָנט *איבערטיילן* די ערד, און די שטיקער, וואָס האָבן פריער געהערט איין מישפּאָכע, קאָנען איבערגיין צו אַ צווייטער, און די ערשטע וועט באַקומען נייע.

אָט דאָס פעלן פון אַ פעסטן פּערזענלעכן און פּריוואַטן אייגנטום אַף ערד, די דאָזיקע *איבערטיילונגען* פון דער ערד זיינען אין די אויגן פון דער קליינבירגערלעכער אינטעליגענץ געווען אַ אָרוועס, אַז פון דער געמיינדע קאָן זיך אַנטוויקלען דער סאָציאַליזם. אין איר באַנעמען דעם סאָציאַליזם איז די אינטעליגענץ אַרויסגעגאַנגען ניט פון דער *פּראָדוקציע*, נאָר פון דער *אייגנטום־פאַרטיילונג*. די אייגנטום־פאַרטיילונג איז אָבער אַ סימען פון צווייטן גראַד. די דאָזיקע פאַרטיילונג גופע הענגט אָפּ פון דער פּראָדוקציע אָרגאַניזאַציע. מיר האָבן נאָר וואָס געזען, אַז די געמיינדישע ערד־אַרבעט איז אויפגעקומען אָפּן יעסאָד פון דער וואַלדישער, פון דער אונטערהאַקנדיקער ערד־אַרבעט (רעשטן פון דער אוראַלטער, פאַרפעאָדאַלער געמיינדע האָט מען געפינען אויך בא אונז דאָרטן, וואו די דאָזיקע ערד־אַרבעט איז פאַרבליבן ביז אונזערע טעג, אין אַרכאַנגעלסקער גובערניע און אין סיביר), דאָס הייסט אָפּן יעסאָד פון אַ באַשטימטער פּראָדוקציע. די סאָציאַליסטן פון די 60 — 70־קער יאָרן האָבן, פאַרשטייט זיך, ניט געטרוימט וועגן דער אויפלעבונג פון דער אונטערהאַקנדיקער ערדאַרבעט, דאָס וואָלט שוין געווען צו מעשוגעדיק. זיי האָבן פּאַשעט ניט פאַרשטאַנען, אַז ס'קאָן זיין אַ געוויסע פאַרבינדונג צווישן דער געמיינדע און די אָנפאַנג־פאָרמען פון ערדאַרבעט.

אַף דער עקזיסטענץ פון דער געמיינדישער ערד־אַרבעט אין רוסלאַנד,

זוי אַף זייער אַ וויכטיקן פאַקט, וואָס מיט אים אונטערשיידט זיך רוסלאַנד פון די איבעריקע אייראָפּעאישע לענדער, האָט מען דאָס ערשטע מאָל געווענדעט די אויפמערקזאַמקייט אין די 40־קער יאָרן, טיילווייז אונטער דער ווירקונג פון מאַירעוו-אייראָפּעאישע פאָרשער: אויך אין מאַירעוו-אייראָפּע פלעגט זיך דער קליינבירגערלעכער סאָציאַליזם אָנכאַפּן אָן די רעשטן פון דער געמיינדע, וואָס זיינען נאָך דאָרטן וואו ניט וואו פאַרבליבן, און האָט אין דעם געזעען אַ מעגלעכקייט פאַר אַ גרויסער צוקונפט. איין אייראָפּעאיש לאַנד פלעגט זיך באַרימען פאַר דעם צווייטן מיט דיזאַזיקע רעשטן. אין די דייטשישע לענדער איז געווען מער אַזעלכע רעשטן ווי אין פראַנקרייך, דעם געבורטלאַנד פונם סאָציאַליזם, און די דייטשן האָבן מיט שטאָלץ געקוקט אַף די פראַנצויזן: זיי קאָנען מער ניט ווי פּלאַפּלען וועגן סאָציאַליזם, און בא אונז איז ער שוין פאַראַן. נאָר ווען איין דייטשישער רייזנדער, האַקסטהאַוזען, איז געקומען צו־פאָרן קיין רוסלאַנד, האָט ער דערזעען, אַז דאָ זיינען ניט נאָר פאַרבליבן רעשטן פון דער געמיינדע, נאָר זי הערשט דאָ פאָשעט אין גאַנץ גרויסרוסלאַנד. ער האָט צוגעצויגן צו דעם די אויפמערקזאַמקייט פון זיינע מאָסקווער באַקאַנטע. יענע זיינען אַריינגעפאַלן אין היספּאַילעס: אָט וואו עס איז דאָס געבענטשטע לאַנד פונם סאָציאַליזם! רוסלאַנד איז טאַקע באַשערט צו באַנייען די וועלט. אייניקע האָט עס פול געמאַכט מיט אומגעווייגלעכן נאַציאָנאַלן שטאָלץ, זיי האָבן אָנגעהויבן קוקן אַף רוסלאַנד און אַף די סלאַווישע לענדער ביכלאַל (דאָרטן איז אומעטום געווען מער רעשטן פון דער געמיינדע, ווייל זיי האָבן נאָך לע־פיערעך ניט אַזוי לאַנג פאַר דעם געהאַט איבערגעלעבט דעם פעריאָד פון וואַנ־דערישער ערד־אַרבעט), ווי אַף אויסדערוויילטע, וואָס זיי וועלן עס ראַטעווען דעם „פאַרפוילטן" מאַירעוו (צו די „וואַונדן" פונם לעצטן האָבן זיי צוגערעכנט אויך דעם „פּראָלעטאַריאַט"). דערביי האָט זיך אינם דאָזיקן ליכט זיי אויס־געוויזן, אַז רוסלאַנד איז פּראַכטפול אין אַלע הינזיכטן, — אי די רוסישע מאָל־בושים פונם פּאָשעטן האַמוין, אי דאָס, וואָס דער רוסישער פויער גאָלט ניט זיין באָרד און אַז. וו. מיט איין וואָרט, אַלץ איז גוט, אַכוץ ניקאָלאַיס זעלבסט־הערשונג. אייניקע האָבן אַפילע מיט דעם אויך שאָלעם געמאַכט. דיזאַזיקע ריכטונג אין דער רוסישער ליטעראַטור האָט באַקומען דעם נאָמען ס ל אַ וו י אַ נ אָ־פּ י ל ס ט וו אַ („סלאַווגליבע"). זיי זיינען געווען זיכער, אַז רוסלאַנד נויטיקט זיך גאָרניט אין קיין רעוואָלוציע, אַז זי איז אַזוי אויך גוט. פאַר אַנדערע אָבער, וואָס זיינען געווען געשטימט מער רעוואָלוציאָנער, האָט די געמיינדע געדינט פאַר אַ ראַיע, אַז אין רוסלאַנד איז די סאָציאַליסטישע רעוואָלוציע מער מעגלעך און מער נאָענט, ווי ערגעץ וואו אַנדערש. צו דער דאָזיקער ריכטונג האָט ריישים קאָל געהערט הערצען.

„דאָס לעבן פונם רוסישן פאָלק איז ביז איצט געווען באַגרעניצט מיט דער געמיינדע: בלויז בענוגייע צו דער געמיינדע און צו אירע מיטגלידער אָנער־קענט עס פאַר זיך רעכט און היסכאַיוועסן, — האָט הערצען געשריבן צום פראַנצויזישן היסטאָריקער מישלע אין 1851־טן יאָר, — אַלץ אויסער דער געמיינדע דוכט זיך אים (דעם רוסישן פאָלק) איז געגרינדעט אַף גוואַלט".

„די געמיינדע־אָרגאַניזאַציע, האָגאָם זי איז שטאַרק צעטרייסלט געוואָרן, האָט זיך איינגעהאַלטן קעגן דעם דרוק פון דער מאַכט; זי האָט בעשאָלעם פערלעבט ביז דער אַנטוויקלונג פונם סאָציאַליזם אין אייראָפּע. דאָס איז זייער וויכטיק פאַר רוסלאַנד. מיר רוסישע וואָס זיינען דורכגעגאַנגען דורך דער מאַירעוו־ציוויליזאַציע (דאָס הייסט די רוסישע אינטעליגענץ וויל זאָגן הערצען) מיר זיינען ניט מער ווי א מיטל ווי זויערטויג, ווי פאַרמיטלערס צווישן דעם רוסישן פאָלק מיט דער רעוואָלוציאָנערער אייראָפּע. דער צוקונפט מענטש אין רוסלאַנד איז דער „מוזשיק" (דער פויער) פונקט ווי אין פראַנקרייך איז דאָס דער אַרבעטער".

דערדאָזיקער געדאַנק, וואָס הערצען האָט אים דער ערשטער אַרויסגעזאָגט, אַז די געמיינדע איז ניט קיין גאַראַנטיע פון א רעוואָלוציע אין רוסלאַנד, ווי עס האָבן געמיינט די סלאַוויאַנאָפילן, נאָר זי איז, פאַרקערט, א ריי־פאַר דעם, אַז דאַפקע אין רוסלאַנד דאַרף זיך אָנהויבן די סאָציאַליסטישע רעוואָלוציע, איז פעסט אַריינגעדרונגען אינם באַוואוסטזיין פון דער רוסישער אינטעליגענץ אין 1860 — 1880 יאָרן. דער באַרימטער פובליציסט פונם צווייטן דאָר נאָך הערצענען טשערנישעווסקי, וועלכער האָט שוין אַליין געהערט צו דער קליינבירגערלעכער אינטעליגענץ (ער איז געווען א זון פון א גאַלעך אין סאַראַטאָוו), האָט זיך געפּרואווט דערווייזן עס מיט וויסנשאַפטלעכע און פילאָזאָפישע ראַיעס. דער אָנהויב פון דער אַנטוויקלונג און איר סאָף, האָט ער געזאָגט, זיינען שטענדיק ענלעך איינער צום אַנדערן: די מענטשלעכע געזעלשאַפט האָט זיך אָנגעהויבן מיט קאָמוניזם און דאַרף קומען צום קאָמוניזם. אין רוסלאַנד, איז דערדאָזיקער אָנהויב, צוליב דער לאַנגזאַמקייט פון זיין אַנטוויקלונג, פאַרבליבן ביזן 19־טן יאָרהונדערט. דאָס באַטייט אָבער לאַכלוטן ניט, אַז אונז איז ניט באַשערט צו זעען דעם סאָף. פאַרקערט, מיר וועלן אים דערזעען גיכער. „די געשיכטע איז ווי א באָבע זי האָט ליב אירע אינגסטע אייניקלעך". דאָס איז גאָר ניט, וואָס מיר האָבן ניט איבערגעלעבט דעם צווישן־פעריאָד צווישן דער אָנפאַנגס־געמיינדע און דער סאָציאַליסטישער קאָמונע, וואָס בא אונז איז ניט געווען קיין קאַפּיטאַליזם, ווי אין מאַירעוו־אייראָפּע. (טשערנישעווסקי און די מענטשן פון זיין צייט פלעגן צונויפמישן דעם קאַפּיטאַליזם מיטן אינדוסטריע־קאַפּיטאַליזם, דאָס הייסט, זיי פלעגן אָננעמען א טייל פאַר דאָס גאַנצע. אַזוי ווי דער אינדוסטריע־קאַפּיטאַליזם האָט זיך בא אונז אין מיטן פונם 19־טן יאָרהונדערט נאָך ווייניקער געמערקט האָט זיך זיי אויסגעדוכט, אַז פאַר רוסלאַנד איז נאָך ניט געקומען דער פעריאָד פון קאַפּיטאַליזם, — און אַז בא אונז עקזיסטירט שוין 200 יאָר דער האַנדלס־קאַפּיטאַליזם, האָבן זיי ניט באַמערקט). די לענדער, וואָס הויבן אָן שפּעטער פאַר אַנדערע זייער עקאָנאָמישע אַנטוויקלונג, לויפן דערפאַר דורך דעם גאַנצן אַנטוויקלונגס־וועג אַסאַך גיכער. זיי שפּרינגען אַריבער, אַזוי צו זאָגן, איבער גאַנצע פעריאָדן. אַזוי קאָן אויך רוסלאַנד איבערשפּרינגען איבער דעם קאַפּיטאַליסטישן פעריאָד און אַריינפאַלן גלייך אין סאָציאַליסטישן.

טשערנישעווסקי האָט זיך פאָרגעשטעלט, אַז רוסלאַנד איז נאָך גאַנץ ווייט

פון דער סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע. אין דער פּראַקטיק, און ניט אין דער טעאָריע, האָט אים מער געצויגן צו פּאָליטישער דעמאָקראַטיע, — ער איז געשטאַנען אינם צענטער פון די „גרויסרוסן". און דער „גרויסרוס" האָט זיך געווענדעט צו די געבילדעטע קלאַסן און געטרוימט וועגן א גרינדונג־פּאַרזאַמלונג. נאָך די פּויערים־אומאָרדענונגען פון 1861־טן יאָר האָט טשערנישעווסקי געפונען פאַר מעגלעך צו ווענדן זיך צו די פּויערים: ער האָט צונויפגעשטעלט פאַר די לעצטע א פּראָקלאַמאַציע (איינע פון די ערשטע אין רוסלאַנד, אויב מע זאָל ניט רעכענען פּיגאַטשאָוום מאַניפעסט), וואָס אים האָט זיך ניט איינגעגעבן צו פאַרשפּרייטן זי. ניט געקוקט אף דעם, האָט מען פאַר דער דאָזיקער פּראָקלאַמאַציע טשערנישעווסקין פאַרשיקט אף קאַטאָרגע. און אזוי ווי אפן געריכט איז געווען ווינציק באַווייזן, אז די פּראָקלאַמאַציע האָט אָנגעשריבן דאַפקע טשערנישעווסקי, האָט מען זיך באַנוצט מיט פאַלשע אונטערשריפטן און פאַלשע איידעס. אַלעקסאַנדר דער 2־טער האָט אויסגעצייכנט געוואוסט וועגן דעם, און דאָך האָט ער באַשטעטיקט דעם פּסאַקדין. אין דער דאָזיקער פּראָקלאַמאַציע האָט טשערנישעווסקי ניט גערופן דעם פּויערטום צו א באַלדיקן אויפשטאַנד: וואָס פאַר א גוטס קאָן אַרויסקומען, אויב אין איין דאָרף וועט זיין א מערידע און אין די איבעריקע איז נאָר גאָר ניט צוגעגרייט? ער האָט בלויז געאייצעט די פּויערים, זיי זאָלן זיך אָ ר ג אַ נ י ז י ר ן און צוגרייטן זיך צו אן אויפשטאַנד אין דער צוקונפט בא א גינסטיקן מאָמענט. נאָר צווישן זיינע אָנהענגער האָבן זיך געפונען מענטשן, וואָס האָבן ניט געקאָנט און ניט געוואָלט וואַרטן. זיי האָבן אַרויסגעלאָזט אן אויפרוף, וואָס איז אסאַך מער רעוואָלוציאָנער, איידער טשערנישעווסקיס, „צו די פּויערים", און איז דערביי בענויגייע צו זיינע לאָזונגען געגאַנגען אסאַך ווייטער.

„דאָס יונגע רוסלאַנד".

דער באַשטאַנד פון דער דאַמאָלטיקער סטודענטנשאַפט איז געווען ניט אזא, ווי פון דער איצטערדיקער. בורזשואַזע זינדלעך איז צווישן זיי געווען ווינציק, ווייל די סאָכרים האָבן נאָך ניט געפילט קיין באַדערפעניש אָפּצוגעבן זייערע קינדער אין אוניווערזיטעט, און די אַדעליקע קינדער פלעגן נאָך אָפּגעבן די בכוירע דעם מיליטער־דינסט. די הויפּט־מאַסע פון דער סטודענטנשאַפט האָבן אויסגעמאַכט קינדער פון קליינע באַאַמטע, און דער סאַמע טעטיקער און אַרבעטספעאיקער טייל זיינען געווען די סעמינאַריסטן, קינדער פון דאָרף־גאַלאָכים, פון דיאַקאָנס, אמאָל אויך פון קלויסטער־דינער, וואָס זיינען דורכגעגאַנגען א גייסטלעכע שול, די סעמינאַריע, נאָר אַנשטאָט דעם צו ווערן אליין גאַלאָכים און דיאַקאָנס, האָבן זיי זיך א קער געטאָן צום אוניווערזיטעט: דאָס איז געווען א יוגנט קימאַט אן עוויוניש, — אסאַך סעמינאַריסטן פלעגן קומען צוגיין אין מאָסקווע האַלטן די עקזאַמענס פאַר הונדערטער ווייאַרסט צופוס, — אן ענערגישע, אַרבעטספעאיקע און א שטאַרק אויפגעבראַכטע. אזוי ווי אַלעקסאַנדר דעם צווייטנס רעגירונג האָט מוירע געהאַט פאַר די רעזולטאַטן פון אירע אייגענע „רעפאָרמעס", אזוי ווי זי האָט מוירע געהאַט, אז זיי וועלן צופיל

דעמאָקראַטיזירן די געזעלשאַפט, צונויפמישן אַלע שטאַנדן, האָט זי געזען קינסטלעך צו פאַרפעסטיקן דעם אוניווערזיטעט פאַר די פּריווילעגירטע קלאַסן, ניט נידעריקער פאַר דער מיטלער באַאַמטנשאַפט. צוליב דעם האָט זי געהעכערט דעם סכאַרלימער און קלענער געמאַכט די צאָל סטיפּענדיעס, וואָס האָבן פריער טאַקע געגעבן די אָרימערע אַ מעגלעכקייט צו לערנען זיך. אָפן דאָזיקן באָדן האָבן זיך אָנגעהויבן אין מאָסקווע און באַזונדערס אין פּעטערבורג סטודענטישע אומרוען, וואָס האָבן זיך פאַרענדיקט מיט אַרעסטן און פאַרשיקונגען. דאָס האָט פאַרענדיקט אין דער סטודענטן־סוויווע דאָס אויסבילדן זיך פון אַ רעוואָלוציאָנערער שטימונג.

פונם סטודענטן־קרייזל איז טאַקע אַרויסגעגאַנגען די פּראָקלאַמאַציע „דאָס יונגע רוסלאַנד". איר גרונט־שטריך, וואָס האָט מער פון אַלץ אָנגעשראָקן די מענטשן פון יענער צייט, אַפילו אַזעלכע ווי הערצען, איז געווען די פאָדערונג פון אַ באַלדיקער רעוואָלוציע, פון אַ רעוואָלוציע אַ בלוטיקער און אומבעראַכמאַנעסדיקער, פון אַ רעוואָלוציע, וואָס זאָל ראַדיקאַל ענדערן אַלע אָן אויסנאַם יעסוידעס פון דער איצטיקער געזעלשאַפט, מאַכן אַ סאָף צו די אָנהענגער פון דער איצטיקער אָרדענונג. די פּראָקלאַמאַציע האָט זיך פאַרענדיקט מיטן אויסרוף: „לעבן זאָל די רוסישע סאָציאַלע און דעמאָקראַטישע רעפּובליק". הערצען האָט געטרייסט זיינע לייענער, אַז, דערהערנדיק דיזאָזיקע ווערטער, וועט דאָס רוסישע פאָלק גאָר ניט אַ טראַכט טאָן אַפילו „צו נעמען זיך פאַר דער האַק" און אַז מיט 50 יאָר שפּעטער וועט זיך דאָס פאָלק מיט דעם לאָזונג אַ כאַפּ טאָן פאַרן ביקס און פאַרן קוילנוואַרפער און וועט זיך פונקט אַזוי נויקעם זיין אָן די אָנהענגער פון דער „איצטיקער אָרדענונג", דאָס הייסט פון דער „בורזשואַזער אָרדענונג, ווי ס'האָט געדראָט „דאָס יונגע רוסלאַנד",—דאָס האָט הערצען ניט פאָרויסגעזען. נאָר אַחוץ דעם נעוויעשן פאָרויסזאָגן די פ אָ ר ם פון דער צוקונפטיקער איבערקערעניש און פון אירע צ ו ע ק ן, איז די פּראָקלאַמאַציע אינטערעסאַנט נאָך מיט דעם, וואָס זי האָט אויך ריכטיק פאָרויסגעטראָפן אַסאַך באַזונדערע אויפטוען פון דער ס.ס.ס.ר. אַזוי פאָדערט דאָס „יונגע רוסלאַנד" אומזיסטיקע בילדונג אין די שולן פון אַלע מאַדרייגעס, פולע און אומבאַדינגטע גלייכבאַרעכטיקונג פון פרויען; סאָציאַליזאַציע פון דער ערד, די פאַרניכטונג פונם פּריוואַטן האַנדל, פון „אָט דער פאַרגעזעצלעכטער גנייווע", און איינאָרדענען געזעלשאַפטלעכע קראָמען. די פּראָקלאַמאַציע רעדט ניט וועגן דער נאַציאָנאַליזירונג פון דער אינדוסטריע, ווייל אירע מעכאַברים זיינען, מיסטאָמע, געווען דורכגעדרונגען מיטן דעמאָלט פאַרשפּרייטן טאָעם, אַז קיין גרויסע קאַפּיטאַליסטישע אינדוסטריע איז נאָך בא אונז ניט פאַראַן. ביכלאַל אָבער שטעלט מיט זיך פאָר דאָס „יונגע רוסלאַנד" אין אַסאַך פּראַטים אַ מערקווירדיקע נעוואָוע, וועלכע איז נאָך מערקווירדיקער דערמיט, וואָס די מעכאַברים זיינען, אַפּאָנים, גאָר ניט באַקאַנט געווען מיט דער מאַירעוו־אייראָפּעאישער קאָמוניסטישער ליטעראַטור פון יענע צייטן, — זיי זיינען אַפילו ניט באַקאַנט געווען מיטן „קאָמוניסטישן מאַניפעסט".

די אַנטשטייאונג פון טעראָריזם.

נאָר פון אַ סטודענטן־קרייזל איז אַרויסגעגאַנגען ניט נאָר דער ערשטער סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערער אויפרוף, פון פונקט אַזאַ קרייזל איז אויך אַרויסגעגאַנגען די ערשטע סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערע העלדנטאַט, די ערשטע זאַך פון דער רוסישער רעוואָלוציע אין די 1860־קער יאָרן. נאָכן 14־טן דעקאַבר האָט די אינטעליגענץ אין רוסלאַנד קיינמאָל ניט אויפגעהויבן פּראַקטיש קיין מערידע. איר גאַנצע מערידע איז געווען אין וואָרט און אַפן פּאַפּיר. עס פלעגט מוירעד זיין דער פּוֹעֵר, אַף דערהאַזיקער פּויערים־מערידע האָבן זיך באַזירט אַלע האָפענונגען פון דער אינטעליגענץ, נאָר פונקט ווי זי האָט עקאָנאָמיש געלעבט אַף דער אַרבעט פון די פּויערשע הענט, אַזוי האָט זי אויך פּאָליטיש געלייגט אירע האָפענונגען אַף דער פּויערשער האַק. די רעוואָלוציאָנערע סטודענטנשאַפט פון די 60־ער יאָרן האָט די ערשטע צעריסן מיט דערהאַזיקער פּרי־צישער געוואוינהייט. דאָס קרייזל, וואָס האָט זיך געשאַפן אין מאָסקווע אַרום קאַראַקאָזאָוון, האָט זיך טכילעס אויך באַגרעניצט מיט אומיטלבאַר סאָציאַליסטישע טרוימערייען, וועגן איינאָרדענען געזעלשאַפטלעכע פאַבריקן, ווערקשטאַטן אוכעדרוימע. נאָר זיין פירער האָט געזוכט אַ וועלכע ס'איז ווירקלעך רעוואָלוציאָנערע טאַט. פונקט ווי פעסטעל, האָט ער פאַרשטאַנען, אַז דאָס אַראָפּוואַרפן די זעלבסטהערשונג קאָן מען ניט אָפּטיילן פונם אומברענגען דעם זעלבסטהערשער. נאָר בא פעסטעלן איז דאָס אומברענגען אַלעקסאַנדער דעם I־טן און אַלע ראָמאַנאָווס געווען אַ טייל פון אַ ברייטן רעוואָלוציאָנערן פּלאַן, וואָס ער האָט געהאָפט אויסצופירן מיט דער הילף פון 40 טויזנט סאָלדאַטן; קאַראַקאָזאָוון איז אָבער אויסגעקומען צו באַגרעניצן זיך מיטן דאָזיקן טייל, ווייל אַכוץ אַ פּאָר אייגענע הענט, האָט ער קיין שום קויכעס ניט געהאַט אין זיין רעשוס. דעם 4־טן אַפּריל פונם יאָר 1866 האָט ער געשאָסן אין אַלעקסאַנדערן אין פּעטערבורגער זומערגאָרטן, נאָר ער האָט ניט געטראָפן; דער צאַר איז געבליבן אומבאַרירט, קאַראַקאָזאָוון האָט מען, ווי מע האָט דערציילט, געפּייניקט, פאַרמישפּעט און געקעפּט.

דער דורכפאַל פון קאַראַקאָזאָווס אַטענטאַט האָט געגעבן אַן אויסגעצייכנטע שפּייז פאַר דער צאַרישער דעמאַגאָגיע. קאַראַקאָזאָוו איז געווען אַן אַדעליקער, און דער מענטש, וואָס האָט זיך באַרימט, אַז ער האָט פאַרהאַלטן די האַנט פונם „קייסער־מערדער“, און וואָס האָט, אַלקאָלפּאָנים, געהאָלפן אַרעסטירן קאַראַקאָזאָוון, איז געווען אַ פּויער. מע האָט גלייך אָנגעהויבן אומעטום טרומייטן, אַז דאָס האָבן די הערן, וואָס ווילן זיך נוקעם זיין פאַר דער פּויערים־באַפרייאונג, געוואָלט דערהאַרגענען דעם קייסער, און אַ באַפרייטער דורכן קייסער פּויער האָט אים געראַטעוועט. פון אומעטום האָבן זיך אַ שאָט געטאָן באַגריסונג־אַדרעסן, וואָס פלעגן אַף קאָלערליי אויפאַנים אויסדריקן זייער היספּאַילעס איבער דער „וואונדערלעכער יעשוע“. און אינם טומל פונם „פּאָלקס־צאָרן“ האָט זיך אָנגעהויבן אַ ווילדער *ווייסער טעראָר*. מע האָט אָנגעהויבן אַרעסטירן און פאַרשיקן אַזעלכע גרויסע מאַסן, וואָס אַזוינס איז ניט געווען זינט דער דעקאַבריסטן־פאַרשווערונג. דער אַבזאָריעסדיקער טאַליען מור־

דאוויאָוו איז באַשטימט געוואָרן פאַר פעטערבורגער דיקטאַטאָר. דאָס, וואָס עס איז נאָך געווען פאַרבליבן פון דער קליינבירגערלעכער פּאָליטישער באַוועגונג, איז ביזן סאָף דערשטיקט געוואָרן. די קליינע צאָל זשורנאַלן, וואָס האָבן נאָך ניט איבערגעריסן מיט טשערנישעווסקיס טראַדיציעס, זיינען פאַרבאָטן געוואָרן, מע פלעגט פאַרשיקן מענטשן, וואָס האָבן קיין שום שאַיכעס ניט געהאַט ניט נאָר צום רעוואָלוציאָנערן סאָציאַליזם, נאָר אויך צום „גרויסרוס“, פּאַשעט אָנשטענדיקע מענטשן, וועלכע האָבן ניט געשריען „אורא“, בעאַיים מע האָט געשאָסן און געהאַנגען די פּאָליאַקן, און פלעגן ניט אַריינפאַלן אין היספּאַילעס, ווי קנעכט, פון יעדער „רעפאָרם“, וואָס אַלעקסאַנדער דער צווייטער פלעגט מיט בעסער שענקען זיין פּאָלק.

(מ. פּאָקראָווסקי. „רוסישע געשיכטע“. קורץ געפאַסט).

מ. פּאָקראָווסקי

די פּאָלקיסטישע אנשויאונג

פּ. לאַוורּאָוו האַלט, אז דער יעסאָד פון דער גאַנצער געשיכטע איז דאָס וואָס עס דענקען ניט די מאַסן, נאָר די „קריטיש דענקנדיקע פּערזענלעכקייטן“, ד. ה. די אינטעליגענץ: „דער אידעאַל ווערט געבוירן אינם מויעך פון א פּערזענלעכקייט, פונם דאָזיקן מויעך גייט ער דערנאָך איבער אין די מויעס פון אַנדערע פּערזענלעכקייטן, ער צעוואַקסט זיך דורך דעם, וואָס עס ווערט גרעסער דער גייסטיקער און מאָראַלישער ווערט פון די דאָזיקע פּערזענלעכקייטן, אין קאַמעס ווערט ער גרעסער דורך דעם, וואָס עס ווערט גרעסער זייער צאָל, און ער (דער אידעאַל) ווערט א געזעלשאַפטלעכע קראַפט, ווען די דאָזיקע פּערזענלעכקייטן קומען צום באַוואוסטזיין פון זייער איינשטימיקייט, און ווען זיי באַשליסן זיך אף אן איינמוטיקער טאַט“. איז הייסט עס, אז א גײַסטיקע מינדערהייט מאַכט די געשיכטע. און די מאַסן, די מערהייט? „די מערהייט איז פאַרמישפּעט געוואָרן אף אן אייגאַרטיקער, אויסמאַטערנדיקער און פּרידּלעכער אַרבעט אָן א אויפהער, צוליב פרעמדע נוצן, ניט צו האָבן קיין פרייע צייט אף אַרבעט פון געדאַנק, און זי איז דעריבער פאַרבליבן אומפּעאיק אויסצונוצן אירע קאָלאָסאַלע קויכעס אָף צו דעראָבערן פאַר זיך דאָס רעכט אף אַנטוויקלונג, אף א בעקוועמעם מענטשלעכן לעבן“.

ניט די מאַסן מאַכן די געשיכטע — זיי זיינען מער ניט ווי א באַמיסטיקונג פאַר דער געשיכטע. אף דער דאָזיקער פעטער באַמיסטיקונג וואַקסט אויס די געוועטעניש פון „קריטיש דענקנדיקע פּערזענלעכקייטן“. די דאָזיקע באַמיסטיקונג איז אָבער א לעבעדיקע, און די „קריטיש דענקנדיקע פּערזענלעכקייט“ מוז עס אָנערקענען. „יעדער מיטגליד פון דער קליינער מינדערהייט־גרופּע מוז זיך זאָגן: „יעדע באַקוועמלעכקייט פון לעבן, וואָס איך גענים, יעדער געדאַנק, וואָס איך האָב געהאַט צייט צו באַקומען אדער אויסצואַרבעטן, איז

געקויפט פאַרן בלוט, ליידן אדער אַרבעט פון מיליאָנען. דעם אָווער בין איך ניט בעקויעך צו פאַריכטן, און ווי טייער ס'איז ניט באַצאָלט געוואָרן פאַר מיין אַנטוויקלונג, קאָן איך זיך פון איר ניט אָפּזאָגן!" „דאָס בייז דאַרף מען, אַף וויפל ס'איז מעגלעך, פאַריכטן, און דאָס קאָן געטאָן ווערן בלויז אין לעבן. דאָס בייז דאַרף מען *אויסלעבן*. איך וועל אַראָפּנעמען פון זיך די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַרן בלוטיקן פרייז פון מיין אַנטוויקלונג, אויב איך וועל אויסנוצן די דאָזיקע אַנטוויקלונג, סעדיי קלענער צו מאַכן דאָס בייז אין דער געגנוואַרט און אין דער צוקונפט. אויב איך בין אַן אַנטוויקלטער מענטש, בין איך עס מעכויעוו צו טאָן".

אַזאַ באַנעמען די געשיכטע האָט באַקומען אין אונזער ליטעראַטור דעם נאָמען „פאָלקיזם" (נאַראָדניטשעסטוואָ). אינטערעמעסן ניט מען דאָ דעם פאָלק אַף דאָס לעצטע אָרט: עס ליידט, עס אַרבעט, און דענקען—דענקען פאַר אים און ראַטעווען אים „קריטיש דענקרישע פערזענלעכקייטן". דאָסדאָזיקע באַנעמען די געשיכטע איז גראָד אַ *בורזשואַזע*, און פון דעם בורזשואַזן באַנעמען די געשיכטע, אונטערשיידט עס זיך בלויז מיט דעם, וואָס די גרויסע אונטערנעמערישע בורזשואַזיע נוצט בוצפּעדיק אויס די אַרבעט און די ליידן פון די מאַסן און האַלט עס פאַר אַ גאַנץ „נאַטירלעכער" זאַך, און די „קריטישדענקענדיקע פערזענלעכקייטן" רופט זי אָן מיטן נאָמען „טומלאַכער" און „בייזוויליקע אַגיטאַטאָרס" אין דער צייט, ווען לאַווראָוו פילט מיט אי די פאָלקסמאַסן, אי די דאָזיקע פערזענלעכקייטן. דאָס באַווייזט, אַז דער פאָלקיזם איז אַ לערע, וואָס איז אויפגעקומען ניט צווישן דעם אונטערנעמער-קלאַס, נאָר צווישן אַ קלאַס, וואָס פילט אַף זיך דעם דרוק פון די אונטערנעמער, וואָס קאָן זיך אָבער ניט אָפּזאָגן פונם אונטערנעמערישן געדאַנקען-שטייגער. *דער פאָלקיזם איז די געזעלשאַפטלעכע וועלטאַנשויאונג פון דער קליינבירגערלעכער אינטעליגענץ*.

אויב אָבער לאַווראָווס טעאָריעס זיינען אַף לאַנגע יאָרן געוואָרן דער יעסאָד פון דער פאָלקיסטישער פּראָגראַם, איז די טאַקטיק פון דער פאָלקיסטישער רעוואָלוציע אויסגעאַרבעט געוואָרן ניט פון לאַווראָוון. דער לעצטער, ניט געקוקט אַף דעם, וואָס די צאַרישע רעגירונג האָט געהאַלטן פאַר נויטיק צו פאַרשיקן אים, וואָס זי האָט פאַרבאָטן זיינע ווערק און אַז. וו., איז אין לעבן געווען זייער אַ פרידלעכער און באַשיידענער קאַבינעט-געלערנטער. די רעוואָלוציאָנערע טעטיקייט האָט ער זיך פאַרגעשטעלט אויסשליסלעך אין דער פאָרם פון *פּראָפּאַגאַנדע*. די קריטיש דענקענדיקע פערזענלעכקייטן, וואָס דורך זייער לערנען און ביישפּיל געבוירן זיי אַנדערע קריטיש דענקענדיקע פערזענלעכקייטן, אַלץ אין אַ גרעסערער צאָל, אין אַלץ ברייטערע קרייזן פון דער פאָלקס-מאַסע, — אָט ווי אַזוי לאַווראָוו האָט פאַרשטאַנען די טעטיקייט פון אַ רעוואָלוציאָנער. אונטער דער ווירקונג פון זיינע ביכער קומען טאַקע ביסלעכוויין אויף אין פעטערבורג און אין דער פּראָווינץ פּראָפּאַגאַנדע-קרייזלעך: דאָס קרייזל פון טשאַיקאָווסקי, וואָס איז אין אונזערע צייטן געווען דער ראָש פון דער אַרכאַנגעלסקער „רעגירונג". דאָס קרייזל פון דאָלגושינען און

אַנדערע. וועגן דעם ערשטן פון זיי זאָגט זיין עמעסער פירער, דער שפּעטער באַוואוסטער אַנאַרכיסט, פירשט קראַפּאָטקין, אַז „טכילעס האָט דערדאָזיקער קרייז ניט געהאַט אין זיך קיין שום רעוואָלוציאָנערעס״. די דאָלגושינער האָבן גערופן „צו דערווייזן, אַז מיר זיינען אויפריכטיק, און אַז אונזער הייסער גלויבן און אונזער ביישפּיל וועט ענדערן דאָס פּנים פון דער ערד״. דאָס אַלץ, פּנים על פּנים מיט דער גראָבער ווירקלעכקייט, פון דער רעאַקציע, וועלכע האָט געהערשט נאָכן 1866־טן יאָר, איז געווען ענלעך מער צו די דראָשעס פון די ערשטע קריסטן אין דער רוימישער אימפּעריע, איידער צו אַ רעוואָלוציאָנערער פאָלקס־באַוועגונג. די רעוואָלוציאָנערע יוגנט האָט זיך ניט אין דעם גענויטיקט, און אויב די לערער אירע בענוגע צו דעם, ווי אַזוי מע דאַרף פאַרשטיין דאָס לעבן, זיינען געווען לאַווראָוו און מיכאַילאָווסקי, זיינען די לערער, וואָס האָבן זי געלערנט, וואָס מע דאַרף טאָן, ווי אַזוי מע דאַרף האַנדלען, געווען אַנדערע מענטשן, און קודם כּל באַקונין.

(מ. פּאָקראָווסקי. „רוסישע געשיכטע״. קורץ געפאַסט).

מ. פּאָקראָווסקי

באַקונין

באַקונין איז אין די יונגע יאָרן געווען אַן אַרטילעריע־אָפיציר. געוואָרן אַן עמיגראַנט איז ער נאָך לאַנג פאַר ניקאָלאַי דעם I־טנס טויט (פריער פאַר הערצענען), זייענדיק אין אויסלאַנד איז ער געוואָרן איינער פון די פירער פון דער דייטשישער רעוואָלוציע אין 1848־טן יאָר, שפּעטער איז ער אַריינגעפאַלן אין דער עסטרייכישער נפיסע און עסטרייך האָט אים אַרויסגעגעבן רוסלאַנד, וואו ניקאָלאַי האָט אים אַריינגעזעצט אין שליסלבורג, און אַלעקסאַנדער דער 2־טער האָט אים שפּעטער פאַרשיקט קיין סיביר, פון וואַנען באַקונינען האָט זיך איינגעגעבן צו אַנטלויפן אין 1861־טן יאָר. אין צייט האָט ער, ווי אַסאַך דעמאָלטיקע אינטעליגענטן, געהאָפט, אַז אין רוסלאַנד קאָן די פרייהייט קומען „פון אויבן״. אַלעקסאַנדער דעם 2־טנס אַכזאָריעס בענוגע די פּאָליאַקן האָט אים אויסגעהיילט פון די דאָזיקע אילוזיעס. און דער אָנטייל אין דער מערב־אייראָפּעאישער אַרבעטער־באַוועגונג — דעריקער אין דער איטאַליענישער און אין דער שווייצאַרישער — האָט אים ענדגילטיק אַרויסגעפירט צוריק אויפן וועג פון דער רעוואָלוציע, אויף וועלכן ער איז שוין געווען אין 1848־טן יאָר. בעטעווע איז ער, אַגעוו, שטענדיק געווען אַ רעוואָלוציאָנער, וואָס פאַר אַ אילוזיעס עס זאָלן ניט האָבן געהערשט בא אים. באַקונין איז געווען אַ פאָלקיסט אין אַ מער דירעקטן זינען, ווי לאַווראָוו: פאַר אים איז דאָס פאָלק, די פאָלקס־מאַסע געווען דער דירעקטער קוואַל פון דער רעוואָלוציע. דאָס פאָלק נויטיקט זיך ניט אין קיין שום קריטיש דענקענדיקע פערזענלעכקייטן. „לערנען דאָס פאָלק, — האָט געפרעגט.

באקונין, — דאס וואלט געווען א גרויסע נארישקייט. דאס פאלק ווייסט אליין בעסער פאר אונז אין וואס עס נויטיקט זיך. אדעראבע, מיר דארפן זיך בא אים לערנען און באנעמען די סוידעס פון זיין לעבן און פון זיין קראפט, — עמעס, ניט קיין גוואלדיק איבערגעשפיצטע סוידעס, אבער אומבאגרייפלעכע פאר די אלע, וואס לעבן אין דער אזוי גערופענער געבילדעטער געזעלשאפט".

איז פראפאגאנדע, הייסט עס, א איבעריקע זאך. „ניט לערנען דארפן מיר דאס פאלק, נאר בונטעווען. דאס פאלק אבער האט שטענדיק געבונטעוועט. עס האט געבונטעוועט שלעכט, צעבערעקלט, פרוכטלאזיק, מע דארף מאכן אזוי, אז זיינע בונטן זאלן זיך איינגעבן. מע דארף אינם בונטעווען א סיידער אריינטראגן, א פלאן, א סיסטעם, אן ארגאניזאציע". די קריטיש דענקענדיקע פערזענלעכקייטן, וואס מע האט זיי נאר וואס ארויסגעטריבן דורך דער טיר, קערן זיך דא ווידער אום צוריק דורכן פענסטער. ווער זשע וועט עס ארגאניזירן די רעוואלוציע? פארשטייט זיך, די אינטעליגענטן, „איבערגעגעבענע, ענערגישע, אינטעליגענטע פערזענלעכקייטן, באזונדערס אויפריכטיקע פאלקספריינט, וואס זוכן ניט קיין קאוועד און בארימען זיך ניט מיט דעם, וואס זיי זיינען פעאיק צו דינען אלס פארמיטלער צווישן דער רעוואלוציאנערער אידייע און די פאלקס־אינסטינקטן". עמעס, די דאזיקע פערזענלעכקייטן בילדן „ניט די ארמיי פון דער רעוואלוציע — די ארמיי דארף שטענדיק זיין דאס פאלק, — נאר עפעס א מין רעוואלוציאנערן הויפט־שטאב", נאר דער שטאב פירט דאך אן די ארמיי. ספעציאליסטן פון רעוואלוציע, די פראפעסיאנעלע רעוואלוציאנערן — זיי דארפן דאס געבן דעם „קאמאנדע-באשטאנד" פונם רעוואלוציאנערן פאלק. פון וואנען וועלן זיך נעמען די דאזיקע ספעציאליסטן? אין מאירעוו־אייראפע האבן זיי עקזיסטירט שוין גאנצענע דורעס, די ריקער, אין די איטאליענישע און טיילווייז אויך אין די פראנצויזישע געהיימע כעוורעס. אין רוסלאנד האט באקונין מער פון אלץ געהאפט אף דער „געבילדעטער וועלט פון די כוצפעדיקע יונגעלייט", דאס הייסט פאשעט גערעדט, אף דער סטודענטנשאפט. און אין דעם פראט איז ער געווען אינגאנצן גערעכט.

די סטודענטנשאפט האט זיך ניט בארואיקט אויך נאכן 1866־טן יאר. די מאטעריעלע באדינגונגען פון איר עקזיסטענץ האבן זיך לאכלוטן ניט געענדערט. וואס א יאר פלעגן פארקומען „אוניווערזיטעטישע אומארדענונגען" איבער איינארדענען א געזעלשאפטלעכע גארקיך, א ביבליאטעק, א קאסע פון קעגנזייטיקער הילף אוכעדוימע. נאר רעוואלוציאנערע צענטרען, לויטן מוסטער פון קאראקאזאווס קרייזל, פלעגן זיך, צוליב דער אלגעמיינער אנגעשראקנקייט און צעטומלטקייט, אויסבילדן מיט גרויס מאטערניש. דער מער רעוואלוציאנערער טייל פון דער יוגנט פלעגט אוועקפארן קיין אויסלאנד, וואו עס האט זיך געאטעמט פרייער, אייניקע פלעגן עס טאן אלפי נויט, לעמאשל, פרויען, וואס מע פלעגט זיי ניט צולאזן אין די רוסישע אוניווערזיטעטן. דא אין דער שווייץ, אין ציוריך, בערן שפעטער אין גענף (זשענעווע) פלעגן זיי ניט נאר פריי געפינען די לאוריסטישע און באקוניסטישע ליטעראטור, נאר זיי האבן

8 קלאסנקאמף

אויך געהאַט די מעגלעכקייט אַריינצוטרעטן אין דירעקטע באַציִאונגען מיט די פּויער. צווישן די לאַוורִיסטן מיט די באַקוניסטן פֿלעגן פֿאָרקומען פֿאַרביטערטע סיכסוכים. אַ ניצאָכן פֿלעגן אָפּטאָנים אָפּהאַלטן די באַקוניסטן.

(מ. פּאָקראָווסקי. „רוסישע געשיכטע” קורץ געפֿאַסט).

ג. פּאַפּאַוו

דער פֿאָלקיזם

די דורכפֿאַלן פֿון דער פֿאָלקיסטישער פּראָפּאַגאַנדע, די אידייע פֿון הערצן, וועלכע עס האָבן אויך אָנגענומען לאַווראָוו, טשערנישעווסקי, דאָבראָליובאָוו און אַנדערע אָנגעזעענע פֿירער פֿון פֿאָלקיזם, זיינען פֿעסט געזעסן אין די מוחות פֿון יענע הונדערטער און טויזנטער אינטעליגענטן, וועלכע זיינען אין אָנהויב פֿון די זיבעציקער יאָרן אַוועק אין פֿאָלק, אָבער קיין שום מיטגעפֿיל האָבן זיי דעמאָלט ניט געפֿונען מיצד דעם פּויערטום, וואָרום דאָס פּויערטום איז געווען גאַנץ גלייכגילטיק צו די אַב־סטראַקטע סאָציאַליסטישע דראָשעס. עס איז געזונקען אין אַמאָראַצעס, גראָבקייט און פֿינסטערניש, געפֿינענדיק זיך אונטער דער וואַכ־זאַמער אויפֿזיכט פֿון די פּאָליציייִשע באַאַמטע און פּריצים. אין די פּויערישע מוחות זיינען נאָך געזעסן די פֿאָרורטיילן, וועלכע זיינען איינגעוואָרצלט געוואָרן דורך דער גאַנצער געשיכטע און אין די באַדינגונגען פֿון דאָרף זיינען דיאָזיקע פֿאָרורטיילן געווען זייער לעבנספֿעאיק. דאָס פּויערטום פֿלעגט זיך ניט אָפּגעבן קיין קלאָרן דינוועכעשבן וועגן די סיבעס פֿון דער אומדערטרעגלעכער לאַגע, אין וועלכער עס געפֿינט זיך. די פּריצישע עקספּלואַטאַציע האָט ניט געטראָגן אַזאַ אומיטלבאַר־עלעמענטאַרע פֿאָרם ווי פֿריער. די קייטן פֿונם לייבאייגנטום זיינען געפֿאַלן, אָבער עס זיינען געווען נאָך אַסאַך אַנדערע קייטן, אין וועלכע דער פּויער האָט זיך מאַכטלאָז געריסן, אָפּטמאָל ניט זעענ־דיק זיי אַפֿילע. זייער שוואַך האָט ער באַנומען, אַז זיין אַרבעטס־שוויים און זיין אויסגעמאַטערטע אַרבעטס־קראַפֿט גייט אַף בויען אייזנבאַנען, זאַוואָדן, בענק ערגעץ אין די וויַיטע מקומות.

אָט פֿאַרוואָס די פֿאָלקיסטישע באַוועגונג האָט געליטן אַ שווערע מאַפּאָלע אין איר ערשטער פֿאָרם, פֿון דער אַזוי־גערופֿענער „באַוועגונג אין פֿאָלק„ און פֿון אַבסטראַקטן פּראָפּאַגאַנדירן דעם סאָציאַליזם אין זיין סוויווע שפּעטער האָט איינער פֿון די אָנטיילנעמער פֿון דערדאָזיקער באַוועגונג זשעליאַבאָוו געזאָגט וועגן דעמדאָזיקן פּעריאָד, — פֿון זיין באַשולדיקונגס־באַנק, אַף וועלכער ער איז געזעסן פֿאַרן אַטענטאַט אַף אַלעקסאַנדער דעם צווייטן און פֿאַר וועלכן ער איז אויפֿגעהאַנגען געוואָרן: „אין אונזער טעטיקייט איז געווען אַ טרוימערישע ראָזע יוגנטלעכקייט און ניט מיר זיינען שולדיק, וואָס זי האָט זיך אַזוי שנעל פֿאַרענדיקט”. און פֿאַרענדיקט האָט זי זיך טאַקע זייער גיך. די צאַרישע

זעלבסטהערשונג איז גאָר ניט געווען געגויגט צו זיצן מיט פאַרלייגטע הענט און קוקן אַף דער רעוואָלוציאָנערער פּראָפּאַגאַנדע אין דאָרף. זי האָט געלאָזן אין גאַנג דעם גאַנצן פּאָליציייאישן אַפּאַראַט, וועלכן זי האָט נאָר פאַרמאָגט. הונדערטער פּראָפּאַגאַנדיסטן זיינען אַריינגעפאַלן אין טפיסע, אָבער די באַוועגונג איז דאָך דערמיט ניט דערשטיקט געוואָרן. זי האָט בלויז אומגעביטן אירע פאָרמען און האָט אָנגענומען דעם אַזוי גערופענעם בונטאַרישן כאַראַקטער.

די בונטאַרישע אַגיטאַציע.

די „בונטאַרעס“, די טאַלמידים פון באַרימטן אַנאַרכיסט באַקונין, וועלכער האָט געהאַט אַ געוואַלדיקע ווירקונג אַף דער דעמאָלטיקער רוסישער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, האָבן געלערנט, אַז צום פאָלק דאַרף מען זיך ניט ווענדן מיט קיין אַבסטראַקטע סאָציאַליסטישע דראָשעס, וועלכע עס וועט סײַ ווי ניט פאַרשטיין. דאָס פאָלק איז פּראַקטיש און שעפּט זיינע רעוואָלוציאָנערע אידייען פון דער אַרומיקער עקאָנאָמישער ווירקלעכקייט. ניט אומזיסט אין באַקונין געווען אין אַ געוויסן זין אַן אָנהענגער פון מאַרקס און פון זיין טעאָריע וועגן היסטאָרישן מאַטעריאַליזם, האָגאַם ער האָט זי פאַלש פאַרשטאַנען און פאַרקריפּלט.

מע מוז בויען די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג פונם פאָלק אַף זיין אומצופרידנקייט מיט די קאָנקרעטע עקאָנאָמישע דערשיינונגען, — אַזוי האָבן גע־לערנט באַקונינס אָנהענגער. דער פויער פון יעדן דאָרף ליידט פון דעם אָרטיקן פּאָריץ און פון דעם אָרטיקן באַאַמטן. אַלע אויפשטאַנדן, מיט וועלכע עס איז אַזוי רייך די געשיכטע פון דעם רוסישן פויערטום, זיינען אַנטשטאַנען סטיכיש אויפן באָדן פון קאָנקרעטער אומצופרידנקייט און האָבן זיך שנעל פאַרשפּרייט דערפאַר, וואָס אומעטום האָבן די פויערים געהאַט קאָנקרעטע סיבעס צו זיין אומצופרידן.

אין מיטן פון די זיבעציקער יאָרן זעען מיר אַ גאַנצע ריי פּרוּוון פון בונטאַרישער אַגיטאַציע צווישן די פאָלקס־מאַסן מיטן צוועק אַרויסצורופן סטי־כישע אויפשטאַנדן, מיט דער האָפענונג אַז די דאָזיקע סטיכישע אויפשטאַנדן וועלן זיך אויסגיסן אין אַן אַלגעמיינעם אויפשטאַנד. די נייע אָרדענונג האָט זיך געמאָלט אין די אויגן פון די פאָלקיסטן — בונטאַרעס אין דער פאָרם פון אַ פרייען פאַרבאַנד פון אַנאַרכיסטישע קאָמונעס. פאַרשטייט זיך, אַז דערדאָזיקער אַנאַרכיזם פון דער קליינבירגערלעכער אינטעליגענץ האָט ניט ווידערשפּראָכן אין קיין מאָס איר קליינבירגערלעכקייט. ניט אומזיסט האָט פּלעכאַנאָוו געזאָגט, אַז אונטער דעם אַנאַרכיסט שטעקט אָפטמאָל אַ צעבונטעווער קליינבירגער. גאָר ניט לאַנג צוריק האָט עס גלענצנד באַשטעטיקט אונזער מאַכנאָווש־טשינע אין אוקראַינע, וועלכע איז אויך געווען אַן איינגנ־אַרטיקע פאָרם פון אַנאַרכיסטישער בונטאַרישקייט פונם קליינעם בורזשואַ און פון דער פויערישער סטיכיע קעגן דער שטאַט.

מיט דער מאַכנאָווטשטשינע פֿאַרבינדן מיר שטענדיק דעם באַגריף וועגן פּאָגראָמען און רויבערייען. און דאָס איז ניט צופֿעליק. באַקונין האָט אויך געלערנט, אַז אַ רויבער איז דער בעסטער, אָפּטמאָל דער ריינסטער פֿאָלקס־טיפּ און רעוואָלוציאָנער. באַקונין פֿלעגט אָפֿט באַשולדיקן מאַרקסן אין דעם, אַז ער שאַצט צו גרינג דעם לומפּען־פּראָלעטאַריאַט, וועלכן מאַרקס האָט געהאַלטן פֿאַר אַ פּאַסיון פּראָדוקט פֿון דער צעפֿאַלונג פֿון דער בורזשואַזער אָרדענונג. פֿאַרקערט באַקונין פֿלעגט אָפֿן לומפּען־פּראָלעטאַריאַט לייגן גרויסע רעוואָלוציאָנערע האָפֿענונגען. אין מאַירעוו־אייראָפּע און אין רוסלאַנד האָט ער געהאַלטן פֿאַר נויטיק, אַז זיינע אָנהענגער זאָלן קוידעמקאָל אויסנוצן די „נאַטירלעכע רעוואָלוציאָנערן" — רויבער, אָבער די בונטאַרישקייט האָט אָפֿן רוסישן באָדן געליטן דיזעלביקע שווערע מאַפּאָלע, וואָס די פֿריערדיקע „באַוועגונג אין פֿאָלק". אַכוץ דעם באַרימטן „טשיגירינער אַקט" ווען אַ גרופּע רעוואָלוציאָנערן *) האָבן אין פֿאַרלויף פֿון עטלעכע כאָדאָשים געגרייט מיט דערפֿאָלג אַ פּויערים־אויפֿשטאַנד, באַנוצנדיק זיך דערביי מיט אַ פֿאַלשן „גאָלדענעם" פּאַפּיר, וועלכן זיי האָבן קלוימערשט באַקומען פֿון דעם קייסער, ווייסן מיר קימאַט ניט פֿון קיין געלונגענע ביישפּילן פֿון דער בונטאַרישער אַגיטאַציע.

זייער גיך ווערט קלאָר, אַז אַ דערפֿאָלגרייכע פּויערשע רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג איז לאַבלוטן אוממעגלעך אָן אַ צענטראַליזירטן אויספֿיר־אַפּאַראַט און אָן אַ שטאַרקער אָרגאַניזאַציע. דער בונטאַר האָט ניט וואָס אַנטקעגן צושטעלן דעם צאַרישן פּאָליציייִשן אַפּאַראַט. כאַראַקטעריסטיש איז דאָס, וואָס שוין צו יענער צייט קומט אויף די אידייע פֿון דער נויטיקייט פֿון אַ צענטראַליזירטער און פֿעסטער רעוואָלוציאָנערער אָרגאַניזאַציע, וואָס נאָר זי איז אומשטאַנד צו דערלאַנגען אַ טויט־קלאַפּ דעם צאַריזם, אויב זי וועט זיך נאָר קאָנען שטעלן אין צענטער פֿון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. אַן אָנהענגער פֿון דער דאָזיקער אידייע, וואָס אין מאַירעוו־אייראָפּע האָבן זי פֿאַרטיידיקט די יאַקאָבינער און די בלאַנקיסטן, איז געווען טקאַטשעוו, איינער פֿון די גרעסטע און מערקווירדיקסטע רעוואָלוציאָנערן פֿון יענער צייט. ער האָט אין אויסלאַנד אַרויסגעגעבן זיין צייטונג „נאַבאַט", וואו ער האָט אַנטוויקלט זיינע אידייען. זיי זיינען ניט געפֿאַלן גלייך אויף אַ דאַנקבאַרן באָדן, אָבער שוין די צווייטע העלפֿט פֿון די 70־ער יאָרן גייט אַדורך אונטערן צייכן פֿון פּרוּוון צו שאַפֿן אַ צענטראַליזירטע אָרגאַניזאַציע וועלכע זאָל זיך קאָנען שטעלן אין צענטער פֿון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. אַזאַ מין אָרגאַניזאַציע איז ווירקלעך געשאַפֿן געוואָרן אין 1878 יאָר אונטערן נאָמען „ערד און פֿרייהייט" („זעמליאַ אי וואָליאַ").

אומגעפֿער אין דערזעלביקער צייט מערקט זיך אָן דער איבערגאַנג פֿון דער באַוועגונג אָפֿן וועג פֿון פּאָליטישן טעראָר — און פֿון נעמען נעקאָמע אָן איינציקע פֿאַרשטייער פֿון צאַרישן רעזשים.

---

*) אין דערדאזיקער גרופע זיינען אריין סטעפאנאוויטש, לעוו דייטש,— שפעטער איינער פון די גרינדער פון דער גרופע „באפרייאונג פון ארבעט" און באראזאווסקי.

דער איבערגאַנג צום טעראָר.

נאָך פאר דער אָרגאַניזירונג פון דער ערד און פרייהייט" האָבן די רעוואָלוציאָנערן פאָלקיסטן זיך אָנגעהויבן צו פארנעמען מיט טעראָריסטישע אקטן. אף אזוינע קאַמף־מיטלען האָט זיי געשטויסן די פארפאָלגונגען פון דער צאַרישער רעגירונג פון איין זייט. פון דער אנדער זייט האָט די ניט געלונגענע אַגיטאַציע אין די פאָלקס־מאסן און דער קנאפער מיטגעפיל פון דידאָזיקע מאסן צו די רעוואָלוציאָנערע רופן פון די פאָלקיסטן ווילנדיק ניט ווילנדיק געבראַכט די באַוועגונג אפן וועג פון אינדיווידועלע טעראָריסטישע ארויסטרעטונגען, — צו דעזאָרגאַניזירן די רעגירונג־מאשין וואָס איז געשטאַנען צווישן די רעוואָלוציאָנערן און דעם פאָלק. טכילעס פלעגן אַלס אָביעקטן פון דידאָזיקע ארויסטרעטונגען דינען איינציקע דינער פון דעם צאַריזם, ווי שפּיאָנען, פּראָוואָקאַטאָרן אָדער באַזונדערס אַכזאָריעסדיקע אַדמיניסטראַטאָרן, וועלכע זיינען באַרימט געוואָרן דורך זייערע ווילדע פאַרפאָלגונגען קעגן די רעוואָלוציאָנערן. אין אזוינע פאלן האָבן די טעראָריסטישע אקטן געדינט ווי א מיטל פון נקאָמע פאר דער ווילדער עקזעקוציע איבער די רעוואָלוציאָנערן, פאר פייניקן די אַרעסטירטע און אַזוי ווייטער. אָבער גאָר אינגיכן האָט מען דעם טעראָר אָנגעהויבן צוגעבן א זעלבסשטענדיקע פּאָליטישע באַדייטונג. עס איז אנטשטאַנען דער געדאַנק, אז מיט אנטשיידענע טעראָריסטישע קלעפּ, וועלכע זאָלן זיין געווענדעט אף צו דעזאָרגאַניזירן דעם צאַרישן מעלוכע־אפּאַראַט וועט מען זיך קאָנען דערשלאָגן האַנאָכעס פונם צאַריזם און דערמיט אליין שאַפן מער גינסטיקע באַדינגונגען פאר דער רעוואָלוציאָנערער אַגיטאַציע אין פאָלק. אף אזא אויפן איז טעראָר געוואָרן א פּאָליטישער קאַמפּס־מיטל. ער האָט צוגעצויגן צו זיך באַדייטנדיקע קויכעס פון דער אָרגאַניזאַציע „ערד און פרייהייט" און אינגיכן האָט זיך פאר דער גאַנצער אָרגאַניזאַציע אוועקגעשטעלט שאַרף די פראַגע וועגן די מעטאָדן פון דער ווייטערדיקער ארבעט.

דידאָזיקע ווייטערדיקע ארבעט האָט מען געקאָנט פירן אף צוויי וועגן: אָדער פאַרזעצן די בונטאַרישע אָרגאַניזאַציע, וועלכע האָט קיין באַזונדערס מאַמאָשעסדיקע רעזולטאַטן ניט געגעבן, אָדער קאָנצענטרירן אַלע קרעפטן פון דער אָרגאַניזאַציע אף טעראָריסטישע קלעפּ דער רעגירונג מיטן צוועק זי צו דעזאָרגאַניזירן און ארויסרייסן בא איר פּאָליטישע האַנאָכעס. צווישן דידאָזיקע צוויי ריכטונגען פון דער אָרגאַניזאַציע „ערד און פרייהייט" האָט זיך אָנגעהויבן א פאַרביטערטער קאַמף, וועלכער האָט זיך געענדיקט מיט א פאָרמעלער שפּאַלטונג פון דער „ערד און פרייהייט" נאָכן וואָראָנעזשער צוזאַמענפאָר אין 1879 יאָר.

דער טעראָריסטישער טייל האָט געשאַפן א זעלבסשטענדיקע אָרגאַניזאַציע „פאָלקסווילן" („נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ"). די אָנהענגער פון די אַלטע אָנשויאונגען האָבן זיך אויסגעטיילט אין א באַזונדער גרופּע אונטערן נאָמען „דער שוואַרצער איבערטייל" („טשאָרני פּערעדעל"), וועלכער האָט זיך דאָך אין זיין

ווייטערדיקער טעטיקייט ניט אויסגעצייכנט מיט קיין גרויסע מאַיסים, מאַמעם אַלע פּרואוון אַרויסצורופן בײַ די פּויערשע מאַסן אַ ברייטע בונטאַרישע באַוועגונג האָבן זיך אַלץ פאַרענדיקט מיט מאַפּאָלעם *).

דער קאַמף פון דער אָרגאַניזאַציע „פאָלקסווילן" ("נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ").

מיטן טעראָר האָט די ערשטע צייט געהאַלטן אַביסל אַנדערש. דער טעראָר איז קוידעם־כּל געווען געווענדעט קעגן אַלעקסאַנדער דעם 2טן. דורך זיין באַזייטיקונג האָבן די „נאַראָדאָוואָלצעס" געוואָלט צונעמען בײַ דער רעגירונג־מאַשין דעם קאָפּ און דערשלאָגן זיך פון דער רעגירונג האַנאָכעס **).

די האַנאָכעס האָבן זיך געזאָלט אויסדריקן אין אַ קאָנסטיטוציע. אַ טייל פון די נאַראָדאָוואָלצעס" האָט געהאַלטן, אַז אַדאַנק די סאָציאַליסטישע סימפּאַטיעס און שטימונגען פון דער גרעסטער מערהייט פונם פאָלק, אין וועלכע זיי האָבן נאָך אַלץ געגלייבט, וועט די דאָזיקע קאָנסטיטוציע באַלד ברענגען צו דער פאַרווירקלעכונג פון דער סאָציאַליסטישער אָרדענונג אין רוסלאַנד זיי האָבן גערעכנט, אַז אין פאַל, אויב עס וועט צונויפגערופן ווערן די גרינדונגס־פאַרזאַמלונג וועט די גרעסטע מערהייט פון איר זיין סאָציאַליסטן. דער אַנדער טייל פון די „נאַראָדאָוואָלצעס" האָט געהאַט אין זינען ניט אַזוי סאָציאַליסטישע, ווי שמאָל פּאָליטישע צילן, ווערנדיק ביסלעכווייז אָפּגעקילט צום סאָציאַליזם, האָבן זיי זיך לויט זייערע סימפּאַטיעס, וואָס ווייטער אַלץ מער דערנענטערט צו די געוויינלעכע פּאָליטישע ראַדיקאַלן.

לויט איר עצעם איז די באַוועגונג פון די „נאַראָדאָוואָלצעס" געווען אַ נייע פאָרם פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג פון דער בירגערלעכער אינטעליגענץ, וועלכע איז געווען פאַרינטערעסירט אין אָראָפּוואַרפן די זעלבסטהערשונג און וועלכע איז געווען געצוואונגען צו פּרואוון דאָס פאַרווירקלעכן מיט טעראָריסטישע מיטלען, אַף וויפל איר האָט זיך ניט איינגעגעבן צו באַקומען די שטיצע פון די מאַסן.

אָנהייבנדיק פון 1879 יאָר, נאָך דעם וואָראָנעזשער צוזאַמענפאָר, קומט פאָר אַ גאַנצע ריי אַטענטאַטן אויפן קייסער. אין נאָיאַבער 1879 גרייטן די „נאָראָדאָוואָלצעס" אין דריי ערטער — אָדעס, אַלעקסאַנדראָווסק און מאָסקווע, אַן אויפרייס פון קייסערלעכן צוג, — קיין אָדעס פאָרט אָבער דער קייסער ניט, אין אַלעקסאַנדראָווסק גיט זיך דער אויפרייס ניט איין און אין מאָסקווע טרעפט

---

*) ביסלעכווייז זיינען די „טשארנאפערעדעלצעס" אפגעגאנגען פון דער אנארכאפאלקיסטישער פאזיציע; שפעטער איז פון דעם „טשארני פערעדעל" אויפגעקומען, ווי עס איז באוואוסט, די גרופע „באפרייאונג פון ארבעט".

**) נאך איידער עס איז ארגאניזירט געווארן די „נאראדנאיא וואליא" איז אפן קייסער אלעקסאנדער דעם 2-טן געמאכט געווארן צוויי אטענטאטן: איינמאל האט אים קייסער ניט געלונגען געשאסן קאראקאזאוו, אן ארגאניזאטאר פון איינעם פון די רעוואלוציאנערע קרייזן אין 60-ער ארן; דער צווייטער אטענטאט, האט מיטן וויסן פון דער „ערד און פרייהייט", איינגעארדנט אין אפריל 1876 יאר דער לערער סאלאוויאוו. סאי סאלאוויאוו און סאי קאראקאזאוו זיינען פארמישפעט געווארן צום טויט.

צופעליק דער אויפרייס אן אנדער צוג. אין עטלעכע כאדאשים ארום, דעם 5־טן פעווראל 1880 יאר, ווערט מיט דינאמיט אויפגעריסן דער ווינטער־פאלאץ. דעם קייסער גיט זיך אבער צופעליק איין אויסצומיידן דעם טויט. ענדלעך דעם 1־טן מארט 1881 יאר קומט אלעקסאנדער דער 2־טער סאפקאלסאף אום פון אן אויפרייס פון א באמבע — וועלכע עס האט אין אים געווארפן דער טעראריסט גריניעוויצקי.

אבער די באזייטיקונג פונם צאר ברענגט ניט צו דער באזייטיקונג פונם צאריזם. דער צאריזם פירט אן אומראכמאנעסדיקן קאמף קעגן דער „נאראדנאיא וואליא“. נאך אין 1879 יאר גיט זיך אים איין צו ארעסטירן און קעפן א גאנצע ריי אנגעזעענע אנפירער פונם טעראר. אין די יארן 1881 — 1880 קומען נייע ארעסטן, נאכן אויפרייס פון 1־טן מארט פאלן אריין אין די הענט פון דער פאליציי די גרעסטע ארגאניזאטארן פון די פריערדיקע אטענטאטן — זשעליאבאוו, קיבאלטשיטש און פעראווסקאיא, וועלכע ווערן פארמישפעט צום טויט. דערנאך פאלגן נייע דורכפאלן, ארעסטן און אומראכמאנעסדיקע געריכט־אורטיילן. צום אנהויב פון 1884 יאר איז די „נאראדנאיא וואליא“ אינגאנצן צעקלאפט. עס האט זיך ענדגילטיק איינגעשטעלט דער רעאקציאנערער קורס פון דער רעגירונגס־פאליטיק. עס הערן אפילע אויף די פוסטע ליבעראלע אנשטעלן, וועלכע, פלעגן צייטנווייז געמאכט ווערן בעאיים אלעקסאנדער דעם 2־טן. אלעקסאנדער דעם 2־טנס יורעש — אלעקסאנדער דער 3־טער רינגלט זיך ארום מיט פארשטייער פון דער סאמע שווארצער רעאקציע, ווי פאבעדאנאסצעוו, איגנאטיעוו, ד. טאלסטאי. עס קומט אן די שווארצע עפאכע פון די 80־ער יארן.

די רעוואלוציאנערע באוועגונג האט געליטן איינע נאך דער אנדערער א ריי שווערע מאפאלעס און איז פארטריבן געווארן אין א טעמפן ווינקל. מיר זעען, אז די פרואוון פון דער קליינבירגערלעכער רעוואלוציאנערער אינטעליגענץ צו שטיצן זיך אף דעם פוירעטום האבן קיין דערפאלג ניט געהאט. מיט דיזעלבע דורכפאלן האבן זיך פארענדיקט אירע פרואוון צו פירן א זעלבשטענדיקן פאליטישן קאמף מיטן טעראר. מען האט געדארפט געפינען נייע וועגן פונם קאמף, געפינען אן אויסוועג, וועלכער איז איינגיכן טאקע געפונען געווארן אלס רעזולטאט פון דער דערפארונג פון רעוואלוציאנערער טעטיקייט פון די פאלקיסטן און די „נאראדאוואלצעס“.

(פאפאוו—עטיודן איבער דער געשיכטע פון אל. ק. פ. (ב) זייט 12).

„ערד און פרייהייט“

„ס'איז דא צווישן די רוסישע סאציאליסטן א פארטיי, וואס רוקט אפ אין איר פראגראם אפן הינטערשטן פלאן דעם עלעמענט פון אקטיוון קאמף. איר הויפט־געווער איז דאס ברייטע פריידיקן די אידייען פון סאציאליזם אינם פאלק, דער נאענטסטער צוועק — די אויסבילדונג פון אן אינטעליגענטער סא־

ציאַליסטישער מינדערהייט צווישן דעם אַרבעטער־פאָלק, די גרינדונג פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי צוליבן אַקטיוון קאַמף איז בײַ איר אַן אויפגאַבע נאָר פון אַ מער־ווייניק ווײַטער צוקונפט.

מיר לייקענען קלאָל ניט אָפּ די וואָרט־פּראָפּאַגאַנדע און מאַכן זיך, מיר מיינען נאָר, אַז קיין שום לעבעדיקע פּאַרטיי קאָן זיך ניט באַגיין אָן אַק־טיוון קאַמף, אָן פּראַקטישער אַגיטאַציע.

אָט וואָס עס ליגט דער הויפּטאונטערשייד צווישן אונז און די פּראָפּאַ-גאַנדיסטן. ווי מע קאָן גרינג איינזען, שטערט עס אונז לאַכלוטן ניט צו ווינטשן זיי דעם גרעסטן ערפאָלג אין זייער טעטיקייט און העלפן זיי, ווי נאָר מעגלעך.

ס'איז דאָ נאָך איין שטרעמונג אין רוסישן סאָציאַליזם, וואָס האָט גע־מאָלדן וועגן זיך אין דער סאָציאַליסטישער ליטעראַטור, איינם אויסלענדישן אָרגאַן „נאַבאַט".

איר פּראָגראַם איז צו פאַרכאַפּן אין אירע הענט די מאַכט דורך אַ פאַר־שווערונג דורך אַ מעלוכע-איבערקערעניש, קעדיי צו דערקרעטירן אַ נייע פּאָליטי־שע און עקאָנאָמישע אָרדענונג.

ווי גרויס די טעראָריסטישע מאַכלויקעס אונזערע זאָלן ניט זיין, מוזן מיר מוידע זיין, אַז אין אונזער געזעלשאַפט, וועלכע ליידט דורכויס פון פּאָליטישן הינערפּלעט, בײַ דער אַלגעמיינער רעכטלאָזיקייט, קאָן אַ פּאַרטיי, וואָס שטרעבט אונטערצוגראָבן די מאַכט פון דער מאָדערנער דעספּאָטישער רעגי־רונג, ניט ווייניק פאַרגרינגערן דעם קאַמף פון די סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן.

די טעטיקייט פון די יאַקאָבינער אַלס דעזאָרגאַניזאַטאָרן פון דער עקזיס־טירנדיקער מאַכט, וועט טאָמיד באַגעגענען מיטגעפיל פון אונזער זייט. אין דעם וועלן זיי זיך איבערצייגן אין דער פּראַקטיק, ווי נאָר זיי וועלן זיך נעמען פאַר דער פּראַקטישער טעטיקייט פון פאַרשווערער — צעשטערער.

בענוגייע די קאָנסטיטוציאָנעלע שטרעבונגען קאָנען מיר לעסאַטע קיין באַשטימטע זאַך ניט זאָגן. אונזערע באַציאונגען מיט זיי וועלן זיך לאָזן באַ־שטימען, ווען די קאָנסטיטוציאָנאַליסטן וועלן אַרויסטרעטן, ווי אַ ווירקנדיקע פּאַרטיי.

אָבער זיי מעגן זיין זיכער אין איין זאַך, אַז יעדער פּרואוו פון קאַמף פאַר מענטשן־רעכט, פאַר פאַרברייטערן די פרייהייט פון געדאַנק איז אונז ניט ווייניקער טייער, ווי די רוסישע ליבעראַלן.

ערד און פרייהייט! — אָט דאָס זיינען די צוויי קישעף־ווערטער, וועלכע האָבן אַסאַך מאָל געהאַט אויפגעהויבן פון טיף רוסלאַנד מעכטיקע סטיכיי־אישע באַוועגונגען. צוויי מאָל האָבן זיי שיר ניט איבערגעקערט דאָס אימ־פּעריאַלע רוסלאַנד און רודערן אויך אַדהאַיאָם אויף די נעשאָמע פון גראָען פויערטום פון איין עק רוסלאַנד ביזן צווייטן.

ערד און פרייהייט! — דאָס איז דער דעוויז, וועלכן ס'האָבן אויפגע־שריבן אַף זייער פאָן, טריי דעם גייסט און דער געשיכטע פון זייער פאָלק, אונזערע פאָרגענגער, די סאָציאַליסטן־פאָלקיסטן פון די 60־ער יאָרן.

דיזעלבע ווערטער שרייבן מיר אויך אף אונזער פאָן.

מיר זיינען איבערצייגט, אז נאָר יענע קולטור־פאָרמען האָבן א היסטאָרישע צוקונפט, וועלכע האָבן א וואָרצל אין די מויכעס און אין די שטרעבונגען פון די פאָלקס־מאסן; מיר גלויבן ניט אין דער מעגלעכקייט צו שאפן איינם פאָלק דורך פארבארייטונג־ארבעט אידעאלן, וואָס אונטערשיידן זיך פון יענע, וואָס זיינען אין אים אנטוויקלט געוואָרן פון זיין גאנצער פריערדיקער געשיכטע. אף אלע פּרואוון פון דעם מין קוקן מיר, ווי אף א פּולקאָם אומבארעכנטע פארשווענדונג פון קויכעס, ווייל די דערפארונג פון אלע פארגאנגענע באוועגונגען, אין אלע לענדער און בא אלע פעלקער, אָנהויבנדיק פון די פריערשע אויפשטאנדן אין אויסלאָזנדיק מיט דער פאריזער קאָמונע, באווייזט אונז, אז יעדע רעוואָלוציאָנערע באוועגונג — אין דער מאָס, ווי זי פארברייטערט זיך — אנטוויקלט, לייטערט און פארפולקומט יענע רעוואָלוציאָנערע עלעמענטן, וועלכע זיינען געווען דער לעבאַטבילעדיקער סטימול פון דער באוועגונג.

די רעוואָלוציע איז די זאך פון די פאָלקס־מאסן. זי גרייט צו די געשיכטע. די רעוואָלוציאָנערן קאָנען נאָר זיין ווערקצייג פון דער געשיכטע, אויסדריקער פון די פאָלק־שטרעבונגען. זייער ראָל באשטייט אין מיטהעלפן — אָרגאניזירנדיק דאָס פאָלק אין נאָמען פון זיינע שטרעבונגען און פאָדערונגען און אויפהויבנדיק אים צום קאמף, קעדיי צו פארווירקלעכן די פאָדערונגען. זיי קענען נאָר פארגיכערן דעם רעוואָלוציאָנערן פראָצעס, וועלכער קומט פאָר אין געגעבענעם פעריאָד, לויט די אומפארענדערלעכע געזעצן פון דער געשיכטע. אויסער דערדאָזיקער ראָלע זיינען זיי גאָרניט. אין אירע האמען זיינען זיי איינער פון די מעכטיקסטע פאקטאָרן פון דער געשיכטע.

אלס יעסאָד פון יעדער עכט־רעוואָלוציאָנערער פראָגראם מוזן דעריבער דינען די פאָלקס־אידעאלן, ווי די געשיכטע האָט זיי געשאפן אין דער געגעבענער צייט, און אין געגעבענעם אָרט.

אין אלטע צייטן, וואו און אין וואָסער א אומפאנג עס זאָל זיך ניט האָבן אויפגעהויבן דאָס רוסישע פאָלק, פלעגט עס פאָדערן ערד און פרייהייט!

ערד — ווי דאָס אלגעמיינע רעכט פון די, וועלכע ארבעטן אף איר, — און פרייהייט, ווי דאָס אלגעמיינע רעכט פון אלע מענטשן אליין צו האָבן די דייע איבער זייערע איניאָנים.

דאָס אָפנעמען די ערד בא די פּריצים און סראָרעס, דאָס פארטרייבן און אמאָל דאָס דורכויסיקע אויסראָטן די גאנצע „נאטשאלסטווע“, די פארשטייער פון דער רעגירונג און די גרינדונג פון „קאָזאקישע קרייזן“, ד. ה. פרייע, אווטאָנאָמע געמיינדעס, מיט אויסגעוויילטע, פאראנטוואָרטלעכע און שטענדיק געביטענע אויספירער פונם פאָלקס־ווילן — דאָס איז טאָמיד געווען די אומפארענדערלעכע „פראָגראם“ פון די פאָלקס־רעוואָלוציאָנערן — סאָציאליסטן: פוגאטשאָוו, ראזין און זייערע מיטקעמפער.

אזא בלייבט זי, בלי סאָפעק, אויך איצט פאר דער גוואלדיקער מערהייט פון רוסישן פאָלק.

מאַכמעס דעם נעמען מיר, רעוואָלוציאָנערן־פאָלקיסטן, זי אויך אָן.

אין דערהאָזיקער פּראָגראַם רוקן מיר ארויס אפן ערשטן פלאַן די אגראַר־פראַגע, די פאַבריק־פראַגע ווידער לאָזן מיר איבער אין שאָטן, און ניט דערפאַר, ווייל מיר האַלטן ניט די עקספּראָפּריאַציע פון די פאַבריקן פאַר נויטווענדיק, נאָר דערפאַר, ווייל די געשיכטע, וועלכע האָט אָוועקגעשטעלט אין מאַירעוו־אייראָפּע אפן ערשטן פלאַן די פאַבריק־פראַגע, האָט זי בא אונז איינגאַנצן ניט ארויסגערוקט, פאַרבייטנדיק זי מיט דער אגראַר־פראַגע. און דאָך וועט די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג, וואָס האָט זיך אויפגעהויבן אין נאָמען פון דער ערד, אפן צווייטן טאָג אליין מוזן קומען צום באַוואוסטזיין פון דער נויטווענדיקייט צו עקספּראָפּריאירן די פאַבריקן און פולשטענדיק מעוואַטל מאַכן יעדע קאַפּיטאַליסטישע פּראָדוקציע, ווייל איבערלאָזנדיק איר, וואָלט זי זיך אליין אויסגעגראָבן א קייווער.

פונקט אזוי וואָלט זיך אויך די שטאָטישע סאָציאַליסטישע באַוועגונג (ווען זי זאָל זיך האָבן אָנגעהויבן אומאָפּהענגיק פון דאָרף) אומפאַרמיידלעך אָנגעשטויסן אף דער פראַגע וועגן אגראַר־סאָציאַליזם שוין אף די ערשטע שריט.

מאַכמעס דיזעלביקע סיבעס וועלן מיר אין אונזער פּראָגראַם ניט באַשטימען פאָרויס די פראַגן וועגן די פּראַטים פון דער צוקונפטיקער סאָציאַליסטישער אָרדענונג. לאָמיר איבערלאָזן די צוקונפט פאַר דער צוקונפט. די געגנוואַרט האָט פאַר זיך א גענוג קלאָרע אויפגאַבע: פאַרווירקלעכן די פאָלקס־רעוואָלוציע, וועלכע איז אליין אימשטאַנד צו אנטוויקלען די צוקונפטיקע סאָציאַליסטישע אָרדענונג פון יענע עלעמענטאַרע יעסוידעס פון סאָציאַליזם, וואָס זיינען שוין געשאַפן אין די מויכעס פון פאָלק".

(לייטאַרטיקל אין נומער 1 „זעמליא אי וואָליא" פון 15-טן אקטיאבר, 1878 יאָר).
לויט דער „געשיכטע פון קלאסן-קאַמף אין רוסלאַנד אין מאטעריאַלן און דאָקומענטן",
אונטער דער רעדאַקציע פון קארפּאָוו און מארטינאָוו.
מעלוכע-פאַרלאַג, לענינגראַד, 1926 י. זייט 274—272).

פּיאָטר אלעקסעיעווס רעדע פאַרן געריכט

(10 מאַרט, 1877 יאָר).

„מיר מיליאָנען מענטשן פון דער ארבעטער־באַפעלקערונג, ווי נאָר מיר הויבן זיך אָן שטעלן אף די פיס, ווערן מיר געלאָזן פון אונזערע פאָטערס און מוטערס אף גאָטס באַראָט, ניט באַקומענדיק קיין שום בילדונג, ניט האָבנדיק קיין שולן און קיין צייט, מאַכמעס דער ארבעט איבער די קויכעס און דעם קנאַפּן לוין פאַר איר. צו ניין יאָר באַמיט מען זיך שוין אָריבערפירן אונז פון קעסט צום פאַרדינען. וואָס וואַרט אף אונז דאָרטן? פאַרשטייט זיך, מיר פאַרקויפן זיך דעם קאַפּיטאַליסט אף שטיק־ארבעט פאַר א שטיקל שוואַרץ ברויט, מיר קומען אָן אונטער דער השגאָכע פון דערוואַקסענע, וועלכע געוואוינען אונז צו מיט ריטער און קלעפּ צו ארבעטן איבער די קויכעס; מיר

שפּייזן זיך אַביִוּוּי, מיר ווערן דערשטיקט פֿון שטויב און פֿון פֿאַרדאַרבענער, פֿאַרפֿינסטערטער לופֿט, מיר שלאָפֿן וואו עס קומט אויס — אַף דער פּאָדלאָגע, אָן שום בעטגעוואַנט און אָן אַ קישן צוקאָפּנס, זיך אײַנוויקלענדיק אין אַ וועלכער עס איז שמאַטע און אַרומגערינגלט פֿון אַלע זײַטן מיט פּאַראַזיטן... אין אַזאַ לאַגע פֿאַרטעמפּן אײַניקע אײביק זײערע אינטעלעקטועלע פֿעאיקייט און בײַ זיי אַנטוויקלען זיך ניט די זיטלעכע באַגריפֿן, וועלכע מען באַקומט אין דער קינדהייט; עס בלײַבט איבער נאָר דאָס, וואָס עס קאָן נאָר אויסדריקן די גראָב־דערצויגענע, פֿון אַלעמען פֿאַרגעסענע, פֿון איטלעכער ציוויליזאַציע איזאָלירטע אַרבעטער־סוויווע, וועלכע פֿאַרדינט איר ברויט דורך פֿיזישער אַרבעט. אָט וואָס אונז, אַרבעטער, קומט אויס אויסצושטיין אונטערן יאָך פֿונם קאַפּיטאַליסט אינעם דאָזיקן קינדהייט־פּעריאָד! און וואָס פֿאַר אַ באַגריף קאָנען מיר באַקומען וועגן דעם קאַפּיטאַליסט, אַבוץ סינע? אונטער דער ווירקונג פֿון אַזעלכע לעבנס־באַדינגונגען ווערט בײַ אונז פֿון קלײנווײַז אָן פֿאַרהאַרטעוועט די אַנטשלאָסנקייט צו לײַדן ביז אַ צײַט, מיט אַ פֿאַרבאָרגענער סינע אין האַרצן, דעם גאַנצן דרוק פֿון די קאַפּיטאַליסטן, וועלכער שטיקט אונז, און אָן טײַנעס אַריבערטראָגן אַלע באַליידיקונגען, וועלכע ווערן אונז פֿאַרשאַפֿט.

דעם דערוואַקסענעם אַרבעטער האָט מען דעם לוין דערפֿירט ביזן מינימום; פֿונם דאָזיקן פֿאַרדינסט באַמיען זיך אַלע קאַפּיטאַליסטן אָומפֿאַרשעמט אַף אַלערליי אויפֿאַנים אָפּצונעמען בײַ די אַרבעטער דעם לעצטן פֿאַרהאַרעוועטן גראָשן און דירעקטע גזילע איז זײער רעוועך. די סאַמע בעסטע פֿון די מאָסקווער פֿאַבריקאַנטן, — אויך זיי עקספּלואַטירן און פּײַניקן די אַרבעטער אַבוץ דורך קנאַפּע פֿאַרדינסטן אָפֿן פֿאָלגנדיקן אויפֿן: דער אַרבעטער גיט זיך אָפּ דעם באַלעבאָס אַף שטיק־אַרבעט אָן טײַנעס־אומיינעס און פּילט אויס פּינקטלעך יעדן אַרבעטס־טאָג די אַרבעט, אַף וועלכע ער איז אָנגעקומען. די אַרבעטער בויגן זיך פֿאַרן קאַפּיטאַליסט, ווען מע לייגט אַף זיי אַרויף — מיט רעכט צי מיט אומרעכט — אַ שטראָף מוירע האָבנדיק אָנצואווערן דאָס שטיקל ברויט, וואָס קומט זיי פֿאַר 17־שאָעיקער טאָג־אַרבעט. איך נעם זיך אַגעוו ניט פֿאַרשרײַבן די פּראָטים פֿון אַלע מיסברויכן פֿון די פֿאַבריקאַנטן, ווײַל מײַנע ווערטער קאָנען קלינגען אומגלויבלעך פֿאַר די, וועלכע ווילן ניט וויסן דאָס לעבן פֿון די אַרבעטער און האָבן ניט געזען דאָס לעבן פֿון די מאָסקווער אַרבעטער, וואָס האָרעווען פֿאַר די באַרימטע רוסישע פֿאַבריקאַנטן: באַבקין, גוטשקאָוו, מאָראָזאָוו און די אַנדערע.

פּאָרזיצער, סענאַטאָר פּעטערס: דאָס איז אַלציינס. איר מעגט עס ניט ריירן.

פּיאָטר אַלעקסייעוו: יאָ, בעעמעס, עס איז אַלציינס, אומעטום זײַנען די אַרבעטער דערפֿירט ביזן סאַמע קלעגלעכן צושטאַנד דורך 17 שאָ אַרבעט אין טאָג — און מע קאָן קוים פֿאַרדינען 40 קאָפּיקעס! עס איז אַ גרויל! בײַ אַזאַ יאַקרעס אַף שפּייז־פּראָדוקטן קומט אויס אויסצעטיילן פֿון דעמדאָזיקן קנאַפּן פֿאַרדינסט אַף אויפֿצוהאַלטן די פֿאַמיליע־עקזיסטענץ און אײַנ־

צאלן מעלוכע־שמייער! ניין! בא די אייצטיקע לעבנס־באדינגונגען פון די ארבעטער איז אוממעגלעך באפרידיקן די סאמע נייטווענדיקסטע לעבנס־באדערפענישן פון א מענטשן. זאל זיין, אז זיי שטארבן דערהוייל מיט א לאנגזאמען הונגער טויט, — אנעמענדיק זיך מיט מוט, וועלן מיר עס צוזעען, ביז וואנען מיר וועלן ניט באפרייען פון יאך אונזער מידע האנט און מיר וועלן זי דעמאלט קאנען אויסשטרעקן צו הילף די אנדערע. טיילווייז איז דאס אלץ מעשונעדיק, אומפארשטענדלעך, טונקל, און עס טוט עפעס באנג, באזונדערס דאס זיצן אפן באשולדיקונגס־באנק פון א מענטשן, וועלכער האט זיין גאנץ לעבן שיר ניט פון וויגעלע אן, פארדינט זיין שטיקל שווארץ ברויט מיט 17־שאאיקער ארבעט. איך בין עטוואס באקאנט מיט דער ארבעטער־פראגע בא אונזערע מאירעוו־ברידער. זיי זיינען אין אסאך זאכן ניט גלייך צו די רוסן: דארטן פארפאלגט מען ניט, ווי בא אונז, יענע ארבעטער, וועלכע פארברענגען אלע פרייע מינוטן און פילע שלאפלאזע נעכט באם לייענען ביכער; אדרעראבע, דארטן שטאלצירט מען מיט דעם און וועגן אונז רופט מען זיך אפ ווי וועגן א שקלאפיש און האלב־ווילד פאלק. און ווי זאל מען זיך וועגן אונז אנדערש אפרופן? האבן מיר דען פרייע צייט פאר וואסערע ניט איז לימודים? לערנט מען דען בא אונז עפעס פון קליינווייז אן אן ארימאן? זיינען דען בא אונז פאראן נוצלעכע און צוגעגנגלעכע ביכער פאר אן ארבעטער? וואו און וואס קאנען זיי זיך אויסלערנען? און קוקט אריין אין דער רוסישער פאלקס־ליטעראטור! עס קאן ניט זיין קיין מער וואונדערבארע זאך, ווי דער ביישפיל, וואס בא אונז ווערן ארויסגעגעבן צום לייענען פארן פאלק אזעלכע ביכער, ווי „דער בען־מיילעך־באווא“, „יערוסלאן לאזארעוויטש“, „וואנקא קאעין“, „דער כאסן אין טינט און די קאלע אין ראסל“ אוכעדריימע. מאכמעס דעם האבן זיך בא אונזער ארבעטער אוילאם אויסגעבילדעט אזעלכע באגריפן וועגן לייענען: איינס איז אינטערעסאנט און דאס אנדערע איז געטלעך. איך מיין, אז איטלעכן איז באוואוסט, אז בא אונז אין רוסלאנד זיינען נאך די ארבעטער אלץ ניט באפרייט פון רעדיפעם פארן לייענען ביכער; און ביפראט נאך, ווען מען דערזעט בא זיי א בוך, וואו עס רעדט זיך וועגן זייער לאגע, — דעמאלט היט זיך! מ׳זאגט אים אפן: „דו, ברודער, ביסט ניט ענלעך אפ אן ארבעטער, דו לייענסט ביכער“. און מעשונעדיקער פאר אלץ איז דאס, וואס עס איז גאר ניטא קיין אירא־ניע אין די געזאגטע ווערטער, אז אין רוסלאנד זיין גלייך צו אן ארבעטער איז דאסזעלבע, וואס זיין גלייך צו א בעהיימע. מיינע הערשאפטן; ניט שוין מיינט ווער, אז מיר, ארבעטער, זיינען צו אלץ אזוי ווייט טויב, בלינד, שטום און נאריש, אז מיר הערן ניט, ווי מע רופט אונז „נאראנים“, „פוילענצער“, „שיקורים“? וואס זשע, די ארבעטער האבן טאקע בעעמעס פארדינט צו האבן אזא שעם? זעען מיר דען ניט, ווי ארום אונז ווערן אלע רייך און מע מאכט זיך לוסטיק אף אונזער כעשבן? ניט שוין קאנען מיר ניט פאלן אפן סייכל און פארשטיין, פארוואס מיר ווערן עס אזוי ביליק געשאצט און וואו עס קומט אהין אונזערע שווערע הארעוואניע? פארוואס לעבן עס אנדערע אין לוקסוס ניט ארבעטנדיק, און פון וואנען נעמט עס זיך זייער רייכטום?

שוין זשע פילן מיר גיט ווי שווער עס הענגט אף אונז די אזוי גערופענע אלשטאנדיישע מיליטערדינסט? ווייסן מיר דען ניט, ווי לאנגזאם און ניט גערן מען האט געלייזט די פראגע וועגן דאָרף־שולן פאר פויערים, און צי דען זעען מיר ניט, ווי מע האט זיך געקליגט זיי אוועקשטעלן? ניט שוין זשע איז אונז ניט טרויעריק און באנג צו לייענען אין די בלעטער די ארויסגעזאָגטע מיינונגען וועגן דעם אָנדינגען פון ארבעטער־קלאס? די לייט, וואָס האָבן אזא מיינונג וועגן די ארבעטער, אז זיי זיינען קלוימערשט ניט פילבאר און פאַר־שטייען גאָרנישט, — האָבן א גראָבן טאָעס. דער ארבעטער־אוילאָם, האָטשע ער בלייבט אין דער פרימיטיווער לאגע און באקומט אדהאיאָם ניט קיין שול־בילדונג, קוקט דאָך אף דעם, ווי אף א צייטווייליקן בייז; אזוי קוקט ער אויך אף דער רעגירונג מאכט גופע, וועלכע איז צייטווייליק פארמאכט מיט געוואלט און דרייט אלץ איבער אף דער אנדער זייט. מער קאָן מען פון איר גאָרניט וואַרטן! מיר, ארבעטער, האָבן פארלאנגט און דערוואַרט פון דער רעגירונג, אז זי וועט ניט אָנהאלטן דעם אלטן שטייגער, אז זי וועט מאטעריעל באוואָ־רענען דעם פויער„ אז זי וועט אונז ארויספירן פון דער ווילדער לאגע און וועט אוועק מיט גיכע טריט פאָרויס. אָבער וויי! ווען מיר גיבן א קוק צוריק, ווערן מיר פולשטענדיק אנטוישט און אויב מיר וועלען דערביי דערמאָנען דעם אומפארגעסלעכן געפלאנטן טאָג פארן רוסישן פאָלק, — דעם טאָג, ווען עס האָט מיט אויסגעשטרעקטע הענט און פול מיט פרייד און האָפענונג צו באַ־וואָרענען זיין גוירל, געדאנקט דעם צאר און די רעגירונג, — דעם 19־טן פעוורואַל. און וואָס זשע? פון דעם האָט זיך פאר אונז אויך אויסגעלאָזן ניט מער ווי א כאָלעם. אָט די פויערשע רעפאָרם פון 19־טן פעוורואַל 1861 יאָר, די „געשאָנקענע“, האָטשע נויטווענדיקע, אָבער פונם פאָלק גופע ניט ארויס־גערופענע רעפאָרם באוואָרנט ניט אפילע די סאמע נויטווענדיקע באדערפעניש פונם פויער. מיר זיינען געבליבן ווי פריער, אָן א ביסן ברויט מיט שטיק־לעך ערד, וועלכע טויג אף גאָרנישט, און מיר זיינען געוואָרן אָפהענגיק פון קאַ־פיטאליסט. דער אייזעם, דער פארוואלטער פון נאָסאָווס פאבריק זאָגט, אז באַ אים זיינען די ארבעטער, אכוץ יאנטעוו, אונטער א שטרענגער השגאָכע, און ווער ס'איז ניט געקומען צו דער באשטימטער צייט צו דער ארבעט, בלייבט ניט אומבאשטראָפט, און הונדערטער אזעלכע פאבריקן, וואָס רינגלען ארום זייערע, זיינען אָנגעפראפט מיט פויערשן אוילאָם, וועלכער לעבט אונטער די־זעלביקע באדינגונגען הייסט — זיי זיינען אלע לייבקנעכט! ווען מיר זיינען — צום באדויערן, ניט זעלטן — געצוואונגען צו בעטן העכערן דעם אר־בעטס־לוין, וואָס דער קאפיטאליסט גופע האט אראָפגעזעצט, באשולדיקט מען אונז אין שטרייקן און מע פארשיקט קיין סיביר, — הייסט עס, אז מיר זיי־נען לייבקנעכט. ווען מיר זיינען געצוואונגען פון קאפיטאליסט גופע צו פאַר־לאָזן די ארבעט און פאָדערן פאנאנדעררעכענען זיך מיט אונז, באשולדיקט מען אונז אין מאכן א בונט און מע צווינגט אונז מיט געוואלט — מיט די קאָלבעס פון סאָלדאטסקע ביקסן ווייטער ארבעטן און אייניקע אלס „רעדל־פירער“, פארשיקט מען אין ווייטע מעקוימעס — הייסט עס, מיר זיינען

ל י י ב ק נ ע כ ט. ווען איטלעכער פון אונז באזונדער קאן ניט אנגעבן קיין אנקלאגע אפן קאפיטאליזם און דער ערשטער בעסטער „קווארטאלנער“ (פאָ־ליציי־באאמטער) גיט אונז מיטן פויסט אין די ציין און טרייבט אונז ארויס מיט קלעפ, הייסט עס, מ י ר ז י י נ ע ן ל י י ב ק נ ע כ ט.

פון דעם אלעמען, וואס איך האב פריער געזאגט, זעט מען, אז דעם רו־סישן ארבעטער־פאלק בלייבט איבער צו האפן נאר אף זיך אליין און פון קיינעם ניט דערווארטן קיין הילף, אויסער פון אונזער אינטעליגענטנער יוגנט.

פ א ר ז י צ ע ר שפרינגט אויף און שרייט: „שווייגט! שטיל!“

פ י א ט ר א ל ע ק ס י י ע װ (זעצט פאר אויפהויבנדיק דעם קאל).

בלויז זי האט אונז ברידערלעך אויסגעשטרעקט די האנט. בלויז זי האט זיך אפגערופן, האט געלאזט הערן איר קאל אלס ענטפער אף די פויערש־זיפצן פון דער רוסלענדישער אימפעריע. בלויז זי האט ביזן טיפן הארצן דורכ־געפילט, וואס עס באדייטן און פון וואנען עס הערן זיך די פויערשע זיפצן. זי אליין קאן ניט קאלטבלוטיק קוקן אף דעמדאזיקן אויסגעמאטערטן, אונ־טערדריקטן פויער, וואס קרעכצט אונטערן יאך פון דעספאטיזם. בלויז זי האט ווי א גוטער פריינט, ברידערלעך אויסגעשטרעקט אונז איר האנט און וויל אונז אויפריכטיק ארויסשלעפן פון דעם פארשלינגנדיקן טהאם אפן ריכטיקן וועג. בלויז זי פירט אונז אומדערמידלעך, אויפעפענענדיק אלע וועגן, קעדיי אלע אונזערע ברידער זאלן זיך ארויסרייסן פון דער אונטערגעשטעלטער נעץ, ביז וואנען זי וועט אונז ניט מאכן פאר זעלבשטענדיקע דורכפירער פון דעם אלגעמיינעם וואוילטאג פון פאלק. און בלויז זי וועט מיט אונז גיין, ניט געשיידט. ביז וואנען (ער רעדט, אויפהויבנדיק די האנט) עס וועט זיך אויפהויבן די מוסקלדיקע האנט פון די מיליאנען פונם ארבעטער־פאלק...

פ א ר ז י צ ע ר רעגט זיך אויף און שרייט, אויפשפרינגענדיק: „שווייגן, שטילשווייגן!“

פ י א ט ר א ל ע ק ס י י ע װ (אויפהויבנדיק דעם קאל)......און דער יאך פון דעספאטיזם, וואס איז באצוימט מיט סאלדאטסקע באגנעטן, וועט צע־פאלן אין שטויב!....“

(פון דער געשיכטע פון קלאסן־קאמף אין רוסלאנד. זייט 278—274).

קוקלין

דער „צאפן־פארבאנד פון די רוסישע ארבעטער“

„דער צאפן־פארבאנד פון די רוסישע ארבעטער“ איז אף א טאטירלעכן אויפן אנטשטאנען פון יענעם קעמערל פון דער פעטערבורגער ארבעטער ארגא־ניזאציע, וואס איז צונויפגעשטעלט געווארן פון די „אלטע“ אויסגעפרואווטע רע־וואלוציאנערן־ארבעטער. געגרינדעט האט זיך דער פארבאנד אין סאף 1878

יאָר. פון די ערשטע וואָכן פון זיין עקזיסטענץ האָט ער אָנגעציילט ניט
זיינציקער פון 200 מיטגלידער און ארום אים האָט זיך גרופּירט לעבאַל־האַ־
באַבעס נאָך אזא צאָל מיטפילנדיקע ארבעטער, וועלכע זיינען אָבער געווען
פּארטרויט אין דער אָרגאַניזאַציאָנעלער ארבעט. די מערהייט פון זיינע מיט־
גלידער זיינען געווען זאַוואָדישע ארבעטער. אין יעדן באַדייטנדיקן ארבעטער־
קוואַרטאַל פון פּעטערבורג זיינען געווען באַזונדערע קרייזן, וועלכע האָבן געביל־
דעט דעם אָרטיקן צווייג פון פאַרבאַנד. יעדער צווייג האָט געהאַט זיין קאַסע
און זיין קאָנספּיראַטיווע קוואַרטיר. פאַרן אָנפירן מיט זיינע איניאָנים פלעגט
אויסגעוויילט ווערן א קליינער קאָמיטעט. די מיטגלידער פונם אָרטיקן קאָ־
מיטעט זיינען גלייכצייטיק געווען מיטגלידער פונם צענטראַלן קרייז, וועלכער
פלעגט זיך פעריאָדיש צונויפזאַמלען, קעדיי צו באַטראַכטן די אַלגעמיינע איני־
אָנים פונם פאַרבאַנד. אין רעשוס פונם צענטראַלן קרייז האָט זיך געפונען א
באַזונדערע קאַסע און א פאַרבאַנדישע ביבליאָטעק. די צענטראַלע קאַסע, ווי
אויך די אָרטיקע קאַסעס, פלעגן צונויפגעשטעלט ווערן פון מיטגלידער־אָפּצאָלן.
בעאיים דעם צווייטן שטרייק אף דער נייער טעקסטיל־פאַבריק איז אין איר
געווען 200 — 150 רובל.

די אָרגאַניזאַטאָרן פונם פאַרבאַנד האָבן אויסגעאַרבעט פאָלגנדיקע פּראָ־
גראַם פונם פאַרבאַנד.

„צו׳ די רוסישע ארבעטער.

די פּראָגראַם פונם צאָפן־פאַרבאַנד פון די רוסישע ארבעטער.

אָנערקענענדיק דעם שרעקלעך שעדלעכן פּאָליטישן און עקאָנאָמישן דרוק.
וועלכער האָט זיך אראָפּגעלאָזט אף אונזערע קעפּ מיט דער גאַנצער קראַפט
פון זיין אומדערבאַרעמדיקן קאַפּריז, אָנערקענענדיק די גאַנצע אומדערטרעג־
לעכע שווערקייט פון אונזער סאָציאַלער לאַגע, וועלכע רויבט פון אונז יעדע
מעגלעכקייט און האָפענונג אף א וועלכער עס איז דערטרעגלעכער עקזיסטענץ;
אָנערקענענדיק ענדלעך, אז עס איז שוין געוואָרן אוממעגלעך ווייטער צו ליידן
פון אזא אָרדענונג, וועלכע דראָט אונז מיט פולסטער מאַטעריעלער נויט און
פּאַראַליזירונג פון אונזערע גייסטיקע קויכעס, זיינען מיר, ארבעטער פון פּע־
טערבורג אף דער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג פון 23 און 30 דעקאַבר 1878 יאָר
געקומען צום געדאַנק וועגן דער אָרגאַניזירונג פון אַן אַלרוסישן ארבעטער־
פאַרבאַנד, וועלכער זאָל פאַראייניקן די צעשפּליטערטע קויכעס פון דער שטאָ־
טישער און דאָרפישער ארבעטער־באַפעלקערונג, און דערקלערנדיק איר אייגענע
אייגענע אינטערעסן, צילן און שטרעבונגען, זאָל ער דינען אַלס א גענוג
שטאַרקע שטיצע אין קאַמף מיט דער סאָציאַלער רעכטלאָזיקייט און זאָל שאַפן
פאַר איר יענע אָרגאַנישע אינערלעכע פאַרבינדונג, וועלכע איז נויטיק אף
צו פירן דעם קאַמף.

די אָרגאַניזאַציע פונם „צאָפן־פאַרבאַנד פון די רוסישע ארבעטער“ מוז האָבן
א שטרענג־באַשטימטן כאַראַקטער און דאַרף פאַרפאָלגן נאָר די צילן, וועלכע
זיינען אָנגעמערקט אין זיין פּראָגראַם.

אַלס מיטגלידער פונם פאַרבאַנד ווערן אריינגענומען אויסשליסלעך אר־

בעטער ניט ווינציקער ווי דורך צוויי פּעריאָנען, וועלכע זיינען באוואוסט.

יעדער ארבעטער, וואָס וויל ווערן אַ מיטגליד פון פאַרבאַנד, מוז זיך באַקאַנען מיט דער פּאָלגנדיקער פּראָגראַם און מיט דעם מעהוס פון דער סאָציאַלער לערע.

אַלע מיטגלידער מוזן אָפּהימן צווישן זיך פולקומע סאָלידאַריטעט, און ווער עס איז זי אויוועך וועט באַלד אויסגעשלאָסן.

אַ מיטגליד, וועלכן מע איז גווישער אין פאַראַט צום פאַרבאַנד, ווערט געמישפּעט דורך אַ ספּעציעלן געריכט פון אויסגעווײלטע".

„...דער צאָפּן־פאַרבאַנד פון די רוסישע ארבעטער, אָנשליסנדיק זיך לויט זיינע אָנשויאונגען צו דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי פון מאַירעוו, שטעלט זיך פאַר זיין פּראָגראַם:

1. אראָפּוואַרפן די עקזיסטירנדיקע פּאָליטישע און סאָציאַלע מעלוכע־אָרדענונג, אַלס זייער אַן אומגערעכטע אָרדענונג.

2. גרינדן אַ פריע פאָלקס־פעדעראַציע פון געמיינדעס אפן יעסאָד פון פולער פּאָליטישער גלייכהייט און מיט פולער־אינערלעבער זעלבסטפארוואַל־טונג, לויט די האַנאָכעס פון רוסישן שטייגער־רעכט.

3. פאַרניכטן דאָס ערד־אייגנטום און פאַרביטן אים מיט געמיינדישן ערד־באַנוץ.

4. אַ ריכטיק אַסאָציאירטע אָרגאַניזאַציע פון ארבעט, וועלכע גיט איבער אין די הענט פון די ארבעטער־פּראָדוצירער דעם פּראָדוקט און די פּראָדוציר־מיטלען.

העיווים ווי די פּאָליטישע פרייהייט פארזיכערט פאַר יעדן מענטשן די זעלבסשטענדיקייט פון אי־בערצייגונגען און טאַטן, און העיווים ווי נאָר דורך איר קען פריער פאַר אַלץ גאַראַנטירט ווערן די ליי־זונג פון דער סאָציאַלער פראַגע, דאַרפן די אומיטל־באַרע פאָדערונגען פונם פאַרבאַנד זיין:

1. פרייהייט פון וואָרט, פּרעסע, רעכט אַף פאַרזאַמלונגען און מיטינגען.

2. פאַרניכטונג פון דער געהיים־פּאָליציי און פון די איניאָנים פון פּאָ־ליטישע פאַרברעכנס.

3. פאַרניכטונג פון די שטאַנדרעכט און פּריווילעגיעס.

4. אָבליגאַטאָרישער און אומזיסטיקער לימעד אין אַלע שולן.

5. פאַרקלענערן די צאָל שטענדיקע מיליטער אָדער פולשטענדיק פאַרביטן עס מיט פאָלקס־באַוואָפענונג.

6. רעכט פון דער דאָרפס־געמיינדע צו לייזן די איניאָנים, וועלכע זיינען נוגייע צו איר.

7. פאַרניכטונג פון דער פּאַספּאָרט־סיסטעם און פרייהייט פון פאַר־קער.

8. אָפּשאַפן די אומדירעקטע שטייערן און באַשטימען אַ דירעקטן שטיי־ער לויט דער האַכנאָסע און ירושע.

9. באַגרענעצן די צאָל פון די אַרבעטס־שאָען און פאַרווערן קינדער־אַרבעט.

10. גרינדן פּראָדוציר־אַסאָציאַציעס, לייַ־קאַסעס און אוטאָמיסטיקן קרעדיט פאַר אַרבעטער־אַסאָציאַציעס און פויערישע געמיינדעס.

דורך אומאויפהערלעכער און אַקטיווער פּראָפּאַגאַנדע צווישן זיינע ברידער האָפט דער צאָפן־פאַרבאַנד צו דערגרייכן יענע רעזולטאַטן, וועלכע וועלן אויך בא אונז אַרויסרופן דעם אַרבעטער־קלאַס און וועלן אים צווינגען צו דערמאָנען וועגן זיך, וועגן זיינע רעכט...

אַרבעטער! איך רופן מיר איצט, צו דער שטים פון אייער געוויסן און באַוואוסטזיין ווענדן מיר זיך.

דער גרויסער סאָציאַלער קאַמף האָט זיך אָנגעהויבן, מיר דאַרפן מער ניט וואַרטן; אונזערע מאַירעוו־ברידער האָבן שוין אויפגעהויבן די פאָן פאַר דער באַפרייאונג פון מיליאָנען און מיר דאַרפן זיך אַנשליסן אָן זיי. האַנט בא האַנט וועלן מיר גיין מיט זיי פאָרויס און אין ברידערלעכער איינזיקייט וועלן מיר זיך צונויפגיסן אין איין מעכטיקן שטורמישן קאַמפּס־קויעך.

... ווייסט, אַז אין אייך געפינט זיך די גאַנצע קראַפט און דער גאַנצער באַדייט פונם לאַנד; איר זייט דאָס פלייש און דאָס בלוט פון דער מעלוכע, און אָן אייך וואָלטן ניט עקזיסטירט קיין אַנדערע קלאַסן, וועלכע זויגן איצטער אייער בלוט. איר פילט עס, נאָר איר האָט ניט קיין אָרגאַניזאַציע, קיין אידייע לויט וועלכער איר וואָלט געקענט זיך אָריענטירן, איר האָט ניט קיין מאָראַלע שטיצע, וועלכע איז אַזוי נייטיק קעדיי אָפּצושטויסן געמיינזאַם דעם סוינע, און מיר, אַרבעטער־אָרגאַניזאַטאָרן פונם צאָפן־פאַרבאַנד, גיבן אייך יידישע אָנפירנדיקע אידייע, מיר גיבן אייך אַ מאָראַלע שטיצע אין פאַרייניקונג פון די אינטערעסן, און, ענדלעך, מיר גיבן אייך די אָרגאַניזאַציע, אין וועלכער איר נייטיקט זיך אַזוי.

אַלזאָ, אַרבעטער, דאָס לעצטע וואָרט געהערט צו אייך. פון אייך איז אָפּהענגיק דער גורל פונם גרויסן פאַרבאַנד און דער דערפאָלג פון דער סאָציאַלער רעוואָלוציע אין רוסלאַנד".

די אַרויסגעשטעלטע פאָדערונג פון פּאָליטישער פרייהייט איז געווען אַ סטירע צו די דעמאָלטיקע פּאָלקיסטישע אָנשויאונגען פון דער מערהייט רעוואָלוציאָנערן, און דאָס האָבן טאַקע די „זשעלעוואָלצעס" פאַרגעוואָרפן באַלטורינען און אָבנאָרסקין, די אָנפירער פונם פאַרבאַנד. דערויף איז געקומען אַן ענטפער, אין וועלכן עס ווערט געזאָגט: „מיר ווייסן אָבער אויך, אַז די פּאָליטישע פרייהייט קען גאַראַנטירן אונז און אונזער אָרגאַניזאַציע פונם ווילקיר פון דער מאַכט, אַז זי וועט אונז דערלויבן ריכטיקער צו אַנטוויקלען אונזערע וועלט־אָנשויאונגען און מיט אַ גרעסערן דערפאָלג צו פירן די פּראָפּאַגאַנדע, — און אָט קעדיי איינצושפּאָרן אונזערע קויכעס און וואָס גיכער דערגרייכן אונזער ציל פאָדערן מיר דידאָזיקע פרייהייט, דאָס אָפּשאַפן די פאַרשיידענע דריקנדיקע „געזעץ־האַנאָכעס" און „געזעץ־סיסטעמען".

נאָר עס פאַרשטייט זיך, אַז אונטער דער זעלבסטהערשונג האָט זיך ניט געקענט אַנטוויקלען קיין ברייטע מאַסן אַרבעטער-אָרגאַניזאַציע און דערצו האָבן זיך נאָך אין איר אַריינגעדרייט אַגענטן-שפּיאָנען פון דער 3-טער אָפּטיילונג. דעריבער איז דער פאַרבאַנד אין אַ יאָר אַרום געפאַלן, און אָבנאָרסקי איז פאַרשיקט געוואָרן אין קאַטאָרגע. כאַלטורין איז געשטאָרבן אויף דער טליע אין מערץ 1882 יאָר, ווען ער האָט צוזאַמען מיט אַ צווייטן כאַווער גענומען אָנטייל אין דער דערמאָרדונג פון אַן אָנגעזעענעם צאַרישן באַאַמטן. די אייגנשאַפטן פון אים זענען געווען אַזוי גרויס, אַז מע האָט אַפילו זיך ניט באַמיט צו דערוויסן זיין עמעסן נאָמען און, בעשאַס מע האָט אים געהאַנגען האָט מען ניט געוואוסט, אַז ער איז געווען דער, וואָס איז געווען שולדיק אין אויפרייס פון 5-טן פעברואַל 1880 יאָר. אין דער פּערזאָן פון פּיאָטר אַלעקסעיעוו און סטעפּאַן כאַלטורין זענען די רוסישע קאָמוניסטן זייערע פאָרגענגער.

(קוקלין, ג. א. „דער צאָפן-פאַרבאַנד פון די רוסישע אַרבעטער און סטעפאַן כאַלטורין (1882 – 1878)‟ זשענעווע 1904 י.).

פּלעכאַנאָוו ג. וו. „דער רוסישער אַרבעטער אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג‟ לויט פּערזענלעכע זיכרוינעס ז. 10 און ווייטער).

מ. סקווערי

דער „דאָרעם-רוסלענדישער אַרבעטער-פאַריין‟

דער פאַריין, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן אין יאָר 1875 דורך יע. א. זאַסלאַווסקי, האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט פאַר יענער צייט אַ גאַנץ היפּשע און האַרמאָנישע אָרגאַניזאַציע און האָט פאַראייניקט בא 200 — 150 אַרבעטער מערסטנטיילס פאַבריק-אַרבעטער, ער האָט געהאַט זיין סטאַטוט מיט אַ באַשטימטער פּראָגראַם און האָט עקזיסטירט 9—8 כאַדאָשים. גלייך נאָכן צעשטערן דעמדאָזיקן „פאַריין‟ האָבן זיינע פריינגעבליבענע אָנטיילנעמער געגרינדעט אַ צווייטן „פאַריין‟ אונטער דעמזעלביקן נאָמען, אָבער מיט אַ נייעם סטאַטוט, ווייל דער ערשטער איז פאַרשוואונדן געוואָרן בעאַיים די אונטערזוכונגען. וועגן דעמדאָזיקן צווייטן „פאַריין‟ איז אין דרוק ניט געבליבן קיין שום שפּורן, ווייל ער איז ליקווידירט געוואָרן טיילווייז אַדמיניסטראַטיוו, טיילווייז דורך באַזונדערע פּראָצעסן פון איינצלנע פּערזאָנען. ער האָט געהאַט אַ געוויסע פאַרבינדונג מיט די מוער פון דער „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ‟ און איז, בלי סאָפעק, באַאיינפלוסט געוואָרן פון זיי. פון דעמדאָזיקן „פאַריין‟, איז, אַגעווו געשיקט געוואָרן אַ באַגריסונגס-טעלעגראַם די פּאַריזער אַרבעטער אינם יאָרטאָג פון דער קאָמונע.

מע מוז נאָך צוגעבן, אַז איינער פון יע. א. זאַסלאַווסקיס טאַלמידים האָט געגרינדעט אַן אָפּטיילונג פונם אָדעסער „פאַריין‟ אין ראָסטאָוו דאָן און אַ צווייטער טאַלמיד, — דער אַרבעטער נאַזדאַטשין — איז צוליב דעמזעלביקן ציל געשיקט געוואָרן אין טאַגאַנראָג.

... דער סטאַטוט פונם פאַריין איז אינטערעסאַנט אַלס דער איינציקער

דאָקומענט, וואָס כאַראַקטעריזירט דידאָזיקע ערשטע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע, ווי
אַ רעשימע פון קלאָלים פון אינערלעכער איינאָרדענונג, וועלכע שילדערט איר
סטרוקטור. אָבער באַזונדערס וויכטיק איז דאָס, וואָס דער סטאַטוט איז ניט
געווען לעכאַטכילע אויסגעאַרבעט טעאָרעטיש, — דער סטאַטוט פלעגט ווער־
איבערגעבויט און איז געוואַקסן צוזאַמען מיט די ענדערונגען און מיטן וואוקס
פון דער אָרגאַניזאַציע, ער איז פיל מאָל איבערגעקוקט געוואָרן, אין אים זיי־
נען פאַרבליבן אָנשיכטונגען פון די סטאַדיעס, דורך וועלכע דער „פאַריין" איז
דורכגעגאַנגען פון אַ ליי און שפּאַר־קאַסע דורך אַ „ברודער־קאַסע" צום „פאַ־
ריין". דערצו נאָך איז דערהדאָזיקער סטאַטוט, קאָן מען זאָגן, געווען אַ פּראָ־
דוקט פון קאָלעקטיווער שאַפונג. יע. אַ. זאַסלאַווסקי צי עמיצער אַן אַנדערער
האָט אויפגעגעבן אַ געדאַנק, פלעגט אַריינטראָגן אַ פאַרשלאַג, וועלכער פלעגט
נאָכדעם אַרומגערעדט ווערן אין די גרופּעס אָדער אַף אַן אַלגעמיינע פאַר־
זאַמלונג, און ערשט דערנאָך פלעגט ער פאָרמולירט ווערן אין סטאַטוט. מע
דאַרף צו דעם צוגעבן, אַז באַ אונדז איז אַרומגעגאַנגען איבער די הענט ב ע כ ע ר ס־
בוך „די אַרבעטער פראַגע", איבערגעזעצט און אַרויסגעגעבן אונטער דער רע־
דאַקציע פון טקאַטשאָוו, און אין דער ביילאַגע זיינען געבראַכט געווען מוס־
טערן פון אַרבעטער־סטאַטוטן און פּראָגראַמען, אין דעם קלאַל, דאַכט זיך, אויך
דער סטאַטוט פונם ערשטן אינטערנאַציאָנאַל, און בליספּעק האָט דאָסדאָזיקע
בוך געהאַט אַ האַשפּאָע אויך אַף אונדזער סטאַטוט.

איך האָב גענומען אַן אָנטייל אינם באַהאַנדלען און אויסאַרבעטן דעם
סטאַטוט, מיר איז אויך אויסגעקומען איבערצושרייבן אים אין אַ סך עקזעמ־
פּליאַרן פאַר די גרופּן, וועלכע זיינען אַריינגעגאַנגען אין „פאַריין", און פיל
איז איבערגעבליבן אין זיכּאָרן. די איינלייטונג, וועלכע מע קאָן אָנרופן דער פּאָ־
ליטישער „קרעדאָ" (אָנימאַימין) פון „פאַריין", איז געבליבן אין זיכּאָרן מיט אַ
קימאַט בוכשטעבלעכער פּינקטלעכקייט. זי איז געווען קורץ און אויסדריקספול.

אַף דער ערשטער זייט פונם איינפירן צונויפגעלייגטן בויגן, גלייך נאָך דעם
— מיט גרויסע אויסיעס אָנגעשריבענעם — נאָמען פון „פאַריין" איז גע־
שטאַנען:

„אָנערקענענדיק,

אַז די איינגעשטעלטע עקאָנאָמישע און פּאָליטישע אָרדענונג אַנטשפּרעכט
ניט די עמעסע פאָדערונגען פון גערעכטיקייט,

אַז דידאָזיקע אָרדענונג קאָן געענדערט ווערן נאָר דורך אַ גוואַלט־איבער־
קערעניש, וועלכע וועט צונישט־מאַכן אַלע פּריווילעגיעס און כאַזאָקעס און וועט
אַוועקשטעלן די אַרבעט אַלס אַ יעסאָד פון פערזענלעכן און געזעלשאַפטלעכן
וואוילשטאַנד,

אַז דידאָזיקע איבערקערעניש קאָן נאָר פאָרקומען נאָך דעם, ווי די אַר־
בעטער וועלן איינזען זייער אויסגאַנגסלאָזע לאַגע, און נאָך זייער פולער פאַ־
ריייניקונג, — פאַרייניקן זיך מיר, אַרבעטער פון דאָרעם־רוסלענדישן קאַנט, אין
אַ פאַריין אונטערן נאָמען „דאָרעם־רוסלענדישער פאַריין פון אַרבעטער", און
שטעלן זיך פאַר אַ צוועק:

א) פּראָפּאַגאַנדירן די אידייע וועגן באַפרייען די אַרבעטער פונם יאָך פון
קאַפּיטאַל און פון די פּריווילעגירטע קלאַסן;

ב) פאַראייניקן די אַרבעטער פונם דאָרעם־רוסלענדישן קאַנט און

ג) דעם צוקונפטיקן קאַמף מיט דער איינגעשטעלטער עקאָנאָמישער און
פּאָליטישער אָרדענונג".

נאָך דעם זיינען געגאַנגען 25 פּאַראַגראַפן פון סטאַטוט. די הויפּט־האַנ־
כעס זיינען באַשטאַנען אין פאָלגנדעם: די עקזיסטענץ פון „פאַריין" האָט גע־
האַלטן ווערן בעסודדע סודעם און איטלעכער מוז זיין גרייט צו יעדער צייט
און בא אַלע באַדינגונגען מאַקריוו זיין זיך פאַר דער רעטונג פון דעם פאַריין
— רערדאָזיקער פּאַראַגראַף איז אַריבערגעטראָגן געוואָרן פונם סטאַטוט פון
דער „ברודער קאַסע", וואו ער צוזאַמען מיטן פּאַראַגראַף וועגן ברודער־הילף פון
די אַרבעטער איינער דעם אַנדערן איז געווען דער וויכטיקסטער פונקט. דער
צווייטער פּאַראַגראַף האָט אַנטהאַלטן דעם לאָזונג „איינער פאַר אַלעמען און
אַלע פאַר איינעם" (גענומען פון עפּעס א סטאַטוט פון בעבערס בוך) און איז
געווען לויט זיין, אין טאָך גענומען און איבערגעזעצונג פונם ערשטן. די
מיטלען פונם פאַריין זיינען באַשטימט געווען, „צו פּראָפּאַגאַנדירן די אידייע
פון באַפרייען די אַרבעטער" און שפּעטער אויך צוליב דעם קאַמף פאַר דער
דאָזיקער באַפרייאונג". יעדער פון די אָנטיילנעמער טראָגט אַריין דעם אויס־
דערוויילטן פון זיין קרייזל אדער גרופּע 25 קאָפּיקעס א וואָך, און יענער גיט
איבער דאָס צונויפגעזאַמלטע געלט דעם קאַסיר פון „פאַריין". דער קאַסיר
און די געלט־אָפּצאָלונגען שטאַמען פון דער „ליי־ און שפּאָר־קאַסע"; די גרויכ
פון די אָפּצאָלונגען בלייבט דיזעלביקע, אָבער לעבאַטבילע האָבן זיי געדאַט פאַר
א צוועק פעריזעגלעכע אָפּשפּאָרונגען און האַלוואָעס; אין דער „ברודער־קאַסע"
ווערט שוין דאָס געלט באַשטימט פאַר קעגנזייטיקע הילף. און אין „פאַריין"
ווערט עס א מיטל פאַר פּראָפּאַגאַנדע און קאַמף. ווייטער זיינען נעגאַנ־
גען ריין־אָרגאַניזאַציאָנעלע פראַגן און קלאָלים. דער פאַריין איז לויטן סטאַ־
טוט באַשטאַנען פון צוויי געזעלשאַפטן, פון דער אָדעסער און ראָסטאָווער: די
געזעלשאַפטן בילדן זיך פון גרופּן צו 25 — 15 מאַן. יעדע גרופּע ווײלט אויכ
א „דעפּוטאַט" און די „דעפּוטאַטן", זיך צונויפקלייבנדיק יעדע וואָך צוליב באַ־
ראַטונגען און אויסטויש פון מיינונגען און ידיעות וועגן דעם גאַנג פון דער
אַרבעט אין די גרופּן, זיינען געווען א מין צענטראַל־אָרגאַן פון „פאַריין". דער
קאַסיר פעלגט אויסגעקליבן ווערן דורך אַלע אָנטיילנעמער פון „פאַריין". וועגן
א פּאָרזיצער איז גאָרניט דערמאָנט געוואָרן. פון דער אויסערלעכער זייט, איננ
פּראַט פון געדאַנקען־גאַנג און פאָרם, איז דער סטאַטוט געווען עפּעס א פּרי־
מיטיווע, טאָאָטישע און ניט פאַנאַנדערגעאַרבעטע זאַך, אָבער אין טאָך איז
ער העכסט־כאַראַקטעריסטיש פאַר א ריין־אַרבעטערישער אָרגאַניזאַציע. צוויי
עקזעמפּליאַרן פון סטאַטוט, געשריבענע מיט מיין האַנט, זיינען אַריינגעפאַל
אין די הענט פון די זשאַנדאַרמען.

די אידייען פונם סטאַטוט אַנטהאַלטן אומצווייפלהאַפטע סימאָנים פונב
אוטאָפּישן — כ'וואָלט געזאָגט, פון אידעאַליסטישן סאָציאַליזם. מיר האָבן

לויטן סטאַטוט געגלויבט אין אַן „עטעסער" גערעכטיקייט און מיר האָבן געוואָלט איר דערשלאָגן זיך. און מיר האָבן אַזוי ווי גערעכנט, אַז דער „באַוואוסטזיין" אַליין איז פולקום גענוג צו פאַראייניקן „אַלע אַרבעטער" און נאָכדעם — צו רעפאָרמירן די גאַנצע געזעלשאַפטלעכע אָרדענונג. מיר זיינען נאָך געווען ווייט פון עקאָנאָמישן מאַטעריאַליזם, און אונז איז געווען לאַבלוטפרעמד און אומפאַרשטענדלעך די מאַרקסיסטישע קאָנצעפּציע וועגן דער אָביעקטיווער נויטווענדיקייט פון פאַרוואַנדלען די קאַפּיטאַליסטישע געזעלשאַפט אין אַ סאָציאַליסטישער. אויב די „פאַראייניקונג פון די אַרבעטער" דערמאָנט אפילו דעם לאָזונג „פּראָלעטאַריער פון אַלע לענדער, פאַראייניקט זיך!", האָט זיך די דאָזיקע פאַראייניקונג געבעטן פון זיך אַליין, איז אַרויסגעדרונגען פון עצעם איניעץ, און ס'איז ניטאָ קיין גרונט צו גלייבן, אַז דאָס איז איבערגענומען פונם „קאָמוניסטישן מאַניפעסט". אָבער אינם באַשטימען די צוועקן און די פּראַקטישע אויפגאַבן שטעלט זיך דער סטאַטוט אויפן רעאַלן באָדן און דערקימאַט מיט אַ מאָדערנער שפּראַך. שטעלנדיק דעם קאַפּיטאַל און די פּריווילעגירטע קלאַסן אַנטקעגן די אַרבעטער און אַזוי אַרום זיך שטעלנדיק אויפן קלאַסן־שטאַנדפּונקט, רעדט אונזער פּראָגראַם וועגן פּראָפּאַגאַנדירן די אידייע פון באַפרייען די אַרבעטער, וועגן פאַראייניקונג און וועגן „צוקונפטיקן קאַמף", ד. ה. זי זעט פאָריוס אַסאַך זאַכן פון דעם, וואָס ס'איז שפּעטער אַהין אַריינגעטראָגן געוואָרן אין דער אַרבעטער־באַוועגונג דורכן רוסישן מאַרקסיזם. די מעטאָדן פון קאַמף האָבן זיך אויך פּראַקטיקירט דיזעלביקע: אינם שוים פון „פאַריין" האָבן זיך אָנגעהויבן אָפּזונדערן פּראָפעסיאָנעלע קעמערלעך; עס איז אויך געווען אַ פּרוּוו צו אָרגאַניזירן אַ שטרייק, וועלכער האָט דערגרייכט זיין ציל. דער איקער, — דער אַרבעטער־קלאַס איז אַרויסגעשטעלט געוואָרן ווי אַ טעטיקער און אַ זעלבסשטענדיקער אָנטיילנעמער פון קאַמף פאַר זיין באַפרייאונג. עס איז אויך אינטערעסאַנט צו פאַרצייכענען, אַז מיר האָבן געהאַלטן פאַר נויטיק די „פולע פאַראייניקונג" פון די אַרבעטער קעדיי צו דערגרייכן דעם צוועק פון איבעראַנדערשן די געזעלשאַפט און מיר האָבן געשטעלט פאַר דער נאָענטסטער אויפגאַבע ניט די רעוואָלוציע, נאָר דעם „צוקונפטיקן קאַמף", ד. ה. מיר האָבן זיך פאָרגעשטעלט אַ דויערדיקן פּראָצעס, און מיר זיינען זיך אַזוי אַרום באַשטימט פאַנאַנדערגעגאַנגען — לויטן סטאַטוט — מיט דער הערשנדיקער ריכטונג אין דעם רעוואָלוציאָנערן פאָלקיזם פון יענער צייט, דערנענטערנדיק זיך צו דער פּראַקטיק און צו די קאַמף־מעטאָדן פון דער סאָציאַלדעמאָקראַטיע.

מען דאַרף פונדעסטוועגן ניט מיינען, אַז מיר האָבן — אינם גייסט פון דער סאָציאַלדעמאָקראַטיע — געלייגט אַלע האָפענונגען בענויגייע דער ענדערונג פון דער געזעלשאַפטלעכער אָרדענונג נאָר אויפן אַרבעטער־קלאַס, ד. ה. אויפן פּראָלעטאַריאַט. אונזער סטאַטוט איז געווען ניט קיין אַלגעמיינע פּראָגראַם נאָר אַ סטאַטוט פון אַן אַרבעטער־געזעלשאַפט...

מ. פּ. סקווערי. די ערשטע אַרבעטער־סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציע אין אַדעס (1875) אַלאוקראַיִנישער מעלוכע־פאַרלאַג. אַדעס, 1921.

פ ע ר ט ע ר אָ פּ ט י י ל

דער אינדוסטריעלער אויפשטייג און קריזיס

פין ־ יענאטאיעווסקי

דער אינדוסטריעלער אויפשטייג פון די יאָרן 1893—1899

(אלגעמיינער עטיוד)

אין יאר 1893 האָט דער אינדוסטריעלער קאפיטאליזם בא אונז אָנגע־הויבן זיין נייעם — און דאָסמאָל דעם סאמע באדייטנדסטן — באוועגונג־ציקל. דערצו האָבן גווירעם געוועזן די באדינגונגען פון אינטערנאציאנאלן מארק. א ריי ענדערונגען אין די קאפיטאליסטישע אייראָפּעאישע לענדער, וואס זיינען געמאכט געוואָרן אין שטילשטאנד־פעריאָד פון אָנהויב 90־ער יאָרן, האָט א שטויס געטאָן א מאסע קאפיטאלן אפן וועג פון אינדוסטריע. ווערנדיק צוגע־צויגן פון אונזער הויכער רעוועד־נאָרמע, וועלכע ווערט געשיצט דורך דעם שוץ־טאריף און פון דעם ניט ווייניקער הויכן צוגאָב־רעוועד, וועלכער קומט אומיטל־באר פון דער מעלוכישער קאסע אין דער פאָרם פון באשטעלונגען, — האָבן זיך די אויסלענדישע קאפיטאלן א גאס געטאָן אין ברייטע שטראָמען קיין רוס־לאנד. מיטגעהאָלפן דערצו האָט אויך דער צוטרוי צום פעסטן צושטאנד פון אונזערע פינאנסן, וואס איז ארויסגערופן געוואָרן, פון איין זייט, דורך רוס־לאנדס דעמאָלטיקער אויסגעצייכנטער לאגע אינם קאָנצערט פון די אייראָפּע־אישע מעלוכעס, און, פון דער אנדער זייט, דורך דעם אויפהערן פון די שטארקס־טע קורס־וואקלונגען פונם רובל, וועלכער איז ענדגילטיק געשטעלט געוואָרן אף א גאָלד־באזע. אָבער אין א פיל גרעסערער מאָס האָט זיך באטייליקט אין

אף א גאָלד־באזע. אָבער אין א פיל גרעסערער מאָס האָט זיך באטייליקט אין

פריער אָנגעזאמלט געוואָרן דורכן האנדל מיט די לאנדווירטשאפט־פּראָדוקט און פון וואָכערײַ אין דאָרף. דער וואקסנדיקער כורבן פון דאָרף, דער פאַרשטאַרקטער אלוועלטלעכער לאנדווירטשאפט־קריזיס האָבן נאָך פון דער צווייטער העלפט פון די 80־ער יאָרן געטריבן דירעקטיקע קאפיטאלן זוכן אן אָנווענדונג אין דער אינדוסטריע, וועלכע ווערט געשיצט מיצאַד דער רעגירונג. אכוץ דעם האָט די ווײַן־מאָנאָפּאָליע אויך באפרײַט עטלעכע צענדליק מיליאָן רובל. ווייטער האָט געשפּילט א וויכטיקע ראָלע די טעכנישע פארפולקומונג פון אונזער מעלוכע־באנק מיצאַד דעם פינאנץ־מיניסטער ווי ט ע און די פאַרברייטערונג פון זײַן טעטיקייטס־פעלד אַפן געביט פון פינאנצירן אינדוסטריעלע אָפּעראציעס. ענדלעך האָט אויך די בערזע געקאָנט פארברייטערן אירע אָפּעראציעס אַראָנק דעם, וואָס איז אין 1893 יאָר דערלויבט געוואָרן צו פירן אסאָקים אַף א טערמין מיט אלע פאפירן אויסער וואַלוטע. דאָס אַלץ איז געווען א שטויס פאַר „גרינדערײַ“ און ספּעקולאציע.

פאַר די זעקס יאָר 1900 — 1895 איז די סומע קאפיטאלן פון אונזערע בענק, וואָס האָבן גענומען א לעבהאַפטן אָנטייל אין דער אינדוסטריעלער „גרינדערײַ“, אויסגעוואקסן אַף 104 1/2 מיליאָן רובל (פון 175,5 ביז 280) אין דער צײַט, ווען פאַר די פריערדיקע צען יאָר איז זי אויסגעוואקסן ניט מער ווי אַף 56,1 מיליאָן. (פון 119,4 ביז 175,5). די פארגרעסערונג פון דער צאָל בענק פאַר די אָנגעוויזענע 6 יאָר אַף 7 (פון 34 ביז 41) האָט צוגעגעבן צו דער סומע אקציען־קאפיטאלן נאָר 14,6 מיליאָן רובל, די איבעריקע 90 מיליאָן רובל פאלן אַף דער אָנזאמלונג פון קאפיטאלן מיצאַד די אלטע בענק, מער פאַר אַלץ מיצאַד די בענק פון די הויפּט־שטעט.

וואָס איז שאַיעך דעם אקציען־איניען ביכלאַל, האָט זיך בא אונז דער צוּוואוקס פון אקציען־קאָמפּאַניעס פאַרן אויפשטײַג־פּעריאָד פון די יאָרן 99—1893 אויסגעדריקט אין די פאָלגנדיקע ציפער:

די אקציען געזעלשאפטן

יאָרן	די צאָל ניי-געגרינדעטע אקציען געזעלשאפטן	מיט א גרונט-קאפיטאל (אין מיליאָנען רובל)	די צאָל אויסלענדישע אונטערנעמונגען, צוגעלאָזן צו דער טעטיקייט אין רוסלאנד
1894	63	54,6	3
1895	94	116,6	1
1896	131	197,3	24
1897	136	192,2	25
1898	176	229,8	2
1899	325	363,3	6
1900	202	250,8	4

פון דערדאָזיקער טאַבעלע ווערט בעפיריעש קלאָר, אז די צאָל בייגעגרינדעטע אקציען־געזעלשאַפטן, ווי אויך די סומע פון די קאַפּיטאַלן, וואָס זיינען אין זיי אריינגעלייגט, האָט געהאַלטן אין איין וואַקסן פונם יאָר 1899. אינגאַנצן איז די צאָל אקציען־געזעלשאַפטן אויסגעוואַקסן פאַר די 6 יאָר 99 — 1894 אף 925, און זייערע קאַפּיטאַלן — אף 1.154 מיליאָן רובל. פאַר די זיבן יאָר 99 — 1893 איז דער גרונט־קאַפּיטאַל פון אלע — אלטע און בייגעגרינדעטע — אקציען־אונטערנעמונגען אויסגעוואַקסן אף 1.509,7 מיליאָן רובל, בעאיים פאַר די פריערדיקע 38 יאָר (92 — 1854) האָט ער זיך פאַרגרעסערט בלויז אף 1919,3 מיליאָן רובל.

פאַרן פעריאָד פון 1900 — 1891 איז געגרינדעט געוואָרן 40% פון דער אלגעמיינער צאָל פון אונזערע פאבריק־אונטערנעמונגען.

די גרינדונג פון פאבריק־אונטערנעמונגען

די צייט פון גרינדונג	די צאָל אונטערנעמונגען	אין פראָצענטן צו דער אלגעמיינער צאָל
ביז יאָר 1861	2177	15,1
אין די יאָרן 1861—70 . . .	1285	8,9
„ „ „ 1871—80 . . .	2100	14,5
„ „ „ 1881—90 . . .	3036	2.1
„ „ „ 1891—900 . .	5788	40,0

א שטויס פאָרויס האָט דערדאָזיקער אינדוסטריעלער אויפשטייג באַקומען אויך פון דעם אייזנבאַן־פיבער, וואָס איז בא אונז אנטשטאַנען אין די 90־ער יאָרן און האָט איבערגעלאָזן ווייט הינטער זיך דעמזעלביקן פיבער פון די 60־ער און 70־ער יאָרן.

די מעלוכישע אייזנבאַן־בויאונג איז געגאַנגען האַנט בא האַנט מיט דער פּריוואַטער. פאַר די צוועקן פון דער לעצטער איז רעאַליזירט געוואָרן פאַר די יאָרן 1903 — 1893 מיט דער הילף פון מעלוכע־קרעדיט בא א 1.300 מיליאָן רובל. דער גרעסטער טייל פון דידאָזיקע האַלוואָעס איז געמאַכט געוואָרן אין אויסלאַנד, אָבער עס זיינען אויך צוגעצויגן געוואָרן אינלענדישע קאַפּיטאַלן — דער איקער די מעלוכישע שפּאָר־קאַסעס. די גאַנצע סומע מעלוכישע אייזנבאַן־אויסגאַבן, וואָס האָבן אזוי צי אַנדערש געטראָגן א כאַראַקטער פון „קאַפּיטאַלע", האָט אויסגעמאַכט פאַר דערזעלביקער צייט 1,691,5 מיל. רובל. פון דעם איז נאָר 495 מיליאָן גענומען דורך האַלוואָעס; די איבעריקע 1.196 מיליאָן זיינען אריינגעלייגט געוואָרן אפן כעשבן פון די געוויינלעכע מלוכע־האַכנאָסעס דורך א פאַרגרעסערטער באַשטייערונג פון דער באַפעלקערונג.

די עקספּלואַטאַציע־לייגג פון די אייזנבאַנען פון אלגעמיינער באַדייטונג האָט אין יאָר 1893 אויסגעמאַכט אין אייראָפּעאישן רוסלאַנד (אָן פינלאַנד)

לויט די אנגאבן פון פארקער־מיניסטעריום 29,1 טויזנט וויארסט אין 1892 — 40,3 און אין 1902 — 44,8 טויזנט וויארסט„ צוזאמען מיט די וועגן פון אזיאטישן רוסלאנד האט זי באטראפן אין יאר 1899 — 46,2 און אין יאר 1902 — 52,7 טויזנט וויארסט. פארן צענדליק יאר צווישן 1893 — 1902 איז די לענג פון די באן־ליניעס אזוי ארום אויסגעוואקסן אף 25 טויזנט וויארסט, דערביי באטרעפט ניט דער וואוקס פון דער נעץ אין יאר 1902 אפילע קיין 7%, בעאיים פאר די 5 יאר פון 1902 — 1898 מאכט ער אוים גאנצע 30% פון דער אלגעמיינער פארגרעסערונג. פארן אנגעוויזענעם צענדליק יאר האבן נאר ניין פריוואטע געזעלשאפטן אויסגעלייגט 12.500 וויארסט נייע וועגן דערביי איז אויסגעבויט געווארן טויזנט וויארסט פון דער צווייטער קאלייע אף די אלטע ליניעס. עס זיינען אויפגעשטעלט געווארן האפנס, עלעוואטארן שאסייען, עס זיינען איבערגעבויט געווארן אלטע צענטראל־וואקזאלן, עס איז איינגעשאפט געווארן א גוואלטיקער באוועגלעכער באשטאנד.

דאס אלץ ווי אויך דאס האסטיקע בויען פון קריג־שיפן, האט ארויסגערופן א שטארקע נאכפראגע אף פראדוקטן פון דער אייזן־אינדוסטריע, — און דאס ווידער האט זיך פון דער אנדערער זייט אפגעשפילט אף דער באהגראון שטיינקוילן־אינדוסטריע. עס האט זיך אנגעהויבן א פארשטארקטע בויאונג פון נייע זאוואדן און שמעלץ־אויוונס און די פארברייטערונג פון די אלטע. עס האט זיך שנעל אנטוויקלט די וואלד־אינדוסטריע, די ציגל־, צעמענט־, גלאז־פראדוקציע... פון דער אנדערער זייט ווידער האט דער וואוקס פון דער נאפט־אינדוסטריע, וועלכע האט געארבעט פאר דעם גלייכצייטיק וואקסנדיקן אינערלעכן און וועלט־מארק, נאך שטארקער געמאכט די נאכפראגע אף בוי־אינדוסטריען. עס זיינען אויפגעשטעלט געווארן נאפט־טורעמס, עס האבן זיך געבויט קעראסין־און אייל־זאוואדן; עס האט זיך געשאפן א געוואלטיקע האמה־פלאטיליע אפן קאספישן יאם און א מאסע טראנספארט־מיטלען אף דער וואלגע. עס האבן זיך פארברייטערט און געבויט פונדאסניי פארשידענערליי מעכאנישע און כעמישע געווארן פון באיפראדוקטן פון נאפט. ווייטער האט דער וואוקס פון די שטעט, באזונדערס אין די דארעם־געגנטן, ארויסגערופן א פיבערהאפטן בוי פון נייע הייזער און א רעמאנט פון אלטע, עס זיינען דורכגעפירט געווארן פערד־אייזנבאנען („קאנקעס"), טראמוואיען, טעלעפאנען, עס איז איינגעפירט געווארן עלעקטרישע באלייכטונג, עס זיינען דורכגעפירט געווארן וואסער־לייטונגען, עס איז איינגעארדנט געווארן קאנאליזאציע — דיראזיקע אינטענסיווע בוי־ארבעט אין די שטעט האט פון איר זייט ארויסגערופן א שטארקע פראדוקציע פון די אנטשפרעכנדיקע סכוירעס. עס האבן זיך אנטוויקלט די צווייגן פון פראדוציר־מיטלען. דאס האט געגעבן פארנאסע א באדייטנדיקן טייל פון אונזער גרויסער רעזערוו־ארמיי פון שטאטישן און דארפישן פראלעטאריאט... און דער קאפיטאליסטישער פראדוקציע זיינען אלע צווייגן צונויפגעפלאכטן צווישן זיך; עס האט זיך אויך אנטוויקלט די אינדוסטריע, וואס איז פארנומען מיט פראדוצירן געברויך־מיטלען. עס איז שנעל אויסגעוואקסן די טעקסטיל־אינדוסטריע אדאנק דער נאכפראגע סאי מיצאד

דער אויסגעוואַקסענער שטאַטישער באַפעלקערונג, סאַי מיצאַד דער דאָרפישער מאַכמעס די באַפרידיקנדיקע געדעטעניש פון די יאָרן 1896 — 1893. די גרופּע וואָס באַאַרבעט די האַריקע שטאָפן האָט פאַרגרעסערט איר פּראָדוקציע פאַר די יאָרן 97 — 1893 לויטן ווערט פון די פּראָדוקטן פון 621,9 מיל. ביז 946 מיל. רובל, און לויטן דער צאָל באַשעפטיקטע אַרבעטער פון 497.940 ביז 642.520; די פּראָדוקציע פון די 165 נערונגס-פּראָדוקטן — פון 399.7 מיליאָן ביז 648,1 מיליאָן רובל, און די צאָל אַרבעטער פון 216.834 ביז 255.357; — פון די פּיצובט-פּראָדוקטן: 78,4 און 132,1 מיליאָן; 44.228 און 64.418 אַר-בעטער....

(א. פין-יענטייעווסקי. רוסלאַנדס מאָדערנע ווירטשאַפט. פעטערבורג 1911. זייטן 50—45)

ג. וואַנאַג

דאָנבאַס און זיין ראָל אין אינדוסטריעלן אויפשטייג פון די 90-ער יאָרן

די דאָנעצער מעטאַלורגיע האָט אין איר אַנטוויקלונג גיך איבערגעיאָגט אַלע אַנדערע מעטאַלורגישע ראַיאָנען, אָפּשטויסנדיק אוראַל, — דעם אַמאָל בליענדיקן ראַיאָן, וועלכער איז געווען די פעסטונג פון דער גאַנצער רוסישער אינדוסטריע אין דער עפּאָכע פון לייב-אייגנטום-ווירטשאַפט. אָט ווייזן די סטאַטיסטישע דאַטן, וואָס ווייזן, ווי דער דאָרעם האָט פאַרשטויסן אַלע אַנ-דערע ראַיאָנען:

יאָרן	דאָס אויסגיסן טשוהון (אין מיליאָנען פּוד): סאַכאַקל מיל. פּוד	דער % פון באַטייליקן זיך אין דעם ארויסבאַקום: % פון דאָרעם	% פון אוראַל	% פון פוילן	% פון צענט-ראַל-ראַיאָן	די פּראָדוקציע פון ברייטע אייזן און שטאָל (אין מיליאָנען פּוד): סאַכאַקל מיל. פּוד	דער % פון באַטייליקונג אין דער פּראָדוקציע: דאָרעם	אוראַל	פוילן	צענטראַל-ראַיאָן
1890	54,9	24,07	50,4	14,3	10,47	51,47	32,4	31,7	12,4	13,3
1895	86,7	38,76	38,14	13,35	8,89	65,23	26,4	30,9	16,6	12,1
1900	176,8	51,77	28,36	10,31	8,09	132,5	43,5	22,4	11,1	12,7

אָט אַ דער העפּטיקער פּראָצעס פון אָפּשטויסן אוראַל און די אַנדערע ראַ-יאָנען איז געווען אָביעקטיוו מעגלעך באַר מאַכמעס דער הויכער קאַפּיטאַליס-

טישער אָרגאַניזאַציע פון דער פּראָדוקציע און דער טעכניק, וואָס דער אויסלענדישער קאַפּיטאַל האָט מיטגעבראַכט. אָפן דאָרעם זיינען איינגעשטעלט געוואָרן מעכטיקע האַמפּמאָטאָרן, לאָקאָמאָבילן, מעכטיקע דאָמנעס, וואָס גיסן אויס טשוהון אַף מינעראַל־הייצוואַרג און מיט הייסן בלאָזן. דער סכום פערד־קרעפטן פון די האַמפּמאָטאָרן האָט אויסגעמאַכט אין דאָנבאַס צום אָנהויב 20 יאָרהונדערט 54% פונם גאַנצן סכום פערד־קרעפטן, וואָס זיינען באַנוצט געוואָרן אין דער רוסישער מעטאַלורגיע, בעייס אין יאָר 1887 האָט זיך די דאָזיקע קעגנזייטיקע פאַרהעלטעניש אויסגעדריקט נאָר אין 13%. זייער כאַראַקטעריסטיש איז די קאָנצענטראַציע פון די דאָזיקע מאָטאָרן אין די איינצלנע זאַוואָדן. אויב אַף אוראַל איז צום יאָר 1900 אויסגעקומען אַף איטליכן זאַוואָד ניט מער ווי 244 פערד־קרעפטן און אין פוילן — 714 פערד־קרעפטן, האָט זיך דער באַנוץ פון דאַמף־קרעפטן אָפן דאָרעם אויסגעדריקט אין 6.159 פערד־קרעפטן אַף איין זאַוואָד. פונקט אַזוי האָט זיך קאָנצענטרירט די פּראָדוקציע פון טשוהון. די דורכשניטלעכע אויסשמעלצונג האָט צום יאָר 1900 באַטראָפן אַף איין זאַוואָד פון אוראַל — 436 טויזנט פוד, פון פוילן 455 טויזנט פוד, און פון דאָרעם — 3.192 טויזנט פוד, איבערשטייענדיק די דורכשניטלעכע אויסשמעלצונג אַף איין זאַוואָד פון גאַנץ רוסלאַנד אַף 2.563 טויזנט פוד. די מעכטיקייט פון די דאָמנעס קען אויסגעדריקט ווערן מיט דער פאָלגנדיקער פאַרהעלטעניש: בעייס די פּראָדוקטיוויקייט פון איין דאָמנע האָט צום סאָף 19־טן יאָרהונדערט באַטראָפן אַף אוראַל — 343 טויזנט פוד, און אין פוילן — 570 טויזנט פוד, פלעגט די פּראָדוקטיוויקייט פון איין דאָרעם־אויוון דערגרייכן — 2.035 טויזנט פוד יערלעך. אַזאַ הויכע פּראָדוקטיוויקייט פון די דאָרעם־אויוונס דערקלערט זיך מיט זייער טעכנישער קאָנסטרוקציע בעייס אַף אוראַל פלעגט דער טשוהון געשמאָלצן ווערן אַף האָלץ־קוילן, זיינען די הויך־אויוונס פון דאָרעם צוגעפּאַסט געווען דורכויס צו מינעראַל־הייצוואַרג; בעייס אַ גרויסער סכום אויוונס פון אוראַל האָט נאָך געאַרבעט מיט קאַלטן בלאָזן (28% פון זייער גאַנצן סכום פאַרן צענדליק יאָר 1900 — 1891), האָבן די דאָרעם־אויוונס געאַרבעט קימאַט דורכויס מיט הייסן בלאָזן בעייס אַף אוראַל האָט נאָך אין די 90־ער יאָרן געהערשט דער שאַבלאָנער פרישפּייעדיקער אויפן פון פּראָדוצירן אייזן, איז דער דאָזיקער אויפן פון שמעלצן אין דאָרעם אינגאַנצן ניט אָנגעווענדעט געוואָרן, גלייך אָפּטרעטנדיק דאָס אָרט דער פודלינג־אַרבעט (פלאַם־אויוון־פרישעריי). די מאַרטענישע און די בעסעמערישע פּראָדוקציע האָט זיך אָנגעהויבן באַווייזן אין רוסלאַנד ערשט באַם אָנהויב פון דער אַנטוויקלונג פון דער דאָנעצער מעטאַלורגיע (עמעס, אין די 90־ער יאָרן האָט זיך דער דאָזיקער אויפן שוין אָנגענומען אַף אוראַל אויך)

פּאַראַלעל דער טעכנישער קאָנצענטראַציע פון דער דאָרעם־רוסישער מעטאַלורגיע איז צוגעגאַנגען דער פּראָצעס פון איר עקאָנאָמישער קאָנצענטראַציע.

דער מערקווירדיקער שטריך פון דער דאָזיקער גיגאַנטישער קאָנצענטראַציע איז געווען דאָס, וואָס זי איז צוגעגאַנגען קימאַט אויסשליסלעך אין דאָ־

רעם־ראיאָן, וואו עס זיינען געווען קאָנצענטרירט 7 זאַוואָדן מיט א פּראָדוקציע פון העכער 5 מיליאָן פוד. די דאָזיקע זאַוואָדן האָבן צונויפגעקאָנצענטרירט 37,6% פון רוסלאַנדס גאַנצער טשוהון־פּראָדוקציע, אָדער 72,5% פון דער פּראָדוקציע פון דאָנבאַס; זיי האָבן אויך קאָנצענטרירט אין זייערע הענט 84% פון דער גאַנצער פּראָדוקציע פון גרייטן אייזן און 76,8% פון דער גאַנצער שינעס־פּראָדוקציע פאַרן יאָר 1899.

די קאָנצענטראַציע פון דער פּראָדוקציע האָט ווידער מיטגעווירקט דער קאָנצענטראַציע פון דער אַרבעטס־קראַפט. צוויי זאַוואָדן, גיגאַנטן — דער יוזאָווקער און דניעפּראָווסקער — האָבן אין יאָר 1900 צונויפקאָנצענטרירט 13.653 אַרבעטער, וואָס עס האָט אויסגעמאַכט בא 30% פון דער גאַנצער צאָל מעטאַליסטן פון דאָנבאַס, און 5 זאַוואָדן (דער אַלעקסאַנדראָווסקער פּעטראָווסקער, דאָנעצק־יוריעווסקער, דרוזשקאָווסקער און טאַגאַנראָגער) מיט א פּראָדוקציע פון 5 ביז 10 מיליאָן פוד — 17.320 אַרבעטער, אָדער 37,6% פון דער גאַנצער צאָל אַרבעטער פון די מעטאַלורגישע זאַוואָדן פון דאָרעם. צוזאַמענגענומען, האָבן 7 גרויסע זאַוואָדן מיט א פּראָדוקציע פון איבער 5 מיליאָן פוד א יאָר צונויפקאָנצענטרירט איבער זעכציק זיבן פּראָצענט פון דער גאַנצער צאָל אַרבעטער אויף די מעטאַלורגישע זאַוואָדן פון דאָרעם...

די דורכשניטלעכע צאָל אַרבעטער פאַר גאַנץ רוסלאַנד קען אויסגעדריקט ווערן אין יאָר 1900 אינם סכום פון 130 מאַן אויף איין זאַוואָד, פאַר אוראַל — 550 און פאַרן דאָרעם־ריאָן — 1.540. — דער דאָנבאַס האָט זיך אין די 90־ער יאָרן צוגעפּאַסט צום פּראָדוצירן די מאַכשירים פון די אייזנבאַנען מען קען קימאַט זיכער זאָגן, אַז 70% פון דער גאַנצער נאָכפראַגע מיצאַד דער אייזנבאַן־בויאונג און דער מעלוכע פלעגט באַפרידיקט ווערן דורך דער פּראָדוקציע פון דאָנבאַס. דער דאָנבאַס פלעגט באַזאָרגן די אייזנבאַנען מיט איבער 70% פון גאַנצן נייטיקן סכום שינעס, זעענדיק 71,1% פון זייער גאַנצער פּראָדוקציע פאַר די 5 יאָר 1899 — 1895. דאָנבאַס פלעגט באַזאָרגן די רוסישע לאָקאָמאָטיוו־בוי־ און וואַגאָנבויזאַוואָדן מיט די נייטיקע מאַטעריאַלן, גלייכצייטיק באַזאָרגנדיק דירעקט דעם אייזנבאַנאַמט מיט א באַדייטנדיק טייל בריק־אייזן, וואַגאָן־אַקסן, קעסל־אייזן, אויבערשטאַפּלען און אונטערשטאַפּלען פון שינעס, פּאַנצער־אייזן און קאָלערליי וואַגאָן־טענדער, און לאָקאָמאָטיוו־באַנדאַזשן. ארום און ארום, אויף וויפיל דאָס שטעלט פעסט די סטאַטיסטיק פונם ראַט פון די צוזאַמענפאָרן פון די באַרג־אינדוסטריעלער פון דאָרעם־רוסלאַנד, האָט דער אויספיר פון אייזן־, שטאָל־ און מעטאַל־פאַבריקאַטן צום גרונט־פאַרבוייכער — די אייזנבאַנען — אָנגעטראָפן בא 40% פון זייער גאַנצן אויספיר פון דאָנבאַס. אין יאָר 1900, למשל, האָבן די אייזנבאַנען באַקומען די דאָזיקע פּראָדוקטן אין א סכום פון 21,7 מיליאָן פוד פון דעם אַלגעמיינעם סכום 53 מיליאָן פוד, דאָס הייסט, ארום 41%. ווען מע זאָל דערביי נעמען אין אַכט, אַז א באַדייטנדיקער טייל גרייטן אייזן און שטאָל פלעגט אָנקומען אויף די זאַוואָדן אויסער דאָנבאַס פאַר די באַדערפענישן פון די מעלוכישע באַשטעלונגען, וועט זיך דער דאָזיקער פּראָצענט

היפש העכערן און וועט, בלי ספק, איבערשטייגן די 53%, וועלכע עס מאכן אויס די אייזנבאן־טראנספארטירונגען פון דערהאזיקער קאטעגאריע סכוירעס פאר די אייזנבאנען פלעגן אויסמאכן ניט ווייניקער ווי 55 — 60% פון דער גאנצער פראדוקציע פון דאנבאס, אפגעבנדיק דער פראדוקציע פאר פריוואט־געברויך א בעערעך־אומבאדייטנדיקן טייל פון דער גאנצער פראדוקציע. און דערהאזיקער פריוואט־געברויך איז פון זיין זייט אין א געוויסער מאָד־הייכע ארויסגערופן געווארן דורך דער ברייט פון די צווייגן, וואס זיינען אומדירעקט פארבונדן מיט דער אייזנבאן־בויאונג, ווי, למשל, וואגאן־בויאונג, לאקאמאטיוו־בויאונג און אנדערע צווייגן. אזוי ארום איז נאר א מינימאלער טייל פון דער גאנצער פראדוקציע פון דאנבאס געווען אויסגערעכנט אפן זייטיקן געברויכער. אין דעם פראט האט זיך פון דארעם־ראיאן אונטערגעשיידט אוראל, וואס זיין פראדוקציע איז — אין דער ערשטער ריי — געווען אויסגערעכנט אף באפרידיקן דעם פריוואטן מאסן־געברויכער און זיינע באדערפענישן.

די גרונט־שטריכן פון דער אנטוויקלונג פון דער רוסישער שטיינקוילן־אינדוסטריע אונטערשיידן זיך אין דער אויפשטייג־עפאכע פון די 90־ער יאר אומבאדייטנדיק פון די, וואס זיינען אויבן־אנגעמערקט אפן געביט פון דער רוסישער מעטאלורגיע. פונקט ווי אין דער מעטאלורגיע, האט זיך די ברייטע אנטוויקלונג פון קאפיטאליסטישן אויפן ארויסצובאקומען קוילן קאנצענטרירט אין באשטימטע ראיאנען, צווישן וועלכע דאס ערשטע ארט געהערט דעם דאנבאס, וואס זיין ארויסבאקום האט טריט בא טריט אנגעהויבן פארמינערן די 80־ער יארן האט דער ארויסבאקום פון קוילן אין דאנבאס אויסגעמאכט ווייני־
80־ער יארן האט דער ארויסבאקום פון קוילן. אין דאנבאס אויסגעמאכט ווייניקער פאר א העלפט פון דער גאנצער קוילן־פראדוקציע, הויבט זיך אויך זיין אנטייל אין יאר 1890 ביז 50%, און דערגרייכט צום סאף פון דעם יארצענדליק אומגעפער 70% פון אלרוסלענדישן קוילן־ארויסבאקום. דער מערקווירדיקער שטריך פונם אויפשטייג פון דער קוילן־אינדוסטריע איז אויך געווען דער גרויס־קאפיטאליסטישער כאראקטער פון איר אנטוויקלונג פאר דיזאזיקע צען יאר ....

די שטיינקוילן־גיגאנטן־קאמפאניעס מיט א פראדוקציע פון איבער 30 מיליאן פוד א יאר, וואס האבן אויסגעמאכט ווייניקער פאר 2% (5 געזעלשאפטן) פון דער אלגעמיינער צאל פון אלע קוילן־פירמעס פון דאנבאס, האבן קאנצענטרירט אין זייערע הענט 33,4% (224 מיליאן פוד) פון דער גאנצער פראדוקציע פון דאנבאס אדער 22,7% פונם ארויסבאקום פון גאנץ רוסלאנד, בעאיים די קליינע אונטערנעמונגען, מיט א פראדוקציע פון ווייניקער פאר א העלפט פון דער גאנצער קוילן־פראדוקציע, האבן ארויסבאקומען קוילן אין א סכום פון 97,7 מיליאן פוד, דאס הייסט נאר 14,6% פון דער פראדוקציע פון דאנבאס, אדער 9,9% פון גאנצן אלרוסלענדישן ארויסבאקום. ווען מע זאל צו די גיגאנטן־קאמפאניעס צוגעבן 12 פירמעס, וואס פלעגן ארויסבאקומען פון 10 ביז 30 מיליאן פוד

קוילן אַ יאָר, וועט די קעגנזייטיקע פאַרהעלטעניש צווישן די ראַזיקע אונטערנעמונגען און די קליינע באַקומען דעם פאָלגנדיקן אויסזען: די גרויסע אונטערנעמונגען — 6,2% פון גאַנצן סכום פירמעס — האָבן קאָנצענטרירט אין זייערע הענט 67,1% פונם ארויסבאַקום פון דאָנבאַס, און די קליינע אונטערנעמונגען — 86,7% פון גאַנצן סכום אונטערנעמונגען — פלעגן ארויסבאַקומען קוילן ניט מער ווי 14,6% פון גאַנצן ארויסבאַקום פון דאָנבאַס...

(נ. וואנאג. „די אינדוסטריע". זאַמלבוך „1905 י.". מאָסקווע-לענינגראַד, באַנד 1 1926. זייטן 189—196)

נ. וואנאג

דער אינדוסטריעלער קריזיס פון די יאָרן 1900-1905

דער אויפשטייג פון די 90־ער יאָרן איז בא אונז אין רוסלאַנד צונויפגעפאַלן מיט זייער אַ גינסטיקער קאָניונקטור אין גאַנץ אייראָפּע. דער דיסקאָנט־פּראָצענט — דער זיכערסטער באַראָמעטער פון די מאַרק־וואַקלונגען — איז אַף אַלע אייראָפּעאישע בירזשעס געשטאַנען נידעריק, מיטהעלפנדיק דעם אָפּפלוס פון קאַפּיטאַלן פון די אייראָפּעאישע לענדער. די אויסלענדישע קאַפּיטאַליסטן האָבן זיך שטאַרק פאַראינטערעסירט מיט דער רוסישער אינדוסטריע און זייערן גרייט געווען צו סובסידירן די צאַרישע מעלוכע־קאַסע. רוסלאַנדס מעלוכע־קרעדיט האָט זיך קיינמאָל פריער (און שפּעטער!) ניט געפונען אין אַזעלכע גינסטיקע באַדינגונגען, ווי אין די 90־ער יאָרן, און אָן די אייראָפּעאישע קאַפּיטאַלן וואָלט די רוסישע אינדוסטריע קיינמאָל ניט דערגרייכט די רעזולטאַטן וועלכע כאַראַקטעריזירן זי אין דעמדאָזיקן יאָרצענדליק.

צום סאָף פון דעם יאָרצענדליק האָבן זיך אָנגעהויבן בייטן די ביז דעמאָלט גינסטיקע באַדינגונגען (אין אייראָפּע): סאָף 1898 זיינען קלאָר געוואָרן די ערשטע סימאָנים פונם געלט־קריזיס: דער פראַנצויזישער באַנק האָט געהעכערט דעם דיסקאָנט ביז 3%, דער ענגלישער — ביז 4%, דער דייטשישער ביז — 6% און נאָכדעם האָט זיך אויך דער רוסישער אָפיציעלער דיסקאָנט־פּראָצענט געהעכערט ביז 6%. אין יאָר 1899 איז געקומען די ווייטערדיקע פאַרטיפערונג פון קריזיס: דער דיסקאָנט־פּראָצענט האָט גענומען שפּרינגען ארויף, דערגרייכנדיק אין לאָנדאָן אַ פריער 4,5%, דערנאָך 5%, דערגייענדיק צום סאָף יאָר ביז 6%; דער פראַנצויזישער באַנק האָט דערפירט דעם דיסקאָנט ביז 4,5%, דער דייטשישער — ביז 7%.

די העפטיקע העכערונג פון דיסקאָנט האָט זיך שטאַרק אָפּגערופן אַף די פרייזן ניט בלויז פון די מעלוכע־פּאַפּירן, נאָר אויך פון אַלע אינדוסטריע־פּאַפּירן.

דער געלט־קריזיס, וואָס איז אינגיכן אריבער אין אַן אינדוסטריעלן, האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אפן פאַלן פון דער פּראָדוקציע פון די גרונט־צווייגן פון דער

אינדוסטריע אין אלע גרעסטע אייראָפּעאישע לענדער... דיזאַזיקע פאַרקלענערונג פון דער פּראָדוקציע איז צונויפגעפאַלן אין צייט מיטן קריזיס פון אונזער אינדוסטריע, — די קאָניונקטור פון דער וועלט־אינדוסטריע האָט זיך געמוזט אָפּשפּיגלען אף דער רוסישער אינדוסטריעלער סיסטעם.

דער אייראָפּעאישער געלט־קריזיס האָט זיך באַזונדערס ניט גינסטיק אָפּגערופן אף רוסלאַנד, מיט איר געוואַלדיקן זעקסמיליאַרדיקן כויוו, מיט די — פאַר איר אומפאַרמיידלעכע — נייע כויווס און מיט דעם נויטווענדיקן צופלוס פון אויסלענדישן קאַפּיטאַל סײַ פאַר דער ווייטערדיקער בויאונג פון דער אייזנבאַן־נעץ, סײַ פאַר דער אַנטוויקלונג פון דער אינדוסטריע. די גאַנצע רוסישע אייזנבאַן־בויאונג איז, ווי מיר ווייסן, געווען געגרינדעט אפן צופלוס פון אויסלענדישע קאַפּיטאַלן לויט די מעלוכישע אָדער מיצאַד דער מעלוכע גאַראַנטירטע האַלוואָעס. דיזאַזיקע האַלוואָעס פלעגן יעדן יאָר רעאַליזירט ווערן אף די אויסלענדישע בערזעס אין מיליאָנען־סומען, אָבער מיטן אָנהויב פון קריזיס איז זייער רעאַליזאַציע געוואָרן פּאַקטיש אומעגלעך. אין די יאָרן 1899 און 1900 האָט זיך קיין איין האַלוואָע ניט איינגעגעבן צו רעאַליזירן, און די מעלוכע־שאַצקאַמער איז געווען געצוואונגען אַרויסצוגעבן האַלוואָעס די אייזנבאַן־געזעלשאַפטן, וועלכע האָבן באַקומען פון איר פאַר די דריי יאָר 1899 — 1901 איבער 220 מיליאָן רובל.

די שוועריקייטן מיטן אויסלענדישן קרעדיט האָבן געמוזט אויפדעקן די עמעסע לאַגע פון די רוסישע מעלוכע־פינאַנצן, — די לאַגע, וואָס פלעגט ביז דעמאָלט מאַסקירט ווערן מיט יערלעכע האַכנאָסעס פון די האַלוואָעס.

ניט פיל גינסטיקער זיינען געווען פאַרן עקאָנאָמישן פּרעסטיזש פון רוסלאַנד אין מאַירעוו־אייראָפּע אויך אַנדערע באַדינגונגען: אין צוזאַמענהאַנג מיט די ניט געראָטענישן האָט זיך פאַרקירצט דער עקספּאָרט פון דער רוסישער טוואָע (דער דורכשניטלעכער יערלעכער עקספּאָרט פון די פיר הויפּט־מינים טוואָע פאַר די פינף יאָר 1894 — 98 האָט באַטראָפן 456,2 מיליאָן פוד; אין יאָר 1899 איז דערזאַזיקער עקספּאָרט געפאַלן ביז 270,7 מיליאָן פוד, אין יאָר 1900 האָט ער באַטראָפן 343,8 מיליאָן פוד און אין יאָר 1901 — 379.2 מיליאָן פוד. דאָס האָט פאַרערגערט דעם רוסישן האַנדלס־באַלאַנס, וועלכער האָט אין יאָר 1899 אפילע געוויזן אַ דעפיציט פון 23 מיליאָן רובל, און אין יאָר 1900 האָט ער געגעבן נאָר אַ נישטיקע איבערשטייגונג פונם עקספּאָרט איבערן אימפּאָרט — אף 90 מיליאָן רובל — אף אַ סומע, קלענער אין דריי מאָל, ווי די אויסלענדישע צאָלונגען פון פּראָצענטן אף די האַלוואָעס.

אָט אָ די אַלע — פאַרן רוסישן שאַצקאַמער ווייניק־גינסטיקע — באַדינגונגען, וואָס האָבן זיך אָפּגעשטעלט אף איר האַכנאָסע, האָבן זיך אויך געמוזט אָפּרופן אף זיינע הויצאָעס, — די רעגירונגס־פּאָליטיק האָט געמוזט גיין אף דער ליניע פון פאַרקירצן די הויצאָעס, און, ווי דאָס פּאַסט פאַרן קלאַסן־מעהוס פון דער זעלבסטהערשונג — אף דער ליניע פון פאַרקירצן די הויצאָעס, וועלכע זיינען פאַרבונדן מיטן אַנטוויקלען די פּראָדוקטיוו־קויכעס פון לאַנד. דערמיט דערקלערט זיך אויך די פאַרקירצונג פון די יערלעכע רעגירונגס־אַסיג־

נירונגען אַף דער אייזנבאַן־בויאונג, וואָס האָט געבראַכט דערצו, אַז צום אָנהויב 20־טן יאָרהונדערט זיינען די אייזנבאַנען שוין זייער שוואַך געוואַקסן. אין יאָר 1899 איז אויסגעבויט געוואָרן סאַכאַקל 4.965 ווייאָרסט, אין יאָר 1900 — 3.066 אין יאָר 1901 — 3,123, אין יאָר 1903 — 1.098 און אין יאָר 1903 ניט מער ווי 453 ווייאָרסט.

...אין וואָס־זשע איז באַשטאַנען די סטירע אין דער אַנטוויקלונג פון די פּראָדוקטיוו־קרעפטן פון דער רוסישער אינדוסטריע־סיסטעם, וועלכע מען האָט שוין געקאָנט דערפילן באַם סאַמע אָנהויב 20 יאָרהונדערט?

מיר האָבן געזען, אַז דער האַנדל האָט אויפגעבליט גראָד אַף די באַשטעלונגען פון דער אייזנבאַן־בויאונג, אַז די שטיינקויל־אינדוסטריע האָט זיך גיגאַנטיש אַנטוויקלט אַדאַנק דער אַנטוויקלונג פון דער מעטאַלורגיע פון דאָנבאַס, וואָס איר אויפבליאונג האָט צו פאַרדאַנקען אין דער ערשטער ריי דער אייזנבאַן־ווירטשאַפט. אויב די לאַגע איז געווען אַזאַ (און אַזאַ איז זי געווען!) איז ניט קיין כידעש, וואָס די קאַפּיטאַליסטן, וועלכע האָבן זיך אַ לאָז געטאָן אין דאָנבאַס און אין אַנדערע אינדוסטריעל־ראַיאָנען, האָבן בעסער געוואָלט אַריינלייגן זייערע קאַפּיטאַלן אין די אונטערנעמונגען, וועלכע זאָגן צו מאַקסימאַלע רעוואָכים. ווי מיר האָבן געזען, האָט דערצו מיטגעהאָלפן די מעלוכע־קאַסע מיט איר פּראָטעזשירן די זאַוואָדן, וועלכע האָבן געאַרבעט פאַר די אייזנבאַנען, און אויך מיט איר פּאָליטיק פון גרעניץ־באַשטייערונגען, וועלכע איז — אין דעם טייל, וואָס איז שייך צו דער שווערער אינדוסטריע — געווען אויסגערעכנט, אין דער אונטערשטער שורע, אַף אַ נאַרבאַט־באַשטייערונג פון די רוישטאָף־פּראָדוקטן, ווי טשוהון און אייזן, און פון גרייטן פּראָדוקט — פון אַזעלכע, ווי שינעס, באַנדאַזשן און אַנדערע מאַכשירים פון דער אייזנבאַן־בויאונג. פון די גרייטע פאַבריקאַטן ווידער, זיינען מאַקסימאַל באַשטייערט געווען די פּראָדוקטן, וועלכע זיינען פאַרבונדן מיט די באַדערפעניש פון דער אייזנבאַן־ווירטשאַפט. ווידער די גרייטע פּראָדוקטן, וועלכע זיינען דירעקט פּראָדוציר־ווערקצייג, זיינען באַשטייערט געוואָרן מיט אַ טאַריף, וואָס האָט ניט גאַראַנטירט פון אויסלענדישער קאָנקורענץ...

...די גראַנדיעזע אַנטוויקלונג פון דער רוסישער אינדוסטריע, וועלכע איז כאַראַקטעריסטיש פאַר די 90־ער יאָרן, האָט געהאַט צו פאַרדאַנקען אין דער ערשטער ריי דעם מאַרק פון פּראָדוקטן פון מעלוכישער נאָכפראַגע, וועלכער האָט זיך פאַרברייטערט אַלס רעזולטאַט פון דער רעגירונגס־פּאָליטיק. פונדאַנען נעמט זיך עס אַזאַ פאָרסירטע אַנטוויקלונג פון דער פּראָדוציר־פעאיקייט פון דער מעטאַלורגיע און פון דער מאַשינבויאונג אין דעם טייל אירן, וועלכער איז אויסגערעכנט געווען אַף מעלוכישע באַשטעלונגען.

דער רעזולטאַט איז געווען, אַז די גראַנדיעז אַנטוויקלטע רוסישע מעטאַלורגיע, ווי מאָדנע דאָס זאָל ניט אויסזען, איז געבליבן אָן דעם געוויינלעכן מאַרק פון דער אינדוסטריע־סיסטעם, אָן דעם מאַרק פון פּראָדוציר־ווערקצייג. אין געיעג נאָכן מאַקסימאַלן „רעוועך" פלעגן די קאַפּיטאַלן אַריינגעלייגט ווערן אין די מעטאַלורגישע צווייגן און די צווייגן פון מאַשינענבוי, וועלכע זיינען פאַר־

בונדן מיט די מעלוכישע באשטעלונגען, אויסמײַדנדיק די צווייגן פון אויסאַרבעטן פּראָדוציר־וועדקצייג און סכוירעס פון מאַסן־געברויך. דערצו האָט אויך מיטגעהאָלפן, ווי מיר האָבן געזען, די טאַריף־פּאָליטיק פון דער רעגירונג.

אַנאַליזירנדיק די אויפבלי־באַדינגונגען פון דער רוסישער אינדוסטריע אין די 90־ער יאָרן, האָבן מיר פעסטגעשטעלט, אַז נאָר די קלענערע העלפט פון דער גאַנצער פּראָדוקציע פון דער רוסישער אײַזן־אינדוסטריע האָט געהאַט באַפרידיקט דעם אינערלעכן מאַרק, אויגם ענגן זין פון וואָרט (אויסשליסנדיק די אײַזנבאַנען) און נאָך א קלענערער טייל פון דיזאָזיקע פּראָדוקטן פלעגט באַפרידיקן דעם מאַרק פונם מאַסן־געברויכער. לויט די אויסרעכענונגען פונם סטאַטיסטישן ביוראָ באַם ראַט פון די צוזאַמענפאָרן פון די פאָרשטייער פון האַנדל און אינדוסטריע האָט, לעמאָשל, דער געברויך פון אײַזן (אויסגערעכנט אין טשוהון) מיצאַד דעם גאַנצן פויערשן מאַרק ניט איבערגעשטייגט קיין 30 מיליאָן פוד — דאָס האָט באַטראָפן ניט מער ווי א זעקסטכיילעק פון דעם, וואָס די רוסישע מעטאַלורגישע זאַוואָדן האָבן פּראָדוצירט.

דערפאַר איז קיין כידעש ניט, אַז בא דער אָפּוועזנקייט פון א ברייטן מאַרק פאַר היימישע פּראָדוציר־וועדקצייג (מאַכמעס דעם, וואָס מאַשינעס פלעגן דער הויפּט אַרייַנגעפירט ווערן פון אויסלאַנד) און בא דער אָפּוועזנקייט פון א באַפרידיקן מאַסן־געברויך פון אײַזן־פּראָדוקציע האָט די רוסישע אינדוסטריע נאָך א געוויסער פאַרקירצונג פון דער אײַזנבאַן־בויאונג און צוליב דעם אָנהויב פון קריזיס זיך געפונען אין א טעמפּן ווינקל, וואָס דער אויסוועג פון אים איז מעגלעך געווען נאָר דורך „שאַפן א נייעם געברויך“, ד. ה. דורך א ברייטע אַנטוויקלונג פון אינערלעכן מאַרק.

די אַנטוויקלונג פון די פּראָדוקטיווע קרעפטן פון דער רוסישער אינדוסטריעלער סיסטעם האָט ניט אַנטשפּראָכן דער אַנטוויקלונג פונם אינערלעכן מאַרק — אָט דאָס איז די אָביעקטיווע סיבע פון טיפן שטילשטאַנד פון דער רוסישער אינדוסטריע אין אָנהויב פון 20־טן יאָרהונדערט.

די ליקווידאַציע פונם אינדוסטריעלן שטילשטאַנד האָט אף אַזאַ אויפן געפאָדערט צו לייזן די פּראָבלעם פון אינערלעכן מאַרק...

(ג. וואנאג „די אינדוסטריע“ ארטיקל אין זאמלבוך „1905“ ז. 217—226).

ג. ציפּעראָוויטש

דער קריזיס און די סינדיקאַטן־באַוועגונג

דער אינטענסיווער וואוקס פון די אונטערנעמערישע אָרגאַניזאַציעס אין רוסלאַנד הויבט זיך אָן פון יאָר 1901. אויב אין פריערדיקן פעריאָד האָבן אונזערע אונטערנעמער נאָר געמאַכט פּרוּוו־טריט, זײַנען זיי פון דעמדאָזיקן יאָר אַנטשלאָסן אוועק אין דער ריכטונג פון מאַסן־פאַראייניקונג, שטרעבנדיק צו פאַרשפרייטן די ראַמען פון זייער טעטיקייט אף גאַנץ רוסלאַנד. די הויפּטראָל אין

דעמדאָזיקן אויפשטייג פון דער פאַראייניקונגס־מעגנעכקייט האָט געשפּילט דער נאָך וואָס איבערגעלעבטער קריזיס, וועלכער האָט אַרויסגערופן צווישן די אונטערנע־מער אַן אינטענסיווע שטרעבונג צו ברענגען אין הסכּם די פּראָדוקציע מיט די פאַרלאַנגען פון מאַרק אַזוי ווייט, אַז אַלע פּריוואַטע קלאַסן־אינטערעסן זאָלן ניט ליידן פון דער אַלגעמיינער שווערער לאַגע, אין וועלכער עס איז אַריינגע־פאַלן דאָס גאַנצע לאַנד. די גרונט־ריכטונג, אין וועלכער די דאָזיקע שטרעמונג האָט זיך אַ לאָז געטאָן, איז אָנגעמערקט געוואָרן העכער אויפן געביט פון *באַרג־אינדוסטריע און מעטאַלורגיע*.

די וויכטיקסטע באַדינגונגען, וועלכע האָבן מיטגעהאָלפן דעם אינטענסיוון פּראָצעס פון סינדיצירן אין די געגעבענע פּראָדוקציע־געביטן איינס פעריאָד, וואָס ווערט באַהאַנדלט, זיינען געווען פאָלגנדיקע. קודם־כּל האָט די אינטענ־סיווע אַנטוויקלונג פון דער מעטאַלורגיע אין רוסלאַנד געבראַכט — אונטער דער ווירקונג פון די מעלוכישע באַשטעלונגען — צו אַ זייער שאַרפער דיספּראָ־פּאָרציע צווישן דער פּראָדוקטיווקייט פון די אונטערנעמונגען און דעם געברויך פון זייערע פאַבריקאַטן אויפן אינערלעכן מאַרק. דערהאַינע, אין יאָר 1902 האָט די פּראָדוציר־פעאיקייט פון די רוסישע גיסערייזאַוואָדן באַטראָפן בּאַ 260 מי־ליאָן פּוד אין דער צייט, ווען דער געברויך פון דעמדאָזיקן פּראָדוקט אין לאַנד האָט ניט איבערגעשטייגט קיין 125 מיליאָן פּוד. אין יאָר 1903 האָבן די אייזן־פאַבריקן אויסגעאַרבעט 60 מיליאָן פּוד אייזן־באַלקעס און שינעס, אין דער צייט, ווען דער אָפּזאַץ פון דידאָזיקע פּראָדוקטן פלעגט ניט איבערשטייגן קיין $27^1/_2$ מיליאָן פּוד; פּונקט אַזוי האָבן אונזערע זאַוואָדן געקאָנט פּראָדוצירן אין דערדאָזיקער צייט ביז 23 מיליאָן פּוד גראָבע אייזנבלעך אַ יאָר, און דער אָפּזאַץ פון דידאָזיקע פּראָדוקטן פלעגט דערגרייכן נאָר 13 מיליאָן פּוד.

דער אויסוועג פון אַזאַ לאַגע איז באַשטאַנען אין אַ ברייטן אויסנוצן די סינדיקאַטן־פּראַקטיק און אין פאַרטיפערן דעם פאַראייניקונגס־פּראָצעס אין דער פּראָדוקציע און אין אָפּזאַץ, וואָס האָט שוין אין מאַירעוו, און טיילווייז אויך אין רוסלאַנד, באַוויזן צו געבן די קאַפּיטאַליסטישע קלאַסן מאַמאַשעסדיקע און פּאָ־זיטיווע רעזולטאַטן. די צוציאונג־קראַפט פון אַזאַ אויסוועג פלעגט נאָך ווערן פאַרשטאַרקט דורך דעם, וואָס דער צופלוס פון די אויסלענדישע קאַפּיטאַלן קיין רוסלאַנד, באַזונדערס אין די קוילן, — מעטאַלורגישע און נאַפט־צווייגן פון דער אינדוסטריע, איז באַגלייט געוואָרן מיט דער אָרגאַניזירונג פון נייע אונטערנע־מונגען לויטן אייראָפּעאישן מוסטער. די נייע קאַפּיטאַלן האָבן ענערגיש געשטיצט דעם פּראָצעס פון צענטראַליזירן די פּראָדוקציע אין וויכטיקע אינדוסטריעלע איינהייטן און פלעגן צוזאַמען מיט דעם פאַרבינדן דידאָזיקע איינהייטן אין פעסטע פאַראייניקונגען, איינשטעלנדיק אין דערזעלביקער צייט זייער פאַרבינדונג און אָפּהענגיקייט פון די אייראָפּעאישע צענטרען.

אין סאַף 1901 איז אויפן 26־טן צוזאַמענפאָר פון די באַרג־אינדוסטריעלער פּרינציפּיעל באַשלאָסן געוואָרן צוטרעטן צו אָרגאַניזירן אָרטיקע סינדיקאַטן קעדיי צו פאַראייניקן די איינצלנע צווייגן פון דער אייזן־אינדוסטריע. אין יאָר 1902 איז שוין געגרינדעט געוואָרן דער סאַמער באַרייטנדער סינדיקאַט אין יענער

צייט — „די ערשטע אקציען־געזעלשאפט צום פארקויפן די פאבריקאטן פון די רוסישע מעטאלורגישע זאוואָדן". (פארקירצט „פּראָדאמעט") מיט א קאפיטאל פון 900.000 רובל, און אין קומענדיקן יאר איז אין כארקאָוו פארגעקומען א פארשטענדיקונג פון די מאשינבוי־זאוואָדן וועגן רעגולירן די פּראָדוקציע און איינשטעלן איינהייטלעכע פרייזן פאר אלע אירע אָנטיילנעמער. דעמאָלט איז אויך געגרינדעט געוואָרן דער פאריין פון די רוסישע רער־פאלץ זאוואָדן אונטערן נאָמען „געזעלשאפט צום פארקויפן טשוהונענע רערן און איינאָרדענען וואסער־לייטונגען און קאָנאליזאציע".

לעסאָף, זיינען נאָך אין דעמזעלביקן יאר 1902 געגרינדעט געוואָרן אין דער אייזן־באארבעטונג־אינדוסטריע פאָלגנדיקע גרויסע סינדיקאטן: דער סינדיקאט צום פּראָדוצירן שמיד־ און פאלץ־גאָפּלען, אין וועלכן עס זיינען אריינגעגאנגען סאי רוסישע, סאי דייטשישע און עסטרייכישע זאוואָדן; דער סינדיקאט פון די אייזנפאבריקאנטן צום פארקויפן אייזן־באלקעס; דער סינדיקאט פון — 28 דראָט־ און טשוועקעס־פאבריקן און 4 דראָט־פאלץ זאוואָדן. אין ווייסל־קאנט (רוסיש, פוילן), דער סינדיקאט צום פּראָדוצירן בלעך פאר די באדערפענישן פון דער באקוועד קעראָסין־אינדוסטריע, דער סינדיקאט פון די ווארשעווער לאָמפּן־פאבריקאנטן און די אלגעמיינע פארשטייערשאפט צום פארקויפן די פאבריקאטן פון די קופער־רער־פאבריקן.

אין די אנדערע אינדוסטריע־צווייגן האָט זיך די סינדיקאטן־באוועגונג אינם פעריאָד, וואָס ווערט באהאנדלט, ארויסגעוויזן אסאך שוואכער, אָבער אויך דאָ קען מען אָנווייזן אף א ריי פרואוון פון די אונטערנעמער צו פאראייניקונג. דעהייגע, אין דערדאָזיקער צייט איז אנטשטאנען די „אקציען־געזעלשאפט פון דאָנעצער מינעראל־הייצווארג", סינדיקאט פון די אוראלער קוילן־אינדוסטריעלער און אויך די פארשטענדיקונג פון די קוילן־אינדוסטריעלער פון דאָמבראָווער ראַיאָן. די דאָזיקע ערשטע שריט פונם סינדיצירן די קוילן־אינדוסטריע אין רוסלאנ־ האָבן זייער גיך געבראכט צו רעזולטאטן אזוי ווייט נעגאטיווע, אז די אייזנסינדיקאטן האָבן געמוזט דרינגענד צוטרעטן צום ערוועדבן און ווי־ווייט־מעגלעך ברייטערן אומפאנג קוילן־שטאָכים און שאכטעס, קעדיי צו באוואָרענען זיך מיט הייצווארג און כאָטש וויפל עס איז באפרייען זיך פון דער איבערמאכט פון די „קוילן־באראָנען". אזוי ארום איז געגעבן געוואָרן א שטויס דער „קאָמבינירטער סינדיצירונג", וועלכע האָט נאָך דער רוסיש־יאפאנישער מילכאָמע באקומען אין רוסלאנד אזא גוואלדאָווגעס פארנעם...

אין דער טעקסטיל־אינדוסטריע האָט דער פּראָצעס פון סינדיצירן געגעבן עטלעכע מער־ווייניקער פעסטע פארשטענדיקונגען, צווישן וועלכע די באדייטנדיקסטע איז געווען דער סינדיקאט פון די פעטערבורגער לייוונט־פאבריקאנטן, ער איז אריינגעטראָטן אין א גאנץ ענגע פארבינדונג מיט די פוילישע פאבריקן, וואָס האָבן שוין פון זייער זייט באוויזן צו פאראייניקן זיך צו יענער צייט. אין יאר 1901 האָט זיך געבילדעט א סינדיקאט פון דזשוט־פאבריקן, וואָס האָט פאראייניקט 12 אונטערנעמונגען און צענטראליזירט דעם פארקויף פון זייערע פאבריקאטן לויט די פרייזן, וואָס ווערן פעריאָדיש איינגעשטעלט מיצאד דער סינ-

דיקאט־פארוואלטונג. לעסאָף, איז אין יאר 1903 פאָרגעקומען א פארשטענדיקונג פון דער נעווסקער פאָדים־מאנופאקטור מיטן ענגלישן פאָדים־טרעסט „דזש. קאאטס, לימיטעד“, וועלכע האָט איינגיכן געבראכט צו דער קימאט פולע הער־שאפט פון דעמדאָזיקן אינטערנאַציאָנאַלן סינדיקאט אף אונזער אינערלעכן מארק.

(ג. ציפעראָוויטש. סינדיקאַטן און טרעסטן אין רוסלאַנד. צווייטע אויסגאַבע. מאָסקווע, 1919 זייטן 33—37).

פינפטער אפטייל

די לאַנדווירטשאַפט צום סאָף פון XIX יאָרהונדערט

א. ליאשטשענקא

די לאַנדווירטשאַפט אין די יאָרן פון הויכע פרייזן אַף טוואַרע

די אנטוויקלונג און פארשטארקונג פון דעם אינעווייניקסטן מארק, אָנהויבנדיק פון סאָף 19־טן יארהונדערט האָט געדינט אלס סטימול פאר א נייער ווענדונג אין דער באוועגונג פון די פרייזן, דאָס 1894־טע יאר איז געווען א יאר, ווען די פרייזן זיינען אמניעדעריקסטן געפאלן, נאָר גלייך נאָך דעם יאר הויבן אָן די פרייזן ארויסצובאווייזן א טענדענץ פון שטייגן. די אומגערעטעניש פון 1897־טן יאר האָט אויפגעהויבן די פרייזן ביז צו דער הונגער־הויך. נאָר שוין פון 1900־טן יאר אָן הויבן די פרייזן אָן צו באקומען א באדייטנדיקע שטאנדהאפטיקייט און פון מיט פון די 1900־טער יארן — אַן אויסגעשפּראָכענע טענדענץ ווידער צו שטייגן. דערצו נאָך קומט שוין די דאָזיקע שטייגנדיקע פרייזן־באוועגונג פאר ניט צוליב דעם פאלן פון די גערעטעניש, וואָרום פאר דעמדאָזיקן פעריאָד זיינען, גראָד געווען כאראקטעריסטיש אויך געהעכערטע גערעטעניש.

ניט געקוקט אף די שטארקע אומגערעטענישן אין די ערשטע צוויי פינפיאָריקע פעריאָדן (1891 י. און 1897 י.) מיט זייער צעשטערנדיקער ווירקונג אף די פרייזן, גיבן דאָך די דורכשניטפרייזן אין די פאָלגנדיקע נאָך זיי פינפיאָריקע פעריאָדן א באדייטנדיקע העכערונג. מען מוז באמערקן, אז לויט די אבסאָלוטע גרויסן קאָן מען ניט אינגאנצן פארגלייכן די מארק־פרייזן און די אָרטיקע פרייזן אַדאַנק די פארשיידענע מעטאָדן פון דיסקאָנטירן און זאמלען זיי. נאָר דאָך, אויב מען זאָל פארגלייכן די פרייזן־באוועגונג אין רעלאטיווע ציפערן, קאָן מען אויפדעקן דעם כאראקטער פון יענער אלגעמיינער ווענדונג אין

די פרייזן, וואס האט זיך אנטפלעקט אפן שוועל פון לעצטן און נייעם יאר־הונדערט.

די ברויט-פרייזן צום סאף פון דעם XIX י. ה.

ארטיקע פרייזן	1891/95	1896/00	1901/05	1906/10
קארן	100	85,7	95,7	128,6
ווינטער-ווייץ . . .	100	106,4	105,1	138,5
זומער-ווייץ	100	103,9	106,5	141,5
האבער	100	103,9	113,7	133,3
גערשטן	100	98,3	106,7	131,7
און דורכשניט פאר די 4 טוואוערס	100	104,6	106,6	132,3
מארק פרייזן				
קארן	100	84,7	95,7	123,4
ווינטער-ווייץ . . .	100	102,3	102,3	131,6
האבער	100	96,6	106,4	118,0
גערשטן	100	99,0	102,5	131,0
אין דורכשניט פאר די 4 טוואוערס	100	95,9	101,6	126,4

דערפון איז צו זען, אז ווייץ ווייזט ארויס שוין פון די 1890־ער יארן אן א טענדענץ צו שטייגן, בענוויגייע די גערשטן און האבער קומט אן די־דאזיקע טענדענץ אביסל שפעטער און נאך שפעטער בענוויגייע צו קארן.

מאקסימאל דערגרייכונגען אין זין פון דער שטייגנדיקער פרייזן־באוועגונג מאכן דערביי ווידערהאמאל ווייץ, באזונדערס זומער־ווייץ, און גערשטן. לעסאף, מוז מען אויך באמערקן, אז די שטייגנדיקע באוועגונג פון די ארטיקע פרייזן אנטפלעקט א האסטיקערן טעמפ איידער די באוועגונג פון די מארק־פרייזן. פארן באטראכטן פעריאד דערגרייכט דערדאזיקער אונטערשייד צווישן טעמפ, ווי עס שטייגן די ארטיקע פרייזן, און דעם טעמפ, ווי עס שטייגן די מארק־פרייזן, דורכ־שניטלעך פאר אלע טוואוערס קימאט ביז 6%, און דערצו איז מאקסימאל דער אונטערשייד בענוויגייע צו ווייץ (7%—10). אין אזא כאראקטער פון די פרייזן־באוועגונג האט זיך געלאזט פילן די קאמבינירטע ווירקונג סאי פון דער פארגרעסערונג פון אינעווייניקסטן מארק ביכלאל און סאי פון דעם ווייץ־מארק ביפראט, זייט בא זייט מיטן ארויסשטויסן קארן פון געברויך, און אויך פון דעם וואוקס פון נאכפרעג צוליבן עקספארט, באזונדערס, אף ווייץ און גערשטן.

אלנפאלס האט אונזער טוואוע־ווירטשאפט אלס רעזולטאט פון אזא פרייזן־באוועגונג, פארגרעסערנדיק איר נאטורעלע פראדוקציע, נאך מער פארגרעסערט דעם ווערט פון דער פראדוקציע. אזוי, לעמאשל, אויב מען זאל אננעמען פאר 100 די מאס פון דער גערעטעניש, דעם דורכשניטלעכן פרייז פון איין פוד לויט די ארטיקע פרייזן און דעם אלגעמיינעם, אזוי ארום אויסגערעכנטן, ווערט פון דער גערעטעניש אין די יארן 1891—95 וועלן מיר באקומען פאר די ווייטערדיקע פינפיאריקע פעריאדן פאלגנדיקע רעלאטיווע ציפערן:

די גערעטעניש צום סאף פון דעם XIX י. ה.

	די גערעטעניש	פרייז פאר א פוד	אלגעמיינער ווערט פון דער גערעטעניש
1891/95	100	100	100
1896/00	109	98	106
1901/05	129	105	135
1906/10	129	133	171

אט די ציפערן שטרייכן אונטער יענע ביז צום העכסטן גראד וויכטיקע ענדערונג, וועלכע איז אריינגעבראכט געווארן צום אנהויב פון אונזער יארהונדערט אין די באציאונגען צווישן דער פראדוקציע און דעם מארק. אויב אין די פריערדיקע צענדליקער יארן פלעגט דער האנדלס־קאפיטאל די גאנצע לאסט פון זיין קאנקורענץ־קאמף אפן וועלט־מארק אריבערטראגן אפן סכוירע־פראדוצירער, אפן לאנדווירט, גיט אבער אין די 90־ער יארן די געמיינזאמע ווירקונג פון גוטע גערעטענישן, פון דער אנטוויקלונג פון אינעווייניקסטן און אויסווייניקסטן מארק און פון דעם שטייגן פון די פרייזן א באדייטנדיקע פארגרעסערונג פונם קאפיטאל־צופלוס אין דער לאנדווירטשאפט.

די ווירקונג פונם מארק אף דער טוואוע־ווירטשאפט איז אף אזא אופן, צום אנהויב פון צוואנציקסטן יארהונדערט שוין לאכלוטן אן אנדערע, איידער אין סאף פון נײַנצנטן יארהונדערט; דער מארק הויבט אן ארויסצואווייזן ניט קיין אראפזעצנדיקע. נאר א הויבנדיקע ווירקונג. דערצו נאך ווערט דיזאזיקע הויבנדיקע ווירקונג געשאפן סאי דורכן אויסווייניקסטן סאי דורכן אינעווייניקסטן מארק, און דורכן לעצטן אפט אפילע אין א גרעסערער מאס, איידער דורכן ערשטן. די גאנצע געשיכטע פון אונזער טוואוע־האנדל און טוואוע־פרייזן פון אנהויב פון 19־טן יארהונדערט זאגט איידעס וועגן דעם, ווי די אינעווייניקסטע מערק און דער אינעווייניקסטער נאכפרעג פלעגן אפילע אין יארן פון א גוטער גערעטעניש דינען אלס הויבנדיקער הויפטסטימול אינם אויפבוי פון די טוואוע־פרייזן אף די ערטער.

די אַנטוויקלונג פון דער טוואָרע־פּראָדוקציע.

דידאָזיקע נייע מאַרקבאַדינגונגען און דאָס שטייגן פון דער האַכנאָסע פון דער טוואָרע־פּראָדוקציע גיבן אַ נייעם שטויס די וויטערדיקע ענדערונגען אין אַנטוויקלונגס־גאַנג פון די טוואָרע־קולטורן, זייער פאַרשפּרייטונג לויט די ראַיאָנען, זייער פאַרהעלטעניש צום נאָכפרעג מיצאַד דעם מאַרק. קודעמקאָל הויבט ווידער אָן גיך צו שטייגן, באַזונדערס בענויגייע צו ווייץ און גערשטן, דער וואוקס פון די פאַרזייעשטאַכן, וואָס האָט זיך פאַרהעלטנישמעסיק אַביסל פאַרלאַנגזאַמט אין די ניינציקער יאָרן. אַ באַזונדערס שאַרפן צוּוואוקס פון די פאַרזייעשטאַכן פון טוואָרע־קולטורן גיט דער לעצטער פינפיאָריקער פעריאָד פון ניינצנטן יאָרהונדערט און דער ערשטער פינפיאָריקער פעריאָד פון צוואַנציקסטן. די פאַרזייעשטאַך פון טוואָרע־קולטורן האָט באַטראָפן אין 50 גובערניעס פון דעם אייראָפּעאישן רוסלאַנד דורכשניטלעך פאַר די יאָרן 95 — 1893 — 60.352 טויזנט דעסיאַטין קעגן 59.982 טויזנט דעסיאַטין דורכשניטלעך פאַר די יאָרן 87 — 1883, ד. ה. אַז דער פאַרזייעשטעך האָט זיך פאַרגרעסערט פאַר צען יאָר אַף 330 טויזנט דעסיאַטין, אַן ערעך אַף אַ ½% אין מעשעך פון 10 יאָר. אין מעשעך פון די וויטערדיקע 5 יאָר 1896—1900 איז ער אויסגעוואַקסן ביז 64.145 טויזנט דעסיאַטין, ד. ה. פאַרגרעסערט זיך פאַר 5 יאָר אַן ערעך אַף 6,3%. אַנדערש געזאָגט, דער דורכשניטלעכער יערלעכער צוּוואוקס פונם פאַרזייעשטעך פון קערנער־קולטורן האָט אינצווייען איבערגעשטיגן דעם דורכשניטלעכן צעניאָריקן צוּוואוקס אין מעשעך פון פריערדיקן קריזיס־פעריאָד.

אויב מען זאָל נעמען די פּראָצענט־פאַרהעלטעניש פון די הויפּט־טוואָרעס אין דער אַלגעמיינער מאַסע פון דער טוואָרע־פּראָדוקציע, האָט דידאָזיקע פאַרהעלטעניש געביטן זיך אין מעשעך פון אַ ריי נאָכאַנאַנדיקע פינפיאָריקע פעריאָדן אַפן פאָלגנדיקן אויפן:

דער פּראָצענט־פאַרהעלטעניש פון די הויפּט־טוואָרעס.

	סאַכאַקל קערנער־קולטורן	פון זיי: ווייץ	קאָרן	גערשטן	האָבער
1896/900	100	23,8	35,2	10,0	20,8
1901/05	100	26,1	33,5	10,4	20,0
1906/10	100	28,1	31,3	11,3	20,0
1911	100	30,0	29,9	11,9	19,5
1912	100	29,5	30,5	12,1	19,2
1913	100	29,8	29.9	12,5	19,1

די טענדענץ פון וואוקס פון די אמערסטן גאַנגבאַרע טוואָרעס, ווייץ און גערשטן, אַפן חעשבן פון דער פאַרהעלטנישמעסיקער פאַרקירצונג פון קאָרן, וואָס

עם ווייזן די געבראכטע טאבעלעס, ווערט נאך בולעטער, אויב מען זאל באזונדער באטראכטן דעם וואוקס פון די פארזיי־שעטעכן אין שווארצערדיקן פאס און באזונדער אין דעם נים שווארצערדיקן.

די פארהעלטעניש צווישן דער פריוואט־באזיצערישער און דער פויערישער פראדוקציע.

אנעמענדיק די ציפער פאר די 5 יאר פון 1896 — 900 פאר הונדערט, באקומען מיר פאלגנדיקע רעלאטיווע ציפערן פונם וואוקס פון די פארזיי־שעטעכן בא די פויערים און בא די אנדערע ערד־באזיצער.

דער וואוקס פון פארזיי־שעטעך.

	1896—1900		1901—1905		1906—1910	
	פויערשע	פריצישע	פויערשע	פריצישע	פויערשע	פריצישע
ווינטער־קארן . .	100	100	102,0	107,6	101,0	104,2
ווינטער־ווייץ . .	100	100	114,5	118,8	128,3	114,9
זומער־ווייץ . .	100	100	116,6	132,9	126,1	154,1
גערשטן . . .	100	100	110,8	115,8	124,1	136,1
האבער . . .	100	100	103,9	107,8	106,9	106,8

אף אזא אויפן איז די פריצישע און די גרויסע פויערשע ווירטשאפט געווען דער הויפטזאכלעכער פראדוצירער פון ווייץ אין דער צייט, ווען די קלענערע פויערשע ווירטשאפט איז געווען דער הויפטזאכלעכער פראדוצירער פון קארן. נאר ניט געקוקט אף דעם, וואס אין מעשעך פון דעם באטראכטן 15־יאריקן פעריאד זיינען נים פארגעקומען קיין גרויסע ענדערונגען אין דער צווישנפארהעלטעניש פון דידאזיקע קולטורן אין די ראמען פון די אנגעוויזענע פראדוצירער גרופעס גופע, קאן מען פונדעסטוועגן פארצייכענען אלס א געוויסע טענדענץ אין דער „פויערשער“ טוואוע־פראדוקציע דעם באדייטנדיק גיכערן וואוקס פון ווינטער־ווייץ, וועלכע שטויסט ארויס דעם ווינטער־קארן.

אויב מען זאל נעמען די רעלאטיווע ציפערן פון דעם ברוטא־סכום פון די אראפגענומענע טוואועס פון די פויערשע און פון די אנדערע פעלדער פאר דריי פינפיאריקע פעריאדן, אנעמענדיק די 5 יארן 1896 — 1900 פאר 100, וועלן מיר באקומען פאלגנדיקע פארהעלטענישן צווישן דער פארגרעסערונג פון דער טוואוע־פראדוקציע אף די פויערשע און פריוואט־באזיצערישע פעלדער:

דער פראָצענט־פאַרהעלטעניש פון דער טוואָרע־פּראָדוקציע.

	1896—1900		1901—1905		1906—1910	
	פויערשע	פריצישע	פויערשע	פריצישע	פויערשע	פריצישע
ווינטער־קאָרן . .	100	100	105,8	112,9	96,4	108,7
ווינטער־ווייץ . .	100	100	155,1	151,8	166,3	134,9
זומער־ווייץ . .	100	100	134,5	156,7	138,0	177,3
גערשטן . . .	100	100	127,6	136,0	151,4	169,8
האָבער . . .	100	100	109,8	117,2	114,3	124,1

דערפון איז צו זען, אז די ברוטאָ־סכומען פון דעם אראָפּגענומענעם קאָרן פון די פויערשע פעלדער גיבן א דירעקטע פארקלענערונג אין דער צייט, בעאיים די סכומען פון אראָפּגענומענעם ווינטער־ווייץ גיבן די גרעסטע פארגרעסערונג. נאָר פון זומער־טוואָרעס האָט זיך אף די פויערשע פעלדער מיט אסאך א גרעסערן דערפאָלג אנטוויקלט די פּראָדוקציע פון גערשטן, וועלכע איז פארהעלטניסמעסיק ווייניק אָפּגעשטאנען פון אנטוויקלונגס־טעמפּ פון די פּריצישע פעלדער, אין דער צייט ווען בענוגייע צו דער פּראָדוקציע פון זומער־ווייץ האָבן די פויערשע פעלדער באוויזן א באדייטנדיק קלענערן אנטוויקלונגס־טעמפּ.

אין דער פּראָדוקציע פון טוואָרעס האָט אף 2/3 דאָמינירט די „פויערשע" ווירטשאפט. זי האָט גלייכצייטיק באזונדערס שנעל אנטוויקלט יענע קערנער־קולטורן, וואָס זיינען אמערסטן צוגעפּאסט צום האנדל. מיר האָבן ניט קיין מעגלעכקייט גענוי נאָכצופאָלגן די אנטוויקלונג פונם גראד פון סכוירעדיקייט פון די פויערשע און פריצישע טוואָרע־קולטורן בענוגייע צו באזונדערע טוואָרעס און ראיאָנען. ס'פארשטייט זיך, אז „ריאַזיקע סכוירעסדיקייט־נאָרמעס" זיינען גאנץ פארשיידן ניט נאָר פאר באזונדערע טוואָרעס און פארשיידענע ראיאָנען נאָר אויך פאר דער פּריצישער און פויערשער ווירטשאפט און בענוגייע די באזונדערע גרופּעס פון דער לעצטער. דער אויבנציטירטער אווטאָר גיט אָן, פאָלגנדיקע ציפערן פאר די דורכשניטלעכע סכוירעדיקייט־נאָרמעס בענוגייע צו באזונדערע טוואָרעס פון דער פּריצישער און פויערשער פּראָדוקציע:

די דורכשניטלעכע סכוירעשקייט פון דער טוואָרע־פּראָדוקציע.

	בא די פויערים	בא די פריצים	אין דורכשניט
ווייץ	51,3	81,1	55,7
קאָרן	21,5	42,0	23,3
האָבער און גערשטן	28,8	65,8	33,8

אין באַזונדערע ראַיאָנען הויבן זיך אָט די דיפערענטן סכווירעדיקייט-נאָרמעס. לעמאָשל, בענוציגייט דער ווייץ פון די פריצישע ווירטשאַפטן ביז 86,1% אין ראַיאָן פון דער אונטערשטער וואָלגע, ביז 85,8% אין דאָרעם-מאַירעוודיקן ראַיאָן און בענוציגייט די פּויערשע ווייץ — ביז 77,4% אין נאָוואָראָסייסקער ראַיאָן; די סכווירעדיקייט-נאָרמעס פאַר קאָרן, פאַרקערט, פאַלן בא די פּויערשע ווירטשאַפטן ביז די 14,5% אין צענטראַלן לאַנדווירטשאַפטלעכן ראַיאָן, ביז 11,4% אין בייאוראַלער ראַיאָן, 13,8% אין דאָרעם-מאַירעוודיקן א.א.וו.

אַרויסגייענדיק פון דעמדאָזיקן כעשבן פון די סכווירעדיקייט-נאָרמעס און פון סכום טוואַרע, וואָס פלעגט אָנקומען אפן מאַרק פון דער פריצישער און דער פּויערשער ווירטשאַפט, קאָן מען אַף אַזאַ אויפן אומגעפער פעסטשטעלן, אַז פון דער אַלגעמיינער מאַסע פון די פיר הויפּט-טוואַרעס, וועלכע פלעגן אָנקומען אפן מאַרק אין א צאָל פון 1.180 מיליאָן פוד, פלעגט די פריצישע ווירטשאַפט צושטעלן ביז 254 מיליאָן פוד (21,6%) און די פּויערשע — 926 מיליאָן פוד (78,4%). וואָס איז שאַיעך דעם אַנטייל פון דער פּויערשער ווירטשאַפט און דער פריצישער אין באַזאָרגן דעם מאַרק מיט באַזונדערע טוואַרעס — דריקן זיי זיך אויס אין די פאָלגנדיקע ציפערן:

דער אנטייל פון פריצים און די פויערים אַפן ברויט-מאַרק.

	באזארגונג מיצאד די פויערים. אין %%	באזארגונג מיצאד די פריצים. אין %%
ווייץ	79,9	20,1
קארן	83,9	16,1
גערשטן און האָבער . . .	73,1	26,9

עס פאַרשטייט זיך, אַז אַלע אויבנגעבראַכטע צעגלידערונגען פון דער טוואַרע-פּראָדוקציע אַף „פּויערשע" און „פריצישע", דעקן בעשום אויפן ניט אויף דעם כאַראַקטער פון יענע קאַפּיטאַליזיר-פּראָצעסן, וואָס האָבן אין דערדאָזיקער צייט אַרומגעכאַפּט די טוואַרע-פּראָדוקציע.

נ. לענין

די פריצישע ווירטשאַפט

א). די פאַרייניקונג פון דער לייבאייגנטימערישער ווירטשאַפטס-סיסטעם מיט דער קאַפּיטאַליסטישער.

די לייבאייגנטימערישע ווירטשאַפטס-סיסטעם איז אונטערגעריסן געוואָרן דורכן אָפּשאַפן דאָס לייבאייגנטום-רעכט. עס זיינען אונטערגעריסן געוואָרן אַלע הויפּט-יעסוידעס פון דערדאָזיקער סיסטעם: די נאַטורעלע ווירטשאַפט, די אָפּ-

געשלאָסנקייט און דער כאַראַקטער פון פּריצישן גוט, וואָס האָט זיך זעלבסט באַפּרידיקט, די ענגע פאַרבינדונג צווישן זייַנע איינצלנע עלעמענטן, די מאַכט פונם פּאָריץ איבער די פּויערים. די פּויערשע ווירטשאַפט האָט זיך גענומען אָפּטיילן פון דער פּריצישער; דעם פּויער איז פאָרגעשטאַנען אויסצוקויפן זייַן ערד אין פולשטענדיקן אייגנטום, דעם פּאָריץ—איבערגיין צו דער קאַפּיטאַליסטישער ווירטשאַפט-סיסטעם, וועלכע באַזירט זיך אויף דיאַמעטראַל-קעגנזעצלעכע יעסוירעס. אָבער אַזאַ מין איבערגאַנג צו אַ פולקום אַנדער סיסטעם האָט, פאַרשטייט זיך, ניט געקאָנט פאָרקומען מיטאַמאָל, ניט געקאָנט מאַכמעס צוויי פאַרשיידענע סיבעס: ערשטנס, זייַנען נאָך ניט געווען די באַדינגונגען, וועלכע זייַנען נייטיק פאַר דער קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוקציע. עס האָט זיך געפאָדערט אַ קלאַס מענטשן, וועלכע זאָלן זייַן געצוווּנגען צו לוינאַרבעטן, ס'האָט זיך געפאָדערט פאַרביטן דעם פּויערשן אינווענטאַר אויפן פּריצישן; עס איז נייטיק געווען אָרגאַניזירן די ערדאַרבעט, ווי יעדע אַנדערע האַנדלס-אינדוסטריעלע אונטערנעמונג, און ניט ווי אַ פּריצישן אייסעק. אַז די אַלע באַדינגונגען האָבן זיך געקאָנט אויסבילדן נאָר בעהאַדראָגע, און די פּראָוון פון אייניקע פּריצים אין דער ערשטער צייט נאָך דער רעפאָרם אויסצושרייבן פאַר זיך פון אויסלאַנד אויסלענדישע מאַשינעס און אַפילו אויסלענדישע אַרבעטער האָבן זיך געמוזט אויסלאָזן מיט אַ פולן באַנקראָט. די צווייטע סיבע, מאַכמעס וועלכער עס איז אוממעגלעך געווען איבערגיין מיטאַמאָל צו דער קאַפּיטאַליסטישער סיסטעם, איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס די אַלטע, לייבאייגנטימערישע ווירטשאַפט־סיסטעם איז נאָר געווען אונטערגעבראָכן, אָבער ניט ענדגילטיק פאַרניכטעט. די פּויערשע ווירטשאַפט איז ניט געווען פולשטענדיק אָפּגעטיילט פון דער ווירטשאַפט פון די פּריצים, ווייל אין די הענט פון די לעצטע זייַנען געבליבן גאַנץ מאַמאָשעסדיקע טיילן פון די פּויערשע ערד־טיילן „אָפּשניטן־ערד", וועלדער, לאָנקעס, טרינק־ערטער, פּיטער־פּלעצער אוכדוימע: אָן דערהאַזיקער ערד (אָדער סערוויטוטן) זייַנען די פּויערים אַבסאָלוט ניט אימשטאַנד געווען צו פירן אַ זעלבשטענדיקע ווירטשאַפט, און די פּריצים האָבן אַזוי אַרום געהאַט די מעגלעכקייט פאַרצוזעצן די אַלטע ווירטשאַפט־סיסטעם אין דער פאָרם פון „אָפּאַרבעטן". די מעגלעכקייט פון „אויסערעקאָנאָמישן צוואַנג" איז אויך פאַרבליבן: אַ צייטווייליק פאַרפליכטעטער צושטאַנד, קעגנזייטיקע אַחרייעס, די לייב־שטראָף פאַרן פּויער, דאָס אָפּגעבן אים אויף געזעלשאַפטלעכע אַרבעט א.א.וו.

אַלזאָ, די קאַפּיטאַליסטישע ווירטשאַפט האָט ניט געקאָנט מיטאַמאָל אַנטשטיין, די לייבאייגנטימערישע ווירטשאַפט האָט ניט געקאָנט פאַרשווינדן, מיטאַמאָל. די איינציק־מעגלעכע ווירטשאַפט־סיסטעם איז אַזוי אַרום געווען אַן איבערגאַנגס־סיסטעם, אַ סיסטעם, וואָס האָט אין זיך פאַראייניקט די שטריכן סײַ פון דער לייבאייגנטימערישער, סײַ פון דער קאַפּיטאַליסטישער סיסטעם. און ווירקלעך, די נאָכרעפאָרם־אָרדענונג פון דער פּריצישער ווירטשאַפט ווערט כאַראַקטעריזירט גראָד מיט דיזאַזיקע שטריכן. בײַ דער גאַנצער אומענדלעכער פאַרמען־פאַרשיידנהייט, וועלכע איז נאַטירלעך פאַר דער איבערגאַנג־

עפּאָכע, קאָן די עקאָנאָמישע אָרגאַניזאַציע פון דער מאָדערנער פּריצישער ווירטשאַפט געבראַכט ווערן צו די צוויי סיסטעמען אין די סאַמע פאַרשיידענע קאָמבינאַציעס, דאָס הייסט, צו דער סיסטעם פון אָפּאַרבעטן און צו דער קאַפּיטאַליסטישער. די ערשטע באַשטייט אינעם באַאַרבעטן די ערד מיטן אינווענטאַר פון די אַרומיקע פּויערים, דערביי בייט ניט די פאָרם פון לוין דעם עצעם פון דער דאָזיקער סיסטעם (צי דאָס איז געלט-לוין, ווי באַם אָנדינגען זיך אַף אַ טערמין, אָדער פּראָדוקטן-לוין, ווי דאָס איז באַ דער אַרבעט פון דערהעלפט") דאָס איז אַ דירעקטע ירושע פון דער לייבאייגנטימערישע ווירטשאַפט, און די אויבנאָנגעגעבענע עקאָנאָמישע כאַראַקטעריסטיק פון דער לעצטער איז קימאַט אינגאַנצן אָנגעווענדעט אַף דער אָפּאַרבעט־סיסטעם. דער איינציקער אויסנאַם איז דאָס, וואָס באַ איינער פון די פאָרמען פון דער אָפּאַרבעט־סיסטעם פאַלט אָפּ איינע פון די באַדינגונגען פון דער לייבאייגנטימערישער ווירטשאַפט: דעהיינו, באַם אָנדינגען זיך פון טערמין ווערן געצאָלט געלט־סכירעס אָנשטאָט באַלויגען די אַרבעט אין נאַטור. די קאַפּיטאַליסטישע סיסטעם באַשטייט אין אָנדינגען אַרבעטער (יאָריקע, אַף אַ טערמין, טאָג־אַרבעטער א.א.וו.) וועלכע באַאַרבעטן די ערד מיטן אייגנטימערס אינווענטאַר. די אָנגערופענע סיסטעמען פלעכטן זיך איבער אין דערווירקלעכקייט אַפן סאַמע פאַרשיידנאַרטיקסטן און מאָדנעם אויפן: אין אַ מאַסע פּריצישע מאַיאַנטקעס, פאַראייניקן זיך ביידע סיסטעמען, וועלכע ווערן אָנגעווענדעט צו פאַרשיידענע ווירטשאַפטלעכע אַרבעטן. עס איז גאַנץ נאַטירלעך, אַז די פאַראייניקונג פון אַזוינע פאַרשיידנאַרטיקע און אָפילע קעגנזעצלעכע ווירטשאַפטס־סיסטעמען ברענגט אין דער פּראַקטיק צו אַ גאַנצער ריי סאַמע טיפסטע און פאַרוויקלטע קאָנפליקטן און ווידערשפּרוכן, אַז אונטערן דרוק פון די דאָזיקע ווידערשפּרוכן ווערט אַ גאַנצע ריי ווירטשאַפטן רואינירט א.א.וו. דאָס זיינען דערשיינונגען, וועלכע זיינען כאַראַקטעריסטיש פאַר יעדער איבערגאַנגס־עפּאָכע.

ווען מיר זאָלן זיך שטעלן די פראַגע וועגן דער פאַרהעלטנישמעסיקער פאַרשפּרייטקייט פון די ביידע סיסטעמען, מוז מען קודעם־כאָל זאָגן, אַז קיין גענויע סטאַטיסטישע אָנגאָבן זיינען בענוגייע דער דאָזיקער פראַגע ניטאָ און זיי וואָלטן גאָר קוים געקאָנט צונויפגעקליבן ווערן: צוליב דעם וואָלט נויטיק געווען דער דיסקאָנט ניט בלויז פון אַלע מאַיאַנטקעס, נאָר אויך פון אַלע ווירטשאַפטלעכע אָפּעראַציעס אין אַלע מאַיאַנטקעס. פאַקטן זיינען פאַראַן נאָר לעפּיערעכדיקע, אין געשטאַלט פון אַן אַלגעמיינער כאַראַקטעריסטיק פון איינצלנע ערטער לויט דעם הערשן פון דער אָדער אַנדער סיסטעם. אין דעם סאַכאַקל־געשטאַלט זיינען אַזעלכע פאַקטן בענוגייע גאַנץ רוסלאַנד געבראַכט אין דער אויבנציטירטער אויסגאַבע פונם דעפּאַרטאַמענט פון ערד־אַרבעט: „פרייע לוין־אַרבעט" א.א.וו. ה' אַננענסקי האָט צונויפגעשטעלט אַפן סמאַך פון די דאָזיקע אָנגאָבן אַ זייער באַשיינפערלעכע קאַרטאָגראַמע („די ווירקונג פון די גערעטענישן א. א. וו. ב., 170). וועלכע באַווייזט די פאַרשפּרייטקייט פון די ביידע סיסטעמען. לאָמיר צונויפשטעלן די דאָזיקע דאַטן אין געשטאַלט פון אַ טאַבעלע, דערגאַנצנדיק

זי מיט יעדיעס וועגן דער גרויס פונם פארזיי־שטעטך אף דער גרויסבאזיצערישער ערד, אין די יארן 1882 — 1887. 1).

די הערשנדיקע ווירטשאפט־סיסטעם בא די גרויסע ערד־באַזיצער.

1883 — 1887 [1].

גרופן גיבערניעס לויט דער הערשנדיקער ווירטשאפט־סיסטעם בא די גרויסע ערד־באזיצער	די צאָל גובערניעס			דער סכום פארזיי־שטאָכים פון אלע מינים טוואוס און פון קארטאָפל אף דער גרויס באזיצערישער ערד (אין טויז. דעס.)
	אפן שיווארצ־ערד־פאס	אינם ניט שיווארצ־ערר־פאס	צוזאמען	
I. גוב., וואו עס הערשט די קאפיטאליסט. סיסט. .	9	10	19	7.407
II. גוב., וואו עס הערשט די געמישטע סיסטעם .	3	4	7	2.222
III. גוב., וואו עס הערשט די סיסט. פון אָפּארבעטן.	12	5	17	6.281
צוזאמען .	24	19	43	15.910

אלזא, אויב אין די ריין־רוסישע גובערניעס הערשט דאָס אָפּארבעטן, מוז אין אייראָפּעאישן רוסלאנד בכלל די קאפיטאליסטישע סיסטעם איצט אָנער־קענט ווערן אלס א איבערוועגנדיקע. דערביי דריקט אונזער טאבעלע אויס דאָס־דאָזיקע איבערוועגן ווייט ניט פול, ווייל אין דער 1־טער גרופע גובערניעס זייי־נען פאראן אזעלכע, וואו דאָס אפּארבעטן ווערט לאַכלוטן ניט באנוצט (די באל־

*) פון די 50 גובערניעס פון אייראָפּעאישן רוסלאנד זיינען אויסגעשלאָסן די ארכאנגעל־סקער, וואלאגדער, אָלאנעצקער, וויאטקער, פערמער, אָרענבורגער און אסטראכאנער גובערניעס, וואו עס איז אין די יארן 1883—1887 געווען איינגאנצן 562 טויזנט דעסיאטין פארזיי־שטעטך אף דער פּריוואט באזיצערישער ערד פון דער גאנצער צאָל 16.47 טויזנט דעסיאטין פון דעמדאָזיקן מין פארזיישעטעכ אין אייראָפּעאישן רוסלאַנד.

אין דער 1־טער גרופע זיינען אריין פאלגנדיקע גובערניעס: 3 באלטישע, 4 מאירעווודיקע (קאוונער, ווילנער, גראדנער, מינסקער), דריי דאָרעם־מיזרעכדיקע (קיעווער, וואָליבער, פּאָדאָליער), 5 מיזרעכדיקע (כערסאָנער, טאווריטער, בעסאראבער, קאטערינאָסלאווער און דאָנער); 1 דאָרעם־מיזרעכדיקער (סאראטאווער), דערנאך פּעטערבורגער, מאסקווער און יאראָסלאווער. אין דער 2־טער גרופע: ווילנער, מאהילעווער, סמאָלענסקער, קאלוגער, ווארענעזשער, פּאלטאווער און כארקאָווער. אין דער 3־טער גרופע זיינען אריין אלע איבעריקע גובערניעס.

טישע, לעמאָשל), בעאייס אין דער 3־טער גרופּע איז ניטאָ קיין איין גובערניע, וואָרשיינלעך, אפילע קיין איין ווירטשאפט — וואו עס זאָל כאָטש טיילוויין ניט אָנגעווענדעט ווערן די קאפּיטאליסטישע סיסטעם. אָט איז אן אילוסטראציע פון דעם אפן סמאך פון די אָנגאבן פון דער זעמסטווע־סטאַטיסטיק:

דער כאראקטער פון די ווירטשאפטן לויט דעם ארבעטער-טיפּ.

קרייזן פון קור-סקער גוב.	דער % מאיאָנטקעס, וואָס דינגען אָן צייט-ארבעטער		דער % מאיאָנטקרס, ויאָס האלטן שטענדיקע באטראַקעס	
	מיטעלע	גרויסע	מיטעלע	גרויסע
דמיטראָווסקער	53,3	84,3	68,5	85,0
פאטעזשסקער	77,1	88,2	86,0	94,1
ליגאָווער	58,7	70,8	73,1	96,9
סודזשאנסקער	53,0	81,1	66,9	90,5

צום סאָף מוז מען באמערקן, אז די סיסטעם פון אָפּארבעטן גייט אָפּט אריבער אין די קאפּיטאליסטישע און גיסט זיך מיט איר אזוי ווייט צונויף, אז עס ווערט קימאט אומעגלעך אָפּצוטיילן איינע פון דער אנדערער און אונטערשיידן זיי. לעמאָשל, דער פּויער דינגט א שטיקל ערד, און איז זיך מיסכאיעוו אָפּצואַרבעטן פאר אים א באשטימטע צאָל טעג. ס'איז א זייער פארשפּרייטע דערשיינונג (זע ביישפּילן אין קומענדיקן פּאראגראף). ווי פירט מען דאָ דורך א בילעק צווישן אזא „פּויער" און דעם מאירעוראייראָפּעאישן צו אָפּטזעישן (באלטישן) „באטראַק", וועלכער באקומט א שטיקל ערד מיט דער היסכאייועס צו ארבעטן א באשטימטע צאָל טעג? דאָס לעבן שאפט אזעלכע פאָרמען, וועלכע פאראייניקן די קעגנזעצלעכע — לויט זייערע גרונט־שטריכן — סימאָנים פון דער ווירטשאפטס־סיסטעם מיט א מערקווירדיקער בעהאדראָגעדיקייט. עס ווערט אומעגלעך צו זאָגן, וואו עס לאָזט זיך אויס דאָס „אָפּארבעטן" און וואו עס הויבט זיך אָן דער „קאפּיטאליזם".

פעסטשטעלנדיק אזוי ארום דעם גרונט־פאקט, אז די גאנצע פאָרמען־פארשיידנארטיקייט פון דער מאָדערנער פריצישער ווירטשאפט קאָן געבראכט ווערן צו צוויי סיסטעמען — צו דער סיסטעם פון אָפּארבעטן און צו דער קאפּיטאליסטישער, — אין פארשיידענע קאָמבינאציעס, — וועלן מיר איצט איבערגיין צו דער עקאָנאָמישער כאראקטעריסטיק פון ביידע סיסטעמען און מיר וועלן א קוק טאָן, וועלכע פון די דאָזיקע סיסטעמען שטויסט ארויס די אנדערע אונטער דער ווירקונג פונם גאנצן גאנג פון דער עקאָנאָמישער אנטוויקלונג.

ב). די אַרויסשטויסונג פון אָפּאַרבעטן מיצאַד דעם קאַפּיטאַליזם.

(ענגעלהאַרדטס ווירטשאַפט)

...ווען ענגעלהאַרדט האָט זיך באַזעצט אַף דער ווירטשאַפט, האָט זי זיך באַזירט אַף דעם טראַדיציאָנעלן אָפּאַרבעטן און שקלאַפעריי, וועלכע שליסן אויס די „רעגולערע ווירטשאַפט“ („בריוו פון דאָרף“, 559). דאָס אָפּאַרבעטן האָט געבראַכט צו שלעכטן פּיצוכט, שלעכטע באַאַרבעטונג פון דער ערד, צו די איינאַרטיקייט פון די פאַרעלטערטע סיסטעמען פון דער פעלדווירטשאַפט (118). „איך האָב דערזעען, אַז פירן די ווירטשאַפט, ווי פריער איז אוממעגלעך“. (118) די קאָנקורענץ פונם סטעפּ־ברויט האָט געהאַלטן אין אַראָפּזעצן די פרייזן און האָט געבראַכט דערצו, אַז די ווירטשאַפט האָט ניט געלוינט (83). לאָמיר באַמערקן, אַז אײנײנעם מיט דער סיסטעם פון אָפּאַרבעטן האָט אין דער ווירטשאַפט פון אָנהויב אָן אויך געשפּילט אַ געוויסע ראָל די קאַפּיטאַליסטישע סיסטעם: לוין־אַרבעטער זײַנען געווען אויך באַ דער אַלטער ווירטשאַפט, האָטש אין אַ זייער ניט גרויסער צאָל (פּאַסטעכער און אַנדערע), און ענגעלהאַרדט זאָגט איי־דעם, אַז דער אַרבעטס־לוין פון זיין באַטראַק איז געווען „לעגענדאַריש קליין“ (11) — קליין דערפאַר, ווייל „מער קאָן מען אים ניט געבן“ באַם שלעכטן צושטאַנד פון דער פּיצוכט. די נידעריקע פּראָדוקטיווקייט פון דער אַרבעט האָט אויסגעשלאָסן די מעגלעכקייט פון העכערן דעם אַרבעטסלוין. אַלזאָ, דער גרונט אין ענגעלהאַרדטס ווירטשאַפט זײַנען די אונדז שוין באַקאַנטע שטריכן פון אַלע רוסישע ערד־ווירטשאַפטן: אָפּאַרבעטן, קנעכטשאַפט, די סאַמע נידעריקע פּראָדוקטיווקייט פון דער אַרבעט, די אומגעהויער נידעריקע באַלוינונג פון דער אַרבעט, די רוטינע פון דער לאַנדווירטשאַפט.

אין וואָס־זשע באַשטייען די ענדערונגען, וועלכע ענגעלהאַרדט האָט אַרײַנגעטראָגן אין אַט אַ דער אָרדענונג? ער גייט איבער צום זייען פלאַקס, — אַ האַנדלס־טעכנישן געוויקס, וואָס פאַרלאַנגט אַ מאַסע אַרבעטס־הענט. פאַרשטאַרקט זיך בעמיילע דער האַנדלס־און קאַפּיטאַליסטישער כאַראַקטער פון דער ערד־אַרבעט. אָבער ווי באַקומט מען אַרבעטס־הענט? ענגעלהאַרדט האָט טכילעס געפּרואווט אָנווענדן צו דער נייער (האַנדלס־) ערד־אַרבעט די אַלטע סיסטעם־אָפּאַרבעטן. עס איז אָבער ניט געגאַנגען, מען האָט געאַרבעט שלעכט, „דאָס אָפּאַרבעטן דעסיאַטינעסווייז איז געווען ניט לויט די קויכעס פון די פּויערים, וועלכע האָבן זיך מיט אַלע מיטלען אַנטקעגנגעשטעלט דער שקלאַפישער אַרבעט. „מען האָט געמוזט ענדערן די סיסטעם. דערווײַלע האָב איך זיך שוין געשטעלט אַף די פיס, איינגעשאַפט זיך אייגענע פערד, וועגענער, סאָכעס, באָראָנעס, און האָב שוין געקאָנט פירן אַ באַטראַק־ווירטשאַפט. כ'האָב שוין אָנגעהויבן צו אַרבעטן פלאַקס טיילווייז מיט אייגענע באַטראַקעס, טיילווייז דורך שטיק־אַרבעט, אָנדינגעדיק אַף באַשטימטע אַרבעטן“ (218). בעכיין האָט דער איבערגאַנג צו דער נייער סיסטעם פון ווירטשאַפט און צו דער האַנדלס־ערד־אַרבעט פאַרלאַנגט דאָס פאַרבייטן פון דעם אָפּאַרבעטן אַף אַ קאַפּיטאַליסטישער סיסטעם. קעדיי צו העכערן די פּראָדוקטיווקייט פון דער אַרבעט האָט ענגעלהאַרדט באַנוצט דעם אויס־

געפּרואווט מיטל פון דער קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוקציע: שטיקאַרבעט. די ווייבער האָבן זיך אָנגעדונגען אַרבעטן פון סקירדע, פון פּוד. ענגעלהאַרדט דערציילט וועגן דעם, ווי „געראָטן" דידאָזיקע סיסטעם איז; עס זײַנען געשטיגן די קאָסטן פונעם באַאַרבעטן (פון 25 רובל פאַר אַ דעסיאַטין ביז 35 רובל), אָבער דערפאַר איז אויך געשטיגן די האַכנאָסע אַף 10 — 20 רובל, עס איז גרעסער געוואָרן די פּראָדוקטיווקייט פון דער אַרבעט באַם איבערגיין פון דער שקלאַפישער אַרבעט צו דער פרייען לוין־אַרבעט (פון 20 פונט אַ נאַכט ביז 1 פּוד), עס האָט זיך אויפגעהויבן דער פאַרדינסט פון די אַרבעטאָרינס ביז 30 — 50 קאָפּ. אַ טאָג („אַן אומדערהערטער שוין אין אונזערע מעקוימעס"). דער אָרטיקער שניט־קרעמער האָט פון גאַנצן האַרצן געלויבט ענגעלהאַרדטן: „איר האָט מיטן פלאַקס געגעבן אַ גרויסן שטויס דעם האַנדל". (219).

טבילעם אָנגעווענדעט צום באַאַרבעטן אַ האַנדלס־געוויקס, האָט די פרייע לוין־אַרבעט ביסלעכווייז אָנגעהויבן אַרומנעמען די אַנדערע לאַנדווירטשאַפטלעכע אָפּעראַציעס. איינע פון די ערשטע אָפּעראַציעס, וועלכע דער קאַפּיטאַל האָט אָפּגענומען בײַ דעם אָפּאַרבעטן, איז דאָס דרעשן. ס'איז באַוואוסט, אַז אויך אין אַלע פּריוואַטבאַזיצערישע ווירטשאַפטן בכלל ווערט אָט דער מין אַרבעט אָפטער פאַר אַלץ געפירט קאַפּיטאַליסטיש. „אַ טייל ערד — האָט ענגעלהאַרדט געשריבן — פאַרדינג איך, די פויערים זאָלן זי באַאַרבעטן קרײַזנווײַז, ווײַל אַנדערש וואָלט מיר שווער געווען פאַרטיק צו ווערן מיטן קאָרן־שניט" (211). דאָס אָפּאַרבעטן, הייסט עס, דינט פאַר אַ דירעקטן איבערגאַנג צום קאַפּיטאַליזם, באַוואָרענענדיק דעם באַלעבאָס די אַרבעט פון די טאָג־אַרבעטער אין דער סאַמע הייסער צײַט. טבילעם פלעגט די באַאַרבעטונג פון די קרײַזן גיין אײַנאײנעם מיטן דרעשן, אָבער אויך דאָ האָט די שלעכטע קוואַליטעט פון דער אַרבעט געצוואונגען איבערצוגיין צו פרייער לוין־אַרבעט. דאָס באַאַרבעטן די קרײַזן פלעגט אָנהויבן אָפּגעגעבן ווערן אין דעם דרעשן, און דאָס לעצטע פלעגט געמאַכט ווערן טיילווײַז מיט דער אַרבעט פון די באַטראַקעס, טיילווײַז פלעגט זי אָפּגעגעבן ווערן אַן אונטערנעמער, מיט אַן אַרטעל לוין־אַרבעטער פאַר געהאַלט פון שטיק. דער רעזולטאַט פון פאַרבײַטן דאָס אָפּאַרבעטן אַף די קאַפּיטאַליסטישע סיסטעם איז דאָ אויך געווען: 1) דאָס שטייגן פון דער פּראָדוקטיווקייט פון דער אַרבעט (פריער פלעגן 16 מענטשן אויסדרעשן אַ טאָג 9 מייעס, איצט 18 מענטשן — 11 מייעס; 2) דער גרעסערער רעזולטאַט פונעם אויסדרעשן; 3) די פאַרקירצונג פון דער דרעש־צײַט; 4) דאָס שטייגן פונעם אַרבעטערס פאַרדינסט; 5) די פאַרגרעסערונג פונעם באַלעבאָס רעוועח (213).

ווײַטער נעמט די קאַפּיטאַליסטישע סיסטעם אַרום אויך די אָפּעראַציעס פון באַאַרבעטן דעם באָדן. עס ווערן אײַנגעפירט פלוגן אַנשטאָט די אַלטע סאָכעס, און די אַרבעט גייט אַריבער פונעם פאַרשקלאַפטן פויער צום באַטראַק. ענגעלהאַרדט טיילט מיט, טריאומפירנדיק, וועגן דעם דערפאָלג פון דעם נײַעס, וועגן דער געוויסנהאַפטער באַציאונג פון די אַרבעטער, ער דערווײַזט פולקום ריכטיק, אַז די געוויינלעכע באַשולדיקונג פון דעם אַרבעטער אין פוילקייט און געוויסנלאָזיקייט איז אַ רעזולטאַט פונעם „לײַבקנעכטשאַפט־צייכן" און פון דער

שקלאַפישער אַרבעט „פֿאַרן פּאַריץ“, אַז די נייע אָרגאַניזאַציע פֿון דער ווירטשאַפֿט פֿאַרלאַנגט פֿון באַלעבאָס אונטערנעמונגס־פֿעאיקייט, קענען מענטשן און קענען באַגיין זיך מיט זיי, קענען די אַרבעט און איר מאָס, באַקאַנטשאַפֿט מיט דער טעכנישער און מיט דער קאָמערציעלער זייט פֿון דער ערד־אַרבעט, — ד.ה. אַזעלכע מידעס, וועלכע די אָבלאָמאָוס פֿון דעם לייב־אייגנטימערישן אָדער שקלאַפֿישן דאָרף האָבן ניט געהאַט און ניט געקאָנט האָבן. די פֿאַרשיידענע ענדערונגען אין דער טעכניק פֿון דער אַרבעט זיינען אָפּן איינגעטון אויפֿן פֿאַרבונדן איינע מיט דער אַנדערער און פֿירן אומפֿאַרמיידלעך צו דער רעפֿאָרם פֿון דער עקאָנאָמיק. „לעמאָושל, לאָמיר זיך פֿאַרשטעלן, אַז מיר האָבן איינגעפֿירט דאָס זייען פֿלאַקס — וועלן טייקעף נויטיק ווערן אַסאַך אַנדערע ענדערונגען, און ווען מע זאָל זיי ניט מאַכן, וועט די אונטערנעמונג ניט גיין קעשורע. עס וועט נויטיק זיין ענדערן די אַקער־וועקסלונג און אָנשטאָט דער סאָכע באַנוצן אַ פּלוג, אָנשטאָט אַ הילצערנער בראָנע — אַן אייזערנע, און דאָס וועט ווידער פֿאַרלאַנגען אַנדערע פֿערד, **אַנדערע אַרבעטער, און אַנדערע סיסטעם פֿון דער ווירטשאַפֿט בענויגייע צום אַנדינגען אַרבעטער** א. א. וו.“ (155).

די ענדערונג פֿון דער טעכניק פֿון דער ערד־אַרבעט האָט זיך אַזוי אַרום אַרויסגעוויזן צו זיין ענג פֿאַרבונדן מיטן אַרויסשטויסן דאָס „אָפּאַרבעטן“ דורך דעם קאַפּיטאַליזם. באַזונדערס אינטערעסאַנט איז דערביי די בעהאַדראָגעדי־קייט, מיט וועלכער דאָסראָוויקע אַרויסשטויסן קומט פֿאָר: די סיסטעם פֿון דער ווירטשאַפֿט פֿאַרייניקט, ווי פֿריער דאָס „אָפּאַרבעטן“ און דעם קאַפּיטאַליזם, אָבער דער שווער־פּונקט ווערט צו ביסלעך איבערגערוקט פֿונם ערשטן צום צווייטן. אָט ווי ס'האָט אויסגעזען די אָרגאַניזאַציע פֿון ענגעלהאַרדטס רעפֿאָרמירטער ווירטשאַפֿט:

„איצט איז בא מיר אַסאַך אַרבעט, ווייל איך האָב געענדערט די גאַנצע סיסטעם פֿון דער ווירטשאַפֿט. אַ היפּשער טייל אַרבעט ווערט אָפּגעטאָן דורך די באַטראַקעס און טאָג־אַרבעטער. די אַרבעטן זיינען די סאַמע פֿאַרשיידנאַרטיקע: אי איך ברען דאָס באַוואַקסן פֿעלד אַף ווייץ, אי איך וואָרצל אויס די בערעזעוועלדלעך אַף פֿלאַקס, אי איך האָב געדונגען די לאָנקעס אָפּן דניעפּר, אי איך האָב אָנגעזייט קלעווער און קאָרן אַ שלאָל און פֿלאַקס אַ פּולע. העננט דאַרף מען אַ יאַם. קעדיי צו האָבן אַרבעטער, מוז מען זיך באַזאָרגן פֿאַרויס, ווייל, ווען עס וועט אָנקומען די צייט פֿון אַרבעט, וועלן אַלע זיין פֿאַרנומען אָדער אין דער היים אָדער אין אַנדערע ווירטשאַפֿטן. דאָס אָנדינגען פֿון אַרבעטס־הענט ווערט געמאַכט דורכן אַרויסגעבן זיי פֿאָרויס געלט און ברויט, „אָד לעבעשבן“ פֿון דער אַרבעט“ (117).

דאָס אָפּאַרבעטן און די פֿאַרשקלאַפֿונג זיינען, הייסט עס, געבליבן אין דער „רעגולער“ אוועקגעשטעלטער ווירטשאַפֿט אויך אָבער, ערשטנס, האָבן זיי שוין פֿאַרנומען אַ קלענערן אָרט לעגאַבע דער פֿרייער לוין־אַרבעט, און צווייטנס, איז דאָס עצעם אָפּאַרבעטן פֿאַרענדערט געוואָרן; געבליבן איז דער איקער דאָס

אָפּאַרבעטן פון צווייטן מין, וואָס פאַרלאַנגט ניט קיין פּויערים־באַלעבאַטים, נאָר
לאַנדווירטשאַפטלעכע באַטראַקעס און טאָג־אַרבעטער.

אַלזאָ ענגעלהאַרדטס אייגענע ווירטשאַפט לייקנט אָפּ בעסער ווי אַלע כקי־
דעם זיינע „פאָלקיסטישע“ טעאָריעס. האָבענדיק געשטעלט פאַר זיך אַ ציל —
די ראַציאָנעלע ווירטשאַפט, האָט ער דאָס בּאַ די געגעבענע געזעלשאַפטלעך־
עקאָנאָמישע באַדינגונגען ניט געקאָנט טאָן אַנדערש ווי דורך אָרגאַניזירן אַ באַ־
טראַקעס־ווירטשאַפט. דאָס העכערן די טעכניק פון דער ערד־אַרבעט און דאָס
אַרויסשטויסן דאָס אָפּאַרבעטן מיצאַד דעם קאַפּיטאַליזם, איז אין דער געגעבע־
נער ווירטשאַפט געגאַנגען האַנט בּאַ האַנט, — פּונקט אַזוי, ווי עס גייט האַנט
בּאַ האַנט ביכלאַל אין אַלע פּריוואַט־באַזיצערישע ווירטשאַפטן פון רוסלאַנד. מיט
דער גרעסטער בּוילעטקייט ווייזט זיך דערדאָזיקער פּראָצעס אַרויס אינם באַ־
נוצן מאַשינעס אין דער רוסישער לאַנדווירטשאַפט.

ג). לוין־אַרבעט אין דער לאַנדווירטשאַפט.

מיר גיין איצט איבער צום הויפּט־רעזולטאַט פונם לאַנדווירטשאַפטלעכן
קאַפּיטאַליזם, — צום געברויך פון פרייער לוין־אַרבעט. אָט אַ דער שטריך פון
דער נאָכרעפאָרמען־ווירטשאַפט האָט זיך שטאַרקער ווי אומעטום אַרויסגעוויזן
אין די דאָרעמדיקע און מיזרעכדיקע ראַנד־געביטן פון אייראָפּעאישן רוסלאַנד
ער האָט זיך אַרויסגעוויזן אין יענער מאַסן־איבערוואַנדערונג פון די לאַנדווירט־
שאַפטלעכע לוין־אַרבעטער, וועלכע איז באַוואוסט אונטערן נאָמען „אַרבעטאַי־
בערוואַנדערונג“.

...די איבערוואַנדערונג פון די אַרבעטער גייט זיך פון די אָמערסטן באַ־
פעלקערטע ערטער אין די אָמוויניקסטן באַפעלקערטע, אין די ערטער, וועלכע
ווערן קאָלאָניזירט; פון די ערטער, וואו די לייבקנעכטשאַפט איז געווען אַנטוויקלט
אָמשטאַרקסטן, אין די ערטער וואו זי איז געווען אַנטוויקלט אָמשוואַכסטן; פון
די ערטער מיט דער גרעסטער אַנטוויקלונג פונם „אָפּאַרבעטן“ אין די ערטער
פון דער שוואַכער אַנטוויקלונג פון דער סיסטעם און פון הויכער אַנטוויקלונג פון
קאַפּיטאַליזם. די אַרבעטער, הייסט עס, לויפן פון דער „האַלבפרייער“ אַרבעט
צו דער פרייער. עס וואָלט געווען אַ טאָעס צו מיינען אַז דאָסדאָזיקע לויפן
באַשטייט אויסשליסלעך אין דער איבערוואַנדערונג פון די געדיכט־באַפעלקערטע
אין די ווינציק־באַפעלקערטע געגנטן. דאָס שטודירן די איבערוואַנדערונג פון
די אַרבעטער האָט באַוויזן די אָריגינעלע און וויכטיקע דערשיינונג, אַז פון
פילע אויסוואַנדערונגס־ערטער גייען די אַרבעטער אַוועק אין אַזאַ גרויסער צאָל
אַז אין דידאָזיקע ערטער ווערט אַ דוחעק אין אַרבעטער, וועלכער ווערט פאַר־
פולט מיטן צוקומען פון אַרבעטער פון אַנדערע ערטער. דאָס באַדייט, אַז דער
אַוועקגיין פון די אַרבעטער דריקט אויס ניט בלויז די שטרעבונג פון דער באַ־
פעלקערונג צו פאַרטיילן זיך גלייכמעסיקער איבער דער געגעבענער טעריטאָ־
ריע, נאָר אויך די שטרעבונג פון די אַרבעטער אַוועקצוגיין אַהינצו, וואו עס איז
בעסער. אָט דידאָזיקע שטרעבונג וועט פאַר אונז ווערן אינגאַנצן קלאָר, ווען
מיר וועלן זיך דערמאָנען אַז אינם אויסוואַנדערונג־ראַיאָן, אינם ראַיאָן פון

אפארבעטן, זיינען די סכירעס פון די דאָרפישע ארבעטער באַזונדערס נידעריק, און אינם ראיאָן פון אָנקומען, אינם ראיאָן פון קאפּיטאליזם זיינען די סכירעס אָן אַן ערך העכער...

...קימאַט א פינפטייל פויערים זיינען שוין אין אַזאַ צושטאַנד אַז זייער „איקער־באַרוף“ איז לוין ארבעט בא פארמעגלעכע פויערים און פריצים. מיר זעען דאָ די ערשטע גרופּע פון יענע אונטערנעמער, וועלכע ווייזן ארויס א נאָכפראַגע אף דער ארבעטס־קראַפט פון דאָרפישן פראָלעטאַריאַט. דאָס זיינען דאָרפישע אונטערנעמער, וואָס באַשעפטיקן בא העלפט פון דער נידעריקסטער גרופּע פונם פויערטום. אזוי ארום זעען מיר, אַז צווישן דער אויסבילדונג פונם קלאַס פון דאָרפישע אונטערנעמער און צווישן דער אויסברייטונג פון דער נידעריקסטער גרופּע פונם „פויערטום“, ד. ה. צווישן דער פארגרעסערונג פון דער צאָל דאָרפישע פראָלעטאַריער, איז פאַראַן א פולשטענדיקע קעגנזייטיקע אָפּהענגיקייט. צווישן די־אַזיקע דאָרפישן אונטערנעמער שפּילט א קענטיקע ראָלע די דאָרפישע בורזשואַזיע: לעמאַשל, אין 9 אויעזדן פון וואָראָנעזשער גובערניע זיינען פון דער גאַנצער צאָל באַטראַקעס 43,4% אָנגעדונגען פון די פויערים. ווען מיר זאָלן אָננעמען דעם דאָזיקן פּראָצענט פאר א נאָרמע פאר אַלע דאָרפישע ארבעטער און פאר גאַנץ רוסלאַנד, וואָלט זיך ארויסגעוויזן, אַז די פויערשע בורזשואַזיע ווייזט ארויס א נאָכפראַגע אף א מיליאָן־אָנדערהאַלבן לאַנדווירטשאַפטלעכע ארבעטער. דאָס פויערטום וואַרפט ארויס אפן מאַרק מיליאָנען ארבעטער, וואָס זוכן ארבעטגעבער און ווייזט אליין ארויס א גרויסע נאָכפראַגע אף לוין־ארבעטער...

(נ. לענין. די אנטוויקלונג פון קאפּיטאליזם אין רוסלאַנד. שריפטן, באַנד 3 זייטן: 144—148, 163—166, 182—186).

נ. לענין

די פויערשע ווירטשאַפט

א. די דיפערענצירונג פונם פויערטום, וואָס איז באַשעפטיקט אין דער ערד־ארבעט.

מיר גייען איבער צו א מיזרעכדיקער, צו א סאַמאַרער גובערניע. מיר נעמען דעם נאָוואָוזענסקער קרייז, דעם לעצטן לויט דער צייט פון דער אויספאָרשונג; אינם זאַמלבוך איז וועגן דעם דאָזיקן קרייז געגעבן די אויספירלעכע גרופּירונג פון די פויערים לויטן ווירטשאַפטלעכן סימען. אָט זיינען די אַלגעמיינע אָנגאַבן וועגן די גרופּעס פונם פויערטום. (די ווייטערדיקע יעדיעס באַציִען זיך אף 28.276 הויפן פון דער באַפעלקערונג, וואָס האָבן באַקומען ערד־כאַלאָקים מיט 164.146 נעפאַשעס פון ביידע געשלעכטן, ד.ה. בלויז צו דער רוסישער באַפעלקערונג פון קרייז אָן די דייטשן און אָן די „כוטאָראַניקעס“, — די באַלעבאַטים, וואָס פירן א ווירטשאַפט סײַ אין דער געמיינדע, סײַ אף די כוטאָרס. דער צוגאָב פון די דייטשן און די כוטאָריאַנעס וואָלט באַדייטנדיק פאַרשטאַרקט דאָס בילד פון דער דיפערענצירונג.

גרופעס פון פויערטום אין נאָוואָוזענסקער קרייז, סאמארער גוב.

גרופן פון הויזווירטן		דער פראָצענט צו גאַנצער צאָל הויפן		די דורכשניטל. גרויס פון פאַרזיי אף 1 הויף (דעסיאטין)	דער פראָצענט פון פארזייטן שעטעך צום סאַכאַקל	
אָרימע	אָן ארבעט פי	20,7	37,1%	2,1	2,8	8,0%
	מיט איין שטיקל פי	16,4		5,0	5,2	
מיטעלע	מיט 2—3 שטיק פי	26,6	38,2%	10,2	17,1	28,6%
	מיט 4 שטיק פי	11,6		15,9	11,5	
רייכע	מיט 5—10 שטיק פי	17,1	24,7%	24,7	26,9	63,4%
	„ 10—20 שטיק פי	5,8		53,0	19,3	
	„ 20 שטיק פי און מער	1,8		149,5	17,2	
אינגאַנצן		100		15,9	100	

די קאָנצענטראציע פון דער לאנדווירטשאפטלעכער פראָדוקציע, ווייזט זיך ארויס, איז זייער א באדייטנדיקע: די „געמיינדע" קאפיטאליסטן (1/14 פון דער גאנצער צאָל הויפן, דאָס הייסט די הויפן מיט 10 שטיק ארבעטס־פי און מער) האָבן 36,5% פון גאנצע פארזייטן שעטעך —, פונקט אזוי פיל, ווי 75,3% פון גאנצן אָרים־און מיטל־פויערטום צוזאמען גענומען! די „דורכשניט"־ציפער (15,9 דעסיאטין פארזיי־שעטעך אף 1 הויף), איז אויך דאָ, ווי טאָמיד, א פולשטענדיק פיקטיווע, שאפנדיק א אילוזיע פון אלגעמיינער צופרידנקייט. לאָמיר א קוק טאָן אף אנדערע פאקטן וועגן דער ווירטשאפט פון פארשיידענע

גרופעס הויז־ווירטן	דער % באַלע־באטים וואָס באארבעטן די גאַנצע ערד־טייל מיט אייגענעם אינווענטאַר	דער % באַלע־באטים, וואָס האבן פארפול־קומטע ווערקצייג	דער סכום פי (איבערגעפירט אף רינדער) אף 1 הויף	דער % צום סאַ־כאקל פון גאנצן סכום פי	
אָן ארבעטס־פי	2,1	0,03	0.5	1,5	6,4%
מיט 1 שטיק ארבעטס־פי	35,4	0,1	1.9	4,9	
„ 2—3 שטיק ארבעטס־פי	60,5	4,5	4,0	16,8	28,6%
„ 4 שטיק ארבעטס־פי	74,7	19.0	6,6	11,8	
„ 5—10 שטיק ארבעטס־פי	82,4	40,8	10,9	29,2	65,0%
„ 10—20 „ „	90,3	41,6	22,7	20,4	
„ 20 און מער שטיק א״ב.־פי	84,1	62,1	55,5	15,4	
	52,0	13,9	6,4	100	

בעכיין איז אין דער נידעריקסטער גרופע זייער ווייניק זעלבסשטענדיקע באלעבאטים. פארפולקומטע ווערקצייג קומט דער ארימקייט גארניט אן, און דעם מיטעלן פויערטום קומען זיי אן אין א נישטיקן סכום. די קאנצענטראציע פון פי איז נאך גרעסער, ווי די קאנצענטראציע פון פארזיי־שעטעך; קענטיק, אז דאס פארמעגלעכע פויערטום פארייניקט מיטן גרויס־קאפיטאליסטישן פארזיי־שעטעך קאפיטאליסטישע מיצוכט. אפן קעגנזעצלעכן פאליוס זעען מיר „פויערים" וועלכע מ'דארף צורעכענען צו די „באטראקעס" און טאג־ארבעטער מיט אן עהד־ביילעק, ווייל דער הויפט־קוואל פון כעיונע איז בא זיי דער פארקויף פון דער ארבעטס־קראפט (ווי מיר וועלן באלד זעען) און צו איין, צוויי שטיק פי־גען אמאל אויך די עהד־באזיצער זייערע באטראקעס, קעדיי צוצובינדן זיי צו זייער ווירטשאפט און אראפזויגן דעם ארבעטסלוין.

זעלבסטפארשטענדלעך, אז די גרופעס פויערים אונטערשיידן זיך ניט בלויז לויט דער גרויס פון דער ווירטשאפט, נאר אויך לויטן אויפן, ווי זי ווערט גע־פירט, ערשטנס, איז אין דער העכסטער גרופע זייער א היפשער טייל באלע־באטים (40%—60) באזארגט מיט פארפולקומטע ווערקצייג (דער איקער פלוגן, נאכדעם — פערד־און האמף — דרעשמאשינעס, שניידמאשינעס א.א.וו.) אין די הענט פון 24,7% הויפן פון דער העכסטער גרופע איז קאנצענטרירט 82,9% פון אלע פארפולקומטע ווערקצייג; בא 38,2% הויפן פון דער מיטעלער גרופע — 17,0% פון די פארפולקומטע ווערקצייג; בא 37,1% ארעמקייט — 0,1% (7 אינסטרומענטן פון 5724). צווייטנס איז בא די פויערים מיט ווייניק פערד אלפי נויט אן אנדער ווירטשאפטס־סיסטעם, און אן אנדער אורדענונג פון דער גאנצער ווירטשאפטלעכער טעטיקייט — ווי עס זאגט דער מעכאבער פונם זאמלבוך וועגן נאוואזיבקאווער קרייז (זייטן 44—46) — אין פארגלייך מיט די, וואס האבן פיל ערד. די פארמעגלעכע פויערים „לאזן די ערד אפרוען...אקערן פון האהבסט מיטן פלוג... פרילינגס־צייט אקערן זיי איבער און זייען אונטער דער בראנע... דאס אויפגעאקערטע בראכפעלד וואלגערן זיי איין מיט וואלגערס, ווען די ערד ווערט דורכגעווינטלט... אף קארן דאפלען זיי", בעאיים די ווייניק פארמעגלעכע „גיבן ניט קיין אפרו דער ערד און זייען אף איר יאר איין יאר אוים רוסישן ווייץ... אף ווייץ אקערן זיי פרילינג איין מאל... אף קארן לאזן זיי ניט איבער קיין בראכפעלד און זיי אקערן ניט, נאר זיי זייען מיט איבער־צוג... אף ווייץ אקערן זיי שפעט פרילינג, פון וואס די טוואוע גייט אפט ניט אויף... אף קארן אקערן זיי איין מאל, אדער מיט איבערצוג און ניט צו דער צייט... זיי אקערן איין און דיזעלביקע ערד יאר יערלעך, ניט לאזנדיק זי אויס־רוען זיך און א. וו. און א. וו. אן עק" מאכט דער מעכאבער אן אויספיר „די קאנסטאטירטע פאקטן, וואס באווייזן דעם ראדיקאלן אונטערשייד פון די ווירטשאפטלעכע סיסטעמען בא די מער און ווייניקער פארמעגלעכע גיבן אלס רעזולטאט טוואוע פון שלעכטער קוואליטעט. און שלעכטע גערעטענישן בא איינע, פארהעלטנישמעסיק בעסערע גערעטענישן בא די אנדערע" (ראטן). אבער ווי אזוי האט געקאנט באשאפן ווערן אזא גרויס־בורזשואזיע אין דער ערד־ארבעטערישער געמיינדע־ווירטשאפט? אן ענטפער גיבן די ציפער פון ערד־

באַזיץ און ערד־באַנוץ לויט די גרופּעס. אינגאַנצן איז בא די פּויערים פון דער
איינטיילונג, וואָס מיר האָבן גענומען, פאַראַן 57,128 דעסיאַטין געקויפטע
ערד (בא 76 הויפן אויך 304.514 דעסיאַטין אַרענדירטע ערד). אין דעם סכום
גייען אַריין אַרענדירטע 177.789 דעס. (אויסער דער באַטיילטער) בא 5.602
הויפן; 74.494 דעס. אַרענדירטע באַטיילטע ערד אין אַנדערע געזעלשאַפטן בא
3.129 הויפן; און 79.231 דעס. אַרענדירטע באַטיילטע ערד אין דער אייגענער
געזעלשאַפט בא 7.092 הויפן. די פאַנאַנדערטיילונג פון דעמדאָזיקן געוואַלטיקן
שטעך, וואָס מאַכט אויס מער ווי 2/3 פון גאַנצן פאַרזייטשטעך פון די פּויערים, איז אַזוי:

גרופּעס באַלע־באַטים	דער % הויפן, וואָס האָבן געקויפטע ערד	אף 1 הויף מאַכט אויס דעסיאַטין	דער % פון דער גאַנצער געקויפטער ערד	ארענדע פון אויסער־ערד באַטיילטע: אף 1 הויף קוסט אויס דעסיאַטין	ארענדע פון אויסער־ערד באַטיילטע: דער % הויפן, וואָס אַרענדירן	ארענדע פון באַטיילטע ערד, אין אַנדערע געזעל־שאַפטן: דער % הויפן	ארענדע פון באַטיילטע ערד, אין אַנדערע געזעל־שאַפטן: אף 1 הויף דעסיאַטין	ארענדע פון באַטיילטע ערד, אין דער אייגענער געזעלש.: דער % הויפן	ארענדע פון באַטיילטע ערד, אין דער אייגענער געזעלש.: אף 1 הויף דעסיאַטין	דער % צום סאַכאַקל פון דער גאַנצער אַרענדירטער ערד	דער % הויפן אָן ווירטשאַפטן, וואָס פאַרדינגען די ערד
אָן אַרבעטס־פי . . .	0,02	100	0,2	1,7	2,4	1,4	5,9	5	3	0,6	47,0
מיט 1 קאָפּ אַרבעטס־פי	—	—	—	2,5	10,5	4,3	6,2	12	4	1,6	13,0
מיט 2—3 שטיק אַרב.־פי	0,02	93	0,5	3,8	19,8	9,4	5,6	21	5	5,8	2,0
„ 4 „	0,07	29	0,1	6,6	27,9	15,8	6,9	34	6	5,4	0,8
„ 5—10 „	0,1	101	0,9	14,0	30,4	19,7	11,6	44	9	16,9	0,4
„ 10—20 „	1,4	151	6,0	54,0	45,8	29,6	29,4	58	21	24,3	0,2
„ מיט 20 און מער .	8,2	1.254	92,3	342	65,8	36,1	67,4	58	74	54,4	0,1
אינגאַנצן . . .	0,3	751	100	31,7	19,8	11,0	15,1	25	11	100	12

מיר זעען דאָ א געוואַלדיקע קאָנצענטראַציע פון געקויפטער און אַרענ־
דירטער ערד. איבער 9/10 פון דער גאַנצער געקויפטער ערד איז אין די הענט
פון 1,8% הויפן פון די גרעסטע גווירים. פון דער גאַנצער אַרענדירטער ערד
איז 69,7% קאָנצענטרירט אין די הענט פון פּויערים־קאַפּיטאַליסטן, און 86,6%
— אין די הענט פון דער העכסטער גרופּע פונם פּויערטום. דאָס פאַרגלייכן די
אַנגאַבן וועגן אַרענדע און וועגן פאַרדינגען באַטיילטע ערד באַווייזט קלאָר דעם
איבערגאַנג פון דער ערד אין די הענט פון דער פּויערשער בורזשואַזיע. דאָס
פאַרוואַנדלען די ערד אין סחורה פירט אויך דאָ צום ביליקער מאַכן דעם
הויפּט־איינקויף פון ערד (און בעמיילע אויך צו דער ספּעקולאַציע מיט ערד).
באַשטימענדיק דעם פּרייז פון איין דעסיאַטין אַרענדירטע (אויסער באַטיילטע)

ערד, באקומען מיר אזעלכע ציפער פון דער העכסטער גרופע צו דער נידעריקס־
טער: 3,94; 3,20; 2,90; 2,75; 2,57; 2,08; 1;78 רובל...

... קלארמאכנדיק די פארשיידנארטיקע עלעמענטן אינם פויערטום, קאנען מיר שוין גרינג פאנאנדערקלייבן זיך אין דער פראגע וועגן אינערלעכן מארק. אויב דאס פארמעגלעכע פויערטום האלט אין זיינע הענט בא 2/3 פון דער גאנצער לאנדווירטשאפטלעכער פראדוקציע, איז קלאר, אז עס מוז נאך געבן א פיל גרעסערן ביילעק פון דער טוואוע, וואס קומט אן אין פארקויף. עס פראדו־צירט ברויט צום פארקויפן, בעת דאס אומפארמעגלעכע פויערטום מוז צו־קויפן פאר זיך ברויט, פארקויפנדיק זיין ארבעטס־קראפט. אט זיינען די ציפערן וועגן דעם:

גרופעס הויז־באלעבאטים	דער % הויז־באלעבאטים, וואס האלטן געדונגענע ארבעטער	דער % ארבע־טער—מאנספיל פארנומענע מיט לאנדווירטשאפט. פארנאסעס
אן ארבעטס־פי	0,7	71,4
מיט 1 שטיק ארבעט־פי	9,6	48,7
„ 2—3 שטיק ארבעטס־פי	1,3	20,4
„ 4 „ „ „	4,8	8,5
„ 5—10 שטיק ארבעטס־פי	20,3	5,0
„ 10—20 „ „ „	62,0	3,9
„ 20 און מער שטיק ארבעטס־פי . . .	90,1	2,0
אינגאנצן	9,0	25,0

ב) די דיפערענצירונג פונם פויערטום, וואס פאריניקט ערד־ארבעט מיט זייטיקע באשעפטיקונגען.

לויט די דריי קרייזן פון נאוואראד — דעם קניאגיניס־קער, דעם מאקארעווער און דעם וואסילסקער — זיינען די מאטעריאלן פון דער זעמסקער סטאטיסטישער רעגיסטראציע צונויפגעפירט אין א גרופן־טאבע־לע, וועלכע טיילט איין די פויערשע ווירטשאפטן (נאר די ווירטשאפטן פון באַ־טיילטער ערד און דערביי נאך פון די פויערים, וועלכע לעבן אין זייער דארף) אף 5 גרופעס לויט דער צאל ארבעטספי.

פאריניקנדיק צוזאמען דיהאזיקע דריי קרייזן, באקומען מיר די פאלגנע־דיקע ציפערן וועגן די גרופעס ווירטשאפטן: אין די דריי אנגערופענע קרייזן נע־מען דיהאזיקע מאטעריאלן ארום 52.260 הויפן מיט 294.798 נעפאשעס פון ביידע געשלעכטן; באטיילטע ערד — 433.593 דעס. געקויפטע — 51.960 דעס. ארענדירטע — 86.007, רעכענענדיק די ארענדע פון יעדער מין ערד — סאַ־

פון דער באַטיילטער, סאַי פון דער אויסערבאַטיילטער ערד, סאַי אַקער ערד, סאַי פיטער ערד; פאַרדונגענע — 19,274 דעסיאַטין.

גרופעס הויז-באַלעבאַטים	דער % פון די הויפן	בעזאַשעס פון ביידע געשלעכטן אף 1 הויף	דער % פון דער באַפעלקערונג פון ביידע געשל.	באַטיילטע ערד: אף 1 הויף: דעס.	באַטיילטע ערד: דער % צום סאַכאַקל	געקויפטע ערד: דער % צום סאַכאַקל	דע % צום סאַכאַקל פון דער ערד: אַרענדירטע	דע % צום סאַכאַקל פון דער ערד: פאַרדונגענע	דער גאַנצער ערד-באַנוץ פון דער גרופע: אף 1 הויף דעס.	דער גאַנצער ערד-באַנוץ פון דער גרופע: דער % צום סאַכאַקל	אינגאַנצן פי: אף 1 הויף: שטוב	אינגאַנצן פי: דעם % צום סאַכאַקל
אָן פערד	30,4	4,1	22,2	5,1	18,6	5,7	3,3	81,7	4,4	13,1	0,6	7,2
מיט 1 פערד . . .	37,5	5,3	35,2	8,1	36,6	18,8	25,1	12,4	9,4	34,1	2,4	33,7
מיט 2 „ . . .	22,5	6,9	27,4	10,5	28,5	29,3	38,5	3,8	13,8	30,2	4,3	34,9
מיט 3 „ . . .	7,3	8,4	10,9	13,2	11,6	22,7	21,2	1,2	21,0	14,8	6,2	16,5
מיט 4 „ . . .	2,3	10,2	4,3	16,4	4,7	23,5	11,9	0,9	34,6	7,8	9,0	7,7
אינגאַנצן .	100	5,6	100	8,3	100	100	100	100	10,3	100	2,71	100

אַלזאַ, זעען מיר אויך דאָ, אַז דאָס פאַרמעגלעכע פויערטום, האַגאַם בעסער באַוואָרנט מיט באַטיילטער ערד (די קוואָטע פון דער באַטיילטער ערד איז אין די העכערע גרופעס העכער ווי זייער קוואָטע אין דער באַפעלקערונג), קאָנצענטרירט אין איינע הענט די קויף-ערד (באַ 9,6% פאַרמעגלעכע הויפן איז 46,2% קויף-ערד, בעאַיים באַ 2/3 הויפן פונם אומפאַרמעגלעכן פויערטום איז ווייניקער פון אַ פערטל פון דער גאַנצער קויף-ערד), קאָנצענטרירט אויך די אַרענדירטע „זאַמלט צונויף" אויך די באַטיילטע ערד, וועלכע די אָרימקייט פאַרדינגט, און, אַדאַנק דעם אַלעמען, איז די פאַקטישע פאַנאַנדערטיילונג פון דער ערד, וועלכע געפינט זיך אינם באַנוץ פונם „פויערטום" גאָר ניט ענלעך אויף דער פאַנאַנדערטיילונג פון דער באַטיילטער ערד. די, וואָס האָבן ניט קיין פערד, האָבן בעעמעס אין זייער רעשוס אַ קלענערן סכום ערד, ווי דעם ערד-טייל, וועלכער איז זיי באַוואָרנט געוואָרן מיצאַד דעם געזעץ. די, וואָס האָבן איין פערד און צוויי פערד, פאַרגרעסערן זייער ערד-באַזיץ נאָר אויף 10% — 30% (פון 8,1 דעס. ביז 9,1 דעס., פון 10,5 ביז 13,8 דעס.), בעאַיים די פאַרמעגלעכע פויערים פאַרגרעסערן זייער ערד-באַזיץ אין אָנדערהאַלבן ביז צוויי מאָל אַזוי פיל. ווען אַפילו די אונטערשיידן צווישן די גרופעס לויטן סכום באַטיילטע ערד זיינען נישטיק, איז דער אונטערשייד צווישן זיי לויט דער ווירקלעכער גרויס פון דער אַרבעטס-

וירטשאפט געוואלדיס, ווי דאס איז קענטיק פון די מאטעריאלן וועגן פּ־
און פון די אונטנפאלגנדיקע אנגאבן וועגן פארזיי־שעטעך:

גרופעס הויז־באלעבאטים	פארזיי־שעטעך אף 1 הויף (דעסיא ין)	דער % צום גאנצן סכום פארזיי־שעטעך	דער % הויפן מיט באטראקעס	דער % באלעבאטים מיט האנדלס־אינדוסטריעלע אינטערנעמונגען *)	דער % הויפן מיט אויסער־היימישע פארנאסעס
אן פערד	1,9	11,4	0,8	1'4	54,4
מיט 1 פערד	5,4	32,9	1,2	2,9	21,8
„ 2 „	7,2	32,4	3,9	7,4	21,4
„ 3 „	10,8	15,6	8,4	15,3	21,4
„ 4 „ און מער . . .	16,6	7,7	17,6	25,1	23,0
אינגאנצן	5,0	100	2,6	4,0	31,6

דער אונטערשייד צווישן די גרופעס לויט דער גרויס פונם פארזיי־שעטעך ווייזט זיך ארויס נאך גרעסער, ווי לויט דער גרויס פון זייער ווירקלעכן ערד־באזיץ און עהרד־באנוץ, שוין ניט רייחנדיק וועגן די אונטערשיידן לויט דער גרויס פון דעם ביילעק 2). דאס ווייזט אונז ווידער אמאל און נאכאמאל, אז גרופירן לויט דעם באזיץ פון עהרד־ביילעק, וואס זיין „גלייכמעסיקייט“ איז איצט פארוואנדלט געווארן אין א הוילער יורידישער פיקציע טויג לאבלוטן ניט. די איבעריקע שפאלטן פון דער טאבעלע באווייזן אף וואסער אן אויפן עס קומט פאר אין פויערטום „די פארייניקונג פון דער עהרד־ארבעט מיט זייטיקע באשעפ־טיקונגען“: דאס פארמעגלעכע פויערטום פארייניקט די האנדלס־און קאפיטאַ־ליסטישע לאנדווירטשאפט (א גרויסער פראצענט הויפן מיט באטראקעס), מיט האנדלס־אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען, בעאיים די ארימקייט פארייניקט דעם פארקויף פון איר ארבעטס־קראפט („זייטיקע פארנאסעס“) מיט דער נישטי־קער גרויס פון פארזיי־שעטעך, ד. ה. די ווערט פארוואנדלט אין באטראקעס און טאג־ארבעטער מיט אן ערד־ביילעק. לאמיר דא באמערקן, אז די אפוועזנהייט פון א רעגולערער פארקלע־נערונג פונם פראצענט הויפן מיט זייטיקע פארנאסעס לאזט זיך דערקלערן מיט דער העכסטער פארשיידנארטיקייט פון דידאזיקע „פארנאסעס“ און „באשעפ־טיקונגען“ פונם ניזשני־נאווגאראדער פויערטום: אכוץ די לאנדווירטשאפטלעכע

*) אין קניאגינסקער קרייז אליין.

**) ווען מיר זאלן אננעמען דעם סכום באטיילטע ערד בא די, וואס האבן ניט קיין פערד (אף 1 הויף) פאר 100, ווט דער סכום באטיילטע ערד פאר די העכערע גרופעס זיך אויסדריקן אין די ציפער: 159, 206, 259, 321. די אנטשפרעכנדיקע ריי ציפער וועגן דעם ווירקלעכן ערד־באזיץ פון איטלעכער גרופע וועט זיין אזוי: 100, 214, 314, 477, 786; און פאר דער גרויס פון פארזיישעטעך לויט די גרופעס: 100, 231, 378, 536, 873.

אַרבעטער, שוואַרצאַרבעטער. בויאַון שיף־אַרבעטער א.אַ.וו. גייען דאָ אַריין אין דער צאָל באַשעפטיקטע אַ בעערעך גאַנץ גרויסע צאָל „קוסטאַרעס", באַזיצער פון אינדוסטריעלע ווירטשאַפטן, הענדלער, אויפקויפער אַ.אַ. פאַרשטייט זיך, אַז די צונויפמישונג פון אַזעלכע פאַרשיידענע טיפן „באַשעפטיקטע" צעשטערט די רעגולערקייט פון די מאַטעריאַלן וועגן די „הויפן מיט פאַרנאַסעס"..

ג). דער וואוקס פון דער עקספּראָפּריאַציע פונם פויערטום צו די 1900־ער יאָרן.

די מיליטערישע פערד־רעגיסטראַציע פון די יאָרן 1896 און 1899 — 1901, גיבן אונז איצט אַ מעגלעכקייט צו פאַרגלייכן די נייסטע אָנגאַבן מיט די אויבנגעבראַכטע.

פאַראייניקנדיק די 5 דאָרעמגובערניעס (1896) און די 43 איבעריקע (1899 — 1900), באַקומען מיר אין 48 גובערניעס פון אייראָפּעאישן רוסלאַנד די פאָלגנדיקע אָנגאַבן:

די יאָרן 1900 — 1896

גרופּעס ווירטשאַפטן	פויערשע הויפן: ביכלאל	פויערשע הויפן: אין %		באַ זיי איז דאָ פערד: ביכלאל	באַ זיי איז דאָ פערד: אין %		אַף איין הויף קומט אויס פערד
אָן פערד	3.242.462	29,2	59,5	—	—		—
מיט 1 פערד . . .	3,361.778	30,3		3.361.778	19,9		1
„ 2 „ . . .	2.446.731	22,0		4.893.462	23,9		2
„ 3 „	1.047.900	9,4	18,5	3.143.700	18,7	51,2	3
„ 4 „ און מער .	1.013.416	9,1		5.476.504	32,5		5,4
אינגאַנצן . .	11.112.287	100		16.875.443	100		1,5

פאַר די יאָרן 1888 — 1891 האָבן מיר געבראַכט ציפערן וועגן 49 גובערניעס. פון זיי איז ניטאָ קיין נייסטע יעדיעס נאָר וועגן איינע, — דער אַרכאַנגעלסקער גובערניע. אַראָפּרעכענענדיק די ציפערן, וואָס באַציען זיך צו איר באַקומען מיר וועגן דיזעלביקע 49 גובערניעס פאַר די יאָרן 1888 — 1891 אַזאַ בילד:

די יאָרן 1891—1888

גרופעס ווירטשאַפטן	פויערשע הויפן ביכלאל	פויערשע הויפן אין %		באַ זיי זיינען דאָ פערד ביכלאל	באַ זיי זיינען דאָ פערד אין %		קומט אויף א הויף
אָן פערד	2.765.970	27,3	55,8	—	—		—
מיט 1 פערד	2.885.192	28,5		2.885.192	17,1		1
„ 2 „	2.240.574	22,2		4.481.148	26,5		2
„ 3 „	1.070.250	10,6	22,0	3.210.750	18.9	56,4	3
„ 4 „	1.154.674	11,4		6.333.106	37,5		5,5
אינגאנצן . .	10.116.670	100		16.910.196	100		1,6

דער פאַרגלייך פון די יאָרן 1888—1891 און 1896—1900 באַווייזט די וואַקסנדיקע עקספּראָפּריאירונג פונם פויערטום. די צאָל פערד האָט זיך פאַרקלענערט, האָגאַם זייער שוואַך. די צאָל הויפן אָן פערד איז אויסגע־וואַקסן באַזונדערס גיך, און זייער פּראָצענט איז געשטיגן פון 27,3% ביז 29,2%. אַנשטאָט 5,6 מיליאָן אָרימקייט (אָן פערד און מיט איין פערד) האָבן מיר שוין 6,6 מיליאָן. דער גאַנצער צוואַוקס פון דער צאָל הויפן איז אוועק אַף פאַרגרעסערן די צאָל הויפן פון דער אָרעמקייט. דער פּראָצענט הויפן וואָס זיינען רייך אין צאָל פערד, האָט זיך פאַרקלענערט. אַנשטאָט 2,2 מיליאָן „פיל־פערדיקע" האָבן מיר איצט נאָר 2,0 מיליאָן. די צאָל מיטעלע און פאַרמעגלעכע הויפן צוזאַמען (מיט 2 פערד און מער) איז געבליבן קימאַט אָן ענדערונג (4465 טויזנט אין די יאָרן 1888—1891, — 4508 טויזנט אין די יאָרן 1896—1900).

אַלזאָ, באַקומען מיר פון די דאָזיקע דאַטן פאָלגנדיקע אויספירן:

דער וואוקס פון דער אָרעמקייט און פון דער עקספּראָפּריאַציע פונם פויער־טום איז אויסער יעדן ספק.

וואָס איז שייך צו דער קעגנזייטיקער פאַרהעלטעניש צווישן דער העכסטער און דער נידעריקסטער גרופּע פונם פויערטום, האָט זיך די דאָזיקע קעגנזייטיקע פאַרהעלטעניש קימאַט זיי ניט געענדערט. יוען מיר וועלן לויט די אויבנאָנגעשריבענע מעטאָדן אַנטקעגנשטעלן די נידעריקסטע גרופּן פון 50% הויפן און די העכסטע פון 20% הויפן, וועלן מיר באַקומען פאָלגנדעס: אין די יאָרן 1888—1891 האָבן די 50% הויפן פון דער אָרימקייט געהאַט 13,7% פערד, די 20% נוווידים — 52,6%. אין די יאָרן 1896—1900 האָבן די 50% הויפן פון דער אָרעמקייט אויך געהאַט 13,7% פון דער אַלגעמיינער צאָל פויערשע פערד, און די 20% פויעריב—53% פון דער אַלגעמיינער צאָל

פערד. די קאנצענטראַציע פון די גרייסטע פאַרהעלטענישן פון די גרינפעס האָט זיך, הייסט עס, קימאַט ניט געביטן.

לעסאַף, איז דאָס גאַנצע פּויערטום, אינגאַנצן גענומען, אָרעמער געוואָרן אין פערד, סאַי די צאָל, סאַי דער פּראָצענט פון די פערדלאָזע האָט זיך פאַרקלענערט. פון איין זייט ווייזט עס, קענטיק די יערידע פון דער גאַנצער פּויערשער ווירטשאַפט אין אייראָפּאישן רוסלאַנד. פון דער אַנדערער זייט טאָר מען ניט פאַרגעסן, אַז אין רוסלאַנד איז די צאָל פערד אין דער לאַנדווירטשאַפט אומנאָרמאַל גרויס אין באַצוג צום קולטור־שטעטל. און אַ קליין פּויעריש לאַנד האָט עס אויך ניט געקאָנט זיין אַנדערש. די פאַרקלענערונג פון דער צאָל פערד איז, הייסט עס, ביז אַ געוויסן גראַד, „די אויפשטעלונג פון דער נאָרמאַלער פאַרהעלטעניש פון אַרבעטס־פי צום סכום אַקער־ערד“ בא דער פּויערשער בורזשואַזיע...

(נ. לענין. די אַנטוויקלונג פונם קאַפּיטאַליזם אין רוסלאַנד. שריפטן, באַנד 3. זייטן 55—59, 83—85, 105—107).

נ. לענין

וועגן דער באַדייטונג פון קאַפּיטאַליזם אין דער לאַנדווירטשאַפט

א). דער אונטערנעמערישער כאַראַקטער פון דער ערדאַרבעט.

דער גרונט־שטריך פון דער עוואָלוציע פון דער ערד־אַרבעט נאָך דער רעפאָרם באַשטייט אין דעם, וואָס זי נעמט אַלץ מער און מער אָן האַנדלס־, אָן אונטערנעמערישן כאַראַקטער. בענוגע דער פּריוואַטבאַזיצערישער ווירטשאַפט איז דערדאָזיקער פאַקט אַזוי ווייט קענטיק, אַז ער פאַרלאַנגט ניט קיין באַזונדערע דערקלערונגען. אָבער בענוגע דער פּויערשער ערד־אַרבעט לאָזט זיך דידאָזיקע דערשיינונג ניט אַזוי גרינג קאָנסטאַטירן, ערשטנס, דערפאַר, ווייל דאָס באַנוצן לוין־אַרבעט איז ניט קיין אומבאַדינגט־נויטווענדיקער סימען פון דער קליינער האַרפּישער בורזשואַזיע, ווי מיר האָבן שוין אויבן באַמערקט, קען אין דערדאָזיקער קאַטעגאָריע פאַררעכנט ווערן יעדער קליינער סכוירע־פּראָדוצירער, וואָס דעקט זיינע הוצאָעס פון זעלבשטענדיקער ווירטשאַפט, בתנאַי, אַז די אַלגעמיינע ווירטשאַפט־אָרדענונג איז באַזירט אַף די קאַפּיטאַליסטישע ווידערשפּרוכן, וועלכע זיינען אויבן באַהאַנדלט געוואָרן. צווייטנס, דער האַרפּישער קליינבירגער פאַראייניקט זיך (אין רוסלאַנד פונקט ווי אין די אַנדערע קאַפּיטאַליסטישע לענדער) דורך אַ ריי איבערגאַנג־שטאַפּלען מיטן פאַרצעלאַרישן, דאָס הייסט מיטן אָרימען „פּויער“ און מיטן האַרפּישן פּראָלעטאַריער, וועלכן מען האָט צוגעטיילט אַ קליינעם ביילעך ערד. דערדאָזיקער אומשטאַנד איז איינער פון די סיבעס פון

דער לעבנספעאיקייט פון יענע טעאָריעס, וועלכע אונטערשיידן ניט באַם פּויער־טום די דאָרפישע בורזשואזיע און דעם דאָרפישן פּראָלעטאַריאַט.

לויט דער עצעם נאַטור פון דער ערדאַרבעט, קומט פאַר איר פאַרוואַנדלונג אין א סכוירע־פּראָדוקציע אף א באַזונדערן שטייגער, וואָס איז ניט גלייך צום אנטשפּרעכנדיקן פּראָצעס אין דער אינדוסטריע. די באַאַרבעטנדיקע אינדוסטריע צעפאַלט זיך אף איינצלנע, פולשטענדיק זעלבשטענדיקע צווייגן, וואָס פאַרנעמען זיך אויסשליסלעך מיט פּראָדוצירן איין פּראָדוקט אָדער איין טייל פון א פּראָדוקט. די לאַנדווירטשאַפטלעכע אינדוסטריע צעפאַלט זיך אָבער ניט אף פולשטענדיק באַזונדערע צווייגן, נאָר זי ספּעציאַליזירט זיך אף פּראָדוצירן אין איין פאַל — איינעם, אין א אנדער פאַל — אן אנדער מאַרק־פּראָדוקט, דערביי ווערן די איבעריקע זייטן פון דער לאַנדווירטשאַפט צוגעפּאַסט צו דעמדאָזיקן הויפּט־ (דאָס הייסט מאַרק־)פּראָדוקט. דעריבער צייכענען זיך אויס די פאָרמען פון דער סכוירעדיקער ערדאַרבעט מיט א קאָלאָסאַלער פאַרשיידנאַרטיקייט, דערביי פאַרענדערן זיי זיך ניט נאָר אין פאַרשיידענע ראַיאָנען, נאָר אויך אין פאַרשיידענע ווירטשאַפטן. באַם באַהאַנדלען די פראַגע וועגן דעם וואוקס פון דער האַנדלס־ערדאַרבעט קען מען דערפאַר בעשום אויפן ניט באַגרעניצן זיך מיט די אַלגעמיינע אָנגאַבן וועגן דער גאַנצער לאַנדווירטשאַפטלעכער פּראָדוקציע.

ב). די סכוירעדיקע ערד־אַרבעט און דער אינערלעכער מאַרק.

דער וואוקס פון דער סכוירעדיקער ערדאַרבעט שאַפט אן אינערלעכן מאַרק פאַרן קאַפּיטאַליזם. ערשטנס, רופט אַרויס די ספּעציאַליזאַציע פון דער ערדאַרבעט אן אויסטויש צווישן די פאַרשיידענע לאַנדווירטשאַפטלעכע ראַיאָנען, צווישן די פאַרשיידענע ערדאַרבעט־ווירטשאַפטן, צווישן די פאַרשיידענע לאַנדווירטשאַפטלעכע פּראָדוקטן. צווייטנס, וואָס ווייטער די ערדאַרבעט ווערט אַריינגעצויגן אין דער סכוירע־צירקולאַציע, אַלץ גיכער וואַקסט די נאָכפראַגע פון דער דאָרפישער באַפעלקערונג אף די פּראָדוקטן פון דער באַאַרבעטנדיקער אינדוסטריע, וועלכע דינען פאַרן פּערזענלעכן געברויך, אַלץ גיכער. דריטנס וואַקסט די נאָכפראַגע אף פּראָדוציר־מיטלען, ווייל מיט דער הילף פון די אַלטפּראַנקישע „פּויערשע" ווערקצייג, געביידעס א.א.וו., א.א.וו. קאָן סאַי דער קליינער, סאַי דער גרויסער דאָרפישער אינטערנעמער ניט פירן קיין נייע סכוירעדיקע ערדאַרבעט. ענדלעך, 4־טנס שאַפט זיך א נאָכפראַגע אף אַרבעטס־קראַפט, ווייל די אויסבילדונג פון דער דאָרפישער קליינבורזשואזיע און דער איבערגאַנג פון די ערדאַרבעטער צו דער קאַפּיטאַליסטישער ווירטשאַפט פאָדערט פריער די אויסבילדונג פון א קאָנטינגענט לאַנדווירטשאַפטלעכע באַטראַקעס און טאָג־אַרבעטער נאָר מיט׳ן פאַקט פונם וואוקס פון דער האַנדלס־ערדאַרבעט קאָן מען דערקלערן דעם אומשטאַנד, וואָס די נאָכרעפאָרם־עפּאָכע ווערט כאַראַקטעריזירט מיט דער פאַרברייטערונג פון אינערלעכן מאַרק פאַרן קאַפּיטאַליזם (די אנטוויקלונג פון דער קאַפּיטאַליסטישער לאַנדווירטשאַפט, די אנטוויקלונג פון דער פאַבריק־אינדוסטריע בכלל, די אנטוויקלונג פון דעם לאַנדווירטשאַפטלעכן מאַשינען־בוי בפרט, די

אַנטוויקלונג פון די אַזויגערופענע פויערשע, „ערדאַרבעט באַשעפטיקונגען", ד. ה. לוין־אַרבעט א.א.וו.

ג). די ווידערשפּרוכן אין דער דאָרפישער באַפעלקערונג.

דער קאַפּיטאַליזם פאַרברייטערט אין א געוואַלטיקער מאָס און פאַרשאַרפט צווישן דער לאַנדווירטשאַפטלעכער באַפעלקערונג יענע ווידערשפּרוכן, אָן וועלכע עס קאָן ביכלאַל ניט עקזיסטירן דיזאָזיקע פּראָדוקציר־סיסטעם. אָבער פונדעסטוועגן איז דער לאַנדווירטשאַפטלעכער קאַפּיטאַליזם אין רוסלאַנד, לויט זיין היסטאָרישער באַדייטונג, א גרויסע פּראָגרעסיווע קראַפט.

ערשטנס, האָט דער קאַפּיטאַליזם פאַרוואַנדלט דעם ערדאַרבעטער פון א „סראָרע מיט הערשאַפט איבער דעם אייגענעם גוט", פון איין זייט, און פונם פּאַטריאַרכאַלן אָפּהענגיקן פויער, פון דער אַנדערער זייט, אין פונקט אַזא באַלמעלאָכע, ווי יעדן אַנדער אונטערנעמער אין דער היינטיקער געזעלשאַפט. ביזן קאַפּיטאַליזם איז די ערדאַרבעט אין רוסלאַנד געווען א פּריצישע זאַך, א פּריצישער אויפטו פאַר איינע, א היסכאַיוועס, א יאָך פאַר אַנדערע. דעריבער האָט זי אויך ניט געקאָנט געפירט ווערן אַנדערש ווי לויט די דורעסדיקע אַלטע מינהאָגים און האָט געמוזט ברענגען צו דער פולער אָפּגעריסנקייט פונם ערדאַרבעטער פון אַלע, וואָס עס האָט זיך געטאָן אויסער די גרעניצן פון זיין דאָרף. די סיסטעם פון אָפּאַרבעטן, — אָט דאָס לעבעדיק רעשטל פון דער אַלטער צייט אין דער מאָדערנער ווירטשאַפט — באַשטעטיקט באַשיינפּערלעך אַזא כאַראַקטעריסטיק. דער קאַפּיטאַליזם האָט צום ערשטן מאָל געריסן מיטן שטאַנדן־כאַראַקטער פון דעם ערדבאַזיץ, פאַרוואַנדלענדיק די ערד אין א סכוירע. דער פּראָדוקט פון ערד־אַרבעטער איז אָנגעקומען אויפן מאַרק, ער האָט אָנגעהויבן אַרונטערפאַלן אונטער דעם געזעלשאַפטלעכן דיסקאָנט צו ערשט אויפן אָרטיקן, נאָכדעם אויפן נאַציאָנאַלן, און ענדלעך אויפן אינטערנאַציאָנאַלן מאַרק, און אַזוי אַרום איז ענדגילטיק געבראָכן געוואָרן די אָפּגעריסנקייט פון פאַרווילדעטן ערדאַרבעטער פון דער גאַנצער איבעריקער וועלט. דעם ערדאַרבעטער איז ווילנדיק ניט ווילנדיק, מיט דער סאַקאָנע רואינירט צו ווערן, אויסגעקומען צו רעכענען זיך מיטן גאַנצן סכום געזעלשאַפטלעכע באַציאונגען סאַי אין זיין לאַנד, סאַי אין די אַנדערע לענדער, וועלכע זיינען פאַרבונדן מיטן וועלט־מאַרק. אפילע די סיסטעם פון אָפּאַרבעטן, — וועלכע פלעגט פריער באַוואָרענען אבלאָמאָוון א זיכערע רענטע אָן שום ריזיקע פון זיין צאַד, אָן שום אַריינלייגן פון קאַפּיטאַל, אָן שום ענדערונגען אין די אַלטפּרענקישע מינהאָגים פון דער פּראָדוקציע, — איז איצט אויך ניט געווען בעקויעך צו ראַטעווען אים פון דער קאָנקורענץ פונם אַמעריקאַנישן פּערמער. אָט פאַרוואָס עס קאָן אויך צום נאָכרעפאָרמעדיקן רוסלאַנד אינגאַנצן אָנגעווענדעט ווערן דאָס, וואָס עס איז געזאָגט געוואָרן מיט א האַלב־יאָרהונדערט צוריק וועגן מאַירעוו־אייראָפּע, נעמלעך: אַז דער לאַנדווירטשאַפטלעכער קאַפּיטאַליזם „איז געווען די שטויס־קראַפט, וואָס האָט אַריינגעצויגן די אידיליע אין דער היסטאָרישער באַוועגונג".

צווייטנס, האָט דער לאַנדווירטשאַפטלעכער קאַפּיטאַליזם צום ערשטן מאָל

ארונטערגעריסן די טראדיציאנעלע אפגעשטאנענקייט פון אונזער לאנדווירטשאפט, ער האט געגעבן א געוואלטיקן שטויס דעם רעפארמירן איר טעכניק, דער אנטוויקלונג פון די פראדוקטיוו-קרעפטן פון דער געזעלשאפטלעכער ארבעט. „די עטלעכע צענדליק יאר פונם קאפיטאליסטישן „בראך“ האבן אין דעם פראט אויפגעטאן מער, ווי גאנצע יארהונדערטער פון דער פריערדיקער געשיכטע. די איינארטיקייט פון דער אלטער נאטורעלער ווירטשאפט איז פארביטן געווארן אף די פארמען-פארשיידנארטיקייט פון דער האנדלס-ערדארבעט; די פרימיטיווע לאנדווירטשאפטלעכע ווערקצייג האבן אנגעהויבן אפטרעטן דאס ארט די פארפולקומטע ווערקצייג און מאשינעס; די אומבאוועגלעכקייט פון די פארצייטיקע סיסטעמען פון ערדארבעט איז ארונטערגעריסן געווארן דורך נייע מעטאדן פון קולטור. דער פראצעס פון די אלע ענדערונגען איז ענג פארבונדן מיט דער ספעציאליזאציע פון דער ערד-ארבעט. לויט דעם עצעם פון זיין נאטור קאן דער קאפיטאליזם אין דער ערדארבעט (ווי אויך אין דער אינדוסטריע) ניט אנטוויקלען זיך גלייכמעסיק: ער שטויסט פארויס אין איין ארט (אין איין לאנד, אין איין ראיאן, אין איין ווירטשאפט), איין זייט פון דער לאנדווירטשאפט, אין דעם אנדערן — א צווייטע א.א.וו. ער רעפארמירט די טעכניק אין איין פאל פון איינע, אין אנדערע פאלן פון אנדערע לאנדווירטשאפטלעכע אפעראציעס, אפרייסנדיק זיי פון דער פאטריארכאלער פויערשער ווירטשאפט אדער פונם פאטריארכאלישער אפארבעטן. העיוים ווי דערדאזיקער גאנצער פראצעס גייט אונטער דער אנפירונג פון די קאפריזנע, פארן פראדוצירער אפילע ניט אלע מאל באוואוסטע — פאדערונגען פון מארק, ווערט די קאפיטאליסטישע ערדארבעט אין איטלעכן איינצלנעם פאל (ניט זעלטן אין איטלעכן איינצלנעם ראיאן, אפט אפילע אין איטלעכן איינצלנעם לאנד) מער איינזייטיק אין פארגלייך מיט דער פריערדיקער, אבער דערפאר ווערט זי ביכלאל און אינגאנצן גענומען אן ערעך פארשיידנארטיקער און ראציאנעלער, ווי די פאטריארכאלע ערדארבעט. די אויסבילדונג פון באזונדערע מינים סכוירעדיקער ערדארבעט מאכט מעגלעך און אומפארמיידלעך קאפיטאליסטישע קריזיסן אין דער ערדארבעט און פאלן פון קאפיטאליסטישער איבערפראדוקציע, אבער די דאזיקע קריזיסן, ווי אלע קאפיטאליסטישע קריזיסן ביכלאל) גיבן נאך א שטארקערן שטויס דער אנטוויקלונג פון דער וועלט-פראדוקציע און פון דער פארגעזעלשאפטלעכונג פון דער ארבעט.

דריטנס, האט דער קאפיטאליזם באשאפן אין רוסלאנד צום ערשטן מאל א לאנדווירטשאפטלעכע גרויספראדוקציע, וואס שטיצט זיך אף באנוצן מאשינעס און אף דער ברייטער קאאפערירונג פון ארבעטער. ביזן קאפיטאליזם פלעגט די פראדוקציע פון לאנדווירטשאפטלעכע פראדוקטן טאמיד געפירט ווערן אין אן אומפארענדערטער, נעבעכדיק-קליינער פארם — סאי אין דעם פאל, ווען דער פויער פלעגט ארבעטן פאר זיך, סאי אין דעם פאל, ווען ער פלעגט ארבעטן פארן פאריץ — און קיין שום „קאהאלשקייט“ פון ערדבאזיץ איז ניט געווען בעקויעך צו ברעכן אט די קאלאסאלע צעשפליטערטקייט פון דער פראדוקציע, און אן ענגער פארבינדונג מיט דערדאזיקער צעשפליטערטקייט פון דער פראדוקציע, איז געשטאנען די צעשפליטערטקייט פון די ערדארבעטער גופע.

צוגעשמידטע צו זייער ערד-כיילעק, צו זייער פיצל „געמיינדע“, זיינען זיי געווען שאַרף אָפגעטיילט אַפילע פון די פויערים פון דער שכיינעסדיקער געמיינדע דורכן אונטערשייד פון די קאַטעגאָריעס, צו וועלכע זיי האָבן אָנגעהערט (געוועזענע פריצישע, געוועזענע מלוכישע א.א.וו.), דורך די אונטערשיידן אין דער גרויס פון זייער ערדבאַזיץ, דורך די אונטערשיידן אין יענע באַדינגונגען, אויף וועלכע זייער באַפרייאונג איז פאָרגעקומען (און די דאָזיקע באַדינגונגען פלעגן אָפטמאָל באַשטימט ווערן פּאַשעט דורך די פערזענלעכע אייגנשאַפטן פון די פריצים און דורך זייער קאַפריז). דער קאַפיטאַליזם האָט צום ערשטן מאָל צעבראָכן אָט אָ די מיטלאַלטערלעכע מעכיצעס, און ער האָט גוט געטאָן, וואָס ער האָט זיי צעבראָכן. שוין איצט זיינען די אונטערשיידן צווישן די קאַטעגאָריעס פויערים, צווישן זייערע קאַטעגאָריעס לויט דעם באַזיץ פון ערד נאָכלע אָן אַן ערעך ווייניקער וויכטיק, ווי די עקאָנאָמישע אונטערשיידן אין די גרעניצן פון איטלעכער קאַטעגאָריע, פון איטלעכער געמיינדע. דער קאַפיטאַליזם צעשטערט די אָרטיקע איינגעשלאָסנקייט און באַשרענקטקייט, ער פאַרבייט די קליינע מיטלאַלטערלעכע איינטיילונגען פון די ערד-אַרבעטער אויף אַ גרויסע, וואָס נעמט אַרום די גאַנצע נאַציע, זייער איינטיילונג אין קלאַסן, וועלכע פאַרנעמען אַ פאַרשיידענעם אָרט אין דער אַלגעמיינער סיסטעם פון דער קאַפיטאַליסטישער ווירטשאַפט. אויב פריער פלעגן די עצעם באַדינגונגען פון דער פּראָדוקציע ברענגען צום צופעסטיקן די ערדאַרבעטער-מאַסע צו זייער וווין-אָרט, האָט די אויסבילדונג פון פאַרשיידענע פאָרמען און פאַרשיידענע ראַיאָנען פון דער האַנדלס- און קאַפיטאַליסטישער לאַנדווירטשאַפט געמוזט אַרויסרופן אַן איבערוואַנדערונג פון קאָלאָסאַלע באַפעלקערונגס-מאַסן איבערן גאַנצן לאַנד; און אָן דער באַוועגלעכקייט פון דער באַפעלקערונג (ווי עס איז שוין אויבן באַמערקט געוואָרן) איז אוממעגלעך די אַנטוויקלונג פון איר באַוואוסטזיניקייט און זעלבסטטעטיקייט.

פערטנס, ענדלעך, האָט דער לאַנדווירטשאַפטלעכער קאַפיטאַליזם אין רוסלאַנד צום ערשטן מאָל אַרונטערגעריסן מיטן וואָרצל דאָס אָפאַרבעטן און די פערזענלעכע אָפּהענגיקייט פונם ערדאַרבעטער. די ווירטשאַפט-סיסטעם פון אָפאַרבעטן האָט איינער אַליין געהערשט אין אונזער ערדאַרבעט פון די צייטן פון „רוסקאַיאַ פּראַוודאַ“ ביז אונזער איצטיקער באַאַרבעטן די פּריוואַטבאַזיצערישע פעלדער מיט דער הילף פון דעם פויערשן אינווענטאַר; איר נויטווענדיקער באַגלייטער איז געווען די דערשלאָגנקייט און די פאַרווילדעוועטקייט פונם אַרבעטער, וועלכער איז דערנידעריקט געוואָרן אויב ניט דורכן לייבקנעכטיש, איז דורך דעם „האַלב-פרייען“ כאַראַקטער פון זיין אַרבעט; אָן אַ געוויסע בירגערלעכער ניט-פולבאַרעכטיקונג (דערהאַינע: דאָס אָנגעהערן צום נידעריקסטן שטאַנד, לייבשטראָף דאָס אָפגעבן אויף געזעלשאַפטלעכע אַרבעט, די צופעסטיקונג צו דער ערד-נאַכלע א.א.וו.) וואָלט די סיסטעם פון אָפאַרבעטן געווען אוממעגלעך. דעריבער איז דאָס פאַרבייטן דאָס אָפאַרבעטן אויף פרייע לוין-אַרבעט דער גרויסער היסטאָרישער פאַרדינסט פונם לאַנדווירטשאַפטלעכן קאַפיטאַליזם אין רוסלאַנד.

רעזיומירנדיק דאָס אויבנגעזאָגטע וועגן דער פּראָגרעסיווער היסטאָרישער ראָל פונם רוסישן לאַנדווירטשאַפטלעכן קאַפיטאַליזם, קאָן מען זאָגן, אַז ער

פארגעזעלשאפטלעכט די לאנדווירטשאפטלעכע פראדוקציע. איבערעמעסן, סאי דער פאקט, וואס די ערדארבעט איז פארוואנדלט געווארן פון א פריווילעגיע פונם העכסטן שטאנד, אדער פונם יאך פונם נידעריקסטן שטאנד, אין א געוויינלעכער האנדלס-אינדוסטריעלער באשעפטיקונג; סאי דאס, וואס דער פראדוקט פונם לאנדווירטשאפטס ארבעט האט אנגעהויבן צו ווערן אונטערגעווארפן דעם געזעלשאפטלעכן דיסקאנט אפן מארק, סאי דאס, וואס די פארעלטערטע, איינארטיקע ערדארבעט ווערט פארוואנדלט אין טעכניש איבערגעאנדערשטע און פארשיידנארטיקע פארמען פון סכוירעדיקער ערדארבעט; סאי דאס, וואס עס ווערט צעשטערט די ארטיקע אפגעשלאסנקייט און צעשפליטערטקייט פונם קליינעם ערדארבעטער; סאי דאס, וואס די פארשיידנארטיקע פארמען פון פארשקלאפונג און פערזענלעכער אפהענגיקייט ווערן ארויסגעשטויסן דורך א פערזענלכן האנדל מיט ארבעטס-קראפט, — דאס אלץ זיינען רינגען פון איין פראצעס, וועלכער פארגעזעלשאפטלעכט די לאנדווירטשאפטלעכע ארבעט און פארשארפט אלץ מער און מער די ווידערשפרוכן צווישן דער אנארכיע פון די מארק-וואקלונגען, צווישן דעם אינדיווידועלן כאראקטער פון די באזונדערע לאנדווירטשאפטלעכע אונטערנעמונגען און צווישן דעם קאלעקטיוון כאראקטער פון דער גרויס-קאפיטאליסטישער ערדארבעט.

אונטערשטרייכנדיק אזוי ארום די פראגרעסיווע היסטארישע ראל פונם קאפיטאליזם אין דער רוסישער ערדארבעט פארגעסן מיר אבער קלאל און קלאל ניט — ניט וועגן דעם היסטארישן איבערגאנג-כאראקטער פון דעמדאזיקן עקאנאמישן רעזשים, ניט וועגן די טיפע געזעלשאפטלעכע סתירות, וועלכע זיינען כאראקטעריסטיש פאר אים. אדרבא, מיר האבן אויבן אנגעוויזן, אז דאפקע די „פאלקיסטן", וועלכע קאנען נאר באוויינען דעם קאפיטאליסטישן „בראך", שאצן אפ דידאזיקע ווידערשפרוכן העכסט-אויבנאויפלעכלעך. פארדעקנדיק די צעפאלונג פונם פויערטום, איגנארירנדיק דעם קאפיטאליסטישן כאראקטער פונם באנוצן מאשינעס אין אונזער ערדארבעט, באהאלטנדיק אונטער אזעלכע אויסדריקן, ווי „לאנדווירטשאפטלעכע באשעפטיקונגען" אדער „פארנאכעס", די אויסבילדונג פונם קלאס לאנדווירטשאפטלעכע לוין-ארבעטער.

(נ. לענין. די אנטוויקלונג פון קאפיטאליזם אין רוסלאַנד. שריפטן, באנד 3. זייט 147—153).

ג). געזעצן וועגן פויערים.

קעדיי דער פויער זאל זיך ניט ארויסמאכן פון זיינע פליכטן אלס פליכט-ארבעטער און אלס צאלער, האט די „רעפארם" און די ווייטערדיקע געזעצגעבונג רעגלאמענטירט זיין לעבן פונקט אזוי זארגזאם, ווי דאס פלעגן טאן די פריצים אין דער עפאכע פון „פאנשטשינע".

לויטן געזעץ פון 19-טן פעווראל האט דאס פויערים-רעכט פארגעשטעלט מיט זיך א קאמפליצירטע סיסטעם פון באציאונגען פון געמיינזאמער אונטערגעווארפנקייט און אחריות: די דארף-געמיינדע — דער „מיר" — איז געווען פאראנטווארטלעך לעגאבע דער רעגירונג פאר יעדן באלעבאס, וואס איז אונ-

טערגעוואָרפן דער געמיינדע; דער באַלעבאָס איז געווען פאַראַנטוואָרטלעך צו דער דאָרף־געמיינדע פאַר יעדן איינציקן פון די מיטגלידער פון זיין פאַמיליע, וועלכע זיינען אַלע געווען אונטערגעוואָרפן דעם עלטסטן אין דער פאַמיליע (באָלשאַק) — דעם באַלעבאָס.

די דאָרף־געמיינדע איז לויטן געזעץ פון 61־טן יאָר געווען פריער פאַר אַלץ אַ שטייערפליכטיקע איינהייט. זייענדיק געבונדן מיט קעגנזייטיקער אַחריות, האָט זי געמוזט — קעדיי עס זאָלן פולקום איינגעצאָלט ווערן די שטייערן — קאָנטראָלירן דאָס פערזענלעכע, ווירטשאַפטלעכע און פאַמיליען־לעבן פון אירע מיטגלידער.

די דאָרף־געמיינדע האָט געטראָגן אַ קעגנזייטיקע אַחריות פאַר דעם, אַז די באַלעבאַטים זאָלן פּינקטלעך איינצאָלן די מעלוכישע, געמיינדישע און ערד־שטייערן. זי האָט געמאָגט פאַרקויפן די ניט באַוועגלעכע גיטער פון ניט פּינקטלע־כע צאָלער, אָפּנעמען בא זיי די פעלד־כאַלאָקים און שטעלן די אומפּינקטלעכע באַ־לעבאַטים גופע אויף אַרבעט, אַפילע אין אַנדערע גובערניעס.

מיט דער הילף פון דער פּאַספּאָרט־סיסטעם פלעגט די דאָרף־געמיינדע אַכ־טונג געבן אויף דער אָפּוועזנהייט פון אירע מיטגלידער און אויף זייער אַרויסטרעטן פון דער געמיינדע און אַזוי אַרום פלעגט זי אויספילן ענלעכע פונקציעס פון די פּריצים.

דער רעגירונגס־ראַט האָט אין 1894־טן יאָר, באַטראַכטנדיק די פּאַספּאָרט־סיסטעם, באַשטעטיקט דאָס רעכט פון די דאָרף־געמיינדעס אָפּצוזאָגן אַרויס־געבן פּעסער.

אָפן געביט פון אויפפּאַסן אויף די פאַמיליען־באַציאונגען פון די פּויערים פאַרבייט דאָס געזעץ פון 61־טן יאָר ווידעראַמאָל די מאַכט פון פּאָריץ אויף דער מאַכט פון דער דאָרפישער אַסיפע. פּונקט ווי פריער האָבן פאַמיליעס פון לייב־אייגענע פּויערים ניט געקאָנט זיך פאַנאַנדערטיילן אָן דער האַסקאָמע פון פּאָ־ריץ, אַזוי איז אויך איצט, צוליב דעם פאַרנאַנדערטיילן די פאַמיליע נויטיק געווען די האַסקאָמע פון דער דאָרפישער אַסיפע. עמעס טאַקע, פאַקטיש פלעגן די פאַמיליען־צעטיילונגען פאָרקומען אַלפּי־ראָוו „אייגנוויליק“. אין פּעריאָד פון 1861־טן ביז אַריבער דעם 1882־טן יאָר זיינען פון דער אַלגעמיינער צאָל פון 24 מיליאָן פאַמיליען־צעטיילונגען נאָר 3% געמאַכט געוואָרן מיט דער דערלוי־בעניש פון דאָרפישער אַסיפעס. אַזאַ מין „מיסברויכן מיצאַד די פּויערים מיט דאָס רעכט פון פרייען צעטיילן זיך“ האָט דער אינערן־מיניסטער גראַף טאָלסטאָי (אין די י.י. 1882 — 1886) און נאָך אים דער מעלוכעראַט אָנערקענט אַלס אַן אויסערסט־שעדלעכן פאַר דער פּויערשער ווירטשאַפט און פאַר דער „עקאָנאָמי־שער ווירטשאַפט פון דער מעלוכע“.

דער אידעאַל פון אַ פּויערשער פאַמיליע איז אין די אויגן פון דער רעגי־רונג אין די 80־ער יאָרן און פון די פּריצים ביזן 60־טן יאָר געווען אַן אומצע־טיילטע פּאַטריאַרכאַלע מישפּאָכע, „אַזאַ מין אַרבעטס־פאַמיליע, וואָס זאָל פאָרשטעלן מיט זיך אַ פעסטן צוזאַמענבונד פון קרויווים, וועלכע וואָלטן זיך אונטער דער איבערמאַכט פון דעם עלטסטן מיטגליד און וואָס אַרבעטן צוליב

אַלגעמיינע נוצן, וואָלט פאַרגעשטעלט מיט זיך אַן אידעאַל ווי אין מאָראַלישן, אַזוי אויך אין עקאָנאָמישן זין, און ווי ווייט מעגלעך זיך דערנעענטערן צו אים וואָלט געווען זייער געוואונטשן פאַר די מעלוכישע אינטערעסן", לייענען מיר אין זשורנאַל פון דער זיצונג פון די פאַרייניקטע דעפּאַרטאַמענטן פון מעלוכע־ראַט.

קעדיי צו פאַרהאַלטן דעם נאַטירלעכן צעשטערונגס־פּראָצעס פון העררדאַזיקער פּאַטריאַרכאַלער מישפּאָכע, זיינען דורך די געזעצן פון 18־טן מאַרט 1886 י. איינגעפירט געוואָרן נייע באַגרענעצונגען פון דאָס צעטיילונג־רעכט פון פויערים־פאַמיליעס. לויטן געזעץ פון 1886־טן יאָר האָט די צעטיילונג געקאָנט פּאַסירן נאָר מיטן העסקעם פון באַלעבאָס און מיט דער דערלויבעניש פון צוויי דריטל מיטגלידער פון דער דאָרפישער אסיפע. ווי די פּראַקטיק האָט באַוויזן, איז אויך אָט דאָס געזעץ קימאַט אומעטום געבליבן טויט און האָט ניט באַזייטיקט די „אייגנווילעקע צעטיילונגען". ניט געקוקט אויף דעם, האָט דער דאָזיקער געזעץ „געווירקט" אין פאַרלויף פון צוואַנציק יאָר, מיט דעם בילעק בלויז, וואָס פון 1889־טן יאָר אָן איז נייטיק געווען פאַר דער גילטיקייט פון דער פאַמיליען צעטיילונג, אויך אַ באַשטעטיקונג פון זעמסקן נאַטשאַלניק.

אין סאַך פון די אַכציקער און אָנהויב פון די נײַנציקער יאָרן האָט די רעגירונג באַשלאָסן ענערגיש אַרויסצוטרעטן קעגן דעם, וואָס די פויערים מיסברויכן מיט דער פרייהייט, וואָס מע האָט זיי געשאָנקען צוליב דעם ווערט אַרויסגעגעבן אַ ריי געזעצן, וועלכע האָבן געזאָלט ביינדן דעם פויער דאָרט, וואו עס איז לויטן געזעץ פון 61־טן יאָר אים נאָך געבליבן אַ שאָטן פון פרייהייט.

דעם 8־טן יולי 1889 י. איז „קעדיי אויפצוהויבן דעם אויטאָריטעט פון דער מאַכט אין דאָרף", אַרויסגעגעבן געוואָרן אַ געזעץ וועגן די זעמסקע נאַטשאַלניקעס. דער ציל פון דעמאָזיקן געזעץ איז געווען צו שטעלן אונטער דער אויפזיכט פון אגענטן פון דער צענטראַלער מאַכט אויך דאָס פריוואַטלעכע לעבן פון פויער און די טעטיקייט פון דער פויערשער זעלבסטפאַרוואַלטונג. קעדיי די זעמסקע נאַטשאַלניקעס זאָלן קאָנען מיט דערפאָלג אויספילן זייער מיסיע, האָבן זיי באַקומען אַ יורידישע און אַדמיניסטראַטיווע מאַכט, אַ מאַכט, וואָס איז פולקום ענלעך צו דעם, וואָס ס'האָט אַמאָל געהאַט דער פּאָריץ איבער זיינע לייבאייגענע.

אין 1893־טן יאָר טרעט אַרויס די רעגירונג מיט צוויי געזעצן מיטאַמאָל, וואָס זייער ציל איז באַגרענעצן די רעכט פון די פויערים אויפן געביט פון ערד־באַציאונגען. דאָס זיינען — דאָס געזעץ פון 8־טן יוני פון 1893־טן יאָר וועגן די איבערטיילונגען פון ערד, און דאָס געזעץ פון 14־טן דעצעמבער פון 1893־טן יאָר וועגן דער פאַרטערמיניקן אויסקויפן די ערדן און וועגן דער ניט־אָפּפרעמדפּעאיקייט פון די ערד־באַלאַקים.

די דערלייזונג פון פראַגן וועגן איבערטיילן קאָהאָלשע ערד האָט דאָס געזעץ פון 1861־טן יאָר איינגאַנצן איבערגעגעבן צו די דאָרפישע אסיפעס. קעדיי דורכצופירן אַן איבערטיילונג איז לויטן געזעץ נייטיק געווען די האַסקאָמע פון 2/3 פון די באַלעבאַטים, וואָס האָבן שטים־רעכט אויף דער אסיפע.

ווען די רעגירונג האָט אין סאָף פון די אַכציקער און אין אָנהויב פון די ניינציקער יאָרן באַזונדערס שטאַרק גענומען זוכן די סיבע „פון פּראָגרעסירנדיקן פאַל פון וואוילשטאַנד פון די פויערים" — האָט זי די דאָזיקע סיבע איינגעזען ניט נאָר אין דער רעכטלאָזיקייט פון די פויערים און ניט אין דעם, וואָס מען באַלעסטיקט זיי איבער די קויכעס מיט שטייערן, נאָר אין „מיסברויכן" פון די פויערים מיט דער פרייהייט, וואָס איז זיי געשאָנקען און, באַזונדערס, אין „מיסברויכן" מיט דער פרייהייט פון איבערטיילן זיך. שטיצנדיק זיך אַף די מעלדונגען פון די גובערנאַטאָרן און אייניקע זעמסטווע־פאַרזאַמלונגען האָט דער אינערן־מיניסטער אריינגעטראָגן אין מעלוכע־ראַט א געזעץ־פּראָיעקט, וואָס איז געווענדעט אַף צו באַגרעניצן די פרייהייט פון איבערטיילן זיך.

דער געזעץ פון 1861־טן יאָר האָט צוגעפעסטיקט דעם פויער צו דער געמיינדע, נאָר מערניט אַף אַזוי לאַנג, ווי ער האָט נאָך ניט געהאַט אויסגעצאָלט זיין אויסקויף־כויוו. איידער ער האָט אָפּגעצאָלט זיין אויסקויף־האַלוואָע האָט אַן איינצלנער באַלעבאָס געקאָנט ארויסטרעטן פון דער געמיינדע נאָר מיטן העסקעם פון דער געזעלשאַפט. אויב ווידער דער באַלעבאָס האָט באַצאָלט די אויסקויף־האַלוואָע פאַרן טערמין, האָט ער געקאָנט פאָדערן פון דער געמיינדע, אז מען זאָל אים אויסטיילן פון דער קאָהאָלישער ערד אַן ערד־כיילעק, וואָס זאָל אַנטשפּרעכן דער אויסקויף־סומע, וואָס ער האָט איינגעצאָלט; די געזעלשאַפט איז געווען מעכויעוו אויסצוטיילן אים, „ווי ווייט מעגלעך אַף איין אָרט", און ביז אויסטיילן פלעגט דער באַלעבאָס, וואָס האָט אריינגעטראָגן דעם אויסקויף פאַרן טערמין, פאַרבלייבן אין שוטפעסדיקן באַנוץ מיט די איבעריקע מיטגלידער פון דער געמיינדע.

מיט דאָס רעכט אויסצוקויפן פאַרן טערמין די ערד־נאַדעלע (לויטן אַרטיקל 165) האָבן זיך באַנוצט פאַרהעלטנישמעסיק זייער א קליינע צאָל באַלעבאַטים. צום 1890־טן יאָר, ד.ה. אין 30 יאָר ארום נאָך דער באַפרייאונג איז אין 46 גובערניעס געווען אויסגעקויפט פאַרן טערמין בעסאַכאַקל 655 טויזנט דעסיאַטין נאַדעל־ערד.

אין דעם, וואָס דאָס פויערשע אייגנטום האָט אָנגעפאַנגען צו ווערן באַוועגלעך האָט דער אינערן־מיניסטעריום איינגעזען, „אַז די פויערשע באַפעלקערונג באַנוצט זיך מיט דער באַקומענער ברייטער פרייהייט פון שאַפן זיך מיט די נאַכלעס ווייט ניט אין איינקלאַנג מיט די קאַוואָנעס פון דער רעגירונג". דעריבער האָט דער אינערן־מיניסטער אריינגעטראָגן אין מעלוכע־ראַט א געזעץ־פּראָיעקט וועגן די ארויסטרעטונגען פון די פויערים פון דער געמיינדע און וועגן דעם ניט אָפּפרעמדן די נאַכלעס. אין גרונט פון דעמדאָזיקן געזעץ־פּראָיעקט האָט ער געלייגט דעם באַליבטן געדאַנק פון דער רעגירונג — „דעם געדאַנק וועגן דער נויטיקייט, אַז די פויערים זאָלן איינהאַלטן די ערדן, וואָס זיי האָבן מיט קאָלאָסאַלע קאָרבאָנעס מיצאַד דער רעגירונג און העכערן שטאַנד פון דער מעלוכע באַקומען אַף צו באַוואָרענען זייער עקזיסטענץ און אויספילן זייערע פליכטן לעגאַבע דער רעגירונג".

די אויסקויף־אָפּעראַציע איז געווען באַזירט, לויט דער מיינונג פון אינערן־מיניסטעריום, ניט אַף אַן אָפּמאַך, נאָר ער איז געווען פּונקט אַזאַ „איינזייטיקער רעגירונגס־אַקט, ווי דאָס לעכאַטכילעדיקע באַטיילן מיט אַ נאַכלע, פּונקט אַזאַ אַלגעמיין מעלוכישן מאָסמיטל, וואָס אין זיין יעסאָד ליגט דער איינהייטלעכער ווילן פון דער העכערער מאַכט און וואָס איז לאַכלוטן פרעמד צו יעדער אָפּמאַך־באַציאונג. דיזעלבע באַדייטונג האָט געהאַט אויך דאָס רעכט פון פאַרטערמיניקן אויסקויף. עס איז געווען און פאַרבלייבט אַ רעכט, וואָס איז געגעבן געוואָרן די פּויערים לויטן געזעץ צווישן אַסאַך אַנדערע רעכטן, וועלכע זייַנען געשאַנקען געוואָרן דער פּויערשער באַפעלקערונג לויטן געזעץ פון 19־טן פעוראַל, און דערפאַר וואָלט דוכטן, אַז ענדערן אָדער אַפילע פולקום אָפּצושאַפן דאָסדאָזיקע רעכט דאַרף אָנערקענט ווערן פּאַר פּונקט אַזאַ געזעצלעכע זאַך, ווי יעדער אַנדערע ענדערונג פון געזעץ“.

דעם 14־טן דעקאַבער פון 1893־טן יאָר איז קעדיי צו קעמפן מיט דער פאַרהדלאַזיקונג פון דער פּויערשאַפט און קעדיי צו באַשיצן די נאַכלע־ערדן פון די „רויבער“ און „אויסקויפער“ פאַרווערט געוואָרן די פּויערים אויסצוקויפן אָן דער איינשטימונג פון דער געמיינדע זייער ערד־כיילעק פאַרן טערמין און אַרויסטרעטן פון דער געמיינדע (אָפּגעשאַפט דעם צווייטן טייל פון אַרטיקל 165 פון געזעץ וועגן אויסקויפן) אַכוץ דעם האָבן די פּויערים פאַרלאָרן דאָס רעכט צו פאַרקויפן און פאַרזעצן נאַכלע־ערדן בּאַ פּערזאָנען, וואָס געהערן ניט צו דער דאָרף־געמיינדע.

ג. לענין

צוויי טיפּן פון דער בורזשואַזער אַגראַר־רעוואָלוציע

...דער איקער אין קאַמף זייַנען די לייבאייגנטימערישע לאַטיפונדיעס אַלס די וויכטיקסטע פאַרקערפערונג און שטאַרקסטע שטיצע פון די רעשטן פון לייבאייגנטום אין רוסלאַנד. די אַנטוויקלונג פון דער סכוירע־ווירטשאַפט און פון קאַפּיטאַליזם מאַכט מיט אַבסאָלוטער אומפאַרמיידלעכקייט אַ סאָף פון די דאָזיקע רעשטן. אין דעם פּראַט שטייט רוסלאַנד פאַר בלויז איין וועג — פון בורזשואַזער אַנטוויקלונג.

אָבער די פאָרמען פון דער דאָזיקער אַנטוויקלונג קאָנען זיין צווייערליי. די רעשטן פון לייבאייגנטום קאָנען אָפּפאַלן סײַ דורכן איבערהאַנדערשן די פּריצישע ווירטשאַפטן, סײַ דורכן אָפּשאַפן די פּריצישע לאַטיפונדיעס, ד. ה. מיט דער הילף פון רעפאָרם און מיט דער הילף פון רעוואָלוציע. די בורזשואַזע אַנטוויקלונג קאָן גיין האָבנדיק אין דער שפּיץ גרויסע פּריצישע ווירטשאַפטן, וואָס ווערן בעהאַדראַגע אַלץ מער בורזשואַז, וואָס פאַרבייטן בעהאַדראַגע די לייבאייגנטימערישע עקספּלואַטאַציע־מעטאָדן אַף בורזשואַזע; זי קאָן אויך גיין, האָבנדיק אין דער שפּיץ קליינע פּויערשע ווירטשאַפטן, וועלכע באַזײַטיקן אַף אַ רעוואָ־

לוציאָנערן אויפֿן פֿון געזעלשאַפֿטלעכן אָרגאַניזם דעם „אַנוואוקס“ פֿון די לייב־אייגנטימערישע לאַטיפֿונדיעס און אַנטוויקלען זיך פֿריי דערנאָך אַז זיי אָפּן וועג פֿון קאַפּיטאַליסטישער פֿערמערײַ.

די דאָזיקע צוויי וועגן פֿון דער אָביעקטיוו־מעגלעכער בורזשואַזער אַנטוויקלונג וואָלטן מיר אָנגערופֿן: דער וועג פֿון פּרייסישן און דער וועג פֿון אַמעריקאַנישן טיפּ. אין ערשטן פֿאַל וואַקסט די לייבאייגנטימערישע פּריצישע ווירטשאַפֿט פּאַמעלעך אַריבער אין אַ בורזשואַזע, אַ יונקערשע, פֿאַרורטיילנדיק די פּויערים אויף צענדליקער יאָרן פֿון סאַמע טיראַנישער עקספּראָפּריאַציע און פֿאַרקנעכטונג און אויסטיילנדיק אַ קליינע מינדערהייט פֿון „גראָסבאַוערן“ (באַלעגופֿים). אין צווייטן פֿאַל איז קיין פּריצישע ווירטשאַפֿט ניטאָ, אָדער זי ווערט צעבראָכן דורך דער רעוואָלוציע, וועלכע קאָנפֿיסקירט און צעברעקלט די פֿעאָדאַלע לאַנדגיטער. אין דעם פֿאַל דאָמינירט דער פּויער, ווערנדיק אַן אויסשליסלעכער אַגענט פֿון דער לאַנדווירטשאַפֿט און עוואָלוציאָנירנדיק צו אַ קאַפּיטאַליסטישן פֿערמער. אין ערשטן פֿאַל באַשטייט דער הויפּט־אינהאַלט פֿון דער עוואָלוציע אין דעם, וואָס דאָס לייבאייגנטום וואַקסט אַריבער אין פֿאַרקנעכטונג און אין קאַפּיטאַליסטישע עקספּלואַטאַציע אויף די ערדן פֿון פֿעאָדאַלן, פּריצים־יונקערס. אין צווייטן פֿאַל איז דער הויפּט־פֿאָן — דאָס אַריבערוואַקסן פֿונעם פּאַטריאַרכאַלן פּויער אין אַ בורזשואַזן פֿערמער.

אין דער עקאָנאָמישער געשיכטע פֿון רוסלאַנד אַנטפּלעקן זיך פֿולקום קלאָר די דאָזיקע ביידע עוואָלוציע־טיפּן. נעמט די עפּאָכע פֿון אָפּשאַפֿן דאָס לייבאייגנטום־רעכט. עס איז געגאַנגען אַ קאַמף וועגן אויפֿן ווי דורכפֿירן די רעפֿאָרם צווישן די פּריצים און די פּויערים. סיי די, סיי יענע האָבן זיך איינגעשטעלט (אומבאַוואוסטזיניק) פֿאַר די באַדינגונגען פֿון דער בורזשואַזער עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג, נאָר די ערשטע — פֿאַר אַזאַ אַנטוויקלונג, וועלכע פֿאַרזיכערט מאַקסימאַל דאָס איינהיטן די פּריצישע ווירטשאַפֿטן, די פּריצישע האַכנאָסעס, די פּריצישע (פֿאַרשקלאַפֿנדיקע) מעטאָדן פֿון עקספּלואַטאַציע. די צווייטע — פֿאַר די אינטערעסן פֿון אַזאַ אַנטוויקלונג, וואָס זאָל באַוואָרענען אין דער גרעסטער מאָס, וועלכע איז ביקלאַל נאָר מעגלעך באַם געגעבענעם קולטור־ניוואָ, דעם וואוילשטאַנד פֿון פּויערטום, די צעשטערונג פֿון פּריצישע לאַטיפֿונדיעס, די אָפּשאַפֿונג פֿון אַלע לייבאייגנטימערישע און פֿאַרשקלאַפֿנדיקע מעטאָדן פֿון עקספּלואַטאַציע, די פֿאַרברייטערונג פֿונעם פּרייען ערד־באַזיץ פֿון די פּויערים. זעלבסטפֿאַרשטענדלעך, אַז אין פֿאַל פֿון צווייטן אויסגאַנג וואָלט די אַנטוויקלונג פֿון קאַפּיטאַליזם און די אַנטוויקלונג פֿון די פּראָדוקטיווע קויכעס געווען ברייטער און גיכער, איידער אין פֿאַל פֿונעם פּריצישן אויסגאַנג פֿון דער פּויערשער רעפֿאָרם. בלויז קאַריקאַטור־מאַרקסיסטן, ווי עס האָבן געמיט זיך זיי אויסצומאָלן די פֿאָלקיסטן וואָס באַקעמפֿן דעם מאַרקסיזם, וואָלטן געקאָנט רעכענען דאָס אָפּנעמען די ערד פֿון די פּויערים אין 1861־טן יאָר פֿאַר אַ גאַראַנטיע פֿאַר אַ קאַפּיטאַליסטישער אַנטוויקלונג. פֿאַרקערט, זי וואָלט געווען אַ גאַראַנטיע און האָט זיך אַרויסגעוויזן בעעמעס אַלס אַ גאַראַנטיע פֿאַר אַ פֿאַרשקלאַפֿנדיקער, ד. ה. האַלב־לייבאייגנטימערישער אַרענדע און אָפּאַרבעט־ווירטשאַפֿט, ד. ה. באַרשטשינע־

ווירטשאפט, וועלכע האט אויסערגעוויינלעך פארהאלטן די אנטוויקלונג פונם קאפיטאליזם און דעם וואוקס פון די פראדוקטיווע קויכעס אין דער רוסישער לאנדווירטשאפט. דער קאמף צווישן די פריצישע און די פויערשע אינטערעסן איז ניט געווען קיין קאמף פון די „פאלקס־פראדוקציע“ און „ארבעטס־פרינציפ“ קעגן דער בורזשואזיע (ווי ס'האבן זיך פארגעשטעלט און ס'שטעלן זיך פאר אונזערע פאלקיסטן), — דאס איז געווען א קאמף פארן אמעריקאנער טיפ פון דער בורזשואזער אנטוויקלונג קעגן דעם פרייסישן טיפ פון דערזעלבער בורזשואזער אנטוויקלונג.

און אין יענע מעקוימעס אין רוסלאנד, וואו ס'איז ניט געווען קיין לייב־אייגנטום־רעכט, וואו פאר לאנדווירטשאפט פלעגט זיך נעמען דורכוים אדער דערהויפט א פרייער פויער (לעמאשל, אין די סטעפעס פון יענער זייט וואלגע, פון נאוואראסיע, צאפן־קאווקאז, וואס האבן אנגעהויבן באזעצט ווערן נאך דער רעפארם) איז די אנטוויקלונג פון די פראדוקטיווע קויכעס און די אנטוויקלונג פון קאפיטאליזם געגאנגען ניט א ערעך שנעלער, איידער אין צענטער, וועלכער איז געווען באלעסטיקט מיט רעשטלעך פון לייבאייגנטום.

נאר אויב דער לאנדווירטשאפטלעכער צענטער פון רוסלאנד און זיינע לאנדווירטשאפטלעכע גרעניץ־געביטן באווייזן אונז, אזוי צו זאגן, די שעטאבדיקע אדער געאגראפישע פארטיילונג פון די ערטער, אין וועלכע עס דאמינירט די אגראר־עוואלוציע פון דעם אדער יענעם טיפ, זיינען אדער די הויפט־שטריכן פון דער און יענער עוואלוציע בעשיינפערלעך קענטיק אויך אין אלע ערטער, וואו עס עקזיסטירט זייט בא זייט א פריצישע און א פויערשע ווירטשאפט. איינער פון די גרונט־פעלערן פון דער פאלקיסטישער עקאנאמיע איז באשטאנען אין דעם, וואס פאר א קוואל פונם אגראר־קאפיטאליזם האט זי גערעכנט אויסשליסלעך נאר די פריצישע ווירטשאפט, די פויערשע אבער פלעגט זי באטראכטן פון שטאנדפונקט פון „פאלקס־פראדוקציע“ און „ארבעטס־פרינציפ“ (אזוי טוען אויך איצט די טרודאוויקעס, די „פאלקס־סאציאליסטן“ און סאציאליסטן רעוואלוציאנערן). מיר ווייסן, אז דאס איז ניט ריכטיק. די פריצישע ווירטשאפט עוואלוציאנירט קאפיטאליסטיש, פארבייטנדיק בעהאדראגע די אפארבעטונגען דורך „פריי געדונגענער ארבעט“. די דריי־פעלדיקע סיסטעם — אף אינטענסיווער קולטור און דעם פויערשן אלטפראנקישן אינווענטאר — אף פארפולקומטע געציי. די פויערשע ווירטשאפט עוואלוציאנירט אויך קאפיטאליסטיש. אויסטיילנדיק א דארפישע בורזשואזיע און א דארפישן פראלעטאריאט. וואס בעסער ס'איז די לאגע פון דער „געמיינדע“, וואס העכער ס'איז דער וואוילשטאנד פונם פויערטום ביקלאל, אלץ גיכער קומט פאר דידאזיקע צעגלידערונג פונם פויערטום אף אנטאגאניסטישע קלאסן פון דער קאפיטאליסטישער לאנדווירטשאפט. אזוי שטראמען פון דער אגראר־עוואלוציע זיינען, אזוי ארום, פאראן אומעטום. דער קאמף צווישן די פויערשע און די פריצישע אינטערעסן, וועלכער גייט דורך ווי א רויטער פאדים דורך דער גאנצער געשיכטע פון רוסלאנד נאך דער רעפארם און שטעלט פאר מיט זיך די וויכטיקסטע עקאנאמישע באזע פון אונ־

זער רעוואָלוציע, אין א קאמף פאר דעם אדער יענעם טיפ פון דער בורזשואז־אגראַרער רעוואָלוציע.

נאָר האָבנדיק קלאָר פארשטאנען די פארשיידנקייט פון די ראַזיקע טיפן אין דעם בורזשואזן כאראקטער פון זיי ביידן, קאָנען מיר ריכטיק דערקלערן די אגראַר־פראגע אין דער רוסישער רעוואָלוציע און פארשטיין דעם קלאסן־באַטייט פון די פאַשיידענע אגראַר־פראָגראַמען, וואָס זיינען ארויסגעשטעלט דורך פאַרשיידענע פארטייען. מיר כאַזערן איבער, דער איקער פון קאמף — זיינען די לייבאייגנטימערישע לאטיפונדיעס. די קאפיטאליסטישע עוואָלוציע זייערע שטייט אויסער יעדן שטרייט, נאָר זי איז מעגלעך אין א צווייערליי־איקער פאָרם: אין דער פאָרם פון רעוואָלוציאָנערן באַזייטיקן, אָפּשאַפן זיי דורך די פויערים־פערמערס, און אין דער פאָרם פון זייער בעהאַלטראַנגעדיקן איבערגאנג אין יונ־קערשע ווירטשאַפטן (מיטן געהעריקן פארוואנדלען דעם פארשקלאַפטן פויער אין א פארשקלאַפטן קנעכט).

זעקסטער אָפּטייל

מאַרקסיזם אין קאַמף מיט פאָלקיזם.

מ. ליאַדאָוו

רוסלאַנד פון די 80־ער יאָרן.

רוסלאנד פון די 80־ער יארן — דאָס איז א טויט לאנד, וואו עס האָט לויט שטשעדרינס אויסדריק געהערשט „דער מעגוואוול — דער מאָסער“, וואו עס האָט געהערשט „וואָרט און פּסאק“, — דער פּאָליציי־ציריקל אין שטאָט און דער „אוריאדניק“ אין דאָרף. די פאַרצווייפלטע פּרוּוון פון א קליין הייפעלע העלדן אויפצורודערן אָט אָ דעם דרימלענדיקן געמיזעכץ, אויפצואוועקן דאָס פאָלק פריער דורך א פרידלעכן פריידיקן קאמף פאר א בעסערע צוקונפט, נאָכדעם מיט רונערן פון טעראָריסטישע שיסערייען און אויפרייסן, האָבן זיך אויסגעלאָזן מיט א פולשטענדיקער פארניכטונג פון די קעמפער. די ליבעראל־אינטעליגענטע „געזעלשאפט“ האָט אויך געהאט אויפגעהויבן איר שטים און האָט אָפן אדער געהיים געשטיצט די רעוואָלוציאָנערן, ווען די זאך האָט זיי געשיינט צו זיין נאָענט צו דער ענדגילטיקער אנטשיידונג, און ווען די רעגירונג, אָנגעשראָקן פון דער דרייסטקייט פון א הייפעלע גיבורים, ניט ווייסנדיק, ווי טיף און ענג זיי זיינען פארבונדן מיט די פאָלקס־מאסן, איז שוין געווען גרייט עטוואָס נאָכצוגעבן, מאכן א שוואכן שריט אויפן וועג צום באגרעניצן איר מאכט. אָבער דער אָנהויב פון די 80־ער יארן האָט שוין באוויזן דער רעגירונג, אז זי האָט צו טאָן ניט מיט א פאָלקס־באוועגונג, נאָר מערנישט ווי מיט א קליין הייפל רעוואָלוציאָנערן, אז דאָס פאָלק שלאָפט ווי פריער, אז די „געזעלשאפט“ איז ניט געפערלעך, ווייל ווייטער פון פעטיציעס און ריין פּלאטאָנישע שטרעבונגען וועט זי ניט גיין און קאָן ניט גיין. באטראכטנדיק דאָס, האָט די רעגירונג געשווינד אָפּגעזאָגט זיך פון די פּלענער פון רעפאָרמען און האָט זיך אומגעקערט צום אלטן, לאנג אויסגעפּראָוווטן וועג פון רעאקציע. דורך טליעס, שליסלבורגער קאזעמאטן, מאסן פארשיקונגען אף קאטאָרגע און אין סיביר האָט זי זיך שנעל

נויקעם געווען און די קעמפער־רעוואלוציאנערן. די ברייטע אינטעליגענטע געזעלשאפט, וואס אירע מיטגלידער האבן נאך ניט לאנג אין אינטימע קרייזן, באם טיש אפגעגעבן זיך מיט „כאלוימעס“ און פלעגן מיט שטאלץ ריידן וועגן דער אדער יענער „שאיכעס“ זייערער צו דער רעוואלוציע, — אט די „געזעלשאפט“ האט זיך גיך באהאלטן אין די לעכער און איז ווידער פארוואנדלט געווארן אין פרידלעכע באלאבעסלעך. אייניקע פון דידאזיקע הערן זיינען אפילע אליי אנטקעגנגעגאנגען דער רעאקציע, האבן אנגעהויבן רעדן וועגן „געזונט מאכן די יעסוידעס“ און, זוכנדיק פארגעבונג פאר זייערע נעכטיקע „פלוידערייען“, האבן זיי אליין גענומען זיך אויסווארצלען די „קראמאלע“. אנדערע האבן — מיט דער הילף פון די אייזנבאן־און אנדערע קאנצעסיעס, מיט זייער אנטייל אין די סאמע דרייסטע לעגאלע רויבערייען, מיט זייער געניטן און אומפארשעמטן אנפילן די אייגענע קעשענעס — באוויזן דורך מאיסים זייערע גוטע קאוואנעס. די חריטע האבן ענדלעך דערקלערט, אז איצט איז ניט די צייט פאר ברייטע אויפגאבן און האבן זיך גענומען פרידיקן „קליינע מאיסים“. צושארנדיק זיך נעענטער צו דער „ליבעראלער“ זעמסקער שויסל, האבן זיי זיך פארנומען מיטן פארווירקלעכן א פרידלעכע קולטור־טרעגערישע פראגראם, וועלכע גייט ניט ארויס פון די גרעניצן פון פארלייטן די וואש־בעקנס פון שפיטאל, אויפבויען נייע בריקן און איינפלאנצן אין די שולן דעם אנטירעוואלוציאנערן גייסט לויטן טייטל פון דער „נאטשאלסטווע“. דער בעסערער טייל ווידער פון דערדאזיקער געזעלשאפט, — דער בעסערער ניט לויט זיינע פעאיקייטן צו פראקטישע מאיסים, נאר לויט זיין אינערלעכער קאמפלעקסיע, לויט זיין שטרעבן צו זוכן און לעבן בעהעסקעם מיט א געוויסן אידעאל, — זיינען אויס פארצווייפלונג אין דער נאענטער פארווירקלעכונג פון די געזעלשאפטלעכע אידייען, וואס זיי האבן געבאוועט, אוועק אין זייער אייגענעם איך און האבן זיך פארנומען מיט „זעלבסט־פארפולקומען“ און זעלבסטגריבלעריי. די פארשטייער פון אט א דעם טייל פון דער געזעלשאפט האבן זיך אריינגעלאזט אין מיסטיציזם, אין „פארפראסטעווען זיך“, אין אסקעטיזם, אנפילנדיק מיט זיך די קולטורעלע איבער־שטיבלעך און די אינטעליגענטישע לאנדווירטשאפטלעכע קאלאניעס. אפן שטייגער פון פרעי, מאליקאוו, טשאיקאווסקי און טאלסטאי האבן זיי געפרידיקט ניט אנטקעגנשטעלן זיך דעם בייז מיט געוואלט, געשטעפט פאר קיינעם ניט נויטיקע שיך, געשטודירט די יעוואנגעליע, געשטעלט פאר קיינעם ניט נויטיקע אויוונס און געקוויקט זיך מיט זייער נעשאמע־לויטערקייט.

(מ. ליאדאוו. „ווי ס'האט זיך אנגעהויבן אויסבילדן די ר. ק. פ.“ פארלאג פון סווערדלאווס אוניווערזיטעט. מאסקווע. 1924 זייט 17—18).

מ. ליאַדאָוו

די „פאַלקיסטן" פון די 80-ער יאָרן

די פאַלקיסטן פון די 80-ער יאָרן האָבן שוין אָנגעוואָרן דעם אומיטלבאַרן גלויבן פון זייערע פאָרגייער פון די 70 יאָרן אין דעם אַז די וועלט פון קנעכטשאַפט וועט באַלד און רעוואָלוציאָנער איבערגיין צו דער הערשאַפט פון סאָציאַליזם. וועגן דעם טרוימען זיי שוין ניט, אָבער פונדעסטוועגן פאַרבייטנדיק דעם באַלדיקן רעוואָלוציאָנערן איבערגאַנג אויף אַ בעהאַדראַגעדיקן, ניט רעוואָלוציאָנערן, האַלטן זיי אין די אַלטע האָפענונגען. די דאָרפס־געמיינדע — דאָס איז דער רעטונגס־אַנקער; די פויערשער געמיינדע („מיר") — די נאַטירלעכע שטיצע קעגן דעם פּאַסקודנעם סיוחער; דאָס קוסטאַר־געווערב — דאָס מיטל קעגן דעם זיגרייכן צוג פונם קאַפּיטאַל. און אַט הויבט זיך אָן דאָס אַרומזוכן קישעף־מיטלען, לאַטעס, וואָס זאָלן העלפן אײַנהיטן אַט אָ די געמיינדע, די דאָזיקע קוסטאַר־מעלאָכעס. אָבער דאָס לעבן גייט זיך זיין וועג. דער סוינע קומט ניט בלויז פון אויסן, ער ווערט געבאָרן און וואַקסט אין דער פעסטונג גופא. אין דער געמיינדע גופא קומט פאָר אַ צעגלידערונג, צווישן די קוסטאַרן טיילן זיך אויס באַלאַבעסלעך און אַרבעטער. די פּאַטענטירטע הייל־מיטלען פון די „פאַלקיסטן" פון די 80־ער יאָרן, — אַט אָ די אַלע פויערים־בענק, קוסטאַרן־מוזייען, דער אָרגאַניזירטער פאַרקויף פון רוי־שטאָף און לאַנדווירטשאַפטלעכע ווערקצייג, — דאָס אַלץ פאַרשטאַרקט נאָר די דיפערענצירונג; מיט זיי באַנוצן זיך נאָר די באַלעגופים און די רייכע באַלעבאַטים. אין דער אונטערשטער שורע מאַכט עס נאָר גרינגער דעם גאַנג פון קאַפּיטאַל.

די פאַלקיסטן פון די 70־ער יאָרן זײַנען מיט זייער רעוואָלוציאָנערן פריידיקן געגאַנגען גראָד־פאָרויס, האָבן פאָר זיך געזען די קאָנטורן פון דער ליכטיקער צוקונפט, און זיי, די „העלדן", האָבן דרייסט גערופן צו דער דאָזיקער ליכטיקער צוקונפט די פויערשע מאַסע, דעם „המון". זיי האָבן ניט דערלאָזן קיין קאָמפּראָמיסן מיט דער ווירקלעכקייט, ריזיקירנדיק מיט דעם, וואָס דער „המון" וועט נאָך זיי ניט נאָכגיין, וועט בלײַבן טויב צו דער רוף, זיי זײַנען געווען אוטאָפּיסטן און האָבן טייער באַצאָלט פאַר זייער דרייסטן און אַנטשלאָסענעם פריידיקן. גאָר אַנדעריש זײַנען געווען די פאַלקיסטן פון די 80־ער יאָרן. די האָבן פון ריזיקע ניט געהאַלטן. זייער בעהאַדראַגע־פלאַן פלעגן זיי פראַקטיש דורכפירן אין לעבן. זיי האָבן שאָלעם געמאַכט מיט דער רעאַקציע, וויבאַלד זי האָט באַ זיי ניט אָפּגענומען די מעגלעכקייט אײַנצוהאַלטן די געמיינדע, אײַנצוהאַלטן די „יעסוידעס". און אין דעם פראַט פלעגט זייער פראַקטישע אַרבעט צונויפפאַלן מיט דער אַרבעט פון דער רעאַקציע, ווייל די רעגירונג פלעגט זיך אין דער ווירקלעכקייט שטיצן אויף די זעלביקע שיכטן פון דער באַפעלקערונג, וועלכע ס'האָט אויך פּ ר אַ ק ט י ש געדינט דער פאַלקיזם. דער אָפּאָזיציאָנעלער, ליבעראַלער לויט דער אַלטער נאָמענקלאַטור — פאַלקיזם האָט באַגריסט, ווי זייגעם אַ ניצאָכן, די מאָסמיטלען פון דער רעאַקציע צו פאַרפעסטיקן און פאַר־

שטייפן די „יעסוידעס“. די יעסוידעס זיינען געווארן פעסטער, און צוזאמען מיט דעם איז אויך פעסטער געווארן די איבערצייגונג פון די מאסן אין דער אויסגאנגס־לאזיקייט פון זייער לאגע.

די פאלקיסטן פון די 70־ער יארן זיינען געווען רעוואלוציאנערע קעמפער, וועלכע האבן שרעקלעך געוואלט, אבער נית געקאנט שטיצן זיך אפן פאלק און זיין די אויסדריקער פון זיין ווילן. די פאלקיסטן פון די 80־ער יארן זיינען שוין געווען פראקטישע אויסדריקער און פריידיקער פון די אידייען פון די קלייןבירגערלעכע שיכטן פונם רוסישן פויערטום. די פראזעאלאגיע איז בא זיי געבליבן די פריערדיקע, אבער די באדינגונגען און דער מעטאד פון ארבעט האבן זיך ראדיקאל געביטן. די רעאקציאנערקייט פון די פאלקיסטן פון די 80־ער יארן איז נאך הארבער געווארן דורך דעם אומשטאנד, וואס זיי האבן נית געוואלט איינזעען, אז אין רוסלאנד איז שוין ניטא די שטייפע אייןארטיקע פאלקסמאסע, צו וועלכע עס האבן זיך געווענדט און וועלכע עס האבן פאר זיך געזעען די רעוואלוציאנערן פון די 70־ער יארן. רוסלאנד איז דיפערענצירט געווארן. דאס קלאסן־לעבן האט אלץ מער און מער גענומען ארויסשטויסן דאס שטאנדן־לעבן. עס האט שוין געהאלטן אין געבארן ווערן דער קלאס פון ארבעטער און דער קלאס פון אונטערנעמער. עס איז געקומען דער „מענואוול“ און האט מיט זיך מיטגעבראכט דאס אלץ, וואס עס איז אומפארמיידלעך פארבונדן מיט זיין קומען. די פאלקיסטן האבן געזעען אין זיין קומען אן אומנארמאלע דערשיינונג. דער קאפיטאליזם איז ווילדפלייש אף דער פויערשער געמיינדע־ארגאניזאציע פון רוסלאנד, צו אים דארף מען זיך אויך באציען, ווי צו א קרענקלעכער און אומנארמאלער דערשיינונג — אט וואס די פאלקיסטן האבן געזאגט און האבן זיך נאך שטייפער געהאלטן פאר די „יעסוידעס“. זיי האבן נית פארשטאנען און נית געוואלט פארשטיין, אז כארעוו ימאכנדיק די אלטע יעסוידעס, שאפט דער קאפיטאל אומפארמיידלעך א נייעם ארט לעבן. זיי האבן נית פארשטאנען און נית געוואלט פארשטיין די גאנצע שאפונגס־ארבעט פונם קאפיטאל און — דעריקער—זיי האבן נית פארשטאנען די נויטווענדיקייט פון אקטיוון און באוואוסטזיניקן אנטיילנעמען אין שאפונגס־ארבעט פון אט דעמזעלביקן „פאלק“, וואס אין זיין נאמען פלעגן זיי נאך אלץ ארויסטרעטן. זיי פלעגן באוויינען די רעזולטאטן פון דעם אנקומען פון דעם „מענואוול“. פארגיסן טרערן איבער דער צעפאלונג פון דער פאטריארכאלישער פויערשער פאמיליע, זיפצן איבער דעם, וואס די אלייןגעוועבטע שערמענגע ווערט פארביטן אף א רעקל, די לאפטיעס — אף שטיוול, זיי פלעגן טרויערן איבער דער צעלאזנקייט פון די באכערים און מיידלעך, וועלכע גייען אוועק אין שטאט אין פאבריק, און קעדיי צו טרייסטן זיך פלעגן זיי איינרעדן זיך און זייערע לעזער, אז דאס אלץ איז נאר צופעליק, צייטווייליק, און די „יעסוידעס“ זיינען, ווי פריער, שטייף. — אט האט און האט איז דערשינען א ניי, „אייגענס“ פויערש ליכטיקס „שטיבל“; דא זיינען די פויערים, נית קוקנדיק אף דער געמיינדע, דאך נית אינגאנצן אויסגעשטארבן פון הונגער א.א.וו. אין דעמזעלביקן נוסאך. עס האנדלט זיך דאך נית וועגן „פארגרעסערן דעם וואוילשטאנד פון איינצלנע פערזאנען“, נאר וועגן זייער „עקאנאמישער“

אומאָפּהענגיקייט", „אונזערע פּויערים זיינען דאָך מאָקריוו זייערע גרויסע מאַטעריעלע רעוואָכים צוליב איינהאַלטן זייער עקאָנאָמישע אומאָפּהענגיקייט; בײַ די קוסטאַרן איז אַפילע דאָ אַ שפּריכוואָרט: „די האַכנאָסע איז אַפילע קיין האַכנאָסע ניט, אָבער דאָך אַ פרייע וועלט“.

זיי האָבן קעסיידער באַטאָנט, אַז די רעגירונג האָט ניט וואָס מוירע צו האָבן פאַר זייערע „יעסוידעס“, אָרעראַבע, דאָס גוטס, וואָס די עקאָנאָמישע אומאָפּהענגיקייט גיט, איז אַזוי ווערטפול, אַז עס מאַכט אָפּט פאַרגעסן אַפילע זייער גרויסע כעסרוינעס אין דער פּאָליטישער אָרדענונג. אין פראַנקרייך, לעמאָשל, איז דער סאַמע פרידלעכער עלעמענט פון דער באַפעלקערונג דער מערווייניק עקאָנאָמיש־אומאָפּהענגיקער פּויער — ערדבאַזיצער, און דער סאַמע רעוואָלוציאָנערער — יענע שיכטן פונם אַרבעטערקלאַס, וועלכע געניסן לאַכלוטן ניט פון דער עקאָנאָמישער אומאָפּהענגיקייט. אונזער „פּאָלק“ מעג זיך זיין אָרעם, רעכטלאָז, פאַרשמויסן, אָבער בײַ אים דאַרף בלייבן דאָס רעכט צו רעכענען זיך פאַר אַן אייגנטימער פון אַ שטיקל ערד. בײַ אונדז קאָן ניט זיין קיין אַרבעטערבאַוועגונג אין מאַירעוו־איראָפּעאישן זין — האָט זיך געפרייט דער פּראָגרעסיווסטער פון די „פּאָלקיסטן“ פון די 80־ער יאָרן, מיכאַילאָווסקי, — ווייל בײַ אונדז איז ניטאָ קיין אַרבעטערקלאַס: אונזער אַרבעטער איז אַן ערדבאַזיצער; ער קאָן שטענדיק אַוועקגיין צו זיך אַהיים. דעריבער „זאָל לעבן די „געמיינדע!“ אַלס די זיכערסטע שטיצע קעגן דער אַרבעטערבאַוועגונג אין מאַירעוו־איראָפּעאישן זין פון וואָרט, ד. ה. קעגן דער באַוועגונג פון פּראָלעטאַריאַט, וועלכער קעמפט באַוואוסטזיניק, ווי אַ גאַנצער קלאַס, קעגן דעם קאַפּיטאַליסטישן יאָך און קעגן אַלע זיינע ווירקונגען סײַ אויפן עקאָנאָמישן, סײַ אויפן פּאָליטישן געביט.

(מ. ליאַדאָוו. „ווי עס האָט זיך אָנגעהויבן אויסבילדן די ר. ק. פּ.“ 1924, זייט 19—21).

ד. ריאַזאַנאָוו

8. די גרופּע „באַפרייאונג פון אַרבעט“

די ערשטע רוסישע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציע, וועלכע איז אַנטשטאַנען אין 1883 יאָר — די גרופּע „באַפרייאונג פון אַרבעט“ איז געגרינדעט געוואָרן אין דער שווייץ דורך די רוסישע עמיגראַנטן — ג. וו. פּלעכאַנאָוו, פּ. ב. אַקסעלראָד, וו. אי. זאַסוליטש, ל. ג. דייטש און וו. נ. איגנאַטאָוו. די מיטגלידער פון דער גרופּע, וועלכע האָבן פריער געהערט צו די קעגנער פון די „נאַראָדאָוואָלצעס“ און האָבן אָפּגעהיט דעם פּרינציפּ פון דער אַלטן ריינעם פּאָלקיזם, האָבן גיך געמוזט אָנערקענען, אַז דער קאַמף פאַר פּאָליטישער פרייהייט שטייט אויף דער טאָגאָרדענונג פון רוסלאַנד פון זייער צייט. נאָר, אָנערקענענדיק דאָס, זיינען זיי ניט מאַסקים געווען מיט דער טעאָרעטישער דערקלערונג, מיט וועלכער די נאַראָדאָוואָלצעס פלעגן באַגרינדן זייער פּאָליטישן קאַמף. די

מיטגלידער פון דער גרופּע „באַפרייאונג פון אַרבעט" זייגען באַשטאַנען דערויף אַז די „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ", „וועלכע גיט מיט איר פּראַקטישער טעטיקייט אַ טויט־קלאַפּ אַלע טראַדיציעס פון דעם אָרטאָדאָקסאַלן פּאָלקיזם און האָט אַזוי פיל אויפגעטאָן פאַר דער אַנטוויקלונג פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג אין רוסלאַנד, קען ניט געפינען און דאַרף ניט זוכן קיין באַגרינדונג אויסער דעם וויסנשאַפטלעכן סאָציאַליזם פון זייער צייט. און דער לעצטער גיט די מעגלעכקייט ניט נאָר צו פאַרשטיין די געזעלשאַפטלעכע אָרדענונג, נאָר ווייזט אויך אָן די מיטלען ווי אַזוי זי צו פאַרענדערן".

ער באַווייזט אונז, וואָס פאַר אַן אומגעהויער באַדייטונג דער קלאַסן־קאַמף שפּילט אין דער אומוואַנדלונג פון פאַרשיידענע געזעלשאַפטלעכע פאָרמען, ווי אַזוי יעדער קלאַסן־קאַמף קען ניט זיין ניט קיין פּאָליטישער, ד. ה. אַז ער מוז זיך שטעלן פאַר אַ ציל צו דערגרייכן די פּאָליטישע מאַכט. אַ פּאָליטישער מוז אויך זיין דער קלאַסן־קאַמף פונם פּראָלעטאַריאַט קעגן די אייגנטימער פון די פּראָדוציר־מיטלען. דער קלאַסן־קאַמף שטעלט זיך פאַר אַ ציל צו פאַרכאַפּן די פּאָליטישע מאַכט, דאָס הייסט, די דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט.

אין דער צייט, ווען די איבעריקע קלאַסן נוצן אויס דיהאָזיקע מאַכט, קעדיי צו פאַרפעסטיקן זייער עקזיסטענץ, אַלס אַ באַזונדער קלאַס, קען דער פּראָלעטאַריאַט זי אויסנוצן נאָר קעדיי צו פאַרניכטן די צעטיילונג פון דער געזעלשאַפט אויף קלאַסן, ווייל די פאַרניכטונג פון דערהאָזיקער צעטיילונג, דאָס פאַרבייטן די קאַפּיטאַליסטישע אָרדענונג אויף דער סאָציאַליסטישער איז אַ נויטווענדיקער תּנאַי פאַר דער באַפרייאונג פונם פּראָלעטאַריאַט. אָבער צי עקזיסטירט דערהאָזיקער פּראָלעטאַריאַט אין רוסלאַנד, צי אַנטוויקלט ער זיך. צי איז רוסלאַנד ענלעך צו מאַירעוו־אייראָפּע? צי קען מען ביכלאַל אָנווענדן צו רוסלאַנד די אויספירן פונם וויסנשאַפטלעכן סאָציאַליזם?

דער ענטפער איז געווען אַ פּאָזיטיווער. די אַלגעמיינע פילאָסאָפיש־היסטאָרישע אָנשויאונגען פון מאַרקסן האָבן דיזעלביקע שאַיכעס צו דער הייניטיקער מאַירעוו־אייראָפּע, ווי צו גריכנלאַנד און רוים, צו עגיפּטן און אינדיע. זיי נעמען אַרום די גאַנצע קולטור־געשיכטע פון דער מענטשהייט און קענען ניט אָנגעווענדעט ווערן צו רוסלאַנד נאָר אין דעם פאַל, אויב זיי זייגען ביכלאַל ריכטיק. נאָר דאָס מיינט ניט, אַז מיר דאַרפן אָפּלייקענען די באַדייטונג פון די עקאָנאָמישע באַזונדערקייטן פון דער אָדער יענעם לאַנד; אַדרעבאַ, אין זיי וועלן מיר געפינען די דערקלערונג פון אַלע געזעלשאַפטלעך־פּאָליטישע און גייסטיקע באַוועגונגען פונם לאַנד.

פּונקט ווי אין מאַירעוו־אייראָפּע, אַנטוויקלט זיך בא אונז דער קאַפּיטאַליזם מיט זיינע אַלע פּועל־יוצאָס. אין זיין רעשוס געפינט זיך די רייכע דערפאַרונג פון די אייראָפּעאישע לענדער. אַ מאַמאָשעסדיק־ענדגילטיקע באַדייטונג האָט דער איינערלעכער מאַרק, און זיין מער אָדער ווייניקער שנעלע פאַרברייטערונג איז אין אַ גרויסער מאָס אָפּהענגיק פון דעם וואָס די פריערשע הויז־מעלאָכעס צעפאַלן זיך, ביפּראַט אין דער שפּינערייי און וועבערייי. די געמיינדע קען ניט אָפּשטעלן דעמדאָזיקן פּראָצעס. פאַרקערט, דערלאָזנדיק אין אירע גרעניצן

פריוואַט-אייגנטום, טראָגט זי אין זיך גופא די סיבות פון פאַראַנדערגלידערונג, וואָס ווערן אומפאַרמיידלעך. יענע מאַדרייגע פון פאַראַנדערגלידערונג פונם אוראַלטן קאָלעקטיוויזם, וועלכע טראָגט דעם נאָמען דאָרפס־געמיינדע, ווערט כאַראַקטעריזירט מיט דער סטירע, וואָס די פאַרזייאונג ווערט דורכגעפירט אַף געמיינטשאַפטלעכער ערד דורך איינצלנע באַלעבאַטים, דאָס פירט צו דער אַנטוויקלונג פון פריוואַט־אייגנטום, צו אַ נייער פאַרשטאַרקונג פון דער סכוירע־פּראָדוקציע, און צוזאַמען מיט דעם צו די סטירעס, וועלכע זיינען מיט דער סכוירע־פּראָדוקציע ענג פאַרבונדן, ד.ה. צו דער עקספּלואַטאַציע פון דער אַרבעט דורכן קאַפּיטאַל. בעכיין מוז די דאָרפס־געמיינדע, לויטן אינערלעכן כאַראַקטער פון איר אָרגאַניזאַציע פריער פאַר אַלץ אָפּטרעטן דאָס אָרט דער בורזשואַזע און ניט די קאָמוניסטישע פאָרמען פון צוזאַמענלעבן.

אָבער די איניציאַטיווע פון דערהאַזיקער קאָמוניסטישער באַוועגונג קאָן נעמען אַף זיך בלויז דער אַרבעטער־קלאַס, וואָס זיין באַפרייאונג קאָן ער דערגרייכן נאָר אַדאַנק זיינע איגענע באַוואוסטזיניקע באַמיאונגען. דערהאַזיקער אַרבעטער־קלאַס ווערט געשאַפן דורכן קאַפּיטאַליזם. און דער קאַמף מיטן קאַפּיטאַליזם איז אַוועקגעשטעלט אין גאָר גינסטיקע באַדינגונגען. אונזער קאַפּיטאַליזם וועט פאַרוועלקט ווערן נאָך פאַר זיין פולקומע צעבליאונג, — דאָס גאַראַנטירט אונז די מעכטיקע אַנטוויקלונג פון די אינטערנאַציאָנאַלע פאַרהעלטענישן. מיר טאָרן ניט דורכלאָזן דעם זייער וויכטיקן אומשטאַנד, וואָס די סאָציאַליסטישע באַוועגונג האָט זיך בא אונז אָנגעהויבן שוין אין דער צייט, ווען דער קאַפּיטאַליזם איז נאָך געווען אין די וויקעלעך. דעריבער איז די יונגע רוסישע בורזשואַזיע שוין ניט פעאיק צו רעוואָלוציאָנערער איניציאַטיוו. די סאָציאַליסטן דאַרפן אָנווייזן די אַרבעטער זייער איגענע אַרבעטער־פאָן, זיי דאַרפן זיי געבן פירער פון זייער איגענער אַרבעטער־סוויווע. דורך דעם ווערט אין אַ גרויסער מאָס פאַרגיכערט די אויסבילדונג און דער וואוקס פון דער רוסישער סאָציאַליסטישער אַרבעטער־פּאַרטיי. פון דאַנען קומען אַרויס די נאָענטסטע אויפגאַבן פון די רוסישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן (1884 יאָר). „די סאָציאַליסטישע אינטעליגענץ דאַרף זיך נעמען וואָס גיכער צו דער אָרגאַניזירונג פון די אַרבעטער פון אונזערע אינדוסטריעלע צענטרען, אַלס די פאָרויסגעשריטענע פאָרשטייער פון דער גאַנצער אַרבעטנדיקער באַפעלקערונג פון רוסלאַנד, שאַפן אַ פאַרבינדונג פון אַלע געהיימע קרייזלעך מיט אַ באַשטימטער סאָציאַל־פּאָליטישער פּראָגראַם, וועלכע זאָל אַנטשפּרעכן די היינטיקע באַדערפענישן פון דעם גאַנצן רוסישן פּראָדוצירקלאַס און די גרונט אויפגאַבן פונם סאָציאַליזם".

(ד. ריאַזאַנאָוו, „ג. וו. פּלעכאַנאָוו און די גרופּע „באַפרייאונג פון אַרבעט". ז. 16 א ווו.).

ג. וו. פּלעכאַנאָוו רעדע אפן ז־טן קאָנגרעס פון II־טן אינטערנאַציאָנאַל.

„אייך איז עפּשער מאָדנע צו זעען אף דעמהאָזיקן ארבעטער־קאָנגרעס פאָרשטייער פון רוסלאַנד, — פון דעם רוסלאַנד, וואו די ארבעטער־באַוועגונג איז אַדהאַיאָם, צום באַדויערן, זייער שוואַך. אָבער מיר מיינען, אז דאָס רעוואָלוציאָנערע רוסלאַנד דאַרף זיך יעדנפאַלס ניט נאָר ניט האַלטן אָן א זייט פון דער נייסטער סאָציאַליסטישער באַוועגונג פון אייראָפּע, נאָר אדראבע, אז זיין איצטיקע דערנענטערונג צו איר וועט ברענגען גרויס נוצן דער זאַך פונם אינטערנאַציאָנאַלן פּראָלעטאַריאַט. אייך אַלעמען איז באַקאַנט די ראָלע פונם רוסישן אבסאָלוטיזם אין דער געשיכטע פון מאַירעוו־אייראָפּע. די רוסישע צאַרן זיינען געווען געקרוינטע זשאַנדאַרן, וועלכע האָבן געהאַלטן פאַר זייער הייליקן כויוו צו פאַרטיידיקן און אונטערשטיצן די אייראָפּעאישע רעאַקציע פון פּרייסן ביז איטאַליע און שפּאַניע. עס וואָלט הייסן אומזיסט פאַטערן ווערטער צו רעדן דאָ וועגן דער ראָל, וועלכע עס האָט געשפּילט, לעמאָשל, ניקאָלאַי אין די יאָרן 49 — 1848. עס איז קלאָר ווי דער טאָג, אז דאָס פאַלן פונם רוסישן אבסאָלוטיזם איז גלייבווערטיק, ווי דער ניצחון פון דער אינטערנאַציאָנאַלער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג אין גאַנץ אייראָפּע.

עס פרעגט זיך נאָר: בא וועלכע באַדינגונגען קאָן די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג אין רוסלאַנד אָפּהאַלטן א ניצאָכן איבערן רוסישן אבסאָלוטיזם?

אייניקע שרייבער, וואָס זייער פאַנטאַזיע שטייגט היפּש אריבער זייערע סאָציאַל־עקאָנאָמישע ידיעות, שילדערן רוסלאַנד אלס א לאַנד, ווי כינע, וועלכע האָט לויט איר עקאָנאָמישער סטרוקטור קיין שום געמיינזאַמעס מיטן מאַירעוו. דאָס איז דורכויס פאַלש. די אַלטע ווירטשאַפטלעכע יסודות פון רוסלאַנד געפינען זיך אין פּראָצעס פון פולער צעפאַלונג. אונזער דאָרפס־געמיינדע, וואָס איז אמאָל אזוי געפעלן אפילו אייניקע סאָציאַליסטן און איז אין דערעמעסן געווען די הויפּטשטיצע פון רוסישן אבסאָלוטיזם, ווערט אין די הענט פון דער דאָרפישער בורזשואַזיע אַלץ מער און מער א מיטל צו עקספּלואַטירן די מערהייט פון דער ערדארבעטער־באַפעלקערונג. דער אָרימסטער טייל פונם פויערטום איז געצוואונגען איבערצוּוואַנדערן אין די שטעט און אין די אינדוסטריעלע צענטרען, און גלייכצייטיק מיט דעם וואַקסט די גרויסע פאַבריק־אינדוסטריע, איינשלינגענדיק די אמאָל בליענדיקע קוסטאַר־אינדוסטריע אין די דערפער. געטריבן דורכן דויכעק אין געלט, העלפט אונזער זעלבסטהערשונג מיט אַלע קויכעס דעמהאָזיקן פּראָצעס פון אנטוויקלען דעם קאַפּיטאַליזם אין רוסלאַנד. אונז, סאָציאַליסטן, קאָן דיזאָזיקע זייט פון זיין טעטיקייט נאָר פאַרשאַפן נאַכעס־רואַך, ווייל אף דעם וועג גראָבט זי זיך אַליין א גרוב. דער פּראָלעטאַריאַט, וועלכער בילדעט זיך אויס, מאַכמעס דער צעפאַלונג פון דער דאָרפס־געמיינדע, וועט דערלאַנגען א טויטקלאַפּ דער זעלבסטהערשונג. אויב זי איז נאָך אַדהאַיאָם ניט באַזיגט אין רוסלאַנד, ניט קוקנדיק אף די העלדישע אָנשטרענגונגען פון די רוסישע רעוואָלוציאָנערן, דערקלערט זיך עס מיט דעם וואָס די רעוואָלוציאָנערן זיינען איזאָלירט פון

דער פאָלקס־מאַסע. די קויכעס און די מעסירעס־נעפעש פון אונזערע רעוואָלוציאָנערע אידעאָלאָגן קאָנען זיין גענוג צו ליבן קאַמף קעגן די צאַרן ווי קעגן פערזאָנען, אָבער זיי זיינען צו ווינציק פאַר דעם ניצאָכן איבערן צאַריזם אַלס אַ פּאָליטישע סיסטעם. די אויפגאַבע פון אונזער רעוואָלוציאָנערער אינטעליגענץ באַשטייט דעריבער, לויט דער מיינונג פון די רוסישע סאָציאַלדעמאָקראַטן, אין פאָלגנדן: זי דאַרף איבערנעמען די אָנשויאונגען פונם מאָדערנעם וויסנשאַפטלעכן סאָציאַליזם, פאַרשפּרייטן זיי אין דער אַרבעטער־סוויווע און מיט דער הילף פון די אַרבעטער נעמען מיט שטורעם די פעסטונג פון דער זעלבסטהערשונג.

די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג אין רוסלאַנד קאָן זיגן נאָר אַלס די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג פון די אַרבעטער: קיין אַנדער אויסוועג איז ביי אונז ניטאָ און קאָן ניט זיין.

(פונם זשורנאַל: „אונטער דער פאָן פון מאַרקסיזם“, נומער 5—6, 1922).

ג. וו. פּלעכאַנאָוו

צי דאַרף רוסלאַנד דורכגיין אַלע מאַדרייגעס פון דער אייראָפּייאישער אַנטוויקלונג.

סאַי מ. א. באַקונין, סאַי פּ. נ. טקאַטשאָוו האָבן זייער פיל גערעדט וועגן די קאָמוניסטישע אינסטינקטן פון רוסישן פויערטום. דאָס פאַרופן זיך אַף די דאָזיקע אינסטינקטן איז דער אויסגאַנגס־פּונקט פון זייערע סאָציאַל־פּאָליטישע בקירעס, דער הויפּט־יעסאָד פון זייער גלויבן אין דער מעגלעכקייט פון דער סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע אין רוסלאַנד. אָבער ניט דער מעכאַבער פון „מעלוכישקייט און אַנאַרכיע“, ניט דער רעדאַקטאָר פון „נאַבאַט“ פלעגן, ווייזט אויס, אַף אַ האָר ניט פאַרקלערן זיך איבער דער פראַגע וועגן דעם, צי עקזיסטירט די דאָרף־געמיינדע דערפאַר, ווייל אונזער פאָלק איז „דורכגעדרונגען“ מיט אירע „פּרינציפּן“, ד.ה. צי ער האָט אַ געוואוינהייט צו דער געמיינדע נאָר דערפאַר, ווייל ער לעבט אין די באַדינגונגען פון קאָלעקטיוון ערד־באַזיץ? ווען זיי וואָלטן זיך אויפמערקזאַמער באַצויגן צו דער דאָזיקער פראַגע, וואָס קיין צוויי ענטפערס אַף איר קאָנען ניט זיין, וואָלט זיי אויסגעקומען איבערצוטראָגן דעם שווערפּונקט פון זייער אַרגומענטאַציע פונם געביט פון בקירעס וועגן פאָלקס־„אינסטינקטן“ און אידעאַלן אין דער ספערע פון אויספאָרשונגען וועגן דער פאָלקסווירטשאַפט. דעמאָלט וואָלט זיי אויסגעקומען צו ווענדן די אויפמערקזאַמקייט אַף דער געשיכטע פון ערד־באַזיץ און ביכלאַל פונם אייגנטום־רעכט בא די פּרימיטיווע פעלקער, אַף דער אַנטשטייאונג און דעם בעהאַדראָגעדיקן וואוקס פונם אינדיווידואַליזם אין די געמיינדעס פון די יעגער־נאָמאַדן — און ערד־אַרבעטער־שוואַטים, אַף דער סאָציאַל־פּאָליטישער ווירקונג פון דעם דאָזיקן נייעם „פּרינציפּ“,

וועלכער ווערט צו ביסלעך דער הערשנדיקער. אַנווענדנדיק די רעזולטאַטן פון דעם מין אויספאָרשונגען צו רוסלאַנד, וואָלט זיי אויסגעקומען צו מאַכן אַן אָפּשאַצונג פון די באַדינגונגען, וועלכע צושטערן די געמיינדע, וואָס זייער באַדייטונג איז באַזונדערס אויסגעוואַקסן זינט דעם פאַרניכטן פון לייבאייגנטום־רעכט. דידאָזיקע אָפּשאַצונג וואָלט זיי לאָגיש דערפירט צום פּרוּוו צו באַשטימען די קראַפט און די באַדייטונג פונם אינדיווידואַליסטישן פּרינציפּ אין דער ווירטשאַפט פון דער הייַנטיקער דאָרף־געמיינדע אין רוסלאַנד. ווייטער, העזיוס ווי די באַדייטונג פון דעמהאַזיקן פּרינציפּ האַלט אין איין וואַקסן — אונטער דער ווירקונג פון די באַדינגונגען, וועלכע זייַנען דעם קאָלעקטיוויזם פייַנטלעך, — וואָלטן זיי געדאַרפט דערוויסן זיך די גרויס פון דעם שטויס, וועלכן דער אינדיווידואַליזם באַקומט אינם פּראָצעס פון זיין אַרייַנדרינגען אין די רעכט און ווירטשאַפט פון די געמיינדע־לייט. באַשטימענדיק — מיט דער פּינקטלעכקייט, וועלכע איז אין אַזעלכע פאַלן מעגלעך — די גרויס פון דעמהאַזיקן — שטויס, וואָלטן זיי געמוזט איבערגיין צום שטודירן די אייגנשאַפטן און די אַנטוויקלונג פון דער קראַפט, וואָס מיט איר הילף האָבן זיי געהאַט בעדייע ניט בלויז אָפּצואָווענדן דעם ניצאָכן פונם אינדיווידואַליזם און ניט בלויז אויפשטעלן די דאָרף־געמיינדע אין איר פּרימיטיוון געשטאַלט, נאָר אויך צוגעבן איר אַ נייע, העכערע פאָרם. דערביי, ווו מיר האָבן געזען, וואָלט אַנשטאַנען אַ זייער וויכטיקע פראַגע, צי וועט דידאָזיקע קראַפט קומען ווי אַ פּראָדוקט פונם אינערלעכן לעבן פון דער געמיינדע, אָדער ווי אַ רעזולטאַט פון דער היסטאָרישער אַנטוויקלונג, פון די אויסערלעכע אומשטענדן. אינם צווייטן פון די אָנגענומענע פאַלן וואָלט זיך די קראַפט, וואָס אינטערעסירט אונז, אַרויסגעוויזן פאַר אַ ריין־אויסערלעכן קוויאַך בענוגייע דער געמיינדע, און דעמאָלט וואָלטן זיי קוירעם־קאָל געדאַרפט זיך פרעגן: צי זייַנען גענוג בלויז אויסערלעכע ווירקונגען קעדיי צו איבערהאַנדערשן דאָס עקאָנאָמישע און סאָציאַל־פּאָליטישע לעבן פונם געגעבענעם קלאַס? האָבנדיק פאַרענדיקט מיט דערהאַזיקער פראַגע, וואָלט טייקעף אויסגעקומען צו רעכענען זיך מיט אַ צווייטער, נעמלעך: וואו דאַרף מען זוכן דעם אָנווענדונג־פּונקט פון דערהאַזיקער קראַפט, אין דער ספערע פון די לעבנס־באַדינגונגען אָדער אָפן געביט פון די געוואוינהייטן פון געדאַנק פון אונזער פויערטום? צום שלום, וואָלטן זיי באַדאַרפט אויפווייזן, אַז די קראַפט פון די אָנהענגער פון סאָציאַליזם פאַרגרעסערט זיך מיט אַ גרעסערער געשווינדקייט, ווי דער וואוקס פונם אינדיווידואַליזם אין דעם רוסישן עקאָנאָמישן לעבן. נאָר האָבנדיק געמאַכט דעמהאַזיקן אומשטאַנד, לעבאָל האָפּאָכעס, פאַר וואַרשייַנלעך, וואָלטן זיי געקאָנט אויפווייזן די וואַרשייַנלעכקייט פון דער סאָציאַלער רעוואָלוציע, וועלכע האָט, לויט זייער מיינונג, ניט געקאָנט באַגעגענען אין רוסלאַנד „קיין שום" שוועריקייטן.

אין איטלעכן פון די אויבן־אויסגערעכנטע פאַלן וואָלט זיי אויסגעקומען צו האָבן צו טאָן ניט מיט דער סטאַטיק, נאָר מיט דער דינאַמיק פון אונזערע געזעלשאַפטלעכע באַציאונגען, „נעמען" דאָס פאָלק, ניט אַזוי „ווי עס איז", נאָר

אזוי, ווי עס ווערט באַטראַכט ניט דאָס אומבאַוועגלעכע בילד, נאָר דעם — פּראָצעס פון רוסישן לעבן, וואָס קומט פאָר לויט באַשטימטע געזעצן. זיי וואָלט אויסגעקומען צו לאָזן אין גאַנג דיזעלביקע ווערקצייג פון דיאַלעקטיק, וועלכע טשערנישעווסקי האָט שוין געהאַט אָנגעווענדעט באַם שטודירן די פראַגע וועגן דער געמיינדע אינם סאַמע אַבסטראַקטן געשטאַלט אירן.

צום באַדויערן, ווי מיר האָבן געזען, האָבן ניט באַקונין, ניט טקאַטשאָוו, ניט געקאָנט צוגיין פון אָט אָ דער — וויכטיקסטער — זייט צו דער פראַגע וועגן דער סאָציאַלער רעוואָלוציע אין רוסלאַנד. זיי האָבן זיך צופרידנגעשטעלט מיט דער איבערצייגונג, אַז אונדזער פאָלק איז אַ „קאָמוניסט לויטן אינסטינקט, לויט דער טראַדיציע", און אויב באַקונין האָט געהאַט געלייגט געהעריקע אַכטונג אַף די שוואַכע זייטן פון די פאָלקס-„טראַדיציעס" און פאָלקס-אינסטינקטן, אויב טקאַטשאָוו האָט געזען, אַז באַזייטיקן אַלערליי שוואַכע זייטן קאָן מען נאָר דורך אַנשטאַלטן און ניט דורך לאָגישע כקירעס, האָבן פונדעסטוועגן ניט דער ניט דער אַנדערער פון די אָנגערופענע שריפטשטעלער ניט דערפירט דעם אַנאַליז ביזן סאָף. אַפעלירנדיק צו אונדזער איניטעליגענץ, האָבן זיי דערוואַרט פון איר טעטיקייט סאָציאַלע ניסים און האָבן געמיינט, אַז איר איבערגעגעבנקייט וועט פאַרבייטן די פאָלקס-איניציאַטיוו, איר רעוואָלוציאָנערע ענערגיע וועט פאַרנעמען דאָס אָרט פון דער אינערלעכער שטרעבונג פון רוסישן געזעלשאַפטלעכן לעבן צו דער סאָציאַלער רעוואָלוציע. די פאָלקס-ווירטשאַפט, די לעבנס-אָרדענונג און די גערהאַנק-געוואוינהייטן פון אונדזער פויערטום פלעגן זיי באַטראַכטן בעפירעש, ווי אַן אומבאַוועגלעך בילד, ווי אַ פאַרענדיקטע גאַנצע זאַך, וואָס פאַרלאַנגט נאָר אומבאַדייטנדיקע פאַרענדערונגען ביז דער סאַמע סאָציאַלער רעוואָלוציע...

און האַגאַם בענוגייע דער פראַגע וועגן דער ריכטונג פון דעמדאָזיקן וועג זיינען צווישן באַקונינען און טקאַטשאָוון געווען האַדיקאַלע כלוקעדייעס, איז יעדנפאַלס איטלעכער פון זיי געווען זיכער, אַז אויב די יוגנט וועט גיין אַף דעם וועג, וועלכן ער האָט אָנגעוויזן, וועט זי נאָך טרעפן די געמיינדע אינם צושטאַנד פון געווינשטער פעסטקייט. האַגאַם „איטלעכער טאָג ברענגט אונדז נייע סאָנים, שאַפט נייע, פיינטלעכע פאַר אונדז געזעלשאַפטלעכע פאָרמען", ענדערן דאָך ניט דידאָזיקע נייע פאָרמען די קעגנזייטיקע פאַרהעלטעניש פון די פאַקטאָרן פון רוסישן געזעלשאַפטלעכן לעבן. קיין בורזשואַזיע איז נאָך אַלץ ניטאָ, די מעלוכע בלייבט נאָך אַלץ „הענגען אינדערלופטן". העכער אַ קלונג געטאָן אין „שטורעם-גלאָק", זיך נעמענדיק ענערגישער פאַר רעוואָלוציאָנערער אַרבעט, וועלן מיר נאָך באַוויזן צו ראַטעווען די „קאָמוניסטישע אינסטינקטן" פון רוסישן פאָלק. און שטיצנדיק זיך אַף זייַן צוגעבונדנקייט צו די „פרינציפּן פון געמיינשאַפט-לעכן ערדבאַזיץ, וועלן מיר קאָנען מאַכן די סאָציאַליסטישע רעוואָלוציע". אזוי האָט געטראַכט פ. נ. טקאַטשאָוו, אזוי אָדער קימאַט אזוי האָט אויך געטראַכט באַקונין, דער מעכאַבער פון „מעלוכישקייט און אַנאַרכיע".

ג. וו. פּלעכאַנאָוו. „אונזערע כלוקעדייעס", שריפטן, באַנד 2. 2-טע אויסגאַבע. מעלוכע פאַרלאַג, זייט 148).

דער אלגעמיינער אויספיר.

אויב נאך דעם אלעם, וואס איז געזאגט געווארן, וועלן מיר זיך נאך אמאל פרעגן, צי וועט רוסלאנד דורכגיין די שול פון קאפיטאליזם, מוזן מיר ענטפערן, נים קווינקלענדיק זיך, מיט א נייער פראגע: פארוואס זאל זי טאקע נים ענדיקן די שול, אין וועלכע זי איז שוין *אנגעקומען*?

אלע נייסטע, און מאכמעס דעם אויך איינפלוסרייכסטע שטרעמונגען פון אונזער געזעלשאפטלעכן לעבן, אלע מערקווירדיקסטע פאקטן אפן געביט פון פראדוקציע און אויסטויש האבן איין אומצווייפלהאפטן און אומבאשטרייטבארן זין: זיי ראמען נים נאר אפ דעם וועג פאר דעם קאפיטאליזם, — נאר זיי זיינען אליין אויך נויטווענדיקע און אין העכסטן גראד וויכטיקע מאמענטן פון זיין אנטוויקלונג. *פארן קאפיטאליזם* איז די גאנצע דינאמיק פון אונזער געזעלשאפטלעכן לעבן, די אלע קוויכעס, וואס אנטוויקלען זיך בא דער באוועגונג פונם סאציאלן מעכאניזם און וואס באשטימען פון זייער זייט די ריכטונג און די גיכקייט פון זיין באוועגונג. *קעגן קאפיטאליזם* זיינען נאר די מערהווייניקער צווייפלהאפטע אינטערעסן פון א געוויסן טייל פויערטום און יענער קויעך פון איגערציע, וועלכער לאזט זיך ציילנווייז אזוי פיינלעך פילן פאר די אנטוויקלטע מענטשן פון איטלעכן אפגעשטאנען אגראר־לאנד. אבער די פויערים זיינען נים גענוג שטארק צו פארטיידיקן זייערע וויכקלעכע אינטערעסן; פון דער אנדער זייט זיינען זיי אפט נים גענוג פאראינטערעסירט צו פארטיידיקן די אלטע פרינציפן פון זייער געמיינשאפטלעכן לעבן. דער הויפט־שטראם פון רוסישן קאפיטאליזם איז נאך לייסאטע נים גרויס, עס זיינען נאך פאראן ווינציק אזעלכע ערטער אין רוסלאנד, וואו די באציאונגען פונם ארבעטגעבער צום ארבעטער זאלן פולשטענדיק אנטשפרעכן דער אלגעמיין־פארשפרייטער פארשטעלונג וועגן די באציאונגען פון דער ארבעט צום קאפיטאל אין דער קאפיטאליסטישער געזעלשאפט; אבער אין דעמדאזיקן שטראם לאזן זיך פון אלע זייטן אזוי פיל קליינע און גרויסע טייכן און טייכלעך, אז די אלגעמיינע מאסע וואסער, וואס פליסט צו אים, איז קאלאסאל, און דער האסטיקער, שטארקער וואוקס פון שטראם איז אויסער צווייפל. אים קאן מען שוין נים אפשטעלן, אויסטריקענען — אוואדע נים; עס בלייבט נאר איבערצורעגולירן זיין פליסן, אויב מיר ווילן נים, אז ער זאל אונז ברענגען נאר שאדן, אויב מיר זאגן זיך נים אפ פון דער האפענונג כאטש טיילווייז אונטערצואווארפן די סטיכעאישע קראפט פון דער נאטור דעם מענטשנס פארנינפטיקער טעטיקייט.

אבער וואס זאלן אין אזא פאל טאן מיר, רוסישע סאציאליסטן וואס זיינען געוואוינט צו דענקען, אז אונזער פאטערלאנד פארמאגט עפעס א קסאוו אף אריגינעלקייט, וואס די געשיכטע האט אים ארויסגעגעבן, און, פאר קיינעם נים באוואוסטע פארדינסטן?

עס איז נים שווער צו ענטפערן אף דעראזיקער פראגע.

אלע אומפארשטענדלעכע געזעצן פון דער געזעלשאפטלעכער אנטוויקלונג ווירקן מיט א שלאגנדיקער קראפט און מיט דער בלינדער ברוטאלקייט פון נאטור־געזעצן. אבער דערווייזן זיך וועגן דעם אדער אנדערן געזעץ פון דער נאטור,

אדער פון דער געזעלשאפטלעכער אנטוויקלונג הייסט שוין, ערשטנס, קענען אויסמיידן א צוזאמענשטויס מיט אים און בעמיילע אויך אן אומזיסטע קרעפטן־פארשווענדונג און, צווייטנס, זיין אימשטאנד צו רעגולירן זיין אנווענדונג אזוי, אז מע זאל פון דעם האבן נוצן. אט דער אלגעמיינער געדאנק לאזט זיך אינגאנצן אנווענדן צום איינצלפאל, וועלכער אינטערעסירט אונז דא. מיר דארפן אויסנוצן אין די אינטערעסן פון דער רעוואלוציע און פון דער הארעפאשנער באפעלקערונג די סאציאל־עקאנאמישע איבערקערעניש, וועלכע קומט פאר אין רוסלאנד. פאר אונז דארף ניט פארלארן גיין דער העכסט וויכטיקער אומשטאנד, וואס די סאציאליסטישע באוועגונג האט זיך בא אונז שוין געהאט אנגעהויבן, בעאיים דער קאפיטאליזם איז נאך געווען אין די וויקעלעך. אט א די באזונדערקייט פון דער רוסישער היסטארישער אנטוויקלונג איז ניט אויסגעטראכט פון די סלאוואנאפילן און די סלאוואנאפילנארטיקע רעוואלוציאנערן. עס איז אן אומבאשטרייטבארער, אלעמען באוווסטער פאקט, וואס וועט ברענגען גרויס נוצן דער זאך פון אונזער ארבעטער־קלאס, אויב די רוסישע סאציאליסטן וועלן ניט פארשווענדן זייער אינטעלעקטועלע און מאראלישע ענערגיע אף בויען לופט־שלעסער אינעם סטיל פון דער פעאדאל־קאהאלישער עפאכע.

(ג. וו. פלעכאנאוו. „אונזערע כילוקעדייעס“ שריפטן ב. II, ז. 270 א וו.).

נ. לענין

די עפיגאנען פון פאלקיזם.

דער ערשטער שטריך איז דאס אנערקענען דעם קאפיטאליזם אין רוסלאנד פאר א יערידע, פאר א רעגרעס. ווי עס איז נאר אוועקגעשטעלט געווארן די פראגע וועגן קאפיטאליזם אין רוסלאנד, איז זייער גיך קלאר געווארן, אז אונזער עקאנאמישע אנטוויקלונג איז א קאפיטאליסטישע, און די פאלקיסטן האבן דיהאזיקע אנטוויקלונג דערקלערט פאר א רעגרעס, פאר א טעות, פאר אן אפנויג פונם וועג, — וועלכער ווערט קלוימערשט פארגעשריבן דורכן גאנצן היסטארישן לעבן פון דער נאציע, — פונם וועג, וועלכער איז קלוימערשט געהייליקט דורך די יעסוידעס פון יארהונדערטער א.א.וו. אנשטאט דעם הייסן גלויבן פון די אויפקלערער (מאסקילים) אין דער געגעבענער געזעלשאפטלעכער אנטוויקלונג איז געקומען דער אומצוטרוי צו איר, אנשטאט דעם היסטארישן אפטימיזם און מונטערקייט פון גייסט, איז געקומען פעסימיזם און טרויער, וואס האבן זייער גרונט אין דעם, אז וואס ווייטער די איניאנים וועלן גיין, אזוי ווי זיי גייען, אלץ ערגער, אלץ שווערער וועט זיין צו לייזן די אויפגאבן, וועלכע ווערן ארויסגערוקט דורך דער נייער אנטוויקלונג, עס ווייזן זיך אויפאדערונגען צו „פארהאלטן“ און „אפשטעלן“ דיהאזיקע אנטוויקלונג, עס קומט אויף א טעאריע, אז אפגעשטאנענקייט איז רוסלאנדס גליק א.א.וו. מיט אט דער „יערושע“, האבן דיהאזיקע אלע שטריכן פון דער פאלקיסטישער וועלטאנשויאונג ניט נאר קיין געמיינזאמעס ניט, נאר זיי ווידערשפרעכן איר בעפיירעש. דאס אנערקענען דעם רוסישן

קאפיטאליזם פאר אן „אפנויג פון וועג“, פאר א יערידע א. ד. גל. פירט צום פארדרייען די גאנצע עקאנאמישע עוואלוציע פון רוסלאנד, צום פארשטעלן די „ענדערונג“, וועלכע קומט פאר פאר אונזערע אויגן. מיטגעריסן פונם פארלאנג צו פארהאלטן און אפשטעלן די רואינירונג פון די יעסוירעס פון יארהונדערטער מיצאד דעם קאפיטאליזם, פאלט דער פאלקיסט אריין אין א וואונדערבארער היסטארישע טאקטלאזיקייט. ער פארגעסט וועגן דעם, אז *הינטער* דעמדאזיקן קאפיטאליזם איז גארנישט ניטא אחוץ דערזעלביקער עקספלואטאציע אין פארייניקונג מיט אומענדלעכע פארמען פון קנעכטשאפט און פערזענלעכער אפהענגיקייט, וועלכע פלעגט מאכן שווערער די לאגע פונם האָרעפאשניק, — גארניט, אחוץ אלטשטיגערישקייט און רעאקציע אין דער געזעלשאפטלעכער פראדוקציע און בעמיילע אויך אין אלע ספערן פון געזעלשאפטלעכן לעבן. קעמפנדיק קעגן דעם קאפיטאליזם פון זיין ראמאנטיש, קליינבירגערלעכן שטאנדפונקט, זאגט זיך דער פאלקיסט אפ פון יעדן שפור היסטארישן רעאליזם, פארגלייכנדיק טאמיד די *ווירקלעכקייט* פונם קאפיטאליזם מיט *אויסטראכטעניש* פון די פארקאפיטאליסטישע צושטאנדן. די „יערושע“ פון די 60־ער יארן מיט זייער הייסן גלויבן אין דער פראגרעסיווקייט פון דער געגעבענער געזעלשאפטלעכער אנטוויקלונג, מיט זייער אומבארמהארציקער סינע, וואס איז אינגאנצן און אויסשליסלעך געווענדעט קעגן די רעשטלעך פון דער אלטפראנקישקייט, מיט זייער איבערציגונג, אז גענוג איז בלויז אויסקערן די דאזיקע רעשטלעך און אלץ וועט אוועקגיין ווי עס קאן גאר בעסער ניט געבן. — די דאזיקע „יערושע“ האט ניט נאר ניט וואס צו טאן מיט די אנגעוויזענע אנשויאונגען פון דעם פאלקיזם, נאר זי ווידערשפרעכט זיי בעפיירעש.

דער צווייטער שטריך פון פאלקיזם איז דער גלויבן אין דער אייגנארטיקייט פון רוסלאנד, די אידעאליזאציע פונם פויער, פון דער דארפגעמיינדע אבשטשינע. די לערע וועגן דער אייגנארטיקייט פון רוסלאנד האט די פאלקיסטן געצוואונגען אנכאפן זיך פאר די פארעלטערטע מערב־אייראפעאישע טעאריעס, האט זיי געטריבן צו באציען זיך מיט א מערקווירדיקן לייכטזין צו פילע דערגרייכונגען פון דער מערב־אייראפעאישער קולטור: די פאלקיסטן פלעגן זיך בארואיקן דערמיט, וואס אויב מיר האבן ניט די אדער אנדערע שטריכן פון דער ציוויליזירטער מענטשהייט, איז אונז אבער דערפאר „באשערט“ באווייזן דער וועלט נייע אופאנים פון ווירטשאפטלעכן אבשטשינע. יענער אנאליז פון קאפיטאליזם און פון אלע זיינע רעזולטאטן, וועלכן עס האט געגעבן דער פארשריטלעכער מערב־אייראפעאישער געדאנק, — איז ניט נאר ניט אנגענומען געווארן בענוגע צום „הייליקן רוסלאנד“, נאר, אדרבא, עס זיינען געמאכט געווארן אלע אנשטרענגונגען, קעדיי צוצוטראכטן רעזערוואציעס, וועלכע דערלויבן ניט צו מאכן וועגן דעם רוסישן קאפיטאליזם די זעלביקע אויספירן, ווי די וואס זיינען געמאכט געווארן בענוגע דעם אייראפעאישן. די פאלקיסטן פלעגן זיך פארנויגן פאר די *אוטארן* פון דעם דאזיקן אנאליז און... פלעגן זיך רואיק פארבלייבן די זעלביקע ראמאנטיקער, קעגן וועלכע די דאזיקע אוטארן האבן זייער גאנצן לעבן געקעמפט. אט א די פאר אלע פאלקיסטן געמיינזאמע

אייגנאַרטיקייט האָט ווידעראַמאָל ניט נאָר ניט קיין שום געמיינזאַמקייט מיט דער „יערושע", נאָר זי ווידערשפּרעכט איר בעפּירעש. די „60־ער יאָרן" האָבן, אַרעראַבע, געשטרעבט צו אייראָפּעאיזירן רוסלאַנד, זיי האָבן געגלויבט אין איר באַהעפטן צו דער אַלגעמיין־אייראָפּעאישער קולטור, זיי האָבן זיך געזאָרגט וועגן איבערטראָגן די אַנשטאַלטן פון אָט דער קולטור אויך אַף אונזער גאָר ניט אייגנאַרטיקן באָדן. יעדע לערע וועגן רוסלאַנדס־אייגנאַרטיקייט אַנטשפּרעכט דורכויס דעם גייסט פון די 60־ער יאָרן מיט זייער טראַדיציע. נאָך מער אַנטשפּרעכט ניט דערהאַזיקער טראַדיציע די פאָלקיסטישע אידעאַליזאַציע, דאָס צופאַרבן דאָס דאָרף. אָט די פאַלשע אידעאַליזאַציע, — וואָס האָט אום יעדן פּרייז געוואָלט זעען אין אונזער דאָרף עפּעס אויסערגעוויינלעכעס, וואָס איז לאַכלוטן ניט ענלעך צו דער אָרדענונג פון יעדן אַנדער דאָרף אין יעדן אַנדער לאַנד אינם פּעריאָד פון די פאָרקאַפּיטאַליסטישע באַציאונגען, — געפינט זיך אין דעם שרייענדיקסטן ווידערשפּרוך מיט די טראַדיציעס פון דער ניכטערער און רעאַליסטישער יערושע. וואָס ווייטער און טיפער עס האָט זיך אַנטוויקלט דער קאַפּיטאַליזם, וואָס שטאַרקער עס האָבן זיך אַרויסגעוויזן אין דאָרף די סתירעס, וועלכע זיינען כאַראַקטעריסטיש פאַר יעדער סכוירעסדיקער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט, אַלץ שאַרפער און שאַרפער פלעגט אַרויסטרעטן דער ווידערשפּרוך צווישן די לאַקריץ־זיסע באָבע־מאַיסעס פון די פאָלקיסטן וועגן דער „קאָהאָלשקייט", „אַרטעלישקייט" פונם פויער אָבשטשינע, פון איין זייט, און פון דער פאַקטישער צעשפּאַלטונג פונם פויערטום אַף אַ דאָרפישע בורזשואזיע און אַף אַ דאָרפישן פּראָלעטאַריאַט, פון דער אַנדער זייט; אַלץ גיכער פלעגן די פאָלקיסטן וועלכע פלעגן נאָך אַף אַלץ קוקן מיט די אויגן פונם פויער, פאַרוואַנדלט ווערן פון סענטימענטאַלע ראָמאַנטיקער אין אידעאָלאָגן פון דער קליין־בורזשואזיע, ווייל דער קליין־פּראָדוצירער ווערט אין דער מאָדערנער געזעלשאַפט פאַרוואַנדלט אין אַ סכוירע־פּראָדוצירער. די פאַלשע אידעאַליזירונג פונם דאָרף און די ראָמאַנטישע כאַלוימעס וועגן דער „קאָהאָלשקייט" האָבן געפירט דערצו, אַז די פאָלקיסטן האָבן זיך מיט העכסט לייכטזין באַצויגן צו די ווירקלעכע באַדערפענישן פונם פויערטום, וועלכע דרינגען אַרויס פון דער געגעבענער עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג. אין דער טעאָריע האָט מען געמעגט רעדן וויפיל מען וויל וועגן דער קראַפט פון די יעסוידעס, אָבער אין דער פּראַקטיק האָט איטלעכער פאָלקיסט אויסגעצייכנט געפילט, אַז דאָס באַזייטיקן די רעשטלעך פון דער אַלטפרענקישקייט, די רעשטלעך פון דער פאַררעפאָרמישער אָרדענונג, וועלכע פּענטען אויך אַדהאַיאָם אונזער פויערטום פון קאָפּ ביז די פיס, וועט עפענען דעם וועג גראָד דער קאַפּיטאַליסטישער און ניט אַ וועלכער עס איז אַנדערער אַנטוויקלונג. בעסער רעאַקציע אײדער דער קאַפּיטאַליסטישער פּראָגרעס — דאָס איז, אין טאָך גענומען, דער שטאַנדפּונקט פון יעדן פאָלקיסט וועגן דאָרף, האָגאַם, פאַרשטייט זיך, ווייסט ניט יעדער פאָלקיסט וועט זיך אָנטשליסן מיט דער נאַאיווער גראָדליניקייט פון אַ הער וו. וו. אַרויסצוזאָגן דאָס אָפן און בעפּירעש. „די פויערים, צוגעשמידעטע צו ערד־טיילן און געזעלשאַפטן, ניט האָבנדיק די מעגלעכקייט צו געברויכן זייער אַרבעט דאָרטן, וואו זי איז פּראָדוקטיווער און וואו זי לוינט פאַר זיי מער, זיינען אַזוי ווי פאַר־

גליווערט געוואָרן אין יענער צונויפגעפרעסטער טשעהערע־ארטיקער, אומפראָדוקטיווער פאָרם פון לעבנשטייגער, אין וועלכער זיי זײַנען ארויס פונם לייב־אייגנטום". אזוי האָט באטראכט די זאך איינער פון די פאָרשטייער פון דער „יערושע" פון זײַן כאראקטעריסטישן שטאנדפונקט פון אן „אויפקלערער". — „זאָלן בעסער די פויערים בלייבן פארגליווערט אין זייער אלטפרענקישער, פאטריארכאלער פאָרם פון לעבנשטייגער, איידער אָפּראַמען דעם וועג פארן קאפיטאליזם אין דאָרף" — אזוי קוקט, אין טאָך גענומען, איטלעכער פאָלקיסט. בעעמעס, עס וועט זיך מיסטאמע ניט געפינען קיין איין פאָלקיסט, וואָס וואָלט זיך באשלאָסן אָפּצולייקענען, אז די שטאנדן־איינגעשלאָסנקייט פון דער פויערשער געמיינדע מיט איר קעגנזייטיקער אחריות און מיטן פארבאָט צו פארקויפן די ערד און אָפּזאָגן זיך פון דער ערד־כיילעק שטייט אין סאמע שארפן ווידערשפרוך מיט דער מאָדערנער עקאָנאָמישער ווירקלעכקייט, מיט די מאָדערנע קאפיטאליסטישע סכוירע־באציאונגען און מיט זייער אנטוויקלונג. אָפּלייקענען דעמדאָזיקן ווידערשפרוך קאָן מען ניט, אָבער די זאך באשטייט אין דעם, וואָס די פאָלקיסטן האָבן מורע, ווי פאר פייער, פאר אזא אוועקשטעלן די פראגע, פאר אזא פארגלייכן די יורידישע אומגעבונג פונם פויערטום מיט דער עקאָנאָמישער ווירקלעכקייט, מיט דער געגעבענער עקאָנאָמישער אנטוויקלונג. דער פאָלקיסט וויל אקשאָנעסדיק גלייבן אין דער ניטפאראנענער און פון אים ראָמאנטיש אויסגעפאנטאזירטער אנטוויקלונג אָן קאפיטאליזם, און מאכמעס דעם ... מאכמעס דעם איז ער גרייט צו פארהאלטן די געגעבענע אנטוויקלונג, וועלכע גייט אויפן קאפיטאליסטישן וועג. צו די פראגן וועגן דער שטאנדן־איינגעשלאָסנקייט פון דער פויערשער געמיינדע, וועגן דער אלגעמיינער אחריות, וועגן דעם רעכט פון די פויערים צו פארקויפן די ערד און אָפּצוזאָגן זיך פון דער ערד־נאכלע באציט זיך דער פאָלקיסט ניט בלויז מיט דער גרעסטער פארזיכטיקייט און שרעקעוודיקייט פארן גורל פון די „יעסוידעס" (די יעסוידעס פון אלטפרענקישקייט און רעאקציע); דאָס איז נאָך ווייניק. דער פאָלקיסט פאלט אפילע אזוי נידעריק, אז ער באגריסט דעם פאָליציאישן פארבאָט פאר די פויערים צו פארקויפן די ערד. „דער פויער איז נאריש" — קאָן מען זאָגן אזא פאָלקיסט מיט ענגעלהארדטס ווערטער — „אליין איינאָרדענען זיך קאָן ער ניט. אויב קיינער וועט זיך וועגן אים ניט זאָרגן, — וועט ער פארברענגען אלע וועלדער, אויסקוילן אלע אויפעס, אויספאנגען אלע פיש, וועט קאליע מאכן די ערד און וועט אליין אינגאנצן אויסשטארבן". דער פאָלקיסט „זאָגט זיך דאָ שוין אָפּ פון דער יערושע", בעפיירעש ווערנדיק רעאקציאָנער. און באמערקט דערביי, אז די רואינירונג פון דער שטאנדן־איינגעשלאָסנקייט פון דער פויערשער געמיינדע ווערט מיט דעם גאנג פון דער עקאָנאָמישער אנטוויקלונג אלץ מער און מער א קאטעגאָרישע נויטווענדיקייט פארן דאָרפישן פראָלעטאריאט, ווען פאר דער פויערשער בורזשואזיע זײַנען די אומבאקוועמלעכקייטן, וועלכע שטאמען פון דאנען, גאָר ניט אזוי באדייטנדיק. דאָס „באלעבאטיש־פויערל" קאָן גרינג ארענדירן מיגנאצאד ערד, עפענען אן אונטערנעמונג אין אן אנדער דאָרף, צופאָרן וואוהין ער וויל אף וואָסער א צייט ער וויל צוליב האנדלס־געשעפטן. אָבער פארן „פויער", וואָס לעבט, דעריקער,

פון פארקויפן זיין ארבעטס־קראפט, באדייט די צופעסטיקונג צו דעם ערד־טייל און צו דער געזעלשאפט א געוואלדיקע פאריינגערונג פון זיין ווירטשאפטלעכער סעטיקייט, באדייט די אוממעגלעכקייט צו געפינען א מער לוינבארן ארבעטגעבער, באדייט די נויטווענדיקייט צו פארקויפן זיין ארבעטס־קראפט גראד די וואס קויפן זי אפן ארט, וועלכע צאלן טאמיד ביליקער און וועלכע זוכן אויס קאלערליי אויפאנים פון פארקנעכטונג.

איינמאל אונטערגעפאלן אונטער דער שליטע פון ראמאנטישע באלוימעס, זיך האבנדיק געשטעלט א צוועק אונטערצושטיצן און אפצוהיטן די „יעסוידעס", אף צעלאכעס דער עקאנאמישער אנטוויקלונג, האט זיך דער פאלקיסט אומבאמערקט פאר זיך אליין אראפגעקייקלט בארג אראפ אזוי פיל, אז ער האט זיך געפונען צוזאמען מיטן אגראריער, וועלכער לעכצט פון גאנצן הארצן איינצוהיטן און פארפעסטיקן „די פארבינדונג פונם פויער מיט דער ערד". עס איז קעדאי צו דערמאנען כאטש וועגן דעם, אז די שטאנד־איינגעשלאסנקייט פון דער פויערישער געמיינדע האט געבראכט צו באזונדערע אויפאנים פון אנדינגען ארבעטער: דאס פאנאנדערשיקן מיצאד די באלעבאטים פון די זאוואדן און עקאנאמיעס זייערע אנגעשטעלטע איבער דערפער, באזונדערס איבער די, וואס האבן ניט אויסגעצאלט די שטייערן, קעדיי ביליקער צו דינגען ארבעטער. צום גליק, שטויסט די אנטוויקלונג פון לאנדווירטשאפטלעכן קאפיטאליזם ביסלעכווייז ארויס די־האזיקע פארקנעכטונג דורך פרייער לוין־ארבעט, צעשטערנדיק די „איינגעזעסנקייט" פון פראלעטאריער (דאס איז די ווירקונג פון די אזויגערופענע לאנדווירטשאפטלעכע זייטיקע פארנאסעס)...

דער דריטער כאראקטעריסטישער שטריך פון פאלקיזם — דאס איגנארירן דעם צוזאמענהאנג פון דער „אינטעליגענץ" און פון די יורידיש־פאליטישע אנשטאלטן פון לאנד מיט די מאטעריעלע אינטערעסן פון באשטימטע געזעלשאפטלעכע קלאסן — געפינט זיך אין דער אומיטלבארסטער פארבינדונג מיט די פריערדיקע: בלויז דער מאנגל פון רעאליזם אין סאציאלאגישע פראגן האט געקאנט ארויסברענגען די לערע וועגן דער „פארגרייזטקייט" פון רוסישן קאפיטאליזם און וועגן דער מעגלעכקייט „ארויפצוקערן פון וועג". די דאזיקע אנשויאונג פון די פאלקיסטן שטייט ווידעראמאל ניט אין קיין שום פארבינדונג מיט דער „ירושע" און מיט די טראדיציעס פון די 60־ער יארן, נאר, פארקערט, זי ווידערשפרעכט בעפיירעש די דאזיקע טראדיציעס. פון דער דאזיקער אנשויאונג דרינגט נאטירלעך ארויס אזא באציאונג פון די פאלקיסטן צו די צאלרייכע רעשטלעך פון דער פאר־רעפארמרישער רעגלאמענטירונג אין רוסישן לעבן, מיט וועלכער ס'וואלטן זיך בעשום אויפן ניט געקאנט סאלידאריזירן די פארשטייער פון דער „ירושע"...

(נ. לענין.—„פון וואסער ירושע זאגן מיר זיך אפ", שריפטן, באנד 2, זייטל 331).

ג. לענין

אין וואָסער אַ פאַל איז דער קאַפּיטאַליזם פּראָגרעסיוו?

מען מוז נאָך דערקלערן די „פאָלקיסטישע" אידייען, באַווייזן זייער מאַטעריעלן יסוד אין אונזערע היינטצייטיקע געזעלשאַפטלעך־עקאָנאָמישע פאַרהעלטענישן. די בילדלעך און ביישפּילן פון דער עקאָנאָמיק פון אונזערע פויערים און קוסטאַרן באַווייזן, וואָס אַזוינס עס איז אָט אַ דער „פויער", וועמעס אידעאָלאָגן עס ווילן זיין די „פאָלקס־פריינט". זיי דערווייזן די בורזשואַזקייט פון דער עקאָנאָמיק פון אונזער דאָרף און באַשטעטיקן מיט דעם די ריכטיקייט פון צורעכענען די „פאָלקס־פריינט" צו די אידעאָלאָגן פון קליינבירגערטום. נאָכמער: זיי באַווייזן, אַז צווישן די אידייען און פּראָגראַמען פון אונזערע ראַדיקאַלן און די אינטערעסן פון דער קליינבורזשואַזיע איז פאַראַן אַן ענגסטע פאַרבינדונג. אָט די פאַרבינדונג וועלכע וועט נאָך קלאָרער ווערן נאָכן אַנאַליזירן זייער פּראָגראַם באַאַריכטעס, דערקלערט אונז אויך פאַרוואָס עס זיינען ברייט פאַרשפּרייט די דאָזיקע ראַדיקאַלע אידייען אין אונזער געזעלשאַפט,; זי דערקלערט אויך אויסגעצייכנט די פּאָליטישע לאַקייאַישקייט פון די „פאָלקס־פריינט" און זייער גרייטקייט צו גיין אויף קאָמפּראָמיסן.

עס איז, לעסאָף, געווען נאָך אַ גרונט אָפּצושטעלן זיך אַזוי אויספירלעך אויף דער עקאָנאָמיק גראָד פון די זייטן פון אונזער געזעלשאַפטלעכן לעבן, וואו דער קאַפּיטאַליזם איז אַנטוויקלט אַמווינציקסטן און פון וואַנען די פאָלקיסטן פלעגן געווינלעך שעפּן מאַטעריאַל פאַר זייערע טעאָריעס. מיטן שטודירן און שילדערן די דאָזיקע עקאָנאָמיק איז געווען גרינגער פאַר אַלץ צו ענטפערן אין טאָך אויף איינע פון די פאַרשפּרייטסטע טענות קעגן דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, וועלכע צירקולירן צווישן אונזער עולם. אַרויסגייענדיק פון דער געווינלעכער אידייע וועגן דעם, אַז דער קאַפּיטאַליזם ווידערשפּרעכט דער „פאָלקס־אָרדענונג", און זעענדיק, אַז די סאָציאַל־דעמאָקראַטן האַלטן דעם גרויס קאַפּיטאַליזם פאַר אַ פּראָגרעסיווע דערשיינונג, אַז זיי ווילן גראָד אויף אים שטיצן זיך אינם קאַמף קעגן דעם איצטיקן רויבערישן רעזשים, — באַשולדיקן אונזערע ראַדיקאַלן די סאָציאַל־דעמאָקראַטן, אַז וויטערע בקיצעס, אין איגנאָרירן די מאַסע פון דער פויערשער באַפעלקערונג, אינם פאַרלאַנג „אויסצוקאָכן איטלעכן פויער אין פאַבריקקעסל" א. א. וו.

אָט די אַלע בקיצעס באַזירן זיך אויף דעם בעפירעש וואונדערבאַר לאָגישן און מעשונעדיקן מעטאָד, לויט וועלכן מע אורטיילט וועגן קאַפּיטאַליזם לויט דעם, ווי ער זעט אויס אין דער ווירקלעכקייט, און וועגן דאָרף — לויט דעם, וואָס עס „קאָן זיין". עס פאַרשטייט זיך, אַז מע קאָן ניט ענטפערן דערויף בעסער, ווי באַווייזנדיק זיי דאָס ווירקלעכע דאָרף, און די ווירקלעכע עקאָנאָמיק.

איטלעכער, ווער עס וועט אָביעקטיוו' וויסנשאַפטלעך א קוק טאָן אויף דער דאָזיקער עקאָנאָמיק, וועט מוזן מודה זיין, אַז דאָס חאָרפּישע רוסלאַנד שטעלט

מיט זיך פאר א סיסטעם פון קליינע, צעשפליטערטע מערק (אדער קליינע אפטיילונגען פון א צענטראלן מארק), וועלכע פארוואלטן מיטן סאציאל-עקאנאמישן לעבן פון איינצלנע ניט-גרויסע ראיאנען. און אין יעדן אזא ראיאן זעען מיר די זעלביקע דערשיינונגען, וועלכע זיינען ביכלאל כאראקטעריסטיש פאר א געזעלשאפטלעך-עקאנאמישער ארגאניזאציע, וואס איר רעגולאטאר איז דער מארק: מיר זעען די צעפאלונג פון די אמאל גלייכע, פאטריארכאלע אומיטלבארע פראדוצירער אף גווירים און ארעמקייט, מיר זעען די אנטשטייאונג פונעם *קאפיטאל*, באזונדערס פון האנדלס-קאפיטאל, וועלכער פלעגט זיין נעץ איבערן הארעפאשניק, אויסזויגנדיק פון אים די גאנצע זאפט. ווען איר פארגלייכט די באשרייבונגען פון דער עקאנאמיק פונעם פויערטום בא אונזערע ראדיקאלן מיט די גענויע אנגאבן פון די ערשטע קוועלן וועגן דעם ווירטשאפטלעכן לעבן פון דארף, פארוואונדערט אייך אין דער קריטיקירטער אנשויאונגסיסטעם די אפוועזנהייט פון דער מאסע קליינע הענדלער, מיט וועלכע עס שוויבלט און גריבלט אף איטלעכן אזא מארק, אט פון די אלע „שיבער און איוואשן" (ספעקוליאנטן) און ווייס איך נאך ווי די ארטיקע פויערים האבן זיי אנגערופן, פון דערדאזיקער גאנצער מאסע קליינע עקספלואטאטארן, וועלכע באלעבאטעווען אף די מערק און אונטערדריקן דעם הארעפאשניק אן ראכמאנעס. זיי רוקט מען געוויינלעך פאשעט אפ אן א זייט: — „דאס זיינען דאך שוין ניט קיין פויערים, נאר קליינהענדלער". — יא, איר זייט פולקום גערעכט: דאס זיינען „שוין ניט קיין פויערים". אבער פרובירט אקארשט אויסטיילן אין א באזונדערער גרופע אט די אלע „קליינהענדלער", ד. ה. רעדנדיק אף דער גענויער שפראך פון דער פאליטישער עקאנאמיע, די אלע, וואס פירן א קאמערציעלע ווירטשאפט און שאפט זיך כאטש טיילווייז אן פרעמדער ארבעט; פרובירט אקארשט אויסדריקן אין גענויע ציפערן די עקאנאמישע מאכט פון דערדאזיקער גרופע און איר ראל אין דער גאנצער ווירטשאפט פון ראיאן; פרובירט דערנאך אויסטיילן אין א קעגנזייטלעכער גרופע די אלע, וואס זיינען „שוין אויך ניט קיין פויערים", ווייל זיי טראגן אפן מארק זייער ארבעטס-קראפט, ווייל זיי ארבעטן ניט פאר זיך, נאר פאר יענעם, — פרובירט אויספירן אט די עלעמענטארע פאדערונגען פון אן אביעקטיווער און ערנסטער אויספארשונג, און איר וועט דערזען אזא בוילעט בילד פון בורזשואזער צעפאלונג, אז פון דער לעגענדע וועגן דער „פאלקס-ארדענונג" וועט קיין זייכער ניט בלייבן. אט די מאסע קליינע דארפישע עקספלואטאטארן שטעלט מיט זיך פאר א שרעקלעכע קראפט, — א שרעקלעכע באזונדערס מיט דעם, וואס זיי דריקן אפן הארעפאשניק צעשפליטערט, איינציקווייז וואס זיי שמידן אים צו צו זיך און נעמען בא אים אפ יעדע האפענונג אף אויסגעלייזט ווערן; א שרעקלעכע מיט דעם, וואס דידאזיקע עקספלואטאציע — בא דער ווילדקייט פון דארף, וועלכע ווערט ארויסגערופן דורך דער כאראקטעריסטישער פאר דערדאזיקער סיסטעם נידעריקער פראדוקטיווקייט פון דער ארבעט און דורך דער אפוועזנקייט פון פארקער — איז ניט בלויז גזילע פון ארבעט, נאר אויך אזיאטישע אפשפאטעריי איבער דער פערזענלעכקייט, וואס טרעפט שטענדיק אין דארף. אט ווען איר וועט נעמען פארגלייכן אט א דאס *ווירקלעכע*

דאָרף מיט אונזער קאַפּיטאַליזם, — וועט איר דערמאָלט פֿאַרשטיין, פֿאַרוואָס די סאָציאַל־דעמאָקראַטן האַלטן פֿאַר פּראָגרעסיוו די אַרבעט פֿון אונזער קאַפּיטאַליזם: ווען ער ציט צונויף אָט די קליינע צעשפּליטערטע מערק אין איין אַלרוסלענדישן מאַרק, ווען ער שאַפֿט אָנשטאָט אַ יאַם קליינע קאָשערע בלוטזויגער אַ הייפֿעלע גרויסע „זײַלן פֿון פֿאָטערלאַנד", ווען ער פֿאַרגעזעלשאַפֿטלעכט די אַרבעט און העכערט איר פּראָדוקטיווקייט, ווען ער צערײַסט אָט די אונטערגעוואָרפֿנקייט פֿונעם האַרעפּאַשניק די אָרטיקע בלוטזויגער און שאַפֿט די אָפּהענגיקייט פֿון גרויסן קאַפּיטאַל. אָט דיזאָזיקע אָפּהענגיקייט איז פּראָגרעסיוו אין פֿאַרגלײַך מיט יענער, — ניט קוקנדיק אויפֿן גאַנצן גרויל פֿון אונטערדריקן די אַרבעט, אויסשטאַרבן, פֿאַרווילדערונג פֿון די ווײַבער, קאַליעטשן פֿרויען און קינדער־אָרגאַניזמען א. א. וו. ווײַל זי וועקט דעם אַרבעטערס געדאַנק, פֿאַרוואַנדלט די טעמפּע און אומקלאָרע אומצופֿרידנקייט אין אַ באַוווּסטזיניקן פּראָטעסט, פֿאַרוואַנדלט דעם צעבראָקלטן, קליינעם, אָנזיניקן בונט אין אַן אָרגאַניזירטן קלאַסן־קאַמף פֿאַר דער באַפֿרײַאונג פֿונעם גאַנצן האַרעפּאַשנעם פֿאָלק, אין אַ קאַמף וועלכער שעפּט זײַן קראַפֿט פֿון די עצעם עקזיסטענץ־באַדינגונגען פֿון דעמדאָזיקן גרויסן קאַפּיטאַליזם און קאָן מאַכמעס דעם אומבאַדינגט רעכענען אויף אַ זיכערן דערפֿאָלג.

(נ. לענין. — „וואָס זײַנען אַזוינס די פֿאָלקספֿרײַנט". שריפֿטן, באַנד 1 ז. 166—167).

מ. פרומקינא (עסטער)

לענינס קאַמף מיטן פֿאָלקיזם.

I

די גרעסטע מערהייט פֿאָלקיסטן האָט צו יענער צײַט פּאַקטיש שוין לאַנג אָפּגעזאָגט זיך פֿון זייערע רעוואָלוציאָנערע שטרעבונגען. זייער עקאָנאָמישע פּראָגראַם איז באַשטאַנען אײַגנטלעך אין אַ סיסטעם קלייניקע מאַסמיטלען פֿון קלוימערשט באַשיצן דעם פּויער — קרעדיט, אָפּהיטן די געמיינדע, אונטערשטיצן דעם קוסטאַר־האַנטווערקער א.א.וו. פֿאַר זייערע אויגן איז געוואַקסן דער קאַפּיטאַליזם, ס'האָבן זיך אַנטוויקלט די קאַפּיטאַליסטישע באַציאונגען אין דאָרף, דאָס פּויערטום האָט זיך דיפֿערענצירט (צעטיילט אויף קלאַסן). דער געמיינדע־באַזיץ אויף ערד האָט אויף אַ האָר ניט געשטערט, דער קאַבצן, וואָס האָט ניט געהאַט קיין פֿערד און קיין געלט, זאָל פּאַקטיש איבערגעבן זײַן ערד דעם באַלעגוף און אַליין פֿאַרדינגען זיך. דערדאָזיקער געמיינדע־באַזיץ האָט ניט געשטערט, עס זאָל אויסבילדן זיך אַן עמעסע דאָרפֿישע בורזשואַזיע וואָס האָט קאָנצענטרירט אין אירע הענט די פּראָדוקציע־מיטלען. דער קוסטאַר, וואָס לויט דער מיינונג פֿון די פֿאָלקיסטן איז דאָס געווען דער עמעסער פֿרייער אַרבעטסמאַן, דער רוסישער מוסטער אַקעגן דעם פֿאַרשקלאַפֿטן אייראָפּעאישן פּראָלעטאַריער, דערדאָזיקער קוסטאַר האָט זיך אויך דיפֿערענצירט. יעכידים זײַנען גע־

וואָרן קאַפּיטאַליסטן־אונטערנעמער. די מאַסע איז אין אַ גרעסערער אָדער קלענערער מאָס, דירעקט אָדער אומדירעקט געוואָרן פֿאַרשקלאַפֿט צום קאַפּיטאַל און געוואָרן נאָך מער עקספּלואַטירט און געדריקט, אײדער דער פֿאַבריק־אָרבעטער.

צו די אַלע דערשײַנונגען זײַנען די פֿאָלקיסטן אָדער אינגאַנצן געווען בלינד, אָדער זײ האָבן זײ פֿאַרשמירט מיט פּוסטע פֿראַזן וועגן דעם, אַז די מעלוכע דאַרף באַשיצן דעם יוישער, ניט לאָזן די רויבער עקספּלואַטירן דאָס פֿאָלק און אַזוי ווײַטער.

זײערע טעאָריעס האָבן די פֿאָלקיסטן געזוכט צו אונטערשטיצן מיט אַ יאַם ציפֿערן, גענומענע פֿון דער סטאַטיסטיק פֿון די זעמסטוועס, זײ האָבן אויפֿגעוויזן, אַז די צאָל אַרבעטער איז ניט אַן ערעך קלײן אין פֿאַרגלײַך מיטן פֿויערשטן באַשטאַנד פֿון דער באַפֿעלקערונג. זײ האָבן אָבער אינגאַנצן איגנאָרירט די פּראָצעסן, וואָס קומען פֿאָר אינעווייניק אין פֿויערטום גופֿע, און ביכלאַל די טענדענצן פֿון דער אַנטוויקלונג.

האַגאַם זײ האָבן זיך געהאַלטן פֿאַר נאָענטע קרויווים מיט די העלדן פֿון די זיבעציקער יאָרן, זײַנען זײערע טעאָריעס פּראַקטיש זײער גוט צוניץ געקומען די רעאַקציאָנערע קרײַזן. רוסלאַנד האָט זיך איר אײגענעם וועג. די יעסוידעס פֿון רוסישן דאָרף זײַנען געזונטע. רוסלאַנד נויטיקט זיך ניט אין קײן „מאַירעוודיקע אויסטראַכטענישן", — דאָס אַלץ האָבן דאָך גערעדט אַפֿילע די רעכטסטע רעאַקציאָנערן. ניט לאָזן זיך אַנטוויקלען דעם קאַפּיטאַליזם האָט באַטײַט — אײַנהאַלטן די רעאַקציאָנערסטע, די פֿאַרקאַפּיטאַליסטישע פֿאַרהעלטענישן, די פֿעאָדאַלע פֿאַרשקלאַפֿונג פֿונם פֿויער, — דאָס איז געווען דער עמעסער פּריציש אידעאַל.

קײן וואונדער, וואָס ניט געקוקט אַף דער קלוימערשטיקער קרויוועשאַפֿט מיט די שרעקלעכע רעוואָלוציאָנערן, האָט די צענזור גאַנץ ווייך באַצויגן זיך צו די פֿאָלקיסטן. די גאַנצע „פּראָגרעסיווע" פּרעסע, די „גראָבע" זשורנאַלן — אַלץ איז געווען מער אָדער ווייניקער פֿאָלקיסטיש.

ווען ס'האָט אַ צי געטאָן מיט פֿרישער לופֿט, ווען ס'האָבן זיך אָנגעהויבן לאָזן הערן די מאַרקסיסטן, האָבן די פֿאָלקיסטן גלײַך דערפֿילט, אַז ס'גייט אַ סאַקאָנע. האַגאַם אײנציקע פֿון זײ האָבן זיך אַלײן באַרופֿן אַף מאַרקסן, נאָר לויט זײער מײנונג האָבן מאַרקס טעאָריעס פֿאַר רוסלאַנד געדאַרפֿט גאָר אַנדערש אויסגעטײַטשט ווערן. און דאָ קומען מאַרקסיסטן, וואָס זאָגן, אַז רוסלאַנד איז ניט קײן אויסנאַם, אַז רוסלאַנד גייט מיטן זעלביקן וועג, ווי גאַנץ אײראָפּע. זײ האָבן אָרגאַניזירט אָפֿן גאַנצן פֿראָנט אַ קעגנאַטאַקע. דער צענטראַלער זשורנאַל פֿון די פֿאָלקיסטן איז געווען „רוסקאַיאַ באָגאַטסטוואָ". דער הויפּט־פּובליציסט זײַערער — מיכאַילאָווסקי, וועלכער האָט אין דער פֿאַרגאַנגענהייט געהאַט נאָענטע רעוואָלוציאָנערע פֿאַרבינדונגען און האָט געהאַט אַ גרויסן אויטאָריטעט; די הויפּט־עקאָנאָמיסטן — ניקאָלאַיאָן, וו. וו. (וואָראָנצאָוו), יוזשאַקאָוו, קריווענקאָ און אַנדערע, — אָט די אַלע האָבן אָנגעגורט זײערע לענדן און זײַנען אַרויס מיט אַ קאַמף אַקעגן די רוסישע מאַר-

קסיסטן. די מאַרקסיסטן האָבן אין דער ערשטער העלפֿט פֿון די נײַנציקער יאָרן נאָך קיין לעגאַלן אָרגאַן ניט געהאַט. עס האָבן זיך אײַנציקווײַז, צופֿעליק דורכגעוואַקסן אין דער לעגאַלער פּרעסע אַ פּאָר מאַרקסיסטישע אַרטיקלען — אויך זיי זײַנען געווען זייער געלערנטע, טרוקענע, און ווייניק צוגענגלעכע פֿאַרן ברייטן לעזער, און דאָס אויך האָבן זיי זיך געדרוקט אין אַ ספּעציעלן זשורנאַל, וואָס איז געווען ווייניק פֿאַרשפּרייט, און אַפֿילע דער זשורנאַל האָט בראַקירט די מאַרקסיסטישע אַרטיקלען און געוואָרפֿן זיי אין קאָרב.

האָבנדיק פֿאַר זיך אַליין די לעגאַלע פּרעסע, האָבן די פֿאָלקיסטן געמאָלט די רוסישע מאַרקסיסטן אַזוי, ווי זיי האָבן אַליין געוואָלט — ווי קאַריקאַטורן. זיי האָבן אויפֿגעוויזן, אַז די מאַרקסיסטן זײַנען אַגענטן פֿון דער בורזשואַזיע, וועלכע ווילן ברענגען אין רוסלאַנד די הערשאַפֿט פֿון קאַפּיטאַליסט. זיי האָבן פֿאַרדרייט די טעאָריע פֿון היסטאָרישן מאַטעריאַליזם און פֿאָרגעשטעלט, אַז לויט דער טעאָריע איז קיין שום קאַמף ניט נייטיק — דער סאָציאַליזם וועט קומען פֿון זיך אַליין, אַלץ ווערט געמאַכט דורך דער עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג, דער ווילן, די שטרעבונג פֿון מענטשן איז גאָרנישט. זיי האָבן אָנגעוויזן, אַז די מאַרקסיסטן מיט זייער „שמאָלער" קלאַסן־טעאָריע זאָרגן ניט „וועגן גאַנצן פֿאָלק" א. א. וו.

שוין די גרופּע „באַפֿרייאונג פֿון דער אַרבעט" האָט שאַרף קריטיקירט די פֿאָלקיסטן. אָבער איר ליטעראַטור איז געווען ווייניק און ווייניק פֿאַרשפּרייט, און זי איז געווען ניט אַזוי קאָנקרעט, ווײַל די גרופּע איז לאַנגע יאָרן געווען אָפּגעריסן פֿון רוסלאַנד.

אַקעגן די ליטעראַרישע אָנפֿאַלן פֿון די פֿאָלקיסטן האָבן די יונגע רוסישע מאַרקסיסטן געקאָנט פֿאַרטיידיקן זיך נאָר מינדלעך — אויף דיסקוסיעס, אויף פֿאַרזאַמלונגען — נאַטירלעך אומלעגאַלע — און אין געשריבענע, ניט געדרוקטע אַרטיקלען, וועלכע מע פֿלעגט איבערשרײַבן און פֿאַרשפּרייטן.

אָט אַזעלכע אַרטיקלען האָט געשריבן אין יענע יאָרן לענין. ער פֿלעגט זיי לייענען אין קליינע קרײַזן — אין סאַמאַרע, קאַזאַן, ניזשני, מאָסקווע. מע פֿלעגט זיי איבערשרײַבן און פֿאַרשפּרייטן. אין די אַרטיקלען האָט ער אויפֿן שאַרפֿסטן אופֿן קריטיקירט די פֿאָלקיסטן און אַראָפּגעריסן פֿון זיי די מאַסקע פֿון „פֿרײַנט פֿון פֿאָלק". באַזונדערס וויכטיק איז צווישן אָט די אַרטיקלען די סעריע אונטערן נאָמען: „וואָס אַזוינס זײַנען די פֿרײַנט פֿון פֿאָלק?" (1894).

אין די אַרטיקלען (פֿון נאָר דער ערשטער און דער דריטער, דער צווייטער איז נאָך דערווײַל ניט געפֿינען געוואָרן) קלײַבט דער יונגער אָנפֿאַנגנדיקער פּובליציסט פֿונאַנדער די פֿאָלקיסטישע טעאָריעס. ער באַווײַזט, אין וועמעס אינטערעס ס'איז צו לייקענען די צעטיילונג אויף קלאַסן און דעם קלאַסן־קאַמף. ער באַווײַזט, אַז אין דעם פּראַט גייען די פֿאָלקיסטן האַנט בײַ האַנט מיט די עקספּלואַטאָרן. ער דעקט אויף זייערע פֿעלשונגען און פֿאַרדרייאונגען פֿון מאַרקסיזם און אַנטוויקלט די מאַרקסיסטישע וועלטאָנשויאונג.

אָבער צעקלאַפּנדיק דעם „ברייטן" שטאַנדפּונקט וועגן „אַרבעטספֿאָלקס ביכלאַל", אָפֿן און שאַרף מעלדנדיק, אַז די סאָציאַל־דעמאָקראַטן שטעלן זיך

„שמאַלע“ קלאַסן־אױפֿגאַבן — צו פֿאַרטײדיקן די אינטערעסן פֿון אײן קלאַס, — פֿון פּראָלעטאַריאַט, ציײכנט שױן אָן דער צוקונפֿטיקער גענ׳אַלער פֿירער אין דער יונגטשריפֿט דעם װעג פֿאַרן פּױערטום. אַקעגן די קאַלטע רעפֿועס פֿון די „פֿרײנט פֿון פֿאָלק“ שטעלט ער אַרױס דעם אײנציק רעװאָלוציאָנערן אױסװעג פֿאַרן פּױערטום — אָפּנעמען די גאַנצע ערד, און באַװײזט די פֿאַרבונדנקײט פֿון די אינטערעסן פֿון פּראָלעטאַריאַט מיט די אינטערעסן פֿונם אַרבעטנדיקן פּױערטום.

„מע מוז באַשטײן, אַז מע זאָל טײקעף אומקערן די פּױערים די ערד, װעלכע מע האָט בא זײ אָפּגענומען, עס זאָל אינגאַנצן עקספּראָפּריִרט װערן דער פּריװאַטער ערד־באַזיץ — די ראַזיקע פֿעסטונג פֿאַר די פֿעאָדאַלע אײנריכטונגען און טראַדיציעס. די ראַזיקער פּונקט פֿאַלט צוזאַמען מיט דער נאַציאָנאַליזאַציע פֿון דער ערד“.

מיר זעען, װי באַם סאַמע אָנהײב פֿון זײן רעװאָלוציאָנערער אַרבעט, װעלכער פֿאַלט צוזאַמען מיט די ערשטע טריט פֿון דער אַרבעטער־באַװעגונג אין רוסלאַנד, פֿאָרמולירט שױן לענין די אױפֿגאַבע פֿון פּראָלעטאַריאַט — צו זײן דער פֿירער פֿון דער גאַנצער דעמאָקראַטיע און קודעמקאָל פֿונם פּױערטום, אַרױסצושטעלן די רעװאָלוציאָנערע פֿאָדערונגען פֿון פּױערטום און קעמפֿן פֿאַר זײ.

די פֿראַגע װעגן די קרעפֿטן, װאָס אָנשפּאַרנדיק זיך אױף זײ קאָן דער פּראָלעטאַריאַט פֿון פּױערשן רוסלאַנד קומען צום ניצחון, װערט אױף אַזאַ אופֿן געלײזט נאָך אין אַט דער יונגשריפֿט. די אױפֿגאַבע פֿון די רוסישע מאַרקסיסטן איז אָרגאַניזירן דעם גאַנצן רוסישן אַרבעטער־קלאַס, װי דעם אײנציקן און נאַטירלעכן פֿאָרשטײער פֿון דער גאַנצער אַרבעטנדיקער און עקספּלואַטירטע באַפֿעלקערונג פֿון רוסלאַנד, צום רעװאָלוציאָנערן קאַמף אַקעגן דער בורזשואַזער אָרדענונג.

די אַרטיקלען „װאָס אַזױנס זײנען די פֿרײנט פֿון פֿאָלק“ האָבן געמאַכט אַ געװאַלדיקן אײנדרוק. דער שאַרפֿער „אַזעסדיקער“ טאָן אַקעגן דעם פֿאַרגעטערטן מיכאַילאָװסקין, אַקעגן די אַלטע אױטאָריטעטן די „כוצפּע“ מיט װעלכער דער יונגער לענין האָט זיך דערלױבט באַשולדיקן די פֿאָלקיסטן, װאָס האָבן זיך געהאַלטן פֿאַר סאָנים פֿון דער זעלבסטהערשונג און פֿון די פּריצים, אַז זײערע טעאָריעס און זײער פּראַקטיק זײנען אין די אינטערעסן פֿון דער רעאַקציע, דער לײדנשאַפֿטלעכער טעמפּעראַמענט, די קלאָרקײט, שאַרפֿקײט פֿון די לאָזונגען, דער טיפֿער װיסנשאַפֿטלעכער אַנאַליז — אַלץ איז געװען פֿריש, נײ, אַלץ האָט פֿאַרכאַפּט, צוגעצױגן צו זיך.

אין „װאָס אַזױנס זײנען די פֿרײנט פֿון פֿאָלק“, אין די אַנדערע אַרטיקלען פֿון יענער צײט האָט לענין אױסגענוצט די זעלביקע סטאַטיסטיק, װאָס די פֿאָלקיסטישע אױטאָריטעטן. ער האָט זי אָבער באַלױכטן מיטן ליכט פֿון מאַרקסיזם, און די ציפֿערן האָבן אָנגעהױבן רײדן גאָר מיט אַן אַנדער שפּראַך. זײ האָבן אױפֿגעװיזן, װאָס פֿאַר אַ טיפֿע ענדערונגען עס זײנען פֿאָרגעקומען אין די גע־

זעלשאפטלעכע פארהעלטענישן פון דארף זינט דער אפשאפונג פון לייבאייגנטום, ווי וויט ס'האט א שפריז געטאן אין דארף די געלטווירטשאפט, די אויס-בילדונג פון א בורזשואזיע, ווי ס'האט זיך אנטוויקלט די געדונגענע ארבעט, דער פראלעטאריאט און האלבפראלעטאריאט.

שפעטער זיינען די דאזיקע געדאנקען טיף און אלזייטיק אנטוויקלט געווארן אין לענינס קאפיטאלן ווערק: „אנטוויקלונג פון קאפיטאליזם אין רוסלאנד“.

לענינס ארטיקלען האבן זיך ברייט פארשפרייט איבער רוסלאנד. אומעטום האבן די מארקסיסטן געשעפט אין זיי ארגומענטן אקעגן די פאלקיסטן.

(עסטער „לענין און זיין ארבעט“, ז. 34—38).

זיבעטער אָפּטייל

די ארבעטער און רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג ערעוו 1905.

א. פאנקראטאוו

דער לוין־ארבעטער ערעוו דער רעוואָלוציע פון 1905.

דורך וועלכע קאָנקרעטע וועגן איז געגאַנגען די אַנטוויקלונג פון דעם פּראָצעס פון אויסבילדונג און פון וואוקס פונם נייעם קלאַס לוין־אַרבעטער? אין וועלכער סטאַדיע פון זיין וואוקס איז ער דערשינען אפן שוועל פון 20־טן יאָרהונדערט?

דער קאַפּיטאַליזם האָט געמוזט צעטרייסלען דאָס פּויערשע רוסלאַנד, א רוק טאָן פון אָרט, א שטויס טאָן צו „זייטיקע באַשעפטיקונגען“.

...דאָס איבערוקן איז געגאַנגען פון די געדיכט־באַפעלקערטע ערד־אָרימע ראַיאָנען, מיט א נידעריקער מאַדרייגע פון באַלוינען ארבעט, מיט גאָר ווייניק אַנטוויקלטע קאַפּיטאַליסטישע באַציאונגען — אין ערטער פון צוויי פאַרשיידענע טיפּן פונם אַנוואַקסנדיקן קאַפּיטאַליזם: אין די גובערניעס, וואו ס'האָט זיך אַנטוויקלט די קאַפּיטאַליסטישע אַגריקולטור, און אין די גובערניעס, וואו ס'האָט געבליט די קאַפּיטאַליסטישע אינדוסטריע.

אַזעלכע הויפּט־ראַיאָנען זיינען געווען די שוואַרץ־יאַמישע סטעפּעס, די ברייטע דאָרעמדיקע און דאָרעם־מיזרעכדיקע שוואַרצערד־פּלויינען — נאָוואָראָסיע, הינטערוואָלגע־געגנט, פאַר־קאַווקאַז, דאָן און קובאַן.

די גרויסע נאָכפראַגע אף אַרבעט־הענט און דער קליינער אָנבאָט פון אַרבעט האָט דאָ געהאַט אויפגעהויבן דעם אַרבעט־לוין און פלעגט צוציען אַלץ נייע און נייע כוואַליעס „זייטיקע“ פון די מיטעלע שוואַרצערד־גובערניעס: פון קאַזאַנער, סימבירער, פּענזער, טאַמבאָווער, ריאַזאַנער, טולער, אָריאָלער,

קורסקער, וואָראָנעזשער, כאַרקאָווער, פּאָלטאַווער, טשערניגאָווער, קיִעווער, פּאָדאָליער.

מיר ווייסן שוין די הויפּט־סיבעס פונעם אָפּגיין אַף „זייטיקע באַשעפטי־קונגען“ — די אָרימקייט אין ערד, ניט־גערעטעניש, דער לאַסט פון די שטײַ־ערן....

שוין צום מיטן פון די 70־ער יאָרן האָט די צאָל פויערים, וואָס פלעגן אַוועקגיין אַף אויסערערד־אַרבעט, געקאַנט גערעכנט ווערן בערעך אין אַנדערהאַלבן מיליאָן מאַן, וואָס האָט באַטראָפן 14% פון דער פויערשער אַרבעטס־באַפעלקערונג...

אין די 90־ער יאָרן, לויט וו. אי. לענינס אויסרעכענונג „מאַכט אויס די צאָל ערד־אַרבעטער, וואָס זיינען פאַרנומען מיט קאָלערלײַ זייטיקע פאַרנאָסעס, ניט ווייניקער פון 5 — 6 מיליאָן“. די אינטענסיווע אַנטוויקלונג פון דער אינ־דוסטריע אין די 70־ער — 80־ער און באַזונדערס אין די 90־ער יאָרן, וואָס האָט געשאַפן אַ גוואַלדיקע נאָכפראַגע אַף אַרבעטס־קראַפט, פלעגט אויסערגעוויינלעך גיך אײַנשלינגען אַלץ נייע מאַסן פרייע אַרבעטס־הענט, וועלכע האָט דאָרף פלעגט אַרויסוואַרפן.

דער אַגראַר־קריזיס און די ניט־גערעטעניש פון די 80־ער יאָרן האָבן פאַרגרעסערט דעם צופלוס פון אַרבעטס־הענט פון דאָרף אין שטאָט ביז אַ פריער ניט געהערטער הייך. פון די סאַמע ווייטע גובערניעס פלעגן מאַכנעס פויערים אָנקומען קיין מאָסקווע, אָרעכאָווע־זויעווע, טווער, קאַזאַן, סאַראַטאָוו, פּערם און פלעגן בעטן ראַכמים, מען זאָל זיי אָננעמען אין די פאַבריקן. די פויערים, וועלכע פלעגן אָנקומען פון די דערפער אַף אַרבעט, פלעגן זיך אין פּעטערבורג אָנדינגען „פאַר ברויט אַליין“. אין סמאָלענסק פלעגן זיך די פויערים מאַכנעסווייז אָנדינגען פאַר 1 רובל 50 קאָפּיקעס אַ כוידעש, און די פרייזן אַף ברויט זיינען געווען זייער הויכע...

די זייטיקע פאַרנאָסעס האָבן קיידעמקאָל געשאַפן די מעגלעכקייט פון אַ און ניט זיך אַ לאָז אין שטאָט — אָפּטער פאַר אַלץ אַף די פאַרשיידנאַרטיקע שטאָטישע פאַרנאָסעס, וועלכע זיינען בלויז געווען אַן איבערגאַנגס־עטאַפּ צום פולשטענדיקן אָפּרייסן זיך פון דאָרף און צו דער ענדגילטיקער פּראָלעטאַריזאַציע שוין אין די ווענט פון פאַבריק צי פון זאַוואָד.

וואָס פאַר אַ ראָל האָבן געשפּילט די „אָפּגאַנג“־פאַרנאָסעס אינעם פאָרמירן און אינעם וואוקס פון דעם אַרבעטער־קלאַס, ווי אַ קלאַס?

די זייטיקע פאַרנאָסעס האָבן קיידעם־קאָל געשאַפן די מעגלעכקייט פון אַ אומגעהערטער באַוועגלעכקייט פונעם פריערדיקן, שטייף אין דער ערד איינגעוואַקסענעם, פּאַטריאַרכאַלישן אָפּהענגיקן פויער, און „אַן דער באַוועגלעכקייט פון דער באַפעלקערונג איז אוממעגלעך די אַנטוויקלונג פון איר באַוואוסטזיניקייט און זעלבסטשטענדיקייט“ (לענין).

זיי האָבן ענדגילטיק צעבראָכן די „פריערדיקע אָפּגעריסנקייט פונעם פאַרווילדעוועטן ערד־אַרבעטער פון דער גאַנצער איבעריקער וועלט“ — און אין דעם

פאקט אליין ליגט שוין דער געוואלדיקער היסטארישער באדייט פון דער „אָפּגאנג“־באוועגונג.

די זייטיקע פארנאסעס, באזונדערס די ניט־לאנדווירטשאפטלעכע, זיינען געווען די ערשטע שטופע, וועלכע פלעגט אויפהייבן דעם פויער — דעם האלבן לייב־קנעכט — צו א נייער העכערער מאדרייגע פון זיין באוואוסטזיין, וועלכער האט זיך איינגאנצן אויסגעפארמירט ערשט אינם פראצעס פון ווייטערדיקן אריינציען אין די באדינגונגען פון דער קאפיטאליסטישער פראדוקציע.

די יורידישע, פיסקאלע און אמאל אויך קרויווישע פעדים פלעגן נאך אונטערהאלטן די פארבינדונגען פונם „אפגייער“ מיטן דארף, אבער בעעצעם פלעגט ער וואס ווייטער, אלץ מער אוועקגיין פון אים: לויט זיינע באשעפטיקונגען, רעגילעסן און גוסטן פלעגט ער זיך אלץ מער באהעפטן צו דער שטאט.

זיין פארבינדונג מיטן דארף פלעגט פאר אים אפט זיין ניט מער ווי א לאסט, פון וועלכער ער פלעגט שטרעבן צו באפרייען זיך: „אויסקויפן זיך אי פון דארף, אי פון דער נאבליע“, — ווי ס'האט באמערקט דער כ' לענין.

אף זייטיקע באשעפטיקונגען פלעגט אפטער פאר אלץ אוועקגיין די יוגנט: באכערים און מיידלעך, וועלכע זיינען מער, ווי אנדערע פאמיליען־מיטגלידער, אימשטאנד אריבערצוטראגן שווערע הארעוואניע און א שלעכטע לעבנס־אומגעבונג אינדערפרעמד“...

אריינפאלנדיק אפן זאוואד צי אין שאכטע, פלעגט די יוגנט אלץ זעלטענער און זעלטענער זיך אומקערן אין דארף: „יונגע בלייבן דארטן יארנווייז, און די באלעבאטים גייען אוועק נאר אף ווינטער“...

„פאר דער צייט פון וואנדערן נאך ארבעט אנטוויקלט זיך באם ארבעטער די פעאיקייט פון באאבאכטן, ער הייבט אן קוקן אף אסאך זאכן מיט אנדערע אויגן. אים איז ניט שווער, אגעוו, צו באמערקן, אז פאר אן ארבעטער, וואס איז שריפטקענעוודיק, איז דאס פעלד פון אנווענדן זיין ארבעט פיל ברייטער, ווי פאר דעם ניט שריפטקענעוודיקן. ניט זעלטן זעט ער אויך, אז דער שריפטקענעוודיקער באקומט א גרעסערן לוין איידער דער ניט שריפטקענעוודיקער, אפילע פאר איינע און דיזעלביקע ארבעט. פון דאנען נעמט זיך זיין שטרעבונג. אויב ער איז אליין ניט בעקויעך אויסצולערנען זיך, כאטש צו לערנען די קינדער קעדיי צו פארגרינגערן זיי אף לעהאבא די מעגלעכקייט פון געפינען ארבעט“...

דער כורבן פון קוסטאר און דער וואוקס פון פראלעטאריער.

די פראלעטאריזאציע פונם פויערטום איז אויך געגאנגען אף אן אנדער וועג.

דער „אפגאנג“ פונם פויער אין שטאט נאך פארנאסע איז געקומען ניט בלויז ווי א רעזולטאט פון כורבן און פון דער ליקווידאציע פון דער לאנדווירטשאפט, נאר אויך מאכמעס דעם קראך פון די פויערשע קוסטאר־געווערבן. דאס באשעפטיקן זיך מיט די קוסטאר־געווערבן פלעגט שוין פאר זיך אליין, אפרייסן דעם פויער פון דער ערד. די אויספארשונג פון די קוסטאר־געווערבן

באווייזט, אז די קוסטארן פלעגן אפגעבן אין ארענדע זייערע נישטיקע ערד־טיילן און פלעגן לעגאמרע אפגעוואוינט ווערן פון ערד־ארבעט. אין גרעסטן טייל פון די קוסטארן־דערפער קלעקט ניט קיין אייגענע ברויט. ווי מע קאן דאס איינזעען אפן ביישפיל פון פאוולאווער קוסטארן־ראיאן (ניזשני־נאווגאראדער גוב. גארבאטאווער אויעזד), איז דער ליקווידיר־פראצעס פון דער ערד־ארבעט אינם קוסטארן־ראיאן געגאנגען גאנץ גיך און פלעגט אפנעמען באם אונטערגייענדיקן קוסטאר די מעגלעכקייט אומצוקערן זיך צו ערדארבעט. אריינפאלנדיק אלץ ווייטער אין די הענט פון די אויפקויפער אדער פון די פאבריקאנטן, האט דער קוסטאר שוין ניט געקאנט איינהאלטן זיין זעלבשטענדיקייט און פלעגט פארוואנדלט ווערן אין אן ארבעטער פון דער הויז־אינדוסטריע אדער פון דער פאבריק. די פארוואנדלונג פון די קוסטארן אין לוין־ארבעטער איז געגאנגען אף צוויי וועגן: אדער די אנטשטייענדיקע פאבריק פלעגט דערלאנגען א טויט־קלאפ דעם קוסטארן ווארשטאט, און דער קוסטאר פלעגט זיך אנדינגען אף דער פאבריק, אדער דער קוסטארן־ווארשטאט פלעגט פארוואנדלט ווערן אין א פאבריק, די האנט־ארבעט פלעגט פארביטן ווערן מיט מאשין־ארבעט, און די קוסטארן פלעגן פארוואנדלט ווערן אין לוין־ארבעטער.

דער ביישפיל פון דעם אנטשטיין פון פראלעטאריאט אין דעם שוין דערמאנטן פאוולאווער אינדוסטריע־ראיאן איז טיפיש, ווי אן אילוסטראציע פון דעמדאזיקן פראצעס פון קאפיטאליזירן די קוסטאר־געווערבן.

דערהאינע, פאר 12 יאר (1889 — 1901) האט דער קאפיטאליזירונגס־פראצעס פון די געווערבן פון פאוולאווער ראיאן געבראכט צום פארקלענערן די צאל זעלבשטענדיקע קוסטארעס און פארגרעסערן די צאל פון די, וואס ארבעטן אין דער הויז־אינדוסטריע און אין דער פאבריק.

פון 100 הויפן האט געארבעט:

יאר	בא זיך (פארן מארק)	בא זיך (פארן באלעבאס)	אף דער פאבריק
1889	43,9	44,1	12
1901	33,4	52,1	14,5

די באזונדערקייטן פון דער אנטוויקלונג און פונם וואוקס פונם פראלעטאריאט אין רוסלאנד.

אין דער פראגע וועגן דער פארשפרייטונג און וועגן דעם באשטאנד פונם ארבעטער־קלאס דארף מען אנמערקן דריי פאר רוסלאנד כאראקטעריסטישע באזונדערקייטן, וואס האבן אריינגעלייגט א באזונדערן שטעמפל כאי אף דער סאציאלער פיזיאנאמיע פונם ארבעטער־קלאס, סאי אף דעם עצעם טיפ און כאראקטער פון דער ארבעטער־באוועגונג אין רוסלאנד.

1) דער אומגעווײנלעך־גיכער *טעמפּ* פונם וואוקס פון אַרבעטער־קלאַס, וואָס איז אַרויסגערופן געוואָרן דורך דעם עכט־אַמעריקאַנישן אַנטוויקלונגס־טעמפּ פון דער אינדוסטריע אין סאַף 19־טן יאָרהונדערט;

2) די גוואַלטיקע *קאָנצענטראַציע* פון דער אַרבעטס־קראַפט, וועלכע איז אַ רעזולטאַט פון דער גוואַלטיקער קאָנצענטראַציע פון דער פּראָדוקציע, וואָס שטײַגט איבער מאַירעוראײַראָפּע;

3) *די סאָציאַלע און עקאָנאָמישע פאַרבינדונג פונם אַרבעטער מיטן דאָרף*, וואָס מאַכט פון אים אַ האַלבן פויער און אַ האַלבן אַרבעטער. האַגאַם זײַן אויספאָרמירן זיך אין אַ באַזונדערן אַרבעטער־קלאַס איז שוין פאַרגעקומען און פלעגט פאַרקומען קעסיידער און אויסער געווײנלעך גיך, באַזונדערס אין לעצטן יאָרצענדליק פון 19־טן יאָרהונדערט און אין די ערשטע פינף יאָר פון 20־טן יאָרהונדערט.

דיזאַיקע באַזונדערקייטן האָבן געמוזט באַשאַפן אינם טיפּ און אין דעם כאַראַקטער פון דער אַרבעטער־באַוועגונג אַן איינגאַרטיקע קאָמבינירונג פון אַלט און ניי, — פון דעם, וואָס איז פאַרבליבן פונם לײַבאײַגנטום־רעכט, און פון דעם, וואָס דער קאַפּיטאַליזם האָט געשאַפן. דער קאַפּיטאַליזם האָט מעכטיק אָנגעגריפן, אָבער נאָר לאַנגזאַם פלעגט זיך אונטערגעבן און בעהאַרראָגעדיק פלעגט פאַרשווינדן די אַלטע אָרדענונג פון עקאָנאָמישן לעבן און געזעלשאַפטלעכע באַציאונגען, וואָס האָט זיך געהאַלטן הונדערטער יאָרן. גיך פלעגן אויסוואַקסן די קאַפּיטאַליסטישע גיגאַנטן — זאַוואָדן, — און דערבײַ האָבן אָבער ווײַטער עקזיסטירט און זיך פעסט געקלאַמערט אין לעבן אַלטע אונטערנעמונגען פון האַלבמאַנופאַקטור־טיפּ, האַנטווערקער־וואַרשטאַטן, קוסטאַרן, פויערשע שאַכטעס... נעבן דעם אַרבעטער, וואָס קוקט פאַרויס, וואָס האָט זיך שוין אויסגעקאָכט אין פאַבריקקעסל, וואָס האָט שוין אָנגעציילט ניט איין האָר „פּראָלעטאַריער בניי פּראָלעטאַריער“, פלעגט זיך שטעלן און הריקן מיט זײַן גאַנצער מאַסע דער נעכטיקער האַלבפּראָלעטאַריער פון דאָרף, וואָס קוקט נאָך „צוריק“, וואָס כאָלעמט נאָך צו ווערן אַ זעלבשטענדיקער באַלעבאָס אויף דער „אײגענער נאַכלע“...

מיט וואָס פאַר אַ גיכקייט איז צוגעגאַנגען דער וואוקס פונם אַרבעטער־קלאַס?

די צאָל אונטערנעמונגען האָט זיך פאַר די יאָרן 1893—1900 פאַרגרעסערט פון 30 ביז 38 טויזנט, און די צאָל אַרבעטער — פון 1,6 ביז 2,4 מיליאָן. לויט די אויסרעכענונגען פונם כ׳ לענין, איז 40% פון אַלע אונטערנעמונגען, וואָס זײַנען געווען אין יאָר 1900, געגרינדעט געוואָרן אין די 90־ער יאָרן. די פאָלגנדיקע טאַבעלע וואָס ער האָט אויסגעאַרבעט אילוסטרירט דערבײַ די פאַרגרעסערונג פון די אַרבעטער אין די גרויסע קאַפּיטאַליסטישע אונטערנעמונגען שוין צום אָנהויב פון די 90־ער יאָרן.

יאָרן	אין דער פאבריק-אינדוסטריע	אין דער בארג-אינדוסטריע	אף די אײזנבאַנען	אינגאנצן
	אין טויזנטער			
1865	509	165	32	706
1890	840	340	253	1.432

פאַר 25 יאָר האָט זיך די צאָל ארבעטער מער ווי פארחאָפּלט.

הארט פאר דער רעוואָלוציע פון יאר 1905 ווערט דער צאָל־באשטאנד פון די ארבעטער, לויט די אָנגאבן פון דער פאבריק־אינספעקציע, אף די אונטערנע־מונגען, וואָס זיינען אונטערגעוואָרפן איר השגחה, געשילדערט אף פאָלגנדיק אויפן:

די אַלגעמיינע צאָל ארבעטער פאר די יאָרן 1901 — 1904

יאָרן	צאָל אונטערנעמונגען	סכום באשעפטיקטע ארבעטער אין טויזנטער	צאָל ארבעטער אף איין אונטערנעמונג אין דורכשניט
1901	17.786	1.710,7	96,2
1903	15.652	1.690,5	108,0
1904	14.701	1.663,1	113,1

... דער קאָנצענטרירפּראָצעס פון דער פּראָדוקציע אין רוסלאנד האָט גלייכצייטיק מיטגעהאָלפן סאי דער קאָנצענטראציע פון גרויסע פּראָלעטארישע קאדרען, סאי דער אויסארבעטונג פון אן אקטיוון פּראָלעטארישן קערן.

לאָמיר נאָכשפּירן דעם פּראָצעס פון וואוקס פון די גרויסע פאבריקן אין רוסלאנד, וואָס זיינען געוואָרן שטיצפּונקטן און נעסטן פון דער רעוואָ־לוציאָנערער באוועגונג, פון סאמע אָנהויב פון איר עקזיסטענץ:

אין יאר 1879 האָבן די גרויסע פאבריקן באטראָפן 4,4% פון אלע פא־בריקן מיט 66,8% פון אלע אינדוסטריעלע ארבעטער.

אין יאר 1890 האָבן די גרויסע פאבריקן באטראָפן 6,7% פון אלע פא־בריקן מיט 7,1% פון אלע ארבעטער.

אין יאר 5 — 1894 האָבן די גרויסע פאבריקן באטראָפן 10,1% פון אלע פאבריקן מיט 84% פון אלע ארבעטער.

אין יאר 1903 האָבן די גרויסע פאבריקן באטראָפן 17% פון דער גאנצער צאָל מיט 76,6% פון אלע פאבריק־ארבעטער.

אין יאר 1903 גיט די „זאמלונג פון באריכטן פון די פאבריק־אינספעק־טאָרן" א פאָלגנדיק ציפער־בילד פון דער הויכער ארבעטער־קאָנצענטרירונג אין רוסלאנד:

אין 64 גובערניעס פון רוסלאנד איז געווען אין יאר 1903:

פאבריק-אנשטאלטן	צאָל אונטערנעמונגען	צאָל ארבעטער
ווייניקער פאר 20 ארבעטער	5.749	63.652
פון 21 —50 „	5.064	15.002
„ 51 —100 „	2.271	156.789
„ 101—500 „	2.095	463.366
„ 501—1000 „	404	276.486
איבער 1000 ארבעטער	238	521.511
	15.821	1.640.406

אין דער בארג-אינדוסטריע איז די קאָנצענטראַציע פון די ארבעטער נאָך באַדייטנדיקער: 84,5% בארג-ארבעטער זיינען קאָנצענטרירט אין אונטערנעמונגען מיט הונדערט ארבעטער און מער, און קימאט 50% — אין אונטערנעמונגען, וואָס האָבן צו 1.000 ארבעטער און מער.

אין יאר 1895 זיינען דריי פערטל פון אלע פאבריק-און בארג-ארבעטער פון אייראָפּעאישן רוסלאנד געווען קאָנצענטרירט אין די אונטערנעמונגען, וואָס האָבן 100 ארבעטער און מער, און קימאט א העלפט (570 טויזנט פון 1.180 טויזנט) — אין די אונטערנעמונגען, וואָס האָבן פון 500 ארבעטער און מער. אָט די זאַוואָדן-גיגאנטן, וואָס זיינען געווען אמערסטן פארטשריטלעך אין דער טעכנישער איינריכטונג, האָבן נאטירלעך קאָנצענטרירט ארום זיך די אמערסטן קוואַליפיצירטע ארבעטס-קראַפט, און דאָס האָט שוין בעמיילע געמאכט דעם אָפּוואל פונם סאמע באוואוסטזיניקן, שריטטקעגעווודיקן און אנטוויקלטן טייל ארבעטער, פון וועלכע ס'האָט זיך אויך פאָרמירט דער אקטיוו פון אינדוסטריעלן פּראָלעטאריאט.

אָבער דער שנעלער וואוקס פון דער גרויסער פאבריק-פּראָדוקציע פלעגט ציציען נישט בלויז קוואַליפיצירטע ארבעטס-קראַפט נאָר אויך א געוואלדיקע צאָל הילפס-ארבעטער, וואָס ווערן אריינגעצויגן אין דער פּראָדוקציע, און אָפּגעריסן פון דער ערד. גראָד די מעכאנישע פּראָדוקציע, ווי דאָס האָט באוויזן לענין, פלעגט מער פאר אלץ אָפּרייסן די ארבעטער פון דער ערד און פלעגט אזוי ארום פארקלענערן די פארבינדונג פונם ארבעטער מיטן דאָרף, פארוואנדלענדיק אים אלץ מער אין א „ריינעם" פּראָלעטאריער...

מיר פירן אונטער א סאַכאַקל:

צום אָנהויב 20-טן יאָרהונדערט האָבן מיר שוין אַן אויסגעפאָרמירטן ארבעטער-קלאַס. ער איז גרויס אפילע לויט דער צאָל. א באַדייטנדיקער טייל זיינער (מעטאליסטן, טעקסטיל-ארבעטער, בארג-ארבעטער) קאָנצענטרירט זיך אף

די גרויסע אונטערנעמונגען, ארום באַשטימטע אינדוסטריע־צענטערן. דאָ פאַרמירן זיך די פּאַרטריטלעכע קאַדרען פון אַרבעטער־קלאַס: צוזאַמען מיטן וואוקס פון דער מאַשין־פּראָדוקציע, צוזאַמען מיט דער קאָנצענטרירונג פאַרגרעסערט זיך דער קוואַליפיצירטער טייל פון דער אינדוסטריעלער אַרמיי, וואָס בילדעט איר סאָציאַלן קערן, איר אַקטיוו. אָבער ער איז דערווייל ניט גרויס. די גרונט־מאַסע פונם אינדוסטריעלן פּראָלעטאַריאַט (איבער 50%) איז נאָך אַלץ דער — פאַר רוסלאַנד כאַראַקטעריסטישער — איבערגאַנג־טיפּ פון „אַן אַרבעטער מיט אַן ערד־נאַכלע“.

דער רוסישער אַרבעטער־קלאַס איז ביכלאַל אַף 9/10 אַ פויער לויט דער אָפּשטאַמונג. אָבער די־דאָזיקע 50% זיינען ניט נאָר קרויוויש פאַרבונדן מיטן פויערטום, זיי זיינען אויך געפּענטעט מיטן ערד־איינגנטום. עמעס, דער רוסישער אַרבעטער, ווי מיר האָבן אויבן געזען, האָט קימאַט אויפגעהערט צו זיין אַן ערד־אַרבעטער. ער אַליין קערט זיך אַלץ זעלטענער צוריק אין דאָרף באַזונדערס פון די פּראָדוקציעס, וואו די מאַשין און די רינסט־גרייטע קאַדרען פון דער אינדוסטריעלער רעזערוו־אַרמיי וועלן ניט וואַרטן אַף זיין צוריק־קומען. אָבער דער רוסישער אַרבעטער האָט ניט אויפגעהערט צו זיין אַן ערד־אַרבעטער, אַ קליינער ערד־איינגנטימער, וואָס שטרעבט אונטערצוהאַלטן מיט די לעצטע קויכעס זיין פאַלנדיקע ווירטשאַפט. האַלבנדיק אַן ערד־ווירטשאַפט, פירט ער זי מיט דער הילף פון זיין פאַמיליע, שיקנדיק אין דאָרף בא אַ העלפט פון זיין פאַרדינסט.

די אייגנאַרטיקייט פון דער לאַגע פונם רוסישן פּראָלעטאַריאַט דערקלערט זיך נאָך אויך מיט דעם, וואָס דער־דאָזיקער האַלבאַרבעטער־האַלבפויער, וועלכער האָט זיך קוים אָפּגעריסן פון דער ערד, איז מיטאַמאָל אַוועקגעשטעלט געוואָרן אין די באַדינגונגען פון דער גרויס־קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוקציע, אין די באַדינגונגען פון אויסערלעכער עקספּלואַטאַציע דורכן קאַפּיטאַל.

(א. פאנקראטאָווא. דער ארבעטער־קלאס און די ארבעטער־באַוועגונג ערעוו דער רעוואלוציע פון יאָר 1905. זאמלבוך „1905“. מאָסקווע־לענינגראד 1925. ז. 398-421)

ו. אַסטראָוו

די אנגרייף שטרייקן פון די 90-ער יאָרן

...אין אָנהויב פון די 90־ער יאָרן האָט זיך דער אַרבעטס־טאָג געצויגן 12 — 14, און צומאָל אויך 18 שאָ. אין אַ פינפטכיילעך פון אַלע אינדוסטריע־אַנשטאַלטן פלעגט אָנגעווענדעט ווערן נאַכט־אַרבעט, אָפט פלעגט ניט זיין קיין זונטיק־רו. דער דורכשניטלעכער אַרבעטסלוין איז אין יאָר 1892 געווען פאַר אַ דערוואַקסענעם אַרבעטער 15 רובל 70 קאָפּיקעס אַ כוידעש, פאַר פרויען צוויי מאָל און פאַר קינדער דריי מאָל ווייניקער. ביז וואָסער אַ מאַדרייגע עס פלעגן פאַלן די לעבנס־באַדינגונגען פון די טעקסטיל־אַרבעטער, קען מען זען פונם באַריכט פון דער יאַראָסלאַווער גרויסער מאַנופאַקטור אַף דער ניזשני־נאָווגאָ־

ראָדער אויסשטעלונג: פון 100 געבוירענע קינדער פלעגן בא די אַרבעטער שטאַרבן 65. דער טובערקולאָז פלעגט בא די מאָסקווער טעקסטיל־אַרבעטאָרינס דערגיין ביז 134 אַף טויזנט. די סטאַטיסטיק פון די צעשעדיקונקען איבעראַשט מיט אירע ציפער: אַף דער סאָקאָלאָווער מאַנופאַקטור איז פאַר צוויי יאָר געווען צווישן די וועבער צעקאַליעטשעטע 67 אַף טויזנט, צווישן די וואָל־קעמער — 250, צווישן די שלאָסער — 535, צווישן די טאָקער — 625 אַף 1000, און און צווישן די קעסל־מאַכער — 750, ד. ה. פון 4 אַרבעטער איז גאַנץ געבליבן פון א צעשעדיקונג בלויז איינער. אַף די זאַוואָדן, וואָס פלעגן זיך בויען בעכיפאָזן, באַזונדערס אַפן דאָרעם, פלעגט פאָרקומען עפידעמיעס פון קעסל־אויפרייסן, וועלכע פלעגן זיך אויסלאָזן מיט צעשעדיקונגען פון די אַרבעטער.

די פאַבריק־אינספעקציע איז געווען מאַכטלאָז שוין אַפילע מאַכמעס איר צאָל אַליין. אין יאָר 1899 איז איר לאַגע אַפילע אין דער צענטראַלער מאָסקווער גובערניע געווען — לויטן באַריכט פונם אויבער־פאָליצמייסטער טרעפאָוו אַזאַ: אינגאַנצן פאַבריק־אינספעקטאָרן איז 15 מאַן, קיין שום געהילפן, קאַנצעלאַריסטן און געשעפטספירער איז ניטאָ. די צאָל אינדוסטריע־אַנשטאַלטן, וואָס זיינען זיי אונטערגעוואָרפן, דערגרייכט 271 ביז 1800 (ד. ה. אַף איין אינספעקטאָר צו 120 פאַבריקן) אונטער דער טעכנישער האשגאָכע פון אָט דער פאַבריק־אינספעקציע געפינען זיך 2.600 קעסלען". דער מעכאַבער רעכנט אויס גאַנצע 25 היסכאַיוועסן פון אַן אינספעקטאָר און קומט צום אויספיר, אַז אויספילן זיי איז איבער געוויינלעכע מענטשלעכע קויכעס. אָבער דער טאָך איז דאָ באַשטאַנען ניט אַזוי אין דער קליינער צאָל, ווי אין דעם עצעם כאַראַקטער פון דער אינספעקציע, אַלס אָרגאַן פון דער פאָליצייִשער רעגירונג. דער מיניסטער ווישנעגראַדסקי האָט צוגעזאָגט די פאַבריקאַנטן צו פאַרוואַנדלען די אינספעקטאָרן אין „פריסטאַווס" אַף דער פאַבריק...

דער ווילקיר פון באַלעבאָס האָט אויסער אַזעלכע אומשטענדן געהערשט אומבאַשריינקט באַם בראַקירן, פאַנאַנדערצאָלן זיך, אָפזאָגן אַרבעטער, באַזונדער באַם שטראָפירן. אַפן אָבוכאָווער זאַוואָד, לעמאָשל, פלעגט מען אין 98־טן יאָר שטראָפירן אַף 17 רובל פאַר א צעבראָכענעם שטיקל אינסטרומענט, וועלכער פלעגט קאָסטן א נ יי ע ר 1 רובל 30 קאָפיקעס. אַף דער יאַראָסלאַווער מאַנופאַקטור פון די ג א נ ד ו ר י נ ס פלעגט מען שטראָפירן פאַר א וועבשיפל, וואָס די מאַשין האָט אַרויסגעוואָרפן; ווער ער פלעגט דערלאַנגען אין קאָפ פלעגט מען שטראָפירן אויך דעם, וועמען ער פלעגט אַנטרעפן („שטעל ניט אונטער דעם קאָפ!")... אַפן טולער געווער־זאַוואָד פלעגט די אַדמיניסטראַציע זאָגן אַן אַרבעטער, וועלכער פלעגט קומען נאָך זיין פאַרדינסט פון 75 רובל: „אַי, ווי פיל!", פלעגט פאַרמעקן די ציפער און שרייבן 40; אין איטלעכן וואַרשטאַט פלעגט זיך דאָס איבערכאַזערן צענדליקער מאָל: אַף ב ע ר ד ס זאַוואָד (אַפן טייך פריאַזשקע) פלעגט מען אָפרעכענען א פערטל אַרבעטס־טאָג אַף א מאַטאָנע דעם פראַנצויזישן פרעזידענט, וועלכער האָט באַזוכט רוסלאַנד און פאַר די דורכגעלאָזענע לעקאָוועד זיין קומען טעג האָט מען ניט באַצאָלט, א.א.וו. א.א.וו. דער געזעץ פון 86־טן יאָר האָט שוין, עמעס, געהאַט פאַרבאָטן פאַנאַנדערצאָלן זיך מיט די

אַרבעטער מיט סכוירע, אָבער די פאַבריק־קראָמען פאַרנעמען ביזן סאמע 20־טן יאָרהונדערט א בעקאַוועדיקן אָרט אין דערדאָזיקער סיסטעם פון עקספּלואַ־טאַציע...

אַזוי האָט אויסגעזען די עקאָנאָמישע און רעכטלעכע לאַגע פון די רוסי־שע אַרבעטער אין דער גרעסטער מערהייט, וועלכע האָט געגעבן אַזאַ קראַפט דער שטרייק־באַוועגונג פון די 90־קער יאָרן. לאָמיר איצט איבערגיין צו דער אַלגעמיינער איבערזיכט פון דערדאָזיקער באַוועגונג.

„די אינדוסטריעלע אויפלעבונג, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן פון יאָר 1887" — שרייבט מאַרטאָוו — „האָט זיך אָפּגעשטעלט אין מעשעך פון יאָר 1891—92 טיילווייז מאַכמעס דעם הונגער פון דידאָזיקע יאָרן, באַזונדערס אין דער טעקסטיל־אינדוסטריע, וועלכע אַרבעט דעריקער אַפן דאָרפישן געברויכער". קיין פאַקטישער אינדוסטריע־קריזיס איז ניט געווען, און די צאָל אַרבעטער אַף די פאַבריקן און זאַוואָדן האָט געהאַלטן אין וואַקסן. „דאָך איז דידאָזיקע פאַר־גרעסערונג פון דער צאָל באַשעפטיקטע אַרבעטער באַגלייט געוואָרן מיט א קאָ־לאָסאַלן צופלוס אין די שטעט פון אַרבעטסלאָזע, וועלכע דער הונגער האָט אַרויסגעטריבן פון דאָרף. אַדאַנק דעם פלעגט דער אַרבעטס־לוין פאַרקלענערט ווערן, בעת די פרייזן אַף ברויט און אַף אַנדערע געברויך־פּראָדוקטן זיינען שטאַרק אויסגעוואַקסן איבער די ניט־געדרעטעגיישן. פון דאַנען נעמט זיך די שאַרפע אומצופרידנקייט און אומרואיקייט, וואָס האָט אַרומגעכאַפּט די אַרבע־טער־באַפעלקערונג פון די שטעט". אויסרעכענענדיק די שטרייקן פאַרן פעריאָד פון די יאָרן 1891 — 93 (אוראַל, פעטערבורג, יוזאָווקע און אַנד.), קאָנסטאַ־טירט דער ציטירטער מעכאַבער, אַז „אין אינדוסטריעלן צענטראַל־ראַיאָן פלעגט די אַרבעטער אויסקומען צו פאַרטיידיקן דעם אַרבעטסלוין פון די פּרואוון צו פאַרקלענערן אים מיצאַד די פאַבריקאַנטן", ד.ה. די שטרייקן האָבן געטראָגן א פאַרטיידיקונגס־כאַראַקטער. ביכלאַל לאָזן זיך די שטרייקן אויס מיט א מאַפּאָלע פון די אַרבעטער, (אַכוץ די ווילנער האַנטווערק־אַרבעטער).

בעכיין, וואָלט זיך אונז דער אויסגאַנגס־פּונקט פון דער אַרבעטער־באַווע־גונג פון די 90־ער יאָרן אין געשטאַלט פון פ אַ ר ט יי ד י ק ו נ ג ־ שטרייקן בא אַן אומגינסטיקער קאָניונקטור פאַר די אַרבעטער.

...פון 93 יאָר הערט אויף דער אָבערשלאָג אין דער אינדוסטריע, אָבער די שטרייק־באַוועגונג וואַקסט, שוין ענדערנדיק איר כאַראַקטער. דער וואוקס פון דער באַוועגונג ווערט געמאָלט אַזוי, לויט ציפער פון די אַרבעטער, וואָס האָבן געשטרייקט:

יאָר	שטרייקער	יאָר	שטרייקער
1894	107.00	1897	102.000
1895	48.000	1898	87.000
1896	67.000	1899	130.000

סאַכאַקל פאַר 6 יאָר 452.000 שטרייקער, און ווען מע גיט צו זיי צו נאָך 300.000 האַנטווערק־אַרבעטער, וואָס האָבן געשטרייקט, דערגרייכט די ציפער ביז א האַלבן מיליאָן. די גרעסערע העלפט שטרייקן פאַלט אויס אַף די אונטער־נעמונגען, וואָס ציילן אָן פון 100 ביז 1000 אַרבעטער און מער, דערביי פאַלט אויס די הויפט־מאַסע שטרייקער אַף די טעקסטיל־אַרבעטער (177.000) און מע־טאַליסטן (107.000). דער פראָצענט אַרבעטער, וואָס האָבן זיך באַטייליקט אין די שטרייקן פאַרן צענדליק יאָר 1890 — 1900, איז אין דער באַוול־פּראָדוקציע 47,3 און אין דער מעטאַל־פּראָדוקציע — 46,4. פאַר די איבעריקע פּראָדוקציעס איז ער באַדייטנדיק נידעריקער...

אין די גרעסטע אונטערנעמונגען (פון איבער 1000 מאַן) האָבן די שטרייקן אַרומגעכאַפּט אַפּט 89,7% אַרבעטער, אין די אונטערנעמונגען מיט 500—1000 אַרבעטער האָט געשטרייקט 49,9%.

די באַוועגונג שטעלט דעריקער אַרויס ע ק אָ נ אָ מ י ש ע פאָדערונגען: העכערן דעם אַרבעטסלוין און פאַרקירצן דעם אַרבעטס־טאָג. קיין פּאָליטישע פאָ־דערונגען באַגעגענען מיר קימאַט ניט בא דער מאַסע שטרייקער פון צענטראַל־רוסלאַנד. צו די עקאָנאָמישע פאָדערונגען קומען צו פאַבריק־רעכטלעכע. די אַר־בעטער פּראָטעסטירן קעגן די ווילקירלעכע שטראָפן, באַלײדיקונגען, קעגן דער גראָבער באַהאַנדלונג מיצאַד די מייסטערס, קעגן די מיסברויכן פון דער אַד־מיניסטראַציע, קעגן איינגלאַדן מייסטערס — אויסלענדער, קעגן דעם אַוועק־שטעלן אין די דירעס קאַזאַקן, קעגן געדונגענער פּאָליציי, אונטערזוכונגען, אַרעסטן, קעגן דעם ניט אָנערקענען די אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס. די צוזאַמענ־שטויסן מיט דער פּאָליציי, וועלכע קומען פאָר בא אַלע שטרייקן, נעמען נאָך ניט אָן אין די אויגן פון דער מאַסע קיין פּאָליטישן כאַראַקטער פון צוזאַמענשטויסן מיטן גאַנצן זעלבסטהערשאַפט־רעזשים דער גרעסטער שטרייק פאַרן געגעבענעם פעריאָד — פון 30 — 35 טויזנט פעטערבורגער וועבער אין 96־טן יאָר איז געווען פאַר די פאָלגנדיקע פאָדערונגען: „1) אַז דער אַרבעטס־טאָג זאָל דויערן פון 7 אינדערפרי ביז 7 אין אָוונט, און ניט פון 6 ביז 8; 2) אַז אַף מיטאָג זאָל מען געבן אָנדערהאַלבן שעה; 3) אַז די טאַריפן זאָגן געהעכערט ווערן; 4) אַז שאַ־בעס זאָל מען ענדיקן די אַרבעט 2 אַזייגער באַטאָג; 5) אַז די באַלעבאַטים זאָלן ניט אָפּשטעלן מיטן אייגענעם און ווילן די מאַשינעס און ניט לאָזן זיי אין גאַנג פאַר דער צייט; 6) אַז דעם פאַרדינסט פאַרן ערשטן האַלבן כוידעש זאָל מען אַרויסגעבן צו דער צייט; 7) אַז מען זאָל אויסצאָלן דעם לוין פאַר די קרוינונג־טעג“...

ברענגענדיק יעדיעס וועגן 220 שטרייקן פאַר די לעצטע פינף יאָר פון 19־טן יאָרהונדערט, ווייזט אָן דער באַריכט פון דער רוסלענדישער סאָציאַל־דעמאָקראַ־טישער דעלעגאַציע צו דעם אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליסטישן קאָנגרעס אין פאַ־ריז (1900), אַז פון 160 שטרייקן, וואָס זייער אויסגאַנג איז באַוואוסט, האָבן זיך געענדיקט מיט ערפאָלג, 120, ד. ה. ד ר י י פ ע ר ט ל. אָט אַ דער גרויסער פּראָצענט פון דערפאָלגרייכע שטרייקן כאַראַקטעריזירט די שטרייק־באַוועגונג, ווי אַן א י נ ג ר י י ף ־ ב אַ וו ע ג ו נ ג פ ו נ ע ם פ ע ר י אָ ד פ ו ן א י נ ד ו ס ־

טריעלן אויפשטייג. אָפשטעלן די אונטערנעמונגען האָט די קאפיטאליסטן ניט געלוינט, וואָרום איטלעכער טאָג פלעגט ברענגען זיכערע רעוואָכים. עס פלעגט בעסער לוינען נאָכגעבן די שטרייקער איידער ענטפערן מיט א לאָקאוט. פילנדיק די נאָכגיביקייט, פלעגט זיך די מאסן־באוועגונג נאָך גערנער לאָזן אף דער ליניע פון עקאָנאָמישע פאָדערונגען.

אין דערזעלביקער צייט באמערקן מיר אין דער באוועגונג אויך א פארטיידיקונג־שטראָם. לויט די אָנגאָבן פאר די יאָרן 1894—1903 פאלט אף די שטרייקן פארן פארגרעסערן דעם לוין 22,9%, און פאר פארקירצן דעם ארבעטס־טאָג 18,8% אָנטיילנעמער, סאכאקל — 41,7% (58,9% שטרייקן).

פון פארגלייכן דעם פראָצענט פון שטרייקן און פון שטרייקערס, זעען מיר, אז די צאָל פארטיידיקונג־שטרייקן איז געווען גרעסער פון דער צאָל אָנגרייף־שטרייקן. און אויך די פארטיידיקונגס־שטרייקן פלעגן זיך ענדיקן מיט גרויס ערפאָלג:

פאָדערונגען	דערפאָלג	קאָמפראָמיס	ניטדערפאָלג
פארקירצן דעם ארבעטס-טאָג . . .	24,29%	22,88%	52,81%
פארגרעסערן דעם ארבעטס-לוין . .	18,16%	31,43%	40,05%
קעגן פארלייגערן ארבעטס-טאָג . .	63,41%	12,19%	24,39%
קעגן פארקלענערן דעם ארבעטס-לוין .	46,87%	2 ,43%	29,68%

די עצעם נויטווענדיקייט פון פארטיידיקונג־שטרייקן פלעגט שוין דיקטירט ווערן דורך דעם צופלוס אין די שטעט פון ארבעט־זוכער פון די דערפער, וואָס איז פאָרגעקומען אָן אן אויפהער און פלעגט דערלויבן די אונטערנעמער אפילע אין די צייטן פון אויפשטייג טיילווייז פארערגערן די באדינגונגען פון ארבעט און פון אָנשטעלן ארבעטער...

דער אָנגעקומענער קריזיס האָט פארערגערט די באדינגונגען פונם עקאָנאָמישן קאמף פון די ארבעטער. אויב מיר באמערקן דערביי ניט קיין שארפע פארגרעסערונג פונם ארבעטס־טאָג אין ברייטן מאסשטאב, דערקלערט זיך דאָס מיט דער אלגעמיינער פארקירצונג פון די ארבעטן, אדעראבע, אומעטום קומט פאָר א פארקירצונג פון דער ארבעט־צייט, אָבער דאָס איז שוין ניט קיין „דעראָבערונג" פון די ארבעטער, נאָר א רעזולטאט פון דער ארבעטסלאָזיקייט. דאָס, וואָס עס פלעגט דערהאָבערט ווערן פון די ארבעטער אינם אויפשטייג־פעריאָד, פלעגט איצט געווענדעט ווערן קעגן זיי גופע. דאָס שארפע אראָפזעצן דעם ארבעטסלוין נעמט דערביי ארויס די גאנצע „נעשאָמע" פונם קורצן ארבעטס־טאָג, ווי פון א פאָרם פון קאמף פארן פארקלענערן די נאָרמע פון עקספלואטאציע.

דער סכום אַרבעטער, וועלכע ווערן אַרויסגעוואָרפן אַפן גאַס פון די אונטער־נעמונגען, וואָס פאַרמאַכן זיך, איז אַזאַ:

יאָר	אונטערנעמונגען	אַרבעטער
1900	550	20.083
1901	350	34.744
1902	840	33.274
1903	682	23.339

נאָר דאָס זײַנען נאָר די אונטערנעמונגען, וואָס פלעגן זיך אינגאַנצן פאַר־מאַכן. אַסאַך פאַבריקאַנטן פלעגן אָבער פאַרקירצן די פּראָדוקציע, פאַנאַנדערדע־כענענדיק אַ טייל פון זייערע אַרבעטער. די גאַפּטגרובן פון דאָרעם פאַרקירצן די צאָל אַרבעטער אַף 30%. דער פּוטילאָווער זאָגט אָפּ 4.000 אַרבעטער פון 12.000, די פּראָכאָראָווער מאַנופאַקטור — 900, די קאָטאָווער — 1.200, דער טולער זאַוואָד — איבער 600, דער זלאַטאָוסטער (אַף אוראַל — 500...

ווען מען זאָל אורטיילן נאָר לויט די ציפער פון די שטרייקן, קאָן מען מאַכן אַ ניט ריכטיקן אויספיר, אַז פון יאָר 1900 אָן פאַלט די אַרבעטער־באַווע־גונג, מיר האָבן ציפערן פון דער רעגירונגס־סטאַטיסטיק, וואָס זײַנען באַדײַ־טנדיק פאַרקלענערט (לעמאָשל, אין יאָר 1899 גיבן זיי אָן 97 טויזנט שטרייקער אָנשטאָט 130 טויזנט לויט מאַרטאָווס אויסרעכענונגען), וואָס גיבן אָבער דאָך אַ פולע מעגלעכקייט צו אורטיילן וועגן דעם גאַנג פון דער באַוועגונג:

יאָר	1899—97.948	שטרייקער
"	1900—29.389	"
"	1901—32.288	"
"	1902—36.871	"
"	1903—86.832	"

אָבער דער פאַקט, וואָס די צאָל שטרייקן פאַלט, רעדט נאָר וועגן דעם גרעסערן באַוואוסטזײַן, וואָס די אַרבעטער ווײַזן אַרויס. זיי האַלטן זיך אָפּ פון קאַמף, אײַנזעענדיק, אַז די אינדוסטריעלע קאָניונקטור איז פאַר זיי ניט גינסטיק. אָפּן אָרט פון די שטרייקן דערשײַנט אַ נײַע פאָרם פון דער באַוועגונג — די דעמאָנסטראַציע. דערבײַ ווערן אויך די שטרייקן אַלץ מער און מער באַפאַרבט אין אַ פּאָליטישן קאָליר, אָנזאָגנדיק דעם גרויסן אָקטיאַבער־שטרייק פון יאָר 1905.

אַ פּאָליטישער עלעמענט איז געווען אויך אין די שטרייקן פון די 90־ער יאָרן.

די שטערונגען, וואָס די זעלבסט־הערשונג, פלעגט מאַכן דער עקאָנאָמישער מאַסן באַוועגונג, פלעגן שוין פאַרוואַנדלען די באַוועגונג אין אַ פּאָליטישע. פרי־

ער פאַר אַלץ האָט זיך דאָס אויסגעגאָסן אינעם מאַירעוודיקן קאַנט. שוין פון אָנהייב 90־ער יאָרן קומען דאָ פאָר מאַי־שטרייקן. די שטרייקן און אומרוען לאָזן זיך אָפּ אויס מיט קאָרבאָנעס (אין 91־טן יאָר — זשיראַרדאָוו, אין 92־טן — לאָדז א.א.וו.). אין יאָר 1899 קומען פאָר אין ליבאַווע און אין ווילנע די ערשטע מאַי־דעמאָנסטראַציעס.

אין אינגאַנצן רוסלאַנד קומט פאָר דער ערשטער מאַי־שטרייק אין 98־טן יאָר אויף דער צאַפּן־מאַנופאַקטור אין פּעטערבורג. אין דעקאַבער פון דעמזעלביקן יאָר שטעלן אַרויס די וועבער פון מאַקסוועל און פּאַל צוזאַמען מיט אַנדערע פאָדערונגען די פאָדערונג פון פּאָליטישע פרייהייטן. די סטודענטישע אומאָרדענונגען אין פעברואַל פון יאָר 1899 אין קאַזאַן, און כאַרקאָוו גייען דורך מיט דער באַטייליקונג פון די אַרבעטער. דעם ערשטן מאַי 1899 יאָר שטרייקן די אַרבעטער פון בריאַנסקער זאַוואָד אין קאַטערינאָסלאַוו. אָבער דעראָזיקער זאַוואָד אין שוין אין 99־טן יאָר פאַרכאַפּט פון קריזיס. דעם פעריאָד פון דעמאָנסטראַציעס הייבט אָן כאַרקאָוו מיט דער מאַיאָווקע פון יאָר 1900, ווען ס'קומט פאָר אַ דעמאָנסטראַציע און אַ שטרייק פון די מעכאַנישע אַרבעטער, פון די האַנטווערקער־אַרבעטער און די באַן־אַרבעטער. די פאָדערונגען זיינען: פרייהייט פון פרעסע, פון וואָרט, פון קאָאַליציע, פון שטרייקן, דער אָנטייל פונם פאָלק אין דער פאַרוואַלטונג, (צום ערשטן מאָל), דער 8־שעהדיקער אַרבעטס־טאָג און העכערן דעם לוין. אַרעסטירט זיינען געוואָרן 400 מאַן, וועלכע זיינען נאָכדעם אָפּגעלאָזן געוואָרן לויט דער פאָדערונג פון די אַרבעטער.

די אַרבעטער באַטייליקן זיך אין די סטודענטישע אַרויסטרעטונגען פון די יאָרן 1901—2. אין מאַי 1901 קומט פאָר אין פּעטערבורג די באַוואוסטע „אָבוכאָווער פאַרטיידיקונג“ און די צוזאַמענשטויסן אין וויבאָרגער געגנט, באַם סאַמפּסאָנעווער בריק. אין 1902 באַקומט די פייערונג פון 1־טן מאַי צום ערשטן מאָל אַן אַלרוסלענדישן כאַראַקטער. אין נאָיאַבר פון דעמזעלביקן יאָר קומט פאָר דער באַרימטער ראָסטאָווער שטרייק, מיט דעמאָנסטראַציעס פון פּאָליטישן כאַראַקטער, און זומער 1903 ברעכט אויס דער ערשטער אַלגעמיינער שטרייק אַפן דאָרעם, וואָס האָט שוין געציילט צענדליקער טויזנטער אָנטיילנעמער.

פון שטרייק צו דעמאָנסטראַציע, פון דעמאָנסטראַציע צום שטרייק הייבט אָן אַלץ העכער צו קלינגען דער לאָזונג:

— נידער מיט דער זעלבסטהערשונג!

(וו. אסטראָוו. „די עקאָנאָמיסטן, פאָרגייגער פון די מענשעוויקעס“: מאָסקווע, 1923 ז׳ 11—24).

נ. קרופסקאיא

„פארבאנד פון קאמף פאר דער באפרייאונג פונם ארבעטער קלאס".

אין 95 — 1894 יארן איז אין פעטערבורג אנטשטאנען די גרופע סאציאל־דעמאקראטן, וועלכע האט אנגעהויבן צו פירן א פלאנמעסיקע ארבעט צווישן פעטערבורגער פראלעטאריאט...

אין דער גרופע זיינען אריין: לענין, קרזשיזשאנאווסקי, סטארקאוו, קרופסקאיא, מארטאוו א.א.

אירע מיטגלידער זיינען געווען פארבונדן מיט פולער אידייאישער סאלידארישקייט. אירע אנשויאונגען האט די גרופע פולקום אויסגעפארמירט אין קאמף מיט די פאלקיסטן. איידער זי האט זיך אויסגעבילדעט אין אן אקטיווער גרופע זיינען אירע מיטגלידער דורכגעגאנגען א גאנץ גרינטלעכע מארקסיסטישע שול. עמעס, די מערהייט האט געלייענט נאר דעם 1־טן באנד פון „קאפיטאל", „די אנטשטייאונג פון דער מישפאכע, אייגנטום און מעלוכע" פון ענגעלס, — אי דאס האט מען דאס לעצטע געלייענט אין מאנוסקריפט, — נאר דעם ערשטן באנד פון „קאפיטאל" האט מען געקאנט אף אויסווייניק. בעסער פון אלע זיינען געווען צוגעגרייט לענין און מארטאוו. אין קאמף מיט די פאלקיסטן זיינען אויסגעפרואווט געווען אלע. איבער די הענט האבן צירקולירט די געלע העקטאגראפישע העפטן „די פריינט פון פאלק", וועלכע עס האט אנגעשריבן לענין און וועלכע האבן קריטיקירט מיכאילאווסקין און א.א. קריווענקא.

פון דער אנדער זייט איז אנגעגאנגען א אידייאישע אפגרעניצונג אויך פון די אזוי גערופענע „לעגאלע מארקסיסטן". אין ווינטער פון 1895־טן יאר האבן זיך אין דער קווארטיר פון קלאסאן אף דער אכטע צום ערשטן מאל געטראפן לענין מיט סטרואווען און פאטרעסאוון. לענין האט גערעדט וועגן דער נויטיקייט פון רעוואלוציאנערן קאמף. „פארשטייט זיך, ווער ס'וויל האטעווען דאס פאטערלאנד אין די קאמיטעטן פאר שריפטקענעוודיקייט, — זאל ער, מיר וועלן ניט שטערן", — האט לענין פארענדיקט זיין רעדע.

אונזער גרופע פלעגט זיך פעריאדיש צונויפקומען. יעדער האט געארבעט אין א באשטימטן ראיאן, יעדער האט געהאט זיין ארבעטער־קרייזל. לענין האט געארבעט הינטער דער ניעווסקאיא זאסטאווא". אין זיין קרייזל זיינען אריינגעגאנגען: באבושקין, גריבאקין, ארסעני באדראוו און אנדערע. עס פלעגט זיך אויך אויסקומען צו באגעגענען מיט שעלגונאוון, וועלכער האט געארבעט אין יענער זייט אפן אבוכאווער זאוואד. איך האב שוין דריי יאר געארבעט אין דער ווארגונינער אוונט־זונטיקדיקער סמאלענסקער שול און דורך דער שול האב איך גוט געקענט די ארבעטערשאפט פון די נאענטע פאבריקן און זאוואדן, איך האב געוואוסט וואו ווער עס האט אן איינפלוס א.א.וו. די מערהייט ארבעטער, וועלכע האבן באזוכט דאס קרייזל, איז געגאנגען אין שול און האט אנגעקניפט דארט נייע פארבינדונגען. האגאם קיין דירעקטער געשפרעך איז ניט געווען, נאר די

שילער האָבן גאַנץ גוט געוואוסט, אַז איך געהער צו אַ געוויסער גרופּע, און איך האָב געוואוסט, ווער פון זיי וואָס פאַר אַ קרייזלעך עס באַזוכט.

אין די קרייזלעך זיינען געפירט געוואָרן מאַרקסיסטישע לימודים. ס'איז דערקלערט געוואָרן דער מעהרווערט און ד. גל. נאָך די לימודים האָט מען געפירט שמועסן וועגן טאָגטעגלעכע אָנגעוויטיקטע פראַגן און דאָס איז געווען דער לעבהאַפטסטער טייל פונם געשפּרעך. די אַרבעטער האָבן דערציילט וועגן די אָרדענונגען אַף זייערע פאַבריקן און זאַוואָדן, וועגן די שרעקלעכע מאַיסים, וועלכע פלעגן האַרט אָפּגעטאָן ווערן, וועגן דער אומגעהויערער־עקספּלואַטאַציע.

אַלע זיינען אַנטציקט געוואָרן פון די פּערספּעקטיוון פונם עקאָנאָמישן קאַמף פון די אַרבעטער מיט די באַלעבאַטים און ס'האָט זיך אויסגעוויזן, אַז דורך דעם וועט געלונגען צו פאַרייניקן די ברייטע אַרבעטער־מאַסן.

פון ווילנע איז געקומען מאַרטאָוו און האָט געבראַכט די בראָשור „וועגן אַגיטאַציע", וועלכע האָט אַרויסגערופן הייסע דעבאַטן. עס איז באַשלאָסן געוואָרן אָנצוהויבן די אַגיטאַציע אויך אין פּעטערבורג מיט דער הילף פון פּראָקלאַמאַציעס. די זאַך איז געווען אַ נייע. ווי אַזוי פאַרשפּרייט מען זיי? אַף וואַסיליעווער אינזל פלעגט מען יאַקוהאַווע און ניעווזאַראַווע אָנלאָדן מיט פּראָקלאַמאַציעס. און יענע פלעגן זיך אויסמישן צווישן די אַרבעטערינס, וואָס זיינען געגאַנגען פון דער פאַבריק און טיילן זיי די פּראָקלאַמאַציעס. צומאָל פלעגט עמיצער פון די פּראָפּאַגאַנדירטע אַרבעטער זיך אַריינכאַפּן אין קליידער־צימער פון זאַוואָד און פאַנאַנדערלייגן די פּראָקלאַמאַציעס אין די קעשענעס פון די אַרבעטער־מאַנטלען. עמעס, אין אָנהויב איז די פּראָקלאַמאַציעס־אַגיטאַציע געווען זייער באַשיידן. אַזוי, לעמאָשל, האָט מען אַף דער „ניעווסקאַיאַ זאַסטאַוואַ" באַשלאָסן צו פאַרשפּרייטן די פּראָקלאַמאַציע באַ סעמיאָניקאָוון. די פּראָקלאַמאַציע האָט אָנגעשריבן לענין, — און מ'האָט זי איבערגעשריבן מיט דרוק־אויסיעס פון דער האַנט 4 עקזעמפּליאַרן. באַבושקין האָט זיי צעוואָרפן איבערן זאַוואָד. 2 פּראָקלאַמאַציעס האָבן אויפגעהויבן די וועכטער, און צוויי האָבן אויפגעהויבן אַרבעטער און זיי זיינען אַרומגעגאַנגען איבער די הענט, — דאָס האָט זיך דעמאָלט גערעכנט פאַר אַ גרויסן דערפאָלג. דורך דער שול איז געלונגען נאָכצופאָלגן דעם גאַנצן אַרבעטער-לעבן פון דער „ניעווסקאַיאַ זאַסטאַוואַ" און קלייבן אַ גאַנץ רייכן מאַטעריאַל. דורך דער שול פלעגט מען זיך אויך דערוויסן, וועלכע פּראָקלאַמאַציעס האָבן געהאַט דערפאָלג און וועלכע ניט. אין אַנדערע ראַיאָנען פלעגט דער מאַטעריאַל געקליבן ווערן אויסשליסלעך דורך די קרייזלעך...

אין פּרילינג האָט מען נאָכן אוילעם אָנגעהויבן שטאַרק נאָכשפּירן און דעריבער האָט מען באַשלאָסן אַף זומער זיך צעפאָרן, קעדיי צו פאַרווישן די שפּורן, און דערנאָך בייטן זיך מיט די ראַיאָנען... די אידייאישע אָפּגרעניצונג פון די „לעגאַלע מאַרקסיסטן" האָט זיך ניט געענדיקט מיטן געשפּרעך מיט סטרואַווען און פּאָטרעסאָוון. עס איז געמאַכט געוואָרן אַ פּרוּוו אַ־ויסצוגעבן צוזאַמען אַ לעגאַלע זאַמלונג פון אַרטיקלען. סטרואַווע און פּאָטרעסאָוו האָבן אויסגענוצט זייערע פאַרבינדונגען און צו פּרילינג איז דער זאַמלבוך געווען פאַרטיק. לענין האָט אַהין געגעבן אַן אַרטיקל מיט דער אונטערשריפט „טולין",

וואו ער האָט געפּרוּווט אנטוויקלען דעם שטאַנדפּונקט פון רעוואָלוציאָנערן מאַרקסיזם. האגאם די אויטאָרן האָבן זיך באַמיט צו ריידן ווי מעגלעך פאָרזיכטיק מיט א פאַרשטעלטער שפּראַך, דאָך זיינען די צענזאָרן געווען גענוג דורכגעטריבן. דעם זאַמלבוך האָט מען קאָנפיסקירט און פאַרברענט; עס איז געלונגען אָפּצוהאַלטן בלויז א פּאָר צענדליק עקזעמפּלאַרן ...

אין האַרבסט האָט זיך די גרופּע אומגעקערט און האָט פאָרגעזעצט איר אַרבעט. דערביי האָט זי אָנגענומען אַלע נויטיקע מיטלען פון פאָרזיכטיקייט. דאָך זיינען אין דעקאַבר פאָרגעקומען די ערשטע גרויסע אַרעסטן, — פון אונזער גרופּע זיינען אַרעסטירט געוואָרן 6 מענטשן: לענין, קרזשיזשאַנאָווסקי, א.א. מ׳האָט זיי שפּעטער אין שפּאַס גערופן „דעקאַבריסטן“.

ווען איך בין נאָכן אַרעסט פון די „דעקאַבריסטן“ געקומען צום ערשטן מאָל אין זונטיק־שול, האָט מיך באַבושקין אָפּגערופן אָן א זייט און האָט מיר איבערגעגעבן א פּראָקלאַמאַציע, וועלכע די אַרבעטער אַליין האָבן אָנגעשריבן וועגן די אַרעסטן פון דער גרופּע. די פּראָקלאַמאַציע איז אַרויסגעגעבן געוואָרן נאָכדעם, ווי די גרופּע האָט זי באַהאַנדלט, האַלט זיך, דעם 15-טן דעקאַבער. אויף דערזעלביקער פאַרזאַמלונג איז לויט מאַרטאָווס פאָרשלאָג די גרופּע אָנגערופן געוואָרן: „פאַרבאַנד פון קאַמף פאַר דער באַפרייאונג פונם אַרבעטער־קלאַס“...

אין אָנהויב פון זומער 1896 יאָר בין איך געפאָרן קיין קיעוו קעדיי זיך צונויפריידן וועגן אַרויסגעבן אן אַלגעמיינע אומלעגאַלע צייטונג און וועגן צוגרייטן דעם פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר. אין אָנהויב יולי האָב איך באַקומען א בריוו, פון יאַקובאָווא, וועלכע האָט מיך גערופן זיך טייקעף אומקערן קיין פּיטער, וואו עס איז אָנגעוואַקסן א שטרייק פון די טעקסטילער. איך האָב זיך צוגעאיילט און געקומען צום אָנהויב שטרייק. עס האָבן געשטרייקט 30 טויזנט טעקסטילער. די „געזעלשאַפט“, די „אינטעליגענץ“ האָט מיטגעהאָלפן דעמאָזיקן שטרייק, האָט געגעבן געלט, האָט באַהאַלטן ליטעראַטור. דאָס איז געווען די פרילינג-צייט פון דער רוסישער אַרבעטער־באַוועגונג, ווען די מערהייט פון דער „געזעלשאַפט“ האָט נאָך ניט געזען, צו וואָס זי וועט ברענגען.

דעם 12־טן אויגוסט איז די מערהייט באַווייזן, וועלכע זיינען אַריין פון אָנהויב אין דער גרופּע פון „פאַרבאַנד פון קאַמף“ אויך אַרעסטירט געוואָרן.

(נ. קרופּסקאַיא. אַרטיקל אין זשורנאַל „טוואָרטשעסטוואָ“ נומער 7—10 1920 ג.)

פּ. טוטשאַפּסקי

דער ערשטער צוזאַמענפאָר פון ר. ס. ד. א. פּ. (1898)

ערעוו דער אָפיציעלער עפענונג פון אונזערע זיצונגען האָבן מיר זיך צונויפגעקליבן בא גלעבן אַפן קוואַרטיר און געפירט א פּריוואַטלעכן געשפּרעך. די שטימונג איז געווען בא אַלעמען א געהויבענע. מיר האָבן אַלע געפילט, אַז מיר קלייבן זיך אָפּצוטאָן עפּעס א גרויסן איניען. אַלע זיינען מיר געווען באַ־

גייסטערט מיט ווילן אָפּצוטאָן אונזער אַרבעט ווי מעגלעך בעסער לעבאַלאַפּאָבעס, אַזאַ איינדרוק האָט עס אויף מיר געמאַכט.

אויפן צווייטן טאָג, 1 מאַרץ 10 אַזייגער פרי האָט זיך אין מינסק געעפנט דער צוזאַמענפאָר. אייגנטלעך, אַזאַ פייערלעכער אויסדרוק („געעפנט") פאַסט זיך אַהערצו קלאָל ניט: מיר האָבן זיך צונויפגעקליבן אין אַ קליין צימערל. געווען זיינען איבגאַנצן 9 מאַן (פונם „בונד" — אַלעקסאַנדר קרעמער, גליעב מוטניק, איסאַק; פון „ראַבאָטשאַיאַ גאַזעטאַ" — איידעלמאַן און ווינגראַדאַרטשוק, פון פעטערבורגער „פאַרבאַנד" — סטעפּאַן ראַדשענקאָ, פון מאָסקווע — אַלעקסאַנדר וואַנאָווסקי, פון קאַטערינאָסלאַוו — פּעטרוסעוויטש, און פון קיעוו — איך). קיינע פאָרמאַליטעטן. ניט בלויז קיין פּרעזידיום, נאָר אַפילע קיין פאָרזיצער האָבן מיר פאָרמעל ניט אויסגעקליבן. קיין פּראָטאָקאָלן פון די זיצונגען האָבן מיר ניט געפירט (צוליב קאָנספּיראַטיווע טאַמימים). ס'זיינען פאַרשריבן געוואָרן בלויז די באַשלוסן.

ניט געקוקט דערויף, וואָס פאָרמעל האָבן מיר קיין פאָרזיצער ניט אויסגעקליבן, איז די אַרבעט פון צוזאַמענפאָר געפירט געוואָרן איינציק און זאַכלעך. קווידעמקאָל איז געלייזט געוואָרן די פראַגע וועגן דער נויטיקייט צו שאַפן אַ פּאַרטיי. פאַרשטייט זיך, אַז קיין בעלוקעדייעס זיינען דערביי ניט געווען... אַנדערש, וצו וואָס זיינען מיר זיך צונויפגעפאָרן?

אַביסל מער צייט איז אַוועק אויף צו באַשטימען דעם נאָמען פון פּאַרטיי. איין פאָרשלאָג איז געווען אָנצורופן די פּאַרטיי „רוסישע", און אַ צווייטער — „רוסלענדישע"; דער לעצטער פאָרשלאָג האָט געזיגט אויף דעם סמאַך, וואָס די פּאַרטיי וועט האַרפן פאַרייניקן ניט בלויז רוסישע אַרבעטער און ענגן זין פון וואָרט, נאָר אויך אַרבעטער פון אַלע נאַציאָנאַליטעטן פון רוסלאַנד.

קעגן אָנרופן די פּאַרטיי „סאָציאַלדעמאָקראַטישע" — זיינען ניט געווען קיינע דערהווידערונגען.

ס'איז געווען אַ פאַרשלאָג איינצושליסן אין נאָמען פון פּאַרטיי אויך דאָס וואָרט „אַרבעטער", נאָר פאַרן דאָזיקן פאַרשלאָג האָבן זיך אַרויסגעזאָגט בלויז 4 פון 9 שטימען (דאָס וואָרט „אַרבעטער" האָט מען איינגעשלאָסן שפּעטער, באַם צונויפשטעלן דעם „מאַניפעסט", מיטן העסקעם פון צוויי מיטגלידער פון צענטראַל-קאָמיטעט, וועלכע זיינען געבליבן ניט אַרעסטירט נאָכן צוזאַמענפאָר).

די קעגנער פונם דאָזיקן פאָרשלאָג האָבן געטאַינעט, אַז זיי ווילן ניט באַשאַפן קיין פיקציע: אין פּאַרטיי האָט זיך דערווייל גערעכנט זייער אַ אומבאַדייטנדיקע צאָל אַרבעטער.

פון די באַריכטן פון די ערטער האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די מיטגלידער פון צוזאַמענפאָר זיינען צווישן זיך אינגאַנצן סאָלידאַר אין דער פראַגע וועגן פּראָפּאַגאַנדע און אַגיטאַציע.

דערנאָך איז מען צוגעטראָטן צו באַהאַנדלען די פראַגע, ווי אַזוי צו אָרגאַניזירן די פּאַרטיי. מ'האָט אויסגעקליבן אַ צענטראַל-קאָמיטעט פון דריי פאַרשטייער (איידעלמאַן פון „ראַבאָטשאַיאַ גאַזעטאַ", סטעפּאַן פון „פעטערבורגער פאַרבאַנד" און אַלעקסאַנדר פון „בונד"). קעדיי דער צענטר זאָל ניט דריקן אויף

די אָרטיקע אָרגאַניזאַציעס (וועלכע האָבן זיך שוין געדאַרפט רופן „פּאַרטיי־קאָמיטעטן“), איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז די קאָמיטעטן זיינען אויטאָנאָם אין זייערע אָרטיקע אינינאָנים, און אַז זיי האָבן אַפילע דאָס רעכט ניט צו פאָלגן די באַשלוסן פון צ.ק. זיי זיינען דערביי בלויז מעבויעוו אָנווייזן די סיבע פון ניט פאָלגן. דער „בונד“ איז אָנערקענט געוואָרן אַלס אויטאָנאָמע אָרגאַניזאַציע אין יענע אינינאָנים, וועלכע זיינען נויגייע דעם אידישן פּראָלעטאַריאַט.

די „ראַבאָטשאַיאַ גאַזעטאַ“ איז באַשלאָסן געוואָרן צו פאַרוואַנדלען אין אַ אַלפּאַרטייאישן אָרגאַן, וועלכער וועט אַרויסגעגעבן דורכן צענטראַל־קאָמיטעט.

ס'איז אויך געשטאַנען די פראַגע וועגן דער באַציאונג פון פּאַרטיי צום אויסלענדישן „פאַרבאַנד פון רוסישע סאָציאַלדעמאָקראַטן“ מיט דער גרופּע „באַפרייאונג פון אַרבעט“ בעראָש. ס'איז באַשלאָסן געוואָרן פאָרצושלאָגן דעם „פאַרבאַנד“, ער זאָל ווערן דער אויסלענדישער קאָמיטעט פון פּאַרטיי און וואָס ענגער זיך מיט אים פאַרבינדן.

דערמיט איינטליך האָבן זיך פאַרענדיקט די זיצונגען פון צוזאַמענפאָר, וועלכער האָט געדויערט 3 טעג (1, 2 און 3 מאַרט). אין די האַפּסאָקעס צווישן די זיצונגען האָט דער אויסגעווײלטער צ.ק. אָפּגעהאַלטן זיינע ערשטע באַראַטונגען, ווי אַזוי אַף ווייטער אַוועקצושטעלן די אַרבעט.

דעם 3־טן מאַרט אָוונט האָבן מיר זיך צונויפגעזאַמלט צו פאַרברענגען צוזאַמען דעם אָוונט פאַרן אָפּפאָרן. די שטימונג איז געווען בא אַלעמען אַ געהויבענע. מיר האָבן געפילט און אָנערקענט, אַז מיר האָבן געמאַכט דעם אָנהויב צו פאַראייניקן דעם אַרבעטער־קלאַס פון גאַנץ רוסלאַנד און קאַמף פאַר אַ ליכטיקער צוקונפט, פאַרן סאָציאַליזם.

מ'האָט געהאַלטן אויפריכטיקע טאָסטן, מ'האָט זיך געווינטשעוועט דערפאָלג אינם ווייטערדיקן קאַמף... „זאָל די ניי־באַשאַפענע פּאַרטיי ניט זיין קיין טויט־געבוירן קינד“ — האָט איין באַוועט געזאָגט אין זיין טאָסט. פונקט דאָס זעלביקע האָבן איבערגעכאַזערט אַלע איבעריקע.

מיר זיינען זיך פאַנאַנדערגעפאָרן פונם צוזאַמענפאָר מיט אַ טיפן גלייבן אין אונזער זאַך. נאָך מיין קומען קיין קיעוו — האָב איך אָפּגעגעבן אַ באַריכט וועגן צוזאַמענפאָר פאַר די באַוויירים פון „פאַרבאַנד“ און פונם „אַרבעטער־קאָמיטעט“. אַלע זיינען געווען צופרידן מיט די באַשלוסן פונם צוזאַמענפאָר, ס'האָט זיך געדוכט, אַז איצט וועט די אַרבעט אַוועק מיט מער דערפאָלג, ווי ביז איצט.

ניט שפּעטער ווי אין אַ וואָך אַרום האָבן זיך אָנגעהויבן מאַסן־אַרעסטן אין קיעוו, מאָסקווע, קאַטערינאָסלאַוו און אין אַנדערע שטעט.

שפּעטער אַביסל האָט דאָסזעלביקע פּאַסירט אינם בונדישן ראַיאָן.

די פּאַרטיי האָט ניט באַוויזן אָנהויבן צו לעבן. זי איז אָבער ניט געווען טויט־געבאָרן. עמעס טאַקע, ס'איז ניט געווען קיין פּאַרטיי־אַפּאַראַט. שוין אָבער דער נאָמען אַליין פון פּאַרטיי האָט אַרום זיך פאַראייניקט די צעשפּליטערטע ביז איצט אָרגאַניזאַציעס. זיי האָבן זיך שוין מער ניט געפילט עפּעס אָפּגעזונדערט, קליין און נעבעכדיק. יעדע פון זיי האָט געפילט, אַז זי איז אַ טייל פון עטוואָס

גרויסער, גאַנצער, אויב נאָך ניט אין דער ווירקלעכקייט, איז אין דער אידייע.

און דעריבער רעכנט די פּאַרטיי מיט רעכט דעם ערשטן צוזאַמענפאָר אַלס אָנפאַנג־פונקט פון איר עקזיסטענץ ...

(פון ל. טוטשאַפּסקיס זיכרוינעס).

מאַניפעסט און באַשלוסן פונם 1-טן צוזאַמענפאָר

1. מאַניפעסט פון דער רוסלענדער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אַרבעטער־פּאַרטיי.

מיט 50 יאָר צוריק האָט זיך איבער אייראָפּע דורכגעטראָגן דער אָפּפרישנדיקער געוויטער פון דער רעוואָלוציע פון 1848־טן יאָר.

צום ערשטן מאָל איז אף דער אַרענע פון דער געשיכטע אַרויסגעטראָטן — אַלס אַ גרויסע היסטאָרישע קראַפט — דער מאָדערנער אַרבעטער־קלאַס. מיט זיינע קרעפטן האָט זיך דער בורזשואַזיע איינגעגעבן אויסצוקערן אַ פולע פאַרעלטערטע רעשטלעך פון דער פעאָדאַל־מאָנאַרכיסטישער אָרדענונג. גאָר אינגיכן האָט אָבער די בורזשואַזיע איינגעזען אין איר נייעם פאַרבינדעטן אַ ביטערן סוינע פאַר זיך. זי האָט דעריבער אי זיך, אי אים, אי די פרייהייט, איבערגעגעבן אין די הענט פון דער רעאַקציע. ס'איז שוין אָבער געווען צו שפּעט: אין 10 — 15 יאָר אַרום האָט זיך דער אַרבעטער־קלאַס ווידער באַוויזן אף דער אַרענע פון דער געשיכטע מיט געטאָפּלטע קויכעס, מיט אַן אויסגעוואַקסענעם זעלבסטבאַוואוסטזיין, אַלס אַ ריפער קעמפער פאַר זיין ענדלעכער באַפרייאונג.

רוסלאַנד איז ווי ס'איז באַוואוסט די גאַנצע צייט פאַרבליבן אָן אַ זייט פון דעם גרויסן שליאַך פון דער היסטאָרישער באַוועגונג. אויסערלעך איז ניט געווען קענטיק, אַז אין איר קומט פאָר אַ קלאַסן־קאַמף. אַזאַ קאַמף האָט זיך אָבער אינדערעמעס געפירט, ער איז געוואָרן אַלץ ריפער און שאַרפער. די רוסישע רעגירונג אַליין האָט מיט גרויס האַסמאָדנע געזייט די קערנדלעך פון קלאַסן־קאַמף. זי האָט בעדאַלעם געשטעלט די פויערים, האָט זיך אָנגענומען די קריוודע פון די פריצים, האָט אפן כעשבן פון דער האָרעפּאַשנער באַפעלקערונג אויסגעהאָדעוועט גרויסע קאַפּיטאַליסטן. די בורזשואַזע קאַפּיטאַליסטישע אָרדענונג קאָן אָבער ניט געמאָלט זיין אָן אַ פּראָלעטאַריאַט, אָן אַן אַרבעטער־קלאַס. צוזאַמען מיטן קאַפּיטאַליזם ווערט געבאָרן דער אַרבעטער־קלאַס, וואַקסט מיט אים צוזאַמען, שטאַרקט זיך און ווערט אַלץ מער געשטויסן צום קאַמף קעגן דער בורזשואַזיע.

דער רוסישער פאַבריק־אַרבעטער, סאַי דער פרייער, סאַי דער לייבקנעכט, האָט שטענדיק געפירט אַן אָפענעם און אַ באַהאַלטענעם קאַמף מיט זיינע עקספּלואַטאַטאָרן. וואָס מער עס האָט זיך אַנטוויקלט דער קאַפּיטאַליזם, אַלץ גרעסער איז געוואָרן דער מאַסשטאַב פון דעמדאָזיקן קאַמף, אַלץ גרעסערע שיכטן פון דעם אַרבעטער־קלאַס זיינען אַריינגעצויגן געוואָרן אין אים. די אויפוואַ־

כונג פון דעם קלאַסן זעלבסט־באַוואוסטזיין פון דעם רוסישן אַרבעטער־קלאַס און דער וואוקס פון דער סטיכיאישער אַרבעטער־באַוועגונג זיינען צונויפגעפאַלן מיט דער אַנטוויקלונג פון דער צווישנפעלקערלעכער סאָציאַלדעמאָקראַטיע, וועלכע איז געוואָרן די טרעגערין פון קלאַסן־קאַמף און פון קלאַסן־אידעאַל פון די באַוואוסטזיניקע אַרבעטער אין דער גאַנצער וועלט. אַלע רוסישע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס האָבן באַוואוסטזיניק, אָדער ניט באַוואוסטזיניק, שטענדיק געאַרבעט אין גייסט פון די סאָציאַלדעמאָקראַטישע אידייען. אַ גאַנצע רײ שטרייקן, וועלכע זיינען פאָרגעקומען פאַר דער לעצטער צייט אין רוסלאַנד און אין פוילן, איבערהויפּט די באַרימטע שטרייקן פון די פעטערבורגער וועבער און שפּינער אין 1896 און 1897־טן יאָרן, האָבן בוילעט באַוויזן, וואָס פאַר אַ ראָל און וואָס פאַר אַ באַדייטונג עס האָט באַקומען די אַרבעטער־באַוועגונג און די סאָציאַלדעמאָקראַטיע, וועלכע שפּאַרט זיך אָן אויף איר. דיזאַזיקע שטרייקן האָבן געצוואונגען די צאַרישע רעגירונג אַרויסצוגעבן דעם געזעץ פון 2־טן יוני 1897־טן יאָר וועגן דער לענג פון אַרבעטסטאָג. וויפל בעסערונגען דערהאַזיקער געזעץ זאָל ניט האָבן, דאָך דינט ער פאַרן בעסטן באַוויז, ווי שטאַרק עס איז דער דרוק פון די אַרבעטער, וועלכע האָבן געקאָנט צווינגען די רעגירונג אַרויסגעבן אַזאַ געזעץ. אומזיסט אָבער מיינט די רעגירונג, אַז מיט האַנאָכעס וועט זי קאָנען באַרואיקן די אַרבעטער. וואָס מער מע גיט דעם אַרבעטער־קלאַס, אַלץ מער פאָדערונגען שטעלט ער אומעטום אַרויס. האָסועלביקע וועט אויך זיין מיטן רוסישן פּראָלעטאַריאַט. ביז איצטער פלעגט מען אים געבן נאָר בלויז ווען ער פלעגט פאָדערן, און אויף ווייטער וועט מען אים געבן בלויז דאָס, וואָס ער וועט פאָדערן.

און אין וואָס נאָר נייטיקט זיך ניט דער רוסישער אַרבעטער־קלאַס; אים פעלט לאַכלוטן דאָס, מיט וואָס עס באַנוצן זיך פריי און רואיק זיינע באַוויירים אין אויסלאַנד: אָנטיילנעמען אין פאַרוואַלטן מיט דער מעלוכע, פרייהייט פון מינדלעכן און געדרוקטן וואָרט, פרייהייט פון פאַרזאַמלונגען, פון פאַריינען א.א.וו. בעקיצער — אים פעלן די אַלע געצייג און מיטלען, מיט וועלכע דער מאַירעוו־איראָפּעיִשער און אַמעריקאַנער פּראָלעטאַריאַט פאַרבעסערט זיין לאַגע און פירט צוזאַמען מיט דעם זיין קאַמף פאַר זיין ענטגילטיקער באַפרייאונג, דעם קאַמף קעגן פּריוואַט־אייגנטום, קעגן קאַפּיטאַליזם, פאַר סאָציאַליזם. ווי אַ מענטש נייטיקט זיך אין ריינער לופט צום אָטעמען, אַזוי נויטיקט זיך דער רוסישער פּראָלעטאַריאַט אין פּאָליטישער פרייהייט. זי איז דער גרונט־באַדינג פון זיין פרייער אַנטוויקלונג, פון זיין דערפאָלגרייכן קאַמף פאַר טיילווייזע פאַרבעסערונגען און פאַר אַנטגילטיקער באַפרייאונג.

אָבער אָט די פּאָליטישע פרייהייט, וועלכע איז אַזוי נייטיק דעם רוסישן פּראָלעטאַריאַט, קאָן ער אויסקעמפן בלויז מיט זיינע אייגענע קויכעס.

וואָס ווייטער צו מיזרעך־איראָפּע, אַלץ פּאָליטיש שוואַכער, פּאַכדאָנעסדיקער און עקלהאַפטער ווערט די בורזשואַזיע, אַלץ גרעסערע פּאָליטישע און קולטורעלע אויפגאַבן פאַלן אויס אויפן כיילעק פון פּראָלעטאַריאַט. דער רוסישער פּראָלעטאַריאַט דאַרף און וועט אויסטראָגן אויף זיינע שטאַרקע פּלייצעס די שווע־

רע אויפֿגאַבע פון אויסקעמפן פּאָליטישע פרייהייט. דאָס איז דער נויטיקער אָבער באַזונדער שווערער ערשטער טראָגט צו דער גרויסער היסטאָרישער מיסיע, וואָס דער פּראָלעטאַריאַט האָט פאַר זיך געשטעלט: — שאַפן אַזאַ געזעלשאַפט־לעכע אָרדענונג, בײַ וועלכער איין מענטש וועט ניט עקספּלואַטירן דעם צווייטן. דער רוסישער פּראָלעטאַריאַט וועט אַראָפּוואַרפן פון זיך דעם יאָך פון זעלבסט־הערשונג, כדי מיט מער ענערגיע פאָרצוזעצן דעם קאַמף מיטן קאַפּיטאַליזם און מיט דער בורזשואַזיע ביזן פולן ניצחון פון סאָציאַליזם.

די ערשטע שריט פון דער רוסישער אַרבעטער־באַוועגונג און פון דער רו־סישער סאָציאַלדעמאָקראַטיע האָבן ניט געקענט ניט זײַן צעשפּליטערטע, אין אַ געוויסן זין — צופעליקע, אָן פּלאַן און אָן איינהייט. איצטער איז געקומען די צײַט צו פאַראייניקן די אָרטיקע קרײַזן, די קרײַזלעך און אָרגאַניזאַציעס פון דער רוסישער סאָציאַלדעמאָקראַטיע אין איין „רוסלענדער סאָציאַלדעמאָ־קראַטישער אַרבעטער־פּאַרטיי". מיט דער דאָזיקער אָנערקענונג האָבן די פאָר־שטייער פון די „פאַרבאַנדן פון קאַמף פאַר דער באַפרײַאונג פון אַרבעטער־קלאַס", פון דער גרופּע, וועלכע גיט אַרויס די „ראַבאָטשאַיאַ גאַזעטאַ" (אַרבע־טער־צײַטונג), פון דעם אַלגעמיינעם אידישן אַרבעטער־בונד אין רוסלאַנד און פּוילן" אײַנגעאָרדנט אַ צוזאַמענפאָר, די באַשלוסן פון וועלכן ווערן דאָ גע־בראַכט.

פאַראייניקט אין איין פּאַרטיי, אָנערקענען די אָרטיקע גרופּעס די גאַנצע וויכטיקייט פון דעם דאָזיקן שריט און די באַדײַטונג פון דער פאַראַנט־וואָרטלעכקייט, וועלכע דרינגט פון אים אַרויס. דערמיט ווערט ענדגילטיק פאַר־פעסטיקט דער איבערגאַנג פון דער רוסישער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג אין אַ נײַער עפּאָכע פון באַוווּסטזיניקן קלאַסן־קאַמף. אַלס סאָציאַליסטישע ריכטונג און באַוועגונג, זעצט די רוסלענדער סאָצ.־דעמאָקראַטישע אַרבעטער־פּאַרטיי פאָר די זאַך און די טראַדיציעס פון דער פריערדיקער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג אין רוסלאַנד און שטעלנדיק אַלס הויפּטזאַכלעכע פון די נאָענטסטע אויפֿגאַבן פון דער פּאַרטיי אַלס גאַנצער — אויסצוקעמפן די פּאָליטישע פרייהייט, פירט די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע צו דעם זעלביקן צוועק, וועלכער איז שוין קלאָר אָנגעצייכנט גע־וואָרן דורך די רומפולע טוער פון דער אַלטער „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ". די מיט־לען אָבער און די וועגן, וועלכע די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע צייכנט אָן פאַר זיך, זײַנען שוין אַנדערע. די סאָציאַלדעמאָקראַטיע רעכנט זיך אין איר אויסוואַל פון די אָדער יענע מיטלען דערמיט, וואָס זי וויל באַוווּסטזיניק זײַן און פאַר־בלײַבן אַ קלאַסן־באַוועגונג פון די אָרגאַניזירטע אַרבעטער־מאַסן. זי איז פעסט איבערצײַגט, אַז „די באַפרײַאונג פון אַרבעטער־קלאַס קאָן דערגרייכט ווערן בלויז דורך אים גופא". מיט אָט דעם גרונט־כלל פון דער צווישנפעלקערלע־כער סאָציאַלדעמאָקראַטיע, וועט זי קאָאָרדינירן אַלע אירע מאַסים.

זאָל לעבן די רוסישע, זאָל לעבן די צווישנפעלקערלעכע סאָציאַל־דעמאָ־קראַטיע!

באַשלוסן פונם צוזאַמענפאָר.

1) די אָרגאַניזאַציעס: „פאַרבאַנד פון קאַמף פאַר באַפרייאונג פון אַרבעטער־קלאַס", די גרופע „חאַבאַטשאַיאַ גאַזעטאַ" און „דער אַלגעמיינער אידישער אַרבעטער־בונד אין רוסלאַנד, און אין פוילן" — גיסן זיך צונויף אין אן אייניציקער אָרגאַניזאַציע מיטן נאָמען „רוסלענדער סאָציאַלדעמאָקראַטישע אַרבעטער־פּאַרטיי". דער „אַלגעמיינער אידישער אַרבעטער־בונד" גייט אַריין אין דער פּאַרטיי, אַלס אויטאָנאָמע אָרגאַניזאַציע, וועלכע איז זעלבסשטענדיק אין פראַגן, וואָס באַרירן ספּעציעל דעם אידישן פּראָלעטאַריאַט.

2) דער אויספיר־אָרגאַן פון פּאַרטיי איז דער צענטראַל־קאָמיטעט, ער ווערט אויסגעקליבן דורכן פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר, וועלכן ער גיט אויך אָפּ א דין־וחשבון וועגן זיין טעטיקייט.

3) אין די פליכטן פון צענטראַל־קאָמיטעט גייט אַריין:

א) זאָרגן וועגן דער פּלאַנמעסיקער אַרבעט פון דער פּאַרטיי (פאַנאַנדערטיילן קויכעס און מיטלען, אַרויסשטעלן און דורכפירן אייגאַרטיקע פאָדערונגען א.ד.גל.); דער צענטראַל־קאָמיטעט האַלט זיך דערביי בא די אַלגעמיינע אָנווייזונגען, וועלכע ער באַקומט פון די פּאַרטיי־צוזאַמענפאָרן.

ב) שאַפן און צושטעלן ליטעראַטור פאַר די אָרטיקע קאָמיטעטן.

ג) אָרגאַניזירן אַזעלכע אונטערנעמונגען, וועלכע האָבן א באַדייט פאַר גאַנץ רוסלאַנד (פייערונג פון ערשטן מאַי, אַרויסלאָזן בלעטלעך וועגן וויכטיקע פראַגן, הילף פאַר שטרייקנדיקע אַרבעטער).

4) אין באַזונדערס וויכטיקע פאַלן האַלט זיך דער צענטראַל־קאָמיטעט בא פאָלגנדיקע פּרינציפּן:

א) אין פראַגן, וועלכע קאָנען אָפּגעלייגט ווערן — איז דער צענטראַל־קאָמיטעט מחויב צו ווענדן זיך נאָך אָנווייזונגען צום פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר.

ב) אין פראַגן אָבער, וועלכע קאָנען ניט אָפּגעלייגט ווערן — האַנדלט דער צענטראַל־קאָמיטעט זעלבשטענדיק, דער באַשלוס מוז אָבער זיין איינשטימיק אָנגענומען. וועגן אָפּגעמאַכטע גיט דער צ.ק. אָפּ דין־וחשבון פאַרן נאָענטסטן אָרדענטלעכן אָדער אויסערארדנטלעכן פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר.

5. דער צענטראַל־קאָמיטעט האָט דאָס רעכט צו פאַרפילן זיין באַשטאַנד מיט נייע מיטגלידער.

6. די פּאַרטיי־מיטלען וועלכע געפינען זיך אין רשות פון צענטראַל־קאָמיטעט ווערן געשאַפן:

א) פון פרייוויליקע איינמאָליקע אָפּצאָלונגען מיצאַד די אָרטיקע קאָמיטעטן אין מאָמענט, ווען ס'בילדעט זיך די פּאַרטיי.

ב) פון פרייוויליקע פּעריאָדישע אָראָפּרעכענונגען פון די מיטלען, וואָס ס'באַזיצן די אָרטיקע קאָמיטעטן.

ג) פון ספּעציעלע זאַמלונגען פאַר דער פּאַרטיי.

7) די אָרטיקע קאָמיטעטן פילן אויס די באַשלוסן פונם צענטראַל-קאָמיטעט — אין אַזאַ פאָרם, ווי זיי געפינען עס פאַר מער פּאַסיק, לויט די אָרטיקע באַדינגונגען.

אין אויסשליסלעכע פאַלן האָבן די אָרטיקע קאָמיטעטן דאָס רעכט זיך אָפּצוזאָגן אויספילן די סיבעס פונם צענטראַל-קאָמיטעט. דערביי האָבן זיי אָבער מעלדן די סיבעס פונם אָפּזאָג. אין אַלע איבעריקע הינזיכטן — האַנדלען די אָרטיקע קאָמיטעטן גאַנץ זעלבסשטענדיק, אין העסקעם, געוויינלעך, מיט דער פּאַרטיי-פּראָגראַם.

8) דורכן צענטראַל-קאָמיטעט טרעט די פּאַרטיי אַריין אין באַציאונגען מיט אַנדערע רעוואָלוציאָנערע אָרגאַניזאַציעס, — אויף וויפל דאָס רירט ניט אָן אירע פּראָגראַם-פּרינציפּן און טאַקטיק-מעטאָדן.

די פּאַרטיי אָנערקענט פאַר יעדער נאַציאָנאַליטעט דאָס רעכט אויף זעלבסטבאַשטימונג.

אָנמערקונג: אָרטיקע קאָמיטעטן קאָנען אַריינטרעטן אין באַציאונגען מיט אַנדערע אָרגאַניזאַציעס בלויז מיטן העסקעם און לויט די אָנווייזונגען פונם צענטראַל-קאָמיטעט.

9) דער העכסטער פּאַרטיי-אָרגאַן איז דער צוזאַמענפאָר פון פאָרשטייער פון די אָרטיקע קאָמיטעטן. דאָ קאָנען זיין אָרדנטלעכע און אויסעראָרדנטלעכע צוזאַמענפאָרן, יעדער אָרדנטלעכער צוזאַמענפאָר באַשטימט די צייט פונם פאָלגנדיקן אָרדנטלעכן צוזאַמענפאָר. אויסעראָרדנטלעכע צוזאַמענפאָרן ווערן צונויפגערופן דורכן צענטראַל-קאָמיטעט, סיי לויט זיין אייגענער איניציאַטיוו, סיי לויט דער פאָדערונג מיטאָר צוויי דריטל פון דער אַלגעמיינער צאָל אָרטיקע קאָמיטעטן.

10) דער „פּאַרבאַנד פון רוסישע סאָציאַל-דעמאָקראַטן" אין אויסלאַנד שטעלט מיט זיך פאָר אַ טייל פון דער פּאַרטיי און איז איר אויסלענדישער פאָרשטייער.

11) די „ראַבאָטשאַיאַ גאַזעטאַ" ווערט דער אָפיציעלער אָרגאַן פון דער פּאַרטיי.

אַן אויספירלעכע פּראָגראַם פון דער פּאַרטיי וועט פאַרעפנטלעכט ווערן נאָכדעם ווי די אָרטיקע קאָמיטעטן וועלן זי באַהאַנדלען.

מ. פרומקינא (עסטער)

דער לעגאַלער מאַרקסיזם.

אין מיטן פון די ניינציקער יאָרן האָט די צענזור אָנגעהויבן צו דערלאָזן לעגאַלע מאַרקסיסטישע ליטעראַטור. אין 1894 יאָר איז אַרויסגעגאַנגען סטרואַוועס בוך, „קריטישע נאָטיצן צו דער פראַגע וועגן דער עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג פון רוסלאַנד", אַביסל שפּעטער איז אַריבער צו די מאַרקסיסטן דער פריערפּאָלקיסטישער זשורנאַל „נאָוואָיע סלאָוואָ", נאָך שפּעטער זיינען אַרויסגעגאַנ-

גען נאָך אַנדערע זשורנאַלן — „זשיזן“, „נאַטשאַלאַ“. געדרוקט מאַרקסיסטישע אַרטיקלען האָבן אויך „נאַטשנאַיאַ אָבאָזרעניע“, שפּעטער „אָבראַזאָוואַניע“ אין דיזאָזיקע זשורנאַלן האָבן געשריבן אַרטיקלען אויך רעוואָלוציאָנערע מאַרקסיסטן. אָבער אין פֿיל ביכער און אַרטיקלען, קלוימערשט מאַרקסיסטישע, האָט זיך דעמאָלט אויסגעדריקט אַ ריכטונג, וועלכע איז געווען ניט קיין פּראָלעטאַרישע, נאָר אַ בורזשואַז־ליבעראַלע, און וועלכע איז אַריין אין דער געשיכטע פֿון דער רוסלענדישער אַרבעטער־באַוועגונג מיטן נאָמען „לעגאַלער מאַרקסיזם“. די וויכטיקסטע פֿאָרשטייער פֿון דערדאָזיקער ריכטונג זיינען געווען סטרוּווע און טוגאַן־באַראַנאָווסקי. סטרוּווע איז איצט אַ באַרימטער קאָנטר־רעוואָלוציאָנער. טוגאַן־באַראַנאָווסקי איז שוין אויך אינגיכן אַוועק אין לאַגער פֿון דער בורזשואַזיע. דעמאָלט אָבער האָבן אונזערע רעוואָלוציאָנערע מאַרקסיסטן מיט די אַלע לייט געאַרבעט צוזאַמען, און דער ערשטער מאַניפֿעסט פֿון דער רוסלענדישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אַרבעטער־פּאַרטיי איז געשריבן פֿון סטרוּווען.

ניט נאָר די אַרבעטער, נאָר אויך די פֿאָרגעשריטענע בורזשואַזיע האָט געדאַרפֿט פֿירן אַ קאַמף אַקעגן פֿאָלקיזם. פֿאַרוואָס?

די מאַרקסיסטן האָבן אויפֿגעוויזן, אַז די פֿאָרקאַפּיטאַליסטישע פֿאַרהעלטענישן אין דאָרף זיינען רעאַקציאָנער, אַז זיי דאַרפֿן פֿאַרניכטעט ווערן און ווערן דורכן לעבן אַליין אונטערגראָבן. זיי האָבן אויפֿגעוויזן, אַז די אַנטוויקלונג פֿון קאַפּיטאַליזם איז אומפֿאַרמיידלעך, אַז דער קאַפּיטאַליזם איז אַ שריט פֿאָרווערטס אין פֿאַרגלייך מיט דער אַלטער פֿריצישער אָרדענונג.

אַט דער טייל פֿון דער מאַרקסיסטישער טעאָריע, אַן איר עווענטועל־דיקע רעוואָלוציאָנערע אויספֿירן וועגן פּראָלעטאַריאַט, וועגן זיין רעוואָלוציאָנערער ראָליע, וועגן דער נויטיקייט צו אָרגאַניזירן אים און צו פֿירן אים אין קאַמף אַקעגן דער בורזשואַזיע, וועגן דעם אומפֿאַרמיידלעכן אונטערגאַנג אויך פֿון קאַפּיטאַליזם א. א. וו. — אָן די אַלע אויספֿירן איז די טעאָריע וועגן דעם, אַז דער קאַפּיטאַליזם דאַרף זיך אַנטוויקלען — נאַטירלעך געווען זייער סימפּאַטיש פֿאַר דער בורזשואַזיע. דערווייזן, אַז די אַנטוויקלונג פֿון דער גרויסער אינדוסטריע איז ניט קיין אוטאָפּיע — האָט פֿאַר די רעוואָלוציאָנערע מאַרקסיסטן באַדייט דערווייזן, אַז ס'ווערט געבאָרן דער רוסלענדישער פּראָלעטאַריאַט, דער טרעגער פֿון דער רעוואָלוציע. דערווייזן, אַז די אַנטוויקלונג פֿון דער גרויסער אינדוסטריע איז ניט קיין אוטאָפּיע — האָט פֿאַר דער בורזשואַזיע באַדייט: פֿאָדערן בא דער רעגירונג יעדע מעגלעכע און אוממעגלעכע שטיצע און האַנאַכעס פֿאַרן קאַפּיטאַל, סובסידיעס, פּרעמיעס, מעגלעכע־באַשטעלונגען פֿאַר מעשונעדיק הויכע פּרייזן, פֿאָדערן אַ פּאָליטיק, וואָס זאָל באַשיצן די רוסלענדישע אינדוסטריע פֿון דער קאָנקורענץ פֿון די אויסלענדישע סכוירעס א. א. וו. די אידייע וועגן דער פּראָגרעסיווקייט פֿון קאַפּיטאַליזם האָט נאַטירלעך זייער אויסגענומען בא דער בורזשואַזיע. מע האָט נאָר געדאַרפֿט אַרויסנעמען פֿון דער מאַרקסיסטישער טעאָריע איר רעוואָלוציאָנערן טאָך.

מע האָט געדאַרפֿט פֿאַרשטעלן די זאַך אַזוי, אַז אַרבעטער זאָלן האַלטן

דעם קאפיטאליזם פאר זייער אויסלייזער פון דער מיטלאלטערלעכער שקלאפע־ריי, פאר דעם טרעגער פון א נייעם קולטורעלן לעבן, און זאָלן בעשום אויפן ניט אנשטרויסן זיך, אז דער קאפיטאליזם באטייט קלאסן־קעגנזאצן, קלאסן־קאמף און דער קאפיטאליזם באשאפט דעם פראָלעטאריאט, קעדיי דער לעצטער זאָל סאָפקאָלסאָף מיט זיין קאמף פארניכטן דעם קאפיטאליזם.

די מיסיע צו באארבעטן דעם מארקסיזם האָבן גענומען אף זיך (נאַ־טירלעך, אָפט איגנאָרירנדיק אומבאוואוסטזיניק) יענע מענטשן, וועלכע האָבן אין דער געשיכטע פון דער רוסלענדישער ארבעטערבאוועגונג באקומען דעם נאָמען — „לעגאלע מארקסיסטן".

דער טיפישער פארשטייער פון דער דאָזיקער ריכטונג איז געווען סטרוּווע וועלכער האָט אין 1894 פארעפנטלעכט זיין בוך „קריטישע נאָטיצן צו דער פראַ־גע וועגן דער עקאָנאָמישער אנטוויקלונג פון רוסלאנד".

דער בוך איז געווען א שארפע און גלענצנדע קריטיק פון פאָלקיזם. מיט די קלאָרסטע און איבערצייגנדיקסטע ארגומענטן האָט סטרוּווע באוויזן, ווי רעאקציאָנער און אוטאָפּיסטיש עס זיינען אלע פאָלקיסטישע פאנטאזיעס וועגן דעם, אז רוסלאנד קאָן קומען צום סאָציאליזם אָן קאפיטאליזם. דער קאפיטא־ליזם איז אומפארמיידלעך, ער איז פאר רוסלאנד א פארשריט, א פראָגרעס. ער טראָגט קולטור, באנייאונג. און דער בוך ענדיקט זיך מיט די ווערטער: אלזאָ, לאָמיר אָנערקענען אונזער ניט קולטורעלקייט, לאָמיר גיין אין ביידער צום קא־פיטאליזם".

דער בוך איז מיט דער גרעסטער באגייסטערונג אויפגענומען געוואָרן דורך דער דעמאָלטיקער מארקסיסטישער יוגנט. קיינער האָט ניט באמערקט, אז הא־גאם סטרוּוועס שפראך איז א מארקסיסטישע און ער קלאפט טאקע די פאָל־קיסטן, — אָבער ס'איז פאראן סימאָנים, אז זיין אידעאָלאָגיע איז ניט קיין פראָלעטארישע. קיינער ניט — אחוץ לענינען. לענין האָט עס דערפילט פון אָנ־הייב אָן און ארויסגעזאָגט אין זיין ארטיקל „עקאָנאָמישער אינהאלט פון פאָל־קיזם און זיין קריטיק אין דעם בוך פון הער סטרוּווע„ — וועלכן ער האָט אָנ־געשריבן נאָך אין סאָף 1894 יאר, געכאסמעט מיטן נאָמען טולין און געדרוקט אין א מארקסיסטישן זאמלבוך, וואָס די צענזור האָט פארברענט שוין נאָכן אָפּדרוקן.

דאָס וויכטיקסטע, אין וואָס לענין באשולדיקט סטרוּוועז — איז אז ער דענקט ניט מארקסיסטיש, נאָר אָביעקטיוויסטיש.

> „דער אָביעקטיוויסט רעדט וועגן דער נויטווענדיקייט פון דעם געגעבע־נעם היסטאָרישן פראָצעס; דער מאטעריאליסט *) קאָנסטאטירט מיט פינקטלעכקייט די געגעבענע געזעלשאפטלעך־קאָנאָמישע פארמאציע און די אנטאגאניסטישע פארהעלטענישן, וועלכע זי באשאפט. אויפווייזנדיק די נויטיקייט פון א געגעבענער ריי פאקטן, איז דער אָביעקטיוויסט אלע מאָל אין סאַקאָנע צו ווערן אן אפאלאָגעט**) פון די דאָזיקע פאקטן; דער מא־

*) לענין שטעלט דערביי אין קלאַמערן: מארקסיסט.

**) אפאלאגיע — לייגנזאָגנג. ווערן אן אפּאלאָגעט פון די פאקטן, — הייסט ליבן די פאקטן, אנערקענען זיי פאר זייער גוטע, ווערן א ליבזינגער.

טעריאַליסט רעקט אויף די קלאַסן־קעגנזאַצן און באַשטימט מיט דעם גרו־ פּע זיין שטאַנדפּונקט. דער אָביעקטיוויסט רעדט וועגן „היסטאָרישע טענ־ דענצן, וועלכע מע קאָן ניט בייקומען". דער מאַטעריאַליסט רעדט וועגן יענעם קלאַס, וועלכער „פּאַרוואַלטעט" מיט דער געגעבענער עקאָנאָמישער אָרדענונג, באַשאַפנדיק די באַשטימטע פאָרמען פון ווידערשטאַנד מיצאַד די אַנדערע קלאַסן.

דער מאַטעריאַליסט „באַגרעניצט זיך ניט מיט דער אָנווייזונג, אַז דער פּראָצעס איז נויטווענדיק. ער מאַכט קלאָר, וועלכע געזעלשאַפטלעך־עקאָ־ נאָמישע פאָרמאַציע גיט אינהאַלט דעמדאָזיקן פּראָצעס, וואָס פאַר א קלאַס באַשטימט דידאָזיקע נויטווענדיקייט".

„דער מאַטעריאַליזם אַנטהאַלט אין זיך, אַזוי צו זאָגן, פּאַרטייאישקייט, ער איז מעכויעוו, מע זאָל בײַ יעדער אָפּשאַצונג פון א געשעעניש גלייך און אָפן שטעלן זיך אויפן שטאַנדפּונקט פון א באַשטימטער געזעלשאַפט־ לעכער גרופּע" (לענין, דער אָנגעוויזענער אַרטיקל).

אָט די פּאַרטייאישקייט האָט געפעלט אין סטרואַוועס בוך. ער האָט אויפ־ געוויזן, אַז דער קאַפּיטאַליזם אין רוסלאַנד איז אומפאַרמיידלעך, ער האָט גע־ זונגען שירע זיין אַנטוויקלונג. אָבער אַז צוזאַמען דערמיט אַנטוויקלען זיך קלאַסן־קעגנזאַצן, אַז עס אַנטשטייען אויפגאַבן פאַר די קעמפנדיקע קלאַסן, אַז דער אַרבעטער־קלאַס דאַרף זיך אָרגאַניזירן צום קאַמף, — דאָס אַלץ, וואָס לענין האָט פון אָנהייב אָן אַרויסגערוקט אין צענטער פון אַלע געדאַנקען און מאַיסים, — דאָס איז בײַ סטרואַוועס פאַרשלייערט, פאַרטושט, צוגערעקט. לענין האָט דאָס דערשפּירט און אויפן שאַרפסטן אויפן קריטיקירט.

קיין אָביעקטיווקייט איז אין געזעלשאַפטלעכן קאַמף ניטאָ. ס'איז קלאָר, אַז ניט אַרויסרוקנדיק אויפן ערשטן פּלאַן דעם אַרבעטער־קלאַס און די אינטע־ רעסן פון זיין אָרגאַניזאַציע און פון זיין קאַמף, שטעלט זיך סטרואַווע שוין רעמאָלט פאַקטיש אויפן שטאַנדפּונקט פון דער בורזשואַזיע, ווערט, לעמאַשל פּ א ר ט י י א י ש אַף איר צאַד אין איר קאָנקורענץ מיטן קליינבירגערטום א.א.וו.

סטרואַווע האָט זיך דעמאָלט נאָך געהאַלטן פאַר א סאָציאַל־דעמאָקראַט, ער האָט געאַרבעט צוזאַמען מיט די רעוואָלוציאָנערע מאַרקסיסטן. לענינס אויג האָט שוין אָבער דערזען די סאַקאָנע, און די צוקונפט האָט באַוויזן, ווי ריכ־ טיק ער האָט אָפּגעשאַצט די „לעגאַלע מאַרקסיסטן".

„דאָס זיינען געווען, האָט ער געזאָגט, בורזשואַזע דעמאָקראַטן, פאַר וועמען ברעכן מיט פאָלקיזם האָט באַטייט ניט אַריבערגיין פון קליינבירגער־ לעכן (אָדער פּויערשן) סאָציאַליזם צום פּראָלעטאַרישן, ווי דאָס איז גע־ ווען בײַ אונז, נאָר צום בורזשואַזן ליבעראַליזם".

פון די ערשטע ניט דרייסטע פּרוּוון צו קריטיקירן און צו פאַרבעסערן דעם מאַרקסיזם גייען סטרואַווע, טוגאַן־באַראַנאָווסקי, בולגאַקאָוו און די איבע־ ריקע לעגאַלע מאַרקסיסטן אַריבער צו אַלץ א ראַדיקאַלערער און אַלזייטיקערער

קריטיק פון דער אָרטאָדאָקסיע*). שפּעטער זיינען זיי אַלע אַריבער אין לאַגער פון אונזערע סאָינם.

מ. פרומקינא (עסטער)

דער עקאָנאָמיזם.

עס באַווייזט זיך אַף דער סצענע אַ נייער גילגל פון דער בורזשואַזער ווירקונג אפן פּראָלעטאַריאַט — דער עקאָנאָמיזם.

די גרופּע טוער, וואָס בעראָש פון איר איז געשטאַנען ביז זיין אַרעסט כ' לענין, האָט געטראָגן דעם נאָמען „די אַלטע" (האַגאָם לויט די יאָרן זיינען זיי געווען גאַנץ יונג). ווען די גרופּע איז אַרעסטירט און פאַרשיקט געוואָרן, איז די אָנפירונג מיט דער באַוועגונג אין פּעטערבורג אַריבער צו אַ צווייטער גרופּע מיטן נאָמען „די יונגע".

די „יונגע" האָבן אַריינגעטראָגן גאָר נייע עלעמענטן אין דער באַוועגונג.

די „אַלטע" האָבן געהאַלטן, אַז די נאָענטסטע אויפגאַבע פון דער רוסישער אַרבעטער־באַוועגונג איז — קאַמף אַקעגן דער זעלבסטהערשונג. זיי זיינען אין זייער אַרבעט אַריבער פון קרייזלעך צו ברייטער מאַסנאַרבעט. זיי האָבן געפירט אַן עקאָנאָמישע אַגיטאַציע, זיי האָבן אויסגענוצט אַלע קלייניקייטן פון טאָגטעגלעכן לעבן פונם אַרבעטער קעדיי וועקן אין אים אומצופרידנקייט און שטויסן אים צום עקאָנאָמישן קאַמף אַקעגן די באַלעבאַטים. „אָבער שרייבט לענין, זיי האָבן ניט נאָר ניט געהאַלטן די עקאָנאָמישע אַגיטאַציע פאַר זייער איינציקער אויפגאַבע, נאָר זיי האָבן פון אָנהויב אָן אַרויסגע-

---

*) דאָס וואָרט „אָרטאָדאָקסאַל" איז אַן אַלטס און געהערט נאָך צו די צייטן פון רעליגיעזע שטרייטן. ווען מע זאָגט, לעמאָשל: אַן אָרטאָדאָקסאַלער איד—הייסט דאָס: זייער אַ פרומער, וואָס היט אָפּ אַלע דינים. בעשאַס די רוסישע און אויסלענדישע „קריטיקער" האָבן זיך גענומען איבערקוקן מאַרקסן, האָבן זיי פאַרגעוואָרפן די פאַרטיידיקער פון דער גאַנצקייט און אומבאַרירטקייט פון מאַרקס גרונט-פּרינציפּן, אַז זיי זיינען אָרטאָדאָקסן, דאָס הייסט, זיי לאָזן ניט אַפילע אַן אָס איבערבייטן אין דער מאַרקסיסטישער טוירע.

לענין האָט אַף דעם געענטפערט.

„לאָמיר ניט גלויבן, אַז אָרטאָדאָקסיע דערלויבט נעמען וואָס ניט איז פון פאָשעטן גלויבן, אַז אָרטאָדאָקסיע שליסט אויס קריטישע איבערשאַפונג און ווייטערדיקע אַנטוויקלונג, אַז זי דערלויבט פאַרשטעלן היסטאָרישע פראַגן מיט אַבסטראַקטע סכעמעס". „אָרטאָדאָקסיע איז גאָר דער הייפּך דערפון". אָרטאָדאָקסיע הייסט ניט פאַרגליווערטקייט. די נאַפקעמינע צווישן די „אָרטאָדאָקסן" און די „קריטיקער" באַשטייט אין דעם, וואָס די ערשטע „ווילן בלייבן אויסגעהאַלטענע מאַרקסיסטן, אַנטוויקלענדיק די גרונט-קלאַלים פון מאַרקסיזם בהעסקעם מיט די זיך בייטנדיקע באַדינגונגען און באַזונדערקייטן פון פאַרשיידענע לענדער און באַאַרבעטנדיק ווייטער די טעאָריע פון דיאַלעקטישן מאַטעריאַליזם און פון מאַרקס פּאָליטיש-עקאָנאָמישער לערע. די צווייטע (די „קריטיקער") וואַרפן אָפּ אייניקע מער אָדער ווייניקער וועזנטלעכע זייטן פון מאַרקס לערע".

דאָס זידלוואָרט פון די „קריטיקער"—„אָרטאָדאָקסאַלער מאַרקסיזם" האָבן די רעוואָלוציאָנערע מאַרקסיסטן אַף אַזאַ אופן אָנגעקומען פאַר זיך ווי אַ פאָן, וואָס באַטייט—אויסגעהאַלטענער רעוואָלוציאָנערער מאַרקסיזם.

רוקט אויך די ברייטסטע היסטאָרישע אויפגאַבן פון דער רוסלענדישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע ביכלאַל און די אויפגאַבן פון אראָפוואַרפן די זעלבסטהערשונג ביפראַט".

די „יונגע" זיינען צוגעגאַנגען צו די מעטאָדן פון דער ארבעט צווישן די מאַסן גאָר אנדערש. דער ארבעטער־קלאַס איז אין זיין מאַסע נאָך ניט צייטיק פאַר פּאָליטישער אַגיטאַציע, האָבן זיי דערקלערט, ס'איז נאָך פרי צוצוגיין צו אים מיט פּאָליטישע לאָזונגען. די ארבעטער קאָנען זיך אינטערעסירן נאָר מיט פראַגן פון זייער פאַבריק. דעריבער דאַרף מען אויך די אַגיטאַציע פירן אויפן באָדן פון זייערע צוזאַמענשטויסן מיט די באַלעבאַטים, נאָר יענע אינטערעסן, וועלכע די מאַסן האָבן שוין באַנומען, קאָנען בילדן דעם אינהאַלט פון אונזער אַגיטאַציע. דאָס זיינען נאָר עקאָנאָמישע אינטערעסן.

די עקאָנאָמישע באַוועגונג פון די מאַסן וועט זיי סאָפּקאָלסאָף סטיכיש ברענגען צו צוזאַמענשטויסן מיט דער פּאָליציי, דאָס וועט זיי שטויסן צו פאַרינטערעסירן זיך מיט פּאָליטישע פראַגן, און דעמאָלט וועט קומען די צייט אויך פאַר פּאָליטישער אַגיטאַציע.

די אינטעליגענץ, האָבן זיי געטאַינעט, וויל דאַפקע אָנבינדן די ארבעטער אירע פּאָליטישע שטרעבונגען, לאָזונגען, בעשאַס די ארבעטער פאַרשטייען דאָס נאָך ניט און אינטערעסירן זיך דערמיט ניט. זיי שטערן נאָר דערמיט דער אנטוויקלונג פון דער עקאָנאָמישער באַוועגונג. „דער עקאָנאָמישער יעסאָד פון דער באַוועגונג ווערט פאַרטונקלט דורך דער שטרעבונג שטענדיק ניט צו פאַרגעסן דעם פּאָליטישן אידעאַל". שטרייק־קאַסעס זיינען טייערער פאַר דער באַוועגונג איידער הונדערטער אנדערע אָרגאַניזאַציעס. מע דאַרף זיך ניט איילן מיט פּאָליטיק. סטיכיש וועט די עקאָנאָמישע באַוועגונג סאַי ווי שטויסן די ארבעטער צו פּאָליטיק א. א. וו.

דיהאָזיקע טעאָריעס האָבן באַקומען זייער א גרויסע פאַרשפּרייטונג און ווירקונג. אויב אין דער אידישער ארבעטער־באַוועגונג, אין „בונד", האָט דער עקאָנאָמיזם געשפּילט א גרויסע ראָליע, האָגאַם ער האָט דאָרט צוליב די ספּעציפישע באַדינגונגען געטראָגן א ביסל אן אנדער פּאָנים. שוין אין דער אויבנדערמאָנטער בראָשור וועגן אַגיטאַציע איז געווען אנטוויקלט די טעאָריע וועגן דריי פּאַזן אין דער אנטוויקלונג פון קלאַסנבאַוואוסטזיין: פריער דאַרף מען לערנען דעם ארבעטער קעמפן פאַר קליינע טאָג־טעגלעכע פאָדערונגען מיט איינצלנע באַלעבאַטים. ביסלעכווייז וועלן זיך שטעלן פאַר אים וויכטיקע עקאָנאָמישע פראַגן, ער וועט געוואוינט ווערן צו אַכדעס, ער וועט דערזען פאַר זיך ניט דעם איינצלנעם באַלעבאָס, נאָר אַלע באַלעבאַטים, אונטערשטיצטע דורך דער פּאָליציי. דאָס וועט זיין די צווייטע פּאַזע. און ערשט נאָכדעם, ווען ער וועט דורכגיין דיהאָזיקע פּאַזע נאָך אַלץ פון ע ק אָ נ אָ מ י ש ע ר אַגיטאַציע, וועט אין אים צוגעגרייט ווערן דער באָדן פאַר פּ אָ ל י ט י ש ע ר אַגיטאַציע, וועט מען קאָנען ארויסשטעלן פאַר אים דעם לאָזונג פון פּאָליטישן קאַמף, קאַמף אַקעגן דער זעלבסטהערשונג.

דידאָזיקע סכעמע האָבן די עקאָנאָמיסטן שפּעטער אונטערגעכאַפּט און שטאַרק געשטיצט זיך אַף איר.

דער הויפּט־כעט פון די עקאָנאָמיסטן איז געווען — נאָכשלעפּן זיך נאָך די מאַסן. אויב די מאַסן אינטערעסירן זיך נאָר מיט דער פראַגע וועגן פינף קאָפּיקעס א צוגאָב צום לוין, אויב זיי זיינען גלייכגילטיק צו פּאָליטישע פראַגן, טאָר מען מיט זיי וועגן פּאָליטיק ניט ריידן, דאַרף מען אַגיטירן בלויז אַרום די פינף קאָפּיקעס. צופּאַסן זיך צו די מאַסן, ניט הייבן זיי צו זיך, נאָך אַראָפּלאָזן דעם ס. ד. באַוואוסטזיין, ביז דער מאַדריגע פון אָפּגעשטאַנענע אַרבעטער.

לענין האָט דאָס אָנגערופן „עקיזם" — געשלעפּט זיך ווי אַן עק פון הינטן נאָך די מאַסן. אָט דער „עקיזם" איז געוואָרן כאַראַקטעריסטיש אין דער צווייטער העלפט פון די ניינציקער יאָרן אויך פאַרן „בונד".

צוליב דער געוואַלדיקער רעכטלאָזיקייט, צוליב די ספּעציעל אידישע רע־דיפעס, באַליידיקונגען, באַגרעניצונגען, וועלכע יעדער אידישער אַרבעטער האָט געשפּירט אַף זיין רוקן און וועלכע האָבן צוגעגעבן א רעוואָלוציאָנערע באַפאַר־בונג יעדן עקאָנאָמישן שטרייק, יעדן קלענסטן צוזאַמענשטויס מיטן קלענסטן פּאָליציי־מאַן, האָט דער „עקיזם" אין „בונד" אויסגעדריקט זיך באַזונדערס שאַרף אין דעם אַליץ וואַקסנדיקן נאַציאָנאַליזם. צופּאַסן זיך צו די מאַסן האָט אין „בונד" געהייסן ניט נאָר פירן עקאָנאָמישע אַגיטאַציע און עקאָנאָמישע שטרייקן, ווי אין פּעטערבורג, אָבער אויך אַרויסשטעלן נאַציאָנאַליסטישע פאָ־דערונגען און צופּאַסן זיך צו די נאַציאָנאַליסטישע שטימונגען. מיר וועלן זיך נאָך אומקערן דערצו אין פאַרבינדונג מיטן צווייטן צוזאַמענפאָר פון דער פּאַר־טיי. די אַגיטאַציע באַם „בונד" האָט זיך אַף אַזא אויפן ניט באַגרעניצט מיט נאָר „קאָפּיקענע" פראַגן, ווי אין פּעטערבורגער „ראַבאָטשאַיאַ מיסל". אָבער די גאַנצע פאָרם פון דער אַרבעט איז געווען געבויט אַף דער עקאָנאָמישער אַר־בעט. ס'איז געווען פריער פאַר אַליץ א פּראָפעסיאָנעלע שטרייק־אָרגאַניזאַציע.

אָבער באַזונדערס שטאַרק און אויסגעהאַלטן איז דער עקאָנאָמיזם געווען אין דער רוסישער באַוועגונג. אין פּעטערבורג האָט ער געפונען זיין ליטעראַרישן אויסדרוק אין דער צייטונג „ראַבאָטשאַיאַ מיסל". אין אויסלאַנד האָט די עקאָ־נאָמיסטן אונטערגעשטיצט די גרופּע „ראַבאָטשעיע דיעלאָ" (ניט צונויפמישן מיט דער ניט אַרויסגעגעבענער צייטונג, וועגן וועלכער לענין דערמאָנט אין „וואָס דאַרף מען טאָן?").

דער עקאָנאָמיזם איז געווען א גרויסע סאַקאָנע פאַר דער אַנטוויקלונג און אָרגאַניזאַציע פונעם אַרבעטער־קלאַס. ער איז געווען א לייבלעך קינד פונעם לע־גאַלן מאַרקסיזם. ער האָט באַטייט — אַן אָפּזאָג פון פּאָליטישן קאַמף. די פאַר־שיקטע „אַלטע" מיט לענינען בעראָש, וועלכע האָבן זיך דורכגעשריבן מיט די, וואָס זיינען געבליבן אַף דער פריי און האָבן באַקומען יעדיעס וועגן אַליץ, וואָס עס טוט זיך, האָבן באַלד דערפילט, ווי געפערלעך דידאָזיקע ריכטונג איז, אין וואָס פאַר א בלאָטע זי פירט די אַרבעטער־באַוועגונג, און האָבן איר דערקלערט אַן אַנטשלאָסענעם קאַמף.

שוין אין ביכל „אויפגאַבן פון די רוסישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן", געשריבן

אין סיביר אין 1897 יאר, פארמולירט לענין דעם שארף־פאליטישן כאראקטער פון דער ארבעט, די פאליטישע לאזונגען, וועלכע מע דארף פון אַ נ ה ו י ב אָ ן וואַרפן אין די ארבעטער־מאסן.

קיין סיביר דערגייט די פלאטפארמע פון די עקאנאמיסטן, דאָס אזוי־גערופענע „קרעדא" („אני מאמין" — די איקרים פון גלויבן), וואו עס ווערט קלאָר געזאָגט, אז

„די רייד וועגן אַ זעלבשטענדיקער פאליטישער ארבעטער־פארטיי זיינען ניט קיין אנדער זאך, ווי פּאַשעט אַ פראָדוקט פון אריבערטראָגן פרעמדע אויפגאבן, פרעמדע רעזולטאטן אף אונזער באָדן ...

און ווייטער:

„פאַר דעם רוסישן מארקסיסט איז דאָ נאָר איין אויסגאַנג: באַטייליקן זיך, דאָס הייסט העלפן דעם עקאנאָמישן קאמף פון פראָלעטאריאט און באַטייליקן זיך אין דער ליבעראַל־אָפּאָזיציאָנעלער טעטיקייט".

אין דעמדאָזיקן „קרעדא" ווערט ביכלאל פארמולירט דער פולער אריבערגאנג פון רעוואלוציאָנערן מארקסיזם צום רעפארמיסטישן, ווי די אויפגאבע פון דער אלוועלטלעכער סאָציאַל־דעמאָקראטיע.

לענין טרעט מיט זיין גאנצער ענערגיע ארויס אקעגן דעמדאָזיקן „קרעדא". ער רופט צונויף אַ באראטונג פון 17 פארשיקטע סאָציאַל־דעמאָקראטן, וועלכע באטראכט דעם „קרעדא" און נעמט אָן לענינס פראָיעקט פון אַ פּראָטעסט אקעגן „קרעדא", וואו ער דעקט אויף די גאנצע פאלשקייט פון דעדאָזיקער פּאָזיציע און דערקלערט:

„די פארווירקלעכונג פון אַזאַ פראָגראם וואָלט באַטייטן פּאָליטישער זעלבסמאָרד פון דער רוסישער סאָציאַל־דעמאָקראטיע, וואָלט באַטייטן אַ געוואַלדיקן אָפּהאַלט און דערנידעריקונג פון דער רוסישער ארבעטער־באַוועגונג און פון דער רוסישער רעוואָלוציאָנערער באוועגונג (ביידע לעצטע באַגריפן פאַלן פאַר אונז צוזאמען)".

דער פּראָטעסט ווערט אָפּגעדרוקט אין אויסלאַנד.

באַפרייט פון סיביר (פעברואר 1900), האָט לענין דעם קאמף מיט די עקאָנאָמיסטן געפירט ווייטער מיט דער גרעסטער ענערגיע.

די שטארקסטע קלעפּ גיט ער די עקאָנאָמיסטן אין זיין בארימטן בוך „וואָס דאַרף מען טאָן?", געדרוקט אין פעברואר 1902 יאר.

עסטער „לענין און זיין ארבעט", ז. 45—48).

פון דער בראָשור „וועגן אַגיטאַציע“.

(די בראשור „וועגן אגיטאציע“ איז אנגעשריבן געווארן דורך א. קרעמערן אין 1894 יאר. אין דערדאָזיקער בראשור איז צום ערשטן מאָל פארמולירט געוואָרן די אידייע וועגן נייע מעטאדן פון מאסן־אגיטאציע אפן בארדן פון די אלטעגלעכע ארבעטער־אינטערעסן. מיט צוויי יאָר שפּעטער איז די בראשור אפּגעדרוקט געווארן אין זשענעוו מיט אקסעלראָדס אַ פּארוואָרט).

... מיר דארפן שטרעבן צו אנטוויקלען דעם פאָליטישן זעלבסטבאוואוסטזיין פון דער ארבעטער־מאסע און פארינטערעסירן זי אין פאָליטישער פרייהייט. נאָר דאָ האנדלט זיך ניט בלויז וועגן סתּם ענדערן די איצטיקע פאָליטישע אָרדענונג, נאָר אויך וועגן אזא מין ענדערונג, וואָס זאָל זיין לעטוויועס דעם ארבעטער־קלאס. מעמיילע קומט אויס, אז קעדיי ס'זאָל ווערן רייף דער פאָליטישער קלאסן־באוואוסטזיין — איז פריער נויטיק צו באגרייפן די קעגנזעצלעכקייט לאָזט זיך פילן אף יעדן טריט, ווען זי פיקט קעסיידער דעם ארבעטער־גרייפן די קעגנזעצלעכקייט פון אינטערעסן בלויז דאן, ווען דיזאָזיקע קעגנזעצלעכקייט לאָזט זיך פילן אף יעדן טריט, ווען זי פיקט קעסיידער דעם ארבעטערס מויעך און באווייזט זיך אין די סאמע אומבאדייטנדסטע קלייניקייטן.

קעדיי מע זאָל מיט פארשיידענע קונצן און חריידלעך דעם ארבעטער ניט אראָפּפירן פון זיינע גערעכטע פאָדערונגען, איז נויטיק קעסיידער ארויסצורוקן דיזאָזיקע פאָדערונגען ניט בלויז אין גרויסע פראגן, נאָר אויך אין פראגן, וועלכע דוכטן זיך אויס פאר גאָר אומבאדייטנדיקע. בא קלענערע פאָדערונגען קאָן דער באלעבאָס ניט אזוי לייכט פארטונקלען דעם ארבעטער. פאר יעדן איז קלאָר, אז די באפרידיקונג פון קלענערע פאָדערונגען הענגט אָפּ אויסשליסלעך פונם באלעבאָס. ווען אזעלכע פאָדערונגען ווערן ניט באפרידיקט, דערקלערן דאָס די ארבעטער אליין מיטן בייזן ווילן פונם פאבריקאנט. אף אזא אויפן ווערט פאר זיי טיילוויז אויפגעדעקט די קעגנזעצלעכקייט פון זייערע אינטערעסן מיט די אינטערעסן פונם באלעבאָס. דער קאמף פאר קלענערע פאָדערונגען האָט נאָך א מאילע, וואָס ער גיט זיך לייכטער איין. דאָס גיט צו די ארבעטער גלויבן אין זייערע אייגענע כויכעס, געוויינט זיי צו צו פראקטישע קאמפס־מיטלען, רוקט ארויס און גרייט צו אייגצלנע פערזענלעכקייטן, וועלכע פלעגן ביז דערמאָלט דערטרונקען ווערן אין דער גאנצער מאסע, און דינט דערצו אויך ווי א מוסטער פאר אנדערע ארבעטער, ווי אזוי מיט דערפאָלג צו קעמפן מיט די באלעבאטים. אין קאמף, אפילע פאר קלענערע פאָדערונגען, זיינען די ארבעטער געצוואונגען זיך צו פאראייניקן. זיי איבערצייגן זיך אף אזא אויפן אין דער פראקטיק, אף וויפל ס'איז פאר זיי נויטיק און מעגלעך זיך צו פאראייניקן. דיזאָזיקע פראקטיק האָט אסאך א גרעסערן ווערט פאר דער דערציאונג פון דער מאסע און איז אסאך מער איבערצייגנדיק, איידער די אגיטאציע פון ביכלעך. אין קאמף ווערן פארשארפט די באציאונגען צווישן די צדדים. דער באלעבאָס טרעט דעמאָלט ארויס אין זיין עמעסן געשטאלט, וואָרפט פון זיך

אראפ די מאסקע פון אן ארבעטער־פריינט און באלטויווע און צייגט ארויס זיינע טיף־באהאלטענע געדאנקען און שטרעבונגען. אינם דאזיקן קאמף באמערקט דער ארבעטער, ווי סאלידאר ס'זיינען צווישן זיך אלע באלעבאטים, די גאנצע בור־זשואזיע ביכלאל, די גרויסע, ווי די קליינע — אינם קאמף קעגן אים, דעם אר־בעטער. אינם דאזיקן קאמף ווערט דער ארבעטער מעסוגל אויפצונעמען אזעלכע אידייען, וועלכע וואלטן בא אים פריער אויסגעזעען ווי אן אומזין. דער קאמף פאר קלענרע פאדערונגען, וואס די ארבעטער, יעדער אין זיין ווארשטאט פירן מיטן דירעקטן עקספלואטאטאר, און אין וועלכן די אדמיניסטראציע מישט זיך ניט אריין — דארף פארן רוסישן פראלעטאריאט, גאר ווייניק באקאנטן מיטן גאנג פון קלאסן־קאמף, דינען ווי אן אנפאנגס־שול אף צו באקומען דא זיין ערשטע קלאסן־דערציאונג. פון דאנען גייט ער ארויס א מער צוגעגרייטער צום קאמף פאר אסאך וויכטיקערע פאדערונגען, וואו ס'איז שוין נויטיק די פאריי־ניקונג פון עטלעכע פאבריקן אדער פון א גאנצן האנטווערק־צעך.

אינם צווייטן פאזיס פון קאמף קומט שוין אויס לאבן צו טאן מיטן בעטער. ס'איז ניט שווער אים צו דערקלערן, ווי אזוי ער ווערט עקספלואטירט דורכן באלעבאס, און וואס ער קאן געווינען פונם קאמף. ס'פאדערט זיך פון אים בלויז אביסל ענערגיע און ווילן.

אינם צווייטן פאזיס פון קאמף קומט שוין אויס צו האבן צו טאן מיטן גאנצן בורזשואזן קלאס און מיט זיינע באשיצער, מיט דער רעגירונג. דערביי פאדערט זיך שוין אין אסאך א גרעסערע מאס אויסגעהאלטנקייט, סאלידא־רישקייט און דרייסטקייט. קעדיי צו פירן אזא קאמף, פאדערט זיך פונם ארבע־טער א געוויסער גראד באוואוסטזיניקייט. ער דארף קאנען פארבינדן זיינע אינ־טערעסן מיט די אינטערעסן פון אנדערע ארבעטער אינם זעלביקן פראדוקציע־צווייג און אמאל אפילע, פון אן אנדערער צווייג. אזא מין באוואוסטזיניקייט קאן זיך אבער אויסארבעטן בא די ארבעטער בלויז ווען זיי וועלן אין זייער איי־גענער פראקטיק קומען צום אויספיר, אז ס'איז אוממעגלעך פאר ארבעטער פון איינצלנע פאבריקן מיט דערפאלג אליין צו פירן דעם קאמף פאר זייערע אינ־טערעסן.

גראד דער קאמף מיט איינצלנע באלעבאטים ארבעט באם ארבעטער־קלאס אויס יענע שטופע שטאנדהאפטיקייט, אויסגעהאלטנקייט, פארזיכטיקייט, אומ־אפהענגיקייט און קלאסן־זעלבסטזיכערקייט, וועלכע זיינען אמערסטן נויטיק דעם ארבעטער דאן, בעשאס ער דערפילט די וויכטיקייט פון קלאסן־קאמף אין אייגנט־לעכן זין פון ווארט.

ווען די ארבעטער־באוועגונג דערהויבט זיך ביז צו אזא מאדרייגע — הויבט זי אן ביסלעכווייס אננעמען א פאליטישן כאראקטער.

ווירקלעך, אף וויפל די ארבעטער רוקן אין זייער קאמף ארויס די אדער יענע פאדערונג — דורכצופירן באדייטנדיקע שינויים אין די איינגעפירטע פא־ראנדקעס אף א באשטימטער פאבריק אדער אין א גאנצן פראדוקציע־צווייג — ווערט פאר זיי אומפארמיידלעך קלאר די באציאונג צו זיי ניט בלויז פון איי־נעם אדער עטלעכע באלעבאטים, נאר אויך פון אלע העכערע קלאסן ביכלאל און

אויך פון דער רעגירונג. מיטן פולן באַוואוסטזיין אין דער גערעכטיקייט פון זייערע פאָדערונגען, האַלטן די אַרבעטער זיך רואיק און זיינען זיכער, אַז אַלע דאַרפן האַלטן מיט זיי. ס'איז דאָך אַלץ אַזוי פּשוט. די פאָדערונגען זיינען דאָך אַזוי קלאָר. ס'ווערן דאָך באַגאַנגען אַזעלכע אַוולעס! שיקן זיי אַ דעפּוטאַציע צום פאַבריק־אינספּעקטאָר, ער וועט זיי געוויס מיטהעלפן, ער איז דאָך עפּעס זייער פאַרטיידיקער, ער איז דאָך באַהאַוונט אין אַלע געזעצן, וועלכע זיינען דאָך געוויס אַרויסגעגעבן געוואָרן זיי לעטויווע. דער אינספּעקטאָר גיסט זיי אָבער אָפּ ווי מיט אַן עמער וואַסער. — „אין די געזעצן איז וועגן דעם גאָר נישטאָ. דער פאַבריקאַנט האַנדלט געזעצלעך. איך קאָן דאָ גאָרנישט מאַכן" די אַרבעטער קאָנען זיך אָבער ניט באַרואיקן: „ווי, דאָס געזעץ זאָל זיך פאַר אונדז ניט איינשטעלן! ס'קאָן ניט זיין! דער אינספּעקטאָר איז אונטערגעקויפט: ער ליגט!" די אַרבעטער פּרוּוון אַנדערע וועגן. אומעטום זאָגט מען זיי אָפּ. מע באַגעגנט זיי מיט דראָאונגען, וועלכע נעמען אָן רעאַלע פאָרמען. דעם פאַבריקאַנט צו הילף ווערן אַרויסגעשיקט מיליטער. אַט אַזוי באַקומט דער אַרבעטער די ערשטע לעקציע פון פּאָליטישער וויסנשאַפט, אַז די יוסטיץ־רעכט איז אויפן צאַד פונם שטאַרקערן, און אַז בייקומען די מאַכט פונם קאַפּיטאַל קאָן מען בלויז מיט די אָרגאַניזירטע קויכעס פון אַרבעט.

וואָס מער די באַוועגונג אַנטוויקלט זיך, פאַרכאַפּט גאַנצע פּראָדוקציע־צווייגן, אָנשטאָט איינצלנע פאַבריקן — אַלץ אָפטער קומט איר אויס זיך צוזאַמענשטויסן מיט דער מעלוכע־מאַכט. די פּאָליטישע לעקציעס כאַזערן זיך אָפטמאָל איבער. זייער זין דרינגט מיט יעדן טאָג אַלץ טיפער אַריין אין אַרבעטערס מויעך. דער אַרבעטער ווערט דורכגעדרונגען מיטן קלאַסן־באַוואוסטזיין און הויבט אָן צו פאַרשטיין, אַז אַלץ, צו וואָס דאָס פאָלק שטרעבט, קאָן ווערן דערגרייכט בלויז דורכן פאָלק גופע. אַט אַזוי ווערט צוגעגרייט דער באָדן פאַר פּאָליטישער אַגיטאַציע. דאָס לעבן אַליין אָרגאַניזירט שוין איצט די אַרבעטער אין אַ קלאַס מיט אַ שטאַרק אַנטוויקלטן קלאַסן־עגאָאיזם, וועלכער באַגרייפט די אינטערעסן־געמיינזאַמקייט פון אַלע אַרבעטנדיקע און די קעגנזעצלעכקייט צווישן די דאָזיקע אינטערעסן מיט די אינטערעסן פון אַלע אַנדערע קלאַסן. די אומענדערונג פון דער פּאָליטישער אָרדענונג ווערט שוין דאַן אַ פראַגע פון צייט. ס'איז גענוג איין פונק, אַז דער אָנגעזאַמלטער ברען־מאַטעריאַל זאָל אויפרייסן.

די אויפגאַבע פון די סאָציאַל־דעמאָקראַטן איז אויף אַזאַ אויפן — פירן קעסיידער אַן אַגיטאַציע צווישן פאַבריק־אַרבעטער אויפן באָדן פון טאָג־טעגלעכע קלענערע נויטן און פאָדערונגען. דער דאָזיקער קאַמף וועט די אַרבעטער אויסלערנען צו פאַרטיידיקן זייערע אינטערעסן, וועט בא זיי אויפהויבן דעם מוט, וועט איינפלאַנצן אין זיי זיכערקייט אין זייערע אייגענע קויכעס און וועט זיי ברענגען צום באַוואוסטזיין, אַז ס'איז נייטיק זיך צו פאַראייניקן. סאָפקאָלסאָף וועלן די אַרבעטער אַזוי אַרום צוקומען אויך צו די מער וויכטיקע פראַגן, וועלכע דאַרפן ווערן געלייזט, און ס'וועט זיך בא זיי אויסאַרבעטן דער קלאַסן־באַוואוסטזיין. אין אַזאַ העכערער פאָרם באַשאַפט שוין דער קלאַסנקאַמף אַ באָדן פאַר פּאָליטישער אַגיטאַציע, וועלכע פאָדערט אומצוענדערן די עקזיסטירנדיקע פּאָ־

ליטישע טנאים לעטויוועס דעם ארבעטער־קלאס. די ווייטערדיקע פראגראם פון דער סאציאלדעמאקראטיע איז שוין קלאר.

די סאציאלדעמאקראטיע וועט ווערן בעעמעס א פאלקס־פארטיי בלויז דאן, ווען זי וועט די פראגראם פון איר ארבעט בויען אף די ווירקלעכע נויטן, וועלכע דער ארבעטער־קלאס פילט. קעדיי צו דערגרייכן איר צוועק, קעדיי צו ארגאניזירן דעם ארבעטער־קלאס — דארף זי אנהויבן איר אגיטאציע פון די טאג־טעגלעכע קלענערע פאדערונגען, וועלכע זיינען אמערסטן קלאר פארן ארבעטער און וואס זיי איז אמלייכסטן צו באפרידיקן.

בא דער סיסטעם פון קרייזל־פראפאגאנדע — האבן זיך געפאדערט גרויסע קארבאנעס אום צו דערגרייכן די קלענסטע רעזולטאטן.

בא דער סיסטעם פון מאסן־אגיטאציע וועט די צאל קארבאנעס זיין אסאך קלענער אין פארגלייך מיט די דערגרייכטע רעזולטאטן. וואס מער די באוועגונג וועט זיך פאנאנדערוואקסן אין דער ברייט און אין דער טיף — אלץ שווערער וועט זיין זי בייצוקומען, אלץ שווערער וועט זיין אויסצואווארצלען פון איר די סאציאליסטישע עלעמענטן. דער בעסטער ביישפיל דערצו איז פוילן. שטרייקן הויבן דארט אן אפיציעל צו ווערן אנערקענט. די רעגירונג באשליסט זיך ניט אנצואווענדן די עקזיסטירנדיקע געזעצן צו די שטרייקערס אין פוילן. דאס באווייזט, אז בא א שטארקער באוועגונג האבן קיין שום מאמאשעס ניט קיינע שטערונגען, וואס דער געזעץ שטעלט פאר דער אנטוויקלונג פונם פראלעטאריאט. די באוועגונג דארף אבער דערביי האבן ווארצלען אינם באדן ...

מיר אנערקענען פאר נויטיק פאר די סאציאלדעמאקראטישע קרייזלעך אריבערצוגיין צו דער פראגראם, וועלכע מיר האבן אנגעמערקט אין אירע הויפטשטריכן. זיי דארפן זיך אפזאגן פונם געדאנק, אז זייער טעטיקייט העלפט מער מיט דער אנטוויקלונג פונם קלאסן־באוואוסטזיין באם פראלעטאריאט, איידער די טעטיקייט פון „קאמיטעטן פאר אלפאבעטיזם“.

די דערפארונג פון די דערמאנטע קרייזלעך, ווי אויך פון יענע ארבעטער, וועלכע זיינען דורכגעגאנגען דורך זייער פראפאגאנדע־שול — וועט מאכן פאר מעגלעך מער אדער ווייניקער ראציאנעל צו אנהויבן ארבעטן אף נייע יעסוידעס. סאי אינטעליגענטן, סאי ארבעטער דארפן אלס אויסגאנגס־פונקט פון זייער ארבעט נעמען די סאמע טאגטעגלעכע נויטן פונם ארבעטער. ווייטער וועט קלאר ווערן, דורך וואסערע מיטלען מ'קאן גיכער פון אלץ אנהויבן דעם קאמף: דורך א שטרייק, א פעטיציע צום אינספעקטאר א.א.וו.

די ווייטערדיקע אויפגאבע פון די אינטעליגענטן — **דארף זיין שאפן אגיטאציע־ליטעראטור, וועלכע זאל זיין צוגעפאסט צו די לעבנס־טנאים פון די ארבעטער אין א באשטימטן פראדוקציע־צווייג, אין א באשטימטן אינדוסטריעלן צענטער.**

די ליטעראטור דארף דערציילן דעם ארבעטער וועגן זיינע נויטן. זי **דארף דינען, ווי א נאטירלעכער צוגאב צו דער מינדלעכער אגיטאציע.**

די אינטעליגענטן דאַרפֿן שטרעבן אַז זייער אויפֿקלערערישע ארבעט צווישן די ארבעטער זאָל טראָגן א וואָס מער פּראַקטישן כאַראַקטער. די קענטעניש, וואָס דער ארבעטער באַקומט, דאַרפֿן טאַקע פֿאַרברייטערן זיין האָריזאָנט, זיי טאָרן אים אָבער מיט איין מאָל ניט אָפּרייסן פֿונם קאָנקרעטן באָדן און אריבערטראָגן אין א וועלט פֿון הוילע אַבסטראַקטע, וויסנשאַפֿטלעכע האַנאַכעס. אין דערזעלביקער ריכטונג דאַרף אויך צוגעגרייט ווערן די פּראָפּאַגאַנדיסטישע ליטעראַטור.

„קרעדאָ"

דער צעכן־און מאַנופֿאַקטור־פּעריאָד אין מאַיריעוו האָט געלאָזן א בוילעטן שפּור אין דער גאַנצער ווייטערדיקער געשיכטע, באַזונדערס אין דער געשיכטע פֿון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע. די נויטווענדיקייט פֿאַר דער בורזשואַזיע צו דערשלאָגן זיך פֿרייע פֿאָרמען, די שטרעבונג צו באַפֿרייען זיך פֿון די צעך־רעגלאַמענטאַציעס, וואָס פּענטען די פּראָדוקציע, האָבן געמאַכט די בורזשואַזיע פֿאַר א רעוואָלוציאָנערן עלעמענט: זי הייבט אָן אומעטום אין מאַיריעוו פֿון „פֿרייהייט, גלייכהייט, ברידערלעכקייט", פֿון דעראָבערן פֿרייע פּאָליטישע פֿאָרמען. אָבער מיט הערהאָזיקער דעראָבערונג האָט זי, לויט ביסמאַרקס אויסדרוק, געהאַט ארויסגעגעבן א וועקסל איר קעגנזאַץ, — דעם ארבעטער־קלאַס. קימאַט ערגיץ אין מאַיריעוו האָט דער ארבעטער־קלאַס ניט געהאַט דעראָבערט קיין דעמאָקראַטישע אנשטאַלטן: ער פֿלעגט זיך נאָר מיט זיי באַנוצן. מע קען אונדז דערווידערן, אַז ער האָט זיך באַטייליקט אין די רעוואָלוציעס. די היסטאָרישע דאָקומענטן לייקענען אָפּ די דאָזיקע מיינונג: דעהאַינע, גראָד אין יאָר 1848, ווען אין מאַיריעוו איז פֿאָרגעקומען די פֿאַרפֿעסטיקונג פֿון די קאָנסטיטוציעס, האָט דער ארבעטער־קלאַס פֿאָרגעשטעלט מיט זיך א האַנטווערקער־שטאָטישן עלעמענט, א בירגערלעכע דעמאָקראַטיע; דער פֿאַבריק־פּראָלעטאַריאַט האָט ווידער קימאַט ווי ניט עקזיסטירט, און דער פּראָלעטאַריאַט פֿון דער גרויס פּראָדוקציע (די וועבער פֿון דייטשלאַנד, די וועבער פֿון ליאָן) האָט פֿאָרגעשטעלט מיט זיך א ווילדע מאַסע, וואָס איז פֿעאיק נאָר אף בונטן, אָבער איז לאַבּלוטן ניט מעסוגל ארויסצושטעלן וואָסערע עס איז פּאָליטישע פֿאָדערונגען. מע קאָן בעפֿירעש זאָגן, אַז די קאָנסטיטוציעס פֿון יאָר 1848 זיינען דעראָבערט געוואָרן דורך דער בורזשואַזיע און דעם קליינבירגערטום, דורך די האַנטווערקער. פֿון דער אנדער זייט איז דער ארבעטער־קלאַס (די האַנטווערקער און די מאַנופֿאַקטור־ארבעטער, די דרוקער, וועבער, זייגערמייסטערס אוכדוימע) פֿון מיטלאַלטער נאָך צוגעוואוינט צום באַטייליקן זיך אין אָרגאַניזאַציעס — אין די קאַסעס פֿון קעגנזייטיקער הילף, רעליגיעזע כעוורעס אוכדוימע. אַט אָ דער אָרגאַניזיר־גייסט לעבט נאָך אָדהאַיעם בא די געשולטע ארבעטער פֿון מאַיריעוו און שיידט זיי בוילעט אונטער פֿונם פֿאַבריק־פּראָלעטאַריאַט, וואָס לאָזט זיך שלעכט און לאַנגזאַם אָרגאַניזירן און איז פֿעאיק נאָר צו דער אַזוי־גערופֿענער „לויזער אָרגאַניזאַציע", און ניט צו פֿעסטע אָרגאַניזאַציעס מיט סטאַטוטן און רעגלאַמענטן. אַט אָ די מאַנופֿאַקטור־געשולטע ארבעטער האָבן געבילדעט

דעם קערן פֿון די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטייען. אַזוי אַרום האָט זיך באַקומען אַזאַ מין בילד: די בעערעכדיקע ליכטיקייט און די פֿולע מעגלעכקייט פֿון פּאָליטישן קאַמף פֿון איין זייט און פֿון דער אַנדער זייט — די פֿולע מעגלעכקייט פֿון פּלאַנמעסיקן אָרגאַניזירן דעמדאָזיקן קאַמף מיט דער הילף פֿון אַרבעטער, דערצויגענע אין דעם מאַנופֿאַקטור־פּעריאָד. אויף אָט דעם באָדן איז אין מאַירעוו אויסגעוואַקסן דער טעאָרעטישער און פּראַקטישער מאַרקסיזם. זיין אויסגאַנג־פּונקט איז געווען דער פּאַרלאַמענטאַרישער פּאָליטישער קאַמף מיט דער פּערספּעקטיוו (מערנישט לויט דער אויסערלעכקייט ענלעך צום בלאַנקיזם, לויט דער אָפּשטאַמונג אָבער פֿון גאָר אַן אַנדער כאַראַקטער) פֿון פֿאַרכאַפּן די מאַכט, פֿון איין זייט, און פֿון „צוזאַמענברוך" פֿון דער אַנדער זייט. דער מאַרקסיזם איז געוואָרן דער טעאָרעטישער אויסדרוק פֿון דער פּראַקטיק פֿון פּאָליטישן קאַמף, וועלכער הערשט איבערן עקאָנאָמישן. סײַ אין בעלגיע, סײַ אין פֿראַנקרייך, באַזונדערס אין דייטשלאַנד האָבן די אַרבעטער מיט אַן אומגעהויערער לייכטיקייט אָרגאַניזירט דעם פּאָליטישן קאַמף, און מיט שרעקלעכער מי, מיט געוואַלדיקער רייבונג — דעם עקאָנאָמישן. און אַדהאַיאַם ליידן די עקאָנאָמישע אָרגאַניזאַציעס אין פֿאַרגלייך מיט די פּאָליטישע (אַכוץ אין ענגלאַנד) פֿון אומגעוויינלעכער שוואַכקייט און ניט שטאַנדהאַפֿטיקייט און אומעטום פֿעלט זיי נאָך אויס זייער פֿיל.

קאָלזמאַן די ענערגיע איז ניט געווען אויסגעשעפּט אינגאַנצן אין פּאָליטישן קאַמף, — איז דער „צוזאַמענברוך" געווען דער נויטווענדיקער אָרגאַניזירנדיקער שלאָגוואָרט, וועלכן עס איז באַשערט געווען צו שפּילן אַ געוואַלדיקע היסטאָרישע ראָל.

דער גרונטגעדאַנק, וועלכן מ'קאָן אַרויספֿירן באַם שטודירן די אַרבעטער־באַוועגונג, איז די ליניע פֿון קלענסטן ווידערשטאַנד. אין מאַירעוו איז אַזאַ ליניע געווען די פּאָליטישע טעטיקייט, און דער מאַרקסיזם — אין דעם געשטאַלט, ווי ער איז פֿאָרמולירט אין „קאָמוניסטישן מאַניפֿעסט" — איז געקומען ווי די געלונגענסטע פֿאָרם, אין וועלכע די באַוועגונג האָט זיך געמוזט אויסגיסן. אָבער ווען ס'איז אויסגעשעפּט געוואָרן אין פּאָליטישן קאַמף די גאַנצע ענערגיע, ווען די פּאָליטישע באַוועגונג איז דערגאַנגען ביז אַזאַ אָנגעשטרענגטקייט, אַז ווייטער איז געווען שווער און קימאַט אוממעגלעך זי צו פֿירן (דער לאַנגזאַמער וואוקס פֿון די אָפּגעגעבענע שטימען פֿאַר דער לעצטער צייט, די אַפּאַטיע פֿונם אויפֿלאָם אויף די פֿאַרזאַמלונגען, דער מעלאַנכאָלישער טאָן פֿון דער ליטעראַטור), פֿון דער אַנדערער זייט — די מאַכטלאָזיקייט פֿון דער פּאַרלאַמענטאַרישער טעטיקייט און דער אַרויסטריט אויף דער סצענע פֿון דער שוואַרצער מאַסע פֿון פֿאַבריק־פּראָלעטאַריאַט, וואָס איז ניט אָרגאַניזירט און לאָזט זיך קימאַט ניט אָרגאַניזירן, האָבן באַשאַפֿן אין מאַירעוו דאָס, וואָס טראָגט איצט דעם נאָמען בערנשטייניאַדע,, דעם קריזיס פֿון מאַרקסיזם. אַ מער לאָגישע ליניע ווי דער אַנטוויקלונגס־פּעריאָד פֿון דער אַרבעטער־באַוועגונג פֿונם „קאָמוניסטישן מאַניפֿעסט" ביז דער בערנשטייניאַדע, איז זיך שווער פֿאָרצושטעלן, און די אויפֿמערקזאַמע באַאָבאַכטונג פֿון אָט דעם גאַנצן פּראָצעס קאָן באַשטימען מיט דער פּינקטלעכקייט פֿון

אַן אַסטראָנאָם דעם אויסגאַנג פון דעמאָראַזיקן „קריזיס“. עס האַנדלט זיך דאָ זיכער ניט װעגן דער מאַפּאָלע אָדער װעגן דעם ניצאָכן פון דער בערנשטיין־יאָרע — דאָס איז װייניק אינטערעסאַנט, עס האַנדלט זיך װעגן דער ראַדיקאַלער ענדערונג פון דער פּראַקטישער טעטיקייט, װעלכע קומט שוין לאַנג פאַר ביסלעכװייז אין דער פּאַרטיי גופא. די ראָזיקע ענדערונג װעט פאַרקומען ניט בלויז אין דער ריכטונג פון דעם מער ענערגישן פירן דעם עקאָנאָמישן קאַמף, אין דער ריכטונג פון פאַרפעסטיקן די עקאָנאָמישע אָרגאַניזאַציעס, נאָר דער איקער — און דאָס איז דאָס סאַמע מאַמאָשעסדיקע — איז דער ריכטונג פון ענדערן די באַציאונג פון דער פּאַרטיי צו די אַנדערע אָפּאָזיציאָנעלע פּאַרטייען. דער אומטאָלעראַנטער מאַרקסיזם דער אַלץ־לייקענענדיקער מאַרקסיזם דער פּרימיטיװער מאַרקסיזם (װאָס באַנוצט זיך מיט אַ צו סכעמאַטישער פאָרשטעלונג װעגן דער קלאַסן־טיילונג פון דער געזעלשאַפט) װעט אָפּטרעטן דעם אָרט דעם דעמאָקראַטישן מאַרקסיזם, און די געזעלשאַפטלעכע לאַגע פון דער פּאַרטיי אין שױס פון דער מאָדערנער געזעלשאַפט מוז זיך ראַדיקאַל ענדערן. די פּאַרטיי װעט אָנערקענען די געזעלשאַפט; איר שמאָל־קאָרפּאָראַטיװע, אין דער מערהייט פאַלן — סעקטאַנטישע אויפגאַבן װעלן װערן פאַרברייטערט ביז געזעלשאַפטלעכע אויפגאַבן, און איר שטרעבונג צום פאַרכאַפּן די מאַכט װעט איבערגעשטאַלטעט װערן אין אַ שטרעבונג צו ענדערן, צו רעפאָרמירן די איצטיקע געזעלשאַפט אין אַ דעמאָקראַטישער ריכטונג, אין אַ צופּאַסונג צו דער איצטיקער זאַך־לאַגע קעגן די בעסער צו פאַרטיידיקן די רעכט פון די (קאָלעריי) האַרעפּאַשנע מאַסן. דער אינהאַלט פון די באַגריפן „פּאָליטיק“ װעט פאַרברייטערט װערן ביז אַן עכט־געזעלשאַפטלעכער באַדייטונג, און די פּראַקטישע פאָדערונגען פון מאָמענט װעלן באַקומען מער װאָג, װעלן קאָנען האָפן אויף אַ גרעסערער אויפמערקזאַמקייט מיצד דער פּאַרטיי, װי דאָס איז געװען ביז איצט.

פון אַט אָ דער קורצער באַשרייבונג פונם אַנטװיקלונג־גאַנג פון דער אַרבעטער־באַװעגונג אין מאַירעװ איז ניט שװער צו מאַכן אַ פועל־יוצא פאַר רוסלאַנד. די ליניע פון קלענסטן װידערשטאַנד װעט בא אונדז קיינמאָל ניט זיין געװענדט אין דער זייט פון פּאָליטישער טעטיקייט. דער אומגלעכער פּאָליטישער דרוק װעט צװינגען אַסאַך ריידן װעגן אים, גראַד אויף דער פראַגע קאָנצענטרירן די אויפמערקזאַמקייט אָבער ער װעט קיינמאָל ניט צװינגען פּראַקטיש צו װירקן. אויב אין מאַירעװ זיינען די שװאַכע אַרבעטער־קויכעס, װערנדיק אַריינגעצויגן אין דער פּאָליטישער טעטיקייט, געװאָרן שטאַרקער און האָבן זיך אויסגעפאָרמירט, שטייען בא אונדז די ראָזיקע קויכעס פאַרקערט, פאַר דער װאַנט פון פּאָליטישן דרוק און ניט נאָר זיי האָבן ניט קיין פּראַקטישע װעגן צום קאַמף קעגן אים, און בעמיילע אויך פאַר זייער אַנטװיקלונג, נאָר זיי װערן אַפילע סיסטעמאַטיש געשטיקט דורך אים און קענען ניט לאָזן אַפילע קיין שװאַכע װאָרצלען. װען מע גיט צו דעם צו, אַז אונדזער אַרבעטער־קלאַס האָט ניט באַקומען בייער רושע דעם אָרגאַניזיר־גייסט, מיט װעלכן ס'האָבן זיך אויסגעצייכנט די קעמפער פון מאַירעװ, — באַקומט זיך אַ הרייקענדיק בילד, װאָס איז פעאיק אָנצוװאַרפן אַ מאָרע־שכוירע אויף דעם סאַמע אָפּטימיסטישן מאַרקסיסט, װעלכער

גלויבט, אַז אַן איבעריקער פּאַבריק־קוימען איז שוין — מיטן בלויזן פֿאַקט פֿון זײַן עקזיסטענץ — אַ גרויסער וואויל־טאָק. שווער, אומעטרלעך שווער איז אויך דער עקאָנאָמישער קאַמף, אָבער ער איז מעגלעך, ער ווערט, ענדלעך, פּראַקטיקירט פֿון די מאַסן גופֿא. לערנענדיק זיך אין דעם דאָזיקן קאַמף צו אָרגאַניזירן זיך און אָנשטויסנדיק זיך יעדע מינוט אויפֿן פּאָליטישן רעזשים, וועט דער רוסישער אַרבעטער, ענדלעך, שאַפֿן דאָס, וואָס מען קאָן אָנרופֿן אַ פֿאָרם פֿון דער אַרבעטער־באַוועגונג, ער וועט שאַפֿן די אָרגאַניזאַציע אָדער די אָרגאַניזאַציעס, וואָס פּאַסן אַמערסטן צו די באַדינגונגען פֿון דער רוסישער טעטיקייט. אין דער איצטיקער צײַט קאָן מען מיט זיכערקייט זאָגן, אַז די רוסישע אַרבעטער־באַוועגונג געפֿינט זיך נאָך אין אַ פֿאָרמלאָזן צושטאַנד און האָט קיין שום פֿאָרם ניט באַשאַפֿן. די שטרייק־באַוועגונג, עקזיסטירנדיק באַ יעדער פֿאָרם פֿון אָרגאַניזאַציע, קען נאָך ניט באַטראַכט ווערן ווי אַ קריסטאַליזירטע פֿאָרם פֿון דער רוסישער באַוועגונג, און די אומלעגאַלע אָרגאַניזאַציעס פֿאַרדינען ניט קיין אויפֿמערקזאַמקייט שוין פֿון דײַן־קאַמעסדיקן שטאַנדפּונקט (וועגן זייער נוצלעכקייט באַ די איצטיקע באַדינגונגען רעד איך ניט). אָט דאָס איז די לאַגע. ווען מע גייט צו דעם הונגער און דעם פּראָצעס פֿון רואינירונג פֿונם דאָרף, וואָס העלפֿט מיט דער שטרייקברעכערײַ, און בעמיילע אויך דער גרעסערער שווערקייט פֿון אויפֿהייבן די אַרבעטער־מאַסן אויף אַ מער דערהערעגלעכע קולטור־מדריגה, — איז וואָס זאָל דאָ טאָן דער רוסישער מאַרקסיסט? די רעדערייען וועגן אַ זעלבשטענדיקע פּאָליטישע אַרבעטער־פּאַרטיי זײַנען ניט מער ווי אַ פּראָדוקט פֿון איבערטראָגן פֿרעמדע אויפֿגאַבן, פֿרעמדע רעזולטאַטן אויף אונדזער באָדן. דער רוסישער מאַרקסיזם שטעלט דערווײַלע פֿאָר אַ טרויעריק בילד. זײַנע פּראַקטישע אויפֿגאַבן זײַנען אין דער געגנוואַרט נעבעכדיק, זײַנע טעאָרעטישע קענטענישן, אויף וויפֿל ער באַנוצט זיך מיט זיי ניט ווי מיט אַ *ווערק־צײַג פֿון אויספֿאָרשונג*, נאָר ווי מיט אַ סכעמע פֿון טעטיקייט, האָבן קיין ווערט ניט אַפֿילו פֿאַרן אויספֿירן די דאָזיקע נעבעכדיקע פּראַקטישע אויפֿגאַבן. אַחוץ דעם זײַנען די דאָזיקע סכעמען, גענומענע פֿון דער פֿרעמד, אין פּראַקטישן זינען שעדלעך. פֿאַרגעסנדיק, אַז אויפֿן מאירעוו איז דער אַרבעטער־קלאַס אַרויסגעטראָטן שוין אויף אַן אָפּגערייניקטן פּאָליטישן טעטיקייט־פֿעלד, באַציִען זיך אונדזערע מאַרקסיסטן מער ווי דאָס איז נייטיק מיט פֿאַראַכטונג צו דער ראַדיקאַלער אָדער ליבעראַלער אָפּאָזיציאָנעלער טעטיקייט פֿון די אַלע אַנדערע ניט אַרבעטער־שיכטן פֿון דער געזעלשאַפֿט. דער מינדסטער פּרוּוו צו קאָנצענטרירן די אויפֿמערקזאַמקייט אויף די געזעלשאַפֿטלעכע דערשײַנונגען פֿון ליבעראַל־פּאָליטישן כאַראַקטער, רופֿט אַרויס אַ פּראָטעסט פֿון די אָרטאָדאָקסאַלע מאַרקסיסטן, וואָס פֿאַרגעסן, אַז אַ גאַנצע ריי היסטאָרישע באַדינגונגען שטערן אונדז זײַן מאירעוו־מאַרקסיסטן און פֿאַרלאַנגט פֿון אונדז אַן אַנדער מאַרקסיזם, וועלכער האָט אַ פּלאַץ און איז נייטיק אין די רוסישע באַדינגונגען. דער מאַנגל פֿון פּאָליטישן געפֿיל און כוש באַ איטלעכן רוסישן בירגער קאָן, אָפּאָנים, ניט אויסגעקויפֿט ווערן דורך געשפּרעכן וועגן פּאָליטיק, אָדער מיט אַפּעלאַציעס צו ניט פֿאַראַנענער קראַפֿט. אָט אָ דער פּאָליטישער כוש קאָן געגעבן ווערן נאָר

דורך דערציאונג, ד. ה. דורך באטייליקונג אין דעם לעבן, — ווי ניט מארקסיסטיש עס זאל ניט זיין, — וואס די רוסישע ווירקלעכקייט גיט. א וויפל די „אפלייקענונג" האט יא געהאט א זינען (צייטווייליק) אפן מאירעוו, אף אזוי פיל איז זי בא אונז שעדלעך, ווייל די אפלייקענונג, וואס גייט ארויס פון עטוואס ארגאניזירטעס, וואס האט א פאקטישן קויעך איז איין זאך, און די אפלייקענונג, וואס גייט ארויס פון א פארמלאזער מאסע אפגעזונדערטע יעכידים, איז אן אנדער זאך. פאר א רוסישן מארקסיסט איז דא איין אויסוועג: באטייליקונג, ד. ה. הילף דעם עקאנאמישן קאמף פון פראלעטאריאט און באטייליקונג אין דער ליבעראל־אפאזיציאנעלער טעטיקייט. אלס א „גיינזאגער", איז דער רוסישער מארקסיסט געקומען צו פרי, און דאסדאזיקע גיין־זאגן האט אין אים אפגעשוואכט דעם ביסלעך ענערגיע, וואס האט זיך געדארפט ווענדן אין דער זייט פון פאליטישן ראדיקאליזם. דערווייל איז דאס אלץ ניט שרעקלעך, אבער אויב די קלאסן־סכעמע וועט שטערן דעם טעטיקן אנטייל פון רוסישן אינטעליגענט אין לעבן און וועט אים אפרוקן צו ווייט פון די אפאזיציאנעלע קרייזן, — וועט עס זיין א מאמאשעסדיקער העזעק פאר די אלע, וועלכע זיינען געצוואונגען צו קעמפן פאר רעכטפארמען ניט האנט בא האנט מיטן ארבעטער־קלאס, וואס האט נאך ניט ארויסגערוקט קיין פאליטישע אויפגאבן. די פאליטישע אומשולד פונם רוסישן מארקסיסט־אינטעליגענט, זיין באהאלטן זיך הינטער קאפ־בקירעס אף פאליטישע טעמעס, קען אים אפשפילן א מיעסן קאטאוועס.

(יעקאטערינע קוסקאווא. „קרעדא". פון: נ. קארפאוו און מ. פלידנער׳ס כרעסטאמאטיע איבערן לעניניזם. טייל 1. לענינגראד, 1925, זייט 156—159).

נ. באטורין

„איסקרא" און „זאריא".

סאף יאר 1900 האט די גרופע סאציאל־דעמאקראטן, וואס האבן זיך אומגעקערט פון פארשיקונג צוזאמען מיט דער גרופע פון „באפרייאונג פון ארבעט", געגרינדעט אין אויסלאנד די צייטונג „איסקרא", וואס האט געשפילט א גרויסע ראלע אין דער ווייטערדיקער אנטוויקלונג פון דער רוסישער סאציאל־דעמאקראטיע. אין דער רעדאקציע זיינען אריין, אחוץ אלע מיטגלידער פון דער גרופע פון „באפרייאונג פון ארבעט" (אויסער ל. דייטש, וועלכער איז אריינגעטראטן אין דער אדמיניסטראציע פון „איסקרא"): לענין (וול. אי. אוליאנאוו), מארטאוו (צעדערבוים) און סטאראוויער (פאטרעסאוו), אלע דריי — אנטיילנעמער פונם „פעטערבורגער פאריין פון קאמף" פון יאר 1895.

אנהויבנדיק איר טעטיקייט אין דער צייט, ווען אין די רייען פון די רוסישע סאציאל־דעמאקראטן האט געהערשט א טעארעטישער מישמאש, וואס איז געווייזט געווארן מיצאד דעם „לעגאלן" מארקסיזם, און אן ארגאניזאציאנעלער כאאס, — האט זיך די גרופע „איסקרא" געשטעלט פאר אן אויפגאבע צו־

גרייטן די אידייאישע פאַרייניקונג פון דער רעוואָלוציאָנערער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע סאַי אין געביט פון טעאָריע, סאַי אפֿן באָדן פון פּראַקטישע אויפֿגאַבן פון פּאָליטישן קאַמף, און אַזוי אַרום באַשאַפֿן באַדינגונגען פאַר אַ שטייפֿער אָרגאַניזאַציאָנעלער פאַרייניקונג פון דער פּאַרטיי.

...קאָנצענטרירנדיק אין זיך גרויסע ליטעראַרישע קויכעס, האָט די „איסקראַ“ שוין פון די ערשטע נומערן אָן אָנגעהויבן אויסצופירן די אָנגעמערקטע פּראָגראַם. אין קעגנזאַץ צו דער אַגיטאַציע פון די „עקאָנאָמיסטן“, וועלכע פלעגט ניט אַרויסגיין פון די ראַמען פון „אומיטלבאַרע צוזאַמענשטויסן“, פלעגט זיך די „איסקראַ“ אָפּרופן אף אַלע וויכטיקסטע פראַגן פון לויפנדיקן געזעלשאַפטלעכן און פּאָליטישן לעבן. אין אונזער פּאַרטיי־פּראַקטיק איז עס געווען דער ערשטער פּרואוו פון אַ גרויסער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער צייטונג.

צוליב דער פאַרטיידיקונג פון די טעאָרעטישע פּאָזיציעס פון דער רעוואָלוציאָנערער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע האָט דיזעלביקע גרופּע אָנגעהויבן אַרויסגעבן אַ וויסנשאַפטלעך־פּאָליטישן זשורנאַל „זאַריאַ“. נאָכדעם ווי עס זיינען פאַרמאַכט געוואָרן אין רוסלאַנד „נאַוואָיע סלאָוואָ“ און „זשיזן“, און די לעגאַלע פּרעסע האָבן פון דאָס ניי פאַרפֿילט די ניי־אויפֿגעקומענע נאָכפֿאָלגער פון דעם אַלטן רעוואָלוציאָנערן פּאָלקיזם ווי אַ שטייגער יוזשאַקאָוו קריווענקאָ, און אַנד., ווי אויך די אומגעוויינלעך פאַרמערטע צאָל „קריטיקער“ פון מאַרקסן, — האָט דער „אָרטאָדאָקסאַלער“ מאַרקסיזם געפֿונען איצט אף די זייטן פון „זאַריאַ“ זיין גלענצנדן אויסדרוק. ניט באַגרענעצנדיק זיך מיט צענזור־ראַמען, דעקט אויף די „זאַריאַ“ די עמעסע נאַטור פון די „קריטיקער“ פון דעם מין ווי סטרואַווע, בולגאַקאָוו, בערדיאַיעוו, פּראָקאָפּאָוויטש און אַנדערע, וועלכע האָבן נאָר אינם מויטנעם וואַסער פון „לעגאַלן“ מאַרקסיזם געקאָנט באַהאַלטן זייער עכט־בורזשואַזן פּאַרצעף און האָבן אפילע אַ געוויסע אידייאישע ווירקונג אף איינציקע ווייניק־דערפאַרענע פּראַקטיקער פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע.

דאָס טעאָרעטישע פאַנאַנדעראַרבעטן די פראַגן פון פּראָגראַם און טאַקטיק פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, וואָס די „זאַריאַ“ האָט אונטערגענומען, האָט געהאַט אַ גרויסע באַדייטונג נאָך מאַכמעס דעם, וואָס האַנט בא האַנט מיט דער ליבעראַלער בורזשואַזיע איז אַרויסגעטראָטן די רעוואָלוציאָנערע קליינבירגערלעכע פּאַרטיי פון די אַזוי־גערופֿענע „סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן“. דער אַלטער פּאָלקיזם איז אויפֿגעשטאַנען טכיאַס־האַמייסים און זיין צעשוואַומענע און נעפּלהאַפטע „סאָציאַליסטישע פּראָגראַם“ האָט ער אָפּגעפרישט מיט רעוויזיאָניסטישע טעאָריעס. דיזאָזיקע פּאַרטיי וויכט אָן אַנהאַלט פאַר איר פּאָליטישן ראַדיקאַליזם אין אַלע געזעלשאַפטלעכע קלאַסן און גרופּעס און האָט גאָרניט קעגן אויסנוצן אונטערן פאָן פון סאָציאַליזם אויך די רעוואָלוציאָנערע שטימונגען פון פּראָלעטאַריאַט. דער אידייאישער קאַמף מיט דעמדאָזיקן אַלט־פרענקישן סאָציאַליזם און די פאַרטיידיקונג פון דעם פּראָלעטאַריאַטס קלאַסן־שטאַנדפּונקט ווערן איצט נויטווענדיק קעדיי אָפּצוהיטן די פּאָליטישע אומאָפּהענגיקייט פון דער אַרבעטער־פּאַרטיי.

דעם אָרגאַניזאַציאָנעלן כאָאָס און דער „קוסטאַרעריי“ וועלכע האָט, אייגנט-

לעך, לאַבלוטן ניט געשטערט דער „עקאָנאָמישער" פּראַקטיק, האָט די גרופּע „איסקרא" און „זאַריאַ" אַנטקעגנגעשטעלט איר פּלאַן פון אָרגאַניזאַציאָנעלן פאַרייניקן די פּאַרטיי. דעטאַליזירטער פּלאַן, איבערגעגעבן צום ערשטן מאָל אינעם אַרטיקל „פון וואָס דאַרף מען אָנהויבן?" אין איינעם פון די ערשטע נומערן „איסקרא", איז נאָכדעם אויספירלעך אַנטוויקלט געוואָרן פון לענינען אין דער בראָשור „וואָס דאַרף מען טאָן"?...

די בראָשור „וואָס דאַרף מען טאָן"? איז דערשינען אין מאַרט פון יאָר 1902, ד. ה. נאָך א יאָר טעטיקייט פון „איסקרא", און צו דער צייט האָט זי געהאַט א גרויסן דערפאָלג. אינעם קאַמף מיטן „עקאָנאָמיזם" האָט זי געהאַט אומגעהויערע היסטאָרישע באַדייטונג, ווי אין איר צייט די בראָשור „וועגן אַגיטאַציע" — אינעם קאַמף מיט דער „קרייזלעריי". אָבער די ערשטע נומערן „איסקרא" זיינען אין דער מערהייט פון די ס"ד אָרגאַניזאַציעס באַגעגנט געוואָרן פיינטלעך. אין אויסלאַנד איז צו איר צוגעשטאַנען די גליבצייטיק מיט איר געגרינדעטע „ליגע פון דער רעוואָלוציאָנערער רוסישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע", וועלכע האָט גענומען אף זיך די מאַטעריעלע שטיצע פון דער צייטונג און דאָס צושטעלן זי אין רוסלאַנד. די זשוריקע אָרגאַניזאַציע האָט אויך אָנגעהויבן פּאַראַלעל מיט דעם אויסלענדישן „פאַריין פון רוסישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן" אַרויסגעבן פּאָפּולערע ליטעראַטור. אין רוסלאַנד האָט די „איסקרא" געהאַט אין די גרעסערע שטעט אירע פאָרשטייער, וועלכע פלעגן אונטערהאַלטן אירע פאַרבינדונגען מיט די אָרטיקע ס"ד אָרגאַניזאַציעס, צושטעלן מאַטעריאַל פאַר דער רעדאַקציע, פאַרשפּרייטן די צייטונג אף די ערטער אומעדוםמע. אָבער די שאַרפע קריטיק פון „עקאָנאָמיזם" פלעגט שטאַרק אויפבריינגען די מערהייט פון די אָרטיקע סאָציאַל־דעמאָקראַטן, און די פאָרשטייער פון „איסקרא" פלעגן ניט זעלטן אָנקומען שווער אפילע דערשלאָגן זיך די פאַרשפּרייטונג פון דער צייטונג *) שפּעטער זיינען אין איניקע שטעט פּאַראַלעל מיט די אָרטיקע „עקאָנאָמישע" פּאַרטיי־קאָמיטען אַנטשטאַנען „אָרגאַניזאַציעס פון „איסקרא", וועלכע האָבן געפירט די אַרבעט אין גייסט פון די אָנשויאונגען. די זשוריקע אָרגאַניזאַציעס האָבן אוועקגעשטעלט אין רוסלאַנד עטלעכע אונטערערדישע דרוקעריען, אין וועלכע ס'איז אויסער פּראָקלאַמאַציעס אַרויסגעגעבן געוואָרן עטלעכע ב ר אָ ש ו ר ן און איניקע אַרטיקלען פון „איסקרא" און „זאַריאַ".

(נ. באַטורין. עטיודן פון דער געשיכטע פון דער סאָציאַל דעמאָקראַטיע אין רוסלאַנד. פּעטראָגראַד, 1922. זייטן 69—66).

*) אף ווי וויט שווער ס'פלעגט אמאָל זיין די לאַגע פון די פאָרשטייער פון „איסקרא", קאָן מען אורטיילן לויטן ביישפּיל פון איר קיעווער פאָרשטייער, דעם כאַווער ק., וואָס קעדיי צו הויזן מיט די פיינטלעך־געשטימטע „עקאָנאָמיסטן" פון קיעווער פּאַרטיי־קאָמיטעט, פלעגט ער אַנקומען אפילע צו אַזעלכע אויסערגעוויינלעכע מיטלען, ווי אויסשניידן „אומטאַקטישע" אַרטיקלען פון „איסקרא" און באַהאַלטן גאַנצע נומערן.

נ. לענין

„וואָס דאַרף מען טאָן?"

(אויסצוגן)

סטיכישקייט און באוואוסטזיניקייט.

די רוסישע געבילדעטע יוגנט אין מיטן פון די 90-ער יארן האט אן אויסנאם מיט גרויס כיישעק געריסן זיך צו דער טעאריע פון מארקסיזם. א דורכויסיקן כאראקטער האבן באקומען אין דערזעלביקער צייט אויך די ארבעטער-שטרייק נאך דער בארימטער פעטערבורגער אינדוסטריעלער מילכאמע פון 1896 יאר. זייער פארשפרייטונג איבער גאנץ רוסלאנד האט בעפיירעש איידעס געזאגט וועגן דער טיפקייט פון דער פאלקס-באוועגונג, וואס הויבט זיך פונדאסניי אויף, און אויב שוין ריידן וועגן „סטיכישן עלעמענט", וועט זיכער אויסקומען צו אנערקענען גראד די דאזיקע שטרייק-באוועגונג פריער פאר אלץ פאר א סטיכישע. אבער סטיכישקייט צו סטיכישקייט איז דאך אויך ניט גלייך.

שטרייקן זיינען אין רוסלאנד געווען אין די 70-ער יארן, אי אין די 60-ער יארן (און אפילע אין דער ערשטער העלפט פון 19-טן יארהונדערט), וועלכע זיינען באגלייט געווארן מיט צעשטערן מאשינעס אוכדוימע. אין פארגלייך מיט אט א די „בונטן", קאן מען די שטרייקן פון די 90-ער יארן אפילע אנרופן „באוואוסטזיניקע" — אזוי ווייט באדייטנדיק איז דער טריט פאראויס, וואס די ארבעטער-באוועגונג האט פאר דער צייט געמאכט. דאס באווייזט אונז, אז דער „סטיכישער עלעמענט" שטעלט פאר מיט זיך בעצעם ניט מער, ווי די ערשטע פארם פון באוואוסטזיניקייט. די פרימיטיווע בונטן האבן שוין אויך געהאט אויסגעדריקט א געוויסע אויפוואכונג פון באוואוסטזיניקייט: די ארבעטער פלעגן פארלירן דעם אלטן גלויבן אין דער אומבארירלעכקייט פון די ארדענונגען, וואס דריקן זיי, פלעגן אנהויבן, כ'וועל ניט זאגן פארשטיין, נאר פילן די נויטווענדיקייט פון קאלעקטיוון ווידערשטאנד און פלעגן אנטשיידן רייס; מיט דער קנעכטישער אונטערטעניקייט צו דער „נאטשאלסטווע". אבער דאס איז דאך געווען מער א דערשיינונג פון פארצווייפלונג און נעקאמע, ווי פון קאמף. די שטרייקן פון די 90-ער יארן באווייזן אונז אביסל מער אויפבליצן פון באוואוסטזיניקייט: עס ווערן ארויסגעשטעלט באשטימטע פאדערונגען, עס ווערט לעכאטכילע אויסגערעכנט, וואס פאר א מאמענט ס'איז באקוועמער, פאר דעם, עס ווערן באהאנדלט באשטימטע פאלן און ביישפילן אין אנדערע ערטער א. א. וו. אויב די בונטן זיינען געווען אן אויפשטאנד פון סטאם אונטערדריקטע מענטשן, האבן די סיסטעמאטישע שטרייקן שוין אויסגעדריקט מיט זיך שפראצן פון קלאסן-קאמף, אבער טאקע ניט מער ווי שפראצן. פאר זיך אליין זיינען די דאזיקע שטרייקן געווען א טרעד-יוניאניסטישער קאמף, אבער נאך ניט קיין סאציאל-דעמאקראטישער, זיי האבן באצייכנט די אויפוואכונג פון אנטאגאניזם צווישן די ארבעטער און באלעבאטים, אבער בא די ארבעטער איז ניט געווען

און עס האָט אויך ניט געקאָנט זײַן קיין באַוואוסטזיין פון דער אומקאָמפּראָמיסלעכער קעגנזעצלעכקייט פון זייערע אינטערעסן צו דער גאַנצער מאָדערנער פּאָליטישער און געזעלשאַפטלעכער אָרדענונג, ד. ה. קיין סאָציאַל־דעמאָקראַטיש באַוואוסטזיין. אין דעם פּראַט זײַנען די שטרייקן פון די 90־ער יאָרן אַן עכט־סטיכייאישע באַוועגונג, ניט קוקנדיק אַף דעם געוואַלדיקן פּראָגרעס אין פאַרגלייך מיט די בונטן.

מיר האָבן געזאָגט, אַז קיין סאָציאַל־דעמאָקראַטישער באַוואוסטזיין האָט באַ די אַרבעטער אויך ניט געקאָנט זײַן. ער האָט געקאָנט געבראַכט ווערן נאָר פון דרויסן. די געשיכטע פון אַלע לענדער זאָגט אײדעס, אַז אויסשליסלעך מיט זײַנע אייגענע קויכעס איז דער אַרבעטער־קלאַס אימשטאַנד אויסצואַרבעטן נאָר אַ טרעד־יוניאָניסטישן באַוואוסטזיין, ד. ה. די איבערצייגונג אין דער נויטווענדיקייט צו אָרגאַניזירן זיך אין פאַרייניגן, פירן אַ קאַמף מיט די באַלעבאַטים, דערשלאָגן זיך באַ דער רעגירונג זי זאָל אַרויסגעבן די אָדער יענע געזעצן פאַר די אַרבעטער, אוכדוימע. די לערע וועגן סאָציאַליזם ווידער איז אויסגעוואַקסן פון יענע פילאָסאָפישע, היסטאָרישע, עקאָנאָמישע טעאָריעס, וועלכע פלעגן פאַנאַנדערגעאַרבעט ווערן דורך די געבילדעטע פאָרשטייער פון די פאַרמעגלעכע קלאַסן, דורך דער אינטעליגענץ. די גרינדער פון מאָדערנעם וויסנשאַפטלעכן סאָציאַליזם מאַרקס און ענגעלס, האָבן אַליין אויך אָנגעהערט, לויט זייער סאָציאַלער לאַגע, צו דער בורזשואַזער אינטעליגענץ. דאָסגלייכן איז די טעאָרעטישע לערע פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע אין רוסלאַנד אויך אַנטשטאַנען אומאָפּהענגיק פונם סטיכייאישן וואוקס פון דער אַרבעטער־באַוועגונג, זי איז אַנטשטאַנען ווי אַ נאַטירלעכער און אומפאַרמײַדלעכער רעזולטאַט פון דער געדאַנקען־אַנטוויקלונג באַ דער רעוואָלוציאָנער־סאָציאַליסטישער אינטעליגענץ. צו דערזעלביקער צייט, וועגן וועלכער מאַ אונז רעדט זיך, דאָס הייסט צום מיטן פון די 90־ער יאָרן, איז די דאָזיקע לערע ניט נאָר שוין געווען אַ פולשטענדיק אויסגעבילדעטע פּראָגראַם פון דער גרופּע „באַפרייאונג פון אַרבעט“, — זי האָט שוין אויך געוואונען אַף איר צאַד די מערהייט פון דער רעוואָלוציאָנערער יוגנט אין רוסלאַנד.

אַזוי אַרום האָבן מיר געהאַט סאַי די סטיכישע אויפוואַכונג פון די אַרבעטער־מאַסן, די אויפוואַכונג צום באַוואוסטזיניקן לעבן און באַוואוסטזיניקן קאַמף, סאַי די אַנוועזנקייט פון דער רעוואָלוציאָנערער יוגנט, וואָס איז געווען באַוואָפנט מיט דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער טעאָריע און וואָס האָט זיך געריסן צו די אַרבעטער. דערבײַ איז זייער וויכטיק פעסטצושטעלן דעם פאַקט, וואָס ווערט אָפט פאַרגעסן (און איז בעערעך ווייניק באַוואוסט), אַז אָפּגעבנדיק זיך פלייסיק מיט דער עקאָנאָמישער אַגיטאַציע (און פולשטענדיק רעכענענדיק זיך אין דעם פּראַט מיט דער בראָשור „וועגן אַגיטאַציע“, וואָס איז דעמאָלט נאָך געווען ערשט אין קסאַוויאַד), האָבן די ערשטע סאָצ.־דעמאָקראַטן פון יענער צייט ניט נאָר ניט געהאַלטן זי פאַר זייער איינציקע אויפגאַבע, נאָר זיי פלעגן, אַדרעאַבע, אַרויסרוקן שוין פון אָנהייב אָן די

סאַמע ברייטע היסטאָרישע אויפגאַבן פון דער רוסישער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע און פון אַראָפּוואַרפן די זעלבסטהערשונג באַזונדערס....

(לענין—„וואָס דאַרף מען טאָן?“, „שריפטן“, באַנד 5, זייט 140—141).

די סאָציאַליסטישע און בורזשואַזע אידעאָלאָגיע אין דער אַרבעטער-באַוועגונג.

...ווײבאַלד אַז וועגן אַ זעלבסטשטענדיקער אידעאָלאָגיע, וואָס ווערט אויסגעאַרבעט מיצאַד די אַרבעטער-מאַסן גופא אינם עצם גאַנג פון זייער באַוועגונג קען גאָר קיין רייד ניט זיין *), שטייט די פראַגע בלויז אַזוי: ס'קען זיין אַ בורזשואַזע, אָדער אַ סאָציאַליסטישע אידעאָלאָגיע. קיין מיטן איז דאָ ניטאָ (ווייל קיין שום „דריטע“ אידעאָלאָגיע האָט די מענטשהייט ניט אויסגעאַרבעט, און ביכלאַל אין אַ געזעלשאַפט, וואָס ווערט פאַנאַנדערגעריסן פון קלאַסן-סתירות, קאָן גאָר קיינמאָל ניט זיין קיין אויסער-קלאַסן — אָדער איבערקלאַסן-אידעאָלאָגיע). מאַכמעס דעם איז יעדע פאַרקלענערונג פון דער סאָציאַליסטישער אידעאָלאָגיע, יעטוועדער אָפּנייג פון איר שוין דערמיט גופא אַ פאַרשטאַרקונג פון דער בורזשואַזער אידעאָלאָגיע. מען שמועסט וועגן סטיכישקייט. אָבער די סטיכישע אַנטוויקלונג פון דער אַרבעטער-באַוועגונג גייט גראָד צו דעם, אַז זי ווערט אונטערגעוואָרפן דער בורזשואַזער אידעאָלאָגיע, זי גייט גראָד לויט דער פּראָגראַם פונם „קרעדאָ“, ווייל די סטיכישע אַרבעטער-באַוועגונג איז טרעד-יוניאָניזם, איז נאָר געווערקשאַפטלעריי, און דער טרעד-יוניאָניזם באַדייט דאָך די אידייאישע פאַרשקלאַפונג פון די אַרבעטער מיצאַד דער בורזשואַזיע. מאַכמעס דעם איז אונדזער אויפגאַבע, די אויפגאַבע פון דער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע, צו קעמפן מיט דער סטיכישקייט, זי באַשטייט אין דעם, אַז מע דאַרף אָפּציִען די אַרבעטער-באַוועגונג פון דער האַזיקער סטיכישער שטרעבונג צו טרעד-יוניאָניזם אונטערן פליגל פון דער בורזשואַזיע און צוציִען זי אונטערן פליגל פון דער רעוואָלוציאָנערער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע...

*) דאָס באַדייט ניט, פאַרשטייט זיך, אַז די אַרבעטער באַטייליקן זיך ניט אין דעם דאָזיקן אויסאַרבעטן. אָבער זיי באַטייליקן זיך ניט ווי אַרבעטער, נאָר ווי טעאָרעטיקער פון סאָציאַליזם, ווי די פּרודאָנס און ווייטלינגס, זיי באַטייליקן זיך, מיט אַנדערע ווערטער, נאָר דעמאָלט און אויף אַזוי פיל, אויף וויפל זיי גיט זיך איין אין אַ גרעסערער צי אין אַ קלענערער מאָס צו באַהערשן די וויסנשאַפט פון זייער צייט און רוקן די דאָזיקע וויסנשאַפט פאָרויס. און כדי דאָס זאָל זיך אָפטער איינגעבן די אַרבעטער, איז נויטיק ווי ווייט מעגלעך, מער זאָרגן וועגן העכערן די מאַדרייגע באַוואוסטזיניקייט פון די אַרבעטער ביכלאַל, צוליב דעם איז נויטיק, אַז די אַרבעטער זאָלן ניט איינשליסן זיך אין די קינסטלעך פאַרשמעלערטע ראַמען פון „ליטעראַטור פאַר אַרבעטער“, נאָר זאָלן זיך לערנען אַלץ מער און מער באַהערשן די אַלגעמיינע ליטעראַטור. עס וואָלט אַפילו ריכטיקער געווען צו זאָגן אַנשטאָט „איינשליסן זיך“—„איינגעשלאָסן ווערן“, ווייל די אַרבעטער אַליין לייענען און ווילן לייענען אַלץ, וואָס מען שרייבט אויך פאַר דער אינטעליגענץ, און נאָר געוויסע (שלעכטע) אינטעליגענטן מיינען, אַז „פאַר אַרבעטער“ איז גענוג דערציילן וועגן פאַבריק-אָרדענונגען און איבערקייען דאָס, וואָס איז שוין פון לאַנג באַוואוסט.

אָבער פאַר וואָס זשע — ווערט פרעגן דער לעזער, — גייט די סטיכישע באַוועגונג אַף דער ליניע פון קלענסטן ווידערשטאַנד, דאַפקע צו דער הערשאַפט פון דער בורזשואַזער אידעאָלאָגיע? מאַכמעס דער פּאַשעטער סיבע, וואָס די בורזשואַזע אידעאָלאָגיע איז לויט איר אָפּשטאַמונג פיל עלטער, ווי די סאָציאַליסטישע, ווייל זי איז אַלזייטיקער פאַנאַנדערגעאַרבעט, ווייל זי פאַרמאָגט אַ ן ע ר ע ך גרעסערע מיטלען פון פאַרשפּרייטונג. און וואָס אינגער די סאָציאַליסטישע באַוועגונג איז אין וועלכן עס איז לאַנד, אַלץ ענערגישער מוז זיין מאַכמעס דעם איר קאַמף קעגן אַלע פּרוּוון פון פאַרפעסטיקן די ניטסאָציאַליסטישע אידעאָלאָגיע, אַלץ אַנטשיידענער דאַרף מען וואָרענען די אַרבעטער אַנטקעגן יענע שלעכטע באַלאַייצעס, וועלכע שרייען קעגן דער „פאַרגרעסערונג פונם באַוווּסטזיין עלעמענט" אוכדוימע ...

(נ. לענין, „וואָס דאַרף מען טאָן?", שריפטן, באַנד 5, זייט 148—151).

ווי די עקאָנאָמיסטן דערנידעריקערן די סאָציאַל-דעמאָקראַטישע פּאָליטיק צו דער טרעד-יוניאָניסטישער..

... וואָס פאַר אַ קאָנקרעטן, רעאַלן זין האָט אין מאַרטינאָווס מויל דאָס שטעלן פאַר דער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע די אויפגאַבע: „צו געבן דעם עקאָנאָמישן קאַמף גופע אַ פּאָליטישן כאַראַקטער"? דער עקאָנאָמישער קאַמף איז דער קאָלעקטיווער קאַמף פון די אַרבעטער מיט די באַלעבאַטים פאַר לויינבאַרע באַדינגונגען פון פ אַ ר ק ו י פ ן ד י אַ ר ב ע ט ס - ק ר אַ פ ט, פאַרן פאַרבעסערן די אַרבעטס און לעבנס-באַדינגונגען פון די אַרבעטער. דער דאָזיקער קאַמף איז נויטיקערווייז אַ פּראָפעסיאָנעלער קאַמף, ווייל די אַרבעטס-באַדינגונגען זיינען העכסט פאַרשיידנאַרטיק אין פאַרשיידענע פּראָפעסיעס, און בעמיילע, מוז דער קאַמף פאַר דער פ אַ ר ב ע ס ע ר ו נ ג פון די דאָזיקע באַדינגונגען געפירט ווערן לויט די פּראָפעסיעס (דורך די פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען אין מאַירעוו, דורך פּראָפעסיאָנעל צייטווייליקע פאַראייניקונגען און בלעטלעך אין רוסלאַנד אוכדוימע). „צוגעבן דעם עקאָנאָמישן קאַמף גופע אַ פּאָליטישן כאַראַקטער" באַדייט, הייסט עס, דערשלאָגן זיך צו פאַרווירקלעכן די זעלביקע פּראָפעסיאָנעלע פאָדערונגען, די זעלביקע פּראָפעסיאָנעלע פאַרבעסערונג פון די אַרבעט-באַדינגונגען דורך „געזעצגעבערישע און אַדמיניסטראַטיווע מאָסמיטלען" (ווי מאַרטינאָוו דריקט זיך אויס אַף דער 43-טער זייט פון זיין אַרטיקל). אָט דאָס טוען טאַקע און פלעגן טאָמיד טאָן אַלע פּראָפעסיאָנעלע אַרבעטער-פאַריינען. קוקט אַריין אין די ווערק פון די גרינטלעכע געלערנטע (און „גרינטלעכע" אָפּאָרטוניסטן), דאָס פאַרפאָלק וועב, וועט איר דערזען, אַז די ענגלישע אַרבעטער-פאַריינען האָבן שוין פון לאַנג אָן אַנערקענט און פאַרווירקלעכט די אויפגאַבע פון „צוגעבן דעם עקאָנאָמישן קאַמף גופע אַ פּאָליטישן כאַראַקטער", זיי קעמפן פון לאַנג אָן פאַר פרייהייט פון שטרייקן, פאַר באַזייטיקן אַלע און אַלערליי יורידישע מעניעס פאַר דער קאָאָפעראַטיווער און דער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג, פאַר אַרויסגעבן געזעצן צו פאַרטיידיקן די פרויען און קינדער, פאַר פאַר-

בעסערן די ארבעטס־באדינגונגען דורך סאניטארע און פאבריק־געזעצגעבונג אוב־דוימע.

אזוי ארום באהאלט זיך בעצעם הינטער דער שיינער פראזע וועגן "צו־געבן דעם עקאנאמישן קאמף גופע א פאליטישן כאראקטער", וועלכע קלינגט „שרעקלעך" טיפזיניק און רעוואלוציאנער, די טראדיציאנעלע שטרעבונג צו דערנידעריקן די סאציאל־דעמאקראטישע פאליטיק ביז צו דער טרעד־יוניאניסטישער! אונטער דער פארם פון אויסבעסערן די איינזייטיקייט פון דער „איסקרא", וועלכע שטעלט קלוימערשט „די רעוואלוציאניזירונג פון דער דאגמע העכער פאר דער רעוואלוציאניזירונג פון לעבן", טראגט מען אונז אונטער, ווי עפעס א נייס, דעם קאמף פאר עקאנאמישע רעפארמען. אין דערעמעס, אויסער קאמף פאר עקאנאמישע רעפארמען, אנטהאלט די פראזע וועגן „צוגעבן דעם עקאנאמישן קאמף גופע א פאליטישן כאראקטער" לאכלוטן גארנישט. און מארטינאוו וואלט זיך אליין געקאנט דערטראכטן צו דעמדאזיקן פאשעטן פויעל־יוצא, ווען ער וואלט זיך אריינגעטראכט ווי געהעריק אין דער באדייטונג פון זיינע אייגענע ווערטער. „אונזער פארטיי — זאגט ער, ארויס־שטעלנדיק קעגן דער „איסקרא" זיין שווערסטע קאנאן — וואלט געקאנט און געדארפט שטעלן דער רעגירונג קאנקרעטע פאדערונגען פון געזעצגעבערישע און אדמיניסטראטיווע מאסמיטלען קעגן דער עקאנאמישער עקספלואטאציע, קעגן דער ארבעטסלאזיקייט, קעגן הונגער א. א. וו." (זייטן 42—43 אין נו־מער 10 פון „ראבאטשעיע דעלא"). „קאנקרעטע פאדערונגען פון מאסמיטלען" — איז עס דען ניט די פאדערונג פון סאציאלע רעפארמען? און מיר פרעגן נאכ־אמאל די אומפארטייאישע לעזער, צי טרייבן מיר רעכילעס אף די „ראבאטשע־דעלצעס" (זאל מען מיר מוחל זיין דאסדאזיקע אומגעלומפערטע ווארט), אנ־רופנדיק זיי פארהאלטענע בערנשטייניאנער, ווען זיי רוקן ארויס ווי זייער כעלוק־דיזשם מיט דער „איסקרא" דעם טעזיס וועגן דער נויטווענדיקייט פון קאמף פאר עקאנאמישע רעפארמען?

די רעוואלוציאנערע סאציאל־דעמאקראטיע האט טאמיד איינגעשלאסן און שליסט איין אין איר טעטיקייט דעם קאמף פאר רעפארמען. זי באנוצט זיך אבער מיט דער „עקאנאמישער" אגיטאציע, קעדיי ארויסצושטעלן דער רעגירונג ניט בלויז פאדערונגען פון קאלערליי מאסמיטלען, נאר אויך (און קוידעמקאל) די פאדערונג אויפצוהערן צו זיין א זעלבסטהערשאפט־רעגירונג. אכוץ דעם האלט זי פאר איר כויוו ארויסצושטעלן דער רעגירונג דידאזיקע פאדערונג ניט בלויז אפן גרונט פון עקאנאמישן קאמף, נאר אויך אפן גרונט פון אלע דערשיינונגען פון געזעלשאפטלעכן לעבן ביכלאל. מיט איין ווארט: זי ווארפט אונטער דעם קאמף פון רעפארמען דעם רעוואלוציאנערן קאמף פאר פרייהייט און פארן סאציאליזם, ווי א טייל — דעם גאנצן. מארטינאוו ווידער איז מע־כאיע מייסים אין אן אנדער פארם די סטאדיעס־טעאריע*), באמיענדיק זיך צו

*) די טעאריע פון סטאדיעס באטראכט די פראפאגאנדע פון די „עקאנאמיסטן" און די „פא־ליטיקער", ווי פארשיידענע, אבער נויטווענדיקע מאדרייגעס פון איין און דעמזעלביקן פראצעס.

ריקטירן אַזוי צו זאָגן, דעם אומבאַדינגטן עקאָנאָמישן אַנטוויקלונג־גאַנג פון פּאָליטישן קאַמף. אַרויסטרעטנדיק אינם מאָמענט פון רעוואָלוציאָנערן אויפשטייג מיט אַ קלוימערשט־ספּעציעלער „אויפגאַבע“ פון קאַמף פאַר רעפאָרמען, שלעפּט ער העכסט־מיט די פּאַרטיי צוריק און ברענגט דערמיט נוצן סאַי דעם „עקאָנאָמישן“, סאַי דעם ליבעראַלן אָפּאָרטוניזם...

(נ. לענין, „וואָס דאַרף מען טאָן“? שריפטן, באַנד 5, ז. 168—167).

די דערציאונג פון דער פּאָליטישער אַקטיווקייט פון אַרבעטער־קלאַס.

אַרויסרופנדיק קעגן דער „איסקראַ“ זיין טעאָריע וועגן „העכערן די אַקטיווקייט פון דער אַרבעטער־מאַסע“ האָט מאַרטינאָוו בעצמעס אַרויסגעוויזן אַ שטרעבונג נידעריקער צו מאַכן די־דאָזיקע אַקטיווקייט, ווייל אַלס אַ הויפּטלעכן און באַזונדערס וויכטיקן „אומבריינטסטן אַנווענדבאַרן“ מיטל פון אויפוועקן און אַלס אַ פעלד פון דער־דאָזיקער אַקטיווקייט האָט ער דערקלערט דעמזעלביקן עקאָנאָמישן קאַמף, פאַר וועלכן עס זיינען געפאַלן אַף די קני אַלע עקאָנאָמיסטן.

דער באַוואוסטזיין פונם אַרבעטער־קלאַס קאָן ניט זיין קיין עכט־פּאָליטישער באַוואוסטזיין, אויב די אַרבעטער זיינען ניט צוגעוואוינט אָפּצורופן זיך אַף אַלע און אַלערליי צופאַלן פון ווילקיר און דרוק, געוואַלטאַטן און מיסברויכן, צו וואָס פאַר אַ קלאַסן די־אָזיקע מיסברויכן זאָלן זיך ניט באַציִען, — און דערביי אָפּרופן זיך דאַפקע פון סאָציאַל־דעמאָקראַטישן, און ניט פון וואָסער עס איז אַנדערן שטאַנדפּונקט. דער באַוואוסטזיין, אויב די אַרבעטער וועלן זיך ניט אויסלערנען צו באַאָבאַכטן אַף קאָנקרעטע און דערביי אומבאַדינגט טאָג־טעגלעכע (אַקטועלע) פּאָליטישע פאַקטן און געשעענישן אימלעכן פון די אַנדערע געזעלשאַפטלעכע קלאַסן און אַלע דערשיינונגען פון אינטעלעקטועלן, זיטלעכן און פּאָליטישן לעבן פון די־דאָזיקע קלאַסן; — אויב זיי וועלן זיך ניט אויסלערנען אַנצוּווענדן אין דער פּראַקטיק דעם מאַטעריאַליסטישן אַנאַליז און די מאַטעריאַליסטישע אָפּשאַצונג פון אַלע זייטן פון דער טעטיקייט און לעבן פון אַלע קלאַסן, שיכטן און גרופּעס פון דער באַפעלקערונג. ווער עס ווענדט די אויפמערקזאַמקייט, די באַאָבאַכטונג־פעאיקייט און דעם באַוואוסטזיין פונם אַרבעטער־קלאַס אויסשליסלעך אָדער אַפילע הויפּטזאַכלעך אַף אים גופא, — דער איז ניט קיין סאָציאַל־דעמאָקראַט, ווייל דער זעלבסטבאַוואוסטזיין פונם אַרבעטער־קלאַס איז ענג פאַרבונדן מיט דער פולער קלאָרקייט ניט בלויז פון די טעאָרעטישע, — ס'וואָלט אַפילע געווען ריכטיקער צו זאָגן: ניט אַזוי פון די טעאָרעטישע באַגריפן, ווי פון די פאַרשטעלונגען וועגן דער קעגנזייטיקער באַציאונג פון אַלע קלאַסן פון דער מאָדערנער געזעלשאַפט. אָט פאַרוואָס עס איז פּראַקטיש אַזוי טיף שעדלעך און טיף רעאַקציאָנער די פּראָפּאַגאַנדע פון אונזערע „עקאָנאָמיסטן“, אַז דער עקאָנאָמישער קאַמף איז דער אומברייטסטן אַנווענדבאַרער מיטל אַריינצוציִען די מאַסן אין דער פּאָליטישער באַוועגונג. קעדיי צו ווערן אַ סאָציאַל־דעמאָקראַט, מוז זיך דער אַרבעטער קלאָר פאָרשטעלן די עקאָנאָמישע נאַטור פון דעם סאָציאַל־פּאָלי־

טישן פארציפ פונם פאריז און פון גאלעך, פונם הויכגעשטעלטן באאמטן און פון פויער, פון דעם סטודענט און פון דעם לומפּענפּראָלעטאריער; ער מוז וויסן זייערע שטארקע און שוואכע זייטן קענען פאנאנדערקלייבן זיך אין די אומגאנג־פראזן און קאָלערליי סאָפיזמען, מיט וועלכע איטלעכער קלאס און איטלעכער שיכט פארדריקט זיינע עגאָאיסטישע שטרעבונגען און זיין עמעסן „טאָך“; ער מוז קענען פאנאנדערקלייבן זיך אין דעם, וואָס פאר אן אנשטאַלטן און געזעצן שפיגלען אָפּ — און ווי אזוי זיי שפיגלען אָפּ די אדער אנדערע אינטערעסן. און אָט די „קלאָרע פאָרשטעלונג“ קאָן מען פון קיין שום ביכל ניט שעפּן: געבן זי קאָנען נאָר לעבעדיקע בילדער און אף די הייסע שפּורן צונויפגעשטעלטע אנטפלעקונגען פון דעם, וואָס עס קומט פאָר אין געגעבענעם מאָמענט ארום אונז, וועגן וואָס מע רעדט אָפן אייגענעם לאָשן, אדער וועגן וואָס מע שושקעט זיך אפילע, וואָס עס ווערט אויסגעדריקט אין אזעלכע און אזעלכע געשעענישן, אין אזעלכע און אזעלכע ציפער, אין אזעלכע געריכטס־אורטיילן א.א.וו., א.א.וו. אָט די אלזייטיקע פּאָליטישע אנטפלעקונגען שטעלן פאָר דעם נויטווענדיקן און דעם גרונט־תּנאי פון דערציען די רעוואָלוציאָנערע אקטיווקייט פון די מאסן....

(נ. לענין, „וואָס דארף מען טאָן? שריפטן, באנד 5, ז. 174—175).

די אָרגאניזאציע פון ארבעטער און די אָרגאניזאציע פון רעוואָלוציאָנערן.

ווען דער באגריף פון פּאָליטישן קאמף ווערט פאר א סאָציאלדעמאָקראט פארשטעלט דורכן באגריף — „עקאָנאָמישער קאמף קעגן דער רעגירונג“, קאָן מען, נאטירלעך, דערווארטן, אז דער באגריף „אָרגאניזאציע פון רעוואָלוציאָנערן“ וועט פאר אים מער־ווייניקער פארשטעלט ווערן דורכן באגריף „אָרגאניזאציע פון ארבעטער“. און דאָס קומט ווירקלעך פאָר, — אזוי אז ריידנדיק וועגן אָרגאניזאציע ריידן מיר בוכשטעבלעך אף פארשיידענע שפּראכן. איך געדענק, לעמאָשל, ווי איצט, א שמועס מיט איינעם זייער אן אויסגעהאלטענעם „עקאָנאָמיסט“, וועלכן מיר איז פריער ניט אויסגעקומען צו קענען. דער שמועס האָט זיך אָנגעהויבן ארום דער בראָשור „ווער וועט מאכן די פּאָליטישע רעוואָלוציע?“ — און מיר זיינען באלד איינגעגאנגען אף דעם, אז איר גרונטפעלער איז, וואָס זי איגנאָרירט די פראגע וועגן אָרגאניזאציע. מיר האָבן שוין געהאט געמיינט, אז מיר זיינען איינשטימיק איינער מיטן אנדערן, נאָר... דער שמועס גייט ווייטער, און עס ווייזט זיך ארויס, אז מיר ריידן וועגן פארשיידענע זאכן. מיין מיטשפּרעכער באשולדיקט דעם מעכאבער אין איגנאָרירן די שטרייק־קאסעס, געזעלשאפטן פון קעגנזייטיקער הילף אוכדוימע; איך ווידער האָב געהאט אין זינען די אָרגאניזאציע פון רעוואָלוציאָנערן, וועלכע איז נויטיק צו „מאכן“ די רעוואָלוציע. און ווי נאָר ס'האָט זיך ארויסגעוויזן דיאָזיקע כלוקעדייעס, — געדענק איך שוין ניט, אז מיר זאָלן האָבן אויסגעקומען ביכלאל אין וואָסער עס איז פּרינציפּיעלער פראגע מאסקים צו זיין מיט דעמדאָזיקן עקאָנאָמיסט! אין וואָס זשע איז באשטאנען דער קוואל פון אונזערע כילוקעדייעס? טאַקע אין דעם, וואָס די „עקאָנאָמיסטן“ קריכן שטענדיק אראָפּ פון

סאָציאַלדעמאָקראַטיזם אַף טרעד־יוניאָניזם, סאַי אין אָרגאַניזאַציאָנעלע, סאַי אין פּאָליטישע פראַגן. דער פּאָליטישער קאַמף פון דער סאָציאַלדעמאָקראַטיע איז פיל ברייטער און קאָמפּליצירטער, ווי דער עקאָנאָמישער קאַמף פון די אַרבעטער קעגן די באַלעבאַטים און קעגן דער רעגירונג. דאָסזעלביקע (און מאַכמעס דעם טאַקע) מוז די אָרגאַניזאַציע פון דער רעוואָלוציאָנערער סאָציאַלדעמאָקראַטישער פּאַרטיי אומפאַרמיידלעך זיין פון אַן אַנדער מין, ווי די אָרגאַניזאַציע פון די אַרבעטער פאַר דעמדאָזיקן קאַמף. די אָרגאַניזאַציע פון די אַרבעטער דאַרף זיין, ערשטנס, אַ פּראָפעסיאָנעלע; צווייטנס, דאַרף זי זיין ווי ווייט מעגלעך אַ ווייניקער קאָנספּיראַטיווע (איך רייד, פאַרשטייט זיך, דאָ און ווייטער, האָבנדיק אין זינען נאָר דאָס זעלבסטהערשפטרוסלאַנד). פאַרקערט, די אָרגאַניזאַציע פון רעוואָלוציאָנערן דאַרף אַרומנעמען קוידעםקאָל און דעריקער מענטשן, וואָס זייער פּראָפעסיע באַשטייט אין רעוואָלוציאָנערער טעטיקייט (מאַכמעס דעם רייד איך וועגן דער אָרגאַניזאַציע פון רעוואָלוציאָנערן, האָבנדיק אין זינען רעוואָלוציאָנערן — סאָציאַלדעמאָקראַטן). פאַר דעמדאָזיקן סימען פון מיטגלידער פון אַזאַ אָרגאַניזאַציע דאַרף אינגאַנצן פאַרווישט ווערן יעדער כילעק פון אַרבעטער און אינטעליגענטן, שוין ניט ריידנדיק וועגן די איינצלנע פּראָפעסיעס פון די און פון יענע. אָט אַ די אָרגאַניזאַציע מוז אומבאַדינגט זיין אַ ניט זייער ברייטע און ווי ווייט מעגלעך אַ מער קאָנספּיראַטיווע...

(נ. לענין. „וואָס טוט מען”? שריפטן, באַנד 5, ז. 209—210).

דער אָרגאַניזאַציאָנעלער פּרינציפּ פון אונזער באַוועגונג.

... דער איינציקער ערנסטער אָרגאַניזאַציאָנעלער פּרינציפּ פאַר די טוער פון אונזער באַוועגונג דאַרף זיין: די שטרענגסטע קאָנספּיראַציע, דער שטרענגסטער אויסוואַל פון מיטגלידער, די צוגרייטונג פון פּראָפעסיאָנעלע רעוואָלוציאָנערן. קוים זיינען דידאָזיקע אייגנשאַפטן פאַראַן, — איז אויך באַוואָרנט עטוואָס גרעסערס, ווי דער „דעמאָקראַטיזם“, נעמלעך: דער פולער כאַווערשער צוטרוי צווישן די רעוואָלוציאָנערן. און אָט אָ דאָס גרעסערס איז פאַר אונז אומבאַדינגט נייטווענדיק, ווייל וועגן פאַרבייטן עס מיט אַלגעמיינעם דעמאָקראַטישן קאָנטראָל קאָן בא אונז אין רוסלאַנד קיין רייד ניט זיין. און עס וואָלט געווען אַ גרויסער טעות צו מיינען, אַז די אוממעגלעכקייט פון אַ ווירקלעך „דעמאָקראַטישן“ קאָנטראָל מאַכט די מיטגלידער פון דער רעוואָלוציאָנערער אָרגאַניזאַציע אומקאָנטראָלירט: זיי האָבן ניט ווען צו קלערן וועגן שפּילן זיך אין דעמאָקראַטיזם (פון דעמאָקראַטיזם אין אַן ענגן קרייז כאַוויירים, וואָס האָבן אַ פולן קעגנזייטיקן צוטרוי), אָבער זייער פאַראַנטוואָרטלעכקייט פילן זיי זייער לעבהאַפט, ווייסנדיק דערביי פון דער דערפאַרונג, אַז קעדיי פּאָטער צו ווערן פון אַ שלעכטן מיטגליד וועט זיך די אָרגאַניזאַציע פון עמעסע רעוואָלוציאָנערן ניט אָפּשטעלן פאַר קיין שום מיטלען ...

מע דאַרף נאָך באַמערקן, אַז דער צווייטער מאַקער פון אַזעלכע געשפּרעכן, ד. ה. די נאַאיווקייט, שפּייזט זיך אויך פון דער נעבלהאַפטיקייט פון די פּאַר־

שטעלונגען וועגן דעם, וואָס עס איז אזוינס דעמאָקראַטיע. אין דעם בוך פון די פּאַרפּאַלק וועב וועגן די ענגלישע טרעד־יוניאָנען איז פאַראַן א טשי־קאַווער קאַפּיטל: „פּרימיטיווע דעמאָקראַטיע". די מעכאַברים דערציילן דאָרטן, ווי די ענגלישע אַרבעטער האָבן אין ערשטן עקזיסטענץ־פּעריאָד פון זייערע פאַריינען געהאַלטן פאַר א נויטווענדיקן סימען פון דעמאָקראַטיע, אז אַלע זאָלן טאָן אַלץ אין פראַט פון פאַרוואַלטן מיט די פאַריינען: ניט נאָר אַלע פראַגן פלעגן באַשלאָסן ווערן דורך די אָפּשטימונגען פון אַלע מיטגלידער, נאָר די אמט־לעכע פונקציעס פלעגן אויך אויסגעפילט ווערן פון אַלע מיטגלידער לויט דער ריי. ס'איז נויטיק געווען א לאַנגע היסטאָרישע דערפאַרונג, אז די אַרבעטער זאָלן פאַרשטיין די אומגעלומפּערטקייט פון אזא פאַרשטעלונג וועגן דעמאָקראַטיע און די נויטווענדיקייט פון פאַרשטייערשאַפט־אַנשטאַלטן פון איין זייט, פון פראָ־פעסיאָנעלע פונקציאָנערן פון דער אַנדער זייט. עס זיינען נויטיק געווען עטלעכע פאַלן פון פינאַנציעלן קראַך פון די פאַריינישע קאַסעס, קעדיי די אַרבעטער זאָלן פאַרשטיין, אז די פראַגע וועגן דער פּראָפּאָרציע פון אָפּגעצאָלטע בייטראָגן און באַקומענער שטיצע קאָן ניט געלייזט ווערן בלויז מיט דעמאָקראַטישע אָפּשטי־מונגען, נאָר עס פאָדערט זיך די מיינונג פון א ספּעציאַליסט אין פאַרזיכערונגס־איניאָנים. נעמט ווייטער קאַוטסקיס בוך וועגן פּאַרלאַמענטאַריזם און פאָלקס־פאַרשטייערשאַפט, — וועט איר זעען, אז די אויספירן פונם טעאָרעטיקער־מאַרקסיסט פאַלן צונויף מיט דער פּיליאַריקער פּראַקטיק פון די אַרבעטער, וועלכע האָבן זיך פאַראייניקט „סטיכיש". קאַוטסקי שטעלט זיך קאַטעגאָריש אַנטקעגן דעם פּרימיטיוון באַנעמען די דעמאָקראַטיע מיצאַד ריטינגהויזען, ער לאַכט אויס די לייט, וואָס זיינען גרייט פאַרלאַנגען אין איר נאָמען, אז „די פאָלקס־צייטונגען זאָלן רעדאַגירט ווערן דירעקט פון פאָלק", ער דערווייזט די נויטווענדיקייט פון פּראָפעסיאָנעלע זשורנאַליסטן, פּאַרלאַמענטאַריער אאַז"וו פאַר דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אָנפירונג מיטן קלאַסן־קאַמף פון פּראָלעטאַריאַט, ער פאַלט אָן אויף „סאָציאַליזם פון די אַנאַרכיסטן און ליטער־ראַטן", וואָס לויבן די דירעקטע פאָלקס־געזעצגעבונג, זיך נאָכיאָגנדיק נאָך עפעקטן", און פאַרשטייען ניט איר גאַנץ באַדינגלעכע אָנווענדבאַרקייט אין דער מאָדערנער געזעלשאַפט.

ווער עס האָט פּראַקטיש געאַרבעט אין אונזער באַוועגונג, דער ווייסט, ווי ברייט עס איז פאַרשפּרייט צווישן דער מאַסע לערן־יוגנט און אַרבעטער דער „פּרימיטיווער" קוק אויף דעמאָקראַטיע. עס איז ניט קיין כידעש, אז דערהאָזי־קער קוק דרינגט אַריין סיי אין די סטאַטוטן, סיי אין די ליטעראַטור...

(נ. לענין. „וואָס דאַרף מען טאָן"? שריפטן, באַנד 5, זייט 4—5).

ג. לעניַן

דער צווייטער צוזאַמענפאָר

... אין דעם אָרג. קאָם. וואָס זיין אויפגאַבע איז געווען — צוגרייטן דעם צוזאַמענפאָר, האָבן די אויבערהאַנט געהאַט איסקראַוועצעס, און זיין טעטיקייט האָט זיך געפירט גראָד אין דער איסקרישער ריכטונג. אָבער שוין בעת'ן צוגרייטן דעם צוזאַמענפאָר האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אין אָרג. קאָם. איז געווען ווייט צו פולער איינהייט. קווידעמקאָ איז אין זיין באַשטאַנד געווען אַריינגעגאַנגען אַ בונדיסט, וועלכער האָט זיך באַמיט אויסצונוצן איטלעכע געלעגנהייט, קעדיי צו פאַרטאַרמאָזירן צונויפרופן אַ צוזאַמענפאָר פון דער איסקרישער ריכטונג; דערהאָזיקער מיטגליד פון א. ק. האָט טאָמיד געפירט זיין אייגענע ליניע. געווען זיינען נאָך אין אָ. ק. צוויי מיטגלידער פון „יוזשני ראַבאָטשי". האַגאַם זיי האָבן זיך אפילע געהאַלטן פאַר איסקראַוועצעס און האָבן אפילע געמאָלדן וועגן זייער אָנשליסן זיך אָן דער „איסקראַ", וועגן וואָס עס האָבן זיך זייער לאַנג געפירט אונטערהאַנדלונגען, אָבער אָנערקענען זיי איינגאַנצן פאַר אַזעלכע האָט מען דאָך ניט געקאָנט. ענדלעך איז אפילע בא די איסקראַוועצעס גופע, וואָס זיינען אַריין אין אָ. ק., אויך ניט געווען קיין פולע איינִיקייט, צווישן זיי גופע זיינען געווען מאַכלויקעס...

אָט דאָס זיינען געווען די אומשטאַנדן פאַרן צוזאַמענפאָר...

די ערשטע פראַגע — וועגן אויסוויילן די ביוראָ פון צוזאַמענפאָר — האָט אַרויסגערופן געוויסע, האַגאַם אומבאַדייטנדיקע כּלוקעדייעס צווישן מיר און מאַרטאָוון. ער איז באַשטאַנען אַף אויסוויילן 9 פערזאָנען, אַריינברענגענדיק אין דערהאָזיקער צאָל אפילע אַ בונדיסט. איך האָב אָבער געהאַלטן פאַר נייטיק אויסצואוויילן אַזאַ ביוראָ, וועלכע וואָלט געקאָנט אַרויסווייזן אַ פעסטע, שטאַנדהאַפטיקע פּאָליטיק, און אין פאַל פון נייטווענדיקייט אפילע אָנווענדן די „פעסטע לייצעס", אויסגעוויילט געוואָרן זיינען פּלעכאַנאָוו, לעניַן און פּאַוולאָוויטש.

אַכוץ די פינף בונדאָוועצעס זיינען אַפן צוזאַמענפאָר געווען צוויי דעלעגאַטן פון אויסלענדישן „פאַריין פון רוסישע סאָציאַלדעמאָקראַטן" און אַ דעלעגאַט פון פעטערבורגער „פאַריין פון קאַמף", וואָס האָט קימאַט טאָמיד געשטימט מיט זיי. דיהאָזיקע פערזאָנען פלעגן שוין פון אָנהויב אָן שטאַרק פאַרציען די דעבאַטן. שוין דער רעגלאַמענט אַליין פון צוזאַמענפאָר האָט אָפּגענומען אומגעהויער פיל צייט. עס זיינען געגאַנגען אָנענדלעכע שטרייטן וועגן דעם אָרט פונם „בונד" אין דער פאַרטיי, וועלכע האָבן פאַרנומען עטלעכע זיצונגען ...

שוין אין די ערשטע טעג פון צוזאַמענפאָר איז פאָרגעקומען אַן אינצידענט מיטן אָרג. קאָם. לויטן סטאַטוט, וואָס ער האָט אויסגעאַרבעט, האָבן אַפן צוזאַמענפאָר געקאָנט איינגעלאַדן ווערן מיט באַראַטונגס־רעכט נאָר „אָנגעזעענע פּאַרטיי־טוער"; די קאָמיסיע צו רעווידירן די מאַנדאַטן האָט אָפּגעוואָרפן די באַקאַשע פון דער גרופּע „באָרבאַ", אַז איר זאָל געגעבן ווערן אַ מאַנדאַט. אין דערהאָזיקער קאָמיסיע האָבן זיך באַטייליקט צוויי מיטגלידער פון א.ק., וועלכע

האָבן זיך קאַטעגאָריש אַרויסגעזאָגט קעגן צולאָזן אָפן צוזאַמענפאָר דעם פאָרשטייער פון „באָרבאַ“...

...אין סאַמע רעכטן ברעג פון שטרייט וועגן צולאָזן אָפן צוזאַמענפאָר דעם פאָרשטייער פון דער גרופּע „באָרבאַ“ האָט איינער פון די דעלעגאַטן פון „יוזשני ראַבאָטשי“, וועלכער האָט פאַרשפּעטיקט אָפן צוזאַמענפאָר און איז ערשט געקומען אַהער, געבעטן די פאַרזאַמלונג מאַכן אַ הפסקה אויף 5 מינוט, כדי צו באַקאַנען זיך מיט אַלע אומשטענדן, וואָס האָבן אַ שייכות צו דער דעבאַטירטער פראַגע. ווען די דאָזיקע הפסקה איז דערלויבט געוואָרן, האָבן די מיטגלידער פון אָ. ק. איינגעאָרדנט אַ באַראַטונג דאָ טאַקע באַם פענצטער...

...ווען די באַראַטונג פון אָ. ק., וואָס איז פאָרגעקומען באַם פענסטער, האָט זיך געענדיקט האָט דער כאַווער פּאַוולאָוויטש, וואָס איז אַריינגעגאַנגען אין זיין באַשטאַנד, מיטגעטיילט די צוויי אַנדערע מיטגלידער פון ביוראָ, אַז לויטן פאָרשלאָג פונם פאַרשפּעטיקטן דעלעגאַט פון „יוזשני ראַבאָטשי“, וועלכער איז אויך אַריינגעגאַנגען אין אָ. ק., איז מיט דער מערהייט שטימען אַכוץ זיין, פּאַוולאָוויטשעס, אָנגענומען געוואָרן אַ באַשלוס איינצולאַדן אָפן צוזאַמענפאָר דעם פאָרשטייער פון „באָרבאַ“, ריאַזאַנאָוון, מיט באַראַטונגס־רעכט...

...אונז, די מיטגלידער פון ביוראָ, ווי אויך די רעדאַקציע און די אַנדערע איסקראָווצעס האָט ביזן העכסטן גראַד אויפגעבראַכט דערדאָזיקער באַשלוס פון אָ. ק. דער מיטגליד פון אָ. ק., וועגן וועלכן איך האָב שוין געהאַט דערמאָנט, כ׳ נ. נ. האָט זיך אויף דער זיצונג פון דער קאָמיסיע צום רעווידירן די מאַנדאַטן אַליין אַרויסגעזאָגט קעגן צולאָזן דעם פאָרשטייער פון „באָרבאַ“ אָפן צוזאַמענפאָר; איצט, ווידער, אין דער באַראַטונג פון אָ. ק., האָט ער, פאַרקערט, מסכים געווען איינצולאַדן אים. ער האָט איצט אַליין דורכגעשלעפּט ריאַזאַנאָוון אָפן צוזאַמענפאָר. מיר האָבן זיך אַזוי אַרום געפונען אין אַ זאַק. מיר האָבן זיך אָנגעשלאָסן אויף אַן ענערגישן קאַמף קעגן דעם דאָזיקן אויפרעגנדיקן באַשלוס פון אָ.ק. קעגן אים האָבן גערעדט פילע...

די מערהייט פון אָ.ק. איז באַזיגט געוואָרן. ס׳איז אָנגענומען געוואָרן אַ רעזאָלוציע, אַז דער אָ.ק., ווי אַ קאָלעגיע, האָט ניט קיין רעכט צו ווירקן אויפן באַשטאַנד פון צוזאַמענפאָר נאָכדעם, ווי דער צוזאַמענפאָר האָט אויסגעקליבן אַ קאָמיסיע צום רעווידירן די מאַנדאַטן. דער פאָרשלאָג וועגן איינלאַדן ריאַזאַנאָוון איז אָפּגעוואָרפן געוואָרן. אָבער מיר איז אויך נאָכן צוזאַמענפאָר אויסגעקומען צו הערן פון אייניקע איסקראָווצעס אַ ספק, פאַרוואָס מען האָט באַדאַרפט ניט דערלאָזן אָפן צוזאַמענפאָר דעם פאָרשטייער פון „באָרבאַ“...

עס ווערן איצט אַרויסגעזאָגט פון אייניקע איסקראָווצעס אויך אַזעלכע — אין העכסטן גראַד מאָדנע — מיינונגען, אַז דער צ. ק. דאַרף קלוימערשט אָפּשפּיגלען אין זיין טעטיקייט אַלערליי וואַקלונגען און פּרימיטיווע אָנשויאונגען אין דער פּאַרטיי. אין דעמזעלביקן גייסט האָבן גערעדט אייניקע ניט־שטייפע, וואַקלדיקע איסקראָווצעס אויך אָפן צוזאַמענפאָר. אַזוי אַרום ווייזט זיך אַרויס, אַז די מיינונג, אַז קלוימערשט אַלע, וועלכע רעכענען זיך פאַר איסקראָווצעס, זיינען עס טאַקע בעמעס, איז גאָר ניט קיין ריכטיקע. עס זיינען דאָ איסקראָוו־

צעס, וואָס שעמען זיך אפילע אָנצורופן מיט דעם נאָמען. עס זיינען דאָ איסקראָוועצעס, וואָס קעמפן מיט „איסקרא“, וואָס שטעלן איר פארשיידענע מעניעס, וואָס טאָרמאָזירן איר טעטיקייט. „איסקרא“ איז געוואָרן פאפולער עס איז געוואָרן א מאָדע צו רופן זיך איסקראָוועץ, אָבער דאָס שטערט ניט פילע צו בלייבן דאָס, וואָס זיי זיינען געווען פריער, אײדער זי איז אָנערקענט געוואָרן פון פילע קאָמיטעטן. אזעלכע ניט־זיכערע איסקראָוועצעס — האָבן איר געבראכט אסאך שאָדן. ווען זיי וואָלטן נאָך מיט איר געקעמפט גלייך, אָפן... אָבער ניין, זיי ארבעטן אין באהעלטעניש, פון הינטן ארום, און געהיים.

דער צווייטער פונקט פון טאָג־סידער פון פארטיי־צוזאמענפאָר איז געווען וועגן דער פראָגראם פון דער פארטיי. די אָנהענגער פון ראבאָטשעיע דיעלאָ“, די בונדיסטן און די איינצלנע דעלעגאטן, וועלכע ס׳איז בעאייסן צוזאמענפאָר געגעבן געוואָרן דער צו־נאָמען „זומפ“, האָבן געמאכט אן אומגעהויערע אבסטרוקציע. די דעבאטן וועגן פראָגראם האָבן זיך זייער פארצויגן. אקימאָוו אליין האָט אריינגעטראָגן ניט איין צענדליק אויסבעסערונגען. מען האָט זיך געאמפערט בעפויעל מאמעש צוליב איינצלנע ווערטער, צוליב דעם אדער יענעם בינד־וואָרט...

... די אלע אויסבעסערונגען זיינען אָבער געווען נישטיק, און די פראָגראם איז אָנגענומען געוואָרן אבסאָלוט אָן וואָסערע עס איז ערנסטע ענדערונגען; פונדעסטוועגן האָבן די דעבאטן וועגן איר פארנומען בא 20 זיצונגען ...

דער צווייטער גרויסער אינצידענט, וואָס איז פאָרגעקומען אפן צוזאמענפאָר נאָכן פאל מיטן אָ. ק. איז געווען דער אינצידענט צוליב דער גלייכבארעכטיקונג פון די שפראכן אדער, ווי מען פלעגט אים איראָניש אָנרופן אפן צוזאמענפאָר „וועגן דער שפראכן־פרייהייט“. (מארטאָוו: אדער „וועגן די אייזלען“). (א געלעכטער). יא, „און וועגן די אייזלען אויך“. די מאיסע איז אזא. אין פראָיעקט פון דער פארטיי־פראָגראם רעדט זיך וועגן דער גלייכבארעכטיקונג פון אלע בירגער, אומאָפהענגיק פון געשלעכט, נאציאָנאליטעט, רעליגיע אוכדוימע. די בונדיסטן האָבן זיך מיט דעם ניט באפרידיקט און האָבן גענומען פארלאנגען, אז אין פראָגראם זאָל אריינגעטראָגן ווערן דאָס רעכט פון איטלעכער נאציאָנאליטעט צו לערנען זיך אף איר שפראך, ווי אויך ווענדן זיך אף איר אין פארשיידענע געזעלשאפטלעכע און מעלוכע־אנשטאלטן. אלס ענטפער אף דער באמערקונג פון איינעם א באהרעדעוודיקן בונדיסט, וואָס האָט אָנגעוויזן, צוליב א ביישפיל, אף די מעלוכישע פערד־צוכט, האָט כ׳ פלעכאנאָוו באמערקט, אז וועגן פערד־צוכט קאָן גאָר קיין רייד ניט זיין, ווייל פערד ריידן ניט, עס „ריידן נאָר אייזלען“. די בונדיסטן האָבן זיך באליידיקט אפאָנים, אָנעמענדיק דעמדאָזיקן שפאס אף זייער כעשבן.

אין דער פראגע וועגן דער גלייכבארעכטיקונג פון די שפראכן האָט זיך צום ערשטן מאָל ארויסגעוויזן די שפאלטונג. אכוץ די בונדיסטן, די ראבאָטשעדיעלצעס און דעם „זומפ“, האָבן זיך פאר דער „פרייהייט פון שפראכן“ ארויסגעזאָגט אויך אייניקע איסקראָוועצעס. דער כאווער דייטש פלעגט מיט זיינע אָפשטימונגען ארויסרופן בא אונז פארוואונדערונג, אויפגעבראכטקייט, גרימצאָרן א. א. וו.; דאָ פלעגט ער זיך אָפהאלטן, דאָ פלעגט ער שטימען קעגן אונז. סאָפ־

קאָלסאָף איז אויך די־האָזיקע פּראַגע געלייזט געוואָרן בעשאָלעם און איינשטימיק.

ביכלאַל האָבן אַלע איסקראַווצעס אין דער ערשטער העלפט פון צוזאַמענפאָר געהאַנדלט איינאיינעם. די בונדיסטן האָבן געזאָגט, אַז קעגן זיי איז דאָ א פאַרשווערונג. איין בונדיסט האָט אין זיין רעדע כאַראַקטעריזירט דעם צוזאַמענפאָר, ווי א „קאָמפּאַקטע מערהייט", ווי אַן ענטפער אויף דעם האָב איך אויסגעדריקט א ווונטש, אַז אונזער גאַנצע פּאַרטיי זאָל זיך פאַרוואַנדלען אין איין קאָמפּאַקטע מערהייט.

גאָר אַן אַנדער בילד שטעלט פאָר די צווייטע העלפט פון צוזאַמענפאָר. פון דעמאָלט אָן הויבט זיך אָן מאַרטאָווס היסטאָרישער קער. די כלוקעדרייעס, וואָס האָבן זיך אַרויסגעוויזן צווישן אונז, זיינען געווען גאָר ניט־אומבאַדייטנדיק. זיי זיינען אַרויסגעדרונגען פון דער ניט־ריכטיקער אָפּשאַצונג פון דעם איצטיקן מאָמענט מיצאַד מאַרטאָוון. כאַווער מאַרטאָוו האָט זיך אָפּגענייגט פון דער ליניע, אָן וועלכער ער האָט זיך געהאַלטן פריער.

דער פינפטער פּאַראַגראַף פון טאָג־סיידער איז געווען געווידמעט דעם סטאַטוט. איבער זיין ערשטן פונקט זיינען צווישן מיר און מאַרטאָוון אַנטשטאַנען שטרייטן נאָך אין דער קאָמיסיע. מיר האָבן פאַרטיידיקט פאַרשיידענע פאָרמולירונגען. אין דער צייט, ווען איך האָב פאָרגעלייגט אָנערקענען פאַר א מיטגליד פון דער פּאַרטיי נאָר דעם, וואָס, זייענדיק אַן אָנהענגער פון דער פּראָגראַם פון דער פּאַרטיי און שטיצנדיק זי מאַטעריעל, גייט ער אַריין אין א וועלכע עס איז פּאַרטייאישע אָרגאַניזאַציע, האָט מאַרטאָוו געהאַלטן פאַר גענוג, אַחוץ די צוויי ערשטע באַדינגונגען, די אַרבעט אונטערן קאָנטראָל פון איינער פון די פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציעס. איך בין באַשטאַנען אויף מיין פאָרמולירונג און האָב אָנגעוויזן, אַז קיין אַנדער באַשטימונג וועגן א פּאַרטיי־מיטגליד קאָנען מיר ניט מאַכן, ניט אָפּטרעטנדיק פונם פּרינציפּ פון צענטראַליזם. אָנערקענען פאַר א מיטגליד פון דער פּאַרטיי א פּערזאָן, וואָס גייט ניט אַריין אין קיין שום פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע, הייסט אַרויסזאָגן זיך קעגן יעדער פּאַרטיי־קאָנטראָל. דאָ האָט מאַרטאָוו אַריינגעטראָגן א נייעם פּרינציפּ, וואָס ווידערשפּרעכט פולשטענדיק די פּרינציפּן פון „איסקראַ". מאַרטאָווס פאָרמולירונג האָט ברייטער געמאַכט די ראַמען פון דער פּאַרטיי. ער האָט זיך פאַרופן אויף דעם, וואָס אונזער פּאַרטיי דאַרף זיין א פּאַרטיי פון מאַסן. ער האָט ברייט געעפנט די טירן פאַר קאָלערליי אָפּאָרטוניסטן, ער האָט פאַרברייטערט די ראַמען פון דער פּאַרטיי ביז פולער צעשוואָומענקייט. אין אונזערע באַדינגונגען ווידער איז עס א גרויס געפאַר, ווייל פעסטשטעלן א גרענעץ צווישן א רעוואָלוציאָנער און א פּוסטן פּלאַפּלער איז זייער שווער; מאַכמעס דעם איז נייטווענדיק געווען פאַרשמעלער דעם באַגריף פון פּאַרטיי. מאַרטאָווס טאָעס איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס ער האָט ברייט געעפנט די טירן פון דער פּאַרטיי פאַר יעדן אוואַנטיוריסט, אין דער צייט ווען ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אַפילע אויפן צוזאַמענפאָר געהערט א גאַנץ דריטל צו דער צאָל פון די, וואָס שאַרן זיך צו. מאַרטאָוו האָט אין געגעבענעם פאַל אַרויסגעוויזן אָפּאָרטוניזם. זיין פאָרמולירונג האָט אַריינגעטראָגן

אַ פאַלשן דיסאָנאַנס אין סטאַטוט: איטלעכער פּאַרטיי־מיטגליד מוז זיך געפינען אונטערן קאָנטראָל פון אַן אָרגאַניזאַציע, אַזוי, אַז דער צ. ק. זאָל האָבן די מעגלעכקייט צו דערגיין ביזן לעצטן פּאַרטיי־מיטגליד. מיין פאָרמולירונג האָט געגעבן אַ סטימול צום אָרגאַניזירן זיך. כאַווער מאַרטאָוו האָט דערנידעריקט דעם באַגריף „פּאַרטיי־מיטגליד“, וועלכער דאַרף אָבער, נאָך מיין מיינונג, שטיין הויך, זייער הויך. אויף מאַרטאָווס זייט זיינען אַריבער „ראַבאָטשעיע דיעלאָ“, „בונד“ און דער „זומפּ“, מיט דער הילף פון וועלכע ער האָט דורכגעפירט דעם ערשטן פּאַראַגראַף פון סטאַטוט.

דעמאָלט האָט מאַרטאָוו אָנגעהויבן ריידן וועגן „מיעסע קלאַנגען“, וואָס ווערן וועגן אים פאַרשפּרייט, אין דער אָנווייזונג אויף דעם, מיט וועמען מאַרטאָוו האָט זיך געפונען אין בלאָק, איז קיין שום באַליידיקונג ניט געווען. קעגן מיר האָט מען אויך געהאַט דיזעלביקע טאַינעס, ווען איך האָב זיך געפונען אין בונד מיטן כאַווער ברוקער. און איך האָב זיך אַ האָר ניט באַליידיקט, ווען מאַרטאָוו האָט מיר געשיקט אַ צעטעלע, וואו ער האָט געזאָגט: „זע, ווער עס שטימט מיט דיר“. עמעס, מיין בונד מיט ברוקערן איז געווען אַ צייטווייליקער און אַ צופעליקער. מאַרטאָווס בונד מיטן „בונד“ איז אָבער געווען אַ פעסטער. איך בין געווען קעגן מאַרטאָווס פאָרמולירונג, ווייל זי האָט געפירט אין אַ זומפּ. איך האָב מאָסרע געווען מאַרטאָוון וועגן דעם, און אונזערע קעגנער, נאָכגייענדיק נאָך מאַרטאָוון, האָבן ווי איין מענטש, קלאָר אילוסטרירט דעמדאָזיקן טאָעס. אָבער דאָס סאַמע געפערלעכע איז געווען ניט דאָס, וואָס מאַרטאָוו איז אַריין אין זומפּ, נאָר וואָס, צופעליק אַריינפאַלנדיק אַהין, האָט ער זיך ניט באַמיט אַרויסקריכן פון אים, און איז אַלץ מער און מער געזונקען. די בונדיסטן האָבן דערפילט, אַז זיי זיינען געוואָרן די הערן פון דער לאַגע און האָבן אָוועקגעלייגט אויפן פּאַרטיי־סטאַטוט זייער שטעמפּל.

בעת־איום דער צווייטער העלפט פון צוזאַמענפאָר האָט זיך אויך געבילדעט אַ קאָמפּאַקטע מערהייט, אָבער זי איז שוין באַשטאַנען פון אַ קאָאַליציע פון מאַרטאָווצעס, פּלוס דער „זומפּ“, פּלוס די קאָמפּאַקטע מינדערהייט פון „ראַבאָטשעיע דיעלאָ“ און „בונד“. און אָט אַ די קאָמפּאַקטע מערהייט איז געשטאַנען קעגן די איסקראָווצעס ...

נאָכדעם ווי דער ערשטער פּאַראַגראַף פון סטאַטוט איז פאַרדאַרבן געוואָרן, האָבן מיר געמוזט צונויפבינדן די צעבראָכענע קיילע ווי מעגלעך שטייפער, מיט אַ טאָפּלטן קנופּ. בא אונז איז נאַטירלעך אַנטשטאַנען אַ כשאַד, אַז מע וועט אונז אונטערפירן. מאַכמעס דעם איז נייטווענדיק געווען איינפירן אַ קעגנזייטיקע קאָאָפּטאַציע אין די צענטראַלע אַנשטאַלטן. קעדיי צו באַוואָרענען דער פּאַרטיי די איינהייטלעכקייט פון טעטיקייט. איבער דערדאָזיקער פראַגע איז ווידער אַנטשטאַנען אַ קאַמף. מען האָט געדאַרפט מאַכן אַזוי, אַז צום 3־טן פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר זאָל זיך ניט קענען איבערכאַזערן דאָסזעלבע, וואָס האָט פּאַסירט מיטן אַ. ק. מע האָט באַדאַרפט שאַפן אַ קאָנסעקווענט, ערלעך איסקריש „מיניסטעריום“. אויף דעמדאָזיקן פּונקט זיינען מיר ווידער געשלאָגן געוואָרן. דער פּונקט וועגן קעגנזייטיקער קאָאָפּטאַציע אין די צענטראַלע אַנשטאַלטן איז דורכגעפאַלן. דער

טאָעס פון מאַרטאָוון, וועלכער ווערט געשטיצט מיצאַד דעם „זומפּ", האָט זיך דערבײַ אַרויסגעוויזן נאָך בולעטער. פון דעם דאָזיקן מאָמענט אָן האָט זיך די קאָאַליציע אינגאַנצן אויסגעפאָרמירט, און אונטער דער דראָאונג פון א דורכפאַל זײַנען מיר געווען געצוואונגען אָנלאָדן אונדזערע ביקסן מיט טאָפּלדיקע אָנלאָדונגען. דער „בונד" און „ראַבאָטשעיע דיעלאָ" זײַנען געזעסן און האָבן מיט זייערע שטימען באַשלאָסן דעם גורל פון צוזאַמענפאָר. פון דאַנען איז אַרויסגעוואַקסן א פאַראַקשנטער, פאַרביטערטער קאַמף.

לאָמיר איצט איבערגיין צו די פּריוואַטע זיצונגען פון דער אָרגאַניזאַציע „איסקראַ". אויף די דאָזיקע זיצונגען האָבן מיר זיך דעריקער, פאַרנומען מיט דער פראַגע וועגן דעם באַשטאַנד פון צ. ק...

מאַרטאָוו און איך האָבן פאָרגעלייגט פאַרשיידענע „דריילינגס", אויף זיי האָבן מיר זיך אָבער ניט געקאָנט צונויפגיין. ניט וועלנדיק צעשלאָגן די שטימען אויף צוזאַמענפאָר, האָבן מיר באַשלאָסן פאָרלייגן א קאָמפּראָמיס־צעטל. מיר זײַנען געגאַנגען אויף קאָלעריליי האַנאָכעס: איך האָב מאַסקים געווען אויף א צעטל מיט צוויי מאַרטאָווצעס. די מינדערהייט איז אויף דעם ניט אײַנגעגאַנגען. אַגעוו, א מיטגליד פון „יוזשני ראַבאָטשי" האָט ניט געוואָלט שטיין אין אונדזער צעטל, איינשטימענדיק אין דערזעלביקער צײַט צו געפינען זיך אין צעטל פון די מאַרטאָווצעס. דער „יוזשני ראַבאָטשי" — א זייטיקער עלעמענט — האָט געלייזט די פראַגע וועגן צ. ק. נאָכדעם ווי די איסקראָווצעס האָבן זיך צעשפּאָלטן, האָבן מיר געמוזט צונויפקלייבן אונדזערע אָנהענגער און מיר האָבן זיך אַרײַנגעלאָזן אין א הייסער אַגיטאַציע. דעם „בונדס" אומגעריכטער אוועקגאַנג האָט גלייך געענדערט די גאַנצע לאַגע. מיט זײַן אוועקגאַנג האָט זיך ווידער געבילדעט א קאָמפּאַקטע מערהייט און א מינדערהייט. מיר האָבן זיך געפונען אין דער מערהייט און מיר האָבן שוין דורכגעפירט אין צ. ק. די, וועמען מיר האָבן שוין געוואָלט...

די באַציאונג פון צוזאַמענפאָר צו די רעזאָלוציעס איז געווען אַזוי ווײַט איינשטימיק, אַז מיר האָבן אַרויסגעטראָגן אַן אײַנדרוק, אַז עס האָט זיך אײַנגעשטעלט א שאָלעם־שטימונג. עס האָט זיך געדאַכט, אַז פון די פאָרגעקומענע בלוקעדייעס האָט מאַרטאָוו ניט געמאַכט קיין מעלוכע־פראַגע. ער האָט אַפילע געהאַט באַמערקט בענוגייע דער פראַגע פון איינעם פון „יוזשני ראַבאָטשי" וועגן דער געזעצלעכקייט פון די וואַלן, אַז די מינדערהייט וואַרפט זיך אונטער אַלע באַשטימונגען פון צוזאַמענפאָר. אַלע רעזאָלוציעס זײַנען אָנגענומען געוואָרן פרידלעך און פרײַנטשאַפטלעך; בלוקעדייעס זײַנען אַנטשטאַנען נאָר בענוגייע סטאַראָוועס רעזאָלוציע וועגן די ליבעראַלן. זי לײַדט פון צעשוואָמענהייט, און אין איר האָט זיך ווידער אַרויסגעוויזן אָפּאָרטוניזם; קעגן איר האָבן מיר געקעמפט און מיר האָבן געפּועלט, אַז עס זאָל דורכגעפירט ווערן נאָך אַן אַנדער רעזאָלוציע איבער דערזעלביקער פראַגע.

דער אַלגעמיינער אײַנדרוק וועגן צוזאַמענפאָר האָט זיך באַקומען אַזאַ, אַז בײַ אונדז האָט זיך געפירט א קאַמף אַנטקעגן די, וואָס שאַרן זיך צו. מיר זײַנען געשטעלט געוואָרן פאַר דער אומעגלעכקייט צו פירן די אַרבעט. דער אויספיר־

איז געווען אזא: „היינט אונז אויס, גאט, פון אונזערע פריינט“, ד. ה. פון קלוי־מערשטע איסקראוויסטן. מארטאוו האט לאכלוטן נים פארשטאנען דעמראזיקן מאמענט. ער האט געמאכט פון זיין פעלערהאפטע פאזיציע א פרינציפ. אין א שרייעדיקן ווידערשפרוך מיט די עמעסע באדערפעניש פון דער פארטיי שטייט מארטאווס באהויפטונג, וועגן דעם „באלאגערונגס־צושטאנד“, וואס איז געשאפן געווארן מיצאד דער מערהייט. קעדיי צו מאכן די ארבעט דערפאלגרייכער, האט מען געמוזט דערוויטערן די שטערנדיקע עלעמנטן און אוועקשטעלן זיי אין אזא לאגע בא וועלכער זיי זאלן נים קאנען קאליע מאכן דער פארטיי; נאר בא אזא לאגע וועט זיך אונז איינגעבן צו ארבעטן פרוכטבאר. אט פארוואס עס איז נויטיק געווען איינצושטעלן די פולע אייגהייט צווישן די צענטראלע אנשטאלטן פון דער פארטיי.

די ערשטע העלפט פון צוזאמענפאר איז דיאמעטראל קעגנזעצליעך צו דער צווייטער. די קארדינאלע פונקטן פון גאנצן צוזאמענפאר באשטייען אין פיר גרויסע מאמענטן, דאס איז: 1) דער אינצידענט מיטן א. ק.; 2) די דעבאטן וועגן דער גלייכבארעכטיקונג פון די שפראכן; 3) די דעבאטן וועגן דעם ערשטן פונקט פון סטאטוט און 4) דער קאמף ארום די וואלן אין די פארטיי־צענטרען.

אין דער ערשטער העלפט פון צוזאמענפאר זיינען מיר צוזאמען מיט מאר־טאוון געווען קעגן דעם א. ק. קעגן „בונד“, קעגן „ראבאטשעיע דיעלא“ און קעגן דעם „זומפ“, אין דער צווייטער העלפט איז ער צופעליק אריינגעקראכן אין זומפ. פון דער צופעליקער פארזומפונג באקומט זיך שוין איצט נאכן צוזאמענ־פאר אן עמעסע בלאטע. (אפלאדיסמענטן).

(נ. לענין. שריפטן, באנד 4. מאסקווע, 1920, זייטן 282—296). **רעדע אפן צו־„זאמענפאר פון דער אויסלענדישער ליגע פון דער רוסישער רעוואלוציאנערער סאצ. דע־מאקראטיע“.**

נ. לענין

וואָס שטעלט מיט זיך פאָר די מינדערהייט?

...מען האט אסאך גערעדט וועגן דעם „צופעליקן“ כאראקטער פון דער מערהייט אף אונזער צוזאמענפאר. דער כאווער מארטאוו האט זיך נאר מיט דעם ארגומענט טאקע געטרייסט אין זיין „נאכוואל אין דער מינדערהייט“.

איין פראט, אבער נאר אין איינעם, קאן מען די מערהייט טאקע אנרופן א צופעליקע, — גראד אין דעם פראט, וואס זיבן כאוויירים פון די אפארטוניסטישע עלעמענטן פון „רעכטס“ זיינען צופעליק אוועקגעגאנגען. אף וויפל דעראזיקער אוועקגאנג איז געווען צופעליק, אף אזוי פיל (נים מער), איז אויך געווען צופעליק אונזער מערהייט...

עס פרעגט זיך אבער, אף וויפל קאן מען בעעמעס האלטן פאר צופעליק דעם אוועקגאנג פון אט די זיבן? אט די פראגע האבן דיראזיקע לייט, וועלכ

ריידן גערן וועגן דער „צופעליקייט״ פון דער מערהייט, ניט ליב צו שטעלן. אן אומאנגענעמע פראגע איז עס פאר זיי. עס איז צופעליק, וואס אוועקגעגאנגען זיינען די סאמע פארברענטע פארשטייער פון רעכטן און ניט פון לינקן פליגל פון אונזער פארטיי? איז עס צופעליק, וואס אוועקגעגאנגען זיינען די אפארטוניסטן, און ניט די קאנסעקווענטע רעוואלוציאנערע סאציאל־דעמאקראטן? שטייט ניט די הערדאזיקער „צופעליקער״ אוועקגאנג אין א געוויסן צוזאמענהאנג מיט דעם קאמף קעגן דעם אפארטוניסטישן פליגל, וועלכער האט זיך געפירט אין פארלויף פון גאנצן צוזאמענפאר?

עס איז גענוג צו שטעלן אט אזא — פאר דער מינדערהייט אומבאקוועמע — פראגן, כדי קלאר צו מאכן זיך, וואס פאר א פאקט עס ווערט פארדעקט דורך די ריידערייען וועגן דער צופעליקייט פון דער מערהייט. דאס איז דער אומצווייפלהאפטער און אומבאשטרייטלעכער פאקט, אז די מינדערהייט האבן געבילדעט די מיטגלידער פון אונזער פארטיי, וואס נייגן אמערסטן צום אפארטוניזם. אין דער מינדערהייט זיינען די טעארעטיש אמווייניקסטנס שטאנדהאפטיקע, פרינציפיעל אמווייניקסטן אויסגעהאלטענע עלעמענטן פון אונזער פארטיי. די מינדערהייט האט זיך געבילדעט גראד פונם רעכטן פליגל פון דער פארטיי. די צעטיילונג אף מערהייט און מינדערהייט איז א דירעקטע און אומפארמיידלעכע פארזעצונג פון דער צעטיילונג פון דער סאציאל־דעמאקראטיע אף א רעוואלוציאנערע און אן אפארטוניסטישע, אף מאנטאניארן און זשיראנדיסטן, וועלכע האט זיך באוויזן און ניט ערשט נעכטן, ניט אין דער רוסישער ארבעטער־פארטיי אליין און וועלכע וועט, מיסטאמע, ניט מארגן פארשווינדן...

פאר זיך אליין איז דער פאקט, וואס דער צוזאמענפאר (און די פארטיי) האבן זיך צעטיילט אף א לינקן און א רעכטן, אף א רעוואלוציאנערן און אן אפארטוניסטישן פליגל, נאך ניט געווען אזא שרעקלעכער און קריטישער, און אים איז אפילו ניטא לאכלוטן גארנישט אומנארמאלעס. אדרעראבע, דאס גאנצע לעצטע צענדליק יאר אין דער געשיכטע פון דער רוסישער (און ניט נאר פון רוסישער) סאציאל־דעמאקראטיע האט אומפארמיידלעך און אומעטום געבראכט צו אזא צעטיילונג. אז דאס, וואס דער יעסאד פאר דער צעטיילונג איז געבילדעט געווארן פון א ריי גאר קליינע טאעסן פון רעכטן פליגל, פון בעשרעך גאר ניט וויכטיקע בלוקעדיעס, — אט א דער אומשטאנד (וואס שאקירט דעם אויבערפלעכלעכן באאבאכטער און דעם פיליסטער) איז געווען א גרויסער שריט פאראויס פון אונזער גאנצער פארטיי. פריער פלעגן מיר זיך פאנאנדערגיין איבער גרויסע פראגן, וועלכע האבן אמאל אפילו א שפאלטונג אויך געקאנט בארעכטיקן, איצט זיינען מיר זיך שוין צונויפגעגאנגען אין אלע גרויסע און וויכטיקע פראגן, איצט טיילן אונז פאנאנדער נאר שאטירונגען, איבער וועלכע מע קאן און מען דארף שטרייטן, אבער צוליב וועלכע ס׳וואלט געווען אומגעלומפערט און קינדעריש פאנאנדערצוגיין זיך (ווי

דאָס האָט שוין אויך פולשטענדיק ריכטיק געזאָגט דער כאווער פלעכאנאָוו אין דעם אינטערעסאנטן ארטיקל „וואָס דארף מען ניט טאָן“?.

איצט, ווען די אנארכיסטישע אויפירונג פון דער מינדערהייט נאָכן צוזאמענפאָר האָט קימאט געבראכט די פארטיי צו א שפאלטונג, קאָן מען אָפט טרעפן כאכאָמים, וואָס זאָגן: האָט דען ביכלאל געלוינט קעמפן אפן צוזאמענפאָר איבער אזעלכע קלייניקייטן, ווי דער אינצידענט מיטן אָ. ק., דאָס פאנאנדערלאָזן די גרופע פון „יוזשני ראבאָטשי“ צי פון „ראבאָטשעיע דיעלאָ“, דער פאראגראף 1, דאָס פאנאנדערלאָזן די אלטע רעדאקציע א.א.וו.? ווער עס טראכט אזוי, דער טראָגט גראד אליין אריין דעם קרייזל־שטאנדפונקט אין די פארטיי־איניאָנים: דער קאמף פון שאטירונגען אין דער פארטיי איז אומפארמיידלעך און נויטווענדיק, קאָל זמאן דער קאמף פירט ניט צו אנארכיע און צו שפאלטונג, קאָל זמאן דער קאמף גייט אין די ראמען, וועלכע ווערן געמיינזאם באשטעטיקט דורך אלע כאוויירים און מיטגלידער פון דער פארטיי. און אונזער קאמף מיטן רעכטן פליגל פון דער פארטיי אפן צוזאמענפאָר, מיט אקימאָוון און מיט אקסלראָדן, מיט מארטינאָוון און מיט מארטאָוון, איז לאכלוטן ניט ארויסגעגאנגען פון די דאָזיקע ראמען. עס איז גענוג צו דערמאָנען צוויי פאקטן, וואָס זאָגן אייִדעס וועגן דעם אפן סאמע אומשטרייטבארן אופן: 1) בעאייס די כ'כ מארטינאָוו און אקימאָוו זיינען אוועקגעגאנגען פון צוזאמענפאָר, זיינען מיר אלע גרייט געווען אף קאָלערליי אופאנים באזייטיקן דעם געדאנק וועגן „באלידיקונג“, מיר האָבן אלע אנגענומען (מיט 32 שטימען) די רעזאָלוציע פונם כ' טראָצקי, וועלכע פאָדערט אויף די דאָזיקע כאוויירים צו באפרידיקן זיך מיט די דערקלערונגען און צוריקציען זייער דערקלערונג; 2) ווען עס איז געקומען צום אויסוויילן די צענטרען, האָבן מיר געגעבן דער מינדערהייט (אָדער דעם אָפּאָרטוניסטישן פליגל) פון צוזאמענפאָר א מינדערהייט אין ביידע צענטרען: מארטאָוון אין צ. ק., פאָפאָוון אין צ.ק. אנדערש האָבן מיר ניט געקאָנט האנדלען פון פארטייאישן שטאנדפונקט, וויבאלד מיר האָבן נאָך ביזן צוזאמענפאָר געהאט באשלאָסן אויסקלייבן צוויי דריי לינקע. אויב דער אונטערשייד פון די שאטירונגען, וואָס האָבן זיך ארויסגעוויזן אפן צוזאמענפאָר איז געווען ניט גרויס, איז דאָך אויך געווען ניט גרויס דער פראקטישער פועל־יויצע, וואָס מיר האָבן געמאכט פונם קאמף פון די דאָזיקע שאטירונגען: דער דאָזיקער פועל־יויצע איז באשטאנען אויסשליסלעך אין דעם אז צוויי־דריטל אין די ביידע דריילינגען דארף מען אָפּגעבן דער מערהייט פון פארטיי־צוזאמענפאָר.

נאָר דאָס וואָס די מינדערהייט פון פארטיי־צוזאמענפאָר האָט ניט איינגעשטימט צו זיין א מינדערהייט אין די צענטרען האָט געבראכט א פריער צו א „צעקראכענעם שלוכצן“ פון דורכגעפאלענע אינטעליגענטן, און דערנאָך צו דער אנארכיסטישער פראזע און צו אנארכישע מאַיסים...

(נ. לענין. „איין טריט פאָרויס. צוויי טריט צוריק“. שריפטן. באנד 5. זייטן 25—421).

מ. פּאָקראָווסקי

„זובאַטאָווששינע“.

דער בוילעט רעוואָלוציאָנערער כאַראַקטער, וואָס די אַרבעטער־באַוועגונג האָט איצט אָנגענומען, האָט געצוואונגען צו פאַרטראַכטן זיך וועגן אים די צאַרישע רעגירונג, אין דער פּערזאָן, פון יענע באַאַמטע אַף וועלכע עס איז געלעגן די זאָרג צו היטן די „אָרדענונג“. שוין אין 1901 יאָר האָט סוויאַטאָפּאָלק־מירסקי (דער צוקינפטיקער מיניסטער פון „צוטרוי“ אין דער צייט פון רוסיש־יאַפּאַנישן קריג און אין דערהאָזיקער צייט ערשט דער שעף פון די זשאַנדאַרמען, ד. ה. דער שעף פון דער גאַנצער פּאָליטישער פּאָליציי) געשריבן: „שטענדיק פאַר זיך אַלס ענדציל צו שאַפן פון די אַרבעטער אָרגאַניזירטע מאַסן צוליבן קאַמף מיט דער רעגירונג פאַר דער פאַרווירקלעכונג פון זייערע אידייען האָבן די אַגיטאַטאָרן, צום באַדויערן דערגרייכט באַדייטנדע דערפאָלגן. אין די לעצטע 3—4 יאָר איז פון דעם גוטמוטיקן רוסישן באָכער אויסגעאַרבעט געוואָרן אַן אייגנאַרטיקער טיפּ פון האַלב־שריפטקענעוודיקן אינטעליגענט, וועלכער רעכנט פאַר זיין כיוו אָפּצולייקענען די רעליגיע און פאַמיליע, ניט רעכענען זיך מיטן געזעץ, ניט פאָלגן די מאַכט און שפּעטן פון איר. אַזאַ יוגנט אויפן זאַוואָד איז, צום גליק פאַראַן נאָך ניט פיל, נאָר דערהאָזיקער נישטיקער הויפן פירט אָן טעראָריסטיש מיט דער גאַנצער איבעריקער אינערטער מאַסע אַרבעטער“. נאַטירלעך, אַז פאַרן זשאַנדאַרם האָט דער אַרבעטער־רעוואָלוציאָנער זיך געמאָלט אין די פינסטערסטע פאַרבן, אָבער וויכטיק איז די אָנערקענונג פון דעמדאָזיקן זשאַנדאַרם אַז דער אַרבעטער־רעוואָלוציאָנער פירט איצט אָן מיט דער מאַסע און ווען פאַר די זשאַנדאַרמען האָט זיך געשטעלט די פראַגע: וואָס זשע טוט מען? ווי אַזוי זשע קעמפט מען דערמיט? — האָט זיך באַקומען אַ זייער אומגעריכטער ענטפער: טאָן דאָסזעלבע, וואָס עס טוען די אַגיטאַטאָרן, נאָר, אַזוי צו זאָגן, מיט אַ פאַרקערטן צוועק, ניט קעגן צאַר און צום נוצן פון צאַר. דער אָדעסער גראַדאָנאַטשאַלניק שוואַוואַלאָוו האָט נאָך אין 1899 יאָר, שטעלנדיק פאַר זיך דידאָזיקע פראַגע, געענטפערט: „עס איז נויטיק צו עפענען די וועגן פאַר בילדונג“, עס איז נויטיק צו פאַרלייכטערן די איינאָרדענונג פון לייען־הייזער און ביבליאָטעקן, אָרגאַניזירן פאָלקס־לעזונגען, ווי מעגלעך ברייט צו פאַרשפּרייטן צווישן די אַרבעטער ביליקע ביכער אַפילו אומזיסט, וועלכע קאָנען האָבן פאַר זיי אַן אָרטיקן און אַלגעמיינעם אינטערעס“... דידאָזיקע ביכער וואָלטן געקאָנט לויט דער מיינונג פון שוואַוואַלאָוו דערפאָלגרייך קאָנקורירן מיט „דער אונטערערדישער ליטעראַטור, וועלכע פאַרנעמט זיך מער מיט אָפּלייקענען“.

און דעריקער איז נויטיק צו פאַרקירצן די אַרבעטס־צייט, אומבאַדינגט שאַפן אויסגעוויילטע פון אַרבעטער, קעדיי נאָכזעען אַז די שפּייז זאָל גוט צוגעגרייט ווערן, בויען גוטע דירעס“ א.א.וו.

אזוי איז שוין אין די לעצטע יאָרן פון 19־טן יאָרהונדערט אָנגעמערקט געוואָרן די פּראָגראַם פון דעם, וואָס האָט זיך פאַנאַנדערגעבליט, פריער אין מאָסקווע און דערנאָך איבער גאַנץ רוסלאַנד, אין די ערשטע יאָרן פון הייַנטיקן יאָרהונדערט אונטער דעם שוין איצט יעדערן באַקאַנטן נאָמען „זובאַטאָוושטשינע". דער שעף פון דער מאָסקווער אָכראַנקע, וועלכער האָט געגעבן דעם גאַנצן „אַנשטאַלט" זיין נאָמען איז אַליין קלאָר ניט געווען זיין דערפינדער. די אידייע „האָט זיך געטראָגן אין דער לופטן". דעם 14־טן פעווראַל 1902 יאָר איז אין מאָסקווע באַשטעטיקט געוואָרן דער סטאַטוט פון דער „געזעלשאַפט פון קעגנזייטיקער הילף פון די אַרבעטער אין דער מעכאַנישער פּראָדוקציע". די געזעלשאַפט האָט געזאָלט זיין אַ ריין פּראָלעטאַרישע אָרגאַניזאַציע — אין אירע רייען איז ניט דערלאָזט געוואָרן קיין „קליינע ׳ אינטעליגענץ" (אַנדערש „אַגיטאַטאָרן"), אַלס אויסנאַם האָבן געקאָנט זיין מיטגלידער־מיטהעלפער די באַאַמטע פון דער פאַבריק־אינספּעקציע און פון דער פּאָליציי און אויך גאַלאַכים און אַנדערע דינער פון דער צערקווע*). זייענדיק איזאָלירט אַף אַזאַ מין אויפן פון פאַרשיידענע „שעדלעכע" ווירקונגען זיינען די מאָסקווער מעטאַליסטן דערפאַר געווען אַרומגערינגלט מיט דער נאָענטסטער, מע קאָן זאָגן מיט דער צערטלעכסטער אַפּיטראָפּסעס פון דעם הויפּט־שעף פון מאָסקווער פּאָליציי — דעם דערמאָנטן באַרימטן אָבער־פּאָליציימייסטער טרעפּאָוו. דער אָבער־פּאָליציימייסטער האָט אויפגעפּאַסט אַז די קאַסע פון דער געזעלשאַפט זאָל זיין אין אָרדענונג, ער פלעגט דורכקוקן און באַשטעטיקן אַלע אַרויסגעגעבענע אינסטרוקציעס, שיקנדיק אַף אַלע זיצונגען זיינע פאַרשטייער, ער האָט געקאָנט שטעלן אַף דיראָזיקע זיצונגען פאַרשיידענע פראַגן און אויב אים איז געפעלן צו קומען ביכוואָוידוי אַוואָעאַצמוי, האָט ער באַקומען... צוואַנציק שטימען.

נאָכדעם איז שוין פולשטענדיק קלאָר, אַז דער פּאָליציי־מייסטער האָט ניט געקענט פאַרלאָזן די געזעלשאַפט אַף עמיצן, אַז ער האָט אַליין געמוזט נאָכשפּירן נאָך די וואַלן אין פאַרוואַלטונג און קעדיי דער איניען זאָל זיין פּאַשעטער האָט ער פּראָסט באַשטימט דיראָזיקע פאַרוואַלטונג פון די קאַנדידאַטן, וועלכע זיינען אויסגעוויילט געוואָרן פון דער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג.

דעם 14־טן פעווראַל איז באַשטעטיקט געוואָרן דערדאָזיקער סטאַטוט און דעם 19־טן פעווראַל אין דעמזעלבן 1902 יאָר זיינען 50.000 אַרבעטער בייגעווען אין קרעמל בא דער „פייערלעכער גאָטעסדינסט" בא דעם דענקמאָל אַלעקסאַנדער דעם צווייטן. „אַזאַ האַמוין" ווי זובאַטאָוו האָט מיט גאָיווע אָנגערופן דעמדאָזיקן זאַמל האָט אַפילע איבערגעשראָקן דאָס מיניסטעריום פון אינערלעכע איניאָנים, וואָס האָט פאַנאַנדערגעשיקט אַ באַזונדערן צירקוליאַר, וואו עס איז געזאָגט געוואָרן, אַז דאָס איז זייער גוט, פאַרשטייט זיך, נאָר מער זאָל דאָס ניט איבערגעכאַזערט ווערן.

די מוירע פון מיניסטעריום פאַר אינערלעכע איניאָנים איז געווען, ווי עס

*) דער בורזשוי, דער שפּיאָן און דער גאַלעך, ווי מיר זעען, זיינען פאַראייניקט אין איין גאַנצעס גאַרניט דורך די גאַזלאָנים באַלשעוויקעס אין 1917 יאָר—פריער מיט 16 יאָר האָבן זיי זיך אַליין פאַראייניקט אין זייער פריינדשאַפט אַלס כאַווירים אין אַלגעמיינער אַרבעט.

האט זיך איינגיכן ארויסגעוויזן, ניט אן א יעסאר. פאר דער ווינציק פאליטיש באוואוסטזיניקער מאסע — און פאליטיש איז אין יענער צייט נאך ווינציק באוואוסטזיניק געווען די מערהייט ארבעטער — וועלכע עס האט ניט באליידיקט די פיגור פון פאליציי־מייסטער (זי איז דערצו פארדעקט געווארן מיט מער „בעקאוועדיקע" פיגורן פון די פראפעסארן פון מאסקווער אוניווערסיטעט, וואס האבן זיך פארנומען מיט „בילדן" די ארבעטער און האבן ביקלאל „געפירט אומיטלבאר דעם איניען") איז די זובאטאוושטשינע געווען א גוואלדיקער שטויס פארויס אין פראקט פון אנטוויקלען דעם קלאסן־באוואוסטזיין — דאס פארשטיין דעם קלאסן־קעגנזאץ פון ארבעטער און פאבריקאנט. נאכמאכנדיק גראב די רעוואלוציאנערע אגיטאטארן — מיר געדענקען אז דאס גאנצע שפיצל איז געווען דורכויס נאכצומאכן די סאציאל־דעמאקראטישע אגיטאציע, אין דעם איז געווען דער טאך פון דער זאך — האבן זובאטאווס אגענטן דעררעדט זיך ביז צו זאגן אז די רעגירונג וועט איינגיכן הייסן אפנעמען די פאבריקן בא די באלעבאטים און וועט זיי איבערגעבן די ארבעטער.

די רעגירונג איז קלוימערשט גרייט טאן אלעס פאר די ארבעטער אויב יענע וועלן ניט הערן די „קליינער אינטעליגענטן". אין איינציקע שטרייקן האט די פאליציי דירעקט אונטערגעשטיצט די שטרייקער, האט זיי ארויסגעגעבן שטיצע און ד. גל. אונטער דער ווירקונג פון דעם אלעמען האבן די ארבעטער זובאטאווצעס אנגעהויבן ריידן אז „עס איז אריבער די צייט ווען עס זיינען געווען קנעכט און הערשער, און ווען קנעכט האבן אומזיסט געהארעוועט זייערע הערשער; איצטער וועלן די קנעכט לעבן ווי די הערשער"; די ענגלישע אונטערנעמער האבן צוליב איינהאלטן זייער הערשאפט צווישן אנדערע מיטלען, אגעוו, געזארגט, אז בא די ארבעטער זיל זיך ניט אנטוויקלען דער קלאסן־באוואוסטזיין — זיי האבן מיט אלע מיטלען אונטערגעהאלטן בא די ארבעטער דעם געדאנק, אז די אינטערעסן פון זיי און פון די אונטערנעמער זיינען ניט קעגנזעצלעך, אז דער ארבעטער און דער באלעבאס קאנען זיך שטענדיק צונויפריידן. דער רוסישער אונטערנעמער, ניט גייענדיק אף קיין שום האנאכעס, האט געשטויסן די ארבעטער פונקט אין דער קעגנזעצלעכער ריכטונג.

דידאזיקע אנפשארעדיקייט פון דעם רוסלענדישן אונטערנעמער האט ענדגילטיק ארונטערגעריסן די „זובאטאוושטשינע". עס האט זיך געדוכט, אז עס איז ניט שווער געווען צו פארשטיין, אז דער „פאליצייאישער סאציאליזם" זייענדיק א פארזיכערונג קעגן דעם סאציאליזם פון היינטיקן טאג פאדערט א פארזיכערונג־פרעמיע — פאר דער פארזיכערונג דארף מען צאלן. דאך ווי נאר די פאבריקאנטן האבן דערפילט די „זובאטאוושטשינע" אף זייער קעשענע האבן זיי אנגעהויבן שרייען. מיר געדענקען אז בא אונז האט מען מיט אלע מיטלען באמיט זיך צוציען אין דער רוסישער אינדוסטריע אויסלענדישע קאפיטאלן, וויי־ערע איינגנטימער האבן געקוקט, פארשטייט זיך, אף רוסלאנד ווי אף א ווילדלאנד, וואס זיין באפעלקערונג עקזיסטירט צוליב דעם קעדיי אנפילן מיט זייער מי די קעשענעס פון די קאפיטאליסטן. ווען עס האט זיך געטראפן א שטרייק אף זייערן א זאוואד און די פאליציי האט אים „בארואיקט" האבן זיי דאס

פארשטאנען — דאָס איז פאר זיי געווען א באַקאַנט בילד. אָבער ווען די פּאָליציי האָט געשטיצט א שטרייק — דאָס האָבן זיי שוין ניט געקאָנט פארשטיין, ניט געקאָנט פארלייד. זובאטאָווס א שטרייק אף א פאבריק וועלכע האָט געהערט צו „פראנצויזישע בירגער" האָט ארויסגערופן א געוואלדיקן סקאנדאל, וועלכער איז דערגאנגען ביזן אריינמישן פון דעם פראנצויזישן קאָנסול און ד. גל. די מאָסקווער טעקסטילער, וועלכע האָבן געהערט, ווי מיר ווייסן שוין, צו די סאמע גייציקע און טעמפע עקספּלואטאָטאָרן האָבן אויסגענוצט דעם סקאנדאל און האָבן אויך פארשטארקט זייערע גוואלדן. די מוירע פארן „פּאָליצייאישן סאָציאליזם" האָט זיי אפילע אף א מינוט געמאכט פאר אייראָפּייער. אונטער זייער דרוק איז דאָס פינאנץ-מיניסטעריום ארויס מיט פּראָעקטן צו באשטימען „פ א ב ר י ק ־ ס ט א ר אָ ס ט ע ס", וועלכע ווערן אויסגעווילט פון די ארבעטער. און אפילע מיט א פּראָיעקט צו מאכן די שטרייקן אין רוסלאנד געזעצלעך. דער ערשטער געזעץ איז ארויסגעגעבן געוואָרן דעם 10־טן יוני 1903 יאָר, דער פּראָיעקט פון צווייטן איז געבליבן א דענקמאָל פון דער פאניק, וואָס האָט ארומגעכאפּט די אונטערנעמערישע קרייזן. נאָר די פאניק האָט מען בארואיקט מיט א פּאָשעטן מיטל: אין דעמזעלבן 1903 יאָר איז זובאטאָוו אָפּגעזאָגט געוואָרן. ווי שטענדיק, האָט מען דעם דורכפאל פארעכנט אפן כעשבן פון איין פערזאָן. מיט דער אידייע האָט מען זיך אָבער ניט צעשיידט און די זובאטאָווטשינע איז אריבערגעטראָגן געוואָרן אין פּעטערבורג, וואו עס האָבן זיך געפונען פאר איר מער „זיכערע הענט" אין דער פערזאָן פון גאָלעך גאַפּאָן...

מ. פּאָקראָווסקי, די רוסישע געשיכטע קורץ געפאסט (רוסיש) טייל 1.3 העפט אויסגאב. 1923 ז. 46—50.

ס. דובראָווסקי

די פויערים אויפשטאנדן ערעוו דער רעוואָלוציע פון 1905 יאָר.

די רעוואָלוציאָנערע ארויסטרעטונג פונעם פויערטום, סאַי קעגן די פּריצים, סאַי קעגן די אנדערע עקספּלואטאָטאָרס פונעם דאָרף, קאָן מען, אין אלע אירע פאָרמען, אויסדריקן אין דער פאָלגנדיקער טאַבעלע:

יאָרן	שוואַרצערד־ראַיאָן	ניט־שוואַרצערד־ראַיאָן	גאַנץ אייראָפּ. רוסלאַנד
1900	44	4	48
1901	28	22	50
1902	301	39	340
1903	123	18	141
1904	75	16	91
סאַכאַקל	571	99	670

דידאָזיקע טאַבעלע, ווי אויך די ווייטערדיקע, האָבן מיר באַקומען, צונויפֿציילנדיק אַלע פֿאַלן פֿון פּויערישע רעוואָלוציאָנערע אַרויסטרעטונגען, וועלכע זיינען דערמאָנט סײַ אין די אויסגענוצטע אַרכיוו־דאָקומענטן, סײַ אין פּרעסע־מעלדונגען. מיר האַלטן פֿאַר נייטיק צו באַטאָנען, אַז סײַ אין דער פּרעסע, סײַ אינם פּאָליציי־דעפּאַרטאַמענט פֿלעגן זיין יעדיעס נאָר וועגן די גרעסערע פּויערישע אַרויסטרעטונגען, אַזוי אַז די געבראַכטע ציפֿערן פֿאַרקלענערן באַדייטנדיק דעם עמעסן מאַסשטאַב פֿון דער פּויערישער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג אינם באַטראַכטן פּעריאָד. פֿונדעסטוועגן איז דערדאָזיקער מאַטעריאַל גאַנץ גענוג און צאָלרייך, קעדיי מע זאָל, אַף זיין סמאַך, קאָנען פֿעסטשטעלן אַ געוויסע געזעצמעסיקייט אין דער באַוועגונג. דעהאַינע: איר פֿאַרנעם, פֿאַרטיילונג לויט די יאָרן און ראַיאָנען און לויט די פֿאַרשיידענע פֿאָרמען פֿון דער באַוועגונג.

ווי די טאַבעלע באַווייזט, איז די אַלגעמיינע צאָל פֿון די רעוואָלוציאָנערע אַרויסטרעטונגען פֿונם פּויערטום לויט זייער אַבסאָלוטן פֿאַרנעם ניט זייער גרויס. אָבער אַזאַ פֿאַרנעם פֿון דער באַוועגונג איז טיפּיש פֿאַר די ביז־רעוואָלוציאָנערע און נאָך־רעוואָלוציאָנערע יאָרן. די שוואַכקייט פֿון דער באַוועגונג ערעוו דער רעוואָלוציע — איז געזעצמעסיק פֿאַר דער אַנטוויקלונג ניט נאָר פֿון דער פּויערישער, נאָר אויך פֿאַר דער אַרבעטער־באַוועגונג. אָבער אויך דידאָזיקע פֿאַלן פֿון רעוואָלוציאָנערע אַרויסטרעטונגען, וואָס לויט זייער אַבסאָלוטער גרויס זיינען זיי ניט באַדייטנדיק זיינען גענוג דעמאָנסטראַטיוו קעדיי צו כאַראַקטעריזירן יענעם קלאַסנקאַמף, וואָס האָט זיך פֿאַרשאַרפֿט ערעוו דער רעוואָלוציע, קעדיי אינם מאָמענט פֿון איר אָנגריף, צו צעגיסן זיך אין ברייטע און ברייטע כוואַליעס איבער גאַנץ רוסלאַנד.

ווי מיר זעען, איז די אויסערגעוויינלעך שוואַכע באַוועגונג אין 1900 יאָר — אינגאַנצן 48 פֿאַלן פֿאַר גאַנץ אייראָפּעאיִשן רוסלאַנד — שנעל אויסגעוואַקסן צום 1902 יאָר, ווען זי דערגרייכט דעם מאַקסימום פֿאַר די באַטראַכטע פֿינף יאָר, און פֿאַלט לעסאָף, אין די יאָרן 1903 און 1904, קעדיי מיט נייער קראַפֿט פֿאַנאַנדערוויקלען זיך אין 1905 יאָר.

קיין ספֿק ניט, אַז דער שאַרפֿער אַנוואוּקס פֿון דער באַוועגונג אין 1902 יאָר, ווען ס'האָט זיך צעשפּרייט אַ ברייטע פּויערשע באַוועגונג אין פּאָלטאַווער, כאַרקאָווער און סאַראַטאָווער גובערניעס, איז גאָר ניט קיין צופֿעליקער. אַכוץ די אָנגעוויזענע סיבעס, האָט דאָ, אָן שום ספֿק, געווירקט אַ ריין אָרטיקע סיבע, דעהאַינע, די שטאַרקע אומגערעטעניש אין 1902 יאָר, וועלכע האָט פֿאַרשאַרפֿט די לאַגע פֿון דער גרונט־מאַסע פֿון די פּויערים, האָט פֿאַרגרעסערט די ווידערשפּרוכן מיט די פּריצים און האָט דירעקט גורעם געווען די רעוואָלוציאָנערע אַרויסטרעטונגען פֿון די פּויערים.

ס'איז קעדאַי צו באַמערקן דעם פֿאַקט, וואָס די קרומע ליניעס פֿון דער פּויערשער און אַרבעטער־באַוועגונגען פֿאַלן צונויף. אַקוראַט דאָס 1902 יאָר ווערט כאַראַקטעריזירט אויך מיט אַן אויפֿשטייג פֿון דער אַרבעטער־באַוועגונג. די לעצטע איז פֿאַרשאַרפֿט געוואָרן, קוידעמקאָל, דורכן אינדוסטריעלן קריזיס, וועלכער איז געווען אין די ערשטע יאָרן פֿונם 20־טן יאָרהונדערט.

אף וויפל דער פּראָלעטאַריאַט און דאָס פּויערטום האָבן זיך געפונען אין איין ווירטשאַפטלעכער סיסטעם, אף אַזוי פיל האָבן דער קריזיס פון דער אינדוסטריע און דער קריזיס פון דער לאַנדווירטשאַפט, וועלכער האָט זיך אויסערלעך אויסגעדריקט אין דער אומגערעטעניש, פאַרויסבאַשטימט דעם גלייכצייטיקן אויפשטייג פונם רעוואָלוציאָנערן קאַמף פון די דאָזיקע צוויי קלאַסן. דער קריזיס פון דער אינדוסטריע וואָס האָט פאַרקלענערט דעם צופלוס פונם רואינירטן פּויערטום אין די שטעט און אפילו אַרויסגערופן זיין צוריקקער אין דאָרף, האָט אָן סאָפּעק געבראַכט צום אויפשטייג פון דער פּויערישער באַוועגונג אינעם 1902 יאָר. אינעם לעצטן פּראַט איז אינטערעסאַנט דאָס, וואָס די באַוועגונג האָט זיך אָנגעהויבן גראַד אינעם ראַיאָן פון אַ לעפּיערעך אינדוסטריאַליזירטער לאַנדווירטשאַפט, דערהויפּט אין דער פּראָדוקציע פון צוקער־בוראַקעס. איר קריזיס־צושטאַנד, און טיילווייז, די אומגערעטעניש האָבן באַדייטנדיק אַראָפּגעזעצט דעם אַרבעטס־לוין פון דער אָרטיקער אָרימקייט, וואָס אַ טייל אירער האָט געלעבט פון די דאָזיקע אונטערנעמונגען.

פון אַלע שוואַרצערד־ראַיאָנען איז אַמשטאַרקסטן די באַוועגונג געווען אף אוקראַינע אין פאַרגלייך מיט די איבעריקע ראַיאָנען, האָט זי דאָ דערגרייכט די גרעסטע שאַרפקייט. בלויז דאָ זיינען אין דער פאַר־רעוואָלוציאָנערער צייט פאָרגעקומען צעשטערונגען פון פּריצישע גיטער. לויט דער צאָל רעוואָלוציאָנערע אַרויסטרעטונגען טיילט זיך אַמערסטן אויס פון די איבעריקע ראַיאָנען צוגלייך מיט אוקראַינע דער מיטל־וואָלגע־ראַיאָן, מיט סאַראַטאָווער גובערניע בעראָש.

וואָס איז שייך דעם ניט שוואַרצערדיקן קאַנט, פאַרנעמען דאָ דעם ערשטן אָרט לויט דער שטאַרקייט פון דער באַוועגונג די ווייסרוסלענדישע גובערניעס, וועלכע צייכענען זיך אויס מיט אַ פאַרשאַרפטן קאַמף פאַר די פּיטער־לאַנקעס, אין פאַרבינדונג מיט דעם, וואָס דאָ האָט זיך אַנטוויקלט אַ סכוירעדיקע מילך־ווירטשאַפט, און אויך דער אוראַלער ראַיאָן — אַ ראַיאָן פון נייער קאָלאָניזאַציע, וואו פאַראַלעל מיטן אַלגעמיינעם קאַמף פון די פּויערים קעגן די פּריצים, איז געגאַנגען דער קאַמף פון די רואינירטע אָרטיקע פּויערים קעגן די רוסישע קאָלאָניסטן.

אין די איבעריקע גובערניעס פונם ניט שוואַרצערדיקן קאַנט איז אינעם באַטראַכטן פּעריאָד, ווי אויך אין דער רעוואָלוציע פון 1905 — 1906 און אפילו אין דער רעוואָלוציע פון 1917, די באַוועגונג געווען באַדייטנדיק שוואַכער. דאָס דערקלערט זיך, דערמיט, וואָס אַ באַדייטנדיקע מאַסע פונם מער רעוואָלוציאָנערן שיכט פון דאָרף גייט פון דאָנען אַוועק אין שטאָט.

ווען מיר רייִדן וועגן דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג לויט די ראַיאָנען, קאָן מען, פאַרשטייט זיך, ניט פאַרגעסן, אַז אַ גרויסע ווירקונג אף דער באַוועגונג, באַזונדערס אין 1902 יאָר, האָט געהאַט די פּויערישע אַרויסטרעטונג אין פּאָלטאַווער און כאַרקאָווער גובערניעס. די פּאָלטאַווער געשעענישן האָבן געפונען אַן אָפּקלאַנג בא די פּויערים בוכשטעבלעך פון גאַנץ רוסלאַנד. לעמאָשל, אין סימבירער גובערניע האָבן די פּויערים געשמועסט, אַז „אויב אין פּאָלטאַווער גובערניע האָט מען אָנגעלערנט

די פּריצים, מעג מען און ס'איז צייט צו טאָן עס אויך דאָ". לויט פּיל אָנווייזונגען, האַלטן זיך די פּויערים נאָך די פּאָלטאַווער געשעענישן „אַסאַך פרייער", דאָס איז שאַיעך ניט נאָר די פּויערים, נאָר אויך די לאַנדווירטשאַפטלעכע אַרבעטער. אַזוי לייענען מיר אין אַ ראַפּאָרט פון קובאַנער קאַנט: „נאָך די אומאַרדענונגען, וואָס זיינען פאָרגעקומען אין פּאָלטאַווער און כאַרקאָווער גובערניעס, האָבן די היגע אַרבעטער זיך גענומען האַלטן מיט די באַלעבאַטים עטוואָס פרייער, איידער פריער". „האָט איר געזען, וואָס ס'איז געווען מיט אייך אין פּאָלטאַווע?" האָבן די פּויערים סטראַשענדיק דערמאָנט די פּריצים אין כערסאָנער גובערניע אין קאָנפליקט־מאָמענטן. ביכלאַל האָבן די פּויערים זייער פילבאַר רעאַגירט אויף די אַרויסטרעטונגען אין די שכייניש־גובערניעס. לעמאָשל, אין טאַמבאָווער גובערניע זיינען אפילו געווען פאַלן פון שיקן מעראַגלים אין די דערפער, וואו ס'זיינען געווען גרויסע אַרויסטרעטונגען. נאָך אַ רעוואָלוציאָנערער אַרויסטרעטונג פון די פּויערים אין איינעם אַ דאָרף, וואָס האָט זיך געענדיקט מיט אַן עקזעקוציע, זיינען אינם האָזיקן דאָרף, ווי עס מעלדעט די פּאָליציי, „אָנגעקומען ביז 20 פּויערים פון אַנדערע דערפער, קעדיי צו דערגיין די רעזולטאַטן פון די פאָדערונגען פון די פּויערים פונם דאָרף סובאָטינע־לוקאָווקע, וואָרום דידאָזיקע רעזולטאַטן זיינען — ווי עס האָט זיי געדוכט — געווען אָפּהענגיק פון אַרויסשטעלן ענלעכע פאָדערונגען אויך מיצאַד דידאָזיקע פּויערים.

ס'איז קיין צווייפל ניט, אַז מיט דערהאָזיקער פאַרבינדונג פון דער פּויערשער באַוועגונג אין פאַרשיידענע ראַיאָנען דערקלערט זיך די פאַרשטאַרקונג פון דער באַוועגונג אין 1902 יאָר. ס'פאַרשטייט זיך, אַז דאָס האָט געקאָנט ווירקן בלויז אין פאַרבינדונג מיט די אַלגעמיינע סיבעס, וועלכע האָבן פאַרויסבאַשטימט די אומפאַרמיידלעכקייט פון דער אַלגעמיין־פּויערשער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג.

אויף וויפל דער גרונט־אינהאַלט פונם רעוואָלוציאָנערן קאַמף פונם פּויערטום איז באַשטאַנען אין קאַמף קעגן לייבאייגנטום, אויף אַזוויפל פאַרנעמען די צוזאַמענשטויסן מיט די פּריצים אַן אויסערסט וויכטיקן אָרט אינם גאַנצן פּויערשן קאַמף, ווי עס איז צו זעען פון דער פאָלגנדיקער טאַבעלע:

פאָרם פון באַוועגונג	צאָל אַרויסטרעטונגען: שוואַרץ־ערד־ראַיאָן	צאָל אַרויסטרעטונגען: ניט שוואַרץ־ערד־ראַיאָן	צאָל אַרויסטרעטונגען: גאַנץ אייראָפּייאיש רוסלאַנד	% פאַרהעלטעניש פון רעוואָלוציאָנערע אַרויסטרעטונגען צו דער אַלגעמיינער צאָל אַרויסטרעטונגען: שוואַרץ־ערד־ראַיאָן	%: ניט שוואַרץ־ערד־ראַיאָן	%: גאַנץ אייראָפּייאיש רוסלאַנד
I קאַמף קעגן די פּריצים .	382	59	441	56,95	8,82	.77
II אַלגעמיינע רעוואָלוציאָנערע אַרויסטרעטונגען און צוזאַמענשטויסן מיט דער מאַכט	159	37	196	23,77	5,53	29.30
III קאַמף קעגן גאַלאָכים	10	2	12	1.49	0,30	.79
IV קאַמף קעגן באַלעגופים	20	1	21	2,99	0,15	3.14
סאַכאַקל .	571	99	670	—	—	100

ווי מיר זעען, באטרעפט דער קאמף קעגן די פּריצים 63,77% פון אלע רעוואָלוציאָנערע ארויסטרעטונגען. צו זיי, אייגנטלעך, דארף מען צוגעבן די אלגעמיינע רעוואָלוציאָנערע באוועגונג און די צוזאמענשטויסן מיט דער מאכט, ווייל די לעצטע זיינען געווען פארבונדן קימאט בלויז מיטן קאמף פון די פויערים קעגן די פּריצים.

צוזאמענשטויסן מיט די איבעריקע עקספּלואטאטאָרן פונם דאָרף — מיט די גאלאָכים, קרעמער, באלעגוֹפים א. ד. גל. — איז געווען אף אזויפיל ווייניקער, אף וויפל ס'איז אין פארגלייך מיט די פּריצים קלענער געווען זייער צאָל אין דאָרף. אנטקעגן די גאלאָכים זיינען געווען בלויז 1,79% פון דער אלגעמיינער צאָל ארויסטרעטונגען, און אנטקעגן די באלעגוֹפים — 3,14%.

מיר האָבן באטראכט די פויערשע רעוואָלוציאָנערע באוועגונג ערעוו דער רעוואָלוציע פון 1905 — 1906 יארן.

ווי מיר זעען, האָט זיך די פויערשע באוועגונג ערשט אָנגעהויבן. א מאסן־באוועגונג איז פאָרגעקומען בלויז אין פּאָלטאווער און כארקאָווער גובערניעס. אין אנדערע ערטער זיינען פאָרגעקומען בלויז אָפּגעזונדערטע, ווייניק פארבונדענע צווישן זיך אויפבליצן פון קאמף. דאָס אלץ האָט באוויזן, אז די פויערשע באוועגונג האָט זיך נאָך געפונען אין א געבורט־צושטאנד. אפן סמאך פון די דאָזיקע ערשטע ארויסטרעטונגען, האָבן די באאבאכטער פון דער באוועגונג, ניט געקאָנט אפילע מאכן קיין אויספירן וועגן די נאָענטסטע פערספּעקטיוון פון איר אנטוויקלונג. ס'איז נאָך ניט געווען קלאָר, ווי עס וועט זיך אנטוויקלען די פויערשע רעוואָלוציע, און מיט וועמען און ווי אזוי וועט גיין דאָס פויערטום. דערמיט דערקלערט זיך, אגעוו, די גאנץ „באגרעניצטע" סאָציאל־דעמאָקראטישע פּראָגראם פון „אָפּשניטן". די באגרעניצטקייט פון דערהאָזיקער פּראָגראם האָט פולקום אנטשפּראָכן דער באגרעניצטקייט פון דער פויערשער באוועגונג. אָבער באגרינדנדיק דידאָזיקע פאָדערונג, האָט די פּארטיי, און וו. אי. לענין ביפראט, זיך אָפּגעגעבן א קלאָרן דין־וועכעשבן וועגן דער אומפארמיידלעכקייט פון דעם אָנוואוקס פון דער פויערשער רעוואָלוציע.

ווי שווער עס איז ניט געווען צו באשטימען די אָנוועזנקייט פון א רעוואָלוציאָנערער סיטואציע, האָט די פּארטיי פונדעסטוועגן, שוין אפן סמאך פונם אלגעמיינעם אנאליז פון דער לאגע אין דאָרף און פון דידאָזיקע איינצלנע אויפבליצן פון דער רעוואָלוציאָנערער באוועגונג, וועלכע האָבן אויפגעדעקט די גרונטהווידערשפּרוכן אין דאָרף, געמאכט אויספירן וועגן דער אומפארמיידלעכקייט פון א פויערשער מאסן־רעוואָלוציע. איצט אָבער, האָבנדיק פאר זיך די פּערספּעקטיוו פון רעוואָלוציע פון 1905 און 1917 יארן, קאָנען מיר שוין זאָגן, אז אין דעם פּעריאָד איז אין דאָרף געווען א בעטעמעם רעוואָלוציאָנערע סיטואציע.

(זאמלבוך, 1905, ב. 1, ז. 389—392).

אכטער אָפּטייל

די אידישע ארבעטער באוועגונג. ערעוו 1905

ש. דימאנשטיין

די רעכטלעכע לאגע פון די אידן באם צאַריזם.

די געשיכטע פון די אידן אין רוסלאנד האָט זיך פארמירט אזוי אומנאטירלעך, אז מיט א געוויסן רעכט קאָן מען באהויפּטן אז ניט זייער עקאָנאָמיק האָט באשטימט זייער רעכטלעכע לאגע, נאָר פארקערט: די אידישע רעכטלאָזיקייט האָט געשאפן די ספּעציפישע אידישע עקאָנאָמיק, וועלכע עס האָבן אָנגעהויבן אויסצונוצן פאר דער באגרינדונג פון זייערע טעאָריעס סאי די אנטיסעמיטן, סאי די אידישע נאַציאָנאַליסטן, די אידישע סאָציאַליסטישע פארטייען אריינגערעכנט. מיר וועלן דעריבער געבן א מער אדער ווייניקער אויספירלעך בילד פון דער פארפאָלגונג פון די אידן, ווייל אַף דעמדאָזיקן פאָן האָבן זיך פאנאנדערגעוויקלט אלע דערשיינונגען אין אידישן לעבן און דערמיט איז אין א באדייטנדיקער מאָס באשטימט געוואָרן דער גראַד פון אָנטייל פון די אידישע מאסן אין דער רעוואָלוציע.

די זעלבסטהערשונג האָט פארהיט דאָס פוירעכטום פון אלערליי פּראָגרעסיווע ווירקונגען, האָט זיך באמיט מיט אלע מיטלען איינצוהאלטן אין משעך פון יאָרהונדערטן די דאָרפישע אָפּגעשטאנענקייט. צוזאמען מיט דעם האָט זי פארהיט און איינגעהאלטן די מאָנאָפּאָליע פון עקספּלואטירן דאָס רוסישע פוירעכטום דורכן רוסישן האנדלס־קאפּיטאל. צוליב זייער קאָנקורענץ מיט די רוסישע סאָחרים אין די דערפער, וואָס האָבן זיך אמלייכסטן געלאָזן עקספּלואטירן זייענען די אידן געוואָרן ניט געוואונשן פארן האנדלס־קאפּיטאל אלס איינוואוינער פון דאָרף. דעריבער איז פארבאָטן געוואָרן די אידן זיך צו באזעצן אויסער די שטאָטישע גרעניצן. דאָס האָט געבראכט דערצו, אז דאָס אידי־

שע פאלק וואס האט געציילט אין רוסלאנד, קימאט זעקס מיליאן מענטשן האט ניט געהאט קיין שום צוטריט צו ערד־ארבעט. אין דער צייט ווען 80 פראצענט פון דער רוסישער באפעלקערונג האט זיך פארנומען מיט ערד־ארבעט, וועלכע איז בא אונז דער גרונט־צווייג פון דער פאלקס־ווירטשאפט, האבן די אידן צו דעם קיין צוטריט ניט געהאט. דיזאזיקע זייער ערנסטע באגרענעצונג, וועלכע האט צעקאליעטשעט די גאנצע עקאנאמיק פון אידישן פאלק אין זיין מאסע, וועלכע האט אים אויסגעשלאסן פון דעם הויפט־צווייג פון ארבעט אין לאנד איז דורכגעפירט געווארן אפילע ניט אין דער פארם פון א געזעץ, נאר לויט די אזוי גערופענע „צייטווייליקע קלאלים פון 1882 יאר“, וועלכע זיינען אויסגעארבעט געווארן דורך דער קאמיסיע פון איגנאטיעוו ווען די רעגירונג־רעאקציע האט זיך אנגעהויבן איבערן גאנצן פראנט. דיזאזיקע צייטווייליקע קלאלים האבן עקזיסטירט גאנצע 35 יאר און זיינען אפגעשאפט געווארן בלויז דורך דער רעוואלוציע. די צארישע מאכט האט פון יאר צו יאר צוגעגעבן אלץ מער באגרענעצונגס־מעטאדן פאר אידן. זי האט זיי געמאכט פולשטענדיק רעכטלאז, באם פולסטן ווילקיר פון דער צארישער ביוראקראטיע, וועלכע האט באהאנדלט די אידן אלס מענטשן, וואס שטייען אויסערן געזעץ.

קעדיי אביעקטיוו צו באלויכטן די רעכטלעכע לאגע פון די אידן אונטערן צאריזם וועלן מיר געבן דאס ווארט א פערזאן, וואס שטייט אויסער יעדן פארדאכט אין א נייגונג מעגאזעם צו זיין די שווערקייט פון דער אידישער ווירקלעכקייט, נעמלעך — דעם ווילנער גובערנאטאר, און מיר וועלן זיך פארלאזן אף זיין גוויעס־אידעס. דערהאזיקער ביוראקראט האט פארשטאנען, אז אין די אידן־באגרענעצונגען כאפט די רעגירונג איבער די מאס און אז דאס ברענגט נוצן דער רעוואלוציע. ערעוו 1905 יאר איז דאס שוין געווארן גאנץ קלאר און דער גובערנאטאר האט געפרואווט ווארענען זיין רעגירונג קאל זמאן עס איז נאך געווען צייט. אט וואס ער שרייבט אין זיין מעמאראנדום: „ניט קוקנדיק אף דעם וואס די אידן לעבן שוין פון לאנג אין די קאנטן, וואס זיינען איבערגעגאנגען צו רוסלאנד פון פוילן, — האבן זיי ניט באקומען קיין רעכט פון נאטירלעכע איינוואוינער און געניסן פון די אלגעמיינע געזעצן בלויז אין די פאלן, ווען עס זיינען ניט באשטימט וועגן זיי קיין באזונדערע קלאלים. אזעלכע באזונדערע קלאלים איז פאראן זייער פיל, זיי נעמען ארום קימאט אלע זייטן פון געזעלשאפטלעכן און עקאנאמישן לעבן פון די אידן און דעריבער ווייזט זיך ארויס, אז אין דער ווירקלעכקייט זיינען די רוסישע אידן אונטערגעווארפן דער ווירקונג פון די אלגעמיינע געזעצן בלויז אין זעלטענע, דערביי אין דעם גרעסטן טייל ניט וויכטיקע פאלן; ווו אבער עס האנדלט זיך וועגן וויכטיקע רעכט שטייען די אידן אונטער באזונדערע געזעצן. באשטימונגען, וואס באגרעניצן די רעכט פון די אידן זיינען צעשפרייט איבער אלע בענדער פון דעם געזעצבוך פון דער רוסלענדישער אימפעריע, אזוי אז ס'איז שווער צו האבן וועגן זיי א פולע פארשטעלונג. אויסער דעם זיינען זיי ארויסגעגעבן אין פארשיידענע צייטן אונטער דער ווירקונג פון פארשיידענע ריכטונגען און

ביז איצט זיינען זיי ניט געבראַכט צו קיין אויסגלייך ניט צווישן זיך און ניט מיט די אַלגעמיינע געזעצן פון דער אימפּעריע“.

אַזאַ סיסטעם פון געזעצן וועגן אידן האָט אין דער פּראַקטיק געבראַכט דערצו, אַז די פּאָליציייִשע מאַכט אַף די ערטער האָט געהאַלטן, אַז אַלץ וואָס עס איז ניט ספּעציעל פאַרצייכנט דורכן געזעץ אַלס דערלויבטע פאַר די אידן, ווערט דערמיט גופא פאַרווערט. אין יעדן באַזונדערן פאַל האָט דער איד געדאַרפט דערווייזן אַז דאָס, וואָס ער וויל טאָן איז אים דערלויבט דורכן געזעץ.

דער גובערנאַטאָר שילדערט זיך אָפּ אַף די הויפּטבאַגרענעצונגען פאַר די אידן און שרייבט: „אָנהייבנדיק פון 3-טן מאַי 1882 יאָר איז די אידן צייטווייליק פאַרווערט אין די גובערניעס פון זייער שטענדיקער איינוואוינערשאַפט צו באַזעצן זיך אויסער די שטעט און שטעטלעך... אַזוי אַרום האָט דער נייער געזעץ, ניט אָפּשאַפנדיק די עקזיסטירנדיקע רעכט פון די אידן אַף דער דורכויסיקער איינוואוינערשאַפט אין „טכום“, באַשאַפן אין דעמדאָזיקן טכום אַ נייעם טכום, פאַרקירצנדיק לעבאַלאַפּאַכעס אַף 20% די טעריטאָריע, וואָס אין אירע גרעניצן האָבן די אידן געקאָנט זיך באַזעצן פון קאַרמויגנים אָן“...

אָט דאָסדאָזיקע „צייטווייליקע“ אַרויסטרייבן די אידן פון די דערפער איז דורך ווי אַ שוואַרצער פאַס איבערן אידישן לעבן און האָט זיך פאַרצויגן אַף גאַנץ לאַנג. דערביי איז אָנגאַנגען אַ גרויסער ווילקיר. איין גובערנאַטאָר אָדער קרייז־איספּראַווניק האָט איבערגעלאָזן געוויסע קאַטעגאָריעס אידן, און אַן אַנדערער האָט זיי אַרויסגעטריבן. בלויז זייער רייכע אידן, וועלכע זיינען געווען אימשטאַנד צו באַצאָלן אַ שטייער פון אַ סוחר פון ערשטער גילדיע זיינען געווען פריי אין זייערע באַוועגונגען און וואוינאָרט. די אידישע מאַסע אָבער איז געווען צונויפגעדריקט דורכן טכום ווי מיט צוואַנגען און האָט ניט געקאָנט אויסקלייבן פאַר זיך קיין וואוינאָרט לויט איר ווילן. דער „טכום“ איז אַלץ געוואָרן שמעלער און שמעלער ביז ער איז באַגרעניצט געוואָרן בלויז מיט די שטעט פון פוילן (וואוהין די רעגירונג האָט געשטרעבט צונויפצושטופּן די אידן, חשבנענדיק אַז אַ טייל אידן וואָס קומען אָן אין פוילן וועט זיין אַ רוסיפיקאַטאָרישער עלעמענט), ליטע, ווייסרוסלאַנד און אין דער רעכטברעגיקער אוקראַינע, אויסער דאָנבאַס, כאַרקאָוו, קיעוו און אַנדערע. אויסער דעם איז די אידן פאַרבאָטן געוואָרן צו באַזעצן זיך אין דער פופציקווערסטיקער זאָנע פון די גרעניצן אפילו אין יענע ערטער, וואו זיי האָבן געהאַט וואוינרעכט. דאָס גאַנצע איבעריקע רוסלאַנד קימאַט 9/10 פון זיין טעריטאָריע האָט זיך גערעכנט אַלס פאַרבאָטענע זאָנע פאַר די אידן.

אַזוי אַרום איז אויסגעקומען, אַז גלייכצייטיק מיט ניט דערלאָזן די אידישע מאַסן צו ערדאַרבעט איז פאַר זיי אָפּגעשניטן געוואָרן פאַקטיש דער צוטריט צו דער גרויסער אינדוסטריע, ווייל זיי האָבן ניט געהאַט קיין רעכט זיך צו באַזעצן אין די אינדוסטריעלע ראַיאָנען און אַריינטרעטן אין די אַרבעטער־ריען פון דער גרויסער אינדוסטריע. אַזוי האָט די פּאָליטיק פון דער צאַרישער מאַכט געדריקט אַף דער אידישער עקאָנאָמיק.

די אידן האָט מען פאַרמאַכט ניט נאָר אין אָן עקאָנאָמישן געטאָ נאָר מע האָט באַ זיי צוגענומען די רעכט אַנטייל צונעמען אַפילע אין דער שמאָלער געזעלשאַפטלעכקייט, וועלכע די זעלבסטהערשונג האָט דערלויבט פאַר דער אייבעריקער באַפעלקערונג. אָט וואָס מיר לייענען אין דעם אויבן־ציטירטן מעמאָראַנדום פון ווילנער גובערנאַטאָר: „דער נייער שטאָטישער סטאַטוט פון 11 יוני 1892 יאָר האָט פולשטענדיק באַזייטיקט די אידן פון אַנטייל אין די שטאָטישע וואַל־פאַרזאַמלונגען און זיי פאַרבאָטן צו פאַרנעמען שטעלעס אין דער שטאָטישער געזעלשאַפטלעכער זעלבסטפאַרוואַלטונג, אָדער פאַרוואַלטן מיט אייניקע צווייגן פון דער שטאָט־ווירטשאַפט; אין יעדן שטאָטישן וואוינאָרט אין „טכום" פירט די אַרטיקע שטאָטישע פאַרוואַלטונג אָדער דער שטאָטישער סטאַראָסטאַ א באַזונדערן צעטל אידן, וועלכע וואָלטן געמעגט אויסגעווילט ווערן אַלס מיטגלידער פון פאַרוואַלטונג... אָבער ניט העכער פון איין צענטל פון אַלגעמיינעם באַשטאַנד פון דער דומע... אַחוץ דעם ווערט קיין איד ניט דערלאָזט ניט צו די וואַלן ניט אַף קיין שטעלע אין די זעמסקע אַנשטאַלטן".

עס איז זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז דער גוואַלדיקער געזעלשאַפטלעכער אינסטינקט וועלכער איז געווען באַ דער אידישער מאַסע איז ניט נאָר ניט אויסגענוצט געוואָרן נאָר מען האָט אים געשטיקט. דאָס האָט געפירט צו א קינסטלעכער אידישער אָפגעזונדערטקייט און האָט גענערט סאַי דעם אידישן נאַציאָנאַליזם סאַי דעם אַנטיסעמיטיזם. פאַר די אידן וואָס האָבן ניט געהאַט קיין צוטריט צו קיין מעלוכישע און געזעלשאַפטלעכע שטעלעס זיינען געבליבן זייער שמאָלע צווייגן פון קולטור־אַרבעט וואוהין מע האָט זיי דערלאָזן: מעדיצין, ליטעראַרישע אַרבעט, טייל ווייז יוריספּרידענץ. די שטרעבונג צו בילדונג איז געווען א גוואַלדיקע, ווייל זי האָט פאָרט געגעבן א געוויסע מעגלעכקייט פון א בעסערער עקזיסטענץ. די אידישע יוגנט האָט געשטרעבט אַרויסצורייסן זיך פון דעם אומגעווייגלעך שמאָלן קרייז, אין וועלכן עס איז איינגעשלאָסן געוואָרן דאָס לעבן פון די אידן אין דעם פאַרהאַסטן טכום און דאָס האָט מען געקאָנט דערגרייכן בלויז דורך בילדונג. געווען זיינען פיל אַזעלכע, וואָס האָבן געשטרעבט פולשטענדיק זיך איינבירגערן אין דער רוסישער קולטור, איבערלאָזנדיק דאָס גאַנצע אייגענע נאַציאָנאַלע, באַמיענדיק זיך צו ווערן עמעסע אינטערנאַציאָנאַליסטן, אָבער אין דער פּראַקטיק האָבן די באַגרעניצונג־געזעצן ניט געגעבן זיי קיין מעגלעכקייט דורכצופירן זייערע שטרעבונגען. געבליבן איז איין אויסוועג, וועלכער האָט געגעבן א געוויסע מעגלעכקייט אַרויסצורייסן זיך פון אידנטום און זיך איינבירגערן אין אַן אַנדער לעבן. דאָס איז געווען אָננעמען דעם קריסטנטום, אָבער דערצו, האָט מען געדאַרפט האָבן א צו „בויגעוודיקן געוויסן". די אידישע מאַסע גופע האָט מיטן אינסטינקט פון זעלבסטפאַרהיטונג אַרומגערינגלט די מעשומאָדים מיט א טיפער נאַציאָנאַלער פאַראַכטונג, און די נייע רוסישע געזעלשאַפט וואוהין עס איז געקומען דער מעשומעד האָט אויך מיט פאַראַכטונג געקוקט אַף אַזעלכע עלעמענטן, רעכענענדיק זיי פאַר קאַריערעסטן. דאָס אָננעמען קריסטנטום האָט ניט געקענט ווערן קיין מאַסן־דערשיינונג, און אים איז ניט געווען קיין אויסוועג פאַר א גאַנץ אויסגעמאַטערט

פאָלק, נאָר בלויז פאַר יעכידים, מערסטנטייל פאַר פּרינציפּלאָזע מענטשן, וועלכע האָבן בעסער געוואָלט זיין אינם לאַגער פון די באַדריקער, איידער צווישן די אונטערדריקטע און וועלכע האָבן ניט געוואָלט הערן פון א וועלכן עס ניט איז קאַמף.

די זעלבסטהערשאַפט איז געשטאַנען אין וועג פון קולטורעלן דערנענטערן די אידן מיט דער איבעריקער באַפעלקערונג, שטערנדיק מיט אירע באַגרענעצונגס-געזעצן די אידן צו באַקומען בילדונג.

„דורך דער פאַראָרדענונג פון בילדונג-מיניסטער פון 10-טן יוני 1887 יאָר איז די צאָל אידישע שילער אין די מיטעלע און הויכשולן אין די ערטער וואָס גייען אריין אין טכום פון זייער שטענדיקער באַזעסנקייט באַגרעניצט געוואָרן אף 10 פּראָצענט, און אין פּעטערבורג און מאָסקווע אף דריי פּראָצענט" (דער מעמאָראַנדום פון גובערנאַטאָר). אופן באָדן פון די בילדונג-שטערונגען האָט די אידישע אינטעליגענטע יוגנט, באַזונדערס פון דער אָרימקייט און פון די מיטל-שיכטן איבערגעלעבט אסאַך טראַגעדיעס. דאָס איז געווען פאַר זיי א שטויס צו פאַרטראַכטן זיך ביקלאַל איבער דער פראַגע וועגן דער מאַכט און וועגן גערעכטיקייט און האָט זיי געבראַכט צום געדאַנק וועגן דער נויטיקייט פון קאַמף, אף די וועגן וואָס פירן צום אראָפוואַרפן דידאָזיקע מאַכט. ווען די מעגלעכקייט פון רעוואָלוציע איז ערעוו 1905 געוואָרן באַשיינפערלעך קלאָר, האָט די אידישע יוגנט אין איר מאַסע זיך אָנגעהויבן ציען צו די רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייען, אַרבעטנדיק אין זיי מיטן גרעסטן ענטוזיאַזם, ברענגענדיק פאַר א קאָרבן זייער יוגנט, זייערע בעסטע יאָרן און גאַנץ אָפט אויך זייער לעבן, און איבערטראָגנדיק די שרעקלעכסטע רעפּרעסיעס.

(ש. דימאַנשטיין, „די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג צווישן די אידן", זאַמלבוך 1905 ב. 3 טייל 1 זייט 107—111).

מ. ראַפּעס

די עקאָנאָמישע לאַגע פון דער אידישער באַפעלקערונג.

פיל פון די איצטיקע יונגע לעזער ווייסן אפילע גאָר ניט, אז אין דער צייט פונם צאַריזם האָט עקזיסטירט א געזעץ וועגן „אידישן טכום", לויט וועלכן די אידן האָבן געהאַט רעכט צו וואוינען בלויז אין 15 גובערניעס פונם מאַירעוו-קאַנט פון רוסלאַנד און אַחוץ דעם אינם געוועזענעם רוסישן טייל פון פוילן. אין דידאָזיקע 15 גובערניעס זיינען אריינגעגאַנגען: דריי ליטווישע גובערניעס — ווילנער, קאָוונער און גראָדנער, דריי ווייסרוסישע — מינסקער, וויטעבסקער און מאָלעווער, וועלכע האָבן אַלע 6 צוזאַמען געבילדעט אין אַדמיניסטראַטיווער הינזיכט די צאָפן-מאַירעוודיקע געגנט, 4 גובערניעס פון דאָרעם-מאַירעוודיקער געגנט — קיעווער, וואָלינער, פּאָדאָלער און בעסאַראַבער און, לעסאָף,

פּאָלטאַווער, טשערניגאָווער, כערסאָנער טאַווריִשער און קאַטערינאָסלאַווער גו־בערניעס. דאָס רוסישע פּוילן אָדער, ווי מע פלעגט דאָס אַנדערש אָנרופן, די ווייקסל געגנט, האָט פאַרייניקט 10 פּוילישע גובערניעס, וועלכע האָבן געביל־דעט דעם איבעריקן טייל פונעם אידישן „תּחום“.

די אידישע באַפעלקערונג איז געווען ווי אַריינגעפּרעסט צווישן דער אומ־געהויערער מערהייט פון דער ניט־אידישער באַפעלקערונג. וואוינענדיק אין די שטעט, זיינען די אידן אין אַלע געגנטן פון „תּחום“ געווען אַרומגערינגלט מיט פּויערשע מאַסן: אין די ליטווישע גובערניעס — מיט ליטווישע פּויערים, אין ווייסרוסישע גובערניעס—מיט ווייסרוסישע פּויערים און אין דער דאָרעם־מאַירעוו־דיקער געגנט — מיט אוקראַינישע פּויערים. די הויפּט־באַשעפטיקונג פונם גרעסטן טייל פון דער אידישער באַפעלקערונג איז געווען האַנט־ווערקעריי און קליין־האַנדל. די גרויסע צאָל אידישע שטעטלעך, וועלכע זיינען אויסגעוואַקסן היסטאָריש פון גרויסע דערפער, דערקלערט זיך, פון איין זייט, מיט דעם פּאַרמיטלערישן כאַראַקטער פון דידאָזיקע אידישע באַשעפטיקונגען און, פון דער אַנדערער זייט, מיט דעם פאַרבאָט צו באַזעצן זיך אין די דערפער. דער פּראָצענט פון דער אידישער באַפעלקערונג בענוגע צו דער גאַנצער באַפעל־קערונג פון אידישן „תּחום“ איז געווען: אין דער צאָפן־מאַירעוודיקער, דאָרעם־מאַירעוודיקער און פּוילישער געגנטן פון 12% ביז 16%, אין קאַטערינאָסלאַ־ווער, טשערניגאָווער און פּאָלטאַווער — שוין פיל קלענער, פון 4% ביז 5%. נאָר דערפאַר איז דער פּראָצענט פון דער אידישער באַפעלקערונג אין די שטעט און שטעטלעך גופע דערגאַנגען ביז 25, 60 און אַפילע ביז 95%. אין דיאָזיקע שטעט איז דער אידישער באַפעלקערונג אויסגעקומען צו לעבן אין גאָענטער שכיינעס מיט ניט־אידישער באַפעלקערונג, נאָר געלעבט האָט זי מיט איר באַזונדער לעבן, צוזאַמענגעבונדן דורך די רעליגיעזע טראַדיציעס, געמיינ־זאַמקייט פון שפּראַך און דער אַלגעמיינער רעפּרעסיווער פּאָליטיק פון דער רעגירונג בענוגע צו די גאַנצע אידישע מאַסן. די אינדוסטריעל־אַנטוויקלטסטע גובערניעס אין „תּחום“ זיינען געווען קאַטערינאָסלאַווער און כערסאָנער, נאָר אַפילע אין די גובערניעס אין דער אידישער אַרבעטער אין דער קאַפּיטאַליסטי־שער אינדוסטריע ניט אַריינגעדרונגען.

דער צאָפנמאַירעוודיקער געגנט איז אין אינדוסטריעלער הינזיכט געווען אַלע מאָל אַן אָפּגעשטאַנענער. קימאַט דורכויס אַן אַקערבוי־געגנט. פון דער אינ־דוסטריע קענען מיר דאָ אָנרופן די לעדער־אינדוסטריע מיט די צענטרען: ווילנע, ביאַליסטאָק, סמאָרגאָן און די שטעטלעך פון גראָדנער גובערניע, די טעק־סטיל־אינדוסטריע, וואָס איז געווען קאָנצענטרירט אויסשליסלעך אין ביאַליס־טאָק און אין די דערבייאיקע שטעטלעך. אַחוץ דער רייכקייט מיט וואַלד, זיינען אין דערהאָזיקער געגנט אויסגעוואַקסן קליינע זעגמילן, גרעסערע שוועבל־און פּאַנער־פאַבריקן (באָריסאָוו, רעטשיצע, מאָזיר). ווייטער גייען טאַבאַק־פאַב־ריקן. קיין מאַשינבוי־אינדוסטריע, וועלכע איז די סאַמע כאַראַקטעריסטישע דערשיינונג פון דער איצטיקער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג, איז אין דעם צאָפנמאַירעוודיקן געגנט קימאַט גאָר ניט געווען, אויב מען זאָל ניט רעכענען

די קליינע מאַשינענבוי־זאַוואָדן, וועלכע זיינען געווען אייניציקווייז צעוואָרפן אין ווילנע און ביאַליסטאָק. די דריי דאָרעם־מערעוודיקע גובערניעס זיינען געווען אינדוסטריעל נאָך מער אָפּגעשטאַנענע, ווי דער צאָפּנמערעוודיקער געגנט. דאָ איז, עמעס, שטאַרק אַנטוויקלט די צוקער־אינדוסטריע, נאָר אין איר זיינען די אידישע אַרבעטער אויך ניט אַריינגעדרונגען. ווייטער גייט די פאַרצעליי־אינדוסטריע מיט אַ גרויסער צאָל אידישע אַרבעטער.

אין דעם גאַנצן צאָפּנמערעוודיקן געגנט קאָן מען רעכענען פאַר דעם צענטער פון קאָנצענטרירטע אידישע אַרבעטער־מאַסן ווילנע און ביאַליסטאָק. דאָ האָבן די אידישע אַרבעטער)און אויך אַ גרויסע צאָל אַרבעטערינס) אין ביידע אינדוסטריע־צווייגן, אין דער לעדער־און טעקסטיל־אינדוסטריע, ווי אויך אויף די שוועבל־פאַבריקן פון מינסקער גובערניע, פאַרנומען אַ גאַנץ אָנגעזעענעם אָרט. דאָ אַרבעטן זיי אָפט צוזאַמען אין איין פאַבריק מיט ניט אידישע אַרבעטער, נאָר נאָך אָפטער — אַליין.

נאָר איין געגנט איז געווען, וואו די קאַפּיטאַליסטישע באַציאונגען האָבן זיך ברייט אַנטוויקלט — דאָס איז געווען פּוילן מיט איר גרויסן טעקסטיל־צענטער, לאָדז, און מיט איר בערג־אינדוסטריע ארום סאָסנאָוויץ.

די אַנטוויקלונג פון דער פּוילישער אינדוסטריע האָט פאַרכאַפּט אויך די אידישע מאַסע. וואַרשע, מיט איר רייכער גאַלאַנטעריי־אינדוסטריע, האָט אַריינגעצויגן זייער אַסאַך אידישע אַרבעטער. אין דער טעקסטיל־אינדוסטריע פון לאָדז און איהרע אַרומיקע שטעטלעך (זגערזש, פּאַביאַניץ), ווי אויך אין ביאַליסטאָקער טעקסטיל־און מאַנופאַקטור־אינדוסטריע, זיינען געווען פאַרנומען אַסאַך אידן, נאָר די גרויסע מאַשין־אינדוסטריע האָט, ווי ס'איז שוין אָנגענומען געוואָרן, קיין אידן ניט געהאַט. די סיבעס פון דערדאָזיקער דערשיינונג זיינען פאַרשיידנאַרטיק. נאָר די גרונט־סיבע איז געווען איינע: אַראָנק דעם האַנדל און דער עמיגראַציע, וואָס האָבן געמאַכט לאַנגזאַם דעם וואוקס פונם פּראָלעטאַריאַט בא אידן, האָט דער דאָרפישער עלעמענט מיט זיין וואַלוועלער אַרבעט פאַרכאַפּט אַלע הויפּט־פּאָזיציעס. דערנאָך דאַרף מען רעכענען די קליינבירגערלעכע פּסיכאָלאָגיע, וואָס האָט אָפּגעהאַלטן דעם אידן פון צו גיין אַפן זאַוואָד.

אַחוץ דעם, האָט נאָך, בענוגייע צו דער גרויסער קאַפּיטאַליסטישער אינדוסטריע, געהאַט אַ גרויסע באַדייטונג דער שאַבעס־רו, וועלכער האָט געשטערט דער אידישער מאַסע אַריינצודרינגען אין דער גרויסער פּראָדוקציע. אין דער מאַשין־אינדוסטריע קאָן שוין, פאַרשטייט זיך, גאָר קיין רייד ניט זיין וועגן איינפירן צוויי באַזונדערע יאָנטעוו־טעג — שאַבעס און זונטיק, אַזוי ווי דאָס איז געווען איינגעפירט אין אַ טייל פאַבריקן מיט אַ געמישטן אַרבעטער־עלעמענט. אויף אַזאַ אויפן איז דער אידישער אַרבעטער אפילו אין די אינדוסטריעלע געגנטן פון פּוילן געבליבן אין דער קליינער פּראָדוקציע און האָט מיט דער אינדוסטריעלער פּראָלעטאַרישער מאַסע קיין שום אָרגאַנישע פאַרבינדונגען ניט געהאַט.

די נאציאנאלע באציאונגען האבן זיך פון אנפאנג אן אפגעשפיגלט אויך אף דער גרופירונג פון די ארבעטער־מאסן אין די פאבריקן גופא. די אידישע ארבעטער האבן געארבעט אויסשליסלעך אין אונטערנעמונגען, וועלכע האבן געהערט צו אידישע קאפיטאליסטן. די אונטערנעמונגען פון ניט אידישע קאפיטאליסטן האבן, אן אויסנאם, קיין אידישע ארבעטער בא זיך ניט געהאט: די טראדיציע פון שאבעס־רו האט דא אויך געהאט א באשטימטע און גאנץ גרויסע באדייטונג, און האט צוזאמענגעבונדן אינאיינעם די ארבעטער, די אדמיניסטראציע און דעם באלעבאס. דער אידישער ארבעטער האט זיך געפילט ווי צוגעשמידט צו דעם אידישן אונטערנעמער. ווי נאר מע פלעגט אים אפזאגן פון דער פאבריק, פלעגט ער בלייבן אינגאנצן אן ארבעט.

נאר, ווי מיר האבן שוין באמערקט, זיינען ניט די אינדוסטריעלע ארבעטער געווען דער גרעסטער טייל פון דער אידישער ארבעטער־מאסע, ניט זיי זיינען געווען דער אוואנגארד און דער קולטורעל־אנטוויקלטסטער טייל פון דער דערזאיקער ארבעטער־מאסע. די הויפט־ראלע אין דער אידישער ארבעטער־באוועגונג האבן געשפילט די האנטווערקער־ארבעטער — שניידער, שוסטער, שטעפערע, סטאלער, מאלער, — ארבעטער פון קליינע אונטערנעמונגען. אט די ארבעטער האבן זיך אין זייער טעגלעכן לעבן קיינמאל ניט געטראפן מיט ניט־אידישע ארבעטער, זיי האבן געלעבט אויסשליסלעך אין זייער אייגענער נאציאנאלער סוויווע.

דער נאציאנאלער מאמענט האט זיך געלאזט פילן אויך אינם פראצעס פון דער טעכנישער און אינדוסטריעלער אנטוויקלונג. יעדן מאל, ווי מע פלעגט איינפירן אף די שוועבל־, טאבאק־ און טעקסטיל־פאבריקן וועלכע ניט איז אויסגעבעסערטע מאשינען אדער פארייניפאכן דעם פראצעס פון דער ארבעט, פלעגט דער־זעלביקער אידישער פאבריקאנט זיך סטארען צו פארבייטן די אידישע ארבעטערינס און ארבעטער מיט דארפישע (ניט אידישע) מיידלעך, וועלכע פלעגן קומען אין שטאט און זיך צופריחנשטעלן, אדאנק זייער קלענערער באוואוסטזיניקייט, מיט א קלענערן פארדינסט. שוין אין סאף 90־ער יארן איז אף דעם באדן פארגעקומען א גאנצע ריי קאנפליקטן, וואס זיינען ארויסגערופן געווארן דורכדעם, וואס מע האט אפגעזאגט די אידישע ארבעטערינס און פארביטן זיי מיט קריסטלעכע.

נאר דער שארפסטער נאציאנאלער מאמענט אינם לעבן פון די אידישע ארבעטער איז געווען, פארשטייט זיך, די רעכטלאזיקייט פון דער אידישער באפעלקערונג. דער פארבאט צו וואוינען וואו מע וויל האט צונויפגעפרעסט די מאסן פון דער אידישער באפעלקערונג אין די שטעט און שטעטלעך און האט, נאטירלעך פארקלענערט די לעבנס־באדערפעניש און דעם פארדינסט פון אלעמען און פריער פאר אלץ — פון די פראלעטארישע עלעמענטן. די עקספלואטאציע איז אינם אידישן „טכום" געווען אסאך שטארקער.

...די נאציאנאלע באגרעניצונג פון דער אידישער באפעלקערונג און די אלגעמיינע פאראכטונג צו דעם אידן, וועלכע האט געהערשט אומעטום, וואו אים פלעגט נאר אויסקומען צו זיין: צי אין א מעלוכע־איינריכטונג, צי אין א פא־

ליצוי־צירקל, אדער אפילו אין די שטאָטהדומעס פון יענער־צייט, האָט שטענ־
דיקע זידל־וואָרט „זשיד", וואָס דער איד פלעגט הערן פון אלע זייטן, — האָט
גופע האָט געדריקט זיין באוואוסטזיין און ניט ווילנדיק באשאפן בא אים א
שטארקן נאציאנאלן געפיל און א פעסטע נאציאנאלע געשלאָסנקייט.

...די זעלבסטהערשונג האָט געגעבן די מעגלעכקייט די אידישע קאפיטא־
ליסטן צו נעמען אן אָנטייל אין דער שטאָטישער זעלבסטפארוואלטונג דורכדעם,
וואָס זי האָט אריינגענומען אין די שטאָטהדומעס אידישע „גלאָסנע", וועלכע די
גובערנאטאָרן פלעגן באשטימען, און איבערגעגעבן אָט די „פאָרשטייער" פון
דער אידישער באפעלקערונג די פארוואלטונג מיט די איניאָנים פון דער אידי־
שער קעהילע. די אידישע קעהילע, וועלכע האָט געטראָגן אויסשליסלעך א רעלי־
גיעזן כאראקטער, האָט פאקטיש געהאט פונדעסטוועגן אויך אייניקע ווירט־
שאפטלעכע פונקציעס: אויסהאלטן די אידישע שפיטאָלן, בייס־אוילאָמס, שולן.
די אידישע מאסע האָט נאָך געהאט אף זיך ספעציעלע שטייערן — די „קאָ־
ראָבקע" (4 — 6 קאָפּ. אף יעדער פונט קאָשערע פלייש), ליכטאָפצאָלונג און אנ־
דערע. אָט אין דער רעליגיעז־מעלוכישער אידישער קעהילע זיינען די רעדל־פי־
רער געווען דער אידישער סויכער, פאבריקאנט און באנקיר.

מיר זעען דאָ פאר זיך א משונעדיקן מיש־מאש פון נייע קאפיטאליסטישע
סאָציאלע גרופירונגען מיט פארשימלטע רעשטן פון חער פעאָדאלער רעכטלאָזי־
קייט און דער צארישער ביימש־הערשונג, וועלכע האָט זיך איזדעקעוועט איבער
די „אינאָראָצעס".

די אידישע פלוטאָקראטיע האָט אויסגעצייכנט אויסגענוצט אָט די ביידע
מאָמענטן. שטייענדיק פעסט אפן קאפיטאליסטישן באָדן און עקספלואטירנדיק
ווי וויט מעגלעך דעם אייגענעם ברודער, האָט די זעלביקע פלוטאָקראטיע אין
דער אייגענער צייט אויסגענוצט מיט דער הילף פונם חאביגערטום די רעכט־
לאָזיקייט פון די אידישע מאסן, די רעפרעסיעס און פאָגראָמען. קעדיי אונטער
דעם לאָזונג פון „קאָל איסראָעל כאווירים" צו האלטן דיזאָזיקע מאסן אין צוים
און ניט דערלאָזן זיי צו קיין פראָטעסט.

אויב די רוסישע בורזשואזיע האָט זיך פון איר געבורטסטאָג אָן קיינמאָל
ניט אויסגעצייכנט מיט אירע בירגערלעכע געפילן און איז אלעמאָל געווען גע־
נויגט צו לעבן בעסער אין שאָלעם מיטן צאר און זיינע סאטראפן, איידער צו
פירן אן אָפענעם קאמף פאר אירע רעכט, איז וואָס דארף מען שוין זאָגן וועגן
דער אידישער בורזשואזיע? די אידישע ארבעטער האָט קאוטסקי אמאָל אָנ־
גערופן „פאריער צווישן פראָלעטאריער"; די אידישע בורזשואזיע וואָלט מען
געקאָנט אָנרופן „די פויזנדיקע צווישן די פויזנדיקע". אין דערהאָזיקער סווי־
וע איז קיין שום באוועגונגען, אידייען, שטרעבונגען און קאמפס־לאָזונגען ניט
געווען. זי האָט געוואוסט נאָר איין זאַך — ווי עס איז דורכקומען, אונטער־
קויפן, כאבאר געבן, ווען מען עס זאָל ניט אויסקומען, צי דעם גובערנאטאָר, צי
דעם איספראווניק, צי דעם פריסטאוו, קעדיי אף אזא אויפן צו ראטעווען זיך
פון די קלעפ, מיט וועלכע די צארישע פעאָדאלע רעגירונג האָט געוואָלט מע־
כאבעד זיין אייניצלנע פאָרשטייער פון דער אידישער בורזשואזיע. און מיט

דעם איז אויך געווען באַפאַרבט די נאַציאָנאַלע אידעאָלאָגיע. די מאַסן פלעגט מען זאָגן, אַז זיי זאָלן זיין גוט און פרום, זיי זאָלן ניט מורמלען; זיי זאָלן ניט נעמען קיין אָנטייל אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, וואָרום יעדע אַרויס־טרעטונג פון אידן מוז ברענגען מיט זיך נייע רעכטלאָזיקייט פאַר אידן און וואָס ס'איז נאָך שרעקלעכער, — נייע אידישע פאָגראָמען.

* * *

פון דעם אַנאַליז פון די עקאָנאָמישע, סאָציאַל־פּאָליטישע און נאַציאָנאַלע לעבנס־באַדינגונגען, אין וועלכע ס'האָט זיך געפונען דער מאַירעווער־טייל פון רוס־לאַנד און די גאַנצע אידישע באַפעלקערונג, קען דער לעזער פאַרשטיין, ווי אומגינסטיק זיינען דאָ געווען די באַדינגונגען פאַר דער אַנטוויקלונג פון אַ נאָרמאַלער קלאַסן־פּראָלע־טאַרישער באַוועגונג. דאָ איז אין טאָך געווען ניט געווען דער הויפּט שרויף — דער גרויס־אינדוסטרי־עלער פּראָלעטאַריאַט. דאָ האָבן די נאַציאָנאַלע באַציאונגען און די נאַציאָנאַלע פאַרפאָלגונגען געקאָנט באַשאַפן אַן אויסשליסלעכע פילבאַרקייט צום פּאָליטישן מאָמענט און דערנערן ראַדיקאַלע רעוואָלוציאָנערע שטימונגען אין די מאַסן. נאָר קיין אויסגעהאַלטענער פּראָלעטאַרישער קלאַסן־באַוואוסטזיין האָט דאָ ניט געקאָנט שטאַרק ווערן. אין דעם ליגט געוויס די גרונט־סיבע פון אַלע וואַקלונגען, אָפּווייכונגען און אָפּטרעטונגען אין דער געשיכטע פון דער אידי־שער אַרבעטער־באַוועגונג אין רוסלאַנד.

(מ. ראַפעס „עטיודן צו דער געשיכטע פון בונד" ז. 5—9).

אָפיציעלע יעדיעס וועגן אידן אין רוסלאַנד.

די אַלגעמיינע צאָל אידן אין דער אַלטער רוסישער אימפּעריע דערגרייכט לויט די סטאַטיסטישע יעדיעס, וואָס זיינען שייעך צום 1881־טן יאָר ביז 4.086.650 נעפּאַשעס פון ביידע געשלעכטן, וואָס מאַכט אויס בא 4% פון דער גאַנצער באַפעלקערונג פון רוסלאַנד. פון דערדאָזיקער אַלגעמיינער צאָל אידן פאַלט אויס קימאַט אַ 1/4 טייל, ד. ה. 1.010.378 אַף די גובערניעס פון געוועזענעם פּויי־לישן קעניגרייך, וואו זיי בילדן 13,8% אָדער 1/7 פון דער גאַנצער באַפעל־קערונג; די איבעריקע צאָל איז פאַרטיילט אין די גרעניצן פון דער אימפּע־ריע אַפן פאָלגנדיקן אויפן:

אין אייראָפּייאישן רוסלאַנד	3.032.170	מאַן
אין קאַווקאַז	28.766	„
אין סיביר און די מיטל-אזיאַטישע געביטן . . .	15.336	„
סאַכאַקל . . .	3.076.272	„

באַטראַכטנדיק אַף וויפל געדיכט עס זיינען באַזעצט מיט אידן פאַרשיי־דענע ערטער, ווייזט זיך אַרויס אַז דער הויפּט־קאָנטינגענט זייערער וואוינט אין

15 צפון־מאירעוודיקע און דרום־מאירעוודיקע גובערניעס, וואס גייען אריין אין ראיאן פון דעם אזויגערופענעם א י ד י ש ן ט ח ו ם.

די גענויע ציילונג פון דער אידישער באפעלקערונג, וואס איז דורכגע־פירט געווארן מיט דער הילף פון צענטראלן סטאטיסטישן קאמיטעט, האט קלאר געמאכט, אז בא דער אלגעמיינער באפעלקערונג פון דיזאזיקע גובערניעס אין צאל פון 23.321.593 נעפאשעס פון ביידע געשלעכטן, בילדן די אידן 2.912.165 נעפאשעס, ד. ה. 12,5%, אדער העכער א צענטל פון דער גאנצער באפעלקערונג...

מען דארף אבער באמערקן, אז אין די אנגעוויזענע 15 גובערניעס, וואס זיינען נאך אין סאף פונם פארגאנגענעם יארהונדערט באשטימט געווארן לויט אונזער געזעצגעבונג אלס א שטענדיקן וואוינארט פאר אלע אידן, רוסישע אונ־טערטענער, אן אויסנאם, זיינען דערנאך איינגעפירט געווארן אייניקע באגרע־ניצונגען בענוגייע צו די שטעט: קיעוו, סעוואסטאפאל און ניקאלאיעוו (כער־סאנער גובערניע) און אויך בענוגייע דעם 50־וויארסטיקן שטעך בא דער מאירעוודיקער גרעניץ (אין די גובערניעס: קאוונער, וואלינער, פאראליער און בעסאראבער), אין דער ערשטער פון די אנגעוויזענע שטעט ווערן צוגעלאזט צום וואוינען אף שטענדיק, און דערצו נאך נאר אין צוויי טיילן פון שטאט, אויס־שליסלעך נאר אידן סאכרים פון דער ערשטער גילדיע מיט זייערע פאמיליעס און מיט דער נויטיקער דינערשאפט; אין די איבעריקע צוויי שטעט — ערן־בירגער, — וואס פירן האנדל זייענדיק פארשריבן אין דער גילדיע און סאכ־רים פון ביידע גילדיעס, אויך מיט די פאמיליעס און דינערשאפט. אין דער אנגעוויזענער גרעניץ־זאנע, ווידער, איז דערלויבט וואוינען נאר יענע אידן, וואס זיינען געווען צוגעשריבן צו די דארטיקע געמיינדעס פאר דעם 27־טן אקטיאבער פון 1858־טן יאר און וואס דערנאך האט מען ניט באמערקט אז זיי זאלן זיך פארנעמען מיט קאנטראבאנד.

אכוץ דיזאזיקע טיילווייזע באשרענקונגען פון אידישן וואוינרעכט אין טחום און דער פארבאט צו באזעצן זיך אין די דערפער פון וויטעבסקער און מאלעווער גובערניעס, זיינען אין 1882־טן יאר ארויסגעגעבן געווארן „צייט־ווייליקע „קלאלים„, דורך וועלכע אידן איז פארבאטן געווארן „צייט־די געזעצן וועגן אידן“, זיך פון דאס ניי צו באזעצן מיכוץ שטעט און שטעטלעך.

אף אזא אויפן זיינען בא דער איצטיקער צייט אפן גאנצן שעטעך פון דער טעריטאריע, וואס איז באשטימט לויטן געזעץ אלס א שטענדיקער וואוינארט פאר אידן, פריי פאר דער אידישער מאסע צו באוועגן זיך און באזעצן זיך נאר שטעט און שטעטלעך אליין.

מיכוצן אידישן טחום אין די גובערניעס פון געוועזענעם פוילישן קעניג־רייך, אין וועלכע אידן האבן דאס רעכט אומעטום צו באזעצן זיך ווערט דערלאזט צו וואוינען נאר געוויסע קאטעגאריעס אידן אלס שטענדיקע טוישווים אדער אלס צייטווייליקע איינוואוינער.

(אלגעמיינער מעמאראנדום פון דער העכערער קאמיסיע פארן איבערקוקן די געזעצן־וואס ווירקן אין דער אימפעריע בענוגייע אידן, 1883—1888).

ל. הערש

די עקאָנאָמישע לאגע פון די אידן אין רוסלאנד — סאָף 19־טן אָנהויב 20־טן יאָרהונדערט און די אידישע אויסוואנדערונג.

94% פון דער אידישער באפעלקערונג פון רוסלאנד וואוינט אין „טכום".

לויט דער פאלקסציילונג פון 1897 איז 11,6% פון דער באפעלקערונג אין „טכום" באשטאנען פון אידן. אין לאנדווירטשאפט זיינען געווען סאכאקל באשעפטיקט 36 טויזנט אידן — 2 1/2 פראצענט פון דער עקאנאמיש אקטיווער אידישער באפעלקערונג. דאס מאכט אויס ווייניקער ווי 1% (גענויע 0,6 פר.) פון אלע באשעפטיקטע אין דער לאנדווירטשאפט פון „טכום".

בעאיים בא דער ניט אידישער באפעלקערונג פון טכום זיינען אפילע קיין 2 פראצ. פון דער עקאנאמיש-אקטיווער באפעלקערונג ניט באשעפטיקט מיט האנדל איז בא אידן באשעפטיקט דערמיט קימאט א דריטל — 31 1/2 פראצ. פון אלע עקאנאמיש אקטיווע ד. ה. 18 מאל א גרעסערער כיילעק פון דער באפעלקערונג ווי בא ניט-אידן. בעאיים בא דער ניט אידישער באפעלקערונג איז באשעפטיקט מיט אינדוסטריע בלויז א ניינטל פון די עקאנאמיש-אקטיווע — 11,1%, איז בא אידן באשעפטיקט דערמיט מער פון א דריטל — 36 פראצענט, ד. ה. 3 מאל א גרעסערער כיילעק, ווי בא ניט אידן. אויף אזא אויפן האנאם אף 100 ניט-אידן אין טכום זיינען פאראן בלויז 13 אידן קומט אבער אויס אף 100 ניט-אידן באשעפטיקטע מיט אינדוסטריע — 46 אידן, און אף 100 ניט-אידן באשעפטיקטע מיט האנדל — 268 אידן.

נאר וואלטן ווייניקסטנס די אידן געווען גלייכמעסיק פארטיילט צווישן די פארשיידענע צווייגן פון דער אינדוסטריע און האנדל גופע. איז אבער די זאך ניט אזוי. בעאיים בא דער ניט אידישער באפעלקערונג איז בלויז א פינפטל — 20% — פון דער אינדוסטריעלער באפעלקערונג פארנומען מיט באקליידונגס אינדוסטריע, איז בא אידן דערמיט פארנומען א קנאפע העלפט — 45 1/2% פון אלע באשעפטיקטע מיט אינדוסטריע, אזוי אז אף 100 ניט-אידן וואס זיינען פארנומען אין דער באקליידונגס-אינדוסטריע קומט אויס 106 אידן.

דיזעלביקע ניט גלייכמעסיקע פארטיילונג פון דער עקאנאמיש אקטיווער באפעלקערונג זעען מיר אויך אין די האנדלס-פראפעסיעס. פון אלע מינים האנדל האט זיך די אידישע באפעלקערונג קאנצענטרירט אין יענע צווייגן וואס זיינען אף דעם ענגסטן אויפן פארבונדן מיט דער דארפישער, ניט אידישער באפעלקערונג: א קנאפע העלפט — 45% — פון אלע אידן וואס זיינען באשעפטיקט מיט האנדל זיינען פארנומען אין האנדל מיט לעבעדיקע בעהיימעס, טוואועס און

אנדערע לאנדווירטשאפטלעכע פראדוקטן, בעאיס בא דער ארומיקער באפעלקערונג, וועלכע שטייט נעענטער צום דארף איז דערמיט באשעפ-טיקט בלויז א דריטל — 34%

ווי מיר זעען איז אין טכום ניכלאל פאראן צופיל הענדלער און באשעפ-טיקטע מיט באקליידונגס-פראדוקציע: א טייל פון די אידישע הענדלער און שניידער קאן אלזא דארטן ניט געפינען קיין באזונע, ווען דער ניט-אידישער מארק וואלט אפילו אינגאנצן אפן געבליבן פאר אידן. דער ניט-אידישער מארק פארשמעלערט זיך אבער אלץ מער פאר דער אידישער באפעלקערונג פון רוס-לאנד.

די לאגע פון דער פויערשער ווירטשאפט, פאר וועלכער עס קומען אן אומער-טום שווערע צייטן מיטן ניצאכן פון דער גלעט-ווירטשאפט און מיט דער אנט-וויקלונג פון קאפיטאליזם, איז אין דירעקטע פריוויש-קאפיטאליסטישע לענדער (רוסלאנד, גאליציע, רומעניען) געווארן באזונדערס קריטיש. דער אגראר-קריזיס וואס הערשט סיסטעמאטיש דעם פויער אין דירעקטע לענדער האט צו זיך קיין ענלעכעס ניט. אין קיין אנדער געגנט פון אייראפע געפינען מיר ניט אזא דאלעס בא דער פויערשער באפעלקערונג, ווי אין רוסלאנד, גאליציע און רומע-ניע. א באזונדערס שארפן כאראקטער האט ווי באוואוסט אנגענומען דער אגראר-קריזיס אין רוסלאנד, וואו די פולע רעכטלאזיקייט פון די ברייטע פאלקס-שיכטן ביכלאל און ספעציעל די האלב-ליובאייגנטימערישע לאגע פון די פויערים פון איין זייט און די גאנצע צאל און שטייער פאליטיק פון דער מעלוכע פון דער אנדערער האבן געבראכט די ברייטע פויערשע מאסן צו א פולן בורחבן.

ווי האט דאס געמוזט ווירקן אף דער עקאנאמישער לאגע פון די אידן? דער עקאנאמישער צושטאנד פון דער אידישער באפעלקערונג הענגט אפ ניט נאר פון דעם פויערס קויפונגס-קראפט נאר אויך, אזוי צו זאגן, פון זיין פארקויפונגס קראפט. די קנאפע העלפט פון אלע אידן, וואס זיינען בא-שעפטיקט מיט האנדל, האנדלען מיט אזעלכע פראדוקטן, וואס דער פויער פאר-קויפט. פאלט אבער דעם פויערס ווירטשאפט אדער זי לעבט איבער א קריזיס, ווערט דער פויער איז געצוואונגען אליין אויפצו-טישע צייט פון ניט נערטעגיישן און נעמען די פראדוקטן פון זיין ווירטשאפט, האט ניט וואס צו פארקויפן, — דאן האבן ווייניק וואס צו טאן די אלע הענדלער, וואס ציען געוויינלעך זייער כעיונע פון אויפקויפן די פויערשע פראדוקטן. דערצו דארף מען נאך צוגעבן אז ווען דער פויער האט ניט וואס צו פארקויפן רופט דאס נאטירלעך ארויס אין שטאט א יאקרעס אף לעבנס מיטלען און פון דעם ליידט ווידער די אידישע באפעלקע-רונג, צוגלייך מיט דער ניט-אידישער שטאטישער באפעלקערונג און דער אר-בעטער-קלאס מער ווי אלע אנדערע סאציאלע קלאסן.

ווערט פאראָרעמט דער פויער, דאמאלס ווערט שוין דורכדעם גופע פארא-רעמט אויך דער איד.

...פון 15 גובערניעס, וואס ציילט דער טכום (אויסער פוילן) האבן 10 דעם

העכסטן — און אַלרוסלענדישן מאַסשטאַב פּראָצענט פון פויערים אָן ערד; פון 35 גובערניעס, וואָס געפינען זיך אויסערן טכום, זיינען פאַראַן אַזעלכע גובער-ניעס נאָר 8

שוין פון דיזאָזיקע אָנגאַבן זעען מיר ביז א געוויסן גראַד ניט נאָר דעם לאַגישן נאָך אויך דעם פּאַקטישן צוזאַמענהאַנג צווישן דער אָרעמקייט פון דער פּויערשער און דער אידישער באַפעלקערונג, צווישן דער עקאָנאָמישער לאַגע פון פּויער און דער אידישער וואַנדערונג. דעמדאָזיקן צוזאַמענהאַנג קאָנען מיר קאָנ-סטאַטירן אַף פאַרשיידענע אויפאַנים. דייטלעכער זעען מיר עס אָבער בעאַיים מיר פאַרגלייכן די וואַקלונגען פון די גערעטענישן אין רוסלאַנד און די וואַקלונגען פון דער אידישער עמיגראַציע. פאַרשטייט זיך, אַז אַכוץ די ניט-גערעטענישן ווירקן אַף דער וואַקלונג פון דער אידישער עמיגראַציע אויך אַסאַך אַנדערע אומשטענדן ווי צום ביישפּיל די פּאָליטישע און געזעלשאַפטלעכע פאַר-העלטענישן אין רוסלאַנד, די האַנדלס-קאָניונקטור אין רוסלאַנד און אַמעריקע און ד. גל. ניט נאָר אין די יאָרן פון די שאַרפסטע אומגערעטענישן אין 2—1891 און אין 7—1905 יאָרן געפינען מיר אויך דעם גרעסטן אויפשטייג פון דער אידישער עמיגראַציע, נאָר אין פאַרלויף פון די גאַנצע 24 אַר וואָס געפינען זיך אין אונזער טאַבעלע געפינען מיר קיין איינציק יאָר ניט ווען די גערעטעניש זאָל האָבן געפאַלן און פאַר-גלייך מיטן פאַריקן יאָר און די אידישע עמיגראַ-ציע זאָל זיך ניט האָבן געהויבן. א אויסנאַם שיינט צו זיין בלויז דער יאָר 7 — 1906: די אומגערעטעניש האָט זיך יענעם יאָר נאָך באַ-מערקבאַר פאַרשאַרפט און די אידישע עמיגראַציע האָט זיך אין דערזעלבער צייט פאַרקלענערט אין פאַרגלייך מיט פאַריקן יאָר. דאָס דערקלערט זיך דערמיט, וואָס דאָס פאַריקע יאָר — 1905 איז געווען ניט בלויז א יאָר פון אומ-גערעטעניש, נאָר אויך דער בלוטיקער יאָר פון די אָקטיאַבער-פּאָגראָמען.

אַן ערגערע גערעטעניש — א גרעסערע עמיגראַציע אַזוי קלינגט אין קורצן איינער פון די וויכטיקסטע נאַטירלעכע געזעצן, וואָס הערשט איבער דעם אידישן לעבן באַ די געגעבענע באַדינגונגען.

אין 1890—1891 יאָר האַגאַם די גערעטעניש האָט זיך עטוואָס פאַרבע-סערט האָט זיך די אידישע עמיגראַציע פון רוסלאַנד פאַרגרעסערט אַף 9 טויזנט מאַן און מיר דערקענען באַלד די ווירקונג פון די אידישע אַרויסשיקונגען פון מאָסקווע און פון די דערפער, וואָס האָט זיך דעמאָלס שוין אָנגעהויבן. אין 1899 — 1900 דערקענען מיר דעם איינפלוס פון אינדוסטריעלן קריזיס, אין 3 — 1902 די ליופּעניש, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אין פרילינג באַלד נאָך קישע-נעווער פּאָגראָם; אין 5 — 1904 די ווירקונג פון דער מילכאָמע מיט יאַפּאַן. לע-סאָף אינם יאָר 10 — 1909 דערקענען מיר די געמיינזאַמע ווירקונג, וואָס האָבן געהאַט פון איין זייט די פאַרפאָלגונגען פון די אידן אין רוסלאַנד, די מאַסן-אַרויסשיקונגען פון קיעוו, פון די דערפער און פון די אויסערטכומיקע ערטער ביכלאַל און פון דער אַנדערער — די אויסבעסערונג פון דער עקאָנאָמישער לאַגע אין אַמעריקע נאָך דעם קריזיס, וואָס האָט געהאַט אויסגעבראָכן דאָרט אין 1907.

אַט אזוי פאַרצייכנט די ליניע פון דער אידישער עמיגראַציע די וויכטיקסטע דערשיטערונגען, וואָס קומען פאָר אין אידישן לעבן. אין אַלע איבעריקע יאָרן, ווען די דערשיטערונגען זיינען ניט פאָרגעקומען וואַקלט זיך די ליניע פון דער אידישער עמיגראַציע צוזאַמען מיט די וואַקלונגען פון די ניט-גערעטענישן.

דער דאַלעס פון דער ברייטער פויערשער מאַסע וועלכער האָט אין רוסלאַנד כּימאַט אויפהערלעך געוואַקסן זינט דער באַפרייאונג פון די פויערים און צוזאַמען מיט דער ראַשער אַנטוויקלונג פון קאַפּיטאַליזם אין דער געלט-ווירטשאַפט האָט אַלזאָ געמוזט אַרויסרופן אויך אַ וואַקסנדיקע אידישע עמיגראַציע. די דאָזיקע אויסוואַנדערונג האָט געמוזט ווערן באַזונדערס הויך דעמאָלט, בעאיים די פּאַראָרימטקייט פון די פויערים האָט דערגרייכט איר העכסטע מאַדרייגע ד. ה. אין אָנהויב פון 20-טן יאָרהונדערט (1903), ווען די וואַקסנדיקע פויערישע נויט האָט לעסאָף אָנגעהויבן זיך אויסדריקן אין מעכטיקע אַגראַר-אומרוען, וועלכע האָבן זיך מיט אַ יאָר שפּעטער פאַרוואַנדלט אין אַ ברייטע און דויערנדיקע האַלב-באַוואוסטזיניקע און האַלב-שטיכיאישע רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג.

די וואַקלונגען פון די קאָרן-גערעטענישן*) אין רוסלאַנד און די עמיגראַציע פון רוסלענדער אידן אין די פאַראייניקטע שטאַטן (1888—1906)

יאָרן	גערעטעניש **)	עמיגראַציע	יאָרן	גערעטעניש	עמיגראַציע
1887—1888	111	31,256	1899—1900	118	37,081
1888—1889	111	31,889	1900—1901	117	37,660
1889—1890	84	33,447	1901—1902	95	37,846
1890—1891	95	42,145	1902—1903	115	47,689
1891—1892	70	76,417	1903—1904	112	77,594
1892—1893	85	35,625	1904—1905	127	92,388
1893—1894	102	36,725	1905—1906	92	125,234
1894—1895	120	33,232	—	—	—
1895—1896	106	45,137	—	—	—
1896—1897	106	22,750	—	—	—
1897—1898	8	27,221	—	—	—
1898—1899	97	24,275	—	—	—

(לויט ד״ר ל. הערש—די אידישע עמיגראַציע פאַרלאַג די וועלט 1914).

*) דער קאָרן ווערט גענומען, ווייל ער איז דער וויכטיקסטער מין פון דער פויערשער פּראָדוקציע אין רוסלאַנד.

**) די דורכשניטלעכע גערעטעניש איז גענומען ווי 100.

מ. ראַפּעס

די ערשטע אידישע ארבעטער־קרייזלעך.

די אינציאַטאָרן פון די ערשטע אידישע ארבעטער־קרייזלעך האָבן לעכאַטכילע גאָרניט געקלערט וועגן דער מעגלעכקייט פון א מאַסאָווער אידישער ארבעטער־באַוועגונג אין מאירעוור־קאַנט. דער מאַרקסיזם האָט גערעדט וועגן דעם אינדוסטריעלן פּראָלעטאַריאַט; דאָ האָט דערדאָזיקער פּראָלעטאַריאַט געפעלט, און מאַכמעס דעם האָבן די סאָציאַליסטישע קרייזלעך צווישן די אידישע ארבעטער, לויט דער אידייע פון די איניציאַטאָרן־אָנפירער געמוזט האָבן א גאַנץ באַשריינקטע אויפגאַבע — אויסארבעטן אינטעליגענטע ארבעטער, אָנפירער פאַר דער סאָציאַליסטישער ארבעט צווישן דעם רוסישן אדער דעם פּוילישן פּראָלעטאַריאַט.

די נאַציאָנאַלע פראַגע איז פאַר אָט אָ די ערשטע קרייזלעך ניט געשטאַנען. פאַר זיי איז די שפּראַך געווען אויסשליסלעך א וועריקצייג פון דער ארבעט, אָבער העיווים ווי מאַסן־ארבעט האָבן זיי זיך פאָרגעשטעלט נאָר אין דער סוויווע פון רוסישע אדער פּוילישע ארבעטער, איז נאַטירלעך, אַז זיי האָבן זיך קוידעמקאָל געשטעלט פאַר אָן אויפגאַבע באַוואָפענען דיאָזיקע קרייזלעך מיט דער קענטעניש פון רוסיש אדער פּויליש. די פּראָגראַם פון דידאָזיקע קרייזלעך איז בעהעסקעם מיט דעם געווען א געמישטע — אָן אַלגעמיינע בילדונג־פּראָגראַם און א סאָציאַליסטישע. דער מיטגליד פון קרייזל האָט געדאַרפט באַקומען א האַרמאָנישע סאָציאַליסטישע אידעאָלאָגיע, וואָס איז באַזירט אַף געוויסער וויסנשאַפט. אָט אָ די וויסנשאַפט האָט ער געקאָנט באַקומען נאָר פון לייענען ביכער אַף רוסיש אדער אַף פּויליש — אַף אידיש איז קיין ביכער ניט געווען. האָט מען אים געלערנט לייענען און שרייבן און אין א פּאָר יאָר פלעגט זיך אָט אָ דער ניט שריפטקענעוודיקער אידישער ארבעטער אָנשטרענגען און פלעגט אַריינגעצויגן ווערן אין קרייז פון אינטעליגענטישן לעבן. אַזעלכע קרייזלעך זיינען טכילעס, פאַרשטייט זיך, געווען ווינציק, אָבער זייער צאָל איז געוואַקסן. די, וואָס פלעגן דורכגיין דידאָזיקע קרייזלעך, האָבן זיך אין די וואַרשטאַטן אָנגעהויבן אויסטיילן פון דער אַלגעמיינער סוויווע, זיי האָט מען א נאָמען געגעבן: „פילאָזאָפן“. בא זיי האָט זיך אויך אויסגעאַרבעט א באַזונדערער אויסערלעכער הילעך: א שוואַרץ העמדל מיט א פּאַס. זיי פלעגן זיך צונויפקלייבן צוזאַמען און פלעגן ציען אַף זיך די אויפמערקזאַמקייט. זיי פלעגן אָפט קומען אין א קאָנפליקט מיט זייערע באַלעבאַטים אָפן באָדן פון קליינלעכע פראַגן פון האַנטווערקערשן לעבנשטייגער. דער גאַנג פון די געשעענישן האָט דידאָזיקע קרייזלעך געשטויסן אָפן וועג פון אָנפירן מיטן מאַסן־קאַמף פון די אידישע ארבעטער קעגן זייערע באַלעבאַטים.

(מ. ראַפּעס, עטיודן איבער דער געשיכטע פון „בונד“, ז. 11—12).

מ. ראַפּעס

די אידישע רעוואָלוציאָנערע קרייזן און זייער אידעאָלאָגיע.

אין אָנהויב 90-ער יאָרן שטעלט זיך שוין פאַר די אידישע אַרבעטער די פראַגע וועגן איבערגאַנג צו מאַסן־אַרבעט. אין דער אידעאָלאָגיע פון די קרייזלעך האָט מען געמוזט צונויפפּאַסן צוויי מאָמענטן, וואָס האָבן זיך ביז דעמאָלט געהאַט אַנטוויקלט גאָר אָפּגעזונדערט איינער פונם אַנדערן, וואָס פלעגן גיין גאָר באַזונדער: מען האָט געמוזט באַשטימען צוליב ווען און וואָס עס עקזיסטירן די פּראָפּאַגאַנדיסטישע קרייזלעך, און מען האָט געמוזט באַשטימען, וואָס פאַר אַ באַדייטונג עס האָבן די אַלץ אָפטער אויסברעכנדיקע איינצלנע שטרייק־קאָנפליקטן צווישן די אַרבעטער פון דעם אָדער יענעם פאַך. און דאָ ווייזן זיך אין אָט דער אַרבעטער־פּראָפּאַגאַנדיסטישער אָרגאַניזאַציע די ערשטע ערנסטע און שאַרפע כלוקעדייעס. די אינטעליגענטן־אָנפירער, דערזעענדיק פאַר זיך שפּראָצן פון אַ מאַסאָווער אַרבעטער־באַוועגונג, האָבן זיך גיך אָריענטירט אין דער נייער לאַגע, האָבן איבערקאָנסטרואירט זייער פּראַקטישע אידעאָלאָגיע און האָבן גערופן טייקעף וואַרפן זיך אין מאַסן־אַרבעט, שטעלן פאַר די קרייזלעך די אויפגאַבן פון פּראַקטישער אָנפירונג מיט דער מאַסאָווער אַרבעטער־באַוועגונג. צו זיי איז צוגעשטאַנען גאָר איין טייל פון דער אַרבעטער־אוידיטאָריע; דער צווייטער טייל, — עמעס, אַ קלענערער — האָט זיך אַרויסגעוויזן מער קאָנסערוואַטיוו.

גרופּירט האָט זיך דיזאָזיקע „אָפּאָזיציע" אין ווילנע אַרום דעם באַוואוסטן גראַווירער א ב ר אָ ם — אבראם גאָרדאָן, — וועלכער האָט אויפגעבויט אַ גאַנצע אייגנאַרטיקע אידעאָלאָגישע קאָנצעפּציע. ער האָט געטענהט, אַז די מאַסן זיינען ניט פעאיק צו פאַרשטיין די סאָציאַליסטישע אידייען, אַז דער קאַמף פון די אַרבעטער־מאַסן פאַרן פאַרבעסערן זייער עקאָנאָמישע לאַגע האָט גאָר ניט צו טאָן מיטן אידעאַל פון סאָציאַליזם, צו וועלכן עס שטרעבן די באַוואוסטזיניקע אַרבעטער. ער האָט געטענהט, אַז פאַרן סאָציאַליזם פאָדערט זיך קוידעמקאָל באַוואוסטזיין און מאַכמעס דעם דאַרף מען ניט אַראָפּלאָזן די אַרבעט ביז דער נידעריקער אויפנעם־פעאיקייט פון די מאַסן, נאָר, אַדרבא, מען דאַרף ווייטער פירן די פּראָפּאַגאַנדיסטישע קרייזל־אַרבעט, פאַרברייטערנדיק זי, פאַרטיפערנדיק און אַריינציענדיק אין איר גרעסערע און גרעסערע צאָלן אַרבעטער. אין ווילנע האָט די ערשטע „אָפּאָזיציע" — אַזוי איז זי אויך באַוואוסט אין דער געשיכטע פון דער אידישער אַרבעטער־באַוועגונג — ניט געהאַט קיין ערפאָלג. דאָ האָט זיך די מאַסן־באַוועגונג פון טאָג צו טאָג אַלץ מער און מער אַנטוויקלט, אַריינגעצויגן אין אירע רייען דעם גאַנצן אויבערשיכט, וואָס איז דערצויגן געוואָרן אין ערשטן פעריאָד פון דער קרייזלעך־באַוועגונג. דאָסזעלביקע איז אויך געווען אין מינסק און אין ביאַליסטאָק. אַביסל אָפּגעזונדערט שטייט די גראָדנער גרופּע (וואו די אידייען פון דער „אַרבעטער־אָפּאָ-

זיציע" האָבן געזיגט). דאָ האָבן זיך די קרייזלעך, צונויפגענומען אינאיינעם, געהאלטן זיך אסאך לענגער בא זייער אָפּגעזונדערטער אריסטאָקראַטישער אידעאָלאָגיע. ווי דאָס האָט פּאַסירט, זיינען נאָך קיין ליטעראַרישע קוועלן וועגן דעם ניטאָ, אָבער דער פאַקט איז, אז די זעלביקע גרופּע אָפּאָזיציאָנערן אין גראָדנע האָט זיך שפּעטער פאַרבונדן מיט דער פּ. פּ. ס. און האָט זיך פאַרוואַנדלט אין א גרופּע אידישע אַרבעטער פּ.פּ.ס.־אָווצעס. דאָ, אין גראָדנע, האָט די פּוילישע נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישע פּאַרטיי פּ.פּ.ס. מיט דער הילף פון אָט דער גרופּע געשאַפן א באַזע צו באָמבאַרדירן די אידישע נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציע „בונד" אין דער ליטע, אין דעם „בונדס" מוטערלאַנד גופא. אָפּגעזונדערט פון דער אידישער אַרבעטער־מאַסע, האָבן זיך די קרייזלעך פאַרזיכערט קעגן דער נאַציאָנאַלער פילבאַרקייט בענויגייע צו דער אידן־פראַגע, אָבער זיי זיינען געוואָרן מער פעאיק צום באַנעמען דעם נאַציאָנאַליזם אין א פוילישן מאַנטל.

וועגן דעם ערשטן פעריאָד פון געבאָרן ווערן פון דער מאַסאָווער אַרבעטער־באַוועגונג איז געבליבן זייער א ווערטפולער ליטעראַרישער דאָקומענט — דאָס זיינען די רעדעס פון אַרבעטער אויף דער מאַי־פייערונג פון יאָר 1892 אין ווילנע דיזעלביקע בראָשור איז אין איר צייט אַרויסגעגעבן געוואָרן פונם „פאַרבאַנד פון די רוסישע ס"ד אין אויסלאַנד.

דאָ זיינען קימאַט ניטאָ קיין שום פּאָליטישע אידייען, ניטאָ קיין לאָזונגען פון קאַמף מיטן צאַריזם, אָבער ס'איז דאָ א פולקום באַשטימטע סאָציאַליסטישע באַפאַרבונג, א סאָציאַליסטישע אידעאָלאָגיע.

דערהאַזיקער סאָציאַליזם איז געווען אן אייגנאַרטיקער, א טרוימערישער סאָציאַליזם, סאָציאַליזם, ווי אן אידעאַל, אויף וועלכן די אידישע אַרבעטער־מאַסע פלעגט אָפּרוען פונם העסלעכן אַרומיקן לעבן. דערהאַזיקער סאָציאַליזם האָט פון אָנהויב אָן צוגעצויגן די מאַסע מיט זיין אינטערנאַציאָנאַלן מעהוס. דער דערשלאָגענער, פון אַלעמען דערנידריקטער אידישע אַרבעטער־מאַסע האָט אימפּאָנירט דאָס באַוואוסטזיין, אז באַטייליקנדיק זיך אין די קרייזלעך, אין דער אַרבעטער־באַוועגונג, ווערט זי אין דערזעלביקער צייט א גלייכבאַרעכטיקטער מיטגליד פון דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־ברידערשאַפט, אז אין איין און דעמזעלביקן טאָג, דעם 1־טן מאַי, באַטייליקט זיך ער, דער אידישער אַרבעטער, צוזאַמען מיט די אַרבעטער פון בערלין, פּאַריז, לאָנדאָן אינם אַלגעמיינעם קאַמף פאַרן אַראָפּוואַרפן די עקזיסטירנדיקע בורזשואַזע אָרדענונג, עס האָט אימפּאָנירט דער אידעאַל פון סאָציאַליזם, וועלכער האָט זיך געמאָלט, ווי גלייכהייט, ברידערלעכקייט, גערעכטיקייט, אַפּן אָרט פון דער רעכטלאָזיקייט און פון דעם דרוק, אונטער וועלכע דער אידישער אַרבעטער האָט געלעבט. -

א סאָציאַליזם פון כאַלוימעס.

(מ. ראַפעס, עטיודן איבער דער געשיכטע פון „בונד", זייט 15—17).

מ. ראפעס

דער עקאנאמישער קאמף פון די אידישע ארבעטער

דער שטרייק־קאמף פון אט די אידישע האנטווערקער־ארבעטער, פלעגט ניט מאכן דעם אויסערלעכן עפעקט, וואס כאראקטעריזירט איצט און פלעגט כאראקטעריזירן מיט יארן צוריק דעם קאמף פון צענדליקער אדער הונדערטער טויזנטער אינדוסטריעלע פראלעטאריער, וועלכע טרעטן ארויס אין אן איינצלנעם אדער אין אן אלגעמיינעם שטרייק. אבער די אידישע ארבעטער גופא פלעגן זיך באציען צום קאמף, וועלכן זיי האבן געפירט, מיט א קאלאסאלער איבערגעבנקייט און מיט דער העכסטער אנשטרענגונג. זיי זיינען געווען פעאיק וואכנלאנג און אפילו כאדאשים־לאנג שטאנדהאפטיק אויסצוהאלטן דעם שטרייק־קאמף. זיי פלעגן ארעסטירט ווערן, פארשיקט ווערן, געשלאגן ווערן פון דער פאליציי, פון שפיאנעס און געדונגענע באסיאקעס. אט א די פעאיקייט מאקריוו צו זיין זיך האט כאראקטעריזירט ניט נאר די איינצלנע אנפירער פון דערהאזיקער מאסן־באוועגונג, זי איז געווען כאראקטעריסטיש פאר דער גאנצער מאסע. טיפיש פאר דער אידישער ארבעטער־באוועגונג פונם גאנצן ווייטערדיקן פעריאד איז דער אויסערסט־נישטיקער פראצענט פון פאראטן, פון ארויסגעבן מיצאד איינצלנע ארבעטער־גרופעס אדער מיצאד אנפירער. די סאלידארישקייט, די צעמענטירטקייט פון דער אידישער ארבעטער־מאסע אין פראצעס פון קאמף איז געווען זייער הויך. די געוואוינהייטן, וועלכע שאפן זיך בא א נאציאנאלער גרופע, וואס ווערט פארפאלגט מיצאד דעם מעלוכע־אפאראט, די געוואוינהייטן פון קאנספיראציע, פון איינקייט, — אט א די געוואוינהייטן האבן זיך פארקערפערט אין דער אידישער ארבעטער־מאסע און האבן געבראכט א געוואלדיקן נוצן דער פראלעטארישער באוועגונג...

וואסער א פארם האט באקומען דיהאזיקע פראלעטארישע מאסן־ארגאניזאציע? ענדגילטיק האט זי זיך אויסגעבילדעט ערשט אינם פעריאד פון די יארן 1898 — 99 פון פאריקן יארהונדערט, ווען פון דערהאזיקער מאסן־ארגאניזאציע און אף איר יעסאד האט זיך שוין געבילדעט א פאליטישע פארטייאישע ארגאניזאציע אינם געשטאלט פון „בונד“, וועלכע האט שוין פאראייניקט א גוטן צענדליק שטעט פון גאנץ צאפן־מאירעוו־קאנט און פוילן. דיהאזיקע ארגאניזאציע האט זיך אויסגעבילדעט אף דער באזע פון דער עקאנאמישער שטרייק־קאסע. די קאסע איז געווען די ערשטע שול פון ארבעטער־סאלידארישקייט...

דא טרעטן פאר אונז ארויס אלע כאראקטעריסטישע שטריכן פון דערדאזיקער ארגאניזאציע: דאס באוואוסטזיין פון סאלידארישקייט, וואס דרינגט דורך אלעמען און איטלעכן פון אונטן ביז אויבן. „אלע פאר איינעם — איינער פאר אלעמען“. א שטרענגער פרינציפ פון קאנספיראציע. ס'איז בעקיוון אונטערגעשטרייכט, אז איטלעכער דארף רייִדן נאר דאס, וואס האט א שאיכעס

צו אים, איטלעכער איז פארבונדן מיט זיין ארגאניזאציע דורך זיין פארמיטלער און מיט קיין אנדערן טאר ער וועגן אט די פראגן ניט ריידן.

דאס אלץ האט זיך, נאטירלעך, אויסגעבילדעט בעהאדראגע, לאנגזאם. דאס האט זיך אויסגעפארמירט אין פראצעס פון קאמף און נאר אין פראצעס פון קאמף. די ארעסטן, פארשפילטע שטרייקן פלעגן איבערצייגן די מאסע אין דער נויטווענדיקייט פון די שטרענגע פרינציפן פון סאלידארישקייט און קאנספיראציע. אויב מע זאגט בא אונז איצט, אז דער פראפאריין איז די ערשטע שול פון קאמוניזם, קאן מען זאגן בענויגייע דער ארבעטער־באוועגונג פון יענער צייט, אז די אומלעגאלע, אונטערערדישע עקאנאמישע מאסן־קאסע איז געווען די ערשטע שול פון ארבעטער־סאלידארישקייט און רעוואלוציאנערן קאמף.

אומבאמערקטערהייט פאר אט א דער גאנצער ארבעטער־מאסע, פלעגט זי זיך דאך געפינען אונטער דער אידייאישער אנפירונג פון דער צעמענטירטער און ענג צונויפגעבונדענער גרופע אנפירער פון דער ארטיקער ארבעטער־באוועגונג.

אין דעמדאזיקן סטאטוט זעען מיר דעם — הארמאניש, שטרענג דורכגעפירטן פרינציפ פון דעמאקראטישן צענטראליזם. די מאסע ווילט אויס אירע פארשטייער, אבער זי איז מעכויעוו אונטערווארפן זיך דעם איינמאל פון איר אויסגעווילטן פארשטייער און דער פארוואלטונג. די פאך־קאמיסיעס פון די איינצלנע צעכן בילדן דורך זייערע פארשטייער די שטאטישע פאכאווע סכאדקע, וועלכע איז שוין פונם מאמענט פון אויסוויילן די אנפירנדיקע ארגאניזאציע פאר אלע סכאדקעס און קאסעס; דידאזיקע קאסעס זיינען שוין מעכויעוו אונטערצוווארפן זיך דער אויבערשטער אלגעמיין־שטאטישער אינסטאנץ, — אפילע אין די פראגן, וואס זיינען נויגייע נאר דעם פאך.

ווען עס פלעגט אויסשטיין שטרייקן, פלעגט די פראגע וועגן דעם, צי וועט ער מאטעריעל אונטערגעשטיצט ווערן מיצאד דער אלגעמיין־שטאטישער ארבעטער־ארגאניזאציע, שפילן די הויפט־ראלע. דידאזיקע אלגעמיין־שטאטישע ארבעטער־ארגאניזאציע פלעגט קאנצענטרירן אין אירע הענט דעם גרעסטן טייל מיטגליד־אפצאלונגען, וועלכע פלעגן אריינקומען אין די איינצלנע קאסעס. זי האט געקאנט ניט אנערקענען דעם אדער יענעם שטרייק, און דער שטרייק איז אן דער מאטעריעלער שטיצע פון אלע ארבעטער געווען פארורטיילט אף א דורכפאל. די אנפירנדיקע קרייזן פלעגן זיך באנוצן מיט אט דער אויסגעקעמפטער ווירקונג, קעדיי צו געבן דעם שטרייק־קאמף א געוויסע ריכטונג. די האנטווערקערישע ארבעטער־באוועגונג פלעגט ארויסרוקן א גאנצע ריי פראקטישע פרינציפיעלע פראגן: וועגן דער באציאונג צו דער פארמיטלעריי, וועגן אנווענדן דעם עקאנאמישן טעראר, וועגן אנעמען אין פאריין פארמיטלער, וועגן ארויסשטעלן די אדער יענע פאדערונגען. אט די אלע פראגן, אף וועלכע עס פלעגט דערצויגן ווערן דאס סאציאליסטישע באוואוסטזיין פון די ארבעטער, פלעגן ארומגערעדט ווערן אף די אלגעמיינע פארזאמלונגען פון די מיטגלידער, אין דער סכאדקע. זיי פלעגן אפט דינען פאר אן אביעקט פון מאכלויקעס און רייבונגען, אבער ס'פלעגט זיך שאפן א טראדיציע. די טראדיציע איז געווען א טראדיציע פון סאציאליסטישן פראפעסיאנעלן קאמף.

ווען מיר זאָלן וועלן זוכן וואָסערע עס איז ספּעציעלע טערמינען צו באַצייכענען דעם מעהוס פון דער מאַסאָווער אידישער אַרבעטער־באַוועגונג אַזוי ווי זי האָט זיך אויסגעבילדעט אין מיטן סאָף פון די 90־ער יאָרן, וואָלט דער פּאַסנדסטער נאָמען פאַר איר געווען „סאָציאַליסטישער טרעד־יוניאָניזם", — אַ ברייטע מאַסאָווע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע, וואָס שטרעבט צום ווייטן אידעאַל פון סאָציאַליזם און פירט אַ קאַמף אויסשליסלעך מיט אירע דירעקטע סאָנים, די מייסטערס און פאַבריקאַנטן.

אַ טרעד־יוניאָניסטישע באַוועגונג לויט איר פאָרם, פאַרטריבן אונטער דער ערד און דורכגעדרונגען מיט סאָציאַליסטישע שטרעבונגען און מיט דער אידייע פון אינטערנאַציאָנאַלער ברידערשאַפט.

אַ סאָציאַליסטישער טרעד־יוניאָניזם.

(מ. ראַפעס, עטיודן איבער דער געשיכטע פון „בונד", זייט 17—20).

מ. ראַפעס

סאָציאַליזם און ציאָניזם.

אין יאָר 1897, אין האַרבסט, זיינען זיך צונויפגעקומען אין באַזעל און אין ווילנע קימאַט גלייכצייטיק צוויי צוזאַמענפאָרן. איין צוזאַמענפאָר איז געווען דער ערשטער אַלוועלטלעכער בורזשואַזער ציאָניסטן־קאָנגרעס, וואָס איז זיך צונויפגעקומען אין באַזעל, אין אַ פּאַראַד־סוויווע, פון דעלעגאַטן פון אַלוועלטלעכן אידנטום. דער צווייטער צוזאַמענפאָר איז געווען דער באַשיידענער אומלעגאַלער ערשטער צוזאַמענפאָר פון פאָרשטייער פון עטלעכע אַרטיקע אידישע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס, אויף וועלכן ס'איז געגרינדעט געוואָרן דער „בונד".

אין וואָס איז באַשטאַנען דער מעהוס פון דער ציאָניסטישער קאָנצעפּציע? ווי אַזוי האָט זי זיך אויסגעבילדעט אין מיט פון די 90־ער יאָרן? זי איז געווען אינגאַנצן, פון אָנהויב ביזן סוף, ווי בעקיוון דער היפּעך פון דער אידייע פון דער אידישער אַרבעטער־באַוועגונג.

דער סאָציאַליזם האָט געלערנט, אַז דאָס אידישע פאָלק איז צעריסן אויף קלאַסן, אַז דער אידישער אַרבעטער איז אַ קלאַסן־סוינע פון דער אידישער און פון דער גאַנצער וועלט־בורזשואַזיע, אַז דער אידישער אַרבעטער איז אַ פאַרבינדעטער, פאַרבונדן דורך אַלגעמיינע אינטערעסן מיטן רוסישן און פוילישן אַרבעטער־קלאַס, אַז דער אידישער אַרבעטער וועט דורכן אַלגעמיינעם קאַמף צוזאַמען מיטן גאַנצן אַרבעטער־קלאַס פון לאַנד פאַרניכטן די יעסוידעס פון דער בורזשואַזיקאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג און וועט זיך דערשלאָגן די פאַרווירקלעכונג פונם אַלוועלטלעכן, אַלמענטשלעכן אידעאַל, פונם סאָציאַליזם, וואָס באַפרייט אַלעמען, אַז די נאַציאָנאַלע אומגלייכהייט, דער אַנטיסעמיטיזם, די נאַציאָנאַלע רעדיפעס — דאָס אַלץ ווערט געבאָרן אויפן יעסאָד פון דער קאַפּיטאַליסטישער

אָרדענונג מיט איר אײַנטײלונג אַף קלאַסן, מיט איר קאָנקורענץ און מיטן שאָוויניזם, אַלס די פּרוכט פון דער קאָנקורענץ און אַלס מיטל אָנצורייצן די מאַסן אײנע אַף די אַנדערע. דער סאָציאַליזם האָט געלערנט, אַז אין קאַמף קעגן דעם קאַפּיטאַל פאַרן סאָציאַליזם וועט דער אידישער אַרבעטער צוזאַמען מיטן גאַנצן פּראָלעטאַריאַט פון דער וועלט פאַרניכטן דעם עצעם יעסאָד פאַר דער אַנטשטייאונג פונם אַנטיסעמיטיזם. דער סאָציאַליזם האָט געלערנט, אַז די אַנטיסעמיטישע אידעאָלאָגיע אַנשטייט אויך אַף דער באַזע פון באַשטימטע עקאָנאָמישע, סאָציאַלע פאַרהעלטענישן און מוז אָפּלעבן צוזאַמען מיט דער ענדערונג פון דידאָזיקע עקאָנאָמישע, סאָציאַלע פאַרהעלטענישן, באַם ניצאָכן פון סאָציאַליזם.

פונקט דער היפּעך פון דערדאָזיקער אידעאָלאָגיע איז געווען די אידעאָלאָגיע פון ציאָניזם. דידאָזיקע אידעאָלאָגיע, דידאָזיקע פאָרמול האָט געלערנט:

די אידן, וואו זיי זאָלן ניט וואוינען, אין וואָסערע סאָציאַלע און פּאָליטישע באַדינגונגען זיי זאָלן זיך ניט געפינען, ווערן אומעטום גערודפט, — און דידאָזיקע רעדיפעס אַנטשטייען ניט מאַכמעס דעם, וואָס אומעטום ווייזן זיך אַרויס אין א גרעסערער צי אין א קלענערער מאָס די קאַפּיטאַליסטישע יעסוידעס פון נאַציאָנאַלן קאַמף און פון אַנטאַגאָניזם, נאָר מאַכמעס דעם, וואָס אײן נאַציע איז דער צווייטער נאַציע — אַן אָרגאַנישער סוינע. דער אַנטיסעמיטיזם איז א געבאָרן געפיל און קאָן קיינמאָל ניט פאַרשווינדן. ס'איז ניטאָ קיין האָפענונג אַף א סאָלידאַרישן קאַמף און אַף א סאָלידאַרישן צוזאַמענלעבן פון פעלקער, און מאַכמעס דעם האָט די גאַנצע אידישע נאַציע, „די אַלוועלטלעכע אידישע נאַציע" אײן און דעמזעלביקן אַלגעמיינעם אינטערעס. אָט א דער אַלגעמיינער אינטערעס באַשטייט אין נאַציאָנאַלער צעמענטירונג, אין שאַפן אַן אַלוועלטלעכע אידישע פּאָליטישע אָרגאַניזאַציע, וועלכע זאָל זיך דערשלאָגן פאַר די אידן דיזעלביקע מעלוכע־לאַגע, וועלכע עס פאַרנעמען אַלע אַנדערע, האָטש אויך קליינע פעלקער, ווי א שטייגער בעלגיע, אַף וועלכער די ציאָניסטן פלעגן זיך פאַרופן מיט א באַזונדערער ליבע: עס האָבן זיי אימפּאָנירט די קאָלאָניעס אַפילע פון אַזאַ קליינער מעלוכע.

האָבן אָט אַזאַ אייגענע נאַציאָנאַלע מעלוכע, וואו דער איד זאָל זיין באַ זיך אַליין א באַלעבאָס „אַף דער אייגענער טעריטאָריע" און וואו — ווי ס'האָט אין זיין צייט געשילדערט דער פירער פון ציאָניזם הערצל — דער אַראַבישער פויער וועט טאָן דעם ווילן פונם באַלעבאָס פון לאַנד — פון דער אידישער בורזשואַזיע. אָט דאָס טרוימען־לאַנד איז געווען „דאָס לאַנד פון די אָוועס" — ערעץ־יסראָעל (פּאַלעסטינע).

אָט די ציאָניסטישע קאָנצעפּציע איז געווען די פולשטענדיקע אָפּלייקענונג פון קאַמף, און טאַקע מאַכמעס דעם האָט דידאָזיקע קאָנצעפּציע שוין ניט געקאָנט באַהערשן די מויכעס פון די אידישע אַרבעטער. ווען דער ציאָניזם זאָל געווען געבאָרן ווערן אין די 80־ער יאָרן און זאָל דעמאָלט האָבן באַקומען זיין מאַסן־אַנטוויקלונג, וואָלט דידאָזיקע באַוועגונג, — וועלכע האָט אין מיטן פון

די 90-ער יאָרן פאַרכאַפּט קימאַט דורכויס דאָס גאַנצע אידישע בירגערטום, — דעמאָלט, אין די 80־ער יאָרן, עפּשער געקאָנט באַהערשן אויך די מויכעס פון די אידישע אַרבעטער אָבער אין מיטן פון די 90־ער יאָרן זיינען שוין די אידישע אַרבעטער געווען אַריינגעצויגן אין דער מאַסאָווע אַרבעטער־באַוועגונג. זיי האָבן שוין געהאַט ז י י ע ר אייגענע מאַסן־אידעאָלאָגיע, ז י י ע ר אייגענעם מאַסן־אידעאַל. דער גרונט־מאָמענט פון דערהאַזיקער מאַסן־אידעאָלאָגיע איז געווען קאַמף. די גרונט־האָפענונג אין דער באַוועגונג איז געווען די האָפענונג אַף באַפרייאונג. דער גרונט־פּרינציפּ פון דער באַוועגונג איז געווען די פאַרבינדונג מיט דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־באַוועגונג, דער טיפער גלויבן אין דער זיגרייכקייט פון דעם אַלץ־באַפרייענדיקן סאָציאַליסטישן־אידעאַל.

דער ציאָניזם האָט, ווי דער רוסישער ליבעראַליזם פאַרשפּעטיקט. ער איז געקומען אַלס א רעאַקציע קעגן דער שטייגנדיקער אַרבעטער־באַוועגונג. מיט דער ציאָניסטישער אידעאָלאָגיע האָט דאָס אידישע בירגערטום אַזוי ווי געשטרעבט צו פאַרטיידיקן זיינע פּאָזיציעס, וועלכע האָבן זיך א וואַקל געטאָן. אין דער ציאָניסטישער באַוועגונג האָט זיך אַרויסגעוויזן דער גאַנצער רעאַקציאָנערער מעהוס פון אידישן בירגערטום. ער האָט זיך באַצויגן העכסט־נעגאַטיוו צו דער אַרבעטער־באַוועגונג. ווי דאָס איז טאָמיד כאַראַקטעריסטיש פאַר דער קליינבורזשואַזיע, האָט זי ניט געקאָנט זוכן איר אידעאַל אינם פּראָגרעס פון די געזעלשאַפטלעכע פאַרהעלטענישן, קוקן פאָרויס. איר אידעאַל האָט זי גענומען פון דעם אָוואַר, אין כאַלוימעס וועגן אַלטן, אין כאַלוימעס וועגן אויפלעבן דאָס — אַמאָל זעלבשטענדיקע געוועזענע — אידישע קעניגרייך אין פּאַלעסטינע. די אידישע קליינבורזשואַזיע האָט שוין דערפאַר ניט געקאָנט דורכדרינגען זיך מיט די אידעאַלן פון דער צוקונפט, ווייל זי האָט אין דער צוקונפט ניט געזען קיין שטיץ־פּונקט פאַר איר עקזיסטענץ. זי האָט באַקומען קלעפּ אי פון אויבן, אי פון אונטן. אונטער דער עקזיסטענץ פון דער קליינבורזשואַזיע, פון דער אידישער האַנטווערקעריי האָט זיך אונטערגעגראָבן די אַנטשטייענדיקע מאַנופאַקטור און די קאָנקורענץ פון די ביליקע פאַבריקאַטן, וואָס פלעגן אָנקומען פון וואַרשע אָדער פון לאָדז אַפן אָרטיקן מאַרק און וואָס פלעגן אַרויסשטויסן פון מאַרק דעם אָרטיקן האַנטווערקער — דעם שניידער, שוסטער און אַנדערע. פון אונטן — די אַרבעטער־באַוועגונג, וואָס פלעגט פאַרייניקן די געזעלן אין פּראָפעסיאָנעלע אָרגאַניזאַציעס, זאָל זיין אומלעגאַלע, אונטערערדישע, — פלעגט וואַרפן דעם אַרבעטער אין קאַמף פאַר פאַרקלענערן דעם אַרבעטס־טאָג און פאַרגרעסערן די אַרבעטסלוין, פלעגט אונטעררייסן בא דער קליינבורזשואַזיע די איינציקע האָפענונג פון עקזיסטענץ, די האָפענונג צו קאָמפּענסירן דורך דער עקספּלאָטאַציע פון די געזעלן דעם אָנווער, וועלכן זי האָט געליטן מאַכמעס דער קאָנקורענץ פון די ביליקע פּראָדוקטן, וועלכע ווערן אויסגעאַרבעט פון דער מאַנופאַקטור און פון דער מאַשין־פּראָדוקציע.

אונטער די קלעפּ פונם קאַפּיטאַל און פון דער אַרבעטער־באַוועגונג האָט זיך דאָס אידישע בירגערטום צונויפגענומען אונטער די פאָנען פון קריגערישן רעאַקציאָנערן נאַציאָנאַליזם, וואָס שטעלט מיט זיך פאָר אַזוי ווי די קווינט־

עסענץ פֿון דער אידעאָלאָגיע פֿונם אידישן פּאַכדאָנעסדיקן בירזשערטום. אָן קאַמף, נאָר דורך אויסבעטלען בײַ די הינטערטירן פֿון די וועלט־מאַגנאַטן (פּונקט אַזוי ווי דער אידישער קרעמער און פֿאַבריקאַנט פֿלעגן זיך מיט כאַבאַר אַרויסדרייען פֿון די איינצלנע שפּילקעס פֿונם גובערנאַטאָר און פּאָליציי־מייסטער) האָט הערצל, ביקלאַל דער ציאָניזם, געטרוימט אויסצובעטלען — צי בײַם דײַטשישן קייסער, צי בײַם בעלגישן, ענגלישן אָדער איטאַליענישן קעניג אָדער עפּעס בײַם פֿראַנצויזישן פּרעזידענט צי — נאָך בעסער — בײַם טערקישן בלוטיקן סולטאַן אַבדול־האַמיד, דעם באַרימטן „טשאַרטער“, ד. ה. אַן ערלויבעניש פֿאַר די אידן צו באַזעצן זיך אין פּאַלעסטינע און באַשאַפֿן דאָרטן זייער באַזונדערע, נאַציאָנאַלע, — נאַטירלעך, בורזשואַזע מעלוכע.

צו וואָס פֿריידיקן קאַמף, ווען די אידעאָלאָגיע פֿון קאַמף, פֿון אַקטיוויזם שטויסט די אַרבעטער־מאַסע אָפּ פֿון וועג פֿון קאַמף גראָד קעגן אים, קעגן דעם אידישן בירזשערטום? צו וואָס דער קאַמף מיטן צאַריזם, ווען נאָכן אַראָפּוואַרפֿן דעם צאַריזם וועלן די אידן, ווי פֿריער, בלײַבן ניט קיין באַלעבאַטים אין זייער מעלוכע?

דער סאָציאַליזם האָט, נאַטירלעך אויך מוירע געווען, אַז דאָס פֿאַרניכטן דעם צאַריזם אַליין מיינט נאָך ניט די פֿאַרניכטונג פֿונם נאַציאָנאַלן דרוק, פֿון נאַציאָנאַלן קאַמף. דער סאָציאַליזם האָט אַנטקעגנגעשטעלט דעם ציאָניסטישן אידעאַל ניט די פּאָליטישע פֿרײַהייט, — ער האָט בלויז אונטערגעשטריכט די גאַנצע באַדײַטונג פֿון דער פּאָליטישער פֿרײַהייט, ווי פֿון אַן עטאַפּ אויפֿן וועג צום קאַמף פֿאַרן סאָציאַליזם, צום קאַמף פֿאַרן ענד־אידעאַל, וועלכער דאַרף פֿאַרניכטן סײַ די עקספּלואַטאַציע פֿון איין מענטש מיצאַד דעם אַנדערן, סײַ די מעגלעכקייט פֿון יעדער שאָוויניזם, אין דעם קלאַל אויך, פֿונם אַנטיסעמיטיזם.

דער גאַנצער רעאַקציאָנערער מעהוס פֿון ציאָניזם האָט זיך אין יענער עפּאָכע קאָנצענטרירט אַף דעם, וואָס ער האָט באַרעכטיקט דעם קוויעטיזם, ער האָט באַרעכטיקט דאָס שלעם מאַכן מיטן צאַריזם גראָד אין דעם מאָמענט, ווען די באַוועגונג האָט באַדאַרפֿט איבערגיין פֿון איר ערשטער סטאַדיע, דער ריין־עקאָנאָמישער, צו דער צווייטער סטאַדיע, צו דער סטאַדיע פֿון אויסגעשפּראָכענעם פּאָליטישן רעוואָלוציאָנערן קאַמף, און ס'איז גאָר קיין חידוש ניט, וואָס דער ציאָניזם האָט פֿון אָנהייב אָן געפֿונען שטיצע און אָנערקענונג מיצאַד דעם צאַריזם. געוויס האָט דער צאַריזם ניט געקאָנט שלעם מאַכן מיט קיין שום געזעלשאַפֿטלעכע באַוועגונג, געוויס האָט דער צאַריזם מוירע געהאַט פֿאַר יעדער אַגיטאַציע, אין דעם קלאַל אויך פֿאַר דער ציאָניסטישער אַגיטאַציע. געוויס זײַנען געווען פֿאַלן פֿון איינצלנע אַרעסטן פֿון איינצלנע ציאָניסטן, עס זײַנען געווען צירקולאַרן, אַרויסגעגעבענע פֿון דעם באַרימטן פּלעווע קעגן דער פֿרײַער טעטיקייט פֿון די ציאָניסטן. דאָס אַלץ איז ריכטיק. אָבער אָביעקטיוו איז דער ציאָניזם געווען אַ פֿאַרבינדעטער פֿון צאַריזם. די אָרטיקע מאַכט, באַזונדערס די זשאַנדאַרמעריע, האָט געשעצט די ציאָניסטישע באַוועגונג, ווי אַ מיטל אָפּצואַווענדן די אַרבעטער־באַוועגונג פֿון דער רעוואָלוציאָנערער אידעאָלאָגיע, ווי אַ מיטל אָפּצואַווענדן די אינטעליגענץ פֿון באַטייליקן זיך אין דער אַרבעטער־

באוועגונג. די צוזאמענקונפט פון פלעווע מיט הערצלען אין יאר 1903 האט דעם ציאניזם פאקטיש לעגאליזירט.

(מ. ראפעס, עטיודן... זייט 23—27).

ש. דימאנשטיין

די ציאָניסטן.

די עלטסטע אידישע פארטיי, זיינען די ציאָניסטן. שוין נאפאלעאן האט אין דער צייט פון זיין מארש אף עגיפטן מיט 120 יאר צוריק זיך געווענדעט מיט א רוף צו די אידן, אז זיי זאלן זיך שטעלן אונטער זיין פאן, צוזאגנדיק זיי הילף אין דער דעראָבערונג פון פאלעסטינע. די ערשטע אידישע שרייבער — גאָרדאָן, סמאָלענסקי און אנד. האָבן גערופן די אידן נאָך אין די 70-ער יארן צום ציאָניזם. אין די 80-ער יארן, נאָך די אידישע פאָגראָמען אין דאָרטער רוסלאנד האָט זיך אָנגעהויבן א שטארקע באוועגונג צווישן דער אידישער אינטעליגענץ פארן איבערוואנדערן אין פאלעסטינע. די ערשטע פאלעסטינישע קאָלאָניע איז געגרינדעט געוואָרן נאָך אין 1860 יאר און נאָך די ערשטע פאָגראָמען אין רוסלאנד האט אהין איבערגעוואנדערט א באדייטנדיקע גרופע פיאָנערן פון אידיש-רוסישע סטודענטן.

א פאָליטישע פיזיאָנאָמיע באקומט דער ציאָניזם אף זיין ערשטן קאָנגרעס אין באזעל אין 1897 יאר אונטער דער אָנפירונג פון דאָקטאָר הערצל. אין דער פראָגראם פון די ציאָניסטן, וועלכע איז פארמולירט געוואָרן פון קאָנגרעס ווערט אָנגעוויזן אז דער „ציאָניזם שטרעבט צו שאפן פארן אידישן פאָלק א רעכטלעך-געזיכערטע היים אין פאלעסטינע“. די טעאָרעטישע באגרינדונג פון ציאָניזם איז פאָלגנדע: „קעדיי עקאָנאָמיש געזונט מאכן די אידן איז נויטיק צו שאפן בא זיי א נאָרמאלע עקאָנאָמישע דיפערענציאציע — א קלאס ערד-ארבעטער, א באארבעטנדיקע אינדוסטריע, פארמיטלערישע באשעפטיקונגען און אינטעליגענץ. נאָר דאָס אלעס אין סאכאקל איז ניט אנדערש ווי א נאציאָנאלע ווירטשאפט“ (פאסמאניק, „ציאָניזם“, ז. 1) אין דערמאָזיקן זוכן אן אייגענע נאציאָנאלע ווירטשאפט ליגט דער טאָך פון ציאָניזם, וועלכער מאכט אים טיף רעאקציאָנער. די ציאָניסטן האָבן דערמיט אָנערקענט אז דאָס אידנטום איז אין ערגיץ ניט פארבונדן מיט דער ווירטשאפט פון לאנד וואו עס לעבט, אז עס איז פרעמד צווישן די פעלקער, מיט וועלכע עס לעבט צוזאמען האט ניט קיין שום האָפענונגען אף איבערבייטן זיין לאגע, ווייל דער אנטיסעמיטיזם איז אלגעמיין פאר אלע שיכטן פון דער ניט אידישער באפעלקערונג אז איז אן אייביקע זאך צוליב דער עקאָנאָמישער קאָנקורענץ, קאָלזמאן די אידן וועלן ניט באשאפן קיין אייגענע נאציאָנאלע ווירטשאפט אף אן אייגענער טעריטאָריע. דערפון איז ארויסגעדרונגען, אז פאר די אידישע מאסן האט קיין שום זינען ניט צו נעמען א וועלכן עס איז אָנטייל אין פאָליטישן לעבן פון זייער לאנד, זיי דארפן אוועקוואנדערן יעדן געראנג וועגן קאמף מיט זייערע

באדריקער און זיך פארלאזן בלויז אף דער דיפלאמאטישער קונסט פון זייערע ציאניסטישע פירער, וועלכע וועלן אויסבעטלען בא די שטארקע פון די אומעס האאוילעם א היים פאר די אידן אין פאלעסטינע.

כאראקטעריסטיש, אז די ערגסטע אנטיסעמיטן און שווארצע מייעניקעס פון דעם „פאריין פון רוסישן פאלק" זיינען אויך באשטאנען אפן לייזן די אידישע פראגע דורכן ציאניזם; זיי האבן געפאדערט, אז מען זאל ארויסשיקן די אידן אין פאלעסטינע און ניט איבערלאזן קיינעם פון זיי אין רוסלאנד; דער רעגירונג האט מען רעקאמענדירט מיטהעלפן מיט אלע מיטלען די ציאניסטן דורכפירן ווי אמשנעלסטן זייער פלאן אין לעבן. די אנטיסעמיטן און די ציאניסטן, אלס אנהענגער פון פארקריפלטן נאציאנאליזם, זיינען זיך צונויפגעגאנגען אף איין געדאנק.

עס איז אויפגעקומען א שטרעבונג צו פארוואנדלען די אידישע עמיגראציע אין א נאציאנאלער קאלאניזאציע פון פאלעסטינע. מע דארף באמערקן, אז בא דער אויסגאנגס-לאגע אין וועלכער עס האבן זיך געפונען די אידן אין רוסלאנד, האבן זיי זיך געראטעוועט דעריקער דורך דער עמיגראציע אין די צאפן־אמעריקאנישע פאריייניקטע שטאטן. ביזן 1905 יאר האבן עמיגרירט פון רוסלאנד 1.133000 אידן. דאס איז איין פינפטל פון דעם רוסישן אידנטום. ווען דער ציאניזם זאל ניט זיין קיין רעאקציאנערע אוטאפיע וואלט מען, בא אזא שטראם פון עמיגראציע, וועלכער האט זיך באזונדערס פארשטארקט נאך די פאגראמען פון 1905 יאר, געקענט צונויפשלאגן א באדייטנדיקן אידישן צענטר בלויז רעגולירנדיק די עמיגראציע ריכטנדיק און קאנצענטרירנדיק די איבערוואנדערער אן איין ארט. נאר פאלעסטינע טויג ניט פארן דאזיקן ציל אלס א זייער ארים לאנד אן אן אינדוסטריע, מיט א ניט גרויסן ערד-שעטאך, וועלכער לוינט ניט פאר ערד-ארבעט. בלויז מיט רעשטלעך פון אלטער רעליגיעזקייט קעגן דעם גאנג פון עקאנאמישע פאקטארן קאן מען גאר ניט מאכן. ניט קוקנדיק אף דעם וואס די אידישע בורזשואזיע האט אויסגעגעבן גוואלטיקע קאפיטאלן גייט די אידישע קאלאניזאציע אין פאלעסטינע זייער שווער, אינגאנצן איז דארט פאראן און ערעך 100 טויזנט אידן ניט קוקנדיק אף דער ארבעט אין מעשעך פון פיל צענדליקער יארן און אפילע אף דער שטיצע פון ענגלישן אימפעריאליזם, וועלכער נוצט אויס דעם ציאניזם קעגן די אויפוואכנדיקע אראבער פון פאלעסטינע, וועלכע שטרעבן ארעפצווארפן פון זיך דעם ענגלישן יאך.

ביזן 1902 — 1903 האט דער ציאניזם געהאט א גרויסן דערפאלג בא דעם אידישן בירגערטום און בא דער אינטעליגענץ און דערנאך האבן זיינע דורכפאלן אין פאלעסטינע און דער אקשאנעסדיקער קאמף, — וואס די אידישע סאציאליסטן האבן אנגעהויבן מיט אים, — אפגעשטעלט זיין ווייטערדיקע פארשפרייטונג און ער איז געווארן שוואכער...

(ש. דימאנשטיין—„די רעוואלוציאנערע באוועגונג צווישן אידן" זאמלבוך. 1925 פ. 3 ט. 1. זייט 115—117).

ב. פרומקין

„זובאַטאָוושטינע" אין בונדישן ראיאָן.

... אין יולי 1898 האָבן זובאַטאָווס שפּיאָנען פאַרגענומען דעם ערשטן מאַסן-אַרעסט אין „בונד", און זובאַטאָוו האָט געהאַט די מעגלעכקייט באַקאַנט צו ווערן מיט דער אָרגאַניזאַציע און מיט אירע אָנפירער. די באַקאַנטשאַפט האָט אים געגעבן גענוג מאַטעריאַל, וואָס האָט אים שטאַרק פאַראינטערעסירט. דער „בונד" איז אין יענער צייט געווען די איינציקע רעוואָלוציאָנערע פּאַרטיי אין רוסלאַנד, וועלכער ס'האָט זיך איינגעגעבן, ניט קוקנדיק אַף אַלע שטערונגען, באַשאַפן א פאַרצווייגטע ארבעטער־אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט אַרומגעכאַפּט מערערע שטעט און איז אָנגעפירט געוואָרן פון איין צענטר... די ערשטע באַגעגעניש מיטן „בונד" האָט געקאָנט איבערצייגן זובאַטאָוון, אז ער האָט צו טאָן מיט אן ערנסטער און פעסט־איינגעוואָרצלטער אָרגאַניזאַציע. ס'זיינען אַוועק ניט מער, ווי צוויי כאָדאָשים נאָכן אַרעסט, וועלכער האָט, דוכט זיך, געדאַרפט כאָרעוו מאַכן דעם „בונד", און זובאַטאָוו האָט שוין באַקומען די ידיעה, אז ס'איז פאָרגעקומען דער צווייטער צוזאַמענפאָר...

נאָר וואָס האַרטער דער נוס איז געווען פאַר זובאַטאָווס ציינער, אַלץ מער כיישעק האָט ער געהאַט אים צעקנאַקן, און ווי נאָר ער האָט אַבי־ווי ליקווידירט דעם ערשטן פּראָצעס פון „בונד", האָט ער זיך גענומען צו זיין ווייטערדיקער אַרבעט אין דערזעלבער ריכטונג. פאַר די צוויי יאָר פון 1898 ביז 1900 זיינען אין „בונד" פאָרגעקומען גרויסע ענדערונגען. דער „בונד" האָט איבערגעלעבט אן איבערגאַנגס־צייט, ווען די אַלטע אַגיטאַציאָנס־פאָרמען האָבן פאַרלאָרן זייער באַדייטונג און מ'האָט געזוכט ווי צו באַשאַפן נייע מיט א נייעם אינהאַלט...

אין אזא מאָמענט האָט מען אַף דער אידישער אַרבעטער־גאַס געבראַכט די גוטע בסורע פון זובאַטאָוון, וועלכער האָט פאָרגעשלאָגן די אַרבעטער פריי צו קעמפן פאַר „ברויט און וויסנשאַפט" און זיך ניט פאַרנעמען מיט פּאָליטיק. דאָס איז געווען ווי צוגעפּאַסט צו דער שטימונג פון די אָפּגעשטאַנענע אידישע אַרבעטער, און אויפן דאָזיקן לאָזונג האָבן זיך א וואָרף געטאָן אַלע אומצופרידענע, באַליידיקטע, אַלע די, וועמען די אַנטוויקלונג פון „בונד" האָט אַרויסגעשטופּט פון דער אָרגאַניזאַציע.

צווישן די הונדערטער אַרעסטירטע אין 1900 יאָר זיינען געווען ווייניק אַלטע, אויסגעפּרוּווטע פּאַרטיי־טוער. ווי מיט א קאַוואַנע האָבן זובאַטאָווס אַגענטן געכאַפּט מענטשן פון גאַס און זיי צענדליקערווייז געשיקט קיין מאָסקווע צו זובאַטאָוון אין כיידער. דאָרטן האָט מען זיי אויפגענומען ווי טייערע געסט. שאַנעוויז האָט מיט יעדערן זובאַטאָוו געפירט געשפּרעכן וועגן אַלע פראַגן פון טאָג־לעבן. ניטאָ קיין אויספאָרשונג, ניטאָ קיין פּראָטאָקאָלן, — א פרייע דיסקוסיע צווישן מענטשן מיט פאַרשיידענע וועלט-אָנשויאונגען, וועלכע ווילן „אָרנטלעך" איינער דעם אַנדערן איבערצייגן. די אַרעסטירטע פלעגן קומען צוריק אין טורמע־קאַמער ווי צעמישטע; די נייע אומדערוואַרטע דערשיינונג האָט צעמישט אַלע פאָרשטעלונגען וועגן די זשאַנדאַרמסקע גענג; ס'האָט זיך

געדוכט, אַז אין דער ארבעטער־באוועגונג הויבט זיך טאקע אָן עפּעס א נייע עפּאָכע, ווען אף א געוויסן געביט וועט מען קאָנען ארבעטן צוזאמען מיט דער זעלבסטהערשונג.

ווען די ארעסטירטע פלעגן שוין זיין גוט אויסגעמאטערט פונם לאנגן זיצן אין טורמע, אָן קיין שום באשולדיקונג, ווען זובאטאָוו האָט זיי שוין געהאט גוט באארבעט, פלעגט ער זיי אָפּלאָזן אהיים מיט גוטע ווינטשן און גוטע אייצעס. און צווישן די אידישע ארבעטער, הויפּטזעכלעך אין מינסק, האָבן זיך דערהערט מאָדנע רייד, זיך פאנאנדערגעטראָגן מעשונעדיקע קלאנגען. „לעגאליזירן די אידישע ארבעטער־באוועגונג" — דאָס איז געווען די נייע טוירע, וועלכע האָט ווי א קישעף געקלונגען אין די אויערן פון די ארבעטער־עלעמענטן, וועגן וועלכע איך האָב אויבן געשריבן. זובאטאָווס פאָרשלאג צו לעגאליזירן די עלטסטע און שטארקסטע אידישע ארבעטער־אָרגאניזאציע — דעם בערשטער־בונד, און געבן געלט אף צו דרוקן זייער צייטונג, דעם „וועקער" די קאָרעספּאָנדענץ, וואָס ער האָט וועגן דעם געפירט מיט אן אינטעליגענט, א מיטגליד פון פּארטיי; דער אינטערעס וואָס דער פאָרשלאג האָט ארויסגערופן צווישן א גרופּע אָנגעזעענע בערשטער — דאָס אלץ האָט געמאכט א גרויסן רוישעם אין דער ארבעטער־סוויווע. אין דערזעלבער צייט איז געוואָרן באקאנט, אז איינער פון די גרינדער פון „בונד", ארקאדי קרעמער, האָט באקומען פון זובאטאָוון א דעפּעש מיט אן איינלאדונג צו קומען קיין מאָסקווע. דער מאָטיוו איז געווען — זיך דורכצורייזן וועגן דעם פּראָצעס פון 1898. נאָר פאר אלעמען איז געווען קלאָר, אז ער מיינט עפּעס אנדערש. ס'פארשטייט זיך, אז קרעמער איז צו זובאטאָוון ניט געפאָרן. אָבער זובאטאָווס אָנהענגער האָבן אָנגעהויבן מיט דערפאָלג אקטיוו צו ארבעטן און בויען אין מינסק א נייע אָרגאניזאציע: „די אומאָפּהענגיקע אידישע ארבעטער־פּארטיי"..

דער מאניפעסט פון דער „אומאָפּהענגיקער פּארטיי", ארויסגעגעבן זומער 1901 יאָר, באזירט איבער זובאטאָווס טוירע וועגן דעם, אז קיינער האָט קיין רעכט ניט צו פירן נאָך זיך די אומבאוואוסטזיניקע מאסע צו צילן, וועלכע זי פארשטייט ניט, און אז מ'דארף זיך באגרענעצן מיט עקאָנאָמישע און קולטור־רעלע אָרגאניזאציעס, וועלכע זיינען נויטיק דער מאסע, ווי „לופט און וואסער"...

„די „אומאָפּהענגיקע פּארטיי" האָט געגרינדעט אין מינסק קלובן, אָרגאניזירט לעקציעס, פאריינען, אירע פּארטייזאמלונגען זיינען געווען ניט באהאלטענע, קאָנספּיראטיווע, נאָר אָפענע פאר אלעמען. אין דער הויפּט־דירע פון פאריין אף פּעטראָפּאוולאָווסקער גאס פלעגן זיי ארויסרופן אין צייט פון א שטרייק די באלעבאטים דורך „פּאָוועסטקעס"; זיי האָבן געהאט א דרוקעריי, און זייער ליטעראטור פלעגט זיך אָפן פארשפּרייטן. ווען זיי האָבן אָבער געפּרוּווט בעטן זובאטאָוון, ער זאָל אָפיציעל באשטעטיקן זייער אוסטאוו און זייער טעטיקייט, האָט ער פאָרזיכטיק אזא נארישקייט ניט געטאָן. פאר אים איז גלייכער געווען זיי לאָזן ארבעטן אונטער דער האשגאָכע פון זיינע אגענטן און האָבן שטענדיק די מעגלעכקייט זיך אָפּצושאָקלען פון זיי. ס'האָבן ניט גע־

האָלפן די נעסיעס פון מאגיע ווילבושעוויטש צו זובאטאָוון און צו פּלעווען. די „אומאָפּהענגיקע פּארטיי“ איז געבליבן ניט לעגאליזירט...

וואָס מער ס'האָט זיך מיט דער צייט אַנטדעקט די עמעסע צורע פון דער באוועגונג, אַלץ שאַרפער, פּאַרביסענער איז געוואָרן דער קאַמף, וואָס דער גאַנצער „בונד“ און יעדער אײנצלנער בונדאָווע האָט געפירט קעגן די „אומאָפּהענגיקע“. ווי נאָר די אַרעסטירטע פון 1900 יאָר האָבן אָנגעהויבן קומען צוריק אין מינסק און דערציילן די ניסים — האָט דער צענטראַל־קאָמיטעט גלייך פאַרשפּרייט זייער א שאַרפע פּראָקלאַמאַציע.

די ראַזיקע שאַרפע אַרויסטרעטונג האָט גלייך באַשאַפן אַן אָפּגרונט צווישן די זובאַטאָווצעס און בונדאָווצעס; נאָר די ערשטע צייט פּלעגט מען זיך פונדעסטוועגן באַגעגענען, פירן דיסקוסיעס; אַלע זיינען אין מינסק געווען פאַרקניפּט מיט פערזענלעכע באַציאונגען, וועלכע ס'איז שווער געווען איבערצורייסן. אָבער וואָס ווייטער, איז אַלץ טיפער, פּאַרביסענער געוואָרן די פיינטשאַפט. דאָס אַרבעטער־לעבן אין מינסק האָט זיך פאַרוואַנדלט אין א גענעם. די העכסטע מאַדרייגע האָט דער קאַמף דערגרייכט אין אָנהויב פון 1902, ווען דער מינסקער קאָמיטעט פון „בונד“ האָט זיך געווענדעט „צו אַלע אָרנטלעכע מענטשן“, זיי זאָלן באָיקאָטירן די „אומאָפּהענגיקע“, און האָט דערקלערט, אַז פאַר די מיטגלידער פון דער אָרגאַניזאַציע אין דער באָיקאָט א כויוו...

דערווייל האָט זיך אָנגעהויבן דער אינעווייניקסטער פּראָצעס פון צעפוילונג אין דער „אומאָפּהענגיקער פּאַרטיי“. איבערטראָגן די טעטיקייט אין ווילנע האָט זיך זיי ניט איינגעגעבן. זובאַטאָוו האָט זיי פאַרלאָזן, ווייל פּלעווע האָט אים אויפגעהערט צו שטיצן, און זיין האָפענונג, אַז די „אומאָפּהענגיקע“ וועלן דערשטיקן דעם „בונד“, איז ניט מעקוים געוואָרן...

דער קישינעווער פּאָגראָם, פּלעוועס פּאָליטיק האָט געגעבן דעם לעצטן טויט־קלאַפּ די זובאַטאָווצעס.

אין יולי 1903 יאָר האָבן די זובאַטאָווצעס פאַנאַנדערגעלאָזט זייער אָרגאַניזאַציע. אין זייער לעצטן וואָרט זיינען זיי זיך אין א מאַרעשכוירעדיקן טאָן מוידע, אַז „צו יעדער קלאַסן־באַוועגונג קאָן מען אין די נאָענטסטע יאָרן דערוואַרטן פון דער רעגירונג א פיינטלעכע באַציאונג“, אַז „אין דער צייט פון אַלגעמיינער דערשטיקונג פון יעדן פרייען אָטעם אין אידנטום, טראָגט די לעגאַלע פאָרם פון עפּעס אַן אַרבעטער־באַוועגונג אַריין א שאַרפן און כוצפּעדיקן דיסאָנאַנס“.

„די אַרבעטער־שטימע“ (נומ. 35) האָט אָפּגעדרוקט א קורצן העספּעד, אין וועלכן זי האָט געשריבן, אַז די „אומאָפּהענגיקע“ האָבן ניט געוואַרט ביז די צייט וועט זיי אומפאַרמיידלעך אויסמעקן פון לעבן, און זיינען געשטאָרבן מיט אַן ערן־טויט דורך זעלבסטמאָרד.

(פון ב. פרומקינס זיכרוינעס).

ש. דימאַנשטיין

„בונד" פאַרן צווייטן פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר

די אָרגאַניזאַציע און די אידעאָלאָגיע פון „בונד" האָבן זיך אויסגעבילדעט אין יענעם פעריאָד, ווען דער רוסישער פּראָלעטאַריאַט האָט ערשט אָנגעהויבן ערנסט בויען זיין פּאַרטיי און די אידישע אַרבעטער האָבן שוין געהאַט זייער אָרגאַניזירטן אַוואַנגאַרד. דער ערשטער פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר איז פאָרגעקומען אין ראַיאָן פון „בונד"ס טעטיקייט, אין מינסק, און ער איז געווען צונויפגערופן בא דער סאַמע אַקטיוויסטן אַנטייל פון „בונד", וועלכער האָט אָף אים א דריטל פון אַלע דעלעגאַטן (3 פון 9). בא אַזאַ קויכעס־פאַרהעלטעניש האָט „בונד" געקאָנט אויסרײדן פאַר זיך וועלכע באַדינגונגען ער וואָלט געוואָלט פאַר דער צוזאַמענאַרבעט מיט דער פּאַרטיי, ער איז דעמאָלט געווען לעפּיערעך באַשיידן, באַקומענדיק פונדעסטוועגן א גאַנץ ברייטע אויטאָנאָמיע, וועלכע איז פאַרפעסטיקט געוואָרן דורכן באַשלוס פון ערשטן צוזאַמענפאָר פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי. די גרויסע דורכפאַלן פון די טוער באַלד נאָכן צוזאַמענפאָר האָבן צעשטערט די פּאַרטיי־צענטרען און „בונד" איז געבליבן א פולשטענדיק זעלבשטענדיקע פּאַרטיי. אין דעמדאָזיקן פעריאָד, צווישן דעם 1־טן און 2־טן צוזאַמענפאָרן, בילדן זיך אויס די נעגאַטיווע זייטן פון „בונד", ער הויבט אָן פאַרלירן וואָס עס איז פאַרבליבן בא אים גוטס פון ערשטן פעריאָד אַרבעט, עס קומט פאָר דער איבערגאַנג פון „בונד" פון סאָציאַליזם צום רעוואָלוציאָנערן נאַציאָנאַל־דעמאָקראַטיזם.

די שאָוויניסטישע אידייע פון די אידישע נאַציאָנאַליסטן אַז די אידן זיינען אַן אויסדערוויילט פאָלק, טראָגט דער „בונד" איבער אָף די אידישע אַרבעטער, אַז זיי זיינען, הייסט עס, די בעסטע פּראָלעטאַריער אין דער וועלט און באַהערשן אַלע אייגנשאַפטן וואָס זיינען נויטיק פאַרן שאַפן א באַזונדערע רעוואָלוציאָנערע פּאַרטיי. אויב די אידישע נאַציאָנאַליסטן האָבן גערופן צו דער פולער איזאָלירונג די אידן פון אַנדערע פעלקער האָט דער „בונד" אָפן וואָרט גערופן צום אינטערנאַציאָנאַליזם, ער האָט געגלויבט די רוסישע אַרבעטער, אָבער ... פונדעסטוועגן האָט ער געאייצעט די אידישע אַרבעטער זיך אָרגאַניזירן באַזונדער פון זיי. איך געדענק אַז בא די בונדיסטן האָט זיך גערעכנט פאַר א גרויסער אַווירע קעגן דער פּאַרטיי־דיסציפּלין, אויב איינער פון זיי האָט באַזוכט אונזערע פּאַרטיי־פאַרזאַמלונגען און האָט זיך דאָרט באַגעגנט מיט אַרבעטער פון אַנדערע נאַציאָנאַליטעטן. מער נאָך. די בונדאָווצעס איז אַפילע פאַרבאָטן געווען צו לייענען אומלעגאַלע ליטעראַטור פון אונזערע פּאַרטייען. איך געדענק, אַז ווען איך פלעג געבן באַקאַנטע בונדאָווצעס אונזער ליטעראַטור האָבן זיי מוירע געהאַט אַפילע צו ווייזן זי זייערע כאַווירים, טאָמער וועט זיך וועגן דעם דערוויסן דער אָרגאַניזאַטאָר פון בונדישן קרייזל. אַזוי האָט דער „בונד" אָפּגעהיט זיינע מיטגלידער פון דער „גיפטיקער" ווירקונג פון די „איסקראָווצעס".

דער פאקט וואָס די אידישע ארבעטער זיינען געווען בעסער פון אנדערע אָרגאַניזירט האָט געדינט פאַרן „בונד" ווי באַרעכטיקונג פון זיין עקזיסטענץ אַלס באַזונדערע אָרגאַניזאַציע. ער האָט גערעכנט אַז אין פאַרקערטן פאַל וועלן די ארבעטער פון אנדערע פעלקער פאַלן ווי א שווערער בלאָסט אַף די אידישע ארבעטער, ניט געבנדיק זיי קיין מעגלעכקייט זיך רוקן פאָרויס. עס זיינען געווען אומבאַדייטנדיקע פּרוּוון מיצאַד דעם „בונד" צו אָרגאַניזירן אויך אַנדערע ניט אידישע ארבעטער, נאָר דאָס איז געטאָן געוואָרן אין דער פאָרם פון אַ מין פילאַנטראָפּיע, פון מיטגעפיל דעם קלענערן ברודער, און דאָס האָט זיך בּיקלאַל ניט געבונדן מיט די אַלגעמיינע טענדענצן און מיט דער סטרוקטור פון „בונד"...

די ערשטע פירער פון „בונד" זיינען געווען אינטעליגענטן, פּיאָנערן פון סאָציאַליזם, און ארבעטער, וועלכע זיינען דורך און דורך געווען אָנגעזאַפּט מיט אינטערנאַציאָנאַליזם, האָבן ניט געטראַכט וועגן קיין שום נאַציאָנאַליזם און האָבן מיט א גלייכער איבערגעגעבנקייט געארבעט צווישן די ארבעטער פון יעדער נאַציאָנאַליטעט. דער שפּעטערדיקער פּעריאָד איז שוין פאַרבונדן מיט דער העגעמאָניע פון דער אינטעליגענץ, וועלכע האָט זיך רעוואָלוציאָניזירט, דערי־קער אַף א נאַציאָנאַלן באָדן און פאַר איר זיינען אין צענטר פון אויפמערקזאַמקייט געשטאַנען דעמאָקראַטישע פראַגן און באַזונדערס, די נאַציאָנאַלע פראַגע. זיי זיינען געקומען צו די ארבעטער און האָבן אָנגעהויבן זיי אָנבינדן זייער אידעאָלאָגיע בלויז דערפאַר, וואָס די ארבעטער זיינען געווען א פּאָליטישער פאַקטאָר וועלכער איז פעאיק צו רעוואָלוציאָנערער ארבעט, אַף זיי האָט מען געדאַרפט זיך אָנשפּאַרן. פאַרשטייט זיך, עס איז שווער צו זאָגן צי איז דאָס געווען פאַר פילע א גאַנץ אָביעקטיווע דערשיינונג, נאָר אָביעקטיוו האָבן אַזעלכע פירער ווי קאָסאָווסקי, ליבער, קרעמער און ענלעכע צו זיי האָבן געפירט זייער טעטיקייט ניט אַזוי מיט דער שטרעבונג קומען צום סאָציאַליזם אַפן קורצסטן וועג וויפל מיט דער שטרעבונג אָראָפּצוּוואַרפן די זעלבסטהערשונג, באַקומען פאַר די אידן גלייכבאַרעכטיקונג און ענלעכע דערגרייכונגען פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּראָגראַם־מינימום.

דער קאַמף פון „בונד" מיטן ציאָניזם און מיט זיינע סאָציאַליסטישע אָפּ־צווייגן איז געווען גאַנץ אינטענסיוו: עס איז דערגאַנגען ביז קלעפּ און שלאָ־גערייען אַף די גאַסן. אָבער אין טאָך האָט „בונד" אַן א סאַך אָפּגעטראָטן אונטערן דרוק פון ציאָניזם, אויפגעבנדיק זיינע אינטערנאַציאָנאַליסטישע פּאָ־זיציעס. ער האָט מיט אַלע קרעפטן באַמיט זיך צו דערווייזן, אַז „בונד" איז א נאַציאָנאַלע פּאַרטיי, וועלכע גייט אַרויס פון די אינטערעסן פון אידישן פאָלק און ניט בלויז פון ארבעטער־קלאַס ניט קוקנדיק אַף זיין סאָציאַליסטישער פאָן, און אַז דער נאַציאָנאַליזם לעבט זיך באַ אים גאַנץ גוט איין מיטן סאָציאַליזם.

דער בעשבן פון די פירער פון „בונד" איז פון שטאַנדפּונקט פון שמאָל־פּאַרטייאישער סטראַטעגיע געווען ריכטיק. ער האָט באַדאַרפט קעמפן מיט דער ר.ס.ד.א.פּ. און מיטן ציאָניזם, אָבער די ערשטע איז פאַר אים ניט קיין געפער־

לעבער קאָנקורענט, ווייל זי איז זייער פאַרנומען באַ זיך אין דערהיים (אין איינאָרדענען די אַרבעט צווישן די ניט אידישע אַרבעטער), האָט ניט קיין אַפּאַראַט פאַר אַרבעט צווישן די אידישע אַרבעטער, האָט ניט קיין ליטעראַטור אין דער אידישער שפּראַך, — איז ניטאָ וואָס זיך צו רעכענען מיט איר מיט אַ לייכט האַרץ איז דער „בונד" דעריבער אַוועק פון 2־טן צוזאַמענפאָר פון דער פּאַרטיי און פאַקטיש זיך שוין קיינמאָל ניט אומגעקערט מיט זיינע מאַסן אין דער פּאַרטיי (עס זיינען געווען בלויז פאַרייניקונגען פון אויבן). אַן אַנדער זאַך → די ציאָניסטן. זיי זיינען דאָך געשטאַנען נאָענט צו די אידישע מאַסן, זייענדיק פאַרבונדן מיט זיי, רעדנדיק מיט זיי אַף זייער מוטערשפּראַך, שאַפנדיק אַ גאַנצע ליטעראַטור אין דער העברעאישער און אידישער שפּראַך. דאָ האָט דעם „בונד" געדראָט אַ געפאַר צו פאַרלירן די מאַסן און אָנשטאָט גיבן אַ שלאַכט אַף אַן אינטערנאַציאָנאַלן באָדן, רייסן איבער די בונדאָווצעס לעטוי־וועס דעם נאַציאָנאַליזם די לעצטע אָפיציעלע פאַרבינדונג (פאַקטישע איז שוין זייער אַ שוואַכע) מיט דער פּאַרטיי, שטעלן אַרויס פאָדערונגען, אַז „בונד" דאַרף זיין „דער איינציקער פאָרשטייער פון די אידישע אַרבעטער אין דער פּאַרטיי" און קיין איין אידישער אַרבעטער קאָן ניט זיין קיין פּאַרטיי־מיטגליד ניט אַריינגייענדיק אין „בונד" וועלכער וועט עקזיסטירן אַלס פעדעראַטיווער, טייל האָבנדיק די גאַנצע זעלבשטענדיקייט אין דער פּאַרטיי.

פאַר די פירער פון „בונד" איז געווען מער ווי קלאָר אַז די פּאַרטיי קאָן ניט מסכים זיין מיט זיי, ווייל פעדעראַציע ווידערשפּרעכט די הויפּט־פּרינציפּן פון דער פּאַרטיי, אָבער פאַרן „בונד" איז זי שוין ניט געווען טייער, ער האָט זיך אָריענטירט אַף זיין ניי דעראָבערטער אינטעליגענץ, וועלכע האָט נאַציאָנאַליזם געשטעלט העכער פון סאָציאַליזם. אַלטע בונדישע אַרבעטער זיינען געווען אויפגערודערט און האָבן ניט איינגעשטימט מיטן אַרויסגיין פון פּאַרטיי, אַ טייל איז אַוועק פון „בונד" אין דער פּאַרטיי, נאָר דער גוט אויסגעשטעלטער בונדישער פּאַרטיי־אַפּאַראַט מיט זיין דיסציפּלין האָט באַזיגט די אומצופרידנקייט און אַדאַנק דעם נאַציאָנאַליזם, וואָס איז שוין געווען אָנגעהעפּט אין די אידישע מאַסן, האָבן זיי באַרעכטיקט אָט דעם שפּאַלטונג־טריט פון די לידערס פון „בונד".

(ש. דימאַנשטיין—„די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג צווישן די אידן" זאַמלבוך 1905, ב. 3 ט. 1 ז. 127—130).

מ. פרומקינא (עסטער)

דער אַרויסטריט פון „בונד" פון דער ר. ס. ד. אַ. פּ.

די גרויסע פאַרפאָלגונגען און די רעכטלאָזיקייט האָבן פאַרערגערט די עקאָנאָמישע לאַגע פון די אידישע אַרבעטער־מאַסן אין פאַרגלייך מיט די ניט אידישע און פרי געשטויסן זיי צום קאַמף. די גרויסע צאָל אידישע אינטעליגענטן סאָציאַליסטן, וואָס די רעכטלאָזיקייט האָט זיי מיט געוואַלט געהאַלטן אין

שכום, די שריפטקענעוודיקייט פון א באַדייטנדן טייל אידישע ארבעטער, די היסטאָריש־אויסגעארבעטע פעאיקייט צו אָרגאַניזאַציע — אַדאַנק די טויזנט־יאָריקע פאַרפאָלגונגען, — דאָס אַלץ האָט מיטגעבראַכט, אַז ניט געקוקט אַף דעם קליינאינדוסטריעלן און האַנטווערקערשן כאַראַקטער פון דער פּראָדוקציע. אין וועלכער ס'זיינען געווען פאַרנומען די אידישע ארבעטער, איז די אידישע ארבעטער־באַוועגונג פרי אַנטשטאַנען, איז גיכער אריבער פון קרייזלטום צו מאַסנאַרבעט, און האָט אין די נייַנציקער יאָרן געשפּילט א גרויסע ראָליע אין דער אַלרוסלענדישער ארבעטער־באַוועגונג. די טאָגטעגלעכע נאַציאָנאַלע פאַרפאָלגונגען, באַליידיקונגען, די אומגלייכהייט אַף יעדן שריט און טריט האָבן פרי אויפגעוועקט אין די אידישע ארבעטער די שטרעבונג צום פּאָליטישן קאַמף. דער עקאָנאָמיזם האָט דעריבער אין דער אידישער סוויווע אַנדערש אויסגעזען. א י נ ע װ י נ י ק אין „בונד" איז קיין קוסטאַרעריי און צעברעקלטקייט ניט געווען. ס'איז פון אָנהייב אָן געוואַקסן א פעסטע, צענטראַליזירטע, דיסציפּלינירטע אָרגאַניזאַציע, ס'האָט זיך אויסגעארבעט א גאַנצע ריי ספּעציאַליזירטע פּראָפעסיאָנאַלן. די טעכניק, די קאָנספּיראַציע, דאָס ארויסגעבן און פאַרשפּרייטן ליטעראַטור זיינען געווען אַף דער מעגלעכסטער הויך. אין דערזעלביקער צייט איז שטאַרק און פעסט געווען אויך די פאַרבינדונג מיט די ברייטסטע מאַסן.

אָבער דיזעלביקע באַ זיך אין דער היים צענטראַליזירטע און דיסציפּלינירטע אָרגאַניזאַציע האָט בענוגייע צו דער גאַנצער פּאַרטיי געשפּילט א קוסטאַר־ראָליע און ארויסגערופן די לאָזונגען פון דער מאַקסימאַלסטער דעצענטראַליזאַציע. זי האָט געפאָדערט, אַז די ארבעטער פון יעדער נאַציע, אַלנפאַלס די אידישע, זאָלן פאַקטיש בילדן א באַזונדערע פּאַרטיי, פאַקטיש אַן אומאָפּהענגיקע, ווייל פעדעראַציע האָט באַטייט, אַז די פראַגן, וואָס האָבן א שייכעס צו דער געגעבענער אָרגאַניזאַציע, קאָן מען באַשטימען נאָר מיט איר העסקעם און בעשום אויפן ניט אַנדערש, ווי זי וויל.

און ס'איז ניט געווען קיין צופאַל, וואָס אפן צווייטן צוזאַמענפאָר זיינען די בונדיסטן און עקאָנאָמיסטן געגאַנגען האַנט באַ האַנט און האָבן אונטערשטיצט איינע די אַנדערע. דער אינהאַלט פון דער בונדישער ארבעט איז געווען קוידעמקאָל — עקאָנאָמישער קאַמף, אָרגאַניזאַציע פון שטרייקן.

אויב די בונדישע ארבעט איז געווען „פּאָליטישער" איידער די ארבעט פון די עקאָנאָמיסטן, איז דאָס ניט דערפאַר, וואָס דאָ איז געווען א פּרינציפּיעלער אונטערשייד, נאָר ווייל די געוואַלדיקע נאַציאָנאַלע רעכטלאָזיקייט האָט געשטאָכן באַ יעדן ריר פון די אידישע ארבעטער און האָט זיי סטיכיש רעוואָלוציאָניזירט. דער „עקיזם" פון די בונדישע פירער האָט זיך, ווי מיר האָבן שוין אָנגעוויזן, אַם שאַרפסטן אויסגעדריקט אין דעם ארויסרוקן אפן ערשטן פּלאַן די נאַציאָנאַלע לאַגע און די נאַציאָנאַלע באַדערפענישן פון די אידישע ארבעטער. ס'איז געווען נאַטירלעך, ווען די אידישע ארבעטער־מאַסע איז געווען אזוי צערייצט נאַציאָנאַל דורך די פאַרפאָלגונגען. אָבער די אויפגאַבע פון די רעוואָלוציאָנערע ס.ד. איז געווען ניט נאָכשלעפּן זיך נאָך דידאָזיקע שטימונגען פון די מאַסן, נאָר מיט אַלע קרעפטן זען דערהייבן זיי צום פּ ר א ק ט י ש ן

אינטערנאַציאָנאַליזם, צו פֿאַרבינדונג און דערנעענטערונג מיט די אַרבעטער פֿון די איבעריקע פֿעלקער. די אידישע ס. ד. האָבן וואָס ווייטער, אַלץ מער פֿאַרלאָרן דידאָזיקע ליניע, וואָס ווייטער, אַלץ מער אונטערגעגעבן זיך די שטימונגען פֿון די אָפּגעשטאַנענע מאַסן. זיי האָבן באַשאַפֿן אַ גאַנצע טעאָריע אָפֿן יעסאָד פֿון דידאָזיקע שטימונגען. די אידישע אַרבעטער קאָנען זיך דערשלאָגן נאַציאָנאַלע רעכט נאָר מיט *זייערע אייגענע קויכעס*. אַרויסשטעלנדיק די אַלגעמיינע פֿאָדערונגען פֿון פּראָלעטאַריאַט אין דעם אַנטשלאָסענעם מאָמענט, וועלן די רוסישע אַרבעטער ניט קאָנען מיט אַזאַ ענערגיע איינשטעלן זיך פֿאַר די ספּעציעלע פֿאָדערונגען פֿון אידישן פּראָלעטאַריאַט. דאָס קאָן טאָן נאָר דער אידישער פּראָלעטאַריאַט אַליין. זיין אייגענע אָרגאַניזאַציע דאַרף אַרויסשטעלן זיינע פֿאָדערונגען.

דער ערשטער צוזאַמענפֿאָר פֿון ר.ס.ד.א.פּ. האָט געגעבן דעם „בונד" אויטאָנאָמיע, וועלכע האָט אים געגעבן די מעגלעכקייט צופּאַסן זיין אַגיטאַציע און פּראָפּאַגאַנדע צו די באַזונדערקייטן פֿון דער אידישער סוויווע. ניט לענין און ניט די „איסקרא" ביכלאַל האָבן ניט פֿאָרגעלייגט אָפּצושאַפֿן די אויטאָנאָמיע, ליקווידירן דעם „בונד". אָבער פֿאַרן „בונד" איז די באַזונדער און זעלבשטענדיקע אָרגאַניזאַציע פֿון אידישן פּראָלעטאַריאַט געוואָרן אַ *פּרינציפּ*, און לענין האָט זיך צו דעם פֿאַקט באַציגן גאָר אַנדערש. ער האָט געשריבן:

„צי זאָל מען סאַנקציאָנירן די באַזונדערקייט פֿון „בונד", וועלכע איז היסטאָריש אַרויסגעקומען, אָדער אָפּוואַרפֿן זי פּרינציפּיעל און שטעלן זיך אָפֿן, באַשטימט, אַנטשלאָסן און ערלעך אָפֿן וועג פֿון אַ גרעסערער און גרעסערער, ענגערער און ענגערער דערנעענטערונג און צונויפֿגיסונג מיט דער גאַנצער פּאַרטיי. איינהאַלטן די אָפּגעזונדערטקייט אָדער אַ קער טאָן צו צוזאַמענגיסונג, — דאָס איז די דילעמע.

...„אויב איר ווילט אַ קער טאָן צו צונויפֿגיסונג, וועט איר אָפּוואַרפֿן פֿעדעראַציע און אָננעמען אויטאָנאָמיע. דעמאָלט וועט איר פֿאַרשטיין, אַז אויטאָנאָמיע גאַראַנטירט אַזאַ בעהאַדראָגעדיקייט פֿון פּראָצעס פֿון צוזאַמענגיסונג, באַ וועלכער די איבעראָרגאַניזירונג זאָל פֿאָרקומען מיט אַ מינימאַלער ברעכעניש און דערביי אַזוי, אַז די אידישע אַרבעטער־באַוועגונג זאָל גאָר ניט פֿאַרלירן און אַלץ געווינען פֿון דערדאָזיקער איבעראָרגאַניזירונג און דערדאָזיקער צוזאַמענגיסונג" („מאַקסימום כוצפּע און מינימום לאָגיק).

צוזאַמענגיסונג — דאָס איז געווען דאָס שרעקבילד, מיט וועלכן די פֿירער פֿון „בונד" האָבן געשראָקן די בונדישע מאַסן, צופּאַסנדיק זיך צו זייער אָפּגעשטאַנענקייט; דער אָרגאַניזיר־פּרינציפּ פֿון „בונד" איז געוואָרן אַן אָפּגאָט, צוליב וועלכן מע האָט מאַקריוו געווען אַלץ. דערדאָזיקער אָרגאַניזיר־פּרינציפּ אַנטוויקלט זיך צום פּרינציפּ פֿון פֿעדעראַציע, דאָס הייסט צו אַ טעאָריע פֿון אַ זעלבשטענדיקער פּאָליטישער פּאַרטיי פֿון אידישן פּראָלעטאַריאַט. די טעאָריע בויט זיך אויף אַ טיפֿן אומצוטרוי צום אינטערנאַציאָנאַלן קלאַסן־באַוואוסטזיין, צו דער קלאַסן־סאָלידאַרישקייט פֿונם אַלרוסלענדישן פּראָלע־

טאַריאַט, אין אומצוטרוי צו זייערע קרעפטן. די אידישע אַרבעטער מוזן אָרגאַניזירט זיין באַזונדער פון די „קריסטלעכע". ווען אַ בונדישער אָרגאַניזאַציע קומט אויס (פּאַשעט אין די אינטערעסן אַפילו פונם עקאָנאָמישן קאַמף) צו אַנטוויקלען אַ וועלכע ניט איז אַרבעט צווישן „קריסטלעכע" אַרבעטער, טאָר די אָרגאַניזאַציע בשום אופן ניט ווערן קיין אינטערנאַציאָנאַלע. אידישע אַרבעטער סאָציאַל-דעמאָקראַטן דאַרפן גיין אין „בונד". די אידישע אַרבעטער, וואָס געפינען זיך אין די קריסטלעכע ס. ד. אָרגאַניזאַציעס, דאַרפן באַטראַכט ווערן ווי יעכידים. דעם אידישן פּראָלעטאַריאַט ווי אַ גאַנצן קאָן פאָרשטעלן נאָר דער „בונד" („דער איינציקער פאָרשטייער פון אידישן פּראָלעטאַריאַט„).

נאַטירלעך האָט לענין, האָט די „איסקראַ" בשום אופן ניט געקאָנט אָנערקענען, אַז ס'איז אומנאָרמאַל, וואָס אידישע אַרבעטער גייען ניט האַפּקע אין „בונד", נאָר טרעטן דירעקט אַריין אין אינטערנאַציאָנאַלע ס. ד. אָרגאַניזאַציעס. אַזעלכע אַרבעטער זיינען געווען אַ לעבעדיקער באַווייז, אַז די פאַרפּרעמדטקייט לעבט זיך אויס, אַז אינטערנאַציאָנאַלע ס. ד. אָרגאַניזאַציעס זיינען מעגלעך אויך פאַר אידישע אַרבעטער.

די פאָדערונג פון פעדעראַציע האָט באַטייט: קעגן אַן איינהייטלעכער, צענטראַליזירטער פּאַרטיי מיט אַ פעסטער אייזערנער דיסציפּלין, קעגן אַן עמעסן שטאַב פון דעם רעוואָלוציאָנערן קאַמף. פאַר אַ צעוואָרפענע, צעשאָטענע, פרייע פאַרבינדונג פון באַזונדערע פּאַרטייען, וואָס קעדיי צו טאָן עפּעס צוזאַמען דאַרפן זיי פריער ווי באַזונדערע צדדים דורכקומען צווישן זיך.

מיר האָבן שוין אָנגעוויזן, אַז אין „בונד" גופא האָט געהערשט די גרעסטע צענטראַליזירטקייט, די פעסטע דיסציפּלין. דער אַפּאַראַט פון „בונד" איז אין יענער צייט געווען איבערגעבויט לויט פּרינציפּן, וועלכע זיינען גאַנץ נאָענט געווען צו לעניננס פּלאַן פון „וואָס דאַרף מען טאָן?". עס איז ליקווידירט געוואָרן די „דעמאָקראַטיע" פון יענע צייטן, ווען די אָרגאַניזאַציע איז געווען קימאַט בלויז אַ שטרייק-אָרגאַניזאַציע, די ברייטע וואַלן פון די פּאַכאָווע סכאָדקעס. ס'האָט זיך באַשאַפן אַ שמאָלע פּאָליטישע אָרגאַניזאַציע. די אָרגאַניזאַציע, האָט בכלל באַקומען אַ קלאָרן פּאָליטישן פּנים. די קירצונג פון דער „דעמאָקראַטיע", דאָס אַריבערגיין צו פּאָליטישע פאָרמען האָט אַפילו אַרויסגערופן אַן אָפּאָזיציע אין „בונד". אָבער דורכפירנדיק די צענטראַליזאַציע און פעסטע דיסציפּלין בא זיך אין דער היים, האָט דער „בונד" אויף דער „קריסטלעכער" גאַס אונטערשטיצט די אַלע עלעמענטן, וואָס האָבן ניט געלאָזן אויסבויען אַ דיסציפּלינירטע און צענטראַליזירטע איינהייטלעכע פּאַרטיי, און האָט אין דעם קאַמף פון דער „איסקראַ" אַקעגן די עקאָנאָמיסטן אונטערשטיצט די לעצטע.

אפן וועג צו באַשאַפן אַן איינהייטלעכע צענטראַליזירטע פּאַרטיי איז אַף אַזאַ אופן געשטאַנען אויך דער „בונד", און לענין האָט אין דער „איסקראַ" ניט איינמאָל פאַרנומען זיך מיט אים.

דער „בונד" באַשולדיקט די „איסקראַ", אַז זי פירט קלויםערשט ניט קיין קאַמף אַקעגן אַנטיסעמיטיזם. די בונדישע „אַרבעטער-שטימע" שרייבט: „הא-

גאָם דער קאַמף אַקעגן אַנטיסעמיטיזם איז פריער פאַר אַלץ די אויפגאַבע פון די קריסטלעכע (!?) סאָציאַליסטישע פאַרטייען, אָבער אַפילע אין דעם פּראַט (אונטערגעשטראָכן אין אָריגינאַל) טאָרן די אידישע אַרבעטער זיך אַף קיינעם ניט פאַרלאָזן. דער אידישער פּראָלעטאַריאַט דאַרף נעמען דעם קאַמף אַקעגן אַנטיסעמיטיזם אין זיינע אייגענע הענט" *).

לענין ענטפערט אַף דעם אַזוי:

„ווען דער רעוואָלוציאָנערער ווידערשטאַנד אַקעגן די אַנטיסעמיטישע פּאָגראָם־מאַכער וואָלט ווערן די אַרבעט נאָר פון די אידן־סאָציאַליסטן, איז ווי געלונגען ער וואָלט ניט זיין, וואָלט ער נאָר פאַרשאַרפט די קעגנזייטיקע באַציאונגען צווישן דער פינסטערער רוסישער און אידישער באַפעלקערונג. פאַרקערט, ווען אַקעגן די פּאָגראָם־מאַכער וואָלטן אַרויסגעטראָטן די פאַרייניקטע רוסישע און אידישע פּראָלעטאַריער, וואָלטן די „אומאָרדענונגען" באַלד אַריבערגעגאַנגען אַף אַן אַנדער באָדן, אַף אַ פּאָליטישן. און קעדיי דאָס זאָל ווערן מעגלעך אין אַלע פאַלן, ווען דאָס איז נויטיק, דאַרפן די סאָציאַל־דעמאָקראַטן אידן מיט אַלע מיטלען (אַסאַך מער, איידער זיי האָבן דאָס ביז איצט געטאָן) אַרבעטן פאַר יענער „אַלגעמיין־רוסישער זאַך", וואָס ווי מע דערמאָנט זי, פאַלן אייניקע „פּאַטריאָטן" פון דער אייגענער „פירמע" אַריין אין אַ היסטעריק.

„אַרבעטן פאַר דער אַלגעמיין־רוסישער זאַך, הייסט ניט אָפּזאָגן זיך פון דער אַרבעט פון אַנטוויקלען דעם קלאַסנבאַוואוסטזיין פון די אידישע פּראָלעטאַריער פון „טכום". פאַר דער „אַלגעמיין־רוסישער זאַך" איז די דאָזיקע לעצטע אַרבעט ניט אָן אַ ווערט. און קיינמאָל האָבן די רוסישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן ניט פאַרגעלייגט די בונדיסטן, זיי זאָלן זי וואַרפן. אַרבעטן פאַר דער „אַלגעמיין־רוסישער זאַך" — הייסט נאָר אומעטום און שטענדיק העלפן דורכפירן אין לעבן יענעם „אַלגעמיין־רוסישן **) שטאַנדפּונקט", וועלכער איז דער שטאַנדפּונקט פון דער אַלוועלטלעכער פּראָלעטאַרישער באַוועגונג... „אַרבעטן פאַר דער „אַלגעמיין־רוסישער זאַך" הייסט אַוועקוואַרפן דעם מעשונעדיקן און רעאַקציאָנערן שטאַנדפּונקט פון אַ „זעלבשטענדיקער נאַציאָנאַלער אַרבעטער־פּאַרטיי", וועלכע צעשיידט דעם פּראָלעטאַריער־איד פונם פּאָליאַק און פונם רוס, וועלכע באַשאַפט אַ קינסטלעכן אַנטאַגאָניזם צווישן אַזעלכע טוער פון דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע, וואָס זיינען פאַרבונדן דורך דער אייניקייט פון דעם ענדציל און פון די נאָענטסטע קלאַסן־אויפגאַבן. אַרבעטן פאַר דער אַלגעמיין־רוסישער זאַך אין דער ענגסטער צוזאַמענגיסונג מיטן רוסישן פּראָלעטאַריאַט באַטייט פאַרן אידישן פּראָלעטאַריאַט — אָפּן וויתקזאַמסטן אויפן שמידן דאָס גע־

*) איבערגעזעצט פונם רוסישן טעקסט אַף אידיש. ע—ר.

**) די בונדיסטן פלעגן שטענדיק ריידן וועגן „שטאַנדפּונקט פון אידישן פּראָלעטאַריאַט". זיי האָבן, צום ביישפּיל, אויפגעהאַרפן דער פּוילישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי (אויך אַ נאַציאָנאַליסטישע), אַז זי לייזט די אידישע פּראַגע „ניט פון שטאַנדפּונקט פון אידישן פּראָלעטאַריאַט, נאָר פון איר פּוילישן שטאַנדפּונקט". ע—ר.

ווער, וואָס וועט ענדגילטיק צעברעכן דעם יאָך, וועלכער דריקט די רוסישע אידן („מאָביליזאַציע פון די רעאַקציאָנערע קויכעס און אונזערע אויפגאַבן“).

איצט זיינען דידאַקטיזע געדאַנקען אַן אַלעמביים אפילע פאַר דעם אָפּגעשטאַנענסטן אידישן אַרבעטער אין האַנטפאַרבאַנד. אָבער יאָרנלאַנג האָבן די פירער פון „בונד“ איינגערעדט די אידישע מאַסן, אַז די „איסקריסטן“ ווילן ניט אָנערקענען די אינטערעסן פון די אידישע אַרבעטער.

אַ באַזונדערע סאָקאָנע פאַר די אינטערעסן פון אידישן פּראָלעטאַריאַט האָבן די בונדיסטן געזעען דערין, וואָס לענין האָט זיך געהאַלטן בא דער מיינונג, אַז אידן זיינען ניט קיין נאַציע, און אַז אין באַפרייטן רוסלאַנד וועלן זיי זיך מוזן אַסימילירן און אַז מע דאַרף האַלטן דעם קורס אויף אַזאַ אַסימילאַציע. מע האָט יאָרנלאַנג געשראָקן די אידישע מאַסן מיט די איסקריסטישע „אַסימילאַטאָרן“.

ס'איז געקומען דער מאָמענט, ווען דער „איסקריזם“, דאָס הייסט באָלשעוויזם-לעניניזם, האָט געבראַכט דעם רוסלענדישן אַרבעטער-קלאַס צום ניצחון איבער דער בורזשואַזיע. דער „קריסטלעכער“ פּראָלעטאַריאַט צוזאַמען מיטן אידישן איז געקומען צו דער מאַכט און האָט געעפנט אַ ברייטן און פרייען וועג פאַר דער קולטורעלער שאַפונג און אַנטוויקלונג פון אַלע נאַציעס און אויך פון די אידן.

איצט זעט שוין יעדער אידישער אַרבעטער פון האַנטפאַרבאַנד, אפילע אַן אָפּגעשטאַנענער, וועלכער וועג האָט בעסער באַוואָרנט זיינע נאַציאָנאַלע באַדערפענישן — דער וועג פון פאַרטיידיקן די „אידייע פון דער אידישער נאַציע“, פון קעמפן פאַר נאַציאָנאַל-קולטורעלער אויטאָנאָמיע, דער וועג פון „בונד“ אָדער דער „אַסימילאַטאָרישער“ איסקריזם-לעניניזם.

* *
*

אויף אַזאַ אויפן האָט דער „בונד“ אפן צווייטן צוזאַמענפאָר פאַרנומען אַ פּאָזיציע האַרט נעבן די עקאָנאָמיסטן און האָט אין יענע פראַגן, וואו די „איסקריסטן“ אליין האָבן זיך געשפּאַלטן, אונטערשטיצט די צוקונפטיקע מענשעוויקעס. מאַרטאָווס רעדאַקציע פון ערשטן פונקט פון סטאַטוט איז דורכגעגאַנגען מיט דער הילף פון די בונדיסטן און עקאָנאָמיסטן. לענינס ניצחון אין דער פראַגע וועגן דעם צענטראַלן אָרגאַן איז געוואָרן מעגלעך אַדאַנק דעם אַוועקגיין פון די בונדיסטן און עקאָנאָמיסטן.

אָבער אין דער פראַגע וועגן די פאָדערונגען פון „בונד“ זיינען די קומענדיקע באָלשעוויקעס און די קומענדיקע מענשעוויקעס געווען אייניק. זעענדיק פון פריער, אַז די פאָדערונג פון פעדעראַציע וועט זיכער דורכפאַלן, האָבן די בונדיסטן אריינגעטראָגן אַ צווייטן פאָרשלאַג, אַ סטאַטוט-מינימום, וואו די פאָדערונג פון פעדעראַציע האָט זיך פאָרמעל ניט געפונען. אָבער אויך דעם דאָזיקן „מינימום“ האָט דער צוזאַמענפאָר אָפּגעוואָרפן, און דעמאָלט האָט די דעלעגאַציע פון „בונד“ געמאַכט יענעם פאַטאַלן טראָט, וועלכער האָט אויף יאָרן

באפעסטיקט די אפגעזונדערטקייט פון אידישן פראלעטאריאט און האט געעפנט א פינסטערן בלאט אין דער געשיכטע פון דער אידישער ארבעטער־באוועגונג. די רעוואלוציע האט געמאלדן, אז דער „בונד" גייט ארויס פון דער רסדא"פ.

מע האט געדארפט פארענטפערן אזא טראט אין די אויגן פון די אידישע באוואוסטזיניקע ארבעטער. מע האט געדארפט פארשלעפערן די ספייקעס, וואס האבן זיך געמוזט אויפהויבן (און האבן טאקע אויפגעהויבן זיך) צווישן אזעלכע ארבעטער, וועלכע זיינען אזוי אדער אנדערש פארט דערצויגן געווארן אפן „קאמוניסטישן מאניפעסט". און ס'הויבט זיך אן א קאמף פארן ארגאניזאציע־פרינציפ פון „בונד", א קאמף אקעגן די „איסקריסטן", און וואס ווייטער, באקומט די בונדישע ארבעט אלץ א מער אויסגעשפראכענעם נאציאנאליסטישן כאראקטער.

(עסטער „לענין און זיין ארבעט", ז. 71—77).

ג. לענין

צי דארף דער אידישער פראלעטאריאט א „זעלבשטענדיקע" פאליטישע פארטיי?

אין נומער 105 פון די „לעצטע פאסירונגען" (פון 28/15 יאנואר 1903־טן יאר, וועלכע ווערן ארויסגעגעבן דורכן „אויסלענדישן קאמיטעט פונם אלגעמיינעם אידישן ארבעטער־בונד אין ליטע, פוילן און רוסלאנד", אינם ארטיקעלע „וועגן איין פראקלאמאציע" (געמיינט דער פראקלאמאציע פונם קאטערינאסלאווער קאמיטעט פון דער רוסל. סאצ.־דעמ.אר.־פארטיי) געפינען מיר פאלגנדיקע באהויפטונג, וועלכע איז פונקט אזוי וואונדערלעך, ווי וויכטיק און בעמעס „מעאובערעס" מיט גרויסע רעזולטאטן": „דער אידישער פראלעטאריאט האט זיך אויסגעבילדעט (sic!) אין א זעלבשטענדיקער (sic!) פאליטישער פארטיי „בונד".

מיר האבן דאס ביז איצט ניט געוואוסט. דאס איז א נייס.

ביז איצט איז דער „בונד" געווען א באשטאנד־טייל פון דער רוסל. סאצ. דעמ. ארב. פארטיי און נאך (נאך!) אינם נומ. 106 פון די „לעצטע פאסירונגען" באגעגענען מיר די מעלדונג פונם צענטראל־קאמיטעט פונם „בונד" מיט אן אונטער־קעפל אף דערהאזיקער מעלדונג: „רוסלענדישע סאציאל. דעמ. ארב.־פארטיי". עמעס, דער „בונד" האט באשטימט אף זיין לעצטן, פערטן צוזאמענפאר צו ענדערן זיין נאמען (און אן אויסרייד וועגן דעם וואונש אויסצוהערן די מיינונג פון די רוסישע כאווירים איבער דער פראגע וועגן דעם נאמען פון דעם אדער יענעם טייל פון דער רוסל. סאצ.־דעמ. ארב.־פארטיי) און „דורכצופירן" נייע פעדעראטיווע באציאונגען אינם סטאטוט פון דער רוסל. פארטיי. דער אויסלענדישער קאמיטעט פון „בונד" האט שוין טאקע אפילע „דורכגעפירט" דיזאזיקע באציאונגען, אויב מע קאן אנרופן מיטן דאזיקן

נאָמען זיין ארויסגיין פונם אויסלענדישן פארבאנד פון רוסישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן און דאָס שליסן א פעדעראַטיוון אָפּמאַך מיטן ראַזיקן פאַרבאַנד.

אָבער דער „בונד" גופא האָט, בעאייס „איסקרא" האָט פּאָלעמיזירט מיט די באַשלוסן פון זיין פערטן צוזאַמענפאָר, גאַנץ באַשטימט געמעלדעט, אַז ער האָט בעדייע בלויז דורכצופירן אין דער ר.ס.ד.א.פּ. זיינע וואונשן און באַשלוסן, דאָס הייסט ער האָט אָפן און קאַטעגאָריש אָנערקענט, אַז ער פאַרבלייבט א טייל פון דער ר.ס.ד.א.פּ., ביז די ראַזיקע פּאַרטיי וועט ניט אָננעמען דעם נייעם סטאַטוט, ביז זי וועט ניט אויסאַרבעטן קיין נייע פאָרמען פון באַציאונגען צום „בונד".

און מיטאַמאָל ווייזט זיך איצט ארויס, אַז דער אידישער פּראָלעטאַריאַט האָט זיך שוין אויסגעבילדעט אין א זעלבשטענדיקער פּאָליטישער פּאַרטיי! מיר כאַזערן נאָכאַמאָל איבער: דאָס איז א נייס.

פּונקט אזא נייס איז דער בייזער און ניט קלוגער אָנפאַל פונם אויסלענדישן קאָמיטעט פון „בונד" אפן קאַטערינאָסלאַווער קאָמיטעט. מיר האָבן, ענדלעך, באַקומען (האַגאַם, צום באַדויערן, מיט א גרויסער פאַרשפּעטיקונג) די ראַזיקע פּראָקלאַמאַציע און מיר זאָגן, ניט וואַקלענדיק זיך, אַז דער אָנפאַל אויף אַזאַ פּראָקלאַמאַציע שטעלט פאָר מיט זיך, בליסאָפעק, א גרויסן פּאָליטישן שריט מיצאַד דעם „בונד"*). דערהאַזיקער שריט געפינט זיך אין פולן העסקעם מיטן דערקלערן דעם „בונד" פאַר א זעלבשטענדיקער פּאַרטיי און באַלויכט, פון זיין זייט, מיט א העלן ליכט די פיזיאָנאָמיע און די האַנדלונגס־אַרט פון דערהאַזיקער נייער פּאַרטיי.

צום באַדויערן, איז דער מאַנגל אין אָרט שטערט אונז איבערצודרוקן אינגאַנצן די קאַטערינאָסלאַווער פּראָקלאַמאַציע (זי וואָלט פאַרנומען קאַרעוו צוויי שפּאַלטן פון „איסקרא"**), און מיר וועלן זיך באַגרעניצן מיט דער באַמערקונג, אַז די ראַזיקע אויסגעצייכנטע פּראָקלאַמאַציע דערקלערט אויסגעצייכנט די אידישע אַרבעטער פון דער שטאָט קאַטערינאָסלאַוו (מיר וועלן באַלד דערקלערן, פאַרוואָס מיר שטרייכן אונטער די ראַזיקע ווערטער) די סאָצ. דעמ. באַציאונג צום ציאָניזם און אַנטיסעמיטיזם. דערביי באַציט זיך די פּראָקלאַמאַציע אויף אַזוי פיל זאָרגפול, כאַווריש־זאָרגפול צו די געפילן, שטימונגען און וואונטשן פון די אידישע אַרבעטער, אַז זי רעדט ספּעציעל אוים און שטרייכט אונטער די נויטיקייט צו קעמפן אונטער דער פאָן פון דער ר.ס.ד.א.פּ. „אַפילע קעדיי איינצוהאַלטן און ווייטער צו אַנטוויקלען אייער (די פּראָקלאַמאַציע ווענדעט זיך צו די אידן — אַרבעטער) נאַציאָנאַלע קולטור", „אַפילע צוליב ריין־נאַציאָנאַלע אינטערעסן" (אונטערגעשטראָכן און אויסגעזעצט אויף שפּאַצן אין דער פּראָקלאַמאַציע גופע).

*) אויב, פאַרשטייט זיך, דער אויסלענדישער קאָמיטעט פון „בונד" דריקט אויס אין דערראַזיקער פראגע די אנשויאונגען פון „בונד" אלס א גאַנצן.

**) מיר האָבן בעדייע איבערצודרוקן אינגאַנצן דיראַזיקע פּראָקלאַמאַציע און דעם אָנפאַל אויף איר פונם אויסל. קאָמ. פון „בונד" אין א בראָשור, וועלכע מיר גרייטן צו צום דרוק.

און פונדעסטוועגן איז דער אויסלענדישער קאמיטעט פון „בונד" (מיר האבן שיר ניט געזאגט: דער צ"ק פון דער נייער פארטיי) אנגעפאלן אף דערהאזיקער פראקלאמאציע דערפאר, וואס זי האט קיין איין ווארט ניט דערמאנט וועגן דעם „בונד". אט דאס איז איר איינציקער פארברעכן, א שרעקלעכער, וואס מע קאן איט ניט מויכל זיין. אט פארוואס דער קאטעגינאסלאווער קאמיטעט ווערט באשולדיקט, אז אים פעלט „פאליטישער זינען". די קאטערינאסלאווער באוויירים ווערן געשטראפט דערפאר, וואס זיי האבן נאך אלץ ניט איבערגעקאכט דעם געדאנק וועגן דער נייטיקייט פון א באזונדערער ארגאניזאציע (א טיפער און וויכטיקער געדאנק!) פון די קויכעס (!!) פונם אידישן פראלעטאריאט", דערפאר, וואס „זיי טראגן זיך נאך אלץ ארום מיטן אומזיניקן טרוים ווי ס'ניט איז פאטער צו ווערן פון אים (פונם „בונד"), וואס זיי פארשפרייטן „ניט קיין ווינציקער שעדלעכע (ווי ציאניסטישע) באבע מאיסעס" וועגן דעם צוזאמענבונד פונם אנטיסעמיטיזם מיט די בורזשואזע, און ניט מיט די ארבעטערשע שיכטן און מיט די אינטערעסן פון דיזאזיקע שיכטן. אט פארוואס מען אייצעט דעם קאטערינאסלאווער קאמיטעט „אוועקצוווארפן די שעדלעכע געוואוינהייט צו פארשווייגן די זעלבסשטענדיקע אידישע ארבעטער-באוועגונג" און „מאכן שאלעם מיטן פאקט פון דער עקזיסטענץ פונם „בונד".

איצט פרעגט זיך: צי איז דא ווירקלעך פאראן א פארברעכן מיצאד דעם קאטערינאסלאווער קאמיטעט? צי האט ער ווירקלעך אומבאדינגט געדארפט דערמאנען וועגן דעם „בונד"? אף דיזאזיקע פראגן קאן זיין בלויז א נעגאטיווער ענטפער שוין צוליב דער איינפאכער סיבע, וואס די פראקלאמאציע ווענדעט זיך ניט צו די „אידן — ארבעטער" ביכלאל (ווי עס באצייכנט זי אבסאלוט ניט ריכטיק דער אויסל. קאמ. פון „בונד", נאר צו די אידישע ארבעטער פון דער שטאט קאטערינסלאוו" (דער אויסל. קאמ. פון „בונד" האט פארגעסן צו ציטירן די צוויי לעצטע ווערטער!) אין קאטערינאסלאוו איז ניט פאראן קיין שום בונדישע ארגאניזאציע (און בכלאל איז בענוגייע צו דארעם-רוסלאנד האט דער פערטער צוזאמענפאר פון „בונד" באשטימט ניט איינצוארדענען קיין באזונדערע קאמיטעטן פון „בונד" אין יענע שטעט, וואו די אידישע ארגאניזאציעס גייען אריין אין באשטאנד פון די פארטיי-קאמיטעטן, און וואו זייערע נויטן קאנען פולקום באפרידיקט ווערן, ניט אויסטיילנדליק זיך פון דיזאזיקע קאמיטעטן). וויבאלד די אידן — ארבעטער זיינען ניט ארגאניזירט אין קאטערינאסלאוו אין א באזונדערן קאמיטעט, איז, הייסט עס, אז מיט זייער באוועגונג (אומטיילבאר מיט דער גאנצער ארבעטער-באוועגונג פון דער געגעבענער געגנט) פירט אן אינגאנצן דער קאטערינאסלאווער קאמיטעט, דורך וועלכן זיי ווערן דירעקט אונטערגעארדנט אונטער דער ר.ס.ד.א.פ. וועלכע דארף זיי רופן צו ארבעטן אף דער גאנצער פארטיי, און ניט אף אירע איינצלנע טיילן. קלאר, אז בא אזעלכע באדינגונגען איז דער קאטערינאסלאווער קאמיטעט ניט נאר ניט געווען מעכויעוו צו דערמאנען וועגן דעם „בונד", נאר, פארקערט, אויב אים, וואלט איינגעפאלן צו פרידיקן „די נויטיקייט פון א באזונדערער ארגא-

ניזאַציע פאַר די קויכעס (דאָס וואָלט ריכטיקער און ווארשיינלעך געווען אַן אָרגאַניזאַציע פון אָנמאַכט *) פונם אידישן פּראָלעטאַריאַט" (וואָס דאָס ווילן די בונדיסטן), וואָלט עס, פון זיין זייט, געווען דער גרעסטער פעלער און ער וואָלט פאַשעט אויוועך געווען ניט נאָר אַף דעם סטאַטוט פון דער פאַרטיי, נאָר אויך אַף די אינטערעסן פון דער איינהייט פונם פּראָלעטאַרישן קלאַסן-קאַמף.

ווייטער. דער קאַטערינאָסלאַווער קאָמיטעט ווערט באַשולדיקט אין ניט גענוגנדיקער „אָריענטירטקייט" אין דער פראַגע וועגן אַנטיסעמיטיזם. דער אויסל. קאָמ. פון „בונד" אַנטפּלעקט, בעעמעס, א קינדערשע אָנשויאונג אַף גרויסע סאָציאַלע באַוועגונגען. דער קאַטערינאָסלאַווער קאָמיטעט רעדט וועגן דער אינטערנאַציאָנאַלער אַנטיסעמיטישער באַוועגונג פון די לעצטע יאָרצענדליקער און באַמערקט, אַז „פון דייטשלאַנד האָט די ראַזיקע באַוועגונג איבערגעוואַנדערט אין אַנדערע לענדער און האָט אומעטום געפונען אָנהענגער דאַפקע צווישן די בורזשואַזע, און ניט צווישן די אַרבעטערשע שיכטן פון דער באַפעלקערונג". „דאָס איז ניט קיין ווינציקער שעדלעכע באָבע-מאַיסע" (אַיידער די ציאָניסטישע מאַיסעס), — שיסט אויס שטאַרק בייז דער אויסל. קאָמ. פון „בונד". דער אַנטיסעמיטיזם „האָט זיך איינגעוואָרצלט אין דער אַרבעטער-מאַסע". אַלס באַווייז פון דעם ברענגט דער „אָריענטירטער" „בונד" צוויי פאַקטן: 1) דעם אָנטייל פון אַרבעטער אין טשענסטאָכאָווער פּאָגראָם און 2) די האַנדלונג פון 12 (צוועלף!) אַרבעטער — קריסטן פון זשיטאָמיר, וועלכע האָבן פאַרנומען די ערטער פון שטרייקער און האָבן געדראָט „אויסצוקוילענע אַלע זשידעס". — ווירקלעך, וואָגיקע באַווייזן, באַוונדערט דער לעצטער! די רעדאַקציע פון די „לעצטע פּאָסירונגען" איז אַזוי צוגעוואוינט צו אָפּערירן מיט גרויסע שטרייקן פון 5 אָדער 10 מאַן, אַז די האַנדלונג פון 12 פינסטערע אַרבעטער פון זשיטאָמיר ווערט אַרויסגעשלעפּט אַף אָפּצושאַצן דעם צוזאַמענבונד פונם אינטערנאַציאָנאַלן אַנטיסעמיטיזם מיט די אַרער אַנדערע „שיכטן פון דער באַפעלקערונג". דאָס איז בעעמעס, אויסגעצייכנט! אויב די בונדיסטן וואָלטן, אַנשטאָט זייער ניט קלוגן און לעכערלעכן קאַמף קעגן דעם קאַטערינאָסלאַווער קאָמיטעט, עטוואָס א טראַכט געטאָן איבער דער ראַזיקער פראַגע און וואָלטן א קוק געטאָן אין קאַוטסקיס בראָשור וועגן דער סאָציאַלער רעוואָלוציע, וועלכע זיי האָבן מיט א קורצער צייט צוריק אַרויסגעגעבן אין זשאַרגאָן *), וואָלטן זיי פאַרשטאַנען דעם בליסאָפּעקדיקן צוזאַמענבונד

*) גראָד אַזאַ זאַך פון „אָנמאַכט-אָרגאַניזאַציע" דינט דער „בונד", בעווייס ער באַנוצט, לעמאָשל, דעם אויסדריק: אונזערע כאַווירים פון די „קריסטלעכע אַרבעטער-אָרגאַניזאַציעס". דאָס איז פּונקט אַזוי ווילד, ווי דער גאַנצער אַרויסטריט קעגן דעם קאַטערינאָסלאַווער קאָמיטעט. מיר ווייסן ניט קיינע שום „קריסטלעכע" אַרבעטער-אָרגאַניזאַציעס. די אָרגאַניזאַציעס, וועלכע געהערן צו דער ר. ס. ד. א. פ., האָבן קיינמאָל ניט געמאַכט קיין אונטערשייד צווישן זייערע מיטגלידער לויט זייער רעליגיע, האָבן זיי קיינמאָל ניט געפרעגט וועגן זייער רעליגיע און וועלן דאָס קיינמאָל ניט טאָן, — אַפילע אויך דעמאָלט, ווען דער „בונד" וועט זיך אין דער ווירקלעכקייט „אויסבילדן אין א זעלבשטענדיקער פּאָליטישער פּאַרטיי".

**) אין יענע צייטן האָט מען די אידישע שפּראַך אָנגערופן „זשאַרגאָן". איבערז.

פונם אנטיסעמיטיזם מיט די אינטערעסן האפקע פון די בורזשואזע, און ניט פון די ארבעטערשע שיכטן פון דער באפעלקערונג. אויב זיי וואלטן נאר עטוואס א טראכט געטאן, וואלטן זיי געקאנט באנעמען אויך דאס, אז דער געזעלשאפטלעכער כאראקטער פונם איצטיקן אנטיסעמיטיזם ענדערט זיך ניט פונם פאקט, וואס אין דעם אדער יענעם פאגראם נעמען אן אנטייל ניט נאר צענדליקער, נאר אויך הונדערטער ניט ארגאניזירטע און אף קיין צענטל נאך אבסאלוט פינסטערע ארבעטער.

דער קאטערינאסלאווער קאמיטעט איז ארויסגעטראטן (און געזעצליך ארויסגעטראטן) קעגן דער באבעמאיסע פון די ציאניסטן וועגן דער אייביקייט פונם אנטיסעמיטיזם. און דער „בונד“ האט מיט זיין בייזער אויסבעסערונג בלויז פארפלאנטערט די פראגע און האט פארשפרייט צווישן די אידישע ארבעטער אידייען, וועלכע פירן צום פארטונקלען זייער קלאסן־באוואוסטזיין.

פונם שטאנדפונקט פונם קאמף פונם גאנצן ארבעטער־קלאס פון רוסלאנד פאר פאליטישער פרייהייט און פארן סאציאליזם איז דער ארויסטריט פונם „בונד“ קעגן דעם קאטערינאסלאווער קאמיטעט אין דער גרעסטער מאס ניט קלוג. פונם שטאנדפונקט פון א „זעלבשטענדיקער פאליטישער פארטיי“ פונם „בונד“ ווערט דערדאזיקער ארויסטריט פארשטענדלעך: דערוועגט זיך ניט אין ערגעץ ניט צו ארגאניזירן די „אידישע“ ארבעטער אינאיינעם און אומיטלבאר מיט די “קריסטלעכע“! דערוועגט זיך ניט צו ווענדן זיך אין נאמען פון דער ר.ס.ד.א.פ. אדער פון אירע קאמיטעטן צו די אידישע ארבעטער דירעקט, „אויבער דער ארדענונג“, ניט דורך דער פארמיטלונג פונם „בונד“, ניט דערמאנענדיק וועגן דעם „בונד“!

און דערדאזיקער, טיף־טרויעריקער פאקט איז דאך ניט קיין צופעליקייט. וויבאלד אנשטאט אווטאנאמיע אין די איניאנים, וועלכע זיינען נויטיע דעם אידישן פראלעטאריאט, האט איר ארויסגעשטעלט די פאדערונג פון א „פעדעראציע“, — איז אייך אויסגעקומען צו דערקלערן דעם „בונד“ פאר א „זעלבשטענדיקער פאליטישער פארטיי“, קעדיי צו האבן די מעגלעכקייט, ניט אנדערש, דורכצופירן דידאזיקע פעדעראציע. אבער דערקלערן דעם „בונד“ פאר א זעלבשטענדיקער פארטיי הייסט טאקע דערפירן ביז אן אבסורד דעם גרונט־פעלער אין דער נאציאנאלער פראגע, און דאס וועט אומבאדינגט און אומפארמיידלעך דינען אלס אן אויסגאנגס־פונקט פאר א קער אין די אנשויאונגען פונם אידישן פראלעטאריאט און פון די אידישע סאציאל־דעמאקראטן ביכלאל. די „אווטאנאמיע“ פונם סטאטוט פון 1898־טן יאר זיכערט דער אידישער ארבעטער־באוועגונג אלץ, אין וואס זי קאן זיך נויטיקן: פראפאגאנדע און אגיטאציע אין זשארגאן, ליטעראטור און צוזאמענפארן, ארויסשטעלונג פון באזונדערע פאדערונגען אלס אנטוויקלונג פון איין געמיינזאמער סאצ. דעמ. פראגראם און באפרידיקונג פון די ארטיקע נויטן און נאך פראגן, וועלכע דרינגען ארויס פון די באזונדערקייטן פונם אידישן שטייגער. אין אלעם איבעריקן איז נויטיק א פולע און ענגסטע צוזאמענגיסונג מיטן רוסישן פראלעטאריאט, נויטיק

צוליב די אינטערעסן פון קאמף פונם גאנצן פראָלעטאריאט פון רוסלאנד. און ניט באגרינדעט איז, לויט דער עצעם זאך, די מוירע פאר יעדער „מאַיאָריזי־רונג" בא אזא צוזאמענגיסונג, ווייל פון מאַיאָריזירט ווערן אין די באזונדערע פראגן פון דער א י ד י ש ע ר באוועגונג גאראנטירט טאקע די אווטאָנאָמיע, און אין די פראגן פון קאמף מיט דער זעלבסטהערשונג, פון קאמף מיט דער בור־זשואזיע פון גאנץ רוסלאנד האָבן מיר ארויסטרעטן אלס אן איינהייטלעכע צענטראליזירטע קאמפס־אָרגאניזאציע, מיר האָבן זיך שטיצן אפן גאנצן פראָ־לעטאריאט, אָן אונטערשייד פון שפראך און נאציאָנאליטעט, באהעפט דורכן געמיינזאמען שטענדיקן באשליסן די טעאָרעטישע און פראקטישע, די טאקטישע און אָרגאניזאציאָנעלע פראגן, און ניט שאפן קיין באזונדערע אָרגאניזאציעס, וועלכע גייען יעדערע מיט איר וועג, ניט אָפשוואכן די קויכעס פון אונזער דראנג דורך ברעקלען זיך אף פילצאָליקע זעלבשטענדיקע פאָליטישע פארטייען, ניט ארייַנטראָגן קיין פארפרעמדקייט און אָפגעזונדערטקייט, קעדיי דערנאָך קינסטלעך צו היילן די קראנקייט, וועלכע מע האָט זיך אליין קינסטלעך גע־שמעלט, מיט פלאסטפאָרם פון דער מעפורסעמער „פעדעראציע".

(נ. לענין, זאמלונג שריפטן 4-טער ב.).

אייראָפּייִש רוסלאַנד און קאַווקאַז.

טעקסטיל-ראַיאָן	שטיינקוילן	XVII יאָרהונדערט
צוקער-ראַיאָן (פון בוראַקעס).	נאַפט	XVIII יאָרהונדערט
	די צענטערן פון מאַשינענבוי	XIX יאָרהונדערט

טשוהון-שמעלצונג.

אינהאלט.

1. פאָרעדע ... 3
2. אריינפיר ... 5
3. מ. פּאָקראָווסקי—פויערשע און ארבעטער־רעוואָלוציעס ... 9
4. מ. פּאָקראָווסקי—קלאַסנקאַמף ... 10

ערשטער אָפּטייל:

לייבאייגנטום.

1. מ. פאקראווסקי—די עקאנאָמיק פון לייבאייגנטום ... 14
2. מ. פאקראווסקי—דאָס פריצישע רוסלאנד ... 20
3. ש. טאמסינסקי—פוגאטשאָווס אויפשטאנד ... 29

צווייטער אָפּטייל:

די צעפאלונג פון לייבאייגנטום.

1. מ. פאָקראווסקי—די עקאנאָמישע פּאָרהאנאָכעס פון דער פויערים־רעפארם ... 42
2. מ. פאקראווסקי—די פויערים־רעפאָרם ... 47
3. מ. פאקראווסקי—די סאכאקלען פון דער רעפאָרם ... 58
4. ג. לעניןדי „פויערשע רעפאָרם" ... 64
5. מ. פאקראווסקי—די טיבעס פון דער דעקאבר־באוועגונג ... 67
6. מ. פאקראווסקי—די געזעלשאפט „פאריייניקטע סלאוון" ... 69
7. מ. פאקראווסקי—די דאָרעם־געזעלשאפט ... 71
8. מ. פאקראווסקי—די צאָפן־געזעלשאפט ... 74
9. מ. פאקראווסקי—דער אויפשטאנד פון 14־טן דעקאבר ... 76

דריטער אָפּטייל:

די נאָכרעפאָרם־עקאָנאָמיק.

1. מ. פאקראווסקי—דער אגראר־קריזיס ... 81
2. באלאבאנאוו—די נאָכרעפאָרם־אינדוסטריע ... 86
3. טוגאן־באראנאווסקי—דער קאמף פון פאבריק מיטן קוסטאר ... 89
4. ש. טאמסינסקי—קאָנטר־רעפאָרמען: א) די שטאָטישע זעלבסטפארוואלטונגען ... 92
ב) די זעמסקע אנשטאלטן ... 96
ג) געזעצן וועגן פויערים ... 178
5. מ. פאקראווסקי—די רעוואלוציאָנערע אינטעליגענץ פון די 40—60 יארן ... 99
6. מ. פאקראווסקי—דער קליינבירגערלעכער אינטעליגענטישער סאָציאליזם ... 103
7. מ. פאקראווסקי—דער פאָלקיזם ... 110
8. מ. פאקראווסקי—באקונין ... 112
9. ג. פאפאוו—דער פאָלקיזם ... 114
10. „ערד און פרייהייט" ... 119
11. פיאָטר אלעקסעיעווס רעדע פאַרן געריכט ... 122
12. קוקלין—דער צאָפן־פארבאנד ... 126
13. סקווערי—דער דאָרעם־פארבאנד ... 130

פערטער אפטייל:

דער אינדוסטריעלער אויפשטייג און קריזיס.

1. פין־יענאטאיעווסקי—דער אינדוסטריעלער אויפשטייג פון די יאָרן 1893—1899 ... 134
2. וואנאג—דאָנבאס און זיין ראָל אין אינדוסטריעלן אויפשטייג ... 138
3. וואנאג—דער אינדוסטריעלער קריזיס פון די יאָרן 1900—1905 ... 142
4. ציפעראָוויטש—דער קריזיס און די סינדיקאטן־באוועגונג ... 145

פינפטער אפטייל:

די לאנדווירטשאפט צום סאָף פון XIX יאָרהונדערט.

1. א. ליאשטשענקא—די לאנדווירטשאפט אין די יאָרן פון הויכע פרייזן אף טוואוע ... 149
2. ג. לענין—די פריצישע ווירטשאפט ... 155

3. נ. לענין — די פויעריש ווירטשאפט 164
4. נ. לענין — וועגן דער באַרייטונג פון קאפיטאליזם אין דער לאנדווירטשאפט . 173
5. נ. לענין — צוויי טיפּן פון דער בורזשואזער אגראר־עוואָלוציע 182

זעקסטער אפטייל:

מארקסיזם אין קאמף מיטן פאָלקיזם.

1. מ. ליאדאוו — רוסלאנד אין די 80־ער יאָרן 186
2. מ. ליאדאוו — די פאָלקיסטן פון די 80־ער יאָרן 188
3. ד. ריאזאנאָוו — די גרופּע „באפרייאונג פון ארבעט“ 190
4. ג. פלעכאנאָווס רעדע אפן ערשטן קאָנגרעס פון II־טן אינטערנאציאָנאל . . 193
5. ג. פלעכאנאָוו — צי דאַרף רוסלאנד דורכגיין אלע מאדרייגעס פון דער אייראָפּע־
אישער אנטוויקלונג 194
6. נ. לענין — די עפּיגאָנען פון פאָלקיזם 198
7. נ. לענין — אין וואָסער פאַל איז דער קאפיטאליזם פּראָגרעסיוו 203
8. מ. פרומקינא (עסטער) לעניגס קאמף מיטן פאָלקיזם 205

זיבעטער אָפּטייל:

די ארבעטער־ און רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג ערעוו 1905

1. פאנקראטאָוו — דער לויך־אַרבעטער ערעוו דער רעוואָלוציע פון 1905 210
2. וו. אסטראָוו — די אָנגרייף־שטרייקן פון די 90־ער יאָרן 217
3. נ. קרופּסקאַיאַ — פארבאַנד פון קאָמף פאַר באפרייאונג פונם ארבעטער־קלאס . . 224
4. טוטשאַפּסקי — ערשטער צוזאמענפאָר פון ר. ס. ד. א. פּ. 226
5. מאַניפעסט און באשלוסן פון 1־טן צוזאמענפאָר 229
6. מ. פרומקינא (עסטער) — דער לעגאלער מארקסיזם 233
7. מ. פרומקינא (עסטער) — דער עקאָנאָמיזם 237
8. פון דער בראָשור „וועגן אגיטאציע“ 241
9. „קרעדאָ“ 245
10. באטורין — „איסקרא“ און „זאריא“ 249
11. נ. לענין — „וואָס דאַרף מען טאָן“ (אויסצוגן) 252
12. נ. לענין — דער צווייטער צוזאמענפאָר 261
13. נ. לענין — וואָס שטעלט מיט זיך פאָר די מינדערהייט 267
14. מ. פּאָקראָווסקי — „זובאטאָווטשינע“ 270
15. דובראָווסקי — די פויערים־אויפשטאנדן ערעוו 1905 273

אַכטער אָפּטייל:

די אידישע ארבעטער־באַוועגונג ערעוו 1905

1. ש. דימאנשטיין — די רעכטלעכע לאגע פון די אידן פארן 1905 יאָר 278
2. מ. ראפעס — די עקאָנאָמישע לאגע פון דער אידישער באפעלקערונג 282
3. אָפיציעלע סטאטיסטישע יעדיעס וועגן אידן אין רוסלאנד 287
4. ל. הערש — די עקאָנאָמישע לאגע פון די אידן אין רוסלאנד אין סאָף פון
XIX יאָרהונדערט און די אידישע אויסוואנדערונג 289
5. מ. ראפעס — די ערשטע אידישע ארבעטער־קרייזלעך 293
6. מ. ראפעס — די אידישע רעוואָלוציאָנערע קרייזן און זייער אידעאָלאָגיע . . . 294
7. מ. ראפעס — דער עקאָנאָמישער קאמף פון די אידישע ארבעטער 296
8. מ. ראפעס — סאָציאליזם און ציאָניזם 298
9. ש. דימאנשטיין — די ציאָניסטן 302
10. ב. פרומקין — זובאטאָווטשינע אין בונדישן ראיאָן 304
11. ש. דימאנשטיין — „בונד“ פארן צווייטן צוזאמענפאָר 307
12. מ. פרומקינא (עסטער) דער ארויסטריט פון בונד פון דער ר. ס. ד. א. פּ. . . 309
13. נ. לענין — צי דאַרף דער אידישער פּראָלעטאריאט א „זעלבשטענדיקע פּאָליטישע
פּארטיי?“ 315

באַמערקטע דרוק־פעלערן:

זייט	שורה	געדרוקט	דאַרף זיין
3	17	אונזרע	אונזערע
8	6 פון אונטן	קומען	קומען פאָר
11	8 פון אויבן	הונדרט	הונדערט
11	14 פון אונטן	אויסגעבלדעט	אויסגעבילדעט
15	15 פון אויבן	איבעצייגנדיקן	איבערצייגנדיקן
16	15 „ „	לייוואנט	לייוונט
20	11 „ אונטן	וועקן	וועקט
24	19 „ אויבן	גוועןן	געווען
24	20 „ „	אויסגעדרוקט	אויסגעדריקט
27	7 „ „	גריכט	געריכט
41	5, פון אונטן	XIX	XVIII
41	2 פון אונטן	אין מיטן פון „	אין מיטן פון XIX
49	12 פון אויבן	פון	פאר
58	17 „ „	אין $3\frac{1}{2}$—$3\frac{1}{2}$ מאָל	אין $2\frac{1}{2}$—$3\frac{1}{2}$ מאָל
69	15 „ „	פאררייניקע	פאררייניקטע
74	21 „ „	צייט	זייט
92	2 „ „	קאנטר־רעפאָרמען	קאָנטר־רעפאָרמען (לויט טשער־נישעוון)
96	16 „ „	די זעמסקע אנשטאלטן	ב) די זעמסקע אנשטאַלטן
119	4 „ „	אלעקראנדר	אלעקסאַנדר
122	21 „ „	יעסוידס	יעסוידעס
125	9 פון אונטן	הייסט	הייסט עס
129	9 „ „	זענלעוואלצעס	זעמלעוואָלצעס
134	1 „ „	אף א גאָלד באזע, אבער אין א פיל גרעסערער מאָס האָט זיך באטייליקט אין	אויפשטייג פון 1893—99 דער היימישער קאפיטאל, וואָס איז
136	3 פון אויבן	1899	1894
137	14 „ אונטן	געוואָרן	זאוואָרן
140	19 פון אויבן	130	730
141	21 „ „	80־ער יאָרן האט דער ארויס־באקום פון קוילן אין דאָנ־באס אויסגעמאכט ווייני־	באדייטונג פון אלע איבעריקע ראַיאָנען אפן רוסישן קוילן־מאַרק. אויב נאָך אין די
152	13 „ „	דע	דער
169	10 „ „	אנגאנצן	אינגאַנצן

זייט	שורע	געדרוקט	דארף זיין
173	15 פון אונטן	האנדלס־אן אונטערנעמערישן	אן האנדלס־אונטערנעמערישן
178		ג) געזעצן וועגן פויערים	דער ארטיקל געהערט צו דער סעריע קאנטער־רעפאָרמען דארף קומען אפן זייט 99
181	3 פון אויבן	פלאָן	פאלן
191	12 פון אונטן	ביכלאַל. ריכטיק	ביכלאַל ניט ריכטיק
201	11 פון אויבן	דער	דעם
211	14 פון אונטן	די זייטיקע פארנאָסעס האבן קוי־ דעמקאָל געשאפן די מעג־ לעכקייט פון א	די פויערישע כוואליע פון „זיי־ טיקע" רייסט זיך אלץ מער אָפּ פון דער ערד־ארבעט
214	19 „ „	פעלגן	פלעגן
215	8 פון אונטן	7,1 %	71,1%
217	2 פון אויבן	פארטריטלעכע	פאורשריטלעכע
217	13 פון אונטן	אויסערלעכער	אויסשליסלעכער
218	10 „ „	ווער	ווען
229	1 פון אויבן	גרויסער, גאנצער	גרויסעס, גאנצעס
231	2 פון אויבן	טראגט	טראט
235	6 פון אונטן	דער אָביעקטיווקייט	דער אָביעקטיוויסט
241	15—16 פון אויבן	לעכקייט לאָזט זיך פילן אף יעדן טריט, ווען זי פיקט קעסיידער דעם ארבעטער'ס גרייפן די קעגנזעצלעכקייט פון אינטערעסן בלויז דאַן, ווען די דאָזיקע קעגנזעצ־	לעכקייט פון די אינטערעסן. דער פראָלעטאריאט קען אָבער באגרייפן די קעגנזעצלעכקייט פון אינטערעסן נאָר דע־ מאָלט, ווען אָט די קעגנזעצ־ לעכקייט אנטפלעקט זיך אין לעבן, ווען אָט די דאָזיקע קעגנזעצ־
242	14—15 פון אויבן	אין צווייטן פאַזיס פון קאמף קומט שוין אויס לאבן צו טאָן מיטן בעטער.	אינם ערשטן פאַזיס פון קאמף טרייבט דער איינפאכער כעשבן דעם ארבעטער אין קאמף פאר קלענערע פאָדערונגען.
269	15 פון אונטן	צ. ק.	צ. א.
272	16 „ „	קליינער	קליינע
283	15 „ „	ו'גירונג	רעגירונג
283	11 „ „	צאָפנמארעוודיקער	צאפן־מאירעוודיקער
291	1 „ אויבן	און	אין
308	17 „ אונטן	קאטאָווסקי	קאסאווסקי
319	22 „ אויבן	אויכער	אויסער
320	15	פלאטפאָרם	פלאטטער

אפן טיטל־בלעטל איז ניט ריכטיק אָנגעוויזן דער נאָמען פון צוזאמענשטעלער — אנשטאָט ג. טאָמסינסקי דארף זיין ש. טאָמסינסקי.